DAVID AND SYLVIA STEINER YIZKOR BOOK COLLECTION

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13869

Li͡uboml′ Memorial Book

Sefer yizkor li-ḳehilat Luboml

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY – NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
YIZKOR BOOK PROJECT

NEW YORK, NEW YORK AND AMHERST, MASSACHUSETTS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY:
Harry and Lillian Freedman Fund
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
David and Barbara Margulies
The Nash Family Foundation
Harris Rosen
David and Sylvia Steiner
Ruth Taubman

•


Original publication data


AUTHOR	
TITLE	Sefer yizkor li-ḳehilat Luboml / [redaḳtor, Berl Kohen].
IMPRINT	880-02 [Tel Aviv : ḥ. mo. l., 1974?]
DESCRIPT	393 p. : ill. : 28 cm.
SUBJECT	Jews -- Ukraine -- Li͡uboml'.
	Li͡uboml' (Ukraine) -- Ethnic relations.
	Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Ukraine -- Li͡uboml'.
ADD'L NAME	Kagan, Berl.
ADD'L TITLE	Yizkor book of Luboml

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING.

PRINTED IN THE U.S.A.

מפת לובומל
שורטט לפי זיכרון
ללא קנה מדה







בור ההריגה
O G R Ó D
TARGOWICA
MACIEJÓW
GORZELNIA
GIMNAZJUM
STAROSTWO
UL. SŁOWACKIEGO
HOTEL
POW. SZKOŁA POLSKA
KOSCIELNA
POMPA
REMIZA
SZKOŁA ŻYDOWSKA
SKLEPY
KINO RADIO
KUSZNISZCZE
UL. 11 LISTOPADA
RYNEK
MOST
MŁYN
ראדזינער שטיבל
קוצקער שטיבל
RYBNA
בית-המדרש
בית כנסת
ZAUŁEK KROTKI
NOWY ŚWIAT
UL. PIERACKIEGO
ŻABJA
ŁAŹNIA
CHEŁMSKA
SŁUSARNIA
UL. WŁODZIMIERSKA
JAGODZIN CHEŁM
300
בצוע טכני: אברהם רויזמן (ר"ד)

ספר יזכור

לקהילת

לובומל





THE HOLY ARK

ארון הקודש

סודר ונדפס בדפוס „מופת״, ת״א, רח׳ עין־הקורא 6, טל. 32968

פתח דבר

אחרי היסוסים לא מעטים הוחלט עוד לפני שש שנים (בתשכ"ח), בעצה אחת עם מספר חברים פעילים מבני עירנו בניו־יורק וארגנטינה, במידה מסויימת בהשפעתם ואפילו תחת לחצם, להוציא לאור ספר לובומל לזכרם של קדושי העיר והסביבה — קרבנות השואה.

היסוסינו נבעו מחשש שמא לא יימצאו בתוכנו הכוחות, אנשי העט, שיוכלו לתרום חומר מתאים מפרי עטם לספר, ואלה שיתמסרו להמריץ ולהניע רבים מתוכנו, ככל האפשר, שיקחו חלק במשימה חשובה זו, הדורשת „עבודת נמלים" בריכוז החומר הספרותי, באיסוף תצלומים ובחיפוש אחרי מקורות היסטוריים, (תעודות, מסמכים ועוד) המספרים על תולדותיה של קהילת יהודי לובומל, קהילה עתיקת יומין, שהיתה לפנים „עיר ואם בישראל". ולבסוף — הדאגה למימון הוצאת הספר לאור, דבר הכרוך בהוצאה כספית גדולה.

זאת ועוד: חששנו לקשיים כאשר נפנה לבני עירנו מניצולי השואה, שיעלו על הכתב או שיספרו לנו מזכרונותיהם הטרגיים על הימים גדושי האימה והיסורים שעברו עליהם בגיטו לובומל; על נסיונותיהם־מאבקיהם הנואשים להחלץ מהתופת, להימלט מצפרני החיה הנאצית ברגעים האחרונים שלפני ההשמדה הטוטאלית; על הבריחה של הבודדים מבור ההריגה ממש ליערות ועל השתתפותם במלחמת הפרטיזנים; על חלקו של האחד מהם במרד מחנה ההשמדה סוביבור ושל רבים מהם — במלחמת הגבורה של הצבא האדום באוייב האכזר. נרתענו לא פעם מפנייה לחברינו אלה, פן לא יעמוד להם הכוח הנפשי להעלות מנבכי הזכרון את זכרונותיהם המרים על חרדת הימים הנוראים של ההשמדה על כל זוועותיה־סיוטיה האיומים, מתחילתה ועד סופה, ממנה ניצלו ברגעים האחרונים.

בכוח תודעת החובה הנוקבת והקדושה להקים מצבת זכרון לקדושי עירנו והסביבה — ניגשנו להגשמת המשימה ועתה, לאחר ציפייה ממושכת, יוצא לאור ספר לובומל, שישמש נר־זכרון לקדושי העיר והסביבה, הי"ד.

י. ג.

לתולדותיה של קהילת לובומל

העיר לובומל והישוב היהודי בתוכה ידועים ממקורות היסטוריים מתחילת המחצית השניה של המאה ה־14. העיר לובומל נזכרת כבר בהסכם, שנחתם בין אלגירד הנסיך הגדול של ליטא, ובין קזימיר הגדול, מלך פולין, בשנת 1366, ולפיו נמסרה לובומל בחכירה לנסיך מביאלסק, ואז׳ נאכימונטוביטש.

אפשר להניח, שלובומל שימשה מקום ישוב עוד קודם לכן.

בשנת 1392 ביקר בלובומל המלך וולאדיסלאב יאגיאללו, והמקום מצא כל כך חן בעיניו, עד שבנה שם מצודה וכנסיה. בכרוניקה על הביקור בלובומל מוזכר כי יהודי בשם שמואל הופיע בפני המלך. יש גורסים, שהשם לובומל קשור בביקורו זה של יאגיאללו, אשר אמר על המקום: „לובו מיל" (נעים וחביב) או „לובו מי טו" (נעים לי כאן). שרידי המצודה נשארו עד ימינו על התל, שנקרא „גבעת יגיאללו", ולידה הכנסיה. בשנת 1569 היתה לובומל חלק מנכסיו המלכותיים של זיגמונט השלישי, והוא מסר אותה בנדוניה לבתו בנשואיה עם הווייוודה וויחובסקי מקייב, שהיה גם ההטמן של הקוזאקים.

בעשורים האחרונים של המאה ה־18 עברה לובומל לידי יורשו של הגראף בראניצקי. בשנת 1782 הקימו הבראניצקים את ארמונם בלובומל ונטעו בה גן גדול. באותה שנה הגיעה הכנסתם של הבראניצקים מהעיירה לסכום של 26.470 זהובים — הון עתק בימים ההם.

בסוף המאה ה־18 נקרעה ווהלין, ולובומל בכלל זה — מפולין ונכללה בתחום השלטון הרוסי. הדבר קרה בשנת 1793, בעת שרוסיה, אוסטריה וגרמניה כבשו את פולין בפעם השניה וחילקו אותה ביניהן. אך כל עוד היתה העיירה בבעלות משפחת בראניצקי נהנתה משיגשוג ופריחה, כמרכז לכל הסביבה. אולם בשנת 1820 בקירוב עברו כל האחוזות שבסביבת העיירה לרשות הממשלה הרוסית, וזו חילקה אותן בין פקידי הרשות. העברה זאת השפיעה לרעה על כלכלת המקום, ואפילו הנחת מסילת הברזל הראדווישליאפסקית דרך העיירה לא הועילה להחזרת ימי הפריחה והשיגשוג. חלק חשוב בירידה הכלכלית יש לזקוף גם לחובת השריפות התכופות, שהיו מחריבות את בתי העץ עם גגות הקש. על השריפה הגדולה בשנת 1881 עוד ידעו הורינו לספר. כאמור, היתה לובומל תחת שלטון רוסיה מסוף המאה ה־18, עד שחזרה לפולין עם תקומתה מחדש בשנת 1918.

בפרוץ מלחמת העולם השניה, כאשר פולין נכבשה על ידי הקלגסים הנאצים וחולקה שוב בינם לבין ברית המועצות, עברה העיר בשנת 1939 לשלטון

רוסיה, עד לפלישה הנאצית לרוסיה בשנת 1941. מאז גמר המלחמה נמצאת שוב לובומל בשלטון רוסיה.

קשה לקבוע את הזמן המדוייק, שבו התחיל הישוב היהודי בלובומל, אך רוב החוקרים וביניהם ד״ר פיליפ פרידמן, פרופסור בר מרק וד״ר רפאל מאהלר קובעים, כי במאה ה־14 כבר נוסדו בווהלין יישובים יהודיים, וביניהם היתה גם לובומל. כבר בשנת 1370 היה קיים קיבוץ יהודי בלובומל, ושמות של יהודים מלובומל נזכרים בתעודות רשמיות. אילמלא השואה האיומה, יכלו יהודי לובומל לחוג עתה מלאות 600 שנה לקיומה של אחת מהקהילות היהודיות העתיקות ביותר בפולין.

אין בידינו פרטים על שלבי התפתחותו של הישוב היהודי בלובומל, אך מסתבר שחלפו לפחות מאה שנים עד התהוותה של קהילה יהודית מאורגנת. לפי הנתונים הסטטיסטיים מספירת יהודי פולין בשנת 1550, היו אז בלובומל 39 בתי אב, שהם כ־390 נפש. בערים חלם, לודמיר ובלז, שנחשבו לקהילות ראשיות בתקופה ההיא, היו פחות יהודים מאשר בלובומל. קהילת לובלין שהיתה בין החשובות ביותר, מנתה בסה״כ שלושה בתי אב יותר מלובומל. מסתבר, איפוא, שבתחילת המחצית השניה של המאה ה־16 פחתה תקופת הפריחה של הקהילה היהודית בלובומל, ולא מקרה הוא, שדווקא אז קיבלו יהודי לובומל את הרשות למנות לעצמם רב, שלפי חוקת השלטון דאז היו לו סמכויות אדמיניסטראטיביות נרחבות בשטח חיי הדת. מהתקופה ההיא ואילך ישבו על כס הרבנות של קהילת לובומל במשך כמה מאות בשנים רבנים מפורסמים שנחשבו כגאונים וגדולי תורה, כמו ר׳ יואל סירקיס (הב״ח) בשנת 1620, ר׳ אברהם פאלאק, ר׳ שמואל איש הורביץ ור׳ משה קאצנלבויגן. חלק מהרבנים הללו ניהלו גם ישיבות בלובומל, שאליהן נהרו ובאו לומדי תורה ממרחקים.


שנים קשות עברו על העיר בימי גזירות ת״ח ות״ט, כאשר כנופיות הקוזאקים המרצחים של חמלניצקי שטפו ועברו כסערה איומה על פני מאות הישובים והקיבוצים היהודיים. במקורות, שבהם מסופר על השחיטות האיומות והחורבן של שנות ת״ח ות״ט, נזכרת בין היתר גם לובומל, ובאחד מהם (ס׳ ,,טיט היוון״) מסופר כי היו אז בעיר ,,שש מאות ב״ב ונהרגו כמעט כולם״.

לאחר דיכוי המרד של חמלניצקי (1652) התחילה שוב לפעול קהילה יהודית בלובומל, וכפי הנראה, לא היתה דלת אמצעים. בפרוטוקולים של ,,ועד ארבע ארצות״ משנת תכ״ז (1667) על חלוקת ,,מס הגולגולת״ של אותה שנה נמסר, כי מס הגולגולת, שהוטל על קהילת יהודי לובומל, היה בשיעור של 8.100 ז׳, בעוד שהמס של קהילת פויזן היה — 1600, של פשמישל — 7810, ושל טיקטין — 1520 ז׳. מספרים אלה מעידים על השיקום המהיר־יחסית של הקהילה בלובומל אחרי גזירות ת״ח ות״ט.

בתקופה ההיא, דהיינו במחצית השניה של המאה ה־17, נבנה בית הכנסת הגדול בלובומל. בית כנסת זה הוא מן העתיקים ביותר בפולין, והוא מפורסם במבנהו הארכיטקטוני המפואר, הן מבחוץ והן מבפנים, וכן בפאר האמנותי המיוחד־במינו של ארון הקודש.

היהודים היו רוב התושבים בעיר, ואפייה היהודי של העיר נשמר במשך דורות רבים. בימי מלחמת העולם הראשונה, כשהעיר היתה תחת שלטון צבא אוסטרי, נתמנה אף יהודי כראש העיר. בתום המלחמה הודפסו והוכנסו לשימוש בולי דואר של ,,הדואר העירוני לובומל״, ועליהם כתובת גם ביידיש. על אחד

הבולים מתנוססת תמונת בית הכנסת הגדול. בשתי עשרות השנים שבין שתי המלחמות היתה התעוררות תרבותית וחברתית גדולה בעיר — הסתדרויות נוער, להקות תיאטרון, מקהלה, ספריות, בתי ספר כלליים ועבריים, בנקים, ארגוני סוחרים ובעלי מלאכה. מלחמת העולם השניה שמה קץ לכל זה. תחת השלטון הסובייטי נתחסל בהדרגה אופי החיים היהודיים שבעיר. עם הכיבוש הגרמני הנאצי התחיל שלטון הרדיפות, ההשפלה והרעב, ולבסוף — ההשמדה המלאה של יהודי העיר. יד הרשע קיפדה את פתיל חייה של קהילה מפוארת, שהתקיימה במקום במשך 600 שנה.



תצלום ישן של בית הכנסת בלובומל (בלי טיח) לקוח מתוך הספר:
George Lukomski, Jewish Art in European Synagogues, Hutchinson & Co.
א אלט בילד פון דער גרויסער שול אין ליבעווגע

לובאָמל (ליבעוונע)

א שטעטל, וואָס לויט די סטאַטוטן פון די „ארבע־הארצות״, האָט געהערט צו דער „מדינה״ פון בעלז־כעלם. אזוי האָט געהאַלט די אדמיניסטראַציע פון די יידישע קהילות פון יענער עפאָכע. ר׳ יואל סירקש, דער ב״ח, וואָס איז געווען רב אין לובאָמל (ווי אויך אין בריסק און קראָקע), האָט אין זיין בארימטן „בית־הדש״ זייער פיל באשריבן (אין יאָר 1600) די לאגע פון די יידן פון לובאָמל (וואָס האָט זיך גערעכנט פאר איינע פון די עלטסטע יידישע קהילות אין פוילן). די שול אין לובאָמל איז געווען באַקאַנט אין דער וועלט מיט איר פראַכטפולן גלאַנץ. אין יאָר 1729 איז געווען אין לובאָמל א גרויסע שרפה און ס׳איז פארבליבן גאנץ די שוהל, דער קאָשציאָל און די פּראַוואָסלאַוונע קירך. ס׳איז פאראן א רשימה פון די „נשרפים״ (בן־ציון כץ, אלעקסאנדער האַרקאַווי און מאיר באַלאַבאַן האָבן זייער פיל געשריבן וועגן די יידן אין לובאָמל). לויט וועלכער מען קאָן זיך באקענען מיט די פּראָפעסיעס פון די לובאָמלער יידן מיט א 250 יאָר צוריק: שניידער, צירולניקער, יוועלירן, גלעזער, אַ חוץ קרעמער. אין יאָר 1765 זיינען אין לובאָמל געווען 1200 יידן, וואָס פלעגן צאָלן פאַדאַטקעס, אין יאָר 1947 — 2000, אין 1897, אויף 4.470 איינוווינער. אין לובאָמל זיינען געווען פּאָדאַטקעס־צאָלער 3.297 יידן. זייער צאָל פאר דער לעצטער מלחמה איז געווען דאָפּלט.

אין 1913 בין איך געווען אין לובאָמל, אויף דער איינלאַדונג פון אונדזער כעלעמער פּיוול פריד (וואָס איז דאָרט געווען א לערער). ס׳איז געווען „כ׳ תמוז״ און אין אן אָנגעפּילטער, אן אָנגעפּאַקטער שוהל — אין דער אלטער היסטאָרישער שוהל — האָב איך גערעדט צו די יידן. למחרת, האָט מען מיך אויסגעוויילט אלס דעלעגאַט פון לובאָמל צום 11־טן ציוניסטישן קאָנגרעס. אזוי אז ס׳זיינען פאראן פעדעם, וואָס פארבינדן מיך צו דער אלטער קהילה פון דער „כעלעמער־מדינה״ !...

אונדזער יידישע געשיכטע פארמעגט אויך אירע קאַפּריזן. א לובאָמלער ייד טאַרלאָ האָט זיך באזעצט, נאָך פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין פּאָרטוגאַל. ער איז געוואָרן א וויכטיקער וויין־סוחר פון פּאָרטאָ, פּאַרקניפּט גרויסע באַקאַנטשאפטן מיט פּאָרטוגעזער רעגירונג־קרייזן און ער האָט זיי געמאַכט א פאָרשלאַג: פּאָרטוגאַל זאָל זיך רעהאַביליטירן פאר דער אינקוויזיציע, נישט מער און נישט ווייניקער! און אזוי ווי פּאָרטוגאַל פארמאָגט אין אפריקע א קאָלאָניע, אנגאָלא, זאָל מען עפענען אירע טויערן און אריינלאָזן דאָרט יידן, אָבער ניט סתם עמיגרירן, נאָר דאָרט זאָל ווערן געשאפן א יידישע טעריטאָריע.. אין אַנגאָלא, האָט ער געשריבן איז דער יידישער פּרעסע, זיינען פאראן דיאַמאַנטן און קאָפע, און אנדערע פּראָדוקטן, בקיצור — דאָס איז אן „ארץ זבת חלב ודבש״. די גאנצע יידישע פּרעסע, אין אלע לענדער און אין אלע שפּראַכן, האָבן וועגן דעם געשריבן און דער נאָמען פון דעם לובאָמלער יידן טאַרלאָ איז געוואָרן באוווסט אין אלע תפוצות.

העתק מצולם מתוך: י. מילנר, נאָטיצן און זכרונות. יזכור־בוך כעלם, שפּאַלטן 416—417 יאָהאַנסבורג, 1954 תשי״ד.

לובּוֹמל (Любомль), עיר נפתית במחוז ווֹלין (ע״ע) שבבריה״מ, 15 ק״מ מהנהר בּוּג. עד 1939 בתחום פּוֹלניה. — היישוב היהודי בל׳, תחילתו עם יסוד העיר במאה ה14, ויהודים נזכרים שם לראשונה בשנים 1372—1380. במאה ה16 שׂיגשׂגה הקהילה; ב1557 העניק לה המלך זיגמוּנט־אוגוסט (ע״ע) את הזכות להישפט אצל הוויווֹדה, עם זכות־עירעוּר בפני המלך, בלא להיזקק למוסדות השיפּוּט העירוני. ביהכ״נ בל׳ הוא מן המאה ה16 או ה17, והוא מסוג בתהכ״נ הבּצוּרים (ע״ע בית־כּנסת, עמ׳ 649—650). מרבּני ל׳ החשובים באותה תקופה: ר׳ שמעון וולף אורבּך, ר׳ אברהם ב״ר יעקב פּולק (ע״ע), ר׳ משה מת (ע״ע) ור׳ גדליה ב״ר מאיר (מהר״ם) מלוּבּלין. בגזירות ת״ח נהרגו בל׳ יהודים רבּים. בתחילת המאה ה18 היתה ל׳ הקהילה המבוּססת ביותר בגליל חֶלם־בֶּלז.

ב1847 היו בל׳ 2,130 יהודים, ב1897 — 3,297 (כ75% מכלל התוש׳) וב1931 — 3,807 (כ93%). אחרי הכּיבּוּש הגרמני (יוּני 1941) התרכּזו בל׳ פליטים יהודים רבים, ובספּטמבּר 1942 הגיע מספרם ל10,000. מהטבח, שהתחיל ב2 באוֹקטוֹבּר 1942 ונמשך שבעה ימים, נמלטו רק כ150 איש.

א. פעלדמאַן, די עלטסטע ידיעות וועגן יידן אין פוילישע שטעט אין XIV–XVI יארה׳ (בלעטער פאר געשיכטע, I), 1934; י. הילפרין, פנקס ועד ארבע ארצות, מפתח, בערכו, תש״ה; ב. איזנשטיין־קשב, די יידן אין וואָלין, 1939–1944 (פון נאָענטן עבר, IV), 1959.

א. ל. ק.

העתק מצולם מתוך האנציקלופדיה העברית, כרך עשרים ואחד טור 284, חברה להוצאת אנציקלופדיות בע״מ ירושלים — תל־אביב תשכ״ט.

→

לרשימה זו מעיר מר ישראל גרמי את הדברים הבאים:

מר טערלא לא היה יליד לובומל, מוצאו לפי ידיעתי מאודיסה. ידוע כי למד חקלאות בארץ־ישראל בבית הספר החקלאי „מקוה ישראל״ במחזור אחד עם מאיר דיזנגוף וא. קראוזה (לאחר מכן מנהל בית הספר במשך שנים רבות) מר טערלא נשא לאשה את ג׳ניה אפעלדמאן, בתו היחידה של מר משה אפעלדמאן (משה לייזרס) מנכבדי העיר שלנו. לזוג טערלא נולדה בת ושמה היה לוסיה, שהתגוררה עם אמה וסבתה בעיירה. לאחר שמר טערלא נפרד מאשתו יצא לפורטוגאל ושם התגורר עד יום מותו. הבת לוסיה למדה משפטים באוניברסיטת ווינה, ואח״כ חזרה לעיירה, והיתה פעילה מאד בתנועה הציונית ומוסדותיה. נספתה עם בעלה בעיר לוצק.

ימים ראשונים

די ערשטע צייט

בערל כהן

די געשיכטע פון יידן אין לובאמל

אַלגעמיינער שטאָטישער ישוב

דאָס שטעטל לובאָמל, גערופן אויך ליבעוונע, וואָס איז אין די לעצטע פאָר הונדערט יאָר געווען ווייניק באַקאַנט צווישן די יידישע קהילות אין רוסלאַנד־פּוילן, געהערט צו די סאַמע עלטסטע יידישע ישובים אין מזרח־אייראָפּע.

מיט דער לובאָמלער יידישער קהילה האָט געטראָפן דאָס, וואָס מיר ווייסן פון דער געשיכטע פון אַנדערע יידישע קהילות אין רוסלאַנד־פּוילן: פון אַ יידישן קיבוץ וואָס האָט דאָרטן געהאַט פאַרנומען אַ קענטיקן פּלאַץ אויף דער יידישער מאַפּע, האָט זי אין די לעצטע תקופות פון איר געשיכטע דורכגעמאַכט אַ גרויסע ירידה. עס איז ניט קיין זעלטענער פאַל, ווען יידישע קהילות אין מזרח־אייראָפּע זיינען לאַנגע יאָרן געווען אַן עיר ואם בישראל, זאָלן מיט דער צייט אַראָפּ פון זייער גדולה, און, פאַרקערט, קליינע און ניט חשובע יידישע ישובים דאָרטן זאָלן מיט אַ מאָל אויסוואַקסן און ווערן וויכטיקע יידישע קולטור־צענטערן.

אמת, קיין עיר ואם בישראל איז לובאָמל קיין מאָל ניט געווען, דערצו האָבן איר געפעלט די צוויי הויפּט־אייגנשאַפטן: 1) איר געאָגראַפישע לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז זי האָט ניט געהאַט קיין גרויסע פּערספּעקטיוון צו ווערן אַ וויכטיקער אַלגעמיינער צענטער, וואָס זאָל צוציִען גרעסערע צאָלן יידן זיך דאָרטן צו באַזעצן; 2) זי האָט ניט פאַרמאָגט קיין גרויסע ישיבה, וואָס זאָל זי מאַכן פאַר אַ צוציִענדיקן תורה־צענטער. אָבער אין אירע גלאַנץ־תקופות, ווי דאָס איז צו זען פון אירע רבנים און זייער ראָל אין ועד ארבע ארצות, האָט זי דאָך פאַרנומען אַ קענטיקן אָרט צווישן די יידישע קהילות אין וואָלין.

לובאָמל איז געווען ניט בלויז אַן אַלטע יידישע קהילה, נאָר אויך אַן עלטערער שטאָטישער ישוב בכלל אין רוסלאַנד־פּוילן.

אַנהייב צווייטער העלפט פון פערצנטן יאָרהונדערט ווערט לובאָמל דערמאָנט אין אַן אָפּמאַך צווישן דעם ליטווישן גרויספירשט אָלגירד און קאַזימיר דעם גרויסן. לויטן דאָזיקן אָפּמאַך, איז לובאָמל איבערגעגעבן געוואָרן אין פאַכט דעם פירשט פון ביעלסק, יעזשי נאַכימונטאָוויטש. דאָס איז געווען אין 1366. אויב דאָס שטעטל האָט שוין דאַן געקענט דינען ווי אַ מסחר־אָביעקט אָדער אַ מתנה, איז דאָך קלאָר, אַז די אַנטשטייונג פון דאָזיקן ישוב האָט זיך אָנגעהויבן אַ סך פריִער.

צו לאַנג האָט זיך לובאָמל ניט געפונען אין די הענט פון פירשט נאַכימונטאָוויטש. אין 1377, אין דער ממשלה־צייט פון לודוויג פון אונגאַרן, איז דאָס שטעטל מיט דער גאַנצער כעלעמער געגנט ווידער אַריבער צום פּוילישן קעניגרייך.

אין 1392 האָט דער קעניג וולאַדיסלאַוו יאַגעללאָ פאַרבראַכט אין לובאָמל אַ שטיקל צייט. דאָס שטעטל איז אים אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט געלאָזט דאָרטן אויסבויען אַ קלויסטער, וואָס שטייט נאָך דאָרטן ביזן היינטיקן טאָג. פאַראַן אַ סברא, אַז דער נאָמען פון שטעטל שטאַמט טאַקע פון יאַגעללאָן. בעת זיין פאַרברענ־

גען אין יענעם אָרט זאָל ער האָבן געזאָגט „לובאָ מיל" (ליב און זיס...), אָדער „לובאָ מי טו" (ליב איז מיר דאָ), און אַזוי איז שוין פאַרבליבן דער אָפיציעלער נאָמען פון שטעטל.

פאַראַן אויך אין שטעטל אַ בערגל, גערופן „יאַגעללאָס בערגל", און דערביי אַ צערקווע. ביי די קריסטן פון דער סביבה איז געווען פאַרשפרייט אַ לעגענדע, אַז די צערקווע איז פאַרבונדן מיטן בערגל, וואָס איז געווען יאַגעללאָס שלאָסבאַרג.

אין 1569 איז לובאָמל געווען אַ טייל פון די קעניגלעכע גיטער און זיגמונט דער דריטער האָט זיי איבערגעגעבן ווי אַ חתונה־מתנה פאַר זיין טאָכטער צום קיִעווער וואָיעוואָדע וויכאָווסקי, וואָס איז אויך געווען דער העטמאַן פון די קאָזאַקן.

אין די לעצטע פאַר צענדליק פון אַכצנטן יאָרהונדערט איז לובאָמל אַריבער אין רשות פון די יורשים פון פירשט בראַניצקי. די נייע בעלי־בתים האָבן אַריינגעבראַכט אַ סך אָרדענונג אין פירן די עסקים פון שטעטל און פון די דערפער אַרום. אין 1782 האָבן די בראַניצקיס אויסגעבויט אין לובאָמל זייער רעזידענץ, אַ פּאַלאַץ מיט אַ גרויסן גאָרטן. זיי האָבן זיך געסטאַרעט מיט אַלע מיטלען אויפצוהייבן דעם וווילזיין פון די ליבעוונער איינוווינער. לובאָמל האָט זיך פיין פונאַנדערגעבויט און ביז העלפט נייַנצנטן יאָרהונדערט איז דאָס שטעטל געווען אַ לעבעדיקער צענטער פון גרויסן און ווייטן אַרום. אין 1782 האָבן די בראַניצקיס געהאַט הכנסה פון ליבעוונע 26.470 זלאָטעס — אַ ריזיקע סומע פאַר יענע צייטן [1].

אַרום דער צווייטער העלפט פון נייַנצנטן יאָרהונדערט איז ווידער געקומען אַן עקאָנאָמישע ירידה אויפן שטעטל. אַן ערך 1820 זיינען אַלע מאַיאָנטקעס אַרום לובאָמל, וואָס זיינען אַריבער אין רשות פון דער רוסישער רעגירונג, פונאַנדערגעטיילט געוואָרן צו פאַרשידענע רעגירונגס־באַאַמטע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין אַדמיניסטרירן די אַלע גיטער. דאָס האָט זיך אָפּגערופן צום שלעכטן אויפן ווירטשאַפטלעכן לעבן פון לובאָמל.

דאָס שפּעטערדיקע אויסבויען ביי לובאָמל אַן אַפּשטעל־סטאַנציע פון דער נאַדווישליאַנסקער באַנליניע האָט עקאָנאָמיש ווידער אַ ביסל באַלעבט דאָס שטעטל, אָבער עס האָט שוין מער ניט געקענט קומען צו אַמאָליקע גוטע צייטן.

ניט קיין קליינעם חלק אין דעם עקאָנאָמישן באַרגאַראָפּ פון לובאָמל האָבן אויך געהאַט די אָפטע שריפות אין שטעטל. כמעט אַלע הייזער אין שטעטל זיינען אין די פריִערדיקע צייטן געווען הילצערנע און אַ סך פון זיי אויך מיט שטרויענע דעכער און אַ קליין פייער פלעגט זיך אָפט צעבושעווען אין אַ גרויסער שריפה און אָנמאַכן אַ חורבן.

פונקט ווי אויפן עקאָנאָמישן געביט האָט לובאָמל געטיילט דעם גורל פון גאַנץ וואָלין, אַזוי איז עס אויך געווען אויפן פּאָליטישן געביט. האָבנדיק פאַר שכנים אין צפון — ליטע, דעמאָלט אַ מזרח־אייראָפּעישע גרויס־מאַכט, אין מזרח און דרום — רוסלאַנד און אין מערב — פּוילן, האָט די וואָלינער געגנט אָפט זיך געפונען אונטערן פּאָליטיש־מיליטערישן דרוק פון יענע דריי מדינות און ניט איין מאָל אַריבער פון האַנט צו האַנט. די ניט זעלטענע פּאָליטישע אומסטאַביליטעט און די שינויים אין דער פּאָליטיש־טעריטאָריעלער אָנגעהעריקייט פון וואָלין האָבן זיך שטאַרק אויסגעווירקט אויך אויפן עקאָנאָמישן לעבן פון יענער געגנט, אַ מאָל צום גוטן און אַ מאָל צום שלעכטן. וואָס ערגער ס'איז געווען די געאָגראַפישע לאַגע פון אַ שטעטל, אַלץ מערער האָט עס געליטן פון אַזעלכע שינויים, ווי דאָס איז געשען מיט לובאָמל.

ליטע, וואָס איז אַ טייל פון פערצנטן, פופצנטן און די ערשטע צענדליקער יאָרן פון זעכצנטן יאָרהונדערט געווען אַ דאָמינירנדיקער פּאָליטיש־מיליטערישער כוח אין יענע מקומות, האָט לאַנגע צייטן געהאַט באַהערשט כמעט גאַנץ וואָלין. צוליב וואָלין זיינען פאָרגעקומען ניט ווייניק מלחמות צווישן ליטע מיט פּוילן און מיט די רוסלענדישע פירשטנטימער. ליטע איז געווען צוגעקומען ביזן שוואַרצן ים און לענגערע יאָרן האָט די גאַנצע קיִעווער געגנט זיך געפונען אונטער איר ממשלה.

נאָך לענגערע שלאַכטן צווישן ליטע און פּוילן איז אין 1366 געשלאָסן געוואָרן אַ שלום־אָפּמאַך צווישן דעם ליטווישן פירשט לובאַרט און דעם פּוילישן קעניג קאַזימיר דער גרויסער. לויטן דאָזיקן אָפּמאַך האָט קאַזימיר באַקומען בעלז, כעלם און לודמיר מיט אַ ריי שטחים, וואָס זיינען געלעגן מערבדיק פון טייך טוריע: האָראַדלע, טוריסק (טריסק), ראַטנע, קאַמיען־קאַשירסק און וואָלאָטשין. צווישן די דאָזיקע שטחים האָט זיך אויך געפונען לובאָמל.

לובאַרט איז געווען וואָלינער אָדער וולאָדימירער פירשט און האַר פון כעלמער לאַנד.

אָבער שלום־אָפּמאַכן זיינען ניט קיין אייביקע זאַך. ווען איינער פון די צדדים פילט זיך שטאַרקער מיט דער צייט און האָט האָפענונג אָפּצונעמען דאָס, וואָס ער איז געווען פריִער געצוווּנגען אָוועקצוגעבן דורך פאַרהאַנדלונגען, גייט ער ווידער אַרויס אין קריג, כדי צו

1) סלאָווניק געאָגראַפיטשני פּאָלסקי.

געווינען די פאַרלוירענע שטחים. אוודאי און אוודאי איז עס אַזוי געווען מיט יאָרהונדערטער צוריק.

ניט געקוקט אויפן שלום־אָפּמאַך לובאַרט — קאַזימיר אין 1336, זענען נאָך שפּעטער פאָרגעקומען ניט ווייניק קאַמפן צווישן ליטע און פּוילן אַרום און צוליב וואָלין, באַזונדערס וועגן די ערטער, וואָס האָבן זיך געגרענעצט צווישן די דאָזיקע צוויי לענדער, און לובאָמל איז דאָך געלעגן גאָרניט אַזוי ווייט פון די ליטוויש־פּוילישע גרענעצן.

ניט וועגן די אַלע דאָזיקע קאַמפן און געבראָכענע אָפּמאַכן ווייסן מיר, אָבער ס׳איז באַקאַנט דער שלום־אָפּמאַך פון זיגמונטן, דעם זון פון קעסטוטיסן, גרויס־פירשט פון ליטע, וואָס האָט דעם 15־טן אָקטאָבער 1432 איבערגעגעבן פּוילן אַ טייל וואָלינער גרענעץ־ערטער, בתוכם אויך לובאָמל.

און ס׳איז ניט אַוועק קיין לאַנגע צייט, ווי עס זענען ווידער אויסגעבראָכן שלאַכטן צווישן די צוויי דערמאָנטע שכנותדיקע מדינות. שוין אין 1440, נאָר עטלעכע יאָר נאָכן קעסטוטיס־אָפּמאַך, האָט זיך ווידער צעפלאַקערט אַ מלחמה צווישן ליטע און פּוילן. דער ליטווישער פירשט סאַנגושקאָ האָט יענעם יאָר געפּרוווט צוריקנעמען מיט כוח אַ טייל שטעט. צווישן זיי האָט זיך געפונען אויך לובאָמל. דאָס האָט זיך אים אָבער ניט איינגעגעבן [2].

קריגערישע אַקציעס צווישן ליטע און פּוילן אין און אַרום וואָלין האָבן זיך אָפּגעשטעלט אָנהייב צווייטער העלפט פון זעכצנטן יאָרהונדערט. דאָס ליטווישע גרויס־פירשטנטום האָט דעמאָלט שוין געהאַלטן ביי איר גרויסער ירידה און האָט זיך געפונען אין פּראָצעס פון פולן פונאַנדערפאַל.

אין 1569 איז געשאַפן געוואָרן אַ מין פעדעראַציע צווישן פּוילן און ליטע, וואָס איז באַקאַנט אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען „לובלינער אוניע״. פאָרמעל איז דאָס געווען אַ פרייוויליקער אָפּמאַך צווישן צוויי גלייכע צדדים, אָבער למעשה איז די אוניע געווען אַ דיקטאַט פון פּוילן, וואָס האָט אויסגענוצט די ביז גאָר אָפּגעשוואַכטע לאַגע פון ליטווישן גרויספירשטנטום און אַרויפגעצוווּנגען אויף ליטע אַ ריי שווערע באַדינגונגען. איינע פון זיי איז געווען, אַז וואָלין גייט אַריבער אין רשות פון פּוילישן קעניגרייך. אין אַן אָפיציעלער מעלדונג פון 25־טן מאַי 1569 ווערט אָנאָנסירט דאָס אָנשליסן וואָלין צו פּוילן [3].

אָבער אויב עס זיינען איינגעשטילט געוואָרן די בלוטיקע שלאַכטן צווישן פּוילן און ליטע אויף די פעלדער פון וואָלין, זיינען אויף דער דאָזיקער געגנט געקומען פורעניותן פון אַנדערע זייטן, קודם־כּל פון איר דרום־מזרחדיקן שכן.

די פעטע, שוואַרצערדיקע שטחים פון וואָלין האָבן ניט ווייניק גערייצט דעם אַפּעטיט פון די רוסישע שכנים אַרום, וואָס זענען ניט איין מאָל באַפאַלן די תושבים פון וואָלין. דער טראַגישסטער הויכפּונקט פון די דאָזיקע איבערפאַלן איז פאַר יידן געווען אין 49—1648, ווען אַנצאָליקע באַנדעס קאָזאַקן זענען באַפאַלן די געגנט, גערויבט, געצונדן און געמאָרדעט אָן רחמנות. וועגן דעם וועט גערעדט ווערן באַריכותדיקער, ווען מיר וועלן קומען צום ספּעציעלן קאַפּיטל וועגן יידן אין יענע מקומות.

אָנהייב אַכצנטן יאָרהונדערט, אין די יאָרן —1802 1803, האָבן צענדליקער טויזנטער קאָזאַקן זיך ווידער אַ לאָז געטאָן אויף וואָלין און אָנגעטאָן נייע חורבנות.

אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך די נייע קאָזאַקן־איבערפאַלן, אין 1806, האָבן די שוועדישע אַרמייען דורכגעמאַרשירט וואָלין. זיי האָבן אַרויפגעלייגט זייער שווערע קאָנטריבוציעס אויף די איינוווינער און צערויבט אַלץ, וואָס האָט זיך זיי געמאַכט אויפן וועג. אַז אין די אַלע דאָזיקע בלוטיקע איבערפאַלן האָבן די דאָרטיקע יידן שטאַרק געליטן, איז דאָך איבעריק צוצוגעבן.

224 יאָר האָט וואָלין זיך געפונען אין די גרענעצן פון פּוילישן קעניגרייך. סוף אַכצנטן יאָרהונדערט איז אָבער וואָלין אָפּגעריסן געוואָרן פון פּוילן און איינגעגלידערט געוואָרן אין דער רוסישער מלוכה. דאָס איז געשען אין 1793, ווען רוסלאַנד, עסטרייך און דייטשלאַנד האָבן צום צווייטן מאָל זיך צעטיילט מיט דער פּוילישער ערד.

פון 1793 ביז נאָכן ערשטן וועלטקריג האָט וואָלין געהערט צו רוסלאַנד. מיטן אויפקום פון נייעם אומאָפּהענגיקן פּוילן אין 1918 איז אַ גרויסער טייל וואָלין ווידער אַריבער צו דער פּוילישער מלוכה, בתוכה אויך לובאָמל. נאָך דער סאָוויעטיש־נאַצישער חלוקה פון פּוילן אין 1939 איז אַ טייל וואָלין, אין דעם אויך לובאָמל, ווידער אָנגעשלאָסן געוואָרן צו רוסלאַנד, און אויסער די פאַר אָקופּאַציע־יאָרן פון די דייטשן אין 1944—1941, געהערט לובאָמל ווייטער צו דער סאָוויעטישער אוקראַינע.

ווי אַלט איז דער לובאָמלער יידישער ישוב?

האָבנדיק פאַר זיך אַן אַלגעמיינעם איבערבליק וועגן דער געשיכטע פון וואָלין, אירע עקאָנאָמישע און פּאָ־

2) ד״ר פיליפּ פרידמאַן אין „ספר ראַטנע״, בוענאָס־איירעס, 1954.

3) ד״ר נ. ב. געלבער אין „ספר קוריץ״ תל־אביב 1959, ז׳ 18.

ליטישע שינויים, וועט זיין בעסער צו פאַרשטיין די אַנט־
וויקלונג פון יידישן קיבוץ אין לובאַמל.

די גענויע צייט, ווען יידן האָבן זיך אָנגעהויבן באַ־
זעצן אין ליבעווונע, איז שווער פעסטצושטעלן. דאָקו־
מענטן, וואָס זאָלן דערמעגלעכן צו קומען אויף די ערש־
טע שפּורן פון יידן אין שטעטל, זיינען ניטאָ — בכלל
אופן אונדז האָט זיך ניט איינגעגעבן אַזעלכע דאָקומענטן
צו זען. און וויל עס פעלן היסטאָריש־דאָקומענטירטע
באַווייזן, זיינען טאַקע דעריבער דאָ חילוקי־דעות צווישן
יידישע היסטאָריקערס וועגן דעם בראשית פון יידישן
ישוב אין לובאַמל.

ד״ר נ. ב. געלבער, אַן אויטאָריטעט אויף דער גע־
שיכטע פון יידן אין רוסלאַנד־פּוילן, שרייבט אין איין
אָרט, אַז „בכלל איז אין וואָלין ניטאָ קיין איין יידישער
ישוב, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַרן 15־טן יאָרהונ־
דערט״. אַן אויסנאַם, לויט אים, זיינען געווען נאָר די
יידישע קיבוצים אין קרעמעניץ און לויצק [4]).

אויב מען זאָל אָננעמען ד״ר געלבערס טעזע פאַר
ריכטיק, דאַן קומט אויס, אַז די אָנהייבן פון יידישער
באַזעצונג אין לובאַמל דאַרף מען זוכן אין פופצנטן יאָר־
הונדערט. אָבער ניט אַלע יידישע היסטאָריקערס האַלטן
אַזוי.

איינער פון זיי איז ד״ר פיליפּ פרידמאַן, אויך אַ
בר־סמכא אין דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן־רוס־
לאַנד. אין זיינעם אַן אַרטיקל וועגן יידן אין כעלם, וואָס
זייער געשיכטע איז גאָר ענג פאַרבונדן מיט דער גע־
שיכטע פון די יידן אין דער ניט ווייטער לובאַמל, שרייבט,
אַז „וועגן... לובאַמיל פאַרמאָגן מיר דאָקומענטאַרישע
ידיעות וועגן אַ יידישן ישוב אין די יאָרן 1370—1382״.
ער זאָגט, אַז די נעמען פון עטלעכע לובאַמלער יידן זיי־
נען נאָטירט אין די דעמאָלטיקע אַמטלעכע דאָקומענטן [5]).

די זעלביקע מיינונג זאָגט אַרויס אויך אַן אַנדערער
יידישער היסטאָריקער, בער מאַרק. אין זיינעם אַ בוך
וועגן דער געשיכטע פון די פּוילישע יידן, שרייבט ער,
אַז אין פערצנטן יאָרהונדערט זיינען אויפגעקומען אין
וואָלין אַ סך נייע יידישע ישובים און צווישן די ערשטע
פון זיי דערמאָנט ער לובאַמל. ער זאָגט, אַז ס׳זיינען פאַ־
ראַן ידיעות וועגן אַ קליינעם קיבוץ יידן דאָרטן פון
אַרום 1370. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ גרוי־
סער שטאָטישער קאָלאָניזאַציע און בויונג פון נייע שטעט,
וואָס זיינען דעמאָלט אָנגעגאַנגען אין וואָלין און אין די
אַרומיקע פּוילישע געגנטן [6]).

אויך ד״ר רפאל מאַהלער, פון אונדזערע יינגערע
היסטאָריקערס, שרייבט אין זיין גרויסער אַרבעט „יידן
אין אַמאָליקן פּוילן״, אַז אין פערצנטן יאָרהונדערט איז
שוין געווען אַ קליינע צאָל יידישע קהילות אין גרויס־
פּוילן, קליינפּוילן, רייסן, כעלמער געגנט, פון וועלכער
ער גיט ווי אַן איינציקן ביישפּיל נאָר לובאַמל, אין
1370—1382 [7]).

ד״ר גערבערס טעזע פאַלט אָפּ צוליב די היסטאָרישע
באַווייזן, וואָס ווערן געבראַכט דורך ד״ר פיליפּ פריד־
מאַן, פּראָפעסאָר בער מאַרק און ד״ר רפאל מאַהלער.
און ביידע ברענגען די זעלביקע דאַטע פון 1370 ווי דעם
היסטאָרישן בראשית פון יידן אין לובאַמל. ווען ניט
דער שרעקלעכער היטלער־חורבן, וואָלטן לובאַמלער יידן
געקענט פייערן איצט די 600־יאָריקע עקזיסטענץ פון
זייער שטעטל — איינע פון די געציילטע יידישע קהילות
אין פּוילן מיט אַזאַ אַלטן יחוס־בריוו.

פון דעם איז צו זען, אַז מען קען זיך אין גאַנצן
ניט שטיצן אויף די ידיעות פון אונדזערע וויכטיקסטע
ענציקלאָפּעדיעס וואָס שייך דעם אויפקום פון יידישן
ישוב אין לובאַמל. לויט „דזשואיש איינסיקלאָפּידיאַ״,
„ענציקלאָפּעדיאַ יודאַיקאַ״ און „יעווריייסקאַ ענציקלאָפּע־
דיאַ״ קומט אויס, אַז יידן האָבן זיך אָנגעהויבן באַזעצן
אין לובאַמל ערשט אין ערשטן פערטל פון זעכצנטן
יאָרהונדערט — שפּעטער מיט אַן אַנדערהאַלבן הונדערט
יאָר, ווי ס׳איז דער אמת.

אַנטוויקלונג און בליצייט פון יידישן ליבעווונע

קיין ישוב האָט זיך ניט אויסגעבויט אין איין טאָג
און קיין יידישע קהילה איז ניט אויפגעקומען אין איין
נאַכט. די צוגרייט־תקופה, וואָס האָט גענומען אַ נייעם
יידישן קיבוץ צו ווערן אַ קהילה מיט אַלע אָנגעהעריקע
אַטריבוטן, האָט געדויערט פיל־פיל צענדליקער יאָרן,
באַזונדערס אין די גאָר אַמאָליקע צייטן, ווען דער גאַנ־
צער טעמפּ פון לעבן איז געווען אַ סך לאַנגזאַמער, ווי
היינט, און ווען דאָס יידישע לעבן איז געווען נאָך מער
פאַמעלעכדיק.

מיר פאַרמאָגן ניט קיין כראָנאָלאָגישע דאַטעס, וואָס
זאָלן אונדז געבן אַ בילד פון דער בהדרגהדיקער אַנט־

4) דאָרטן, ז׳ 18.

5) „יזכור־בוך כעלם״, יאָהאַנעסבורג, 1954, ז׳ 13.

ה׳ יעקב הטמן פון תל־אביב, זאָגט עדות, אַז ער האָט
געזען אין כעלמער מוזיי אַ דאָקומענט, אַ כראָנאָלאָגישע
פאַרצייכענונג פון קעניג יאַגעללאָ, אין וועלכן ס׳איז געזאָגט
אַזוי: „ווען איך בין געווען אין לובאַמל איז פאַר מיר געקו־
מען דער ייד שמואל״...

6) בער מאַרק, „געשיכטע פון יידן אין פּוילן״, וואַרשע, 1955, ז׳ 24.

7) „די יידן אין פּוילן״, ב׳ 1, ניו־יאָרק, 1946.

וויקלונג פון לובאָמלער יידישן ישוב. פון שפּעטערדיקע דאַטעס לאָזט זיך אָבער פעסטשטעלן, אַז ס׳איז אַוועק אַ גוטע הונדערט יאָר, ביז עס האָט זיך גענומען דאָרטן אויספּיקן אַ יידישע קהילה, וואָס האָט וואָס ווייטער אַלץ מערער אָנגעהויבן פאַרנעמען אַן אָרט אויף דער וואָלינער יידישער מאַפּע.

דעם וווּקס פון דער לובאָמלער קהילה האָבן מיטגעהאָלפן צוויי פּראָצעסן, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער געשיכטע פון די יידן אין פּוילן אין זעכצנטן יאָרהונדערט און אויף וועלכע עס שטעלט זיך אָפּ דער היסטאָריקער ד״ר רפאל מאַהלער: 1) אין יענער תקופה איז פאָרגעקומען אַ שטענדיקע וואַנדערונג פון די פּוילישע יידן פון די גרויסע שטעט צו קלענערע שטעטלעך; 2) נאָך מער כאַראַקטעריסטיש איז די איבערוואַנדערונג פון אַ סך יידן אין מערב־פּוילן אין דער ריכטונג פון די דרום־מזרחדיקע פּראָווינצן[8].

דערביי דאַרף מען צוגעבן, אַז יידישע אימיגראַציע וויזט אָפּט אַרויס אַ גרויסע טענדענץ צו גיין פון מער עקאָנאָמיש אַנטוויקלטע לענדער אין ווייניקער אַנטוויקלטע ערטער, ווייל דאָרטן האָבן יידן גרעסערע האָפענונגען מער אויפצוטאָן און בעסערע שאַנסן אויף שטיצע מצד די מושלים, וואָס זיינען דאָס רוב גרייט צו העלפן פּיאָנערישע אויפטוען.

אין וואָלין און אוקראַינע האָבן אין יענער תקופה געפּוסטעוועט ריזיקע שטחים ערד, אָדער זיי זיינען געווען גאָר ווייניק באַפעלקערט, און אַהין האָבן געצויגן מאַסן יידן פון פּוילן ניט נאָר אין זעכצנטן, נאָר אויך אין זיבעצנטן יאָרהונדערט. פון דער דאָזיקער וואַנדערונג האָבן דעמאָלט געוואַקסן אַ ריי יידישע ישובים, קלענערע און גרעסערע, אין וואָלין, און לובאָמל איז מסתמא געווען איינע פון זיי.

אין דער ערשטער העלפט פון זעכצנטן יאָרהונדערט — און אפשר אויך דעם לעצטן יאָרצענדליק אָדער צוויי פון פופצנטן יאָרהונדערט — האָבן לובאָמלער יידן גענומען אויפבויען די יסודות פון זייער קהילה. דאָס האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגערופן אויף איר פּאָזיציע לגבי אַנדערע ישובים אַרום, ווו מען האָט לובאָמל אָנגעהויבן באַטראַכטן ווי אַ חשובע קהילה.

דאָס לאָזט זיך זען פון אַ קעניגלעכן דעקרעט אין 1520 וועגן אויפמאָנען שטייערן פון די יידן אין קרייז כעלם — בעלז. אין יענעם דעקרעט ווערן אויסגערעכנט די יידן, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן אויפצומאָנען די יידן שטייערן אין יענע מקומות: יאָסקע זוסמאַנאָוויטש פון בעלז, ישראל פון בוסק, אשר פון לובאָמל און יודקאָ פון כעלם[9]. פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ פאַל ווערן ניט אויסגעקליבן מענטשן פון פאַרוואָרפענע ישובים אָדער ניט וויכטיקע ערטער, נאָר גראָד פון יענע ערטער, וואָס זיינען חשוב צוליב זייער פּאָזיציע אָדער צאָל איינוווינערס — און לובאָמל איז דעמאָלט געווען פון די חשובע קהילות אין יענער געגנט.

אין יענער תקופה איז לובאָמל, משמעות, געווען אונטערגעוואָרפן דעם רב הכולל ר׳ יהודה אהרן, כעלמער רב, וואָס איז אין 1522 באַשטימט געוואָרן דורך קעניג זיגמונט דעם ערשטן (1506—1548) פאַרן רב הכולל פון די דעמאָלט פאַראייניקטע 3 קרייזן (גלילות) לובלין, כעלם, בעלז. אין 1520 איז ער דורכן זעלביקן קעניג באַשטימט געוואָרן צו זיין דער אויפמאָנער פון די שטייערן ביי די יידן אין יענע דריי גלילות, וואָס דאָס האָט אויך געמיינט ביי די יידן פון לובאָמל.

נאָכן טויט פון ר׳ יהודה אהרן האָט זיגמונט דער ערשטער באַשטימט צוויי רב הכוללס אויף גאַנץ קליין־פּוילן, רייסן און פּאָדאָליע: דעם באַרימטן לובלינער רב ר׳ שלום שכנא, דעם שווער און רבין פון רמ״א און אַ תלמיד מובהק פון ר׳ יעקב פּאָלאַק, און דעם קראָקעווער רב ר׳ משה פישל. דאָס איז געווען אין 1541. היות כעלם איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער יוריסדיקציע פון ר׳ שלום־שכנאַן, מיינט עס, אַז אויך לובאָמל האָט זיך געפונען אונטער זיין געריכטלעכער קאָמפּעטענץ. און די אַדמיניסטראַטיוו־געריכטלעכע קאָמפּעטענצן פון די דאָזיקע צוויי רב הכוללס זיינען באמת געווען זייער ברייט און די אָפּהענגיקייט פון די אונטערגעוואָרפענע קהילות פון זיי איז געווען זייער גרויס. דאָס קען מען זען פון די דריי הויפּטפונקציעס, וואָס זיינען זיי אָנפאַרטרויט געוואָרן:

1) דאָס רעכט צו באַשטראָפן און אַריינלייגן אין חרם יעדן איינעם, וואָס וועט עובר זיין אויפן דת אָדער נישט פאָלגן קהל;

2) צו באַשטעטיקן אין זייער אַמט ניי־געוויילטע רבנים און אַנדערע;

3) דאָס רעכט צו וווינען אין יעטוועדן אָרט אויף דער טעריטאָריע פון זייער סעניאָראַט[10].

אַז ליבעוונע איז געווען פון די וויכטיקע יידישע

8) דאָרטן, ז׳ 44.

9) ד״ר מאיר באַלאַבאַן אין „יעווריייסקאַיאַ סטאַרינאַ״, פּעטעראָגראַד, 1910, ב׳ 1, ז׳ 189.

10) „הצופה לחכמת ישראל״, בודאַפּעשט, תרצ״א, חוב׳ ב׳, ע׳ 87, אַרטיקל פון צבי איש הורוביץ; ד״ר מ. באַלאַבאַן, „די יידן־שטאָט לובלין״. בוענאָס־איירעס, 1947, ז׳ 36; י. טרונק אין „דאָס בוך פון לובלין״, רעדאַגירט פון נ. שמן, פּאַריז, 1957, ז׳ 47.

שטעט ניט בלויז אין צפון־מערבדיקן טייל פון וואָלין און אין ראַיאָן, וואָס איז פיל יאָרן געווען אין תחום פון די „תשע קהילות", נאָר אויך אין טייל שטחים פון דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, באַווייזט אַ סטאַטיסטיק פון 1550. אין יענעם יאָר איז פאַרגעקומען די ערשטע ציילונג פון פוילישע יידן. לויט דער דאָזיקער ציילונג, זיינען דעמאָלט געווען אין לובאָמל 39 הייזער, וואָס דאָס מיינט אַרום 390 נפשות [11]). בכדי זיך צו שאַפן אַ שטיקל פאַרשטעלונג, וואָס אַזאַ ציפער באַטייט פאַר יענע ווייטע צייטן, דאַרף מען עס פאַרגלייכן מיט ציפערן פון אַנדערע יידישע קהילות אין יענע געגנטן. פון יענע פאַרגלייכן איז צו זען, אַז קהילות פון יענע מקומות, וואָס זיינען שפעטער אַן אַ שיעור איבערגעוואַקסן לובאָמל, זיינען דעמאָלט געווען קלענער פון איר. כעלם, לודמיר, בעלז, וואָס זיינען אין דער צייט פון ועד ארבע ארצות געוואָרן „קהילות ראשיות", האָבן אין 1550 פאַרמאָגט וויניקער יידן פון לובאָמל. דאָס יידישע בעלז האָט דעמאָלט געהאַט 22 הייזער — כמעט אַ העלפט פון לובאָמל, לודמיר — 30 הייזער און אַפילו כעלם האָט געהאַט וויניקער ווי 39 יידישע הייזער. נאָך מער שלאַגנדיק איז דער פאַרגלייך מיט לובלין, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען פון די חשובסטע יידישע קהילות: זי האָט געהאַט כמעט די זעלביקע צאָל יידישע הייזער ווי לובאָמל (ס"ה מיט דריי הייזער מער).

טאַקע פון יענער צייט — דאָס הייסט: פון אַן ערך דעם ערשטן יאָרצענדליק פון דער צווייטער העלפט פון זעכצנטן יאָרהונדערט — קען מען רעכענען דעם אָנהייב בליצייט פון דער יידישער קהילה אין לובאָמל.

דאָ איז אָבער נייטיק צו מאַכן די ווייטערדיקע באַמערקונג.

די פעריאָדיזאַציע פון דער מענטשלעכער געשיכטע איז ס'רוב אַ קינסטלעכע. היסטאָרישע פראָצעסן זיינען אַזוי געקניפּט און געבונדן איינער מיטן אַנדערן, זיינען אַזוי אַריינגעוואַקסן איינער אין אַנדערן און וואַקסן אַזוי אַרויס איינער פון אַנדערן, אַז ס'איז כמעט ווי אוממעגלעך צו זאָגן, אַז אין דעם אָדער יענעם יאָר ענדיקט זיך איין תקופה און ס'הייבט זיך אָן אַ צווייטע. אויב די היסטאָריע ווערט דאָך איינגעטיילט אין תקופות, איז עס נאָר לפי־ערכדיק און כדי לייכטער צו מאַכן צו פאַרשטיין דעם קאָמפּליצירטן גאַנג פון דער וועלט־געשיכטע.

אַזוי אין דער גרויסער אַלגעמיינער היסטאָריע, אַזוי אויך אין דער געשיכטע פון אַ לאָקאַלן כאַראַקטער. ווי די אַנטוויקלונג און בליצייט פון דער לובאָמלער קהילה.

11) ד"ר פרידמאַנס אַרטיקל אין „יזכור־בוך כעלם", יאָהאַנעסבורג, 1954, ז' 16.

ווען מען וואָלט וועלן פאַרבינדן דעם אָנהייב פון דער יידיש־ליבעוונער בלי־תקופה מיט אַ גרויסער געשעעניש אין אַלגעמיינעם אַרומיקן לעבן, וואָלטן מיר אָנגערופן די לובלינער אוניע פון 1569, וואָס איז געווען אַ ביז גאָר וויכטיקער ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פון פוילן און האָט ניט געקענט בלייבן אָן טיפע אויסווירקונגען אויף וואָלין און אויף אירע יידישע ישובים בפרט. אמת, די דאָזיקע געשעעניש איז זיך פאַרלאָפן אַ ביסל שפעטער, אָבער היסטאָרישע פראָצעסן קען מען ניט מעסטן אויפן לויט.

ס'איז גאָרניט קיין צופאַל, וואָס גראַד אין ערשטן יאָרצענדליק פון דער צווייטער העלפט זעכצנטן יאָרהונדערט האָבן ליבעוונער יידן באַקומען די דערלויבעניש צו נעמען אַ רב, ווען דאָס געזעץ האָט געגעבן גאַנץ ברייטע רעליגיעז־אַדמיניסטראַטיווע רעכט — און, משמעות, אַז דאָס איז געווען זייער ערשטער רב. פונקט ווי ס'איז ניט קיין סתם צופאַל, וואָס גלייך נאָך דער לובלינער אוניע האָבן אָנגעהויבן פאַרנעמען דעם לובאָמלער כסא הרבנות איינער נאָכן אַנדערן אַ ריי באַרימטע רבנים, וואָס האָבן באַשיינט ליבעוונע יאָרהונדערטער שפעטער און וואָס וועגן זיי וועט באריכות גערעדט ווערן שפעטער.

דער ערשטער — ווי מיר נעמען אָן — לובאָמלער רב איז געקומען אין 1556, און שוין אין אַ יאָר אַרום, אין 1557, האָבן לובאָמלער יידן באַקומען זייער פריווילעגיע פון קעניג זיגמונט אויגוסט: די פאַרשידענע אַרטיקע געריכטן, אויסער די וואָיעוואָדישע, האָבן מער ניט געהאַט קיין רעכט צו משפטן יידן, און אין פאַל פון אַן אורטייל אין אַ וואָיעוואָדישן געריכט, האָבן די יידן באַקומען דאָס רעכט צו אַפּעלירן דירעקט צום קעניג [12]). אַזאַ פריווילעגיע האָט באַפרייט די יידן פון שיקאַנעס פון נידעריקע אַרטיקע באַאַמטע און פאַרשטאַרקט זייער זיכערקייט און סטאַביליטעט.

פון זעלביקן יאָר 1557 איז פאַראַן זייער אַן אינטערעסאַנטע תקנה פון ליבעוונער קהילה, וואָס האָט זיך אָפּגעהיט אין אַ יידישן ספר.

אינטערעסאַנט איז זי קודם־כל דערמיט, וואָס איר אינהאַלט איז פונקט פאַרקערט פון גרעסטן טייל תקנות פון דעם סאָרט, וואָס זיינען אונדז באַקאַנט.

בדרך כלל האָבן יידן אין גלות זיך געסטאַרעט צו

12) Mathias Bersohn. Dyplomatarjusz dotyczący Żydów w dawnej Polsce. Warszawa, 1910, Nr 67.

די דאָזיקע פריווילעגיע איז גלייכצייטיק, אינעם זעלביקן דאָקומענט, געגעבן געוואָרן אויך די יידן אין כעלם און ראַטנע.

לעבן אין וואָס קאָמפּאַקטערע מאַסן און וואָס מער אָפּ־געזונדערט פון די קריסטלעכע שכנים. דאָס איז געשען ניט נאָר אין מיטלאַלטער, נאָר אויך אין שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער פון דער נייער צייט, און אין אַ קענטי־קער מאָס האַלט נאָך אָן די דאָזיקע טראַדיציע אַפילו אין אונדזערע היינטיקע טעג. דאָס איז אַרויסגערופן גע־וואָרן ניט בלויז מחמת רעליגיעזע טעמים, ווייל בציבור איז לייכטער אָפּצוהיטן יידישקייט אָדער ווייל דורך אָפּגעשלאָסנקייט ווערט די השפּעה פון קריסטלעכן אַרום פאַרקלענערט ביז אַ מינימום. דאָ האָט זיך ניט ווייניקער אויסגעווירקט דער נאַטירלעכער גרופּע־אינסטינקט פון אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן אין צייטן פון סכנה. און היות יידן האָבן, אין די אומגעוויינלעכע און איינציק־אַרטיקע באַדינגונגען פון גלות, דאָס רוב זיך געפונען ווי אין אַ פיינדלעכער באַלאַגערונג און געווען אויס־געשטעלט אויף אָנפאַלן און פּאָגראָמען, האָבן זיי ווי אַ פאַרהיטונגס־מיטל געוואָלט האָבן נאָר יידן צווישן זיך, כדי צו קענען בעסער זיך פאַרטיידיקן אין אַן עת־צרה.

אָבער די תקנה פון דער לובאָמלער קהילה איז פון פונקט אַ פאַרקערטן אינהאַלט. אין איר האָט דער קהל גוזר געווען, אַז די יידן אין שטעטל זאָלן ניט וואַגן צו קויפן אַ שטוב אָדער ערד פון אַ גוי, אויב דאָס געפינט זיך אין דעם תחום, וווּ יידן וווינען. און דער ליבעוונער קהל האָט געוואָרנט, אַז יידן, וואָס וועלן ניט אויסהאַלטן די דאָזיקע תקנה, וועלן שטרענג באַשטראָפט ווערן.

וועגן אָט דער אינטערעסאַנטער און וויכטיקער תקנה גיט אונדז איבער דער גאון ר׳ יואל סירקיש, וואָס איז אַליין געווען רב אין לובאָמל און איז באַקאַנט ווי דער ב״ח (נאָך זיין ספר „בית חדש״).

אין אַ פאַרקירצטער און ניט אות־באות איבערזע־צונג אויף יידיש וועט זיך די תקנה לייענען אַזוי:[13]

לובאָמלער קהל האָט גוזר געווען אין 1558, אַז קיין אָרטיקער בעל־הבית זאָל ניט קויפן אַ הויז אָדער ערד פון אַ גוי אין שטעטל אין אַ געגנט, וווּ יידן וווינען. קהל איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אויב גויים אין שטעטל וועלן ניט וווינען צווישן די יידן, איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז די קריסטן זאָלן אונטערצינדן יידישע הייזער אָדער וועלן פאָדערן, אַז מען זאָל די יידן אַרויס־טרייבן. טייל יידן, וואָס האָבן זיך ניט געהאַלטן אָן דער תקנה, האָט מען זיי געצוווּנגען אומצוקערן די גויים די אָפּגעקויפטע הייזער אָדער ערד. אין 1557 איז די דאָ־זיקע תקנה ווידער באַשטעטיקט געוואָרן דורך קהל, מיט דער הסכמה פון אָרטיקן רב ר׳ אברהם פּאָלאַק.

13) שו״ת ב״ח הישנות, סימן ד׳. — וועגן הרב פּאָלאַק און דעם ב״ח גופא זע ווייטער אין קאַפּיטל „רבנים״.

צום סוף גיט איבער הגאון ר׳ יואל סירקיש, אַז איין יידן, ראובן, האָט קהל דערלויבט צו קויפן ביי אַ שכנותדיקן גוי אַ שטיקל באָדן, כדי אויסצובויען עפּעס פאַר זיך. אָבער ראובן האָט געקויפט מערער, ווי מען האָט אים מתיר געווען, האָט אים קהל געצוווּנגען מקיים צו זיין די תקנה. נאָך ראובנס טויט האָבן די יורשים זיינע פאַרקויפט צו איינעם משה פירשט דאָס גאַנצע הויז און די ערד אַרום, און יענער האָט געוואָלט פאַרגרעסערן זיין הויז און בויען אויף דער ערד. און מען פרעגט דעם גאון אַ שאלה וועגן דעם.

די תשובה פון גאון איז געשריבן אין תס״א (1601). פון דעם לערנען מיר, ראשית, אַז אין כמעט פופציק יאָר נאָך איר איינפירונג איז די תקנה פון לובאָמלער קהל נאָך אַלץ געווען אין קראַפט; אַז איינער פון די דע־מאָלטיקע לובאָמלער בעלי־בתים האָט געהייסן משה פירשט; אַז ר׳ יואל סירקיש איז נאָך דעמאָלט געווען אב״ד אין לובאָמל.

אין 1559, נאָכן טויט פון גאון שלום שכנא, האָט זיך געענדיקט די פאַראייניקונג פון די גלילות לובלין — כעלם — בעלז. בעלז און כעלם, וואָס האָבן כמעט אין גאַנצן גאַנג פון זייער געשיכטע זיך תמיד געהאַלטן צוזאַמען, האָבן געשאַפן אַ „מדינה״ פאַר זיך און געהאַט אַן אייגענעם ועד. זייער רב הכולל איז געוואָרן דער גאון און מקובל ר׳ אליהו, כעלמער רב, זון פון פריִער דערמאָנטן ר׳ יהודה אהרן.

די הויפּטשטאָט פון דאָזיקן ועד איז געווען כעלם. אויסער איר האָבן געהאַט רעכט צו שיקן איין פּרנס צום ועד בלויז נאָך דריי קהילות ראשיות: בעלז, הרובישעוו

מתוך „שאלות ותשובות״ שחיבר הרב הגאון כמוהר״ר יואל סירקיש זצ״ל. רב המחבר בית חדש... פרנקפורט דמיין, בשנת חכמת נשים בנתה ביתה לפ״ק (תנ״ז), בדפוס יהאן וואוסט

שאלה ד

בלובלינא עשו הקהל הסכמה בשנת ש״ח וז״ל בגזירת נח״ש שלא ילך שום בעל הבית ויקנה בית או קרקע משום גוי בתוך החומה כו׳ שראו שאם לא יהיו דרים הגוים בעיר בין בני ישראל יש לחוש ח״ו שלא ישרפו בתי יהודים או שלא יעמדו על גירוש חס ושלום לכן עמדו וגזרו בגזירת נח״ש על אותה תקנה לקיים עליהם ועל זרעם כו׳ ומקצת אנשים שעברו על התקנות גזרו עליהם לחזור ולמכור לגוים עוד בשנת של״ז חזרו והחזיקו מנהיגי הקהל בהסכמת האב״ד במוהר״ר אברהם ז״ל פולק את התקנה הנ״ל והכריזו בבית הכנסות להעניש את העובר בקנסות ויתר עונשים והכריזו לאנשים שעברו על התקנה לחזור ולמכור הקרקעות והבתים לגוים ועל אחד גזרו שאם לא ימכור הקרקע אזי לא יקח שום הנאה מאותו קרקע לא להשכיר

ולא לורוש בו לא הוא עצמו ולא שום אדם בעולם ולאיהא לו שום הנאה בעולם מאותו קרקע עד כאן תורף ההסכמה והנה אחר זה התירו הקהל לראובן לקנות מקצת קרקע מן הגוים סמוך לביתו כי היה קרקע שלו קצר לבנות עליו וראובן עבר וקנה יותר ממה שהתירו לו או גזרו עליו הקהל שלא לבנות על קרקע זו כי אם על אותו שיעור שהתירו לו ועל היותר לא ישתמש בשום תשמיש אפילו להעמיד שם בהמותיו וראובן קיים גזירת הקהל וציווים ועשה היקף מחיצה מקנים סביב כל הקרקע שקנה מן הגוי אחר כך מת ראובן ויורשיו מכרו לכהר"ר משה פירשטט כל הבית וכל הקרקע וחזקה בפני כהר"ר משם להרחיב את ביתו ולבנות על אותה קרקע ועתה יורינו רבינו אם יש היתר לזה אם לאו ·

תשובה

לפע"ד דשרי דהמסקנא בפרק מי שהחשיך במי שכיון מלאכתו במועד ומת דלדידיה קנסו רבנן לבריה לא קנסו רבנן וכתב הרי"ף והרא"ש שם · וכן הגורס און בכור ומת והמוכר עבדו לגוים ומת לא קנסו רבנן בנו אחריו והכין אסקהו לכל חדא וחדא בדוכתיה וכן הלכה וא"כ כדון דידן נמי אעפ"י שקנסו רבנן הקהל לראובן שלא ישתמש על היתר לפי שעבר בזה על גזירתם בעונש נח"ש מכל מקום לבניו לא קנסינן והם היו מתירין לבנות על אותה קרקע וא"כ גם להר"ר משה דאתא מחמתייהו שרי לבנות עליה שהרי בלשון ההסכמה לא נזכר שלא לבנות על הקרקע שהיתה של גוים כ"א שלא ילך כ"א ויקנה בית או קרקע משום גוי בתוך החומה וכו' ופשיטא דאפילו ראובן בעצמו שקנה הקרקע ועבר על החרם לא בשביל זה נאסרו עליו הקרקע בהנאה כיון שלא נזכר זה בחרם דבדמיה קניוהו אלא שהקהל קנסו אותו בכך על שעבר על ההסכמתם וגזירתם בעונש נח"ש וזה יש בידם להפקיר ממון שיש לו בעולם ולאבד וכותן כפי מה שיראה לגדור פרצת הדור ולחזק בדק כו' כמו שכתב הרמב"ם בפרק כ"ד מהלכת סנהדרין והטור בח"מ בתחלתו ובסופו אבל מדינא אין הקרקע נאסרה בשביל שעבר על החרם וזה דבר פשוט הוא והאריך בו הריב"ש סימן קע"א להוציא מלב הטועה לומר שאם גזרו חרם על דבר שלא לעשות ועשה במזיד והרויח שגם המעות נאסרים עיין עליו כי אותו כדון דומה לשאלותינו וכיון שאין הקרקע נאסרה לראובן עצמו אם כן בניו אחריו ודאתו מחמתייהו אין להטיל עליהם שום קנס ושום עונש דאינהו לא קא עבדי מידי · וכן פסק במרדכי פרק החובל בשם ריב"א אמסור שלא הספיק הנזכר להעמידו בדין על שעת המסור דפטורין בניו אבל אם קם המסור בדין ונתחייב נתחייבו הנכסים ותו לא ירשו להו הנכסים ובפרק הגוזל בתרא כתב שם בשם הלכות גדולות ביאור לדברים אלו דהיינו שנתחייב ממון עבור מלשינות ומת דאפילו למ"ד מלוה על פה אינה נגבית מן היורשים הכא גובה כשעמד בדין דקלא אית ליה אבל חייבוהו בית דין קנס לא קנסו בנו אחריו ע"כ הרי מבואר דכל שחייבוהו בית דין קנס אין קונסין בנו אחריו : ואין לומר דהולכין אחר כוונת ההסכמה שהיא היתה מחששא פן ישרפו בתי יהודים חס ושלום וכו' ואם כן אף בבניו אחריו עמדה חששא זו במקומה אם יבנו בית על הקרקע של גוים הא לאו מלתא הוא דפשיטא דהקהל לא חששו כי אם על מאי דשכיחא כגון אם לא יהא שום איסור לקנות מן הגוי כל אחד ואחד יבא ויקנה ויהיה כל היהודים בעיר אבל אמילתא דלא שכיחא שיעבור איש על החרם ויחזיק הקרקע

הקרקע בידו ויהיה כעובר על החרם כל ימיו וירשו בניו אחריו ויבנו על אותה קרקע הא וודאי לא אסיק אדעתייהו בשעת החרם וכדמסיק בריש כתובות דאונס דלא שכיחא לא אסיק אדעתיהו והכי איתא בפרק השליח והכי איתא נמי בפרק הזהב לר' יוחנן דאמר מעות קונות ומפני מה אמרו משיכה קונה גזרה שמא יאמר לו נשרפו חיטך בעלייה דדוקא במילתיה דשכיחא גזרו ביה רבנן אבל במילתיה דלא שכיחא כגון שהחליף דמי שור בפרה או דמי חמור בשור ודאי מעות קונות דבר תורה וכן מוכר לו באלו דקנה לרב הונא קאמר התם דס"ל כר' יוחנן דמעות קונה דבר תורה ובמלתא דלא שכיחא כי הא לא גזרו רבנן והכא איתא בדוכתי' טובא · ועוד דאין הולכין אחר כוונת ההסכמה אלא א"כ שהוא ג"כ בכלל לשון ההסכמה כמו שנראה מבואר ממ"ש הרשב"א הביאו ב"י בי"ד סימן רי"ח (בהג"ה רמ"א ס"ס הנזכר) וז"ל שאלה הקהל החרימו שלא ידור איש פלוני במגרש פ' עד זמן ידוע ובתוך הזמן שכר שם חנות לעשות שם מלאכתו וטוען שלא החרימו אלא שלא ידור שם ואינו נקרא דירה אלא במקום שאוכל ושותה · תשובה לשון דירה נופל על ענינים רבים יש שהוא כענין ישיבה במקום וכו' ויש שהוא כמו עיכוב במקום וכו' ונופל גם כן למי שהוא דר במקום אחד ביום אחד וכו' ולפיכך הכל מה שהוא ענין · אם מה שהחרימו על עניין שחשו שלא יהא שייך עמהם וכו' אפילו עמהם בחנות בכלל אסו' ואם מחנות שלא יקבע דירה עמהם הדין עמו וכו' וכל הנדרים והחרמות נדונין לפי מה שהוא ענין כו' הנה מבואר דהולכים לפי מה שהוא הענין ובלבד שיהא במשמע הלשון שהוציאו בפיהם · דאם לא כן למאי צריך לומר לשון דירה נופל על ענינים רבים וכו' אלא וודאי דאם לא היה נופל על עיכוב במקום אפילו אם היו הענין שחשוהו שלא יהא שייך עמהם מ"מ מאחר שלא הוציאו כן בפיהם לא היה בזה איסור חרם כיון שלא החרימו עליו בפיהם ·

ומזה הטעם פסק גם האיסר"י בהיה חבירו מפציר בו שיאכל עמו ואמר קונם ביתך שאני נכנס · טיפת צונן שאני טועם עמך דמותר לכנוס לביתו ולשתות עמו טיפת צונן שלא נתכוין אלא לשם אכילה ושתייה ומותר גם באכילה ושתיי' כיון שלא הוציאו בפיו ולא דמי לרישא בהיו מפצירין בו ליקח בת אחותו ואמר קונם שנהנית לי שלא נתכוין אלא לשם אישות דאישות בכלל הנאה היא ואע"ג דהרמב"ם (י"ד סי' רי"ח סעיף ד') פסק דגם באומר טיפת צונן אסור באכילה ושתיה וכן איתא בתוספתא וכן פסק הר"ר ירוחם וראוי להחמיר באיסור דאורייתא כוותי' התם וודאי איכא למימר דבכלל טיפת צונן שאני טועם הוא דהלשון משמע כאלו אמר איני אוכל ואיני שותה עמך לא הרבה ולא מעט אפילו טיפה אינני טועם ולישנא קטיעא הוא ומ"מ מותר לשתות לו צונן דלא נתכוין אלא לשם שתיי' ואכילה · אבל כ"ד ובלשון החרם לא הוזכר כי אם שלא יקנה בית או קרקע בתוך חומה אף הרמב"ם מודה דאין בכלל לשון זה שלא יבנה בית על הקרקע של גוי אם לא קנהו מגוי ותדע שהרי במרדכי פרק המקבל פסק אכיונא דכלון דידן שגזרו הקהל שלא לקנות בית גוי דאם בא להחליף בית בבית עם הגוי דאסור דחילוף בית נמי מיקרא זביני כו' דאלמא דאי לאו דמקרי זביני לא היה בזה שום איסור אעפ"י דלפי הענין היה שייך גם הטעם שהחרימו על קניות בית גוי בחלופין כמו בזבונא דאם לא היה שייך הטעם בחלופין למה פסק לאיסור הלא הולכים אחר כוונות החרמים בדתנן בטיפת צונן דמותר לשתות צונן שלא נתכוין אלא לשם אכילה · ונמשך לפי זה דאפילו אם יבא איזה גוי ויערער על אותו קרקע לומר שהוא שלו דמותר לו להר"ר משה לפשר את הגוי כדי שיחזיק הגוי הקרקע

און לובאַמל. אין דער צייט פון אָפּשליסן די ליטוויש־פּוילישע אוניע פון 1569 איז ליבעווע נאָך אַלץ געווען איינע פון די קהילות ראשיות אין דער געגנט[14].

די קריסטלעך־יידישע האַנדלס־באַציִונגען אויסערן תחום פון שטעטל זיינען געווען גאַנץ לעבעדיקע, באַזונדערס אויפן געביט פון אַרענדע. פון אַ לוסטראַציע פון יאָר 1564 איז צו זען, אַז צו לובאַמלער יידן האָבן געהערט אַכט שטיקער ערד־שטחים (פּאַרצעלן); האָבן אַרענדירט קאָרנמילן און דריי אָזיערעס, צאָלנדיק פאַרן פּאַכט מיט געלט, פעפער, זאַפראַן און פיש אויף אַ סך־הכלדיקער סומע פון 400 גאָלד־דוקאַטן. די יידן, וואָס האָבן אַרענדירט אַ מיל אַרום לובאַמל, ווערן אָנגעגעבן מיט די נעמען לאַסקאָ און מיכל[15].

14) ד"ר נ. ב. געלבער אין „פנקס הרובישוב", תל־אביב, 1962, ז' 31.

„הצופה לחכמת ישראל", בודאַפּעשט, תרצ"א, שנה 15, חוב' ב', ז' 87. אַרטיקל פון צבי הלוי איש הורוויץ „לקורות הקהילות בישראל". — ר' אליהו איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען אליהו בעל־שם, פון די גרעסטע רבנים אין זיין דור. ער ווערט געבראַכט אין שו"ת הב"ח, סימן עז' און אין שו"ת הרש"ל, סימן מב'. זיין אייניקל איז געווען דער מחבר פון באַקאַנטן ספר „חכם צבי", ר' צבי אשכנזי.

15) „Regesti i nadpisi" I, 1899, p. 241, Nr 537.

ג ד

נידון בערכאות שלהם שלא יהא שום שום שרעו ואין זה
כקונה בית מנוי שהחרימו עליו דמאחר שידוע דראובן
הקונה הראשון קנה הקרקע והבנוי בדיניהם וזכה בה
ובנוי זה מעליל על הר"מ להוציא ממנו ממון אין זה קונה
מנוי אלא מבריח ארי מנכסיו בלבד שהרי הקרקע כבר
היא שלו מן הדין כשקנאה מיורשי ראובן הנה התבאר
להוציא מלב המהנדזין ומפקפקין וברור הוא דאין להר"ם
לחוש בכאן מעונש חרם כלל דלשון החרם לא היה על
הקרקעות והבתים של גוים שלא יקנו מהם אלא על
אדם עצמו והוא מחרמי בטוי הגוף כלומר שאומרים כל
העושה דבר פלוני יהא בחרם והחרם חל עליו וחייבים
הכל לנהוג עמו כמו חרם לפרוש הימנו כדינו כו' ומ"מ
אין אוסרין עליו הקרקעות והבתים שקנה ושהרוים בהם
כיון שלא נזכר זה בחרם אם לא ייטעם קנס לקנוס אותו
משום מגדר מילתא כדי לגדר פרצת הדור וכו' וכדפרישת
וכתבאר באריכה בתשובות הריב"ש סימן קע"א וזה אין
לו מקום אלא לאותו שעבר על החרם אבל לא לבניו
אחריו ולאיש אחר הבא בגבולו דלא גרע מהמבשל בשבת
במזיד דהוא לא יאכל עולמית ואחרים אוכלין למוצאי שבת
לר' יהודה דהלכתא כוותי' וכש"כ בנדון דידן דמעולם לא
גזרו שלא לקנות מהקרקעות ובתים של גוים כדאמרן
שהוא דבר ברור הנראה לפי ע"ד כתבתי וחתמתי שמי
אנכי הקטן יואל בן לא"א מוהר"ר שמואל ז"ל ה"ה בחדש
אייר שס"א פה ק"ק לובמלא ·

ביז 1569 האָט וואָלין געהערט צום ליטווישן גרויס־פירשטנטום. אירע יידישע איינוווינערס זיינען, נאַטירלעך, געווען אונטערגעוואָרפן די געזעצן פון ליטע וואָס שייך געריכט, שטייערן וכדומה.

נאָך דער לובלינער אוניע, ווען וואָלין איז אָפּגעריסן געוואָרן פון ליטע און צוגעגעבן געוואָרן צו דער פּוילישער קרוין, איז דאָרטן, פאַרשטייט זיך, איינגעפירט געוואָרן דער פּוילישער געריכט־קאָדעקס אַנשטאָט דעם ליטווישן. דאָס האָט די ערשטע צייט געשאַפן אַ שטיקל פאַרפּלאָנטערטע לאַגע, האָט געבראַכט צו סכסוכים מיט יידן אין וואָלין און די באַאַמטע פון דער מאַכט האָבן גאַנץ אָפט אויסגענוצט דעם ניט קלאָרן מצב לרעה פון די יידן.

די יידן פון וואָלין האָבן אָבער ניט געשוויגן. זיי האָבן געפּרוווט דורך פאַרשידענע שתדלנותן באַווירקן די הויכע באַאַמטע אין דער ניי־צוגעקומענער פּוילישער געגנט, אַז זיי זאָלן זיך מער רעכענען מיט די אינטערעסן פון די דאָרטיקע ניי־צוגעקומענע יידן און ניט שיקאַנירן זיי דורך פאַלש אויסטייטשן די נייע געזעצן.

דאָס האָט אָבער ניט געהאַט קיין גרויסע פּעולה. האָבן דעריבער די יידן פון לויצק געפּרוווט מזל דורכן אינטערווענירן ביים ראש פון דער מלוכה, צום קעניג אַליין. אין 1576 האָבן זיי אַוועקגעשיקט צום דעמאָלטיקן פּוילישן קעניג סטעפאַן באַטאָרי אַ מעמאָראַנדום, אין וועלכן זיי רעכענען אויס די עוולות, וואָס ווערן באַגאַנגען לגבי די יידן אין די ניי־צוגעקומענע געביטן פון וואָלין, און זיי בעטן דעריבער, אַז ער זאָל די דאָזיקע יידן געבן די זעלביקע רעכט, ווי עס האָבן אַלע יידן אין אַלע טיילן פון פּוילן.

דעם ערשטן דעצעמבער 1576 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ קעניגלעכער דעקרעט, וואָס האָט דעקלאַרירט די גלייכע רעכט פון די יידן אין וואָלין מיט די רעכט פון די יידן איבער גאַנץ פּוילן.

דאָס האָט זיך פּאָזיטיוו אָפּגערופן אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די יידישע קיבוצים אין וואָלין. די פאַרגרעסערטע יידישע אינעווייניקסטע אימיגראַציע אין פּוילן אָנהייב צווייטע העלפט פון זעכצנטן יאָרהונדערט און בעיקר נאָך דער לובלינער אוניע, איז געוואָרן נאָך אינטענסיווער. יידישע קהילות ווערן גרעסער, אַרום די שטעט וואַקסן אויס יידישע שטעטלעך און שפּעטער מערט זיך די צאָל פון יידישע דאָרפישע ישובים[16].

דאָס איז געווען אַ דירעקטע אויסוויקלונג פון דער

16) ד"ר יעקב שאַצקי אין זיין אַריינפיר צו נתן־נטע האַנאָווערס „יון מצולה", ווילנע, 1938, ז' 28.

אַרומנעמיקער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט, וואָס די גרויסע פּריצים אין וואָלין, פּאָדאָליע און אוקראַינע האָבן אָנגעהויבן אין דער צווייטער העלפט פון זעכצנטן יאָרהונדערט.

אין אָט דער תקופה האָבן זיי אויסגעבויט אַ צאָל נייע שטעט, ווו עס האָבן זיך באַזעצט אַ סך יידן. די דאָזיקע יידן זיינען געקומען פון פאַרשידענע ערטער אין פּוילן, אָבער בייחוד פון שטעט, ווו זיי האָבן געמוזט פירן אַן אומאויפהערלעכן שווערן קאַמף מיט די שטאָטישע קריסטן („מעשטשאַנעס״), וועלכע זיינען געווען קעגן געבן רעכט די יידן צו לעבן צווישן זיי. אַ סך יידן האָבן זיך מייאש געווען פון זייער קאַמף, האָבן מוותר געווען אויף זייערע פּאָזיציעס און האָבן עמיגרירט אין די מזרח־געביטן פון לאַנד, ווו זיי האָבן זיך באַזעצט אין די נייע שטעט, וואָס יורידיש זיינען זיי געווען דאָס פּריוואַט־אייגנטום פון דעם פּריץ, וואָס האָט אַזאַ שטאָט אויסגעבויט.

„די דאָזיקע פּריצים־אַדללייט זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין דעם וווּקס פון זייערע שטעט און אין זייער אַנטוויקלונג, דעריבער זיינען זיי געווען ווילליק צו געבן די יידן, וואָס באַזעצן זיך אין זיי, ברייטע רעכט. דאָ זיינען ניט געווען קיין שום באַגרענעצונגען אין האַנדל און מלאכה און אויך ניט אין די באַדינגונגען פון קאָלאָניזאַציע און באַוווינונג.

אין די הענט פון יידן זיינען קאָנצענטרירט געוואָרן דער גאַנצער מסחר, מלאכות און אויך פיל אינדוסטריע־צווייגן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע.

די יידן האָבן גענאָסן פון וואָלרעכט צו די שטאָטישע ראַטן און זיי זיינען געווען פריי פון שטייערן און אָפּצאָלן פאַר דער מלוכה־קאַסע.

דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן, כדי זיי צו דערמעגלעכן גינסטיקע באַדינגונגען פון אַנטוויקלונג. אין די דאָזיקע שטעט האָבן די יידן פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם שטאָטישן מיטלקלאַס, וואָס יעדער אייגנטימער פון אַ פּריוואַטער שטאָט איז געווען פאַראינטערעסירט אין זייער עקזיסטענץ״. אַזוי שילדערט די דעמאָלטיקע לאַגע ד״ר נ. ב. געלבער [17].

אַן ענלעך בילד פון דער יידישער לאַגע אין וואָלין אין יענער צייט מאָלט אונדז אַ צווייטער באַקאַנטער יידישער היסטאָריקער, ד״ר רפאל מאַהלער. ער שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ אויף דער עקאָנאָמישער זייט פון דער אַנטוויקלונג און אויך יידישע פּרנסות. ער שרייבט:

„די שטאַרק־אַנטוויקלטע קאָמערציאַליזאַציע פון די פּוילישע גיטער אין שייכות מיטן וווּקס פון עקספּאָרט פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן און פאַרבינדונג מיט דער אַנטשטייונג פון אַ באַדייטנדיקער משקאות־אינדוסטריע האָט שוין אין זעכצנטן און באַזונדערס אין זיבעצנטן יאָרהונדערט אַריינגעצויגן אַ גרויסע צאָל יידן אין דער אַרענדע פון פּריצישע הכנסות״ [18]. אַזאַ סאָרט אַרענדע איז געווען בעיקר פאַרשפּרייט אין דרום־מזרח־פּוילן, אויך אין וואָלין.

עס פלעגט אויך טרעפן — אין וואָלין, ווי אין אַנדערע דרום־מזרח־געביטן — אַז די פּויליש־רוסישע מאַגנאַטן פלעגן דעם יידישן אַרענדאַר איבערגעבן צוזאַמען מיט דער פּאַכט פון די הכנסות אין מזומן אויך די גאַנצע אַדמיניסטראַציע פון זייערע ריזיקע גיטער, אַריינגערעכנט די שטעטלעך. אַזעלכע אַרענדאַרן פלעגן ממילא געוועלטיקן אויפן אָרט פון פּריץ איבער די לייבאייגענע פּויערים.

דאָס איז אַלץ וויכטיק צו האָבן פאַר די אויגן, ווייל לובאָמל האָט זיך געפונען אין יענע מקומות, ווו די דאָזיקע פּראָצעסן זיינען פאָרגעקומען און זי האָט ניט געקענט בלייבן ניט באַרירט פון זיי. מיר האָבן שוין פריִער געזען, אַז לובאָמלער יידן האָבן זיך געהאַט פאַרנומען מיט פּאַכט און אויך שפּעטער טרעפן מיר זיי אַן ווי אַרענדאַרן — און פון אַ גאַנץ גרויסן פאַרנעם.

אונדז איז באַקאַנט אַ ייד פון לובאָמל, וואָס איז געווען אַן אַרענדאַטאָר פון ניט קיין קליינעם פאַרנעם אין דער ערשטער העלפט פון זיבעצנטן יאָרהונדערט. זיין נאָמען איז געווען שמואל אַראָנאָוויטש און ער איז געווען אַ מוכסן פון בראַנפן און אַ פּאַכטער פון אַנדערע שטאָטישע הכנסות. אין 1611 האָט אַ קעניגלעכער דעקרעט פאַרלענגערט זיין פּאַכט אויף צוואַנציק יאָר [19].

אָבער ס׳איז געווען ניט בלויז די פראַגע פון פּאַכטן מילן, בראַנפן־ברויערייען, אַזערעס אָדער גאַנצע גיטער, וואָס געפינען זיך אויסערן תחום פון שטעטל. עס זיינען טאַקע דעמאָלט שטאַרק אויסגעוואַקסן די יידישע דאָרפישע ישובים, אָבער אין די שטעט האָבן אַלץ געלעבט מערער יידן און פאַר אַ סך פון זיי, וואָס האָבן זיך ניט געקענט פאַרנעמען מיט מסחר, איז די הויפּטפּראָבלעם פון זייער חיונה געווען די מעגלעכקייט פון קריגן אַרבעט אָדער טאָן וואָס פאַר אַ ס׳איז מלאכה.

און גראָד אויפן דאָזיקן געביט האָבן יידן זיך אָנגעשטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן. ניט נאָר אין פּוילן בכלל, נאָר אויך אין אירע מזרח־געביטן האָבן יידישע בעלי־מלאכות געהאַט אויסצושטיין נגישות און רדיפות

17) „ספר בוטשאַטש״, תל־אביב, תשט״ז, ז׳ 45.

18) „די יידן אין פּוילן״. ניו־יאָרק, 1946, ב׳ ו׳ ז׳ 66.

19) דאָרטן, ז׳ 63.

סיי מצד דעם געזעץ, סיי מצד די קריסטלעכע האַנטווערקערס.

אָבער דאָס איז געווען בלויז אין די גרעסערע שטעט. אין די קלענערע שטעט פון וואָלין — און לובאָמל האָט דאָך געהערט צו דעם סאָרט לויט איר גרייס — האָבן יידן בדרך־כלל געהאַט דאָס רעכט זיך צו פאַרנעמען מיט מלאכה און אין געוויסע פאַלן האָבן זיי אַפילו געמעגט ווערן מיטגלידער פון די אַלגעמיינע האַנטווערקער־צעכן.

אין אַ ריי שטעט פון וואָלין האָבן יידישע בעלי־מלאכות (שניידערס, קירזשנערס, שוסטערס, אַפילו בעקערס), אין זעכצנטן און זיבעצנטן יאָרהונדערט געמעגט פאַרקויפן זייערע אויסאַרבעטונגען ניט נאָר לאָקאַל, נאָר אויך אין אַנדערע ערטער. פאַרן דאָזיקן רעכט פלעגן די יידישע האַנטווערקערס אָפּצאָלן אַ געוויסע סומע די קריסטלעכע צעכן [20].

אויף וויפל לובאָמלער יידן האָבן זיך דעמאָלט פאַרנומען מיט מסחר אין און אויסער זייער שטעטל, האָט אַ גרויסער טייל פון זיי געהאַנדלט מיט לעדער, תבואה, אָקסן און טעקסטיל־סחורות, ווי דאָס איז געווען דער פאַל בכלל מיט אַ גרויסער צאָל יידן אויפן שטח כעלם — בעלז.

ווען מען רעדט שוין וועגן האַנדל אין די דאָזיקע מקומות, איז כדאי דאָ צו דערמאָנען די מיינונג פון היסטאָריקערס וועגן דעם גרונט־אונטערשיד אין דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון יידן אין פוילן (גרויס־ און קליין־פוילן און מאַזאָוויע) און פון די יידן אין וואָלין, רייסן און ליטע. פון גערינכטלעכע אַקטן איז צו זען, אַז בעת די יידן פון דער ערשטער גרופּע ווערן ס׳רוב דערמאָנט בשייכות מיט זייערע וווּכער־געשעפטן, ווערן די נעמען פון יידן פון דער צווייטער גרופּע בעיקר פאַרבונדן מיט האַנדל־טראַנזאַקציעס. אַפילו די דאָרטיקע יידן באַנקירן זיינען אין אַ ריי פאַלן באַקאַנט ווי באַטייטיקע סוחרים.

אין דער בליצייט פון די יידן אין לובאָמל פאַלט אויך אויס די גלאַנץ־תקופה פון די שטעטלשע רבנים. אַן ערך 50—60 יאָר — פון לעצטן פערטל זעכצנטן יאָרהונדערט ביזן אָנהייב אָדער מיטן צווייטן פערטל זיבעצנטן יאָרהונדערט — זיינען אויפן לובאָמלער כסא־הרבנות געזעסן רבנים, וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַר גדולים וגאונים אין זייער דור. טייל פון די דאָזיקע רבנים האָבן אויך געהאַט ישיבות אין לובאָמל. אויך תלמידים פון אַנדערע מקומות פלעגן קומען אַהין, כדי צו לערנען תורה ביי יענע גאונים, וועגן וועלכע דער מדובר וועט זיין שפּעטער.

די כמעלניצקי־הריגות

אין משך פון עטלעכע דורות האָט זיך די יידישע קהילה אַלץ מער און מער אויסגעבויט און מיט דער צייט זיך אויך פונאַנדערגעוואַקסן. די יידישע באַזעסנקייט אין שטעטל איז געוואָרן פאַרוואָרצלטער, די יידישע פּאָזיציעס זיינען פאַרשטאַרקט געוואָרן און די לובאָמלער יידן האָבן מיט צוטרוי געקענט קוקן אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון זייער קליינעם ישוב.

אָבער מיט אַ מאָל זיינען די הימלען איבער די יידן אין גאַנץ וואָלין פאַרכמאַרעט געוואָרן. עס האָט גענומען שפּריצן פייער אויף די יידישע ישובים פון וואָלין, אוקראַינע, פּאָדאָליע און פוילן, אַ מערדערישע שווערד האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף זייערע קעפּ — עס זיינען געקומען די שרעקלעכע יידן־הריגות דורך כמעלניצקי און זיינע קאָזאַקן־באַנדעס, עס איז געקומען די שרעקלעכסטע תקופה אין דער ביז דעמאָלטיקער גלות־געשיכטע פון יידישן פאָלק — די מאַסנמאָרדן און חורבנות פון ת״ח ות״ט.

די כמעלניצקי־באַנדעס האָבן ווי אַ שטורעם זיך געטראָגן איבער יידישע שטעטלעך און ישובים, האָבן געבערענט און געשענדט און געמאָרדעט. אין אַן אַ שיעור יידישע קיבוצים איז אַפילו קיין איין נפש ניט געבליבן ביים לעבן. די געציילטע יידישע ישובים, וואָס זיינען ניט חרוב געוואָרן פון די אוקראַינישע רוצחים, האָבן געקענט דאַנקען בלויז דעם בלינדן צופאַל, ווייל מער ווי אַ מזלדיקער צופאַל פאַר זיי איז עס ניט געווען. די יידן אין לובאָמל האָט אַזאַ צופאַל ניט צוגעשפּילט.

דאָס גרויסע אומגליק האָט זיך אָנגעטראָגן גראָד אין דעם יאָר, אויף וועלכן די יידישע מאַסן האָבן געהאַט געלייגט גרויסע האָפענונגען, אין דעם יאָר ת״ח (1648).

די פרומע יידישע מאַסן — און וועלכער ייד איז דעמאָלט ניט פרום געווען ? — האָבן געגלייבט, אַז אין יאָר ת״ח וועט קומען די גאולה פאַר יידן. יאָרן אויף יאָרן האָבן יידן געשמועסט צווישן זיך וועגן דער פאָרויסזאָגונג פון הייליקן ספר „זהר״, אַז אין יאָר ז א ת, וואָס איז גלייך צום ציפער־באַטייט פון די אותיות אין ת״ח, וועלן יידן אויסגעלייזט ווערן פון זייערע צרות און „וישוב איש אל אחוזתו״.

וואָס גראָד אין איינגעגלייבטן יאָר פון גאולה איז געקומען דאָס יאָר פון חורבן, האָט די יידן נאָך מער צעטומלט און זייערע הערצער נאָך מער פאַריאושט.

וויפל יידן זיינען אומגעקומען דורך די כמעלניצקי־שחיטות — וועגן דעם זיינען פאַראַן חילוקי־דעות ניט

---

20) דאָרטן, זייטן 69, 81.

נאר צווישן היסטאָריקערס, נאָר אויך צווישן די עדי־ראיה, וואָס האָבן עס דערנאָך באַשריבן.

אין איינער פון די קינות אויף „גזרות ת״ח״ רעדט זיך וועגן אומגעבראַכטע 300 יידישע קהילות. אין „יון מצולה״ — פון די גרונט־ספרים וועגן יענער תקופה — ווערט דערציילט וועגן חרוב געוואָרענע 700 קהילות. ביים בעל „צער בת רבים״ איז זייער צאָל 744. ר׳ מרדכי פון קרעזמיר שאַצט די צאָל יידישע הרוגים אויף 120 טויזנט נפשות, דער „מגילת עיפה״ גיט אָן „כמה אלפים״ און דער „טיט היון״ — אָן אַנדער ציפער.

וואָס שייך דעם חורבן־וואָלין, שטעלט פעסט דער רוסישער שרייבער וולאַדימירעק באַדאַנאָוו, אַז אין די יאָרן 1649—1652, אין דער צייט פון כמעלניצקי־אויפשטאַנד, זיינען אין וואָלין אויסגעהרגעט געוואָרן נייַציק פראָצענט פון די דאָרטיקע יידן. צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען די יידן פון לובאָמל.

כמעט אין אַלע מקורות, ווו עס ווערט דערציילט וועגן ת״ח ות״ט, ווערט לובאָמל דערמאָנט ווי איינער פון די אָפּגעווישטע ישובים. אין טייל שריפטן פון אַנדערע בני־דור ווערט דאָס שטעטל ניט אָנגערופן ביים נאָמען, אָבער פון זייער גאַנצער שילדערונג וועגן יענער אומגליקלעכער צייט איז קלאָר, אַז אויך לובאָמל איז געוועזן אַ קרבן פון די כמעלניצקי־מערדערס.

אין „צוק העתים״ פון מאיר שעברשין ווערט לובאָמל ספּעציעל ניט דערמאָנט. ער רעדט וועגן קרעמעניץ, לויצק, לודמיר, דובנאָ, בעלז. אָבער דערביי דערציילט ער אונדז, אַז —

„בגליל חעלים וכל סביבות נהרגו יהודים בעונות לרבבות על קדושת בוחן לבבות״.

ס׳איז קלאָר, אַז דער „בגליל חעלים וכל סביבות״ נעמט אַריין אויך לובאָמל, וואָס אין איר גאַנצער אַל־

שאלה קו

בעסק אשה עגונה שנהרג בעלה והעידו ע״ז שני עדים

כאשר העתקתי העדות מלה במלה וכקש מאתי לחוות דעי מרחוק אם האשה מותרת להתנסבא עפ״י העדות או לאו:

וזהו ההעתק מעדות האשה העגונה.

זאת לדעת. לכל בר דעת איך שאני מעיד על זאת בתורת עדות כאלו אני עומד בפני ב״ד הגדול שבישראל איך שאני היה בגזירת שולטשין והיה שם משה בר שמואל שמש דק״ק לובלמא עם דג׳ ינשי׳ ונהרג ב״מ על כף פדר שלו וראיתי בעיני ובגזירה ההיא לא נמלטו רק י״ב אנשי׳ עמי. על זאת אני מעיד בתורת עדות ובחומר חרם ובש״ד כאלו אני עומד בפני ב״ד הגדול נעשה היום יום ד׳ כ״ו. מנחם תמ״ל על זאת נעיד בא״י דלמטה נאם יוסף בלא״א פסח שלי״ט:

בפני הודה כמר יוסף הנ״ל שהחתימה הנ״ל הוא ח״י בכן אשרתיה וקיימתיה כדחזי נאם אהרן בלא״א יצחק ז״ל ש״ץ דק״ק סעמיקטין לע״ע.

כתב השני הן אמת שאנחנו. ח״מ ידענו בבירור גמור וברור לנו כשמש איך שכמר משה בר שמואל הנקרא בפי כל אדם בער מירוואשר שהוא שמש בקהלתינו בק״ק לובמלא ונהרג על קדושת השם כשאר קדושים הנהרגי׳ על קדושת השם ומה שידענו בבירור אמת ידענו וכתבנו וחתמנו לעדות ולראי׳ היום יום וכו׳ יהודא ליב בן הר״ר משה כ״ץ ש״ץ ז״ל עכ״ל הכתב השני ולא נודע וניכר חתימת זה העד והכתבי׳ יוצאים מיד אחי האשה שהוא גבה העדות:

לשון הב״ד שהוגבה בק״ק ווענגראווא

במותב תלתא כ״ד כחדא הוינא ואתא לקדמנא האשה מרת חנה בת אברהם והגידה בחרם ז״ל פר מיין יחר זיין היא נייט געוועזן פון ק״ק לובאמא אונ׳ איין אמן איט זיין ווייב זיין ביים אנדר געזעסין מיז נו ריר געקומן פון דער משה טעמריל דז זיא מיז איין כלה געוועזן אונ׳ דר שירוק מיז אב גגגין דו אן ניט וויש אויב איר אמן נעבט אבר טוט ו ער הט דיא זעלביגי משה גירעט ער מיז דחק גיהרגת. וומרן איר. אמן אונ׳ איר אמן מיז דער ביים געוועזין אונ׳ האט ניטט גירעט עכ״ל הוגבה כדת וכדין שלא בפני האשה מרת טעמריל בת אהרן מלובמלא היום יום א׳ ו״ך אייר תיב״ל עכ״ל העדיות מלה במלה.

תשובה הנה לענין גוף העדות מיתת בעלה אף שלכאורה היה נראה להתיר אשה זו אף דבעינן במלחמה קברתיו היינו בעד אחד לפי רוב הפוסקים מ״מ הכא דאיכא שני עדים דהיינו הש״ץ דק״ק במעריטין והשני יהודא ליב ש״ץ שהעידו שמשה שהיה שמש בק״ק לובמלא נהרג וא״כ לא שייך בדדמי. וא״כ יש להתירה. אכן יש לפקפק אהיתר זה כיון דהאמר בגמרא והא מאה בשים כחד דמי׳ וכו׳.

מתוך: שאלות ותשובות עבודות הגרשוני חלק ראשון, שחובר כמוהר״ר גרשון אשכנזי זצ״ל ונדפס פה פרנקפורט דמיין, בשנת למשפט לפ״ק (חנ״ט) עמ׳ פ״ד „א״.

טער געשיכטע איז זי געווען פֿאַרבונדן מיטן כעלמער קריין [21].

אין נתן־נטע האַנאָווערס „יון מצולה" ווערט שוין קלאָר געזאָגט, „גם במדינה וואָלין בק"ק לאָדמיר ובק"ק לובעמלאַ ובק"ק לויצק ובק"ק קרעמינץ ואגפיה עשו הריגות גדולות כמה אלפי יהודים".

און אין יידישער איבערזעצונג:

„אויך אין דער מדינה וואָלין, אין די קהילות לודמער, לובאָמל, לויצק, קרעמענעץ און זייערע ביי־קהילות האָבן זיי געמאַכט גרויסע שחיטות און געהרגעט טויזנטער יידן" [22].

און אין „טיט היון" פון שמואל פייביש בר' נתן פייטל ווערט שוין גערעדט ספּעציעל וועגן לובאָמל און עס ווערט אַפילו אָנגעגעבן די צאָל הרוגים פון שטעטל:

„...ומשם הלך להק"ק לובמילה ושם שש מאות ב"ב ונהרגו כמעט כולם" [23].

(און פון דאָרטן איז ער געגאַנגען צו דער קהילה לובאָמיל און דאָרטן זיינען געווען זעקס הונדערט ב"ב און זיי זיינען כמעט אַלע אויסגעהרגעט געוואָרן).

שמואל פייביש איז טאַקע געווען אַ בן־דור פון די גזרות ת"ח ות"ט, פון דעסט וועגן קען מען אָננעמען, אַז זיין ציפער פון „שש מאות" איז מער געבויט אויף השערה, ווי אויף סטאַטיסטיק. אַ בערכדיקע פאַרשטעלונג וועגן דער צאָל יידן אין לובאָמל אין יענע יאָרן קען עס אונדז אפשר דאָך געבן. דאָ קומט אָבער אויף אַ נייער מכשול: דער מחבר נוצט אין זיין „סטאַטיסטיק" אַ ראשי־תבות, וואָס מען דאַרף עס דעשיפרירן.

דער געוויינלעכער און מער אָנגענומענער טייטש פון „ב"ב" איז בעלי־בתים. אַזוי האָבן מיר געזען דערקלערט אויך פון היסטאָריקערס, וואָס האָבן באַרירט דעם דאָזיקן קאַפּיטל יידישע געשיכטע. אונדז לייגט זיך דאָס אָבער ניט אויפן שכל. אויב מען זאָל אָננעמען זייער דערקלערונג פאַר ריכטיק, קומט אויס זייער אַ גוזמאדיקע צאָל יידן אויף ליבעוונע אין יענער צייט. ווייל דאָס וואָרט „בעלי־בתים" מיינט ראשי־משפחה, און היות אַ יידישע פאַמיליע אין יענער תקופה איז ס'רוב באַשטאַנען אין דורכשניט פון 4—5 מיטגלידער — שוין אַריינגערעכנט די משפחות אָן קינדער — באַקומט זיך, אַז אין לובאָמל האָבן 1648—49 געלעבט אַ 2.400—3.000 יידן, — און דאָס זעט אויס זייער איבערגעטריבן.

אונדזער טייטש פון דעם דערמאָנטן ראשי־תיבות־דיקן וואָרט „ב"ב" איז, לכן, ניט בעלי־בתים, נאָר **בני־ברית**, וואָס דאָס מיינט **נפשות**, און דאָס קען שוין זיין, אַ ביסל מער אָדער ווייניקער, אַ רעאַלע ציפער פאַר די יידישע תושבים אין לובאָמל אין יענע יאָרן.

פון די הרוגי ת"ח ות"ט אין לובאָמל — און פון די הריגות אין די ווייטערדיקע פּאָר צענדליק יאָר — זיינען ניט פאַרבליבן קיין נעמען. אָן אויסנאַם איז איינער, אָבער אויך ער איז ניט געפאַלן אין ליבעוונע, נאָר אין טולטשין. זיין נאָמען איז געווען משה בר (בער) שמואל און ער איז געווען שמש אין ליבעוונע. מען פלעגט אים רופן בער מירוואַר. צוויי פון די עדות זיינען אויך געווען ליבעוונער: יהודה ליב בן הר"ר כ"ץ און טעמעריל בת אהרן. אַזוי ווערט איבערגעגעבן אין באַקאַנטן ספר „עבודת הגרשוני" פון ר' גרשון אשכנזי, שאלה ו'. (פראַנקפורט ד'מאַין, תנ"ט).

פון די פאַרשידענע באַשרייבונגען פון בני־דור וועגן די גזרות ת"ח ות"ט דערוויסן מיר זיך אומדירעקט אויך וועגן דער פּאָזיציע, וואָס לובאָמל האָט דעמאָלט פאַרנומען אינעם יידישן לעבן פון דער גרויסער סביבה אַרום.

אין דער פריִער־געבראַכטער ציטאַטע פון „יון מצולה" ווערט לובאָמל אָנגערופן צוזאַמען מיט די גרויסע קהילות לודמיר, לויצק, קרעמעניץ און דערנאָך ווערט צוגעגעבן און „זייערע ביי־קהילות".

פון דעם, ווי אויך פון אַנדערע מאַטעריאַלן, זעען מיר, אַז האָרט פאַרן חורבן־כמעלניצקי, ביים סוף ערשטער העלפט פון זיבעצנטן יאָרהונדערט, איז נאָך אין ליבעוונע געווען אַ חשובע קהילה און פאַרנומען אַ קענטיקע פּאָזיציע אין דעם אינערלעך יידישן לעבן פון דער אַרומיקער סביבה.

✶

אַזאַ טאָטאַלע פאַרניכטונג, ווי די כמעלניצקי־רוצחים האָבן דורכגעפירט אין לובאָמל, האָט געמוזט גורם זיין דערצו, אַז די אַנטוויקלונג פון איר יידישן ישוב זאָל לחלוטין אָפּגעשטעלט ווערן — ס'איז דאָך שוין גאָר קיין ישוב ניט געווען — נאָר אַז מען זאָל גאָר פון ס'ניי אָנהייבן בויען דאָרטן אַ יידיש לעבן.

ווער זאָל עס בויען?

— אויב עס זיינען על פּי נס געבליבן אַ פּאָר ליי־בעוונער יידן, זיינען זיי ניט געווען מסוגל עס צו טאָן.

די יידן פון אַרום?

אויך אַרומיקע ישובים זיינען דאָך חרוב געוואָרן פון די כמעלניצקי־מערדערס און די יידן דאָרטן זיינען אויס־געהרגעט געוואָרן.

---

21) „אוצר הספרות", קראקא, תרמ"ט—תר"ן, ז' 123.

22) „יון מצולה" (מהדורה מצולמת), ירושלים תשכ"ח, סיפּורי הגזרות בשנות ת"ח ות"ט, עמ' 37 און ד"ר שאַצקיס אויסגאַבע אונטערן נאָמען „גזרות ת"ח". ניו־יאָרק, 1938, ז' 58.

23) ח. י. גורלאַנד, לקורות הגזרות בישראל, קראקא 1898. ז' 16.

אַזוי קומט אויס על פּי שכל. אָבער די יידישע געשיכטע פירט זיך ניט על פּי שכל.

תיכף נאָך די כמעלניצקי־פּאָגראָמען האָט מען זיך ווידער גענומען אויפשטעלן אַ יידישן ישוב אין לובאָמל. יידן זיינען געקומען פון די אַרומיקע ריזיקע וועלדער, ווו זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פון די הריגות. עס זיינען אויך מסתמא פאַרוואָגלט געוואָרן אַהער יידן, וואָס זיינען — ווי געוויינלעך אין אַזעלכע שרעקלעכע צייטן — געלאָפן וווהין די אויגן האָבן זיי געטראָגן און זיינען געבליבן דאָ שטעקן, ווען די פּאָגראָמען האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

איינס קען מען אָננעמען פאַר זיכער, אַז די אַלטע יידישע תושבים פון ליבעוונע זיינען אויסגעראָטן געוואָרן, און אויב אַ יידישער ישוב אין שטעטל האָט זיך אָנגעהויבן בויען פון ס'ניי, איז דאָס געטאָן געוואָרן מערסטנס דורך גאַנץ נייע עלעמענטן.

אוודאי האָט זיך אַ נייע יידישע קהילה אין שטעטל ניט אויסגעפאָרמירט אין איין אָדער צוויי יאָר, אָבער דער טעמפּ פון אויפלעבן איז געוואָרן אַ סך גיכער, ווי מען וואָלט עס געקענט אָננעמען.

דאָס איז צוצושרייבן ניט בלויז דער כמעט מיסטישער יידיש־פאָלקישער וויטאַליטעט אין צייטן פון גרויסע סכנות פאַרן קיום פון עם ישראל. אויך דאָס, אָבער ניט קיין קלענערע ראָלע האָבן אין דעם פאַל געשפּילט די ספּעציפישע אָביעקטיווע באַדינגונגען.

אין יענער תקופה זיינען ניט נאָר די יידישע עקאָנאָמישע אינטערעסן געווען פאַרבונדן מיט די פּריצים און פירשטן און אַנדערע אַרומיקע אַדללייט; די ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן פון די לעצטע זיינען ניט ווייניקער געווען אָנגעוויזן אויף דער דינאַמישער פאַרמיטלערישקייט פון דעם יידן, אויף זיין פּאַכט און אַרענדע. די פּריצים זיינען געווען לעבנס־פאַראינטערעסירט, אַז מען זאָל דינגען זייערע וועלדער, מען זאָל פירן זייער האַלץ, מען זאָל פישן אין זייערע אָזיערעס, מען זאָל מאָלן אין זייערע מילן, מען זאָל ברייען זייער בראַנפן, מען זאָל פירן זייערע הויפן, מען זאָל מאָנען זייערע חובות — און די בעסטע אויפן דאָזיקן געביט האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין די יידן. דעריבער האָבן די פּריצים און מאַגנאַטן געטאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן געקענט, כדי צו דערמוטיקן יידן צו קומען אין די חרובע ישובים און זיי אויפבויען פון דאָס ניי.

דערמיט דערקלערן מיר די סיבה פון דעם גיכן צוריקאויפבוי פון יידישן ישוב אין ליבעוונע.

אַז דאָס איז אַזוי געשען, קען מען זען פון דעם, וואָס שוין אין 1671 האָט קעניג מיכאַל ווישניאָוויעצקי פון ס'ניי באַשטעטיקט אַלע פריִערדיקע פּריווילעגיעס פון די לובאָמלער יידן. וואָלט דער יידישער קיבוץ אין לובאָמל דאַן נאָך געווען האַלב חרוב און פּוסט און וואָלט פאַרגעשטעלט מיט זיך נאָך אַ קליינעם דאָרפישן ישוב, וואָלט דער פוילישער קעניג ניט אַרויסגעגעבן קיין נייע באַשטעטיקונג פאַר די שטעטישע פּריווילעגיעס, וואָס די דאָרטיקע יידן האָבן פריִער געהאַט [24].

בכן, אין ווייניקער ווי אין צוואַנציק יאָר אַרום נאָכן אונטערדריקן דעם כמעלניצקי־אויפשטאַנד (אין 1652) האָט שוין ווידער פונקציאָנירט אין לובאָמל אַ יידישע קהילה און, ווי ס'ווייזט אויס, אַ רירעוודיקע און ניט קיין צו אָרעמע קהילה.

אַז די יידישע קהילה אין לובאָמל האָט זיך גאַנץ גיך אַרויפגעאַרבעט צו איר סטאַטוס ביז ת"ח־ות"ט און אַז זי איז טאַקע ניט באַשטאַנען פון אַן אָרעמער עדה יידן, קען מען נאָך בולטער זען פון אַ דאָקומענט, וואָס איז נאָך מיט פיר יאָר עלטער פון קעניג ווישניאָוויעצקיס דעקרעט פון 1671.

אין די פּראָטאָקאָלן פון ועד ארבע ארצות פון יאָר תכ"ז (1667) ווערט אָנגעגעבן די פאַרטיילונג פון דעם „מס הגלגלת" (קאָפּשטייער) פאַר יענעם יאָר. די פאַרטיילונג ווערט געמאַכט לויטן גליל, אָבער די גרעסערע שטעט ווערן אויסגעטיילט באַזונדער — און צווישן זיי געפינט זיך אויך לובאָמל, און דאָס איז געווען בלויז פופצן יאָר נאָכן אונטערדריקן דעם כמעלניצקי־אויפשטאַנד.

כדי זיך צו שאַפן אַ קלאָרער בילד פון דער אינטער־יידישער פּאָזיציע פון ליבעוונע, איז נייטיק צו מאַכן דאָ עטלעכע פאַרגלייכן פון דעם „מס הגלגלת", ווי מיר געפינען דאָס אין פריִער דערמאָנטן פּראָטאָקאָל.

דער קאָפּשטייער פאַרן לובאָמלער קהל איז פעסטגעשטעלט אויף דער סומע פון 8,100 גולדן, פאַר דער שטאָט פּויזן — 1,600, פאַר דער שטאָט פּשעמישל — 7,220, פאַר דער שטאָט טיקטין — 1,520 און פאַרן גאַנצן גליל פון צוזמיר (צויזמער) 8,460. בעלז איז באַשטייערט געוואָרן מיטן זעלביקן סכום ווי לובאָמל 8,460 גולדן [25].

דאָס ווייזט אויפן גיכן עקאָנאָמישן אויפשטייג פון די לובאָמלער יידן אין אַ רעלאַטיוו גאָר קורצער צייט

---

24) M. Bersohn. Dyplomatarjusz dotyczący Żydów w dawnej Polsce. Warszawa, 1910, Nr 291.

25) „פנקס ועד ארבע ארצות", בידי ישראל האלפרין, ירושלים, תש"ה, ז' 495.

נאָכן חורבן כמעלניצקי און אויף איר ווידער ווערן אַ קהילה ראשית אין יענער געגנט.

אַן ערך אין דער דאַזיקער צייט, דאָס הייסט: אין ערשטן אָדער צווייטן צענדליק פון זיבעצנטן יאָרהונדערט — און דאָס איז נאָך אַ שלאַגיקער באַווייז פאַרן גיכן ווידעראויפבוי פון יידישן לובאָמל — פאַלט אויס דער אויפבוי פון דער לובאָמלער גרויסער שול.

די דאַזיקע שול איז איינע פון די עלטסטע שולן אין פוילן. זי איז געווען באַרימט מיט איר אַרכיטעקטאָנישן געבוי און מיט דער אינעווייניקסטער גרויסקינסטלערישער אויסשטאַטונג, ספּעציעל פון ארון־קודש. זי געהערט צו דער קאַטעגאָריע באַפעסטיקטע שולן, וואָס האָבן געדינט אויך פאַר פאַרטיידיקונגס־צוועקן.

די צאָל פון דער סאָרט שולן איז געווען באַזונדערס גרויס אין די מזרחדיקע ראַנדגעביטן פון דער פוילישער מלוכה.

צו בויען אַזעלכע שולן, וואָס זאָלן זיין באַפעסטיקטע פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס אין פאַל פון אָנפאַלן פון שונאים, איז באַפוילן געוואָרן פון דער מלוכה.

אין יענע אומרו:קע צייטן, ווען די מלוכה איז נאָך ווייט ניט געווען אַזוי אַנטוויקלט, אַז זי זאָל קענען שיצן אירע תושבים אין אַלע טיילן פון לאַנד, זיינען פיל שטעט אָדער ישובים אין סטראַטעגישע ערטער געבויט געוואָרן ווי באַפעסטיקטע פאַרטיידיקונגס־פונקטן.

אויב די שולן זיינען געבויט געוואָרן אין תחום פון דער באַפעסטיקטער שטאָט, איז אויף זיי ניט חל געווען דער באַפעל, אַז זיי דאַרפן געבויט ווערן אַזוי, אַז מען זאָל זיי קענען נוצן אין אַן עת־צרה ווי פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס. די שולן זיינען דעמאָלט געשיצט געוואָרן פון דער גאַנצער פאַרטיידיקונגס־סיסטעם אין שטאָט, אין וועלכער אויך די יידן דאַרטן האָבן געהאַט אַ חלק.

דער באַפעל פון דער מלוכה צו בויען באַפעסטיקטע שולן איז אָבער חל געווען אויף ערטער, וואָס האָבן זיך געפונען מחוץ די באַפעסטיקונגען פון דער שטאָט.

צו בויען אַזאַ סאָרט שול האָט אָפגעקאָסט אַ סך מער געלט, ווי אַ געוויינלעכע שול. דעריבער האָבן קליינע און אָרעמע יידישע קהילות געבויט זייערע בתי־מדרשים אין די גרענעצן פון דער באַפעסטיקטער שטאָט, אָבער די רייכע און מער באַפעלקערטע יידישע קהילות האָבן זיך מערסטנס אויסגעקליבן די מעגלעכקייט און האָבן געבויט באַפעסטיקטע שולן, וואָס זיינען גלייכצייטיק געווען קליינע פעסטונגען. די ווענט זיינען אין פיל ערטער געווען אָנגעשפּאַרט אויף שטאַרקע שקאַרפּן און דער דאַך — אַרומגערינגלט מיט אַ שוץ־גאַלעריע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען לעכער צום שיסן.

דער קעניג זיגמונט דער דריטער, ווען ער גיט דער יידישער קהילה אין לויצק (לוצק) אַ דערלויבעניש צו בויען אַ נייע שול (דעם פינפטן מאַי 1626), שטעלט ער אַ תנאי: „...אַז די יידן — רביניסטן — זאָלן אויפן דאַך פון דער דאַזיקער שול איינאָרדענען... צוגרייטונגס־פונקטן אויף צו האַלטן געווער און אָנפירן מיט דער פאַרטיידיקונג".

דער גרעסטער טייל פון דעם סאָרט שולן־פעסטונגען זיינען געבויט געוואָרן אין דער צווייטער העלפט פון זיבעצנטן יאָרהונדערט. צווישן זיי אויך די שול אין לובאָמל [26].

✶

אַזוי איז די בלי־תקופה פון דער לובאָמלער קהילה, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן דורך די כמעלניצקי־הריגות, אין אַ רעלאַטיוו־גיכער צייט געקומען צו איר ווייטערדיקן המשך, וואָס האָט זיך געצויגן ביזן סוף פון זיבעצנטן יאָרהונדערט און אַ גרויסן, אויב ניט דעם גרעסטן טייל פון אַכצנטן יאָרהונדערט.

ווי שוין איין מאָל אָנגעוויזן, האָט לובאָמל תמיד געהערט צום גליל כעלם—בעלז. פון אַ גאַנצער ריי דאָקומענטן איז צו זען, אַז אַן ערך אַ הונדערט יאָר — פון 1664 ביז 1754 — איז דער דאַזיקער גליל אויך אָנגערופן געוואָרן „תשע קהלות". אין דאַזיקן שטח זיינען אַריין ארץ חלם, דער גליל בעלז, די „אָרדינאַציע זאַמאָיסקי" און עטלעכע ישובים פון לובלינער גליל. אין שטייערן איז די אָרדינאַציע דאָס רוב ניט אַריינגענומען געוואָרן אינעם גליל.

די גרויסע קהילות פון גליל כעלם—בעלז אין 1717 זיינען געווען: לובאָמל, כעלם, בעלז, אולעשיץ, שיניאַווע,

---

26) מאיר באַלאַבאַן, „די יידן אין פוילן", ווילנע, 1930, זייט 260.

ר' שלמה־ברוך רובין, אַן אַלטער תושב פון לובאָמל, וואָס וווינט איצט אין ניו־יאָרק, דערציילט אַז ער געדענקט אַן אויפשריפט, וואָס איז געווען אויפן העכסטן אָרט אין דער שול און האָט זיך געלייענט אַזוי: „גדול יהיה כבוד הבית הזה האחרון מן הראשון". דער „האחרון" איז געווען דער פרט פון יאָר, און עס מאַכט אויס: ר"ע — 1510. אַנדערע לובאָמלער איינוווינער, און ספּעציעל אין ישראל, געדענקען ניט אַזאַ אויפשריפט, און זי איז אויך נישט דערמאָנט דורך די פיל יידיש־פוילישע היסטאָריקער און פאָרשער פון יידישער קונסט. יעדנפאַלס, אויב ס'איז געווען אַזאַ אויפשריפט, קען זיין אַ טעות אין דעם „פרט", וואָס ר' שלמה־ברוך רובין האָט נישט באַמערקט נאָך אַ וואָרט אָדער ווערטער, אָדער אותיות.

ווארש, (סאָקאָל), טישוויץ (טישעוויץ). ווען מען לייגט נאָך צו זאַמאָשטש, וואָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, באַ־קומט זיך די צאָל ניין, וואָס צוליב דעם איז עס די געגנט אָנגערופן געוואָרן מיטן נאָמען „תשע קהלות".

לובאָמלער יידן זיינען דעם גרעסערן טייל פון זייער געשיכטע געווען מערער פאַרבונדן מיט זייערע ברידער אין מערב, ווי אין מזרח, מיט לובלין מער ווי מיט קאָוולע, לוצק אָדער לודמיר. אין פנקס פון חברא קדישא אין לובלין פון תמ"ה (1685) ווערן אָנגעגעבן הוצאות „לאורחים מלובאָמלא"[27]. אויך די רבנישע קאָנטאַקטן און קרובהשאַפט זיינען דאַן געווען מערער מיט לוב־לין, ווי מיט די שכנותדיקע קהילות מזרחדיק פון לובאָמל.

אין 1721 האָט דער קאָפּשטייער פון לובאָמלער קהילה אויסגעמאַכט 833 גולדן. אין 1729 איז דער קאָפּשטייער פאַרקלענערט געוואָרן אויף 544 גילדן, ווייל אין יענעם יאָר איז לובאָמל געטראָפן געוואָרן פון אַ שרעקלעכער שריפה, וואָס האָט חרוב געמאַכט אַ גרויסן טייל פון שטעטל. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן דער מאָדנער צופאַל, וואָס צווישן דער געבליבענער קליינער צאָל הייזער האָבן זיך געפונען די גרויסע שול, דער קלויסטער און די צערקווע.

פון דער רשימה נשרפים איז צו זען, אַז צווישן די שטעטלשע יידן זיינען אויסער קרעמערס געווען שניי־דערס, גלעזערס, זייגערמאַכערס און שערערס.

אין 1762 איז אויסגעבראָכן אַ סכסוך צווישן אַ יידן פון ליבעוונע און דעם ועד הגליל כעלם—בעלז, וואָס פון דעם איז צו זען, אַז דאָס שטעטל האָט דעמאָלט פאַרמאָגט גאַנץ פיין אַרויפגעאַרבעטע בעלי־בתים. דער נאָמען פון יידן איז ר' דוד בר אפרים (פּראַימאַוויטש), וועלכער האָט, צוזאַמען מיט בערקאָ בר' אייזיק פון כעלם און ר' אייזיק בר' יוסף פון בעלז, געמאָנט פון ועד 6,024 גולדן[28]. אויב ר' דוד בר' אפרים האָט באַקומען בלויז אַ דריטל אויף זיין חלק, ווי דער ועד ארבע ארצות האָט עס צוגעפּסקנט, איז דאָס שוין אויך געווען אַ פיינע סומע פאַר יענער צייט. אגב, דער דאָזיקער ייד איז בכלל געווען אַ גרויסער אונטערנעמער, אַ מקורב צו פּריצים, מיט וועלכע ער האָט געפירט פאַרשידענע עסקים. דאָס איז צו זען פון דעם, וואָס איז שוין פריִער דערמאָנט געוואָרן ביי אונדז אין 1765 איז ער געווען דער פאַר־טרעטער פון ליבעוונע צום ועד הגליל כעלם—בעלז.

כאָטש די ליבעוונער קהילה איז גאַנץ גיך געקומען צו זיך נאָך די גזרות ת"ח־ות"ט און צוריק פאַרנומען איר עקאָנאָמישע און יידישע פּאָזיציע, האָבן אָבער די כמעלניצקי־הריגות זיכער זיך אויסגעווירקט בעגאַטיוו אויפן סטאַטיסטישן וווקס פון אירע יידן. אין 1765, ביי הונדערט צוואַנציק יאָר נאָך ת"ח־ות"ט, האָבן אין שטעטל געלעבט 850 — כמעט אַזוי פיל אָדער נאָך ווייניקער, ווי פאַר דעם. אין די אַרומיקע דערפער האָבן געוווינט 476 יידן[29].

27) שלמה־ברוך ניסענבוים, „לקורות היהדות בלובלין". לובלין, תר"ס. ז' 14.

28) אין „פנקס ועד ארבע ארצות" פון יאָר תקכ"ב.

דער פּנקס

תחילת צוואַנציקער יאָרן פון אַכצנטן יאָרהונ־דערט האָט אַ לובאָמלער חברה אָנגעהויבן פירן אַ פּנקס, ווו עס פלעגן, כנהוג, פאַרשריבן ווערן געשעענישן אין לעבן פון דער חברה. פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע גע־שעענישן זיינען געווען פאַרבונדן מיטן גאַנצן אַרטיקן יידישן לעבן און ניט ווייניק אויך מיט די פאַרקומענישן

29) די פּוילישע היסטאָריקערס קלעצינסקי — קלוציצקי און ד"ר געלבער אין „פנקס הרובישוב", ז' 34.

ישראל היילפּרין

פנקס ה«חבורה» של בעלי מלאכה בלובמלא (Luboml)

כמתכנתם של הצֶחים (אגודות־האומנים) הפולניים־ליטאייב קמו במאה הי"ז בפולין וליטא גם «חבורות» של בעלי מלאכה יהודיים ובמאות הי"ח–הי"ט כמעט שלא היתה קהלה בישראל, שלא תהיה בה חבורה או חבורות אחדות של בעלי מלאכה. אולם כל ההסתדרות הגדולה הזאת של מלאכה יהודית נחקרה עד עתה אך מעט מזעיר. חקירות ספציאליות אחדות של ו י ש נ י צ ר[1] ו ס ו ס י ס[2], פרקים בודדים במונוגרפיות לתולדות קהלות ישראל בקראקא, לבוב, לובלין (בַּלַבן), פשמישל (שור), ליסא (לוין) ועוד מאמרים מספר בכתבי עת שונים מייצגים ממש את כולה. עוד לא נאסף ונחקר בשלמותו החומר הנדפס ולא כל שכן כתבי היד. מפנקסי כל אותן החבורות שמספרן הגיע, לכל הפחות, למאות, נשתמרו, כפי ידיעתי[3], רק שנים עשר מי"א מקומות: סודילקאב, לוצק, פאוואלאהטש, מאלין, מיקוליב, מינסק, מוהליב, גניזין, קובילין, קורניק, קיידאן ולובמלא. ואף אלה גנוזים עדיין בארכיונים ולא נתפרסמו מהם אלא קטעי דברים בלבד[4].

1 ראוי ביחוד לציין את מאמרו: "די סטרוקטור פון יידישע צעכן אין פוילן, ליטע און ווייסרוסלאנד אין 17טן און 18טן יארהונדערט", נדפס ב"צייטשריפט" (מינסק) כרך II–III, ובתרגום גרמני Vierteljahrschrift für Sozial-und Wirtschaftsgeschichte 1929.

2 השוה מאמרו: "יידישע באלמעלאכעס און זייערע ארבעטער אין ליטע, ווייסרוסלאנד און אוקריינע אין 18טן יארהונדערט", "צייטשריפט", כרך 4 (מינסק 1930), עמ' 1–29.

3 חמשת הפנקסים הראשונים נאספו בשעתם ע"י החברה ההיסטורית־אתנוגרפית ברוסיה ונמצאים כיום ברשות הקתדרה לתרבות יהודית על־יד האקדמיה הכלאוקריינית בקיוב (השוה מאמרו הנ"ל של סוסיס וביוליטין של הקתדרה נרי 4–3, מארט–מיי 1930). שלשת הפנקסים הבאים הושגו על ידי "המחלקה היהודית של המכון לתרבות ביאלורוסית" במינסק (ביוליטין המחלקה נרי 2, מינסק 1926, — שם גם העתקות מן הפנקסים הקודמים) פנקסי גניזין וקובילין שמורים ב"געזאמט־ארכיוו דער דויטשען יודען". פנקס קיידן הוא רכושו הפרטי של פרופ' דובנוב (קטעים ממנו נתפרסמו ע"י וישניצר ב"בלעטער פאר אידישע דעמאגראפיע, סטאטיסטיק און עקאנאמיק", חוברת ה' עמ' 72–77). פנקס קורניק שמור בספרית הסמינריון התיאולוגי בניו־יורק ופנקס לובמלא — בספריה הלאומית בירושלים.

פאָטאָסטאַט פון פּנקס פון די ליבעוונער בעלי מלאכות

אין דער קריסטלעכער סביבה. דערפאַר זיינען אַזעלכע פנקסים אַזאַ ערשטראַנגיקער מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פונעם אינעווייניקסטן יידישן לעבן אין אַן אָרט.

דער דאָזיקער פנקס האָט אַרומגענומען איבער צוויי הונדערט יאָר יידיש לעבן אין ליבעוונע, פון ת״פ ביז תרפ״ז (1720—1927), מיט אינטערוואַלן אין מיטן, צי דערפאַר, וואָס מען האָט יענע יאָרן ניט געפירט דעם פנקס, צי דערפאַר, וואָס די פּראָטאָקאָלן פון יענער צייט זיינען פאַרפאַלן געוואָרן. די אינטערוואַלן זיינען תקס״א—תקס״ב, תרכ״א—תרנ״ו (1801—1802, 1861—1896). אין „רשימת כתבי־היד העבריים הנמצאים בבית־הספרים הלאומי והאוניברסיטאי בירושלים" (ירושלים, תרצ״ד) גיט אָן דער צונויפשטעלער ד״ר יששכר יואל אויך דעם „פנקס לובמלא". ער רופט עס אָן „פנקס חברת החייטים", אָבער דער היסטאָריקער ישראל היילפּרין האָט שפּעטער ריכטיק אָנגעוויזן אויף יואלס טעות אין נאָמען פון דער חברה, ווייל דער פנקס איז געווען ניט נאָר פון שניידערס, נאָר אויך פון אַנדערע בעלי־מלאכה, ווי קצבים, פרואים (קירזשנערס ?), גאָלדשמידן, פעלדשערס, מנקרים, שמוקלערס [30].

ליידער איז דער פנקס צוריקגעשיקט געוואָרן קיין לובאָמל, און די ביבליאָטעק האָט ניט געמאַכט קיין פאָטאָסטאַטישע קאָפּיע. נאָר אַ פּאָר זייטן זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן דורכן היסטאָריקער ישראל היילפּרין, און מיר ברענגען דעם פולן טעקסט אין העברעיש באַזונדער.

30) אַלץ, וואָס ווערט דאָ און ווייטער געזאָגט וועגן ליבעוונער פנקס, איז געבויט אויף ישראל היילפּרינס אַרבעט „פנקס החבורה של בעלי מלאכה בלובמלא" אין „ידיעות ארכיון ומוזיאון העבודה", תל־אביב, תרצ״ה, חוברת ב׳. אַן אויסנאַם איז אונדזער הערה וועגן דער ירושלימער ביבליאָטעק פאַר ניט אָפּהיטן דעם פנקס.

הרבה מאד הלך לטמיון. אך לא מעט עוד ניתן להציל ע״י ידידינו בחו״ל: פנקסים, כתבים וידיעות השמורים בזכרונם ובמגרות שלחנם של זקני בעלי מלאכה בערים ועיירות; חפצים וסמלים (כגון דגלים) של החבורות הידונות או לפחות צלומיהם; צלומי בתי מדרשות שלהם העומדים עדיין על תלם, ועוד. כל הדברים האלה עשויים להעשיר את ידיעותינו על בעל המלאכה והפועל היהודי באירופה המזרחית במאות השנים, שקדמו לכניסתו לתוך תנועת הפועלים והיו משמשים משאת רבת־חשיבות לארכיון ומוזיאון העבודה.

כמה גורמים ותפקידים היו לתקומתן וקיומן של אגודות בעלי המלאכה היהודיים. כלפי חוץ: ההגנה על עמדותיהם הכלכליות מהתחרות ומרדיפות האומנות הנוצרית. כלפי פנים: הרגשת נחיתות בתוך החברה היהודית של אז, שהיא, אשר הניעה, כנראה, להתבדלות גם בחיים הדתיים (בתי מדרש מיוחדים) ובעיקר הכרת הצורך בליכוד, בעקירת ההתחרות בין חברים לאומנות. לחקר המלחמה בהתחרות ישית קצת נוספות לקט קטן של תקנות הניתן בזה מתוך פנקס לובמלא, השמור בספריה הלאומית בירושלים.

פנקס לובמלא–כנראה, אחד הפנקסים החשובים ביותר שנשתיירו לנו– מקיף תקופה של מאתים שנה (ת״פ בערך – תרפ״ז) ונשמר בשעתו שמירה מעולה ביותר. מעידה על כך תקנה משנת תק״מ (1780) האומרת כדברים האלה: „עלה במוסכם החבורה שהפנקס יהיה מונח ג״כ [גם כן] ת״י [תחת יד] הנאמן וחלילה להנאמן למסור הפנקס או הכתבים לשום אחר מהחבורה אם לא ליד הרב אב״ד או בפני החבורה בעת ישיבת החבורה יחד". ב„רשימת כ״י העבריים הנמצאים בבית הספרים הלאומי והאוניברסיטאי", שנערכה ע״י ד״ר יואל (ירושלים תרצ״ד) נרשם כ„פנקס חברת חייטים" ולא דק, מאחר שעל החבורה נמנו גם קצבים (תעודה א׳) וגם אחרים (נזכרים פרואים, צורפים, רופאים, מנקרים, חַבָּכים (שמוקלער), השוה תעודה ב׳).

התקנות המובאות בזה דנות כאמור במניעת ההתחרות מבפנים. נאסרת קבלת עבודה, שאחד כבר עמד לקבלה ומי שעובר נענש (תעודה ו׳). משתדלים שלא תהיה התחרות בין בעלי מקצועות קרובים. אסור לחייט לעסוק בפרואות וכן להיפך. החייט העושה „מלאכת פוליש" אסור לו לעשות מלאכה יהודית. נאחזים גם אמצעים נגד הנער (השוליא) והפועל, שלא יתחרו עם בעל המלאכה. אסור להם לעבוד בפני עצמם. אף מכבידים על הפועל להצטרף אל החבורה. תשלום־כניסה לא פחות מי״ב זהו׳, רק נשוי מתקבל לתוכה. יש שגם נעלו לגמרי למשך שנים אחדות את ההבורה בפני קבלת חברים חדשים (תעודה ד׳).

נצול הנער והפועל הבלתי מאורגן היה רב למדי. באגודות־האומנים הלא־יהודיות במערב היה מגיע לידי התפרצויות ומרידות. אצל היהודים לא בא לידי כך, מאחר שבדרך כלל נשקפה לפועל הפרספקטיבה של חתונה וכניסה לחבורה ככל בעלי המלאכה.

בתעודה ה׳ הבאתי לדוגמא נוסח של החלטה על קבלת חבר. יש בראשית דבריו מעין בטוי להכרת ערך עצמי ויחס ליגיע כפים. גם בפנקס החייטים מלוצק נמצא כגון זה: „יקר בעיני ה׳ הנהנה מיגיע כפיו יותר מירא שמים" („מאסף", פטרבורג 1902, עמ׳ 289, סעיף י״ח) וכן, כנראה, גם בפנקסים אחרים.

התעודות נתונות כאן לפי סדר כרונולוגי בלשונן וככתיבן. (לרבות גם השגיאות).

א (בערך ת״פ)

חתיכא דאסורא לאחד להשיג גבול של חברו דהיינו אם התחיל א׳ [אחד] המלאכה אצל בעל הבית או להבדיל אצל ערלים חתיכא דאסורא לשני ליקח המלאכה. גם אם משרת של א׳ מהחייטי׳ ילך באמצע משך[4] חתיכא דאסורא לשני ליקח את המשרת. גם חתיכא דאסורא לנער לעשות מלאכת חייטים עד שיבוא בתוך החברה הנ״ל.

אם בא אחד מהחברה אצל ערל לקנות הבהמה חתיכא דאסורא לשני לקנות אותה הבהמה וגם אם עומד אחד אצל הבהמה לקנות חתיכא דאסורא להיות חברותא יותר משני׳. גם אם ילך א׳ עם בשר אצל ערל חתיכא דאסורא לשני לילך אחריו עם בשר.

גם מי שיבא בתוך החברה אין לו קלפי עד שלשה שנים. גם מחויב ליתן עכ״פ מעות איין קויפין[5] לא פחות משנים עשר זהובי[6]

ב (התאריך חסר)

כשיבא אחד לתוך החברה שיש לו אב או חותן בתוך החברה יתן לא פחות משנים עשר זהו׳ ולא יותר מחמשה עשר זהו׳. ואם יבוא א׳ לתוך החברה מבחוץ, אזי יהיה הכל לפי ראות עיני החברה בצרוף כבוד הרב.

הבעל מלאכה לא יחזיק אצלו נער כ״א [כי אם] אחר שלש שנים אחר החתונה ואז הוא כשאר בני החבורה.

הנער שיהיה אצל חייטי׳ או אצל ז״צ [זובחי צדק] או קירזנר או צורפים או רופאים או מנקרים או אצל שמוקלר מחויב אותו הנער ליתן להחברה שני זהו׳ מדי שנה בשנה.

החייטי׳ לא יתפרו מלאכת הקירזנריי כ״א יתפרו הפוטרי׳ בחברותא.

---

4 היינו׳ משך שכירות   5 דמי כניסה   6 אדרת שער

דער פנקס איז זייער שטאַרק אָפּגעהיט געוואָרן פון דער חברה. אויף דעם זאָגט עדות אַ תקנה זיינע פון יאָר תק״ם (1780):

„עלה במוסכם החבורה שהפנקס יהיה מונח ג״כ ת״י (תחת יד) הנאמן וחלילה להנאמן למסור הפנקס או הכתבים לשום אחר מהחבורה אם לא ליד הרב אב״ד או בפני החבורה בעת ישיבת החבורה יחד״.

צו אונדזער גרויסן באַדויערן און נאָך גרעסערער שטוינונג, האָט די „נאַציאָנאַלע און אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק״ אין ירושלים ניט אַרויסגעוויזן יענע מאָס אחריות און פאַרשטענדעניש פאַר דער היסטאָרישער וויכ־טיקייט פון אַזאַ דאָקומענט, ווי דאָס האָבן אַרויסגעוויזן די פשוטע יידישע בעלי־מלאכה מיט אַ צוויי הונדערט יאָר צוריק.

מיר ווייסן ניט, ווען און ווי אַזוי דער „פנקס לובמלא״ איז געקומען אין ירושלימער ביבליאָטעק. פון דער דער־מאָנטער יואלס רשימה איז צו זען, אַז אין 1934 האָט דער פנקס זיך נאָך דאָרט געפונען. אין אַ תשובה אויף מיינעם אָן אָנפרעג האָט די ביבליאָטעק־אָנפירונג גע־ענטפערט, אַז אויף דער בקשה פון דער ליבעוונער קהילה, האָט די ביבליאָטעק איבערגעשיקט צו איר דעם פנקס אין יאָר 1936. אין יענעם יאָר איז דער היטלעריזם שוין געווען אין גיכן אויפשטייג און די צייטן זיינען שוין געווען בחזקת סכנה — פון דעסט וועגן איז אונדזער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק אין ירושלים ניט איינגעפאַלן דער איינפאַכער געדאַנק, אַז פאַרן אַרויסשיקן דעם פּנקס קיין אייראָפּע, מוז מען עס פאָטאָסטאַטירן. דער פּנקס איז חרוב געוואָרן צוזאַמען מיט דער לובאָמלער קהילה קדושה.

נאָך גוט, וואָס ישראל היילפּרין האָט אַרויסגעראַ־טעוועט אַ פּאָר בלעטלעך פונעם דאָזיקן פּנקס דורך פאַרעפנטלעכן עטלעכע תקנות זיינע, וואָס מיר גיבן דאָ אין אַ ביסל אַ פרייער איבערזעצונג אויף יידיש. צוגעבנדיק אונדזער פונקטאַציע און דערקלערונגען אין פּירקאַנטיקע קלאַמערן — קלינגען די תקנות אַזוי:

א. (בערך 1720)

ס׳איז אסור איינעם משיג גבול צו זיין זיין חבר, דהיינו: אויב איינער האָט אָנגעהויבן די אַרבעט ביי אַ בעל־הבית אָדער, להבדיל, ביי גויים, איז אסור פאַר אַ צווייטן צו נעמען די אַרבעט.

אויך אויב אַ משרת פון איינעם פון די שניידערס וועט אַוועקגיין אין מיטן פון זיין אַרבעט, איז אסור אַ צווייטן צוצונעמען דעם משרת.

ס׳איז אויך אסור אַ [לערן־]ייִנגל צו טאָן שניידע־

ההיים עם הקירזנר תחת הבגד שיתפור החייט עד משך שני פרסאות מקהלותינו וכן להיפך.

ג (תקי״ז)

ואלה טוסיף על הראשונים על התקנות המבוארים בפנקס בהדף כ״ח:

שחתיכא דאסורא לבעל מלאכות. חייטי׳ העושים מלאכת פוליש[7] לעשות מלאכה יהודית וכן לא יחזיק פועל שיעשה מלאכת פוליש ואפילו לשלחו מחוץ לעיר על שני פרסאות מכאן.

ב. אסור לפועל לעשות מלאכה בפני עצמו הן פוליש או יהודי׳ עד שישא אשה ויבוא לפני החברה כאשר יושת עליו, לפי ראות עיניהם, כנהוג. אז מותר לעשות מלאכה כאות נפשו.

ג. תוך שנה ראשונה חתיכא דאסורא להחזיק לו פועל ואחר שנה ראשונה הוא כשאר בני החברה.

ד. החייטי׳ חלילה לא׳ מהם לעשות מלאכת קירזנריי. וכן הקירזנר חלילה להם לעשות מלאכת חייטי׳ ואפילו באקרעי ואפי׳ בכפרי׳ שתוך ב׳ פרסאות מפה.

ה. וכן פועל קירזנר חלילה לו לעשות מלאכה בפ״ע [בפני עצמו] עד שישא אשה ויבוא לפני החברה כאשר יושת עליו כנ״ל.

מי שיעבור על התקנה הנ״ל יוקנס בקנס שלשה ישני׳[8] על בה״כ [בית הכנסת] מלבד חרפות וביוש׳ לפי ראות עיני הקהל. כ״ד [כן דברי] הרווני׳ נגידי׳ בצירוף הרב אב״ד, היו׳ יו׳ ה׳ ח״ה [חול המועד] פסח תקיזיין.

ד (תקכ״ו)

כולם כל החברה הקדושה של חייטים עשינו תקנה וחתיכא דאסורא שלא לכתוב להחברה כל [חבר] את בנו או חותן או שאר בעל מלאכה משנת תקכו״ל [לפ״ק] עד תקכי״ל [לפ״ק].

ה (תקנ״א)

ב״ה. מאשר דרכיו והולך נכוחו, מפרנס את עצמו מיגיע כפו וכוחו, הר׳ אשר זעליג בר׳ אליעזר, מלאכתו מלאכת צרוף וגם אביו הוא בתוך החבורה שלנו מהז״צ [מהזובחי צדק] וביקש מאתנו החבורה חייטים וז״צ וחוץ להכניסו לתוך החבורה שלנו שיהי׳ כחד מאתנו. ובראותינו שאמרותיו בצדק לזאת הסכמנו יחד להכניסו לתוך החבורה שלנו ושיתן מעות קדימה סך שלשים זהו׳... תקנ״א.

ו (תרנ״ז)

גם זאת תכתב לדור אחרון למען יעמד ימים רבים. לזכרון להיות עושים ולא יעבור. כאשר קרה שבע״ב [שבעל בית] אחד הטריח לבעל מלאכה לכתוב מלבושי כבוד עבור בנו החתן ללבוש בגדי נשואין ועסק עמו בעל מלאכה אחר ליתן לו המלבושים לתפור וזה קרוב היא להסגת גבול. אשר צוותה לנו התורה הקדושה. לכן התאספנו בצוותא חדא ועשינו פשרה בין הבעלי מלאכות ובין הבעה״ב. שיתן הן הבע״ב והן הבעלי מלאכות קנס. היינו. שהבע״ב יתן עשרה זהו׳ לקנסא עבור שביטל את הראשון ממלאכת היום והבעלי מלאכות יתנו עשרה זהו׳ לקנסא עבור שקרה כזאת ביניהם ומעתה אם יקרה כזאת עוד יקנסו אותו יותר מזה. כפי אשר יצא מפי החברה וכל זה נעשה בתוקף ועוז ולא לחכוכא וטלולא [לחוכא ואטלולא]. היום יום ראשון בשבת. כ״ב ימים בחודש שבט שנת תרנ״ז לפ״ק.

ז (תרנ״ז)

גם זאת עשינו תקנה. שאחד מאתנו לא יקבל פועל מהאחר עד שיבוא הבע״ב והפועל לפני החברה ויציעו טענותם לפני החברה וכאשר יתפשרו [יפשרו] החברה ביניהם כן יקיימו. ואם אחד מהם לא יציית ענוש יענש כאשר יצא מפי החברה והטענות יציעו לפני זקני החברה.

---

7 מלאכה פולנית, היינו מלאכה בשביל פולנים

8 מין מטבע

ריי־אַרבעט, ביז ער וועט אַריינגענומען ווערן אין דער דערמאָנטער חברה.

אויב איינער פון דער חברה קומט ביי אַ גוי קויפן אַ בהמה, איז אסור אַ צווייטן צו קויפן יענע בהמה, און אויך אויב איינער שטייט לעבן דער בהמה צו קויפן, איז אסור, אַז עס זאָל זיין אַ חברותא מער פון צוויי. אויך אויב איינער וועט גיין מיט פלייש צו אַ גוי, איז אסור אַ צווייטן אים נאָכצוגיין מיט פלייש.

אויך ווער ס'וועט אַריינגענומען אין דער חברה, האָט ניט קיין וואַלרעכט ביז דריי יאָר. ער איז אויך מחויב צו געבן על־כל־פנים איינטריטסגעלט ניט ווייניקער פון צוועלף גילדן.

ב. (אָן אַ דאַטע)

ווען אין דער חברה וועט אַריינקומען איינער, וואָס האָט אַ טאַטן אָדער אַ שווער אין דער חברה, דאַרף ער געבן ניט ווייניקער פון צוועלף גילדן און ניט מערער פון פופצן גילדן. און אויב איינער וועט קומען אין דער חברה פון אויסן, דעמאָלט וועט אַלץ זיין לויטן איינזען פון דער חברה, מיט דער באַטייליקונג פון כבוד הרב.

דער בעל־מלאכה דאַרף ניט האַלטן אַ [לערן־]יינגל ביי זיך מערער ווי דריי יאָר נאָך דער חתונה [פון יינגל] און דעמאָלט ווערט ער גלייכבאַרעכטיקט מיט אַלעמען אין דער חברה.

דער יינגל, וואָס וועט זיין ביי שניידערס אָדער ביי קצבים אָדער קירזשנערס אָדער גאָלדשמידן אָדער רופאים אָדער מנקרים אָדער שמוקלערס, דאַרף געבן דער חברה צוויי גילדן יערלעך.

די שניידערס זאָלן ניט נייען די קירזשנעריי־אַרבעט, נאָר זאָלן נייען דעם פוטער אין חברותא. דער שניידער מיטן קירזשנער אַנשטאָט דעם בגד, וואָס דער שניידער וועט נייען אויף אַ מרחק פון צוויי וויאָרסט פון אונדזערע קהילות און אַזוי פאַרקערט [31—32].

ג. (1757)

און דאָס איז אַ הוספה אויף די תקנות, וואָס ווערן דערקלערט אין פנקס אויף בלאַט כ"ח:

א. ס'איז אסור בעל־מלאכות, שניידערס, וואָס טוען אַרבעט פאַר פּאַליאַקן, צו טאָן אַרבעט פאַר יידן. און אַזוי זאָל ער אויך ניט האָבן אַ פּועל, אַז ער זאָל טאָן אַרבעט פאַר פּאַליאַקן און אפילו אים שיקן אויסערן שטאָט צוויי וויאָרסט ווייט פון דאַנען.

ב. ס'איז אסור אַ פּועל צו טאָן זעלבשטענדיקע אַר־בעט, סיי פּוילישע אָדער יידישע [פאַר פּאַליאַקן אָדער פאַר יידן], ביז ער וועט חתונה האָבן און וועט קומען פאַר דער חברה, ווי עס וועט באַשטימט ווערן וועגן אים [אַ געלט־אָפּצאָל] לויט זייער איינזען, כנהוג. דאַן מעג ער טאָן אַרבעט ווי ער וויל.

ג. דאָס ערשטע יאָר [נאָכן ווערן אַ חבר] איז אסור פאַר אים צו האַלטן אַ פּועל און נאָכן ערשטן יאָר איז ער ווי אַלע מיטגלידער פון דער חברה.

ד. די שניידערס טאָרן ניט טאָן קיין קירזשנעריי־אַרבעט און אויך דער קירזשנער טאָר ניט טאָן קיין שניידערשע אַרבעט, און אפילו [ניט] צופעליק, און אפילו [ניט] אין דערפער אויף אַ מרחק פון צוויי וויאָרסט פון דאַנען.

ה. און אַזוי אויך אַ פּועל אַ קירזשנער טאָר ניט טאָן קיין זעלבשטענדיקע אַרבעט, ביז ער וועט חתונה האָבן און קומען פאַר דער חברה, ווי עס וועט באַ־שטימט ווערן וועגן אים, ווי ס'איז אויבן געזאָגט.

ווער עס וועט עובר זיין אויף דער דערמאָנטער תקנה, וועט באַשטראָפט ווערן מיט דריי ישני' [אַזאַ מטבע] אויפן בית־הכנסת, אויסער חרפות און בושות, לויטן איינזען פון קהל.

אַזוי זיינען די רייד פון די רוזנים ונגידים, מיט דער באַטייליקונג פון הרב אב"ד, היינט, יום ה', חול־המועד פסח, תקיזיין (תקי"ז).

ד. (1766)

אַלע, די גאַנצע חברה קדושה פון שניידערס, האָבן מיר געמאַכט אַ תקנה און געאַסרט אַריינצושרייבן אין דער חברה יעדער, [נייעם חבר] זיין זון אָדער שווער אָדער אַן אַנדער בעל־מלאכה פון תקכ"ו ביז תקכ"ל.

ה. (1791)

מיט גאָטס הילף, גייט אויפן גלייכן וועג, איז זיך מפרנס פון דער אַרבעט פון זיין האַנט און כוח, הר' אשר זעליג בר' אליעזר, זיין מלאכה איז גאָלד־שמידעריי און זיין פאָטער איז אין אונדזער חבורה פון די קצבים, און ער האָט געבעטן אונדז, די חבורה שניידערס און קצבים, אים אַריינצונעמען אין אונדזער חברה, אַז ער זאָל זיין ווי איינער פון אונדז. און ווען מיר האָבן געזען, אַז זיינע רייד זיינען גערעכט, האָבן מיר צוזאַמען מסכים געווען אים אַריינצונעמען אין אונדזער חברה און אַז ער זאָל געבן סך דרייסיק גילדן האַנטגעלט.

ו. (1792)

אויך דאָס זאָל פאַרשריבן ווערן פאַרן לעצטן דור,

32—31) צי ס'איז שלעכט איבערגעשריבן פון פנקס. צי אין פנקס איז אַזוי געווען געשריבן, אָבער דער טייל פון דער תקנה איז ניט קלאָר.

אַז עס זאָל בלייבן לאַנגע צייטן אַ דערמאָנונג צו טאָן און ניט עובר צו זיין, ווי עס האָט געטראָפן, אַז איין בעל־הבית האָט מטריח געווען אַ בעל־מלאכה צו שרייבן [אויפצונייען] בכבודיקע מלבושים פאַר זיין זון דעם חתן אַנצוטאָן חתונה־קליידער, און אַן אַנדער בעל־מלאכה האָט זיך געעסקט מיט אים צו קריגן די בגדים אויפצו־נייען, און דאָס איז שוין באַלד הסגת גבול, וואָס די תורה הקדושה האָט אונדז אָנגעזאָגט [קעגן דעם]. דע־ריבער האָבן מיר זיך אַלע פאַרזאַמלט און געמאַכט אַ פשרה צווישן די בעלי־מלאכות און די בעלי־בתים, אַז סיי דער בעל־הבית און סיי די בעלי־מלאכות זאָלן גע־קנסט ווערן. דהיינו: אַז דער בעל־הבית זאָל געבן צען גילדן שטראָף, ווייל ער האָט דעם ערשטן גורם געווען אַ בטלה פון אַ טאָג אַרבעט, און די בעלי־מלאכות זאָלן באַצאָלן צען גילדן שטראָף, ווייל אַזוינס האָט געטראָפן צווישן זיי. און פון איצט, אויב אַזוינס וועט זיך טרעפן, וועט מען אים נאָך באַשטראָפן מערער פון דעם, אַזוי ווי די חברה וועט באַשליסן. און דאָס אַלץ איז געמאַכט מיט תקיפות און שטאַרקייט און ניט אויף קיין געלעכטער און שפּאַס. היינט, יום ראשון אין דער וואָך, כ״ב טעג אין חודש שבט, תרנ״ז לפ״ק.

ז. (1797)


אויך דאָס האָבן מיר מתקן געווען, אַז איינער פון אונדז זאָל ניט אָננעמען קיין פועל פון אַן אַנדערן, ביז דער בעל־הבית און דער פועל וועלן קומען פאַר דער חברה און אויסלייגן זייערע טענות פאַר דער חברה, און ווי די חברה וועט דורכמאַכן צווישן זיי, אַזוי זאָלן זיי אויספירן. און אויב איינער פון זיי וועט ניט אויספאָלגן, זאָל ער באַשטראָפט ווערן, ווי די חברה וועט באַשליסן, און די טענות זאָל מען ברענגען פאַר די עלטסטע פון דער חברה.

די תקופה פון ירידה

די בליציייט פון דער לובאָמלער קהילה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַרום דער צווייטער העלפט פון זעכצנטן יאָרהונדערט, האָט אָנגעהאַלטן אַן ערך 200—225 יאָר. האָבנדיק אין זינען דאָס, וואָס מיר האָבן געזאָגט אין, אַ פּריוועדיקן קאַפּיטל, אַז די פעריאָדיזאַציע פון געשיכ־טע איז ס׳רוב אַ קינסטלעכע, קען מען זאָגן, אַז דער אָנפאַנג באַרג־אַראָפּ פון יידישן לעבן אין לובאָמל קען זיך רעכענען פון די זעכציקער־זיבעציקער יאָרן פון אַכצנטן יאָרהונדערט.

אויב מען זאָל וועלן פאַרבינדן דעם דאָזיקן אָנהייב באַרג־אַראָפּ מיט אַ וויכטיקער געשעעניש אין דער אַל־געמיינער געשיכטע פון די יידן אין פּוילן, דאַן דאַרף מען זיך אָנרופן אויף דער אָפּשלוס־תקופה פון דעם ועד ארבע ארצות. די דאָזיקע גרויסע אויטאָנאָמישע אינסטי־טוציע, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ ערשטראַנגיקע ראָלע אין לעבן פון די יידן אין פּוילן און ליטע, איז דורכן פּוילישן סיים ליקווידירט געוואָרן אין יאָר 1767. אָן ערך אין יענער צייט לאָזן זיך מערקן סימנים פון ירידה אין דער געשיכטע פון לובאָמלער קהילה, סיי אין איר אינעווייניקסטן לעבן, סיי אין איר אינטער־יידישער פּאָ־זיציע לגבי די אַרומיקע יידישע קהילות. אַ סימן מובהק פון דער חשיבות פון אַ יידישער קהילה אין אַמאָליקע יאָרן איז געווען דער כסא הרבנות, אָבער אין דער צווייטער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט — און נאָך אַ ביסל פריִער — שיינען שוין מער ניט קיין רבנישע שטערן אויפן הימל פון לובאָמל, ווי דאָס איז געווען

בית ישראל דד׳ ארצות
ה׳תכ״ז – ה׳תקכ״ד
(1764 - 1667)



קטע מתוך מפת קהילות ישראל במסגרת ד׳ הארצות. לובומלא נמצאת מימין למטה בקו ישר בין לובלין־חעלמא־קאוולע

אין די פריִערדיקע יאָרן. די תקופה פון „גאוני עולם" אויף לובאָמלער כסא הרבנות איז פאַרענדיקט — ניט קיין אומוויכטיקער סימן־ירידה פאַר דער קהילה.

אין דער אַלגעמיינער געשיכטע פון פוילן איז דער ירידה־אָנהייב פון דער יידישער קהילה אין לובאָמל פאַרבונדן מיט איינער פון די דעצידירנדיקסטע געשעענישן אין דער פוילישער געשיכטע — מיט די צעטיילונגען פון פוילישן קעניגרייך צווישן רוסלאַנד, דייטשלאַנד און עסטרייך, ספּעציעל מיט די לעצטע צוויי חלוקות פון 1793 און 1795, ווען וואָלין איז אָפּגעריסן געוואָרן פון פוילן און איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער מלוכה פון צאַר.

דער אָנהייב־בליפעריאָד פון לובאָמלער קהילה איז פאַרבונדן מיט דער פויליש־ליטווישער פאַראייניקונג פון 1569, מיט דער לובלינער אוניע, און איר אָנהייב ירידה איז פאַרבונדן מיט די צעטיילונגען פון פוילן. דאָס איז ניט סתם קיין צופאַל. דער ראַיאָן כעלם — בעלז, ווו לובאָמל האָט זיך געפונען, איז יידיש־גייסטיק און אַלגעמיין־ווירטשאַפטלעך געווען מערער געקניפּט מיט די שטחים מערבדיק פון אים אין פוילן, ווי מיט די ערטער מזרחדיק פון אים אין וואָלין.

דאָס אָפּרייסן וואָלין פון דער פוילישער מלוכה האָט תחילת געבראַכט עקאָנאָמישן שאָדן די רוסיש־אַנעקסירטע שטחים. עס האָט גענומען צייט, ביז וואָלין האָט זיך אָנגעהויבן צופּאַסן צו דער נייער אַדמיניסטראַטיווער אָרדענונג און צום נייעם עקאָנאָמיש־סטרוקטורעלן איבערבוי. די עקאָנאָמישע אויסווירקונגען לרעה האָבן זיך מערער און לענגער געלאָזט פילן אויף דעם ראַיאָן, וואָס איז געלעגן אויף דער גרענעץ צווישן פוילן און וואָלין — בכן, אויך אויף לובאָמל.

פאַראַן נאָך אַ וויכטיקע דערשיינונג — און זי איז שויִן פאַרבונדן בעיקר מיט דער געשיכטע פון די יידן אין וואָלין — וואָס מען מוז זיך אויף איר אָפּשטעלן, כדי בעסער צו פאַרשטיין די ירידה פון דער לובאָמלער קהילה.

דאָס קען מען זען פון דער ווייטער־געבראַכטער סטאַטיסטיק.

אין 1790 האָבן געלעבט אין וואָלין 31.027 יידן אין 422 ישובים. אין 1849 האָט די צאָל יידן אין וואָלין באַטראָפן 174.457, וואָס האָבן באַוווינט 141 ישובים. אין 1897 האָבן געלעבט אין וואָלין 397.722 יידן אין 133 וווינערטער.

ווען מען אַנאַליזירט די דאָזיקע טרוקענע ציפער, באַקומט זיך אָט וואָס:

פון 1790 ביז 1849 — אַ קיימא־לן פון אַ זעכציק יאָר — האָט זיך די צאָל יידן אין וואָלין פאַרגרעסערט אויף קרוב צו זעקס מאָל, אָבער זייער צאָל וווינערטער האָט זיך, פאַרקערט, פאַרקלענערט אויף גאַנצע דריי מאָל. וואָלטן די יידישע ישובים אין 1849 אָנגעהאַלטן זייער פּראָפּאָרציע צו דער צאָל יידן אין וואָלין, ווי אין 1790, וואָלט זייער צאָל באַטראָפן ביי 2.500. נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז פון אַ וואָקסנדיקער באַפעלקערונג אין אַ ישוב טיילן זיך ניט אַלע מאָל אויס נייע ישובים, שלאָגט נאָך אָבער אַלץ שטאַרק דער פאַקט, אַז נאָך אַ פאַרגרעסערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין וואָלין אויף זעקס מאָל איז ניט נאָר כאָטש אַ ביסל געוואַקסן די צאָל יידישע ישובים דאָרטן אָדער כאָטש געבליבן די זעלביקע, נאָר זי האָט זיך גאָר פאַרקלענערט אויף דריי מאָל.

דאָס זעלביקע זעען מיר אויך אין 1897. פון 1849 ביז 1898 — אַ סך־הכל פון פופציק יאָר — האָט זיך די צאָל יידן אין וואָלין פאַרגרעסערט אויף קרוב צו 2,5 מאָל, בעת זייער צאָל ישובים איז ניט נאָר ניט פאַרגרעסערט געוואָרן, נאָר זיך נאָך אַ ביסל פאַרקלענערט.

נאָך רייסיקער ווערט די דערשיינונג, ווען מיר נעמען אונטער דער לופּע די סטאַטיסטיק פון די יידן אין וואָלין פאַרן גאַנצן יאָרהונדערט, פון 1790 ביז 1897.

פון 1790 ביז 1897 איז די צאָל יידן אין וואָלין געשטיגן פון 31.027 אויף 397.722, דאָס הייסט — זיך פאַרגרעסערט אויף כמעט דרייצן מאָל. אין דער זעלביקער תקופה איז זייער צאָל ישובים אַראָפּ פון 422 אויף 133, דאָס הייסט — געפאַלן אויף מער ווי דריי מאָל.

דער אַנאַליז פון די דאָזיקע ציפערן ווייזט אונדז אויף אַ ביז גאָר וויכטיקער דערשיינונג אין דער געשיכטע פון די יידן אין וואָלין:

פון סוף אַכצנטן יאָרהונדערט — בכן, מיט דער צעטיילונג פון פוילן — הייבט זיך אָן אַ גרויסער קאָנסאָלידירונגס־פּראָצעס פון די יידישע ישובים אין פוילן. צוליב די ניי־געשאַפענע באַדינגונגען קומט פאַר אַן אינעווייניקסטע מיגראַציע פון די וואָלינער יידן, וואָס פאַרקלענערט זייער צעשפּרייטקייט און פאַרגרעסערט זייער קאָנצענטרירטקייט. פון דעם דאָזיקן קאָנסאָלידירפּראָצעס זיינען טייל יידישע שטעט און שטעטלעך אין וואָלין אויפגעריכט געוואָרן און טייל, פאַרקערט, זיינען דעמאָלט געוואָרן יורדים. לובאָמל האָט געהערט צו די לעצטע.

לובאָמל, וואָס איז יאָרן געווען אַ „קהילה ראשית" און פלעגט דערמאָנט ווערן ווי אַ „קהילה גדולה", האָט אין דער צווייטער העלפט פון נייִנצנטן יאָרהונדערט

דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה, אַז גרויסע רבנים און גרויסע געלערנטע האָבן אַפילו איר נאָמען ניט געהערט.

דער וווקס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין לובאָמל אין אכצנטן יאָרהונדערט איז געווען אַ גאַנץ לאַנגזאַמער.

אין 1847 האָבן געלעבט אין שטעטל 2.130 ייִדן.

אין 1881 איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע שריפה אין שטעטל. פון די קרוב 450 הייזער אין שטעטל זיינען דעמאָלט אַ סך פאַרברענט געוואָרן.

פון די פּאָגראָמען אין די אכציקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט האָט לובאָמל כמעט גאָרניט געליטן, ווייל גאַנץ וואָלין איז דעמאָלט ווייניק געטראָפן געוואָרן פון זיי. פון אַ טאַבעלע וועגן פּאָגראָמען אין יענע יאָרן איז צו זען, אַז בעת אין וואָלין זיינען געווען סך־הכל 5 פּאָגראָמען, זיינען אין קיִעווער גובערניע פאָרגעקומען 63 פּאָגראָמען, אין פּאָלטאַווער גובערניע — 22 און אין כערסאָנער גובערניע — 52 [33]).

אויך אין די פּאָגראָמען פון 1905 איז וואָלין מערער געשוינט געוואָרן, ווי עס איז צו זען פון אַ צווייטער טאַבעלע: בעת אין וואָלין זיינען געווען 700 געליטענע פון פּאָגראָמען, איז די צאָל פּאָגראָמירטע ייִדן אין פּאָדאָליע געווען 19.000, אין קיִעווער גובערניע — 32.000, אין פּאָלטאַווער גובערניע — 14.000 וכדומה [34]).

אין 1897 איז, לויט דער פאָלקסציילונג, די צאָל ייִדן אין שטעטל געווען 3.297 אויף דער אַלגעמיינער צאָל תושבים פון 4.470 [35]).

כאָטש די גלאַנץ־תקופה איז שוין לאַנג געווען הינטער איר, איז אָבער דאָס ייִדישע לעבן אין לובאָמל נאָך אַלץ געווען אינטענסיוו.

אין צענטער איז, פאַרשטייט זיך, געשטאַנען דער לימוד התורה. אין 1897 זיינען אין שטעטל געווען ניט ווייניקער פון 17 חדרים, וווּ עס האָבן זיך געלערנט 370 קינדער.

אין 1898 איז געגרינדעט געוואָרן אַ תלמוד־תורה, וווּ עס האָבן זיך געלערנט 60 תלמידים.

אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין אַ העברעיִשער צייטונג פון 1897 שרייבט אַ קאָרעספּאָנדענט פון ליבעוונע, ד. פינקלשטיין, אַז דאָרטן איז מיט דער דערלויבעניש פון דער רעגירונג געגרינדעט געוואָרן אַ תלמוד־תורה. ער דערציילט, אַז מען האָט געקליבן געלט פאַרן דאָזיקן צוועק און אויפגעשטעלט דעם מוסד [36]).

אין אַ יאָר אַרום שרייבט דער זעלביקער קאָרעספּאָנדענט אין דער זעלביקער צייטונג, אַז די תלמוד־תורה אַנטוויקלט זיך גוט. דאָס מאָל דערציילט ער, אַז די תלמוד־תורה איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער שתדלנות פון ליבעוונער גביר משה אַפּעלדמאַן. ער זאָרגט אויך פאַר קליידער און שיך פאַר די תלמוד תורה־ייִנגלעך.

אין דער זעלביקער קאָרעספּאָנדענץ ווערט איבערגעגעבן, אַז דער קאַזיאָנער ראַבינער אין שטעטל איז דעמאָלט געווען הלל באַגוסלאַווסקי, און אַז ער האָט געלערנט אין דער תלמוד־תורה „לשון וספר", דאָס הייסט רוסיש און אַנדערע לימודים [37]).

לובאָמל, ווי דער גרעסטער טייל שטעטלעך אין וואָלין, איז געווען חסידיש דורך און דורך. די פאַרשיידענע חסידישע „שטיבלעך" האָבן דאָמינירט אין ייִדישן לעבן. די השכלה־ווינטן האָבן זיך אָהער כמעט ניט אַריינגעריסן ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה. טאָמער איז געווען אין שטעטל אַ שטיקל משכיל, האָט ער זיך אויך געדאַרפט היטן פאַר דער ליכט פון טאָג. האָט אַזאַ איינער געוואָלט לייענען אַ העברעיִשע צייטונג, האָט ער זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן מיט איר. ס'איז אין אָט דער תקופה גאָרניט געווען קענטיק, אַז אין דער ניט אַזוי ווייטער שכנות, אין קרעמענעץ, איז געזעסן דער רבי און באַגרינדער פון דער השכלה אין רוסלאַנד, יצחק־בער לעווינזאָן אַליין, און פאַרשפּרייט זיין תורה. דער סטעפּעניער און ריזשינער און קאָצקער האָבן אין גאַנצן פאַרשטעלט ריב"לס ליכט...

דערמיט דערקלערט זיך אפשר אויך, וואָס לובאָמל איז כמעט ניט אָפּגעשפּיגלט אין דער העברעיִשער פּרעסע, וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען פון די מיטן פופציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט ביזן אָנהייב איצטיקן יאָרהונדערט.

מיר האָבן אָנגעטראָפן בלויז פינף קאָרעספּאָנדענציעס פון לובאָמל, פיר אין „המליץ" און איינע אין „הצפירה". צוויי פון „המליץ" האָבן מיר פריִער איבערגעגעבן. די אַנדערע צוויי זיינען פון ה. מאַידאַנסקי [38]) און בנציון דאַטיל [39]). דער ערשטער דערציילט

---

33) Die Judenpogrome in Russland. Köln - Leipzig, 1910, p. 189.

34) דאָרטן, ז' 218.

35) די אָנגעגעבענע ציפערן וועגן ייִדן אין די סטאַטיסטישע מקורות זיינען ניט תמיד די זעלביקע, אָבער די אונטערשיידן זיינען ס'רוב קליינע און אָנדערשן ניט דאָס אַלגעמיינע בילד.

36) „המליץ", 1897.

37) דאָרטן, 1898.

38) „המליץ", 1882, נומ' 44.

39) דאָרטן, 1888. — דעם נומער „הצפירה" האָט זיך אונדז ניט איינגעגעבן צו געפינען.

אַ מעשה מיט „איינעם אויף איין אויג“, וואָס מען האָט אים געגומען אין סאָלדאַטן אַריין, דעריבער וואָרנט ער די יידן, אַז זיי זאָלן זיך ניט מאַכן אַ מום, כדי זיך אַרויסצודרייען פון מיליטער. דער צווייטער גיט איבער אַ געשיכטע מיט אַ פרעמדן גר־צדק, וואָס מען האָט אים אַרעסטירט אין שטעטל און וואָס גיט זיך אָן מיטן נאָמען מיכל בן שמעון טאַפּאַליע, געבוירן אין אָפּאָלין.

ס'איז אפשר כדאי דאָ צו באַמערקן דעם כאַראַקטע־ריסטישן פאַקט, אַז דער מחבר פון די אַנדערע צוויי קאָרעספּאָנדענציעס אין „המליץ“, ד. פינקלשטיין, איז — דעמאָלט אָדער אַ ביסל שפּעטער — אַנטלאָפן פון שטעטל צוליב דער צו שטרענגער פרומקייט פון זיין זיידן, דער רב ר' אריה לייב פינקלשטיין.

ס'איז אָבער נייטיק אַרויסצוהייבן דעם פאַקט, אַז ניט געקוקט אויפן גרויסן פאַנאַטיזם פון די שטעטלשע מנהיגים, האָבן זיי אָבער אַרויסגעוויזן אַ פּאָזיטיווע באַ־ציִונג צו די פּראַקטישע מעשים, וואָס מען האָט אָנגע־הויבן טאָן לטובת דעם ישוב אין ארץ־ישראל. דאָס קען מען ניט זאָגן אויף הונדערטער שטעטלעך אין פּוילן, וואָס אונטער דער ווירקונג פון זייערע רביים און רבנים — וועלכע האָבן געטענהט, אַז מען טאָר ניט דוחק את הקץ זיין — איז דאָרטן געווען פאַרשווערט יעדע גרעסערע טעטיקייט לטובת בנין הארץ.

אין לובאָמל איז ניט נאָר ניט געשטערט געוואָרן די אַרבעט פון ארץ־ישראל־אויפבוי, נאָר אַלע אַרטיקע בתי־מדרשים און „שטיבלעך“ זיינען געווען אָפן פאַר זאַמלען געלט צו העלפן ישוב הארץ הקדושה. און פון די מאַטעריאַלן, וואָס מיר האָבן גראָד וועגן דעם, איז צו זען, אַז דאָס איז געווען ניט נאָר אַן אַרבעט פון געציילטע מענטשן, נאָר פשוט די מאַסן האָבן זיך באַ־טייליקט אין איר. אָן דער הסכמה פון די אַרטיקע רביים און רבנים וואָלט מען עס ניט געקענט דורכפירן אין דער דאָזיקער תקופה.

אין אַ פינאַנסיעלן באַריכט פון דער חברה צו העלפן יידן זיך באַזעצן אין סיריע און ארץ־ישראל פון 1909 ווערט איבערגעגעבן וועגן נדבות פון לובאָמל פאַר יע־נער חברה און אַ ליסטע פון מענטשן, וואָס האָבן גע־האָלפן עס דורכפירן אָדער זיך באַטייליקט מיט זייערע ביישטייערונגען:[40]

מ. אַפּעלדמאַן, יוסף אַפּעלדמאַן, קאַלק, יצחק ראַ־זענבליט, זאב אַפּעלדמאַן, מ. פיין, מ. באַרעצקי, ח. באַ־ראַן, מ. אייזענבערג, יעקב־ישעיה ערליך, לייבל ראַזין, יוסף־חיים ציון, שמואל געלבאַרד, שלמה סאַמעט, פנחס קראַט, חיים קראַט, פישל ליסטהויז, חיים־צבי ווייטינ־פעלד, משה געלמאַן, ישראל ראַטענשטיין, זאב שטיינ־בערג, הירש געלבאַרד, יוסף ביאַלער, משה־נטע גאַרטנ־שטיין, אבא קליג, משה קראַט.

די אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן אין ריזשינער קלויז, אין מנין תלמוד־תורה, טריסקער קלויז, אין בית הכנסת הגדול, בית־מדרש, קאָצקער קלויז.

אין דאָזיקן באַריכט זיינען מערער אויסגערעכנט די עסקנים, ווי די געבערס. אָבער אין אַנדערע באַריכטן ווערן אָנגעגעבן מערערע נעמען פון מנדבים, דעריבער זיינען זייערע ליסטעס אַ סך לענגער.

אַזאַ חשבון האָבן מיר פון יאר 1911 [40א].

אין „קלויז ד'חסידי טוריסק“ איז געזאַמלט געוואָרן דורך מ. אַפּעלדמאַן ביי: לייב רוזין, חיים־צבי ווידענ־פעלד, דוד ווינער, שלמה סאַמעט, שמואל געלבאַרד, יוסף־חיים ציון, פנחס קראַט, חיים קרוט, זלמן ראַטענ־שטרייך, יודל צוויק, אליהו ראַזענצווייג, דוד קראַמער, שמואל באַראַן, ישראל ראַטענשטרייך, פישל ליסטהויז, משה געלמאַן, קלמן קאַפּעלזאַן, נתנאל רווינשטרייך, מרדכי שוואַרצבורג, צבי ערליך, שמואל־לייב האָבער־מאַן, זאב שטיינבאַרג, יודל פעטרושקע, שלמה רייז, מאָטל צעכשטיין, חיים־מאיר שוואַרץ, יוסף גרין, חיים־צבי בלומען, שו"ב, חיים סאָקאָלאָווסקי, הענעך וואַרשניטער, אברהם־יצחק האָרנשטיין, מרדכי דאַבעצקי, חיים־צבי הויבינטייל, הירש געלבאַרד, בן־ציון הערשנהאָרן, שמואל גינזבורג, יעקב פערלמוטער.

אין „מנין תלמוד תורה“ האָט דורכגעפירט די אַק־ציע: מענדל פרעכטער ביי: משה קראַט, לוי געלבאַרד, מענדל אייזענבערג, חיים באַראַן, קלמן קראַמער, ברוך וועררבער, משה־יצחק קאָהן (קאַגאַן ?), ישראל אייזענ־בערג, יעקב לאַקריץ, ישעיה האָבערמאַן, ליטמאַן בער־גער, יהושע ליס, ישעיה־דוד זילבערבלאַך.

אין „קלויז חסידי קאָצק“ האָט זיך עוסק געווען יצחק ראַזענבליט. די מנדבים זיינען געווען: יצחק בלאַ־שטיין, חיים פייגעליס, לייזער קאַנדעלשטיין.

אין „קלויז חסידי ריזשין“ זיינען די מנדבים געווען: משה ספרד, אברהם און גדליה גרימאַטליכט, אבא קלוג.

אין „מנין מתעסקים“ האָבן מנדב געווען: אברהם פייפערמאַן, מענדל פעלדמוס, חיים צימערבוים.

אין „בית־הכנסת הגדול“: יוסף אַפּעלדמאַן, ישראל מאַניק.

---

40) „חשבון הנדבות של הועד לטובת החברה לתמיכת בני ישראל עובדי אדמה ובעלי־מלאכה בסוריא ובארץ הקדושה לקנית אדמה בארץ־ישראל“. אָדעסאַ, 1909, זז' 54, 79.

40א) דאָרטן, אָדעסאַ, 1912, ז' 201.

אין „חשבון הנדבות" פאַרן יאָר 1912 זיינען די מערסטע מנדבים געווען די זעלביקע. עס זיינען נאָר צוגעקומען נאָך ווייטערע נעמען: משה מלמד, יואל־בער בראַנשטיין, בערל שלעכטער, לייבוש בלומענצווייג, יודל סטענזאַריצער, ישראל ליבלוי, ישראל נאַטאַנזאָן, משה־פישל זאַפילער, וואָלף קאָנטשיצקי, יעקב האַקסמאַן, משה־נאָטל גאַרטנשטיין, אברהם וויינשטיין, יצחק שיינער, דוד סאַניסזאָן, ישראל קאַלטראַכט, מאיר סאַנדעלשטיין, לייב קאַנדעלשטיין, יעקב־דוד פייפערמאַן, צבי ליפשיץ, מרים הוניסזאָן.

אין „חשבון הנדבות" פאַרן יאָר 1913 זיינען פאַראַן מנדבים:[41]

אין „בית־התפילה ד'חסידי..." (פעלט דער נאָמען): לייב ראָזען, שמואל געלבאַרד, מ. אַפעלדמאַן, דוד וויינער, יעקב האַקסמאַן, חיים קראָט, פנחס קראָט, דוד קראַמער, זלמן רויטענשטיין, שלמה סאָמעט, פישל ליכטהויז, יוסף־חיים ציו, שמואל באַראָן, משה געלמאַן, קלמן קאָפעלזאָן, יוסף־לייב צעכשטיין, משה מלמד, לייבוש בלומענצווייג, יואל־בער בראַנשטיין, חיים־צבי הויווינטאַל, העניך וואַרשניטער, הירש געלבאַרד, חיים־מאיר שוואַרץ, יעקב וואָלק, יעקב ראָזענצווייג, קירש בלייכמאַן, ישראל־לייב לוי, אליעזר שופמאַן, שמואל־לייב גובערמאַן, נתנאל רויזענשטראָך, זאב שטיינבאַרג, בנימין קריין, יודל סטענזאַריצער, אברהם האַרענשטיין, יוסף גינזבורג, שלמה רייז, חיים סאָקאָלאָווסקי, משה־יודל דאָניץ, מאָטל דאָבעצקי, אברהם הערשענבערג, שמואל גינזבורג, חיים־הערש ציילענגאָלד, צבי ערליך, מאָטל קייליס.

אין בית־הכנסת הגדול: יודל צוויק, וואָלף קאָנטשיצקי, ישראל מאָניק.

אין „בית־התפילה ד'חסידי קאָצק": יצחק בלאָשטיין, מאָטל בלאָשטיין, שמשון שליווע, בעריש שטערנבוים, ישראל קאַלטראַכט, מאיר סאַנדעלשטיין, קלייבער, יצחק ראָזענבליט.

אין „מנין מתעסקים": יעקב־דוד פייפערמאַן, מענדל פעלדמוס, מרים חינסזאָן.

„מנין חסידי רוזשין", דורך אבא קלוג: משה ספרד, אברהם גרימאַטליכט, גדליה גרימאַטליכט, אליהו ווידרע, מ. נ. גאַרטענשטיין, אשר ספאַרד, יוסף נאָטץ (גאָטץ ?), מאָניש ווידרע, מרדכי שמש, מרדכי ערליך, מאָטל שניידער, אשר שמש, יצחק־דוד געליבטער, הירש ווידרע אהרן טראַכטענבערג, אבא גרימאַטליכט.

אין „מנין תלמוד תורה", דורך חיים באַראָן: משה קראָט, מענדל אייזענבערג, אברהם וויינשטאָק, ליטמאַן בערגער, מרדכי לוקסעמבורג, משה־דוד פולמער, הירש קאָרענפעלד, יעקב ווישניץ, יהושע ליס, משה־פישל זאַפילער, דוד דאָבראָוויצקי, לייזער קאָפמאַן, ישעיה הובערמאַן, נח טערנער, נתנאל ווייסמאַן, יונה צינטער, ש. ד. זילבערבלאָך.

דאָס איז געווען די צאָל מנדבים. אָבער חברים, וואָס זיינען געווען רעגיסטרירט ביי דער חברה אין אָדעס פאַר די יאָרן 1899—1901, איז געווען נאָר איינער: אליעזר אַפעלדמאַן, אין 1903 איז אויך געווען נאָר איין רעגיסטרירטער מיטגליד פון ליבעוונע.

אין 1908 איז געווען אַ רעגיסטרירטער חבר פון דער חברה, מ. קראָט, אין 1909 — אַפעלדמאַן, אין 1909 — מ. פפערמאַן און אַפעלדמאַן[42].

לובאָמל — ליבעוונע

דער יידישער נאָמען פון שטאָט

ווי אין אַ סך שטעט אין פוילן, האָבן אויך די יידן פון דאָזיקן וואָלינער מקום פאַריידישט דעם אָפיציעלן נאָמען פון שטאָט.

דער אָפיציעלער נאָמען פון שטאָט איז געווען לובאָמל. אין די אַלטע צייטן האָט די שטאָט געהייסן לובאָמלא און אין אַן אַלטן דאָקומענט פון יאָר 1562 רופט זי זיך ליבמלאַ[43]. אין דער רבנישער ליטעראַטור — באַזונדערס אין דער עלטערער — ווערט די שטאָט בעיקר אָנגערופן לובמלאַ (זייער אָפט אויך פאַרדרייט: לובלמאַ). אָבער אין פאָלקס־לשון איז דער נאָמען אין גאַנצן פאַריידישט געוואָרן אויף ליבעוונע.

דעם נאָמען ליבעוונע האָבן די יידן גענוצט ניט נאָר אין די לעצטע דריי־פיר צענדליק פון דער עקזיסטענץ פון דער קהילה, נאָר אַ צייט־צייט פריִער. שוין מיט כמעט 200 יאָר צוריק געפינען מיר דעם נאָמען ליבעוונע (אָדער ליבאָוונאַ, ליביוונאַ) אין אַ רבנישן ספר. אויף די הסכמות פון „מרגליות התורה" און „דמשק אליעזר" חתמעט זיך אהרן־יואל בן־דוד אַליין אב"ד דליבאָוונאַ. אויב אַן אָרטיקער רב האָט שוין אין 1782 זיך באַנוצט מיטן נאָמען ליבעוונע, איז דאָך קלאָר, אַז די אָרטיקע יידן האָבן גענוצט דעם דאָזיקן נאָמען שוין אַ צייט פריִער, אפשר 250—300 יאָר צוריק.

---

41) דאָרטן, אָדעססאַ, 1914.

42) דאָרטן, אָדעססאַ, תרס"ג.

43) „רשומות" ה', סידרה חדשה. תל־אביב, תשי"ג. ד"ר רפאל מאהלערס אַרטיקל „שמות יהודיים של מקומות בפולין הישנה", ע' 154.

אין אַ צווייטן רבנישן ספר, שוין אַ סך אַ שפּעטער־דיקן, „לקוטי צבי״ פון צבי הירש מיאַנאָוואַ (פּיעטרקוב, תרס״ט), איז פאַראַן אַ הסכמה פון „דומ״ץ דק״ק לי־בעוונע״.

אַרום נאָמען ליבעוונע — לובאָמל איז דאָ אַ גרויסע צעטומלעניש, אַנדערש מאָל קלינגט עס פּשוט ווי אַן אמתער קוריאָז.

דער אַמאָליקער באַקאַנטער רב פון לעמבערג ר׳ יוסף־שאול נאַטאַנזאָן שרייבט אין זיינע הגהות צום ספר „טיב גטין״, ווו עס רעדט זיך וועגן נעמען פון שטעט, וועגן לובאָמל, אַז „כמדומה שזה נקרא היום ל ו ב ל י ן, וזכורני (!), שבהרבה ספרים ישנים כתוב על שם העיר לובלין — לובמלאָ״. אַפילו אַ רב פון לעמבערג, וואָס ליגט דאָך ניט, נאָך אַלעמען, אויף קיין צו גוואַלדיקן מרחק פון לובאָמל, האָט עס צונויפגע־פלאָנטערט מיט לובלין [44].

הרב ח. נ. דעמביצער, איינער פון די אַמאָליקע גרעסטע מומחים פון רבנישער גענעאַלאָגיע, לאַכט טאַ־קע פון הרב ר׳ יוסף־שאול נאַטאַנזאָן, „שטעה וקפל ב׳ ערים רחוקות״ ווי לובמלאָ און לובלין און געמאַכט זיי פאַר איין שטאָט [45].

אויך דער בעל „מצבת קודש״, יעקב־מענדל שטייף, מישט צונויף לובלין מיט לובמלאָ.

די צעטומלעניש אַרום לובלין — לובמלאָ איז גע־ווען אַזוי גרויס, אַז טייל האָבן געזאָגט, אַז דער ב״ח איז ניט געווען רב אין לובאָמל, נאָר אין לובלין. די קלאַנגען וועגן דעם זיינען געווען אַזוי פאַרשפּרייט, אַז זיי האָבן דערגרייכט אַפילו דייטשלאַנד, און דער באַרימ־טער היסטאָריקער גרעץ האָט געפונען פאַר נייטיק אויפ־צוקלערן, אַז דער ב״ח איז קיין מאָל ניט געווען אַב״ד לובלין, נאָר פון לובאָמל.

אַפילו מ. שטיינשניידער, דער גרעסטער יידישער ביבליאָגראַף, וואָס האָט מדקדק געווען על כל אות ואות, האָט זיך געטומלט מיטן נאָמען לובמלאָ און ער האָט אין קלאַמערן צוגעשטעלט אַ פרעגצייכן, צי דאָס איז גלייך צו לובאָמל [46].

און אַפילו ייוואָ, וואָס איז באַזונדערס אָפּגעהיט אין יידישע געאָגראַפישע נעמען, האָט אין זיינס אַן אויס־גאַבע גאַרניט געוווּסט פון דעם כולו יידישן נאָמען לי־בעוונע. אויך דער יידישער נאָמען ווערט דאָרטן אָנגע־געבן לובאָמלע און אין קלאַמערן — לובעוונע.

לובאָמלער רבנים

ווער איז געווען דער ערשטער רב?

ווען מיר זאָלן פּעריאָדיזירן די געשיכטע פון די רבנים אין לובאָמל, וועלן מיר קענען זי פאַרבינדן בלויז מיט צוויי פון די אויבן־אויסגערעכנטע דריי תקופות אין דער אַלגעמיינער געשיכטע פון די לובאָמלער יידן — מיט דער תקופה פון אויפבלי און מיט דער ערע פון ירידה. וועגן דער צייט, וואָס פאַלט צונויף מיטן ערשטן פּעריאָד פון דער יידישער געשיכטע אין לובאָמל, האָבן מיר ניט קיין שום ידיעות וועגן רבנים אין שטעטל — בכל־אופן אונדז האָט זיך ניט איינגעגעבן אַזעלכע מאַ־טעריאַלן צו געפינען.

מיט אַ נאָמען פון אַ רב אין לובאָמל טרעפן מיר זיך אָן ערשט אָנהייב צווייטער העלפט זעכצנטן יאָר־הונדערט — פּונקט אין דער זעלביקער צייט, ווען עס הייבט זיך אָן די בליצייט פון דער יידישער לובאָמלער קהילה.

און וואָס איז געווען ביז יענער צייט?

מיר ווייסן וועגן יידן אין לובאָמל אַזוי פרי ווי 1370 און אפשר זיינען דאָרטן געווען יידן מיט אַ יאָרצענדליק אָדער צוויי פריער. פון אָט דער צייט ביז דער צווייטער העלפט זעכצנטן יאָרהונדערט איז אַ תקופה פון גאַנצע צוויי הונדערט יאָר — שיקט זיך עס, אַז אין אָט דער גאַנצער צייט איז די לובאָמלער קהילה געווען אָן רב?

ווי מיר האָבן געזען פון פריערדיקע קאַפּיטלען, האָט זיך די לובאָמלער קהילה אָנגעהויבן פיין אַנט־וויקלען נאָך לאַנג פאַר איר בליצייט. מיר ווייסן פון דער געשיכטע, אַז לובאָמל איז שוין אין ערשטן פּע־ריאָד געווען פאַררעכנט ווי איינע פון די פיר חשובסטע קהילות אין דעם ראַיאָן כעלם — בעלז. טאָ ווי לייגט זיך עס אויפן שכל, אַז לובאָמלער יידן זאָלן אַזאַ לאַנגע צייט זיין אָן אַ מרא דאתרא?

אמת, פון דער יידישער היסטאָריע ווייסן מיר אויך, אַז ניט ווייניק יידישע קהילות האָבן געוויסע צייטן אין זייער געשיכטע ניט געהאַט קיין אייגענעם רב, נאָר בשותפות מיט אַנדערע אַרומיקע קהילות. קלענערע קהי־לות, וואָס האָבן צוליב פאַרשידענע סיבות, דער עיקר פינאַנסיעלע, זיך ניט געקענט דערלויבן צו האָבן אַ רב — אָדער אַזאַ רב, ווי זיי וואָלטן געוואָלט האָבן —

---

44) יחיאל מיכל צונץ, „עיר הצדק״, לעמבערג, 1874, ז׳ 62, הערה.

45) ח. נ. דעמביצער, „כלילת יופי״. קראקא תרמ״ח, ז׳ ל״ח.

46) אין געאָגראַפישן אינדעקס פון זיין Catalogus Librorum Hebraeorum. Hildeshein, 1964.

פאַר זיך, האָבן זיך פאַראייניקט מיט אַ פּאָר אַנדערע קהילות און צוזאַמען געגומען אַ בשותפותדיקן רב. סיי פון דער געשיכטע פון די יידן אין פּוילן גופא, ווי אויך אין ליטע, דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער, זיינען באַקאַנט אַזעלכע פאַלן.

פונדעסטוועגן איז ניט באַקאַנט אַזאַ פאַל, ווען אַ ידישע קהילה, דערצו נאָך אַן אויסגעוואַקסענע אין חשיבות, זאָל גאַנצע צוויי הונדערט יאָר ניט האָבן קיין אייגענעם רב, נאָר זיין פאַרבונדן מיטן כסא הרבנות פון אַנדערע קהילות.

אַזוי טראַגט אויס דער שכל, אָבער באַווייזן פאַר דעם פון דער געשיכטע האָבן מיר פאָרט ניט. מוזן די נעמען פון די קדמונימדיקע לובאָמלער רבנים בליַיבן פאַרהילט הינטערן פינצטערן געשיכטלעכן פאַרהאַנג פון לעצטן יאָרהונדערט מיטל־עלטער און ערשטן יאָרהונדערט פון דער נייער צייט און מיר מוזן שרייבן נאָר וועגן די יעניקע רבנים אין ליבעוונע, וואָס ווערן דערמאָנט אין קאָנקרעטע מקורות.

הרב ר׳ הירש יעלען

אין באַקאַנטן ספר „צמח צדק" — וואָס זיין מחבר ר׳ מנחם־מענדל קראָכמאַל האָט שוין געלעבט אין זיבעצנטן יאָרהונדערט און איז געווען צום נאָענטסטן צו דער צייט, וועגן וועלכער מיר רעדן דאָ — ווערט דערמאָנט הג"מ (הגאון מורנו) הירש ווי לובאָמלער רב. דאָס זעלביקע ווערט געזאָגט אויך אין דעם שפּעטערדיקן באַוווּסטן „סדר הדורות" פון יחיאל הייל־פּערין.

חיים דובעריש פריעדבערג, ביבליאָגראַף און יידיש־פּוילישער קולטור־היסטאָריקער, שרייבט אויף דעם סמך, אַז דער דערמאָנטער ר׳ הירש איז געווען דער ערשטער רב אין לובאָמל [47].

איינער אַ ר׳ הירש פון לובאָמל ווערט דערמאָנט אין אַן אָפיציעלן פּוילישן קעניגלעכן דאָקומענט. די דאַטע פון דאָקומענט איז 1556 און פּאַסט צונויף פונקט מיט דער תקופה, וואָס ס׳גייט דאָ די רייד וועגן איר, און ס׳איז קלאָר, אַז דאָס איז די זעלביקע פּערזאָן.

אין דאָזיקן דאָקומענט, אַרויסגעגעבן אין נאָמען פון קעניג זיגמונט אויגוסט דעם צווייטן, רעדט זיך וועגן „ייד הירש, המכונה יעלען". ער ווערט דאָרטן באַצייכנט ווי אַ „דאָקטאָר פון מאָזאַישן געזעץ", ווי מען פלעגט דאַן אָפט אַזוי באַצייכענען אַ רב, און אים ווערט גע־
געבן די פולמאַכט אָנצופירן מיט אַלע רעליגיעזע ענינים פון די לובאָמלער יידן.

דער דאָזיקער זייער וויכטיקער און אינטערעסאַנטער דאָקומענט פון דער געשיכטע פון די לובאָמלער יידן לייענט זיך אַזוי אין זיין פּאַטאָסטאַטישן לאַטייניש אָרי־גינאַל, מיט זיין פּוילישן אַריינפיר: [48]

אין דער כראָנאָלאָגיע פון לובאָמלער רבנים גייט בכן אַריין ר׳ הירש יעלען ווי דער ערשטער מרא דאתרא אין שטעטל, און אפשר וואָלט געווען ריכטיקער צו זאָגן: ווי דער פריִעסטער רב אין לובאָמל, וואָס אונדז איז באַקאַנט.

ר׳ הירש איז געווען רב אין לובאָמל פון 1556 ביז, משמעות, אָנהייב זיבעציקער יאָרן.

קיין ספרים פון ערשטן לובאָמלער רב זיינען ניט פאַרבליבן. זיינע חידושים ווערן אויך ניט געבראַכט אין ספרים פון אַנדערע רבנים פון זיין דור. ווי עס ווייזט אָבער אויס, איז דער ערשטער לובאָמלער רב געווען פון די סאַמע באַרימטסטע רבנים אין זיין צייט. אַ ראיה: ווען דער בעל „צמח צדק" שרייבט וועגן איינעם פון די גרעסטע גאונים, פון זיין דור ביזן הייניטיקן דור, וועגן מהרש"ל (ר׳ שלמה לוריא), און ער וויל אויסרעכענען נאָך גרויסע רבנים אין זיין צייט, זאָגט ער: „ובימיו הרביצו תורה בישראל — בארץ פולין ורוסיה גדולי עולם ואנשי שם", און צווישן זיי שטעלט ער אויפן צווייטן אָרט „ר׳ הירש בלובמלא".

הרב הגאון ר׳ אברהם פּאָלאַק

פון הרב הגאון ר׳ הירש הייבט זיך אָן אַ קייט פון רבנים „גדולי עולם ואנשי שם", וואָס האָבן אָן ערך הונדערט יאָר באַשיינט דעם לובאָמלער כסא הרבנות. צווישן זיי איינער, וואָס איז געווען צווישן די גרעסטע פוסקים בדורו, אַזאַ וואָס נאָך היינט איז „מפיו אנו חיים", דער גרויסער גאון הב"ח, וואָס וועגן אים וועט גערעדט ווערן אין אַ שפּעטערדיקן קאַפּיטל.

דער צווייטער צו פאַרנעמען לובאָמלער כסא הרבנות איז געווען הרב הגאון ר׳ אברהם פּאָלאַק. דאָס האָט גע־מוזט זיין אָן ערך אָנהייב זיבעציקער פון זעכצנטן יאָר־הונדערט. פון יאָר 1577 איז פאַראַן זיינע הסכמה, וואָס ער חתמעט זיך אויף איר „ר"מ ואב"ד לובמלא".

אין יענעם יאָר האָט ער אויך פון דאָס ניי באַקרעפ־טיקט די שוין פריִער דערמאָנטע וויכטיקע תקנה פון לובאָמלער קהילה, אַז יידן אין שטעטל טאָרן ניט קויפן

47) „לוחות זכרון". פראַנקפורט אַם מאַין, תרס"ד.

48) M. Bersohn, Dyplomatarjusz, p. 71—72.

קיין הייזער פון גויים אינעם תחום פון די יידישע וווינ־ערטער.

דאָ איז כדאַי אַרויסצוהייבן דעם מאָמענט, אַז הרב ר׳ אברהם פאָלאַק האָט זיך געחתמעט אויך „ר״מ״, דאָס הייסט: ראש מתיבתא. צי ער האָט אַליין געשאַפן אַ ישיבה אין שטעטל, צי ער האָט זי שוין געפונען פון פריִער, איז בכל־אופן נייטיק אונטערצושטרייכן דעם פאַקט, אַז דעמאָלט האָט שוין עקזיסטירט אַ ישיבה אין לובאָמל, וווהין עס זיינען זיכער געקומען לערנערס פון אַנדערע ערטער, נעמענדיק אין באַטראַכט אַז דער ראש־ישיבה איז פאַררעכנט געוואָרן בשעתו צווישן די גדולי הרבנים.

דאָ דאַרף שוין אויך, אגב, צוגעגעבן ווערן, אַז אויך נאָך הרב פאָלאַק האָט עקזיסטירט אַ ישיבה אין שטעטל, און אין די צייטן פון ב״ח האָט די ישיבה צו־געצויגן אַ סך לומדים. איינער פון אירע תלמידים איז געווען דער שפּעטערדיקער גרויסער גאון דער ט״ז (דוד סג״ל).

הרב ר׳ אברהם איז געווען אַ גאון בן גאון. זיין פאָטער איז געווען הרב ר׳ יעקב פאָלאַק, איינער פון די גרעסטע גאונים בשעתו, דער בעל „החילוקים״, וואָס האָט מיט זיין איינגעפירטן פלפול אין לערנען תורה געלייגט זיין שטעמפּל אויף אַלע ישיבות ביז אונדזערע טעג.

ר׳ אברהמס שווער איז אויך געווען אַ באַקאַנטע תורה־אויטאָריטעט בשעתו, הרב הגאון ר׳ יצחק בצלאלש, אב״ד לודמיר, און ער ווערט אָפט געבראַכט אין „ספרי הפוסקים״ און אין „שאלות ותשובות קמאי ובתראי״. ר׳ יצחק איז געווען דער זיידע פון ט״ז [49]).

ר׳ אברהמס ערשטע פרוי איז, משמעות, אַליין גע־ווען אַ לובאָמלער געבוירענע. נאָך איר טויט, זייענדיק שוין רב אין אַפּט, האָט ער אַ צווייט מאָל חתונה געהאַט מיט איינער פון מהרש״לס טעכטער, שרה [50]).

אויך דער צווייטער לובאָמלער רב האָט ניט איבער־געלאָזן קיין ספרים נאָך זיך. ר׳ חיים־נתן דעמביצער נעמט אים אָבער אַריין צווישן די „עשרה גאונים אדירי כל ארצות פולין״ בשעתו, וואָס האָבן געגעבן זייער הסכמה אויפן „מתנות כהונה״, דעם באַקאַנטן און עיקר־דיקן פירוש אויף מדרש רבה [51]). ער ווערט אויך דער־מאָנט אין שאלות ותשובות הב״ח, סימן ד׳.

הרב ר׳ אברהם פאָלאַק איז געזעסן אויפן כסא הרבנות אין לובאָמל אַרום 7—8 יאָר. נאָך לובאָמל איז ער געווען רב אין אַפּט, ווו ער איז נפטר געוואָרן אין 1589 [52]).

אַן אָפּשטאַמיקער פון הגאון ר׳ אברהם פאָלאַק איז געווען דער גאון און מקובל יהודה ליב בר׳ יוסף מפינסק, וואָס איז געווען אב״ד אין עטלעכע קהילות און איז אין זיינע לעצטע יאָרן עולה געווען קיין ארץ־ישראל און נפטר געוואָרן אין ירושלים. זיין נאָמען איז באַקאַנט דורך זיינע ספרים: „קנה חכמה״ (פראַנקפורט דמאין, תמ״ג, „דעת חכמה מקור חכמה, כבוד חכמים״ [53]). זיינע ספרים זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן נאָך ביי זיין לעבן. ער ווערט דערמאָנט לשבח אין „ויקהל משה״ פון גרויסן מקובל משה בן מנחם מפראַג (דף י״ב). אין זיינע יונגע יאָרן איז ער געווען רב אין בוכאַוו, אין רייסן. אין 1660 איז דאָרטן געווען אַ שרעקלעכער פּאָג־ראָם, עס זיינען געהרגעט געוואָרן קרוב צו 300 יידן. און ר׳ יהודה־לייב האָט זיך געראַטעוועט מיט זיין פרוי און טאָכטער. דערנאָך האָט ער זיך באַזעצט אין פינסק, ווו ער האָט מרביץ תורה געווען ברבים. בסוף ימיו איז ער עולה געווען קיין ירושלים, ווו ער איז נפטר גע־וואָרן [53]).

הרב הגאון ר׳ יהודה־לייב בר׳ אליעזר

ס׳איז אונדז ניט אין גאַנצן קלאָר, ווער עס האָט פאַרנומען ליבעוונער כסא הרבנות נאָך הגאון ר׳ אברהם פאָלאַק. אין די מיטן ניינציקער יאָרן פון זעכצנטן יאָר־הונדערט געפינט זיך אין „פנקס ועד ארבע ארצות״ פון יאָר שנ״ז (1597) אַ חתימה: „נאום יודא המכונה ליב בר׳ אליעזר מלובמלא״ אַ חתימה מיט אַ יאָר פריִער אין „פנקס״ לייענט זיך: „ליב מלובאַלאַ״. ישראל האַל־פערין זאָגט אַרויס די השערה, אַז ליב איז דער יהודה

---

49) ישראל טוביה אייזנשטאַט, „דעת קדושים״, פּטרבורג, 1897־98, ז׳ וו; ח. ד. פריעדבערג, „לוחות זכרון״, פראַנקפורט ד׳מאַין, תרס״ד, ז׳ 9; אריה יהודה ליב ליפשיץ, „אבות עטרה לבנים״. וואַרשאַ, תרפ״ז, ז׳ רי״ג.

50) „הגורן״, ספר א׳, ברדיטשיב, תרנ״ח, אַרטיקל „דור ישרים״ פון יוסף כהן צדק, ז׳ 7; שמואל זיינוול כהנא, „ענף עץ אבית״, קראקא, תרס״ג, ז׳ 24.

51) ח. נ. דעמביצער, „מכתבי בקרת״, קראקא, תרנ״ב, 8. — דער מחבר האָט זיך אָבער טועה געווען מיט זיין הערה, אַז ר׳ אברהם פאָלאַק איז געווען רב אין לובאָמל אין יאָר שי״ח (1558). לויט דעם קומט אויס, אַז ר׳ אברהם איז געווען רב אין לובאָמל פ אַ ר ר׳ הירשן — און דאָס איז אין סתירה צו אַלע מקורות.

52) יוסף לעווינשטיין, „דור דור ודורשיו״. וואַרשאַ, תר״ס, ע׳ 12.

53) ח. נ. דעמביצער, „כלילת יופי״. קראקא, תרמ״ח, ז׳ מח׳—מט׳.

ליב בר׳ אליעזר און „מלובאלא״ קען זיין „מלובמלא״ דרינגען פון דעם, אַז ר׳ יהודה ליב איז געווען רב אין לובאָמל איז ניט אַזוי לייכט. אויף זיין חתימה פעלט דער געוויינלעכער רבנישער „חונה״, „חופ״ק״ אָדער „אב״ד״, כאָטש עס איז פאַראַן דער טראַדיציאָנעלער „נאום״. „מלובמלא״ קען אַ מאָל ווייזן אויפן אַ פּ שׁ ט א ם, ווי אויף דער ר ב נ ו ת.

היות מיר ווייסן אָבער פאַרט ניט פון אַ לובאָמלער רב פון מיטן די אַכציקער ביז מיטן די ניינציקער יאָרן פון זעכצנטן יאָרהונדערט, קען מען אפשר אָננעמען, אַז ר׳ יהודה ליב איז געווען מרא דאתרא אין לובאָמל אין אָט דער תקופה, צי אין אַ טייל פון איר.

ר׳ יהודה ליב איז נפטר געוואָרן אין 1598 [53]א).

הרב הגאון ר׳ משה מת

אַרום 1596 איז געוואָרן מרא דאתרא אין ליבעווגע איינער פון די גרויסע גאונים־פּוסקים בשעתו, וואָס איז מערער באַקאַנט אונטערן נאָמען פון זיין ספר „מטה משה״ ווי מיט זיין אייגענעם מאָדנעם נאָמען ר׳ משה מ ת.

דער בעל „מטה משה״ איז געבוירן געוואָרן אַרום 1550 אין פּשעמישל, ווו זיין פאָטער ר׳ אברהם איז גע־פאַלן ווי אַ קדוש. ער איז געווען איינער פון די באַ־קאַנטסטע תלמידים פון מהרש״ל.

נאָך גאָר יונג איז ער געוואָרן אב״ד אין בעלז. דאָרטן איז געווען אַ ישיבה און ר׳ משה האָט דאָרטן מרביץ תורה געווען און אויפגעשטעלט פיל תלמידים.

ווי עס איז צו זען פון דער הקדמה אין זיין „מטה משה״, האָבן זיינע רויִקע טעג אין בעלז לאַנג ניט אָנ־געהאַלטן. ער האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין לודמיר צו זיין שווער הנדיב ר׳ שמואל, ווו ער האָט זיך געגומען מחבר זיין ספרים. אָבער אויך דאָ איז אים, משמעות, ניט געגאַנגען צו גוט. זיין גאַנצער שטרעבן איז געווען צו האָבן תלמידים און זיי לערנען תורה, אָבער אין לוד־מיר האָט ער דאָס ניט געקענט דערגרייכן. אין לודמיר איז אים אויך געשטאָרבן זיין איינציקער זון.

אין דער הקדמה פון „מטה משה״ שרייבט ער וועגן דעם גאַנץ קלאָרע דיבורים:

„בהיותי שאנן בנעורי ושוקט על שמרי, שלו הייתי בביתי ושאנן בהיכלי. מושב אלהים ישבתי בעיר בעלזא, שמה סבבוני הקיפוני תלמידים רבים מקשיבים לקולי לשמוע דבר ה׳, ורבו כמו רבו, על ידי היו נשענים הנקראים לה׳ בנים, הבנים בני אשר לפני על שלחני, זה השלחן אשר לפני ה׳. עד אשר טרדות הזמן ותלאות רבות רדפוני והשיגוני מהסתפחה בנחלת ה׳. והנה סערת הזמן טלטלני והביאני פה ולאדמיר עיר ואם בישראל, בית חמי נדיב ויועץ נשיא פנים וראש כמר שמואל, יש־מרהו הגואל. גם פה לא שקטתי ולא נחתי ולא שלותי כי לא יכולתי להפיק רצוני להגדיל תורה ולהאדיר... ונתתי אני אל לבי מאחר כי לא אוכל להוציא תורה מפי לתלמידי, אשר היא הנחלה היותר טובה, אנחילנה מפי ספרים, ויהיו לרצון אמרי פי כאלו הוצאתים מפי תלמי־דים הגונים... אף כי ידעתי גם ידעתי, כי יקומו עלי רבים... ויאמרו למשה: מי שמך לאיש שר ושופט עלינו להורות לנו הדרך אשר נלך, אף אני אען לכל אחד: יפה דברת... כי מי אני ומה חיי אשר ערב לבי לגשת אל המלאכה הזאת, ואני בער ולא אדע, אך יעצוני כליותי והציקוני רעיוני לאמר: מה לך נרדם, אף כי לא ישמעו לדבריך, ישמעו לדברי רבך, כי שמשתי ת״ח, בפרט להרב הגדול מאור הגולה, תפארת גאון ישראל מוהר״ר שלמה לוריא, אשר העמיד תלמידים לאלפים ולרבבות. הייתי מאוכלי שלחנו, וראיתי ודקדקתי מנהגיו ודיניו, זה לבד יהיה לכם למנוחה והיה לברכה״.

ר׳ משה האָט אויך דורכגעלעבט אַ גרויסע טראַ־געדיע אין זיין משפחה. בעתן שרייבן זיין „מטה משה״ איז אים געשטאָרבן זיין איינציקער זון, דעריבער שרייבט ער צו שוין צום סוף פון זיין ספר די ווייטערדיקע טרוי־עריקע ווערטער:

„ברוך צורי חי... אשר עזרני עד כה להשלים ספר זה הנקרא בשמ״י לכבוד השם בראתיו יצרתיו גם עשיתיו, להיות שמי נזכר עליו, כי זה זכרי וזה שמ״י וזה ינחמני מעצבון בני אשר ה׳ לקח מעל פני, ואבקש מאל צורי וגואלי שינחמני ויזכני לזרע אנשים זרע קיימא...״

פון לודמיר איז ר׳ משה אַוועק קיין פּשעמישל, ווו ער איז געוואָרן מרא דאתרא. ער איז אָבער דאָרטן ניט געווען קיין לאַנגע צייט און אין יאָר שנ״ו, 1596, טרעפן מיר אים שוין ווי דעם מורה הוראה פון לובאָמל, ווי דאָס איז צו זען ביים סוף פון זיין ספר „הואיל משה״, ווו ער שרייבט: „ותהא השלמתו פק״ק לבומלא היום יום ב׳ תמוז לפרט לא י מ ו ש ספר התורה״.

אויך אין לובאָמל איז דער אומרויִקער און ניט צו גליקלעכער גאון געווען רב נאָר עטלעכע יאָר. פון דאַנעט איז ער אַוועק קיין אָפּט, און דאָרטן איז ער געווען רב און אב״ד דגליל קראָקאָ.

אין „פנקס ועד ארבע ארצות״ געפינט זיך זיין חתימה דריי מאָל: אין ש״ן (1590) אויף אַ כרוז פון „שלושים רבנים צדיקים יסודי עולם״, אַז קיין רב זאָל

---

53 א) „דור ודור ודורשיו״, ז׳ 80. — אַ יאָר אָדער צוויי פון זיין ליבעוונער רבנות פאַלט צונויף מיט דער ליבעוונער רבנות פון ר׳ משה מת.

ניט פרווון קריגן קיין רבנות־שטעלע דורך געבן מתנות אָדער הלוואות; אין שנ״ז (1597), ווען מען האָט ווידער מחדש געווען און נאָך פאַרשאַרפט די דאָזיקע תקנה, און אַ דריט מאָל אין שס״ג (1603), ווו ער חתמעט זיך משה בן הק״ר הקדוש ר׳ אברהם ז״ל הי״ד[54]).

ר׳ משה מת איז נפטר געוואָרן אין אַפּט אין 1606.

סיי זיינע בני־דור, סיי שפּעטערדיקע פאָרשערס האָבן זיך געוווּנדערט, פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אים אַזאַ מאָדנער און אומגעוויינלעכער נאָמען ביי יידן, ווי „מת״. פאַראַן אַ השערה, אַז ער שטאַמט פון אַ משפחה סופרים פון מרביצי תורה אָדער מחזיקי תורה. מיט דער צייט איז עס פאַרקירצט געוואָרן אין די ראשי־תיבות מ״ת און שפּעטער איז דער ראשי־תיבותדיקער סימן בכלל אַרויסגעפאַלן און ס׳איז געבליבן „מת״. אין די ענציקלאָפּעדיעס ווערט ער אָנגערופן מאט. און אפשר אַז אויף דעם באַווייזן זיינע ווערטער צום סוף פון זיין ספר „מטה משה״: „ברוך צורי חי... אשר עזרני עד כה להשלים ספר זה הנקרא בשמ״י...״

אַנדערע רבנים האָבן ניט געוואָלט נוצן זיין דאָזיקן שרעקלעכן נאָמען. אַזוי געפינען מיר, אַז זיין חבר, דער באַוווּסטער גאון און פוסק ר׳ בנימין אהרן סלניק, רופט אים: „מהר״ר משה א י ש ח י״ (אין זיין ספר „משאות בנימין״ סימן מ״ו און אַנדערע ערטער), און דער תלמיד פון ר׳ משה מת, מנחם מן, אב״ד וויין, רופט אים אויך: „הג״מ משה איש חי (אין „שו״ת הב״ח החדש ות״. ס״י מ״ט.

דער וויכטיקסטער ספר פון ר׳ משה מת איז דער „מטה משה״, וואָס איז איצט אַ יקר־המציאות. אויפן שער־בלאַט ווערט געזאָגט: „...מעט הכמות ורב האיכות, מדבר בכל הדינים הנצרכים, תורה ועבודה וגמ״ח״ וכו׳. ער איז געדרוקט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין קראָקע, שנ״א (1591). אין שנת ת״פ (1720) איז ער אַ צווייט מאָל געדרוקט געוואָרן אין פראַנקפורט דמאַין, און שפּעטער זיינען אַרויס פון אים נאָך אויפלאַגעס. אין דער לעצטער צייט זיינען אַרויס נאָך צוויי נייע אויפלאַגעס פון „מטה משה״: אין לאָנדאָן, 1958, און אין ברוקלין, 1964.

דער בעל „כלילת יופי״ (ז׳ כ׳ — כ׳א) זאָגט, אַז דער מחבר פון „מטה משה״ האָט זיך גערעכנט „מגדולי הפוסקים״ און „סמכו על ספרו היקר מה שנוגע הלכה למעשה״.

---

54) „פנקס ועד ארבע ארצות״. ירושלים, תש״ה. ז׳ 15, 62, 63.

דאָ איז אינטערעסאַנט צו ברענגען דעם ווייטערדיקן מאָדנעם צופאַל:

אַ הלכה פון ר׳ משה מת, וואָס זיין פאָטער איז געווען אַ קדוש, האָט מען גענוצט פאַר די קדושים פון אונדזער דור.

אין „מטה משה״ ווערט געזאָגט:

„מי שאינו יודע איזה יום הוא יום שמת בו אביו או אמו, הורה לי מורי המהרש״ל ז״ל לברור יום מיוחד ויתענה בו ויאמר בו קדיש״.

דער ישראל־מיניסטער ד״ר יוסף בורג האָט די הלכה דערמאָנט בשעתו אין איינער פון זיינע רעדעס און אַ סך פון די פאַריתומטע יידן נאָכן היטלער־חורבן האָבן זי אָנגענומען.

אַ צווייטער גרויסער ספר פון ר׳ משה מת איז „אוהל משה״, אויף מקרא און אויף פירוש רש״י. זיין זון ר׳ אברהם האָט עס אָפּגעדרוקט אין שע״ו (1616) אין פּראָג. אין ישראל איז לעצטנס אַרויסגעגאַנגען אַ נייע אויפלאַגע פון דאָזיקן ספר.

זיין ספר „תרי״ג מצוות״ איז געדרוקט געוואָרן אין קראקא, שמ״א (1581).

דער בעל „סדר הדורות״ (דף רל״ז) זאָגט, אַז ר׳ משה מת האָט מחבר געווען נאָך צוויי ספרים: „באר הטיב״ און „באר התורה״. משמעות, אַז זיי זיינען געבליבן אין כתב־יד.

זיינע תשובות ווערן געבראַכט אין דערמאָנטן „משאת בנימין״ (סי׳ יד׳, ט״ז, מ״ה), ווי אויך אין די תשובות מהר״ם מלובלין (סי׳ פ׳ח). אויף „מחזיק בדק״, אַ חלק פון „תקוני זבח״, פון משה בר׳ מרדכי ברוינשוויק, איז דאָ זיינס אַ הסכמה[55—56]).

אין שו״ת הב״ח ווערט ער אָנגערופן ר׳ משה מפּרמישלא.

55—56) ש. י. פין, „קריה נאמנה״. ווילנאַ, תר״ך, ז׳ 56; זע אויך: יוסף לעווינשטיין, „דור דור ודורשיו״. וואַרשאַ, תר״ס, ז׳ 89; ח. ד. פריעדבערג, „לוחות זכרון״. פראַנקפורט אַם מאַין, תרס״ד, ז׳ 9; ש. א. האָראָדעצקי, „כרם שלמה״. דראָהאָביטש, תרנ״ז, ז׳ ל״ג — געווען נאָך אַ גאון, וואָס האָט זיך אויך גערופן „משה בן הקדוש ר׳ אברהם״. אמת, יענער האָט געלעבט אַ רעכט ביסל שפּעטער (געשטאָרבן 1681), פונדעסטוועגן טוט גוט דער „דעת קדושים״ (פּעטערבורג, 1897—98), וואָס ער ווייזט אָן אויף דעם און גיט אַ סימן פון אַ חילוק צווישן זיי. יענער גאון, וואָס איז געווען אב״ד הוראדנא און מחבר פון „תפארת למשה״, חתמעט זיך צום סוף „מגזע צבי״, דורך דעם קען מען אים אונטערשיידן פון ר׳ משה מת.

הרב הגאון ר׳ שמעון־וואָלף אויערבאַך

ווען האָט דער דאָזיקער רב פאַרנומען דעם כסא הרבנות אין לובאָמל ?

מיר שטעלן די דאָזיקע פראַגע גלייך אין אָנהייב, ווייל דער ענטפער אויף איר איז מערער קאָמפּליצירט, ווי ביי אַנדערע לובאָמלער רבנים.

לויט אַלע ענציקלאָפּעדיעס און רבניש־גענעאַלאָגישע ביכער, איז ר׳ שמעון־וואָלף געווען דער פערטער רב אין לובאָמל און איז געקומען אַהין נאָך ר׳ משה מת. מיר גיבן אים דאָ לויטן זעלביקן סדר, אָבער נאָך אונדזער חשבון, האָט דער דאָזיקער סדר ניט קיין יסוד, ווייל ער געפינט זיך אין סתירה צו פאַקטן און דאַטעס. פאַר וואָס ?

ס׳איז קלאָר פון אַלע פאַראַנענע מקורות, בתוכם אויך פון זיין מצבה, אַז די ערשטע דריי רבנות־שטעלעס פון ר׳ שמעון־וואָלף זיינען געווען טורבין, לובאָמל און לובלין. די גענויע צייט פון זיין רבנות אין די ערשטע צוויי קהילות איז אונדז ניט באַקאַנט, דערפאַר ווייסן מיר אָבער, אַז אין לובלין איז ער געוואָרן אב״ד (ראש ישיבה ?) אין 1579 און דאָרטן געווען ביז 1585.

היות ר׳ שמעון־וואָלף איז לכל־הדעות געוואָרן אב״ד אין לובאָמל פאַר לובלין, הייסט עס, אַז זיין לובאָמלער רבנות האָט געקענט זיין נאָר פ אַ ר 1579. אויב אָבער מיר נעמען אָן פאַר ריכטיק די ידיעות פון אַלע ענציקלאָפּעדיעס און רבנישע כראָנאָלאָגיע־ביכער, קומט אויס, אַז ר׳ שמעון־וואָלף איז געוואָרן לובאָמלער רב נאָך ר׳ משה מת; אָבער וועגן ר׳ משה מת ווייסן מיר אויף זיכער — פון זיינס אַן אייגענעם ספר — אַז אין 1596—1597 איז ער געווען רב אין לובאָמל, בכן איז ר׳ שמעון־וואָלף געווען לובאָמלער אב״ד סוף ניינציקער יאָרן פון זעכצנטן יאָרהונדערט, מיט גאַנצע צוואַנציק יאָר נאָך זיין קומען קיין לובלין, אָבער דאָס איז דאָך אוממעגלעך — דאָס איז ניט מעגלעך אויך צוליב אַ צווייטן טעם: דעמאָלט האָט דעם כסא הרבנות אין לובאָמל פאַרנומען אַן אַנדער רב.

בקיצור, דער גאַנצער ענין זעט אונדז אויס מאָדנע פאַרפּלאָנטערט, דעריבער קומט אויס, לויט אונדזער מיינונג, אַז ר׳ שמעון־וואָלף איז ניט געוואָרן רב אין לובאָמל נאָך ר׳ משה מת, נאָר נאָך ר׳ אברהם פּאָלאַק, און ער איז פאַרבליבן אין לובאָמל אַ קורצע צייט.

הרב הגאון ר׳ שמעון־וואָלף בר׳ דוד טעבלי אויערבאַך איז געווען איינער פון די באַרימטסטע רבנים בשעתו, ווי דאָס איז אויך צו זען פון די גרויסע רבנות־שטעלעס, וואָס אים איז שפּעטער אויסגעקומען צו פאַרנעמען. אין איין אָרט ווערט ער אָנגערופן ניט מער און ניט ווייניקער, ווי „אחד משבעה עמודי עולם מאורי הגולה" — און דאָס איז ניט סתם אַ מליצהדיקע גוזמא, ווי עס טרעפט אַ מאָל ביי רבנישע טיטל־געבערס, ווייל צווישן די אַנדערע זיבן געפינען זיך אַזעלכע תורהדיקע ריזן און גאוני עולם ווי דער מהרש״א, דער ב״ח און דער בעל „עוללות אפרים", ר׳ שלמה אפרים לונטשיץ[57].

פאַר זיין פאַרנעמען דעם כסא־הרבנות אין לובאָמל איז ר׳ שמעון־וואָלף געווען אב״ד טורבין, אויך דאָרטן איז ער געווען בלויז אַ קורצע צייט.

אַז ר׳ שמעון־וואָלף איז געווען פון די גאונים בשעתו, איז צו זען פון דעם פאַקט, וואָס ער האָט געפירט אַ גרויסע ישיבה אין לובלין, בעת דער מהר״ם, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען איינער פון די גרעסטע גאונים, איז דאָרטן גלייכצייטיק געווען ראש מתיבתא אין אַ צווייטער ישיבה, זייענדיק אויך אב״ד פון שטאָט.

אין די אַלע רייד וועגן דעם, אַז דער מהר״ם איז געווען דער „איש ריבו" פון ר׳ שמעון־וואָלף, איז פאַראַן ניט ווייניק גוזמא. אמת, דער מהר״ם איז ניט געווען פון די לייכטע מענטשן אויסצוקומען און ער האָט אויך ניט געליטן פון צו פיל עניוות. ער איז געווען זייער איינגעליבט אין זיין גאונות און ער האָט געהאַט שאַרפע ווערטער אויף די גרעסטע גדולי התורה אין זיין דור און אַפילו פון פריערדיקע דורות. אין זיינע ספרים זיינען פאַראַן בייסיקע הערות אויף אַזעלכע גאונים נוראים, ווי דער בית־יוסף, דער רמ״א, מהרש״א, רש״ל דער בעל הלבושים און דער סמ״ע. למשל: אין זיינע „תשובות" (סימן קצ״ד) זאָגט דער מהר״ם מלובלין אַזוי וועגן בית־יוסף: „אמנם לא בתפיסה זו בלבד נתפס הב״י, אבל כבר יש לי חבילות־חבילות סתירות והשגות על דבריו ושגגות שיצאו מלפניו שנפל בהן".

גראָד מיט ר׳ שמעון־וואָלף איז דער מהר״ם תחילת יאָ אויסגעקומען. נאָך מער: זיי האָבן אַפילו געהאַט קאָאָרדינירט דאָס לערנען איןביידע ישיבות אַזוי, אַז גלייכצייטיק האָט מען דאָרטן געלערנט איין מסכתא. עס זאָל האָבן געווען אָפּגערעדט צווישן די ביידע גאונים, אַז אויפן סמך פון זייערע גלייכצייטיקע חידושים זאָל מען שפּעטער אויסבויען אַ גראַנדיעזן גייסטיקן תלמודישן בנין, וואָס די פּרטים וועגן דעם זיינען ניט באַקאַנט.

אָבער צו לאַנג האָט די אידיליע דאָך ניט געהאַלטן, און די מחלוקת — אַ מחלוקת לשם שמים — איז אויסגעבראָכן טאַקע צוליב זייערע גלייכצייטיקע חידושים אויף דער זעלביקער מסכתא.

---

57) „כלילת יופי", דף פ״ז, ע׳ ב׳.

וועגן דעם דערציילט אונדז דער באַקאַנטער סעראַצקער רב הרב ר׳ יוסף לעווינשטיין, וואָס איז געווען משפּחהדיק פאַרבונדן, פון זיין פאָטערס און פון זיין מוטערס צד, סיי מיטן מהר״ם, סיי מיט ר׳ שמעון־וואָלף [58].

נאָך יעדער שיעור, באַזונדערס ווען ס׳איז געווען אַ שווערע לייעניש, און די ראשי־ישיבה, יעדערער ביי זיך, האָבן געמוזט מתרץ זיין שווערע קושיות, פלעגן ד תלמידים פוןביידע ישיבות שפּעטער פרעגן איינע די אַנדערע: ווי האָט די סוגיא דערקלערט אייער רבי? ווען דער פּירוש איז ניט געווען דער זעלביקער, פלעגט עס אָפט ברענגען צו מחלוקתן צווישן די תלמידים, ווייל יעדער צד פלעגט זאָגן, אַז זיין רבי האָט געגעבן דעם אמתן ביאור.

די דאָזיקע תלמידישע קריגערייען האָבן ממילא זיך געמוזט דערטראָגן אויך צו זייערע צוויי גרויסע רביים. ווען קהל האָט געזען, אַז מיט איינפאַכן פּשרה מאַכן צווישן די ישיבה־בחורים וועלן זיי ניט קענען איינשטילן די אַלץ אויף ס׳ניי זיך צעפלאַקערנדיקע מחלוקתן, האָט מען גוזר געווען, אַז די תלמידים טאָרן ניט דערציילן איינע די אַנדערע די חידושים פון זייער רבין, און אויב איינער וועט עובר זיין אויפן חרם, וועט ער ווערן אַרויסגעטריבן פון דער ישיבה.

אַ קורצע צייט איז געווען רויק, אָבער ניט אויף לאַנג.

דער מהר״ם און ר׳ שמעון־וואָלף, יעדערער אין זיין ישיבה, האָבן זיך איין מאָל מתקשה געווען אין אַ תוספות. דער מהר״ם האָט דורך אַ לאַנגן חריפותדיקן פּלפּול אויפגעקלערט יענעם שווערן אָרט אין תוספות. אָבער ר׳ שמעון־וואָלף האָט עס מבאר געווען גאָר אויף אַן אַנדער אופן: ער האָט געזאָגט, אַז דאָ איז פּשוט אַ טעות הדפוס, ווייל ס׳איז אַרויסגעפאַלן אַ וואָוו פון תוספות. און מיט דעם ווערט די גאַנצע קשיא פאַרענטפערט.

דער מהר״ם האָט געוואָלט וויסן, ווי אַזוי האָט ר׳ שמעון־וואָלף מפרש געווען יענעם תוספות. האָט ער געבעטן זיינע תלמידים, אַז זיי זאָלן עס דערגיין ביי די תלמידים פון ר׳ שמעון־וואָלף. די לעצטע האָבן אָבער גאָרניט דערציילט צוליבן חרם. האָבן די תלמידים פון מהר״ם איין מאָל געכאַפּט איינעם פון די בעסטע תלמידים פון ר׳ שמעון־וואָלף, אים גוט אָנגעשלאָגן און אים געצווונגען אַרויסצוזאָגן דעם פּירוש פון זיין רבין אויף יענעם שווערן תוספות.

דאַן איז דער מהר״ם אַרויס עפנטלעך פאַר זיינע תלמידים און דערקלערט, אַז נאָר זיין פּירוש איז דער איינציק ריכטיקער. פון דעם האָט זיך צעפלאַקערט אַ גרויסע מחלוקת צווישן מהר״ם און ר׳ שמעון־וואָלף. קהל האָט זיך געמוזט אַריינמישן, און ווען ס׳איז שוין ניט געווען קיין אַנדער וועג, האָט קהל אַרויסגעגעבן אַזאַ פּסק־דין:

מען זאָל די גאַנצע מחלוקת אויסלייגן אין אַ בריוו, וואָס מען זאָל איבערשיקן דעם גאון ר׳ שלמה אבוהב פון אַמסטערדאַם און אים בעטן פּסקענען וועגן ענין. אויב זיין פּסק־דין וועט זיין לטובת איינעם פון די צוויי לובלינער ראשי־ישיבות, זאָל דער צווייטער פאַרלירן דאָס רעכט צו בלייבן ראש־מתבתא; אויב ביידע וועלן פאַרלירן, דאַרפן זיי ביידע פאַרלאָזן לובלין.

דער מהר״ם און ר׳ שמעון־וואָלף האָבן מסכים געווען אויף דעם, און די גאַנצע שטאָט האָט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג געוואַרט אויפן ענטפער פון אַמסטערדאַמער גאון.

ווען ס׳איז אָנגעקומען די תשובה פון אַמסטערדאַם, האָט זיך קהל צונויפגעקליבן אויף אַ זיצונג, אין וועלכער ס׳האָבן זיך אויך באַטייליקט די ביידע בר־פּלוגתאָס. דאָרטן האָט מען געעפנט דעם פאַרחתמעטן בריוו פון ר׳ שלמה אבוהב, אויף וועלכן ס׳איז קיין זאַך ניט געווען געשריבן, אויסער איין גרויסער אות: אַ וואָוו.

ס׳איז געווען קלאָר, אַז דער פּסק־דין איז לטובת ר׳ שמעון־וואָלף.

קהל האָט דעמאָלט באַשלאָסן, אַז ר׳ שמעון־וואָלף זאָל פאַרנעמען דאָס אָרט פון מהר״ם און ווערן אב״ד ור״מ דלובלין.

ר׳ שמעון־וואָלף האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט אָנצונעמען זייער פאָרשלאָג. ער האָט דערקלערט, אַז מחמת אַזאַ קליינעם ענין טאָר מען ניט דוחה זיין אַזאַ גרויסן גאון, ווי דער מהר״ם.

קהל האָט זיך ניט צופרידן געשטעלט און האָט איינגעלאַדן אויפן לובלינער כסא־הרבנות דעם מהרש״א, וואָס איז דעמאָלט געווען אב״ד אוסטרהא.

דער גרויסער מהרש״א האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון לובלינער קהילה. דער מהר״ם און ר׳ שמעון־וואָלף זענען געווען נשתומם, פאַר וואָס דער מהרש״א האָט אַזוי זיך נוהג געווען. ראשית, ער האָט דאָך געוווסט, אַז מען האָט זיי ביידן דוחה געווען פון לובלין; והשנית, די תורהדיקע חשיבות פון אוסטרהא איז

58) אין זיין מאמר „תולדות מהר״ם מלובלין“ אין „הגרן“, ספר א׳. ברדיטשוב, תרנ״ח, זז׳ 40—44.

וועגן דער מחלוקת גיט אויך איבער אליעזר שטיינמאַן אין זיין „צנצנת המן“. תל־אביב, 1964, כרך א׳, ע׳ 21.

דעמאָלט געווען אַ סך גרעסער פון לובלין, טאָ פאַר וואָס האָט ער מסכים געווען צו בייטן זיין רבנות אויף אַ קלענערן אָרט, ס'איז דאָך „מעלין בקודש ולא מורידין".

די האַנדלונג פון מהרש"א איז קלאָר געוואָרן דעם ערשטן שבת, ווען ער האָט געהאַלטן זיין ערשטע דרשה אין לובלין.

אין יענער דרשה האט דער מהרש"א צווישן אנדערע אַזוי געזאָגט:

איך האָב אַ קשיא אויף אייך, די מנהיגים פון לובלינער קהילה, און אַ קשיא אויף זיך. די קשיא אויף אייך איז: אַלע ווייסן דאָך, אַז די רבנות פון אוסטרהא שטייט העכער פון דער רבנות אין לובלין, טאָ ווי איז אייך איינגעפאַלן מיר אָנצובאָטן צו ווערן אייער רב?

דאָס איז אויך די קשיא אויף מיר, אָבער אויף זיך האָב איך אַ תירוץ: ווען אוסטרהא זאָל זיין גרעסער אַפילו כפל כפלים ווי זי איז איצט, וועל איך ניט האָבן אַזעלכע צ ו ו י י ש י י נ ע ב ע ל י ־ ב ת י ם, ווי דער גאון מהר"ם און דער גאון ר' שמעון־וואָלף. אָבער די קשיא אויף אייך קען איך ניט פאַרענטפערן.

און ער האָט דעמאָלט פאַרענדיקט אַזוי:

אַזוי ווי איך האָב געזען אייער רצון, אַז איך זאָל ווערן אייער רב, נוץ איך אויס דאָס רעכט פון דעם מרא דאתרא און בין גוזר אויף אייך, אַז דער מהר"ם און ר' שמעון־וואָלף זאָלן בלייבן אויף זייערע ערטער און ווייטער מרביץ תורה זיין ביי אייך.

און אַזוי איז טאַקע געווען, נאָר ר' שמעון־וואָלף האָט גלייך געקראָגן אַ פאָרשלאָג אויף רבנות אין אַן אַנדער שטאָט און דער מהר"ם איז ווייטער געבליבן אב"ד ור"מ לובלין, אָבער קיין צווייטן ראש־ישיבה האָט מען שוין נישט גענומען.

נאָך לובלין איז ר' שמעון־וואָלף געוואָרן אב"ד ור"מ אין פשעמישל. דאָרטן איז ער געזעסן אויפן כסא־הרבנות אַ סך יאָרן, צוויי מאָל אַזוי פיל ווי אויף אַלע זיינע פריערדיקע און שפעטערדיקע רבנות־שטעלעס צוזאַמען.

אַרום 1620 איז ער געקומען קיין פּויזן, ווו ער איז געוואָרן אב"ד און רב הכולל פון פּוילין גדול [59]).

דאָ איז אינטערעסאַנט צו ברענגען די ווייטערדיקע תקנות פון פנקס פּויזן, אויף וויפל זיי האָבן אַ שייכות צו ר' שמעון־וואָלף און זיינע עלטערן.

פון אים נעמען מיר די ווייטערדיקע פּרטים וועגן ר' שמעון־וואָלפס לעבן אין פּויזן.

ווי מען קען דרינגען פון די תקנות פון פּויזנער קהלשן פּנקס, איז ר' שמעון־וואָלף געווען אַ בן־עיר פון פּויזן. א ראיה דערצו איז אויך דער פאַקט, אַז דאָרטן האָבן מיט אים געלעבט זיין מאַמע, הרבנית רבקה, און זיין ברודער ר' יצחק, און ווי עס ווייזט אויס, האָט אויך זיין פאָטער ר' דוד טעבלי ביז 1620 דאָרטן אויסגעפירט געוויסע פונקציעס.

אָנהייב 1628 האָט ר' שמעון־וואָלף געקראָגן אַ שריפטלעכן אָנבאָט פון ווינער קהילה צו פאַרנעמען דאָרטן דעם כסא־הרבנות. די פּויזנער קהילה האָט דעמאָלט פאַרבעסערט די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון ר' שמעון־וואָלף און בײדע צדדים האָבן זיך געחתמעט אויף אַן אָפּמאַך, אַז ר' שמעון־וואָלף וועט ניט פאַרלאָזן פּויזן, סיידן ער וועט עולה זיין קיין ארץ־ישראל, ווי ער האָט געהאַט געפּלאַנט.

דער אָפּמאַך האָט אָבער ניט אויסגעהאַלטן. זומער 1629 האָט ר' שמעון־וואָלף ווידער באַקומען אַן אָנבאָט אויף ווינער רבנות, און דאָס מאָל האָט ער עס אָנגענומען.

ר' שמעון־וואָלף איז אָבער געווען בלויז אַ קורצע צייט אב"ד ור"מ ווין. פון דאָרטן איז ער אַוועק קיין פּראָג, ווו ער איז געוואָרן „ר"מ ואב"ד כל מדינת פּיהם". דאָרטן זאָל ער האָבן געהאַט סכסוכים מיטן תוספות יום־טוב וועגן ענינים פון איסור והיתר.

אויך אין פּראָג איז ר' שמעון־וואָלף ניט פאַרבליבן קיין לאַנגע צייט, ווייל אין נאָוועמבער 1631 איז ער נפטר געוואָרן.

פון פּויזנער פּנקס איז צו זען, אַז ר' שמעון־וואָלף, וואָס זיין ערשטע פרוי איז געווען איינע פון דעם רש"לס פיר טעכטער, האָט שפּעטער חתונה געהאַט אַ צווייט מאָל מיט איינער אַ מרת רוזה בת ר' יוסף.

ס'איז די גרויסע טראַגעדיע פון אַזאַ גרויסן רב, וואָס ער האָט ניט געלאָזן נאָך זיך קיין איינציקן ספר. דאָס האָט גורם געווען דערצו, אַז ער איז פּאַקטיש פאַרגעסן געוואָרן און זיין השפּעה אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער רבנישער ליטעראַטור איז גלייך צו נול. מען ווייסט, אַז אין כתב־יד זיינען פאַרבליבן ספרים פון אים, אָבער אויך זיי זיינען מיט דער צייט פאַרפאַלן געוואָרן. נאָר אין עטלעכע ספרים פון אַנדערע מחברים ווערט ער דערמאָנט אָדער עס ווערן דאָרטן געבראַכט חידושי־תורה זיינע:

59) די בערלינער „אשכול"־ענציקלאָפּעדיע גיט אָן, אַז ר' שמעון־וואָלף איז געוואָרן אב"ד פּויזן אין 1625. דעם זעלביקן טעות מאַכט ישראל היילפּערין אין זיין „פּנקס ועד ארבע ארצות". אַז דאָס איז אַ טעות קען מען זען פון דעם פּנקס פּויזן. וועגן ר' שמעון־וואָלפס זיין אין פּויזן און דעם פּויזנער פּנקס שרייבט ד"ר פיליפּ בלאָך אין זיין אַרטיקל, „Über S. Wolff Auerbach Oberrabiner von Grosspolen" וואָס איז געווען געדרוקט אין: Gedenkbuch zur Erinnerung an David Kaufman. Breslau, 1900.

אין „אור צדיקים" פון מאיר פאַפּערס.
אין שו"ת מהר"ם מלובלין, סי' כ"ז.
אין „קב הישר" פון צבי הירש קוידענאָבר, סי' ס"ה.
אין „עטרת זקנים" פון מנחם-מענדל אויערבאַך, אין „לב אריה" און „שער נפילת אפרים".

זיינע הסכמות זיינען פאַראַן אויף:
„שיח יצחק", יצחק בר' שמואל הלוי. באַזיליאַ, שפ"ז.
„זכרון משה", משה בר' זבולון אליעזר. לובלין, שע"א.
„באר מים חיים", יעקב בר' יצחק. קראָקאָ, שע"ו.
„סליחות ופזמונים", אליעזר אשכנזי. קראָקאָ, שמ"ג.

ר' שמעון-וואָלף איז געווען איינער פון די „שבעה עמודי עולם", וואָס האָבן אין ועד ארבע ארצות געגעבן זייער הסכמה צו דרוקן דעם באַקאַנטן ספר „יש נוחלין" פון אברהם בר' שבתי הורוויץ (דעם פאָטער פון של"ה).

אויפן גראַמניצער יריד פון ועד ארבע ארצות פון שס"ו (1606) איז דאָ זיינס אַ חתימה[60].

דער ערשטער רב פון כעלם, הרב הגאון ר' שמעון אויערבאַך, איז געווען דער פעטער פון ר' שמעון-וואָלף, ברודער פון לעצטנס פאָטער ר' דוד טעבלי[61].

די מצבה פון ר' שמעון-וואָלף אויפן פּראָגער בית-עולם לייענט זיך אַזוי:

זאב נטרף בבקר יום ד' י"ז מרחשון שצ"ב.

ר"מ ואב"ד של כל מדינת פיהם החסיד הגאון הגדול מהר"ר שמעון-וואָלף אויערבאַך ב"מ דוד טעבל ז"ל.

יום מאירה וארירות ומרירות.
בו נחסרו המאורות
השמים בעבים קדורות
נקבע בכי לדורות
על אב"ד שנקבר באדמה
י"ז לחודש שהלבנה פגומה
היו לנו לחומה
משבת אף וחימה...

---

60) „כלילת יופי", ז' כ"ז; פנקס ועד ארבע ארצות", זז' 24, 456; „כרם שלמה", ש. א. הורודצקי, דראָהאָביטש, תרנ"ז, ז' 32; „שם הגדולים החדש", אהרן וואלדן, וואַרשאַ תר"ל, ז' י"ח; „דור ודור ודורשיו", יוסף לעווינשטיין, וואַרשאַ, תר"ס, ז' 119; אברהם עפשטיין, „משפחת לוריא", וויען, תרס"א, ז' 20; „לוחות זכרון", ז' 9; ש. ב. ניסענבוים, „לקורות היהודים בלובלין".

61) „המאסף", פעטערבורג, 1902. אַרטיקל פון ד"ר שמעון מילנער „לקורות היהודים בחעלם".

היה אב"ד ור"מ בטורבין, לובמלא, לובלין, פרמסלא, פוזנן, וויען, פּראַג וכל אגפיהון.

כל הקהילות האלו ווי ווי יצווחו בפה מלא
אוי נא לנו כי עטרת ראשנו נפלה
לויתן בחכה הועלה
נתבקש בישיבה של מעלה
כבה נר ישראל מנורה זהב כולה
והנה אימה חשיכה גדולה
יום ענן וערפל חושך ואפילה
ומי יורה לנו דרך ומסילה
מי יוכיח לרבים ויסיר המכשלה
הספרים שחיבר מי יוציאם לאורה ויגלה
חגרו שקים ספדו והלילו בחלחלה
מספד מר תמרורים בבכי ויללה
הורידו כנחל דמעה יומם ולילה...[62].

די אויפשריפט פאַרנעמט אַלע פיר זייטן פון דער מצבה. דער סוף איז דאָ ניט געגעבן און איין אָרט איז דאָ אָפּגעקראַצט אין מיטן.

הרב הגאון ר' יואל סירקיש-יפה (ב"ח)

דער גרעסטער רב, וואָס די לובאָמלער קהילה האָט געהאַט אין איר געשיכטע, איז געווען ר' יואל סירקיש, איינער פון די גאוני עולם און עמודי הוראה בישראל, וואָס האָבן באַשיינט די רבנישע וועלט די לעצטע עט-לעכע הונדערט יאָר און וואָס זיינע ספרים לעבן נאָך עד היום אין יעדן אָרט, ווו עס לעבט נאָך אַן אמת-תורהדיק וואָרט.

הרב הגאון ר' יואל סירקיש, בעיקר באַקאַנט מיטן ראשי-תיבותדיקן נאָמען פון זיין וויכטיקסטן ספר „בית חדש" — דער ב"ח, איז געבוירן געוואָרן אין 1561 אין לובלין.

די ערשטע רבנות פון ב"ח איז געווען אין פּרוזשאַני, די צווייטע — אין לוקאָוו (ליקעווע).

אין לובאָמל איז דער ב"ח געווען רב שוין אין 1600. פון דעם יאָר זיינען פאַראַן צוויי תשובות זיינע, וואָס ער האָט געשריבן פון לובאָמל צום מהר"ל מפּראַג וועגן אַן עגונה[63].

נאָך לובאָמל איז דער ב"ח געווען אב"ד אין מיעזי-ביזש, בעלז און שידלאָוו. היות אין 1605 איז ער שוין געווען רב אין מיעזביזש, קען מען אָננעמען, אַז אויפן

---

62) שלמה יהודה רפאפורט, „גל עד". פּראַג, תרט"ז, ע' 75.

63) שו"ת הב"ח הישנות, סי' ע"ז און שו"ת הב"ח החדשות, סי' נ"ט.

ליבעוונער כסא הרבנות איז ער געזעסן וואָסערע 4—5 יאָר [64].

דער ב״ח איז ניט געווען אין גאַנצן אָפּגעשלאָסן באהלה של תורה. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינ־טערעס צום יידישן לעבן בכלל און האָט אויך פאַרמאָגט אָרגאַניזאַטאָרישע פעיִקייטן. גלייך נאָך זיין אָנקומען קיין לובאָמל האָט ער מחדש געווען די אַלטע תקנה פון דער קהילה וועגן איסור צו קויפן הייזער ביי גויים אין תחום פון שטעטל, וואָס אין 1577 האָט עס מחזק געווען דער דעמאָלטיקער מרא דאתרא הרב הגאון ר׳ אברהם פּאָ־לאַק [65].

וועגן דעם, פאַר וואָס דער ב״ח האָט פאַרלאָזן דעם כסא־הרבנות אין לובאָמל, ווערט דערציילט אַזאַ מעשה:

אין שטעטל האָט געלעבט אַ ייד אַ תלמיד־חכם, וואָס איז געווען באַשיידן ביז גאָר. ער פלעגט זיצן יומם־ולילה און לערנען תורה. קיינער האָט ניט געוווּסט די מדרגה פון זיין למדנות, ווייל ער האָט געלערנט נאָר פאַר זיך.

האָט געטראָפן איין מאָל, אַז דער דאָזיקער ייד איז אַריינגעקומען צום ב״ח און אים דערלאַנגט אַ כתב־יד, זאָגנדיק מיט גרויס יראת־הכבוד:

— רבי, דאָס זיינען מיינע חידושים אויפן ש״ס, וואָס איך האָב זיך פאַרצייכנט פון צייט צו צייט בעת מיין לערנען. איך וואָלט געוואָלט, אַז דער רבי זאָל אַ קוק טאָן מיינע חידושים און זאָגן זיין מיינונג וועגן דעם.

דער ב״ח האָט צוגענומען דעם כתב־יד. אין אווּנט האָט ער אַריינגעקוקט אין אים עטלעכע שעה — און ער איז נשתומם געוואָרן. ער האָט דערזען, אַז יענער באַשיידענער ייד, וואָס האָט קיין מאָל ניט אַריינגערעדט אין לערנען, איז באמת אַ חריף ובקי אין ים התלמוד און אַז זיינע סברות זיינען אויך שלאַגיק און טיף.

דער ב״ח האָט די נאַכט ניט געקענט צומאַכן אַן אויג. ער האָט זיך געטראַכט: אַזאַ גרויסער ייד איז דאָ אין מיין שטאָט און איך האָב ניט געוווּסט. צו מאָרגנס האָט ער צונויפגערופן אַן אסיפה פון די פּירערס פון ליבעוונער קהילה און זיי געזאָגט:

— זייט וויסן, אַז אין ליבעוונע איז פאַראַן אַ גרוי־סער תלמיד־חכם, וואָס שטייגט מיך איבער אין תלמוד און הלכה, דעריבער האַלט איך פאַר מיין חוב זיך אָפּ־צוזאָגן פון מיין רבנות ביי אייך, ווייל ער איז מערער ראוי צו זיין אייער מרא דאתרא [66].

אַזוי איז דער ב״ח אַוועק פון לובאָמל און שפּעטער געוואָרן רב אין מיעזביזש.

פון 1615 ביז 1618 איז דער ב״ח געווען אב״ד אין בריסק דליטא. פאַר וואָס האָט ער אַזוי גיך פאַרלאָזן אַזאַ עיר ואם בישראל?

אַן ענטפער אויף דעם געפינען מיר אין אַ סיפּור־המעשה, וואָס אין אונדזערע אויערן קלינגט עס היינט זייער מאָדנע, וואָס איז אָבער דאָך כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער תקופה.

עס ווערט דערציילט, אַז יענעם טאָג, ווען דער ב״ח האָט פאַרלאָזן בריסק, האָבן די גדולים פון דער קהילה אים באַגלייט ווייט הינטער דער שטאָט. דער ב״ח האָט זיי עטלעכע מאָל געזאָגט: קערט זיך אום, אָבער זיי האָבן אים ניט געהערט. דאַן האָט דער ב״ח אַזוי גע־זאָגט צו זיי:

— זעט דעם חילוק צווישן מיר און אייך. איר זייט עקשנים, איך זאָג אייך זיך אומצוקערן און איר פאָלגט מיך ניט, אָבער איך, ווען איר זאָלט מיר זאָגן: קער זיך אום, וואָלט איך זיך גלייך אומקערן.

דאָס זאָל האָבן געווען אַ ווונק אויף דער סיבה, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דער ב״ח זאָל פאַרלאָזן בריסק: עטלעכע בעלי־בתים קנאים זאָלן האָבן אַרויס־געטראָטן קעגן זיין פאַרבלייבן ווייטער מרא דאתרא פון בריסק, ווייל מען האָט ניט, לויט זייער באַשולדיקונג, געזען אין זיין פענצטער ברענען אַ ליכט נאָך חצות, דאָס הייסט, אַז ער האָט ביי נאַכט ניט געלערנט תורה [67]. (אגב, צוליב אַזאַ באַשולדיקונג איז ניט איין רב אין איין שטעטל אָפּגעזאָגט געוואָרן ביי יידן).

אַזעלכע דיבורים אויף איינעם פון די גרעסטע גאו־נים בדורו און בדורות נאָך אים קלינגען היינט משונה־דיק, אָבער אפילו ווי אַ לעגענדע זיינען זיי זייער כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר דעם מעמד התורה אין יענע אַמאָליקע צייטן און פאַר די פאָדערונגען, וואָס יידן האָבן אַמאָל געשטעלט זייערע רבנים און גייסטיקע מנהיגים.

נאָך בריסק דליטא איז דער ב״ח געווען אב״ד ור״מ

64) שמעון משה חאנעס, „תולדות הפוסקים״, ווארשא, תרפ״ט, ז׳ 185; מאיר באַלאַבאַן, „שלשלת היוחסין של משפחת אורנשטיין־ברודא״. ורשה, תרצ״א, ז׳ 8.

65) זע וועגן דעם באריכות אין דעם קאַפּיטל וועגן הרב אברהם פּאָלאַק. וועגן אַ ריי תקנות זיינע, נייע און באַנייטע אין קראָקע. זע: פּ. ה. ועטשטיין, „קדמוניות מפנקסאות ישנים״. קראקא, תרנ״ב, ז׳ 5.

66) י. ל. מימון, „שרי המאה״, כרך ג׳, זז׳ 16—17 און אין א. שטיינמאַנס „צנצנת המן״.

67) א. ל. פיינשטיין, „עיר תהלה״. ווארשא, 1886, ז׳ 24.

אין דער גרויסער קהילה קראָקע, ווו ער האָט געלעבט פון 1618 ביז זיין פטירה אין 1641 [68].

צו זיין ישיבה אין קראָקע האָבן געשטראָמט תלמי־דים פון אַלע עקן פוילן און ליטע און אַ סך פון זיי זיינען שפּעטער געוואָרן גרויסע רבנים און גדולי תורה.

דער ב״ח האָט געהאַט אַ ישיבה ניט נאָר אין קראָ־קע. ער האָט געשאַפן אָדער אויסגעברייטערט פריִערדיקע ישיבות אויך אין אַנדערע קהילות, ווו ער איז געווען רב, צווישן זיי אויך אין לובאָמל.

מיטן ב״חס ישיבה אין לובאָמל — און יש אומרים, אַז דאָס איז געווען אין מיעזבעזש — איז פאַרבונדן די ווייטערדיקע מעשה, וואָס אויב אַפילו זי איז ניט כולה אמת, איז זי אָבער שיין און איז ווערט איבערדערציילט צו ווערן.

איינער פון ב״חס בעסטע תלמידים איז געווען ר׳ דוד סג״ל, פון די גרעסטע לעצטע בעלי־הוראה בישראל, באַקאַנט בעיקר ווי דער ט״ז, אויפן נאָמען פון זיין פירוש „טורי זהב״. דער ב״ח האָט תיכף אַרויסגעזען די גאונישע כשרונות פון זיין יונגן תלמיד און ער האָט אים שטאַרק מקרב געווען.

איין מאָל, ווען דער ב״ח מיט נאָך עטלעכע עילוישע בחורים זיינען געזעסן ביי דער שבתדיקער סעודה און אגב גערעדט אין דברי־תורה, האָט דער יונגער דוד דערמאָנט דעם רמב״ם אין הלכות ספר־תורה (פרק ז׳ הלכה ו׳), ווו עס ווערט געזאָגט „נזדמנה לו (לסופר) בתוך השיטה תיבה בת עשר אותיות או פחות או יותר״, און דוד האָט געפרעגט:

— ווו געפינט זיך אין דער תורה אַ וואָרט, וואָס זאָל האָבן צען אָדער מערער אותיות? — ער ווייסט נאָר פון ווערטער מיט מאַקסימום ניין אותיות, ווי „למשפחתיהם״ (בראשית, ח׳, י״ט) אָדער „לישמעאלים״ (בראשית, ל״ז, כ״ז).

האָט דער ב״ח געענטפערט:

— לאָמיר רופן רבקהן און הערן, וואָס זי האָט צו זאָגן.

רבקה איז געווען דעם ב״חס טאָכטער, אַ יפת־תואר און געקענט גוט תנ״ך. רבקה איז דעמאָלט אַלט געווען צוועלף יאָר, און ווען מען האָט זי איבערגעפרעגט די שאלה, האָט זי געענטפערט:

— אין דער תורה איז ניטאָ קיין וואָרט פון צען אותיות, אָבער אין נביאים (יהושע י״ח, כ״א) ווערט „למשפחותיהם״ געשריבן מלא, מיט אַ וואָוו, דאָס הייסט

68) דער „צמח דוד״ (פראַנקפורט, תנ״ב, ז׳ מ״ז) און „עיר הצדק״. אַנדערע זאָגן: 1640.

צען אותיות, אָבער דאָס האָט ניט קיין שייכות צו דער הלכה פון רמב״ם וועגן שרייבן אַ ספר־תורה.

און נאָכן טראַכטן אַ ווײַלע האָט זי צוגעגעבן:

— דאַכט זיך, אַז איך האָב געפונען אַן ענטפער. די הלכה פון רמב״ם איז דאָך חל אויך אויפן שרייבן מגילת אסתר, און דאָרטן (ט׳, ג׳) איז פאַראַן אַ וואָרט מיט עלף אותיות — והאחשדרפנים.

דער ב״ח האָט זיך דעמאָלט אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— מיין טאָכטער, דו ביסט קלוג און אויך שיין ווי די ל ב נ ה.

אויף דעם זאָל דער יונגער דוד האָבן געענטפערט:

— מיר דוכט זיך, אַז ס׳איז שוין צייט מ ק ד ש צ ו ז יי ן ד י ל ב נ ה.

יענעם מוצאי־שבת איז רבקה פאַרקנסט געוואָרן צו דודן און דער שפּעטערדיקער ט״ז איז טאַקע דערנאָך געוואָרן דער איידעם פון ב״ח [69].

בעת זיין רבנות אין קראָקע האָט דער גרויסער ב״ח געהאַט אַ מחלוקת מיט אַ קליינעם אָרטיקן חזן. ווי קומט עפּעס אַ מחלוקת צווישן אַ גאון עולם מיט סתם עפּעס אַ חזן? איז די מעשה אַזאַ:

אין בית־המדרש, ווו דער ב״ח האָט געדאַוונט, איז געווען אַ חזן, וואָס פלעגט זיך באַרימען, אַז ער קען בעסער לערנען ווי דער מרא דאתרא. ער פלעגט אויס־זוכן פאַרשיידענע קלאָץ־קשיות און קומען מיט זיי צום ב״ח בפני כל עם ועדה, כדי צו ווייזן, אַז ער שטייגט אַריבער דעם ב״ח אין לערנען.

האָט זיך איין מאָל געטראָפן, אַז בשעתן לייענען האָט דער חזן געפונען אַ גרייז אין ספר־תורה. אַנשטאָט „ואת י ה ו ש ע צויתי״ איז געווען „י ה ו ש י ע״.

דער חזן האָט דעמאָלט געזאָגט, אַז די ספר־תורה איז פסול. דער ב״ח האָט אָבער געזאָגט, אַז ניט. דער חזן האָט זיך צעלאַכט און געהייסן אַרויסנעמען אַן אַנ־דער ספר־תורה.

דער ב״ח, וואָס איז געווען אַן עניו און אָפּגעהיט אין ענינים שבין אדם לחברו, איז דעמאָלט אַרויס פון געדולד און געזאָגט צום חזן:

— עם־הארץ, שוטה! איך זאָג דיר, אַז מען דאַרף ניט אַרויסנעמען קיין אַנדער ספר־תורה.

דער חזן האָט חוצפּהדיק געענטפערט:

— איר זייט אַליין אַן עם־הארץ.

אויף דעם האָט דער ב״ח געזאָגט:

— ביסט אין חרם, ווייל דו פאָלגסט ניט, וואָס דער

69) י. ל. מימון, „שרי המאה״, כרך ג׳, ז׳ 16—17.

מרא דאתרא הייסט דיר. ביסט בכלל אַן אפיקורס און אַ מלעיג על דברי חכמים.

דער חזן האָט זיך ניט געבויגן און געענטפערט ווייטער מיט גראָבע רייד. ער האָט דערנאָך איבערגע־געבן דעם ענין צום הרב הגאון ליוואַ, אב״ד ור״מ דלובלין, וועלכער האָט צו אַלעמענס פאַרווונדערונג גע־פסקנט, אַז דער חזן איז גערעכט, אַפילו ניט אַנפרעגנ־דיק ביים ב״ח.

דער ב״ח האָט דערנאָך געשריבן גאָר אַ לאַנגע תשובה וועגן גאַנצן ענין, אויפווייזנדיק דעם לובלינער רב, אַז ער איז ניט גערעכט. און גאָר צום סוף שרייבט ער: „ומעת הגיע כתבך רחפו כל עצמותי ונעויתי משמוע ועיני תדמע דמע וכל שומעיו תצלנה שתי אזניו. אוי לו על בזיון התורה״ [70]).

דער מאָדנער פסק־דין פון לובלינער רב האָט שטאַרק געווירקט אויפן געזונט פון ב״ח און אפשר אויך מקצר געווען זיינע יאָרן.

דער ב״ח, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט סיי מיט אויסערגעוויינלעכער חריפות און סיי מיט ווונדערלעכער בקיאות, איז ניט געווען פון די גרויסע מחמירים. ער האָט זיך סומך געווען אין הלכה נאָר אויף אַ מקור אין משנה ותלמוד און פוסקים ראשונים. ער האָט געהאַט טענות קעגן די יעניקע, וואָס שטיצן זיך נאָר אויפן שלחן־ערוך, אויב אַפילו מען געפינט אַ סתירה אין זיי־נעם אַ דין. אויב ער האָט געזען, אַז אַ חומרא אָדער גדר האָבן ניט קיין מקור אין תלמוד, האָט ער עס מתיר געווען. ער האָט אַפילו מתיר געווען אַ מרא דאתרא אָדער ראש־ישיבה צו נעמען מתנות, וואָס דאָס איז קעגן דעם רמב״ם.

דער ב״ח האָט געגעבן אַ היתר חזנים צו זינגען אין שול נגונים פון קלויסטער, אויב זיי זיינען ניט געווען קיין הונדערט־פראָצענטיקע קירכלעכע מעלאָדיעס.

דער ב״ח איז ניט געווען קיין אָנהענגער פון אָנהויפן חומרות אויף חומרות מחמת חשש. אויב עמעצער, האָט ער געזאָגט, האָט חששות, צי ער איז זיך נוהג ריכטיק, מעג ער נעמען איבעריקע חומרות אויף זיך, אָבער ער דאַרף זיי ניט אָנוואַרפן אויף אַנדערע. און אַזוי שרייבט ער (ב״ח יו״ד, סי׳ קפז):

„דאין לנו אלא מה שאנו מוצאים בתלמוד, ואם אדם חשוב מרוב ענותנותו אינו רוצה לסמוך על עצמו, ינהיג מדת פרישות לעצמו, אבל לא נתן להכתב בספר להורות בו לדורות הבאים ולהחמיר בדעתו, אם לא שיביא ראיות ברורות מן התלמוד״.

ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז דער ב״ח איז שוין דע־מאָלט געווען פאַר דעם, אַז מען מוז לערנען מיט קינדער נביאים וכתובים. דאָס איז געווען קעגן דעת רש״י, וואָס האָט געזאָגט: „תורה ולא נו״ך״. אין ב״ח יו״ד סי׳ רמ״ה זאָגט ער: „כל ירא שמים יהא נזהר בזה ללמד לבנו בשכר גם נביאים וכתובים אפילו דחיקא ליה שעתא״. און נאָך מער ווונדער. ער האָט אַפילו געשריבן: „וחובה ג״כ ללמד אותם לוח הפעלים, כדי שידעו מקורות לשון הקודש, עבר, הוה, ועתיד, יחיד ורבים״.

דער באַקאַנטער גאון ר׳ שבתי הכהן, דער ש״ך, איז דעריבער אַרויס קעגן ב״ח מיט שאַרפע רייד. דער ווילנער גאון האָט שפּעטער געהאַלטן מיטן ב״ח, אַז „מקרא״ מיינט תורה, נביאים וכתובים.

דער ב״ח איז ניט געווען נאָר אַ נאה דורש וועגן דעם. אין דער קראָקעווער תלמוד־תורה האָט ער איינ־געפירט אַ תקנה, אַז מען מוז לערנען מיט די תלמידים גאַנץ תנ״ך.

וואָס שייך אָנגענומענע מנהגים האָט ער אָפט גראָד מחמיר געווען, אויב ער האָט ניט געזען זייער נייטיקייט אָדער זייער ריכטיקן מקור. ער האָט ניט געהאַלטן, אַז „אַ מנהג ברעכט אַ דין״. אַזוי איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן די פאַרשפּרייטע מנהגים צו ברעכן גלאָז אונטער דער חופה אָדער פורים זיך פאַרשטעלן אין ווייבערשע בגדים.

צוליב זיין אָריגינעלן און זעלבשטענדיקן צוגאַנג צו אַ ריי ענינים האָט דער ב״ח אַרויסגערופן אַ סך שונאים צו זיך, זייער צאָל איז נאָך פאַרגרעסערט גע־וואָרן צוליב דעם, וואָס דער ב״ח איז אַרויסגעטראָטן מיט די שאַרפסטע ווערטער קעגן פלפול, וואָס איז דע־מאָלט שוין געווען אָנגענומען ביי אַ סך לומדים.

אָט וואָס ער האָט געשריבן וועגן די בעלי־הפלפול:

„אל תפנו אל רהבים ולחם כזבים... כי המה מעשה חדודים, לשון למודים, ציורים וכיודים והבל פיהם שבושים״.

און אין ווייטערע אויסדרוקן שרייבט ער וועגן פלפול אין דער הקדמה פון זיין „בית חדש״ (חלק יורה דעה) אַזוי:

„באתי לעורר ולהזכיר לתלמידי ולילדי שלא ימהרו להשיב על דברי המניפים בנפה ובכברה על פי שורש ההלכה ועיקרה, וידעו הכל גם כי היה עולה על הדעת איזה פירוש או ישוב לקושיא מתוק לחיך התלמיד לא הכנסתיו לביתי זה, לפי שאיננו אמת לפי העולה מסוגית התלמוד. הלא כל תפלותינו ובקשותינו: יתן בלבנו להבין ולהשכיל ללמוד וללמד תורת אמת, כדי לשמור ולקיים

---

70) „שו״ת ב״ח החדשות״, סי׳ מ״ב; „עיר הצדק״, ז׳ 69; ג. באַדער, „דרייסיג דורות יידן אין פוילן״. ניו־יאָרק, 1927, ז׳ 52.

את כל דברי תלמוד־תורתנו באהבה. ואם ניתן רשות לראש־ישיבה לחדד התלמידים בודאי אין זה אלא בעל־פה בישיבה ובדרכים הקרובים ופונים אל האמת ויש להם פנים מאירות ומזהירות אבל דברים כאלו לא נתנו להכתב בספר ובדיו כל־שכן להדפיסם״.

דער ב״ח איז געווען אַ גרויסער חסיד פון קבלה און זי שטאַרק געלערנט. ער האָט געזאָגט, אַז זי איז ,,מקור ההלכה״.

קעגן פילאָזאָפיע איז דער ב״ח אַרויסגעטראָטן מיט די שאַרפסטע רייד און ער האָט געזאָגט, אַז זי איז מינות. ס׳איז ניט קיין צופאַל, וואָס דריי אַמסטערדאַמער רבנים האָבן זיך געווענדט גראַד צו אים מיט דער שאלה, וואָס מען זאָל טאָן מיטן דאָקטאָר, וואָס לאַכט פון תלמוד און באַטראַכט די פילאָזאָפיע פאַר אַ וויכטיקער וויסנשאַפט [71].

אָבער כאָטש דער ב״ח איז געווען אַזוי שאַרף קעגן פילאָזאָפיע, פונדעסטוועגן האָט ער געלייענט דעם ,,מורה נבוכים״ און האָט אים אַפילו עטלעכע מאָל אין זיינע ספרים ציטירט. אפשר האָט זיך דאָ אויסגעווירקט דער גרויסער נאָמען פון ,,הנשר הגדול״.

ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז דער ב״ח, דער גאון פון דער גלייכער סברא און פון קאַלטער מחשבה, איז שפּעטער געוואָרן שטאַרק אָנגענומען אין דער חסידישער וועלט, ווו מען האָט אַפילו געוועבט לעגענדעס אַרום זיין נאָמען. אפשר איינע פון די סיבות פון דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער דערשיינונג איז דאָס, וואָס דער ב״ח האָט געהאַט אַ טיפן אינטערעס אין קבלה און אפשר נאָך מער דער פאַקט, וואָס ער איז געווען אַ געוויסע צייט דער מרא דאתרא פון מיעזשבעזש, די פאַרהייליקטע שטאָט ביי חסידים.

טאַקע מיט אָט דער שטאָט איז פאַרבונדן איינע פון די חסידישע לעגענדעס וועגן ב״ח.

איין מאָל — אַזוי דערציילט זיך אין יענער לעגענדע — איז דער בעש״ט געזעסן אין מיעזשבעזש מיט זיינע תלמידים און געלערנט תורה. איז אויפגעקומען אַ שאלה וועגן אַ געוויסן איסור. האָבן זיינע גרעסטע תלמידים, צווישן זיי רבי יעקב־יוסף, דער בעל ,,תולדות יעקב יוסף״ און רבי מאיר מרגליות, דער בעל ,,מאיר נתיבים״, זיך אָנגעהויבן מתווכח זיין וועגן דעם. מען האָט געבראַכט די סברא פון ב״ח, וואָס האָט געפסקנט הלכה למעשה, אַז אין דער באַהאַנדלטער צייט איז מען זיך ניט נוהג לויטן דאָזיקן דין, און די מיינונגען פון ט״ז און אַ סך אַנדערע פון די גדולי הפוסקים, וואָס האָבן אין דעם פרט אָפּגעפרעגט דעם פסק־דין פון ב״ח.

נאָכן אויסהערן דאָס אַלץ, האָט זיך אָפּגערופן דער בעש״ט בזה הלשון:

— דאָ, אין דער שטאָט מיעזשבעזש, איז דער ב״ח געווען מרא דאתרא און דעריבער איז הלכה כמותו, באַזונדערס נאָך, ווען מיר ווייסן קלאָר, אַז דער ב״ח איז ניט נאָר געווען אַ גאון אמתי, נאָר אויך אַ צדיק אמתי.

אין די שאלות־ותשובות פון ב״ח איז פאַראַן אַ שלל מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון יידן אין זיין תקופה. זינט מען האָט אויסגעפונען, אַז אין דער אַלטער רבנישער ליטעראַטור איז דאָ אַ סך היסטאָרישער שטאָף וועגן יידישן לעבן, הערן יידישע פאָרשערס ניט אויף צו שעפּן פון איר הויפּנוויין. צווישן די רייכסטע אויפן דאָזיקן געביט זיינען די ספרים פון ב״ח, און מיט זיי האָבן זיך באַנוצט בן־ציון כץ, זלמן רובאַשאָוו־שז״ר, שמעון דובנאָוו, ש. א. האָראָדעצקי, מרדכי קאָסאָווער און אַנדערע [72].

אַזוי ווי מען זאָגט ,אַז ,,דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פון בוים״, קען מען זאָגן, אַז אַ גאונותדיקער תלמיד פאַלט ניט ווייט פון זיינע רביים. און זיינע מוריו ורבותיו זיינען געווען: ר׳ שלמה ר׳ ליבושעס, אַ גרויסער און באַרימטער גאון, אב״ד ור״מ לובלין, דער בעל השל״ה הקדוש איז אויך געווען פון זיינע תלמידים; דער גאון ר׳ צבי־הירש שור (ר׳ הירש עלזאַסער), פון די בעסטע תלמידים פון רמ״א; דער גאון ר׳ משולם פייבוש, וואָס איז געווען אב״ד ור״מ קראָקע פאַרן ב״ח [73].

דעם ב״חס גרעסטע תלמידים זיינען געווען:

זיין איידעם הגאון ר׳ דוד סג״ל, דער ט״ז; הגאון ר׳ מנחם־מענדל קראָכמעל, דער ,,צמח צדק״; הגאון ר׳ גרשון אשכנזי, דער ,,עבודת הגרשוני״; הגאון ר׳ מנחם־מענדל אויערבאַך, דער ,,עטרת זקנים״; הגאון ר׳ צבי־הירש קלויזנער, אב״ד לוואָוו און לובלין; הגאון ר׳ מענדל באַס, אב״ד פראַנקפורטביים מאַין.

דער ב״ח ווערט כמעט אומעטום אָנגערופן ר׳ יואל

71) מאיר באַלאַבאַן, „שלשלת היוחסין של משפחת אורנ־שטיין־ברודא״. ורשה, תרצ״א, ז׳ 8.

72) זע, למשל:
J. Unna, ,,Historisches aus den Responsen des R. Joel Serkes". Jahrbuch der jüdisch-historisch-literarischen Gesellschaft in Frankfurt a/M. 1904.

73) שמעון־משה האַנעס, „תולדות הפוסקים״. ווארשא, תרפ״ט, ז׳ 185; „אנציקלופדיה לתולדות גדולי ישראל״. ירושלים, תש״ח, כרך ג׳, ז׳ 716; שלמה־ברוך ניסענבוים, „לקורות היהודים בלובלין״. לובלין, תר״ס, ז׳ 27.

סירקיש, אָבער זיין אמתער פאַמיליע־נאָמען איז גאָר יפה, ווייל זיין פאָטער האָט געהייסן ר׳ שמואל יפה און זיין זיידע איז געווען דער באַקאַנטער גאון ר׳ משה יפה פון קראָקע. „סירקיש״ איז געווען זיין מאַמעס מיידלשער נאָמען און מיט איר נאָמען איז דער ב״ח אַריין אין דער געשיכטע. דער נאָמען „סירקיש״ איז פאַרשידן אויסגעלייגט געוואָרן: סירקש, סירקעש, סערקעס וכדומה.

דעם ב״חס פרוי האָט געהייסן ביילע. זי איז געווען די טאָכטער פון ר׳ אברהם הערצקעס, זון פון הרב הגאון ר׳ נפתלי הערץ אב״ד לוואָוו. זי איז געשטאָרבן אין 1638 [74].

דער ב״ח האָט געהאַט צוויי זין און צוויי טעכטער.

איין זון, הרב הגאון ר׳ יהודה ליב, איז געווען אב״ד כענטשין און דיין אין קראָקע. זיין צווייטער זון, הרב הגאון ר׳ שמואל צבי־הירש, איז געווען אב״ד פינ־טשעוו [75].

דער ט״ז, ווי ס׳איז שוין פריִער דערמאָנט געוואָרן, איז געווען דער מאַן פון ב״חס עלטערער טאָכטער רבקה.

זיין צווייטער איידעם, דער מאַן פון זיין יינגערער טאָכטער אסתר, איז געווען הרב הגאון ר׳ יהודה־זעליק בר׳ יצחק, פון דער באַוווסטער פראַנקפורטער משפחה מאַזיא־אשכנזי, וואָס איז געווען אַ לענגערע צייט דיין אין לוואָוו און מען האָט אים גערופן ר׳ יהודה־זעליקל. ער איז געווען אַ חכם גדול, אַ חבר אין דער מועצת הרבנים אין קראָקע, צוזאַמען מיטן תוספות יום־טוב און הגאון ר׳ יהושע בר׳ יוסף, דער „מגיני שלמה״. זיין נאָמען ווערט פיל מאָל דערמאָנט אין די שו״ת פון יענע גאונים, ס׳איז דאָ אויך זיינע אַ חתימה אויף אַ תקנה אין קראָקעווער פנקס. אסתר איז געשטאָרבן אין 1648 [76].

דער באַרימטסטער אייניקל פון ב״ח איז געווען הגאון ר׳ אריה יהודה לייב, אב״ד קראקא ובריסק, דער בעל „שאגת אריה״, זיין פאָטער איז געווען דעם ב״חס זון ר׳ שמואל, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ טייל ספרים פון ב״ח [77].

איין אייניקל פון ב״ח האָט געלעבט אין לובאָמל. מיר ווייסן ניט וועגן אים קיין פרטים אויסער דאָס, אַז זיין נאָמען איז געווען ר׳ יצחק און אַז ער איז געווען אַ גביר און אַ חסיד. דער באַוווסטער ר׳ אברהם המגיד, דער „מגן אברהם״ זאָל האָבן געווען ר׳ יצחקס אַן איידעם [78].

אַן אייניקל פון ב״ח איז אויך געווען הרב הגאון ר׳ בצלאל, מחבר פון „בשם בצלאל״. שרה, די מאַמע פון ר׳ שמחה בונם, דער תלמיד און יורש פון „היהודי הקדוש״, איז געווען ר׳ בצלאלס טאָכטער [79].

דעם ב״חס אַן אוראייניקל איז געווען הרב הגאון ר׳ יואל מבריסק, אב״ד בוכאָוו. ער איז געווען דער זון פון „שאגת אריה״ [80].

איינער פון די אָפּשטאַמיקע פון ב״ח איז הרב הגאון ר׳ ברוך מאַנדעלבוים (ר׳ ברוך טוראָווער). ער איז גע־בוירן געוואָרן אין 1835 צו זיין פאָטער ר׳ מרדכי לייבן הדיין. ר׳ ברוך איז געווען רב אין טוראָוו, סטאָלין און מאַצעוו. ער איז געווען אַ באַוווסטער דרשן און די רעכטע האַנט פון האדמו״ר ר׳ אהרן קאַרלינער. אין 1874 האָט ער זיך באַזעצט אין ירושלים, וווּ ער האָט אָנגעפירט די ישיבה „אור חדש״, וואָס איז געווען אַ חסידישער תורה־צענטער. אין 1891 איז ער געפאָרן אין אַ שליחות קיין אייראָפּע. אַ וואָך צייט איז ער געווען אַ גאַסט אין הויז פון ר׳ שמעון־וואָלף ראָטשילד אין פראַנקפורט און ער האָט משפיע געווען אויפן יידישן מיליאָנער צו שטיצן די תורהדיקע און פילאַנטראָפּישע מוסדות אין ארץ־יש־ראל [81]. ר׳ ברוך איז דער מחבר פון די ספרים „נודע בשערים״ (ירושלים, תרס״ד) און „קץ הימים״.

דער וויכטיקסטער ספר פון הגאון ר׳ יואל סירקיש, וואָס מיט זיין ראשי־תיבותדיקן נאָמען ב״ח איז ער פאַראייביקט געוואָרן ביי יידן, איז דער „בית חדש״ אויף די ד׳ טורים. די ערשטע אויסגאַבע פון ספר איז קראָקע, שצ״א.

---

74) ש. ז. כהנא, „ענף עץ אבות״. קראקא, תרס״ג, ז׳ 34; „פנקס ועד ארבע ארצות״, ז׳ 27.

75) „שלשלת היחוסין של משפחת אורנשטיין־ברודא״, ז׳ 8; „תולדות הפוסקים״, ז׳ 185; „כלילת יופי״, ז׳ נ״א.

76) פ. ה. וועטשטיין, „מפנקסי הקהל בקראקא״ אין „תהלה לדור... לזכרון... דוד קויפמאַן״. ברעסלוי, תר״ס, ז׳ 75; „שלשלת היחוסין של משפחת אורנשטיין—ברודא״, ז׳ 8; „כלילת יופי״, ז׳ נ״א; שלמה באבער, „אנשי שם״. קראקא, תרנ״ח, ז׳ 175.

77) „עיר תהלה״, ז׳ 199; „תולדות הפוסקים״, ז׳ 185.

78) אהרן־דוד טברסקי, „ספר היחס מטשרנוביל ורוזין״. לובלין, תרצ״ח, ז׳ 145.

79) מאיר שוואַרצמאַן, „ואלה תולדות הרבי הראשון מגור״. ירושלים, תשי״ח, ז׳ ע״ו.

80) משה־מנחם וואלדן, „בן יכבד אב״. פיעטרקוב, תרפ״ג, ז׳ 16.

81) דוד תדהר, „אנציקלופדיה לחלוצי הישוב ובוניו״, כרך א׳. תל־אביב, 1947, ז׳ 59.

זיינע שו״ת (הישנות) בהלכות איסור והיתר ודיני ממונות זיינען ארויס צום ערשטן מאָל אין תנ״ז (1697) — אין פראנקפורט דמאַין, זיינע שו״ת החדשות — אין קאָרעץ, תקע״ט (1819). זיי זיינען שפּעטער איבערגעדרוקט געוואָרן.

זיין „משיב נפש״, אַ פירוש אויף רות, איז אַרויס אין לובלין שע״ו (1616). ער האָט אויך ארויסגעגעבן „הגהות״ אויף ש״ס, תוספות והרא״ש (ווארשא, 1824).

אין כתב־יד זיינען פארבליבן עטלעכע חיבורים:

א פירוש על סדר התפלה בדרך הקבלה; א פירוש אויף „פרדס רמונים לר׳ משה קורדובירו; חידושים אויפן תלמוד און שולחן־ערוך.

דער ב״ח האָט בדעה געהאַט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, אָבער עס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן אויסצופירן זיין דאָזיקן פּלאַן.

די אויפשריפט אויף דער מצבה פון ב״ח אויפן קראָקעווער בית־עלמין איז אזא:

פ״נ
כתר תורה. בעל המחבר ספר בית חדש.
התחלת חכמתו בחוץ תרונה בק״ק פרוזנה
חזק ואמץ בישיבה בק״ק לוקבא
אור תורתו על כולה בק״ק לובמלא
הון לתת בזבז בק״ק מעזיבז
עדיף מחוזה מים חיים הזה בק״ק בעלזא
מילא אחרי ה׳ ככלב בק״ק שידלב
הודיע חוקת התורה והמשפט בק״ק בריסק דליטא
נפוצו מעינותיו כבן יקא בק״ק קראקא
צעקה עד לב השמים, איש חסד ועניו היה מאור עינים
לנו ולבית ישראל שבק חיים
ומאיר לעולם כולו בכבודו, זיוו הדרו והודו
תורה יקר מפז מכל אבני יקרה, אכסניה של
תורה בעוונותינו נעצרה...[82]

הרב הגאון ר׳ משה

ארום 1605—1606 איז געווען מורה הוראה אין לובאָמל איינער מיטן נאָמען ר׳ משה. ניט ס׳איז דאָ זיין פאַמיליע־נאָמען, ניט מיר האָבן זיין פאָטערס נאָמען. געווען נאָך צוויי רבנים אין לובאָמל מיטן ערשטן נאָמען „משה״, אָבער וועגן זיי זיינען פאַראַן מערערע פּרטים, עס זיינען אויך באַקאַנט די נעמען פון זייערע טאַטעס. מען קען זיך מער־וויניקער אָריענטירן, ווען זיי האָבן פאַרנומען לובאָמלער רבנות און וועגן זיי ווייסט גערעדט ווערן א ביסל ווייטער.

וועגן דעם ר׳ משה סתם האָבן מיר נאָר איין מקור — אין באַקאַנטן ספר „איתן האזרחי״ פון הגאון ר׳ אברהם שרענציל־ראַפּאַפּאָרט (אוסטרהא תקנ״ו). דאָרטן (פּרשה נשא) ווערט דערמאָנט, אַז דער מחבר האָט געהאַלטן „הספד״ הגאון מוהר״ר משה ר״מ ואב״ד לובמלא שע״ז (1617). ווייטער, כנוהג, גייען אָוועק בלויז דברי־תורה און קיין איין וואָרט ניט מערער וועגן נפטר. דאָס איז אַלץ.

היות דער ב״ח האָט פאַרלאָזן לובאָמל ארום 1604—1605 און א שפּעטערדיקער רב, ר׳ גדליה, האָט פאַרנומען לובאָמלער רבנות אַן ערך אין 1618 און קיין אַנדערע רבנים אין דער צווישנצייט זיינען אונדז ניט באַקאַנט, קען מען משער זיין, אַז דער ר׳ משה סתם איז געווען רב אין לובאָמל פון אַן ערך 1605—1606 ביז זיין פּטירה אין 1617.

הרב הגאון ר׳ גדליה בר׳ מאיר

אין 1618 איז געוואָרן מרא דאתרא פון לובאָמל הרב הגאון ר׳ גדליה. זיין פאָטער איז געווען דער מהר״ם מלובלין, און כאָטש דער זון איז ניט געווען אזאַ גאון ווי זיין פאָטער, האָט ער אָבער דאָך בשעתו פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין דער תורהדיקער וועלט.

אַז דאָס איז געשען ניט נאָר צוליבן זכות פון זיין גרויסן פאָטער, נאָר אויך בזכות עצמו, איז צו זען פון דעם, אַז אויף איין ספר, וואָס ער האָט געגעבן אַ הסכמה אויף אים, איז דער צווייטער בעל־הסכמה געווען ניט קיין קלענערער ווי דער תוספות יום־טוב — אויפן „נחלת צבי״ פון צבי־הירש טוך פירר, און וואָס זיינע הסכמות בכלל זיינען אויף ספרים פון באַקאַנטע גאונים. זיין הסכמה אויפן „נחלת צבי״ איז דאַטירט: לובמלא, שע״ח.

נאָך הסכמות האָט ר׳ גדליה געגעבן אויף:

„עץ שתול״ פון גדליה בר׳ שלמה ליפשיץ, וואָס איז א פירוש אויפן ספר „העקרים״ פון ר׳ יוסף אלבו.

82) וועגן ב״ח איז דאָ א גרויסע ליטעראטור. אויסער די פריער געבראכטע מראה־מקומות, זע אויך: „עיר הצדק״, ז׳ 177; ש. באבער „אנשי שם״, קראקא, תרנ״ה ז׳ 56 ש. ז. כהנא, „ענף עץ אבות״, קראקא, תרס״ג, ז׳ 19 „לוחות זכרון״, ז׳ 9 און די ווייטערדיקע ארבעט פון פראָפ׳ ק. מירסקי. — שמחה אסף, ווען ער רעכנט אויס די כסאות־הרבנות פון ב״ח אין זיין „באהלי יעקב״ (ירושלים, תש״ג, ז׳ 57), האָט ער אויסגעלאָזן זיין ליבעוונער רבנות. — אגב, ניט אין אלע ספרים, ווו ס׳איז געגעבן די אויפשריפט פון ב״חס מצבה, איז דער זעלביקער נוסח.

„קטרת הסמים" פון מרדכי בר׳ נפתלי־הירש מקרמזיר און אויפן „שלחן ערוך" פון ת״ד.

די הסכמות אויף די צוויי לעצטע ספרים זיינען שוין ניט דאטירט פון לובאָמל.

ר׳ גדליה איז געווען אן איידעם פון הרב הגאון ר׳ אהרן אבא הלוי, ר״מ לוואָוו. ר׳ גדליה ווערט גע־בראַכט עטלעכע מאָל אין די שו״ת מהר״ם מלובלין (סי׳ כ׳, ס״ב, קט״ו, קט״ז, קכ״ב, קל״ד, קל״ט, ק״מ), אין „איתן האזרחי". סי׳ ל״ט און אין די תשובות הב״ח.

הרב הגאון ר׳ גדליה איז געווען רב אין לובאָמל ביז אַרום 1630 [83].

הרב הגאון ר׳ שמואל איש הורוויץ

נאָך הרב הגאון ר׳ גדליה האָט פארנומען דעם לו־באָמלער כסא־הרבנות הרב הגאון ר׳ שמואל איש הורוויץ.

ר׳ שמואלס פאָטער, הרב הגאון ר׳ אהרן משלם־זלמן איש הורוויץ, איז געווען א קוזין פון של״ה הקדוש.

לויט „עטרת הלוים" איז ר׳ שמואל געווען דער זון פון ר׳ אהרן משלם זלמן הקדוש הי״ד און אייניקל פון ר׳ ישעיה הורוויץ — דער ברודער פון דעם של״ה הקדוש׳ס זיידן ר׳ שבתי. לויט דעם אילן היחוסין אין סוף פון ספר „תולדות משפחת הורוויץ" פון חיים דובע־ריש פריעדבערג איז ר׳ שמואל געווען אן אור־אייניקל פון ר׳ אהרן משלם זלמן און ער איז א בן־דור פון ר׳ שבתי־שעפטיל, דער זון פון של״ה הקדוש.

דער גאון ר׳ יהושע בר׳ יוסף, דער „מגיני שלמה", איז געווען ר׳ שמואלס א שוואָגער.

ר׳ שמואל איז פון 1625 ביז 1630 געזעסן אויפן כסא־הרבנות אין דובנע. פון 1630 איז ער געווען רב אין לובאָמל, ווו ער איז נפטר געוואָרן אין 1635 און דאָרטן האָט זיך געפונען זיין קבר [84].

הרב הגאון ר׳ משה קאצענעלענבויגן

נאָך ר׳ שמואלן איז געוואָרן רב אין לובאָמל הרב הגאון ר׳ משה קאצענעלענבויגן. זיין פאָטער, הרב הגאון ר׳ מאיר, איז געווען אב״ד בריסק און דער זון פון ר׳ שאול וואַהל.

ר׳ בנימין בייניש, וואָס איז געווען פרנס אין פויזן, פון די פירערס פון ועד ארבע ארצות און אן איידעם פון מהר״ם מלובלין, איז דער שווער פון הרב הגאון ר׳ משה קאצענעלענבויגן. ר׳ בנימין ביינישעס פאָטער, ר׳ זכריה מענדל הזקן, איז געווען דער שוואָגער פון מהר״ל מפראַג.

אַרום 36—1635 האָט ר׳ משה פארנומען דעם כסא־הרבנות אין לובאָמל. דאָס איז געווען זיין ערשטע רבנות. שפּעטער איז ער געווען רב אין כעלם און מאָהילעוו.

אין „פנקס ועד ארבע ארצות" פון יאָר ת״ג (1643) איז פארצייכנט, אז יענעם יאָר האָט זיך באטייליקט אין ועד ר׳ משה קאצענעלענבויגן [85].

זיינע הסכמות זיינען פאַראַן אויף:

„דמשק אליעזר" פון אליעזר בר׳ שמואל. לובלין, ת״ו.

„אהבת ציון" פון אברהם היילפּרין. לובלין, שצ״ט.

ר׳ משה קאַצענעלענבויגן האָט געמוזט זיין רב אין לובאָמל עטלעכע יאָר [86].

הרב הגאון ר׳ יונה תאומים

דער נייער אב״ד לובאָמל, הרב הגאון ר׳ יונה בר׳ ישעיה תאומים, איז געווען איינער פון די גדולי הדור. איבער פופציק יאָר איז ער געווען רב אין זיבן־אכט קהילות און משמעות, ניט געהאט צו פיל רו און נחת אין זיין לעבן. פארוואָגלט געוואָרן קיין מזרח־אייראָפּע

---

83) אין „חור ודור ודורשיו" (ז׳ 29) יוסף לעווענ־שטיין ווערט געזאָגט, אז ר׳ גדליה איז נפטר געוואָרן אין שפ״א (1621) — אָבער דאָס איז לחלוטין ניט מעגלעך. די „ענציקלאָפּעדיא יודאַיקא" שרייבט, אז ר׳ גדליה איז געווען רב אין לובאָמל פון 1618—1647 — דאָס קען אויך ניט זיין ריכטיק, ווייל אין צווישנצייט זיינען דאָרטן געווען אנדערע רבנים.

84) פנחס פעסיס, „עיר דובנא ורבניה". קראקא, תרס״ב. ז׳ 14 ; פנחס פעסיס, „עטרת הלוים", ווארשא, תרס״ב, ז׳ 19 ; „ספר דובנא", תל־אביב, תשכ״ו, ז׳ 89 ; „דור ודור ודורשיו". ז׳ 120. — דער מחבר פון לעצטן ספר זאָגט, אז ר׳ שמואל איז נפטר געוואָרן אין 1653 — מסתמא איז דאָס א טעות הדפוס אין די לעצטע צוויי ציפערן 53, וואָס דארפן זיין 35.

85) משה גלרנטר, „אוריאן תליתאי", רמת־גן, תשכ״ד ; אריה יהודה ליב ליפשיץ, „אבות עטרת לבנים". ווארשא, תרפ״ז, ז׳ רי״א ; „פנקס ועד ארבע ארצות", ז׳ 70 ; „דעת קדושים", ז׳ 89. — דער מחבר פון לעצטן ספר פארמישט די הסכמה פון א צווייטן לובאָמלער רב, אויך מיטן נאָמען ר׳ משה, אָבער בר׳ יצחק, אויפן ש״ך יו״ד פון ת״ו, מיטן נאָמען פון ר׳ משה בר׳ מאיר.

86) לויט פרידבערגס „לוחות זכרון" (ז׳ 90), איז ר׳ משה בר׳ מאיר קאצענעלענבויגן געווען רב אין לובאָמל נאָך ר׳ משה מת. דאָס פאסט זיך ניט אַריין אין כראָנאָלאָגישן סדר פון די לובאָמלער רבנים און דאָס איז אין סתירה צו די דאטעס פון אנדערע רבנות־שטעלעס אין לובאָמל אין יענער צייט.

איז ער גאַר פון פּראַג, און פון פּוילן, ווו עס האָט זיך דורכגעטראָגן א כוואַליע פון צרות אויף יידן, איז ער ווידער אַוועק קיין מערב־אייראָפּע.

זיין ערשטע רבנות איז געווען אין נעמיראָוו. פון דאָרטן איז ער געקומען קיין לובאָמל.

ווען איז הגאון ר׳ יונה געוואָרן רב אין לובאָמל און ווי לאנג איז ער דאָרט פאַרבליבן?

פון זיין הסכמה אויף „עבודת הלוי״ פון אכסלרד בענדעט בר׳ יוסף סג״ל (קראקא, שצ״ט) איז צו זען, אז אין יאָר 1639 איז הרב ר׳ יונה שוין געווען אין לובאָמל. ער חתמעט זיך דאָרטן: „יונה בר׳ ישעיה תאמים מפראַג אב״ד לובמלאָ״.

אזוי ווי הגאון ר׳ יונה האָט ווי א רב ניט מאריך שנים געווען אין קיין אָרט, קען מען אָננעמען, אז זיין לובאָמלער רבנות האָט געדויערט בלויז עטלעכע יאָר.

נאָך לובאָמל האָט ער פאַרנומען דעם כסא־הרבנות אין בעלז, גראָדנע, פּינסק, ווין און מעץ, ווו ער איז געוואָרן רב אין 1660. אין מעץ האָט ער באַקומען א כתב־רבנות פון קהילת פּויזן, אָבער ער האָט עס ניט אָנגענומען.

הרב הגאון ר׳ יונה תאומים, וואָס איז מערער באַקאנט ווי דער בעל „קקיון דיונה״, אויפן נאָמען פון זיין וויכטיקסטן ספר, איז געבוירן געוואָרן אין 1596 אין פּראַג.

זיין זון, ר׳ יחזקאל יהושע פייבל תאומים־פרענקל, איז געווען רב אין צילץ, פּשעמישל והגליל. ער איז דער מחבר פון „תקע בשופר״ (ברסלא, 1719). אין דאָזיקן ספר פירט ער א שאַרפן וויכוח מיט דער קהילה אין פּשעמישל, פאַר וואָס מען האָט אים אָפּגעזאָגט פון זיין רבנות דאָרטן. ער איז געווען דער איידעם פון ר׳ אריה ליב אב״ד קראָקע — „דער הויכער רבי ר׳ לייב״.

זיין צווייטער זון, הרב הגאון ר׳ יצחק מאיר תאומים, איז געווען רב אין טרעביטש, האמבורג, אמסטערדאם, זשאָלקוו, סלוצק, פּינסק און פּשעמישל [87]. ער האָט ארויסגעגעבן דעם „עין יעקב״ מיט אלע מפרשים אונטערן נאָמען „כתנות אור״.

ר׳ יונהס פרוי, ביילע, איז געווען די טאָכטער פון הגאון ר׳ מאיר וואַהל אב״ד בריסק דליטאַ [88].

87) יוסף כהן צדק אין „הגרן״, ספר א׳, ברדיטשוב, תרנ״ח, ז׳ 7.

88) צבי איש הורוויץ, „לקורות הקהלות בפולניה״. ניו־יורק, תשכ״ט ז׳ 40; יצחק מאיר קאצענעלענבויגן, „חבל הכסף״. ברוקלין, תרצ״ז, זז׳ 42, 50; מרדכי רובינשטיין, „נטעי נאמנה״. ירושלים, תר״ע, סעיף מ׳.

הסכמות פון דאָזיקן לובאָמלער רב געפינען זיך אויף:

„**בית הלוי**״ פון **ר׳ ישעיה הורוויץ** (וויניציאה, תכ״ו);

ש״ך יו״ד (קראקא, ת״ו);

שייך חו״מ (תי״ד, ביריד גראַמניץ);

„מגיד מישרים״ יוסף קארו (לובלין, ת״ח).

הגאון ר׳ יונה תאומים איז נפטר געוואָרן אין 1669.

און דאָס איז א טייל אויפשריפט פון זיין מצבה:

יזכור אלהים נשמת הגאון החסיד
הגדול המפורסם ובעל הכנפים
יגיד דבר מספרים הרבה שחבר
על אופניו דבר דבר
איש אלקי האב״ד מהור״ר
יונה בן מהור״ר ישעיה תאומים מפראגא
אשר היה תופס ישיבה יותר מנ׳ שנים
בכמה קהלות גדולות
כנעמריוב לובמלא, בעלז, הוראדנא, פינסק...
ויהי כאשר התער ה׳ את אנשי פולין
בצרות תכופות זה לזה
ונהפך עליהם צירי גלגל
השמים בגזירות ובלבולים,
ויעף היונה לק״ק ווינא...
וגם שם היטיבו לראש עיני היונים...
ומשם נתקבל לכאן ק״ק מיצא
ומצא יונה מנוח לכף רגלה
רגל ישרה אחר עצבון
ודאבון לבו בפולין...
ונתקבל מכאן לק״ק פוזנא
ולא רצה ליסע
והניח אחריו ברכה בחיבורו
קקיון דיונה...
נפטר ונקבר ביום ראשון
של פסח תכ״ט לפ״ק [89].

89) מ. פינער, „מצבות קברות הרבנים ואנשי שם״... (בערלין, 1861). ראובן מרגלית, דער מחבר פון „הלולא דצדקיא״ (ז׳ 15) שרייבט, אז ר׳ יונה איז נפטר געוואָרן אין 1665, אָבער די מצבה, פאַרשטייט זיך, איז מערער באַגלייבט.

ס׳איז ניט צו פאַרשטיין, פאַר וואָס דער נאָמען פון ר׳ יונה תאומים פעלט אין די אלע ליסטעס פון לובאָמלער רבנים, וואָס אונדז איז אויסגעקומען צו זען: „אשכול״־ענציקלאָפּעדיע, ענציקלאָפּעדיא יודאַיקאַ, פרידבערגס „לוחות הזכרון״ און אנדערע. פון זיין געבראַכטער הסכמה אין לובאָמל און נאָך מער פון דער מצבה איז דאָך קלאָר, אז ער איז געווען רב אין לובאָמל.

הרב הגאון ר׳ משה בר׳ יצחק

נאָך הרב הגאון ר׳ יונה תאומים איז געוואָרן רב אין לובאָמל הרב הגאון ר׳ משה בר׳ יצחק.

דער פאָטער פֿן ר׳ משהן איז געווען פרנס ומנהיג אין פינסק.

ר׳ משה איז געווען איינער פון די באַרימטע גאונים בשעתו. ער איז געווען מערער באוווסט אונטערן נאָמען פון זיין ספר „מהדורא בתרא" אָדער ווי ר׳ משה ר׳ יצחק ר׳ בונמש.

ר׳ משה האָט אויך געהאט גרויסע זכות אבות: ער איז געווען דער איידעם פון מהרש"א, אן אייניקל פון רמ"א און א תלמיד פון מהר"ם מלובלין.

אין הקדמה פון זיין ספר „מהדורא בתרא" באַקלאָגט זיך דער מחבר, אז צוליב „הטלטולים והגלגולים" — מען דארף ניט פארגעסן, אז ער האָט דורכגעמאכט די צרות ת"ח ות"ט — זיינען אים פארלוירן געגאנגען א סך פון זיינע חידושים.

זיין שוואָגער איז געווען הרב הגאון ר יצחק סג"ל, אב"ד לוואָוו [90] און זיין איידעם — הרב הגאון ר׳ משה מרגליות, אב"ד טארניגראָד [91].

דער „מהדורא בתרא" ווערט עטלעכע מאָל געבראכט אין די „שאלות ותשובות" מהר"ם מלובלין (סי׳ פ"ו, פ"ז), אין „משאת בנימין", סי׳ ק"ט, אין „ברכת טוב" דף ק"ז, אין „נחמות ציון", דף מ"ג.

הסכמות פון הגאון ר׳ משה בר׳ יצחק געפינען זיך אויף:

„שפתי כהן" אויף יו"ד פון שבתי הכהן, קראקא, ת"ו;

„עמודיה שבעה", בצלאל בר׳ שלמה מקאָברין, לובלין, תכ"ו;

„נחמת ציון" (פפד"מ, תל"ב);

„נופת צופים", בצלאל בר׳ שלמה מקאָברין;

און אויפן סידור השל"ה.

גענוי, ווען דער „מהדורא בתרא" איז געוואָרן אב"ד לובאָמל, איז שווער צו זאָגן. ס'איז אָבער קלאָר, אז אין 1646 איז ער שוין דאָרטן געווען רב, ווייל זיין געבראכטע הסכמה אויפן „שפתי כהן" איז פון ת"ו און איז דאַטירט פֿון לובאָמל.

נאָך לובאָמל איז ער געוואָרן אב"ד לובלין. ער איז געזעסן אויפן לובאָמלער כסא-הרבנות פון ארום אָנהייב פערציקער יאָרן ביז 1653.

דער „מהדורא בתרא" איז נפטר געוואָרן אין 1669 אין לובלין [92].

הרב הגאון ר׳ אליעזר מרגליות

אין די זעכציקער יאָרן פון זיבעצנטן יאָרהונדערט האָט פארנומען דעם כסא-הרבנות אין לובאָמל הרב הגאון ר׳ אליעזר מרגליות. אין 1667 האָט ער זיך באַטייליקט בעת דעם גראָמניצער יריד אין ועד ארבע ארצות און פון יענעם יאָר איז דאָ זיינע א הסכמה אויפן באקאַנטן „ספרא דצניעותא דיעקב" (אמשטרדאם, תכ"ט), אויף וועלכער ער חתמעט זיך „חופ"ק לובמלא" [93].

ר׳ אליעזר איז געווען דער זון פון הגאון ר׳ מנחם-מענדל מרגליות, וואָס דער „כלילת יופי" רופט אים „מאור הגולה". ר׳ מנחם ווערט געבראכט אין „צמח צדק". סימן מ"ב וועגן אַן עגונה אין ת"ח. ער איז געווען אב"ד ור"מ פשעמישל און פינסק.

אַן איידעם פון הרב הגאון ר׳ אליעזר איז געווען דער גאון און מקובל ר׳ משה זאב, דער זון פון הגאון המקובל ר יהודה יודל אב"ד קאָוולע. ר׳ משה זאב איז געווען אב"ד ור"מ מינסק וגליל סמילאָוויץ. און שפעטער איז ער געוואָרן רב אין פירט [94].

ר׳ אליעזר האָט געהאט זיבן ברידער, וואָס זעקס פון זיי זיינען אָלע געווען רבנים אין פארשידענע שטעט פון פוילן.

ר׳ אליעזרס זון, הרב הגאון ר׳ יהודה מרגליות, איז געווען אב"ד פאַטיק.

אַן אָפּשטאמיקער פון ר׳ אליעזרן, פון זעקסטן דור, איז געווען הגאון ר׳ משה זאב אב"ד ביאליסטאָק, טיקטין והוראדנא, דער באקאנטער בעל „מראות הצובאות" און „אגודת אזוב", פון זיבעטן דור — הרב הגאון ר׳ אלכסנדר מרגליות אב"ד סאטאַנאָוו; פון אַכטן דור —

---

90) ש. ב. ניסענבוים, „לקורות היהודים בלובלין", לובלין, תרס"א, ז׳ 61; ראובן מרגליות, „תולדות אדם". לעמבערג, תרע"ב; „ענף עץ אבות", ז׳ 58: מ. מ. ביבער, „מזכרת לגדולי אוסטרהא". ברדיטשוב, 1907, ז׳ 46; „אבות — עטרה לבנים", ז׳ קס"ג; „לוחות זכרון", ז׳ 9.

91) יועץ קים קדיש ראקאץ, „נפלאות היהודי", אין אָפּטייל „בית צדיקים", ז׳ 98.

92) אזוי איז אין אלע מקורות. ישראל היילפרין, וואָס איז בדרך כלל אַ גרויסער מדקדק, שרייבט אין „פנקס ועד ארבע ארצות", אז ר׳ משה בר׳ יצחק איז געשטאָרבן ארום 1672/73.

93) „פנקס ועד ארבע ארצות", ז׳ 105, סעיף רס"א; מפתח ההסכמות פון Dr Leopold Löwenstein. Frankfurt a/M, 1923. Nr 2216.

94) „דעת קדושים", ז׳ 78; „שם הגדולים החדש", זז׳ ח, י"ח, נ"א; „כלילת יופי", ז׳ ס"ח.

די ברידער גאונים און פוסקים אחרונים בעלי שו"ת „בית אפרים", „טיב גטין" און „שערי תשובה" [95]).

דער אויבן דערמאָנטער „ספרא דצניעותא דיעקב" איז פון הגאון המקובל יעקב אשכנזי, באַקאַנט אונטערן נאָמען ר' יעקב תעמירלש מווינא. וועגן די הסכמות־געבערס ווערט דאָרטן געזאָגט: „פארי הדור, אשר כולם היו אנשי מופת ויודעי ח"ן (חכמה נסתרת) אשר הארץ האירה מכבוד תורתם". אַ סימן, אַז ר' אליעזר האָט זיך עוסק געווען אויך אין קבלה.

דער „שם הגדולים החדש" רופט אָן ר' אליעזרן „הגאון הגדול בדורו".

ר' אליעזר איז געווען רב אין לובאָמל ביז אַרום 1667.

צוויי ר' יעקבס

פון סוף די זעכציקער ביז מיטן די אַכציקער יאָרן פון זיבעצנטן יאָרהונדערט טרעפן מיר זיך אָן אויף צוויי מיטן ערשטן נאָמען יעקב, וואָס זיינען משמעות, ביידע געווען רבנים אין ליבעוונע אין אָט דער צייט. היות ניט אַלע מאָל איז אָנגעגעבן דער נאָמען פון זיין טאַטן, איז שווער צו זאָגן גענוי, ווען ווער ס'איז געווען, דעריבער האָבן מיר זיי דאָ אַריינגענומען אין איין קאַפּיטל.

דער נאָמען פון איינעם איז ר' יעקב בר' יונה כ"ץ. אַז ער איז געווען דער ערשטער פון די צוויי איז צו זען פון די דאַטעס פון זיינע חתימות. אין סעיף רע"ב פון „פנקס ועד ארבע ארצות" פון יאָר תכ"ט (1669) געפינט זיך זיין נאָמען צווישן די חתומים [96]).

אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אין תל"ב (1672), אין סעיף שכ"ה, סעיף שכ"ו און שכ"ז געפינען מיר די חתימה פון „יעקב בל"א הר"ר יונה כ"ץ זצ"ל מלובמלא".

דער ספק אין זיין רבנות באַשטייט אין דעם, וואָס אין זיינע חתימות פעלן די געוויינלעכע רבנישע צוגאָב־ווערטער ווי נאום, חונה, הופ"ק וכדומה.

---

95) „אוצר הספרות", אַרטיקל „שם ושארית" פון יוסף כהן צדק; „ענף עץ אבות", ז' 20; „אבות עטרה לבנים", ז' ק"ע; „עיר הצדק", ז' 43.

96) געחתמעט איז „יעקב פריא מלובמלי". היות אַזאַ נאָמען „פריא" איז ניט פריער, ניט אַ צייט שפּעטער געווען אין יענע מקומות, געמט אָן ישראל היילפּרין, דער אַרויס־געבער און דערקלערער פון „פנקס", אַז דאָס קען זיין אַ דרוקפעלער און עס דאַרף זיין: ברי"כ, בר' יונה כץ — און זיין השערה לייגט זיך גוט אויפן שכל, ווייל גלייך אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז צווישן די חתומים טאַקע דאָ אַזאַ נאָמען.

בכל־אופן, שוין אין דער ערשטער העלפט זיבעצי־קער יאָרן טרעפן מיר שוין ניט מער דעם נאָמען פון ר' יעקב בר' יונה כ"ץ, נאָר יעקב בר' מרדכי. אין 1674 איז פאַראַן זיינע אַ הסכמה, אַרויסגעגעבן אין לובאָמל, אויפן ספר „מגדל דוד" פון ר' אליעזר ליפמאַן מבראָד.

אין 1680 איז צווישן די חתימות פון „פנקס ועד ארבע ארצות" דאָ: „ונאם הקטן יעקב בא"א מוה"ר מרדכי זצ"ל החונה לובמלא". פון זעלביקן יאָר איז דאָ אויך זיינע אַ הסכמה פון לובאָמל אויף „קנה חכמה ודרך חכמה" פון יהודה ליב בר' יוסף. פראַנקפורט, דאָדר, תמ"א.

אין 1683 איז פאַראַן אין „פנקס": „נאום יעקב כהנא מלובמלא — און דאָס איז מסתמא דער ר' יעקב בר' מרדכי [97]).

הסכמות פון הרב הגאון ר' יעקב בר' מרדכי זיינען פאַראַן אויף:

„קנה חכמה ודרך חכמה", יהודה ליב בר' יוסף פוחוביצר. האמבורג, תנ"ב;

„באר עשק", יהודה ליב ב'ר יוסף פוחוביצר. פראַנק־פורט דאָדר, תמ"א;

„תקוני הזהר", „דברי חכמים", „קריאת ותיקין", „עין ישראל".

ר' יעקב בר' מרדכי איז געווען רב אין לובאָמל ביז אַרום 1684.

הרב הגאון ר' יונה הלוי

נאָך הרב הגאון ר' יעקב בר' מרדכי האָט פאַרנומען דעם לובאָמלער כסא־הרבנות הרב הגאון ר' יונה בר' הלל הלוי, דער מחבר פון „בית הלל". ער ווערט באַצייכנט פון אַנדערע ווי „הגאון החריף".

זיין פאָטער, הגאון ר' הלל, איז געווען אב"ד כעלם און ווילנע.

ר' יונה איז געווען דער שווער פון הרב הגאון ר' צבי הירש, „אב"ד שאַטלאַנד ואגפיה [98]).

---

97) ישראל היילפּרין באַמערקט דאָ, אַז צו יעקב כהנא דאַרף מען מוסיף זיין „בר' יונה כ"ץ". דאָ, האַלטן מיר, האָט ער געמאַכט אַ טעות. ער האָט פאַרזען די חתימה פון יעקב בר' מרדכי אין 1680 און פאַרגעסן, אַז יעקב בר' יונה כ"ץ טרעפט זיך בכלל ניט מער פון נאָך 1672. — אין „דור ודור ודורשיו" (ז' 67) זאָגט זיך, אַז דער גאון ר' יעקב מרדכי מלובמלא איז געשטאָרבן אין 1705. גיכער פון אַלץ דאַרף דאָ זיין יעקב בן מרדכי.

98) ש. י. פין, „קריה נאמנה", ז' 171; „לוחות זכרון", זז' 9, 82.

שווער פעסטצושטעלן די גענויע צייט פון זיין רבנות אין לובאָמל.

הרב הגאון ר׳ ישראל איסר

אַ זון פון הגאון ר׳ משה בר׳ יצחק, דער בעל „מהדורא בתרא״, וואָס איז אַליין געווען אב״ד לובאָמל, איז אַ ריי יאָרן נאָך אים אויך געוואָרן רב אין שטעטל — דאָס איז הרב הגאון ר׳ ישראל איסר.

ער האָט זיך גערעכנט צווישן די גדולי הדור און ניט אומזיסט איז ער נאָך לובאָמל געוואָרן אב״ד אין צווי פון די דעמאָלטיקע גרעסטע קהילות, אין בריסק און לובלין. לויט אַנדערע מקורות, איז ער געווען רב אויך אין פינסק.

ר׳ ישראל איסר האָט הסכמות אויף „דברי הברית״ פון 1720 און אויפן „גאון צבי״ פון משה צבי־הירש העלער, פון יאָר 1730.

רבי מרדכי רבי לייבושעס פון זשאָלקעווע, וואָס איז געווען אַ באַקאַנטער נגיד און פרנס פון ועד ארבע ארצות, „שזכה לשני שולחנות״, איז געווען ר׳ ישראל איסרס אַ זון. ר׳ מרדכי איז דער שווער פון הרב הגאון ר׳ יצחק כץ ראַפּאַפּאָרט, אב״ד ור״מ דקלויז הגדולה באוסטרהא [99]).

הרב הגאון ר׳ ישראל איסר איז נפטר געוואָרן אין לובלין.

הרב הגאון ר׳ אליעזר לייזער

אַנהייב אַכצנטן יאָרהונדערט האָט פאַרנומען דעם כסא־הרבנות אין לובאָמל הרב הגאון ר׳ אליעזר לייזער, וועמען מען האָט אויך גערופן לייזער מענדעלעס.

ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון הגאון ר׳ פנחס משה חריף אב״ד ור״מ לבוב, וואָס איז געווען אַ גרויסער גביר.

ניטאָ קיין פרטים וועגן זיין רבנות אין לובאָמל, אָבער ס׳איז כמעט ווי זיכער, אַז אין 1710 איז הגאון ר׳ אליעזר לייזער שוין געווען מרא דאתרא אין יענער קהילה.

זיין זון, הגאון ר׳ משה חיים, איז געווען רב אין קאַמאַרנע, זלאָטשעוו און לוואָוו. אין 1728 האָט געטראָפן יידן אַן אומגליק אין לוואָוו. אַהין איז געקומען אַ משומד מיטן נאָמען פיליפּאָוויטש, וואָס האָט חוזר בתשובה געווען און ווידער געוואָרן אַ ייד. מען האָט אים אַרעסטירט. בעת דער אויספאָרשונג האָט ער דערציילט, אַז אַ פּאָר יידן האָבן אים איבערגערעדט זיך מגייר צו זיין. יענע יידן האָט מען פאַרמשפּט לשריפה. ס׳איז אויך אַרויס אַ באַפעל צו אַרעסטירן און פאַרברענען דעם רב משה חיימען. ער איז אָבער אַנטלאָפן קיין כאָטין, בעסאַראַביע, ווו ער איז געשטאָרבן אין 1761. זיינע פאַרבליבענע דריי זין האָבן אַנגענומען די פאַמיליע־נעמען געלערנטער אָדער הויכגעלערנטער.

דער בעל „מצודת דוד״ (אלטונא, תצ״ו), ר׳ דוד בן משה, איז געווען אַן אייניקל פון הגאון ר׳ אליעזר לייזער און ער ברענגט אין זיין ספר יענעמס חידושי־תורה. ר׳ דוד איז געווען אַ קורצע צייט דיין אין ווילנע.

הרב הגאון ר׳ יששכר בער

אַנהייב צוואַנציקער יאָרן פון אַכצנטן יאָרהונדערט — אפשר נאָך אַ ביסל פריִער — איז געוואָרן רב אין לובאָמל הרב הגאון ר׳ יששכר בער.

אויפן ספר „זרע ישראל״ לר׳ ישראל בר׳ בנימין, איז פאַראַן זיינע אַ הסכמה פון תפ״ב (1722), אויף וועלכער ער חתמעט זיך „חוב״ק לובמלא״.

אין 1724 איז ווידער פאַראַן זיינע אַ הסכמה פון לובאָמל אויפן ספר „בית לחם יהודה״ פון צבי־הירש אב״ד אליק. אין זעלביקן יאָר איז דאָ זיין חתימה אין „פנקס ועד ארבע ארצות״ אויף אַ דין־תורה פון אַ שמש פון ברעסלוי קעגן זיינעם אַ קאָנקורענט. ער חתמעט זיך: „נאׄ׳ הצעיר יששכר בער מלובלין החוב״ק לובמלא [100]) צ״ו״.

אַז ר׳ יששכר בער איז פאַר 1716 נאָך ניט געווען רב אין לובאָמל, איז צו זען פון זיין הסכמה אויפן ספר „משמחי לב״ — פון מרדכי גימפּיל, ווו ער חתמעט זיך ניט אין יאָר 1716 ווי אב״ד לובאָמל.

קיין ספרים האָט ר׳ יששכר ניט איבערגעלאָזן, נאָר אין „אדני פז״ פון מאיר בר׳ לוי (נאָווידוואָר, תקמ״ט) ווערן געבראַכט דברי־תורה אין זיין נאָמען.

ר׳ יששכר בערס פאָטער איז הרב הגאון ר׳ מאיר בר׳ בנימין וואָלף היילפּרין, וואָס איז געווען רב אין

---

99) ראובן ז״ק, „כרם ישראל״, ניו־יורק, תשי״ט, ז׳ 78; משה מאַרקאָוויץ, „שם הגדולים השלישי״, ווילנאַ, תר״ע, ז׳ 28; „יכבד אם״, ז׳ 17; „מזכרת לגדולי אוסטרהא״, ז׳ 77; „לקורות היהודים בלובלין״, ז׳ 61. — אין „דור ודור ודורשיו״ איז דאָ, אַז ר׳ ישראל איסר איז געשטאָרבן אין 1669. קלאָר, אַז ניט ריכטיק.

100) משה גלרנטר, „אוריאן תליתאי״, רמת־גן, תשכ״ד.

כעלם, אַפּט און לובלין, אַן אײדעם פון הגאון ר׳ דוד סג״ל, דער ט״ז[101]).

הרב הגאון ר׳ יוסף בר׳ ישראל

נאָך ר׳ ישׂשכר בערן איז אין לובאָמל געװען מרא דאתרא — הרב הגאון ר׳ יוסף בר׳ ישראל. די גענויע דאַטע, װען דאָס איז געשען, װײסן מיר ניט. מיר זײנען נאָר משער, אַז דאָס איז געװען סוף צװאַנציקער אָדער אין די דרײסיקער יאָרן פון אַכצנטן יאָרהונדערט.

פאַראַן זײנע אַ הסכּמה אויף „בחינת עולם״, דאַטירט 1741 אין לובאָמל, און אויף „לב שמחה״ פון תי״ז (1757).

אין „פּנקס ועד ארבע ארצות״ פון תקט״ו (1755) איז נאָך דאַ זײנע אַ חתימה מיט „החונה בק״ק לובמלא״.

מען קען, בכן, אָננעמען, אַז ר׳ יוסף בר׳ ישראל איז געװען רב אין לובאָמל ביז סוף פופציקער אָדער אָנהײב זעכציקער יאָרן פון אַכצנטן יאָרהונדערט.

הרב הגאון ר׳ יצחק אײזיק

אַן ערך אין 65—1760 האָט פאַרנומען דעם לובאָמלער כּסא־הרבנות הרב הגאון ר׳ יצחק אײזיק בר׳ נחמן. ער האָט געמוזט זײן לובאָמלער רב ביז אַרום מיטן די אַכציקער יאָרן פון אַכצנטן יאָרהונדערט.

ר׳ יצחק אײזיק איז געװען אײנער פון די באַקאַנטע „חכמי הקלויז דק״ק בראָדי״, װאָס די בני־הדור האָבן זײ גערופן „נסיכי אדם, רבנים מופלגים, חכמי תעודה דקלויז רבתא דק״ק בראָד״. די דאָזיקע קלויז איז געװען אַן אָרט, װוּהין עס פלעגן זיך צונויפקומען אַ סך לומדים מופלגים, רבנים, אדירי תורה און זײ פלעגן דאָרטן זיצן און עוסק זײן אין תורה אַ גאַנצע װאָך, אַרײנגערעכנט די נעכט, און זײ פלעגן זיך אומקערן אַהײם נאָר מערב שבת לשבת.

מען קען פאַרשטײן, אַז דער גרעסטער טײל — אויב ניט אַלע — פון די יעניקע לומדים מופלגים, װאָס פלעגן קומען אין דער באַקאַנטער בראָדער קלויז, זײנען ניט געװען קײן מענטשן, װעלכע האָבן פאַרנומען ערגעץ־װוּ אַ כּסא־הרבנות. אַ מרא דאתרא קען ניט אַזוי אַפּט פאַרלאָזן זײן עדה, זיכער ניט פון אַזאַ אָרט װי לובאָמל, װאָס דער מרחק פון איר ביז בראָד — בײ די פאַרקערמיטלען פון יענע צײטן — איז גאַרניט אַזאַ קלײנער. אַהין זײנען בעיקר געקומען ס׳רוב גרױסע לומדים אָדער רבנים, װאָס האָבן צוליב דער אָדער יענער סיבה זיך אָפּגעזאָגט פון רבנות און האָבן געװאָלט זיך עוסק זײן אין תורה אין דער חברה פון אַנדערע גרויסע לערנערס[102]).

מיט דעם דערקלערן מיר אויך דעם פאַקט, װאָס אין יאָר 1786 געפינען מיר אַ הסכּמה פון ר׳ יצחק אײזיק אויפן ספר „נפש דוד״ (לעמבערג, 1790), כאָטש מיר װײסן, אַז שוין אַ יאָר פריִער איז דאָרטן געװען רב שוין אַן אַנדערער. עס קען אויך זײן, אַז בײדע זײנען אַ שטיקל צײט געװען צוזאַמען רבנים אין לובאָמל און ס׳איז געװען „שני מלכים משתמשים בכתר אחד״.

צװײ רבנים

די לובאָמלער רבנות פון אַרום 1785 ביזן סוף אַכצנטן יאָרהונדערט איז גוט פאַרפּלאָנטערט.

אויסער דער פריִער־דערמאָנטער הסכּמה אין לובאָמל פון הרב הגאון ר׳ יצחק אײזיק בר׳ נחמן אין יאָר 1786, איז פאַראַן אַ הסכּמה (אויף „תורת משה״), דאַטירט „לובאָמל, תקמ״ה״ (1785) פון אײנעם, יונה בן יוסף הלוי. אַ 10—15 יאָר שפּעטער איז טאַקע געװען אַ רב אין לובאָמל מיט כּמעט דעם זעלביקן נאָמען, מיטן אײנציקן חילוק, װאָס צו זײן ערשטן נאָמען „יונה״ איז צוגעקומען „ישראל״. עס װאָלט זיך געשיקט די סברה, אַז דאָס איז דער זעלביקער, װײסן מיר אָבער, אַז צװישן די יאָרן 1787 ביז 1791 איז זיכער געװען אַן אַ נ ד ע ר ר מרא דאתרא אין שטעטל — מוזן מיר בלית־ברירה מאַכן אַזאַ השערה:

פון 1785 ביז 1786 איז געװען — אפשר גלײכצײטיק מיט יצחק אײזיק בר נחמן — מרא דאתרא אין לובאָמל הרב הגאון ר׳ יונה בן יוסף הלוי, װאָס האָט זײן הסכּמה אויפן „תורת משה״.

פון 1787 ביז 1791 האָט פאַרנומען דעם כּסא־הרבנות הגאון ר׳ אהרן יואל בן דוד. אויפן ספר „מרגליות התורה״ (פּאָריצק, 1787) פון ר׳ צבי בר׳ שמואל זײנװיל און אויף „דמשק אליעזר״ (פּאָריצק, 1790) זײנען פאַראַן זײנע לובאָמל־דאַטירטע הסכּמות.

ר׳ אהרן יואל איז נפטר געװאָרן אין 1791[103]).

---

101) דור מגיד, „תולדות משפחות גינזבורג״, פּטרבורג, תרנ״ט, ז׳ 29; צבי הורוויץ, „לקורות הקהלות בפולניה״, ניו־יורק, תשכ״ט, ז׳ 59—60; „לקורות היהודים בלובלין״, זז׳ 68, 170; „הגרן״, ספר א׳, ז׳ 49; „לוחות זכרון״, ז׳ 9; „פּנקס ועד ארבע ארצות״, זז׳ 297, 299, XLVIII; „מפתח ההסכמות״, נומ׳ 1532.


102) „ערים ואמהות בישראל״, כרך ו׳, ירושלים, תשט״ו, ז׳ 64.

103) „דור ודור ודורשיו״, ז׳ 19; „מפתח ההסכמות״, נומ׳ 255, 294.

הרב הגאון ר׳ ישראל־יונה לאַנדוי

אין מיטן די ניינציקער יאָרן פון אַכצנטן יאָרהונ־דערט האָט אָנגענומען די לובאָמלער רבנות הרב הגאון ר׳ ישראל יונה סג״ל לאַנדוי. ער איז געווען לובאָמלער מרא דאתרא ביז 1820. אין יענעם יאָר איז ער געוואָרן רב אין קעמפען, פויזן, ווו ער איז נפטר גע־וואָרן אין 1824.

ר׳ ישראל יונה איז דער מחבר פון גרויסן ספר „מעון הברכות״, אויף דער מסכתא ברכות, ארויס אין דיהרנפורט תקע״ו. ער איז אויך דער מחבר פון „כנסת ישראל״ אויף די מסכתות ביצה און נזיקין; „עין הבדולח״ — אויף די אגדות הש״ס און „זמירות ישראל״ — פירושים אויף מקרא.


מעון הברכות
ישראל יונה במ״י חלוי לנדא
שחברתי ... ישראל יונה ... יוסף סג״ל לנדא ז״ל
... בק״ק קעמפנא ... בק״ק לובמלא
וכאשר ...
... עין הבדולח ...
זמירת ישראל ...
ומה׳ ...
נדפס בק״ק
דיהרנפורט
בבית ... יוסף ...
אונטער דירעקציאהן
... דוד שקלאוועד נ״י ... נפתלי צבי ...
... בלב ישראל ...
... ולשמר ...

שער ספרו של הרב ר׳ ישראל יונה לנדא „מעון הברכות״ שבו נזכר שהיה רב בלובומלא בשנים 1794—1820

די פרוי פון ר׳ ישראל יונה האָט געהייסן גיטל און זייערע טעכטער: פייגל, עלקע, חנה.

זיין פאָטער איז געווען הרב הגאון ר׳ יוסף סג״ל לאַנדוי, אב״ד כמעלניק.

זיין ברודער הרב ר׳ יעקב שמחה לאַנדוי איז גע־ווען אב״ד אַפּט און זיין צווייטער ברודער הרב הגאון ר׳ אריה ליבער לאַנדוי — אב״ד קאָרעץ.

הרב הגאון ר׳ יוסף שמואל לאַנדוי, דער זון פון ר׳ ישראל יונה, איז נאָך זיין פאָטערס פּטירה געוואָרן אב״ד קעמפען. דער זון איז געשטאָרבן אין עלטער פון 37 יאָר, י״ג כסלו תקצ״ז (1837). זיין אָרט האָט פאַר־נומען ר׳ ישראל יונהס איידעם הרב הגאון ר׳ מרדכי זאב אשכנזי.

ר׳ יוסף שמואל לאַנדוי איז דער מחבר פון „כור הבחינה״, וואָס אויף אים זיינען פאַראַן די הסכמות הגאונים חתם סופר און ר׳ עקיבא איגר. דער „כור הבחינה״ איז אַ צייט שפּעטער אַרויס מיט תיקונים אין וואַרשע, תרפ״ט.

אין זיין „גורן אטד״ (וואַרשא, תקצ״ז) מאַכט ר׳ יוסף שמואל אַ דרוש־הספד אויף זיין קרוב הרב הגאון ר׳ יחיאל עטינגער.

פון דעם שער־בלאַט אויפן „כור הבחינה״ קען מען זען, אַז הרב הגאון ר׳ ישראל יונה לאַנדוי איז אַן אָפּ־שטאַמיקער פון ר׳ לייבוש אב״ד ור״מ לוואָוו, פון „נודע ביהודה״, מהר״ם פּאַדאָווא, מהר״ל מפּראָג ולמעלה בקודש[104].

ר׳ משה חיים

פון 1820 ביז סוף די פופציקער יאָרן פון נײַנצנטן יאָרהונדערט ווייסן מיר כמעט גאָרניט וועגן לובאָמלער רבנות. ס׳איז מאָדנע, אַז גראָד, ווען מיר קומען נאָענ־טער צו אונדזער צייט, ווייסן מיר וועגן די לובאָמלער רבנים ווייניקער, ווי מיט הונדערט יאָרן צוריק. ס׳איז נאָר באַקאַנט, אַז אין אַט דער צייט — ריכטיקער: אַ טייל פון אַט דער צייט — איז געווען רב אין לובאָמל איינער מיטן נאָמען ר׳ משה חיים — און דאָס איז אַלץ. אַזוי ווי איין זון פון הרב הגאון ר׳ ישראל איסר האָט געהייסן משה חיים און איז אויך געווען אַ רב, איז

(104 „יכבד אב״, זז׳ 17, 21; „לוחות זכרון״, ז׳ 9.
A. Heppner und J. Herzberg „Aus Vergangenheit und Gegenwart der Juden und jüdischen Gemeinden in den Posener Landen". Koschmin - Bromberg, 1909, s. 518-519

אונדזער השערה, אַז ער איז דאָס געווען דער לובאַמ־לער רב אייניקע יאָרן.

הרב הגאון ר׳ יהודה־אריה פינקלשטיין

אין 1858 איז געוואָרן רב אין לובאַמל הרב הגאון ר׳ יהודה אריה פינקלשטיין. אין 1912 האָט ער נאָך אַליין געשריבן, אַז ער איז אב״ד לובאַמל, און מסתמא איז ער געווען דאָרטן רב ביזן אויסברוך פון דער ערש־טער וועלט־מלחמה אין 1914 [105].

אויפן ספר „לקוטי צבי" פון צבי הירש מיאַנאָוואַ (פּיעטרקוב, תרס״ט) איז דאָ זיינע אַ הסכמה פון 1901. ער חתמעט זיך: „יהודה אריה בר׳ אליעזר דומ״ץ דק״ק ליבעוונע".

אין שטעטל האָט מען אים גערופן פּשוט ר׳ ל ייב ע. ער איז געווען דער זיידע פון דער פּרוי פונעם שפּע־טערדיקן דיין ר׳ לייבל מלמד. ער איז געווען אַ פאַר־ברענטער טריסקער חסיד. איין מאָל איז ער באַרווע־סערהייט אַוועק צו פוס צום טריסקער מגיד. ער האָט דעמאָלט גוט זיך אָפּגעריבן די הויט פון די פיס און ער האָט אַ לענגערע צייט געליטן פון דעם. ר׳ לייבע איז נפטר געוואָרן אַרום 1915.

דריי רבנים

נאָך דער פּטירה פון ר׳ לייבען האָט דאָס קליינע לובאַמל געהאַט דריי רבנים, אָדער צוויי רבנים און אַ דיין אין דער זעלביקער צייט. די פאַרשיידענע חסידים אין שטעטל האָבן זיך ניט געקענט אייניקן אויף איין רב.

איינער פון די דריי רבנים, ר׳ אריה לייבוש הכהן לאַנדאַן, איז אָנערקענט געוואָרן דורך דער רעגירונג ווי דער רעליגיעזער פאַרטרעטער פון די אָרטיקע יידן, און פון אַרום 1927 ביז 1936 איז ער געווען דער הויפּט־רב.

ר׳ לייבוש איז געווען דער זון פון וואָיסלאַוויצער רב ר׳ יאָשע לאַנדאַן און ברודער פון ר׳ דוד ווייצ־פּרוכט (לאַנדאַן), וואָס איז געווען בירגערמייסטער אין דער צייט פון עסטרייכישער אָקופּאַציע.

דער צווייטער רב, אָדער ווי מען האָט אים גערופן „דער דיין", איז געווען ר׳ לייבל מלמד. ער איז געווען רב אין שטעטל ביזן חורבן, און איז אומגעקומען מיט דער גאַנצער קהילה. ער האָט זיך פאַרנומען אַ סך מיט צדקה, און אַלע האָבן אים זייער געשעצט.

אין וואָס פאַר אַ טרויעריקער לאַגע ליבעוונע האָט זיך דעמאָלט געפונען, איז צו זען פונעם פאַקט, אַז אינעם ערשטן אָקופּאַציע־יאָר פון די עסטרייכער זענען אין שטעטל געשטאָרבן פיל מענטשן. אין יענעם יאָר איז נישט פאָרגעקומען אין שטעטל קיין איין איינציקע יידישע חתונה.

איניקע יידישע משפחות פון שטעטל, איבערהויפּט פון רייכערן קלאַס, זענען נישט פאַרבליבן אויפן אָרט. זיי האָבן גענומען דאָס פּעקל מיטן זעקל און געלאָפן וואָס ווייטער אין רוסלאַנד. זיי האָבן דורכגעמאַכט דעם ביטערן פּליטים־וועג אַהין און צוריק, צוריקקומענדיק האָבן זיי אָנגעהויבן אויפשטעלן זייער לעבן אויפדאָסניי.

אויך די דאָרפישע יידן אַרום ליבעוונע האָבן געליטן אין דער צייט פון דעם ערשטן וועלט־קריג. דאָך איז זייער לאַגע געווען בעסער פון די שטאָטישע יידן, זיי לפּחות האָבן געהאַט צו עסן גענוג.

אין האַרבסט 1918 האָבן די עסטרייכער פאַרלאָזט ליבעוונע, און די פּוילישע אַרמיי האָט באַזעצט די שטאָט (די פּאָליאַקן האָבן שוין דאַן געהאַלטן די מאַכט אין גרויסן טייל פון וואָלין) ביז עס אין אויסגעבראָכן דער קריג צווישן די פּאָליאַקן מיט די באָלשעוויקעס אין זומער 1920. דאַן איז די שטאָט איבערגעגאַנגען אין די הענט פון די באָלשעוויקעס. דער פראָנט אַליין איז געווען ווייט פון שטעטל, אַרום 18 קילאָמעטער אויפן טייך בוג.

מיטן אונטערשרייבן דעם הסכם צווישן דער באָלשעוויסטישער רעגירונג און דער פּוילישער לויט וועלכן וואָלין איז צעטיילט געוואָרן איז ליבעוונע אונטערגעפאַלן דער פּוילישער מאַכט, און דאַן האָט זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז איינשטעלן אַ נאָרמאַל לעבן. אין יענע צייטן זענען אָנגעקומען קיין ליבעוונע נישט ווייניק היימלאָזע פּליטים פון דער אַרומיקער סביבה. אַ טייל פון זיי זענען פאַרבליבן אויך שפּעטער אין שטעטל און זיך איינגעאָרדנט מיט פּרנסה.

איז געווען ווייניק די מלחמה און די פּויליש־באָלשעוויסטישע קאַמפן, איז נאָך צוגעקומען די קלאָג פון

פאָגראָמען אין די קלענערע ישובים אַרום ליבעוונע [1]. די פאָגראָמען זענען געקומען פון פאַרשידענע באַנדעס, פון פאַרשידענע זייטן.

אין 1919 האָט זיך דורכגעטראָגן אַ כוואַליע פאָגראָמען איבער אוקראַינע, פאָדאָליע און וואָלין. אין דער געגנט פון ליבעוונע האָבן די יידן באַזונדערס געליטן פון די באַלאַכאָוועצעס. בעת דער מהומה נאָכן ערשטן וועלט־קריג און די קאַמפן צווישן די פאָליאַקן און באָלשעוויקעס האָבן די באַלאַכאָוועצעס געהאַט פאַרנומען 19 ערטער אַרום ליבעוונע. דאָרטן זענען דורך די פאָגראָמשטשיקעס דערהרגעט געוואָרן 131 יידן. ארום 600 יידן פון די אַרומיקע ערטער זענען דעמאָלט אַנטלאָפן קיין ליבעוונע און זיך דאָרטן באַזעצט [2].

אין די יאָרן 1918—1921 זענען אין וואָלינער גובערניע פאָגראָמירט געוואָרן 90 ערטער, ווו עס זענען פאָרגעקומען 122 פאָגראָמען און 80 עקסצעסן [3].

די געגנט אַרום ליבעוונע האָט שטאַרק געליטן פון די באַנדעס. אַ סך ווייניקער דאָס שטעטל גופא. סוף 1918 זענען געפאַלן אַ פאָר קרבנות אין שטעטל דורך דער פוילישער ציטווייליקער פאָליציי און אוקראַינישע כוליגאַנעס. 5 יידישע קרבנות און אַ סך פאַרוואונדעטע ווי אויך הייזער און געשעפטן, וואָס זענען צעראַבירט געוואָרן איז געווען דער סך־הכל פון די פאָגראָמען אין שטעטל אין יענער צייט [4].

ליבעוונער יידן האָבן אויך אין סעפטעמבער 1920 געליטן פון עקסצעסן, וואָס זענען ווידער אַרויסגערופן געוואָרן דורך פוילישע סאָלדאַטן בעת זייער עוואַקואַציע און רעעוואַקואַציע [5].

הילף־אַרבעט

די פאָגראָמען האָבן נאָך געבושעוועט, די וועגן זענען נאָך געווען בחזקת סכנה — אָבער יידן האָבן זיך גלייך גענומען צום אַלטן טראַדיציאָנעלן מיטל פון צדקה און הילף.

די ליבעוונער גופא, פאַראָרעמט פון קריג, מיט פליטים אייגענע און פרעמדע פון אַרום, זענען נישט געווען בכוח מיט אייגענע מיטלען אויפצושטעלן אַ ווירקעוודיקע הילף־פּראָגראַם. די הויפּט־הילף איז געקומען פון דרויסנדיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס, דער עיקר פון אַמעריקאַנער „דזשאָינט". קודם־כל, נאָך אין 1917, האָט מען געגרינדעט און אויפגעעפנט אַ פאָלקס־קיך, וואָס האָט פונאַנדערגעטיילט טאָג־טעגלעך אומזיסטיקע מיטאָגן פאַר אַלע נויטבאַדערפטיקע און שפעטער, לויט דער איניציאַטיוו פון פאַרשטייער פון וולאַדימיר־וואָלינסק, איז אין 1919 געשאַפן געוואָרן אין ליבעוונע אַ הילף־קאָמיטעט אונטערן נאָמען „עזרה". אין אויגוסט 1920 האָבן די אַריינגעקומענע באָלשעוויקעס אָפּגעשטעלט די הילף־אַרבעט, אָבער נאָכן צוריקקער פון די פאָליאַקן איז זי ווידער באַנייט געוואָרן. דער ליבעוונער „עזרה"־קאָמיטעט איז דעמאָלט אָנגעשלאָסן געוואָרן צום רעגיאָנעלן קאָמיטעט אין קאָוועל און איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן.

סיי די ליבעוונער „עזרה", סיי די יידישע הילף־קאָמיטעטן אין די אַרומיקע שטעט, זענען אָבער געווען שטאַרק אָנגעוויזן אויף דער שטיצע פון „דזשאָינט".

פון אַ בריוו פון 6סטן אָקטאָבער 1919, וואָס דער „דזשאָינט"־שליח איזידאָר הערשפעלד האָט געשיקט צו זיין צענטראַל־ביוראָ אין ניו־יאָרק, איז צו זען, אַז די דאָזיקע באַרימטע יידיש־אַמעריקאַנישע הילף־אָרגאַניזאַציע איז שוין דעמאָלט ווי ס'איז צוגעקומען מיט איר שטיצע צו די קלענערע וואָלינער שטעטלעך. אין יענער צייט, ווען קיין זאַך האָט נאָך נאָרמאַל נישט פונקציאָנירט, האָט ליבעוונע נישט באַקומען איר שטיצע פון „דזשאָינט" דירעקט, נאָר דורכן וולאַדימיר־וואָלינסקער דיסטריקט־קאָמיטעט. אויך די דאָזיקע אָראַנזשירונג האָט

1) פון אַ טאַבעלע אין „Recueil de Matériaux sur la Situation Économique des Israélites de Russie". (Paris, 1906, p. 32). איז צו זען, אַז אין וואָלין איז די צאָל יידן, וואָס האָבן געלעבט אין דערפער און קליינע שטעטלעך, געווען גרעסער, ווי אין די גובערניעס פון וויטעבסק, קיעוו, פאָלטאַווע, כערסאָן, בעסאַראַביע

2) די דאָזיקע ווי אויך אַ טייל פריערדיקע אינפאָרמאַציעס באַזירן זיך אויף די מאַטעריאַלן, וואָס געפינען זיך אין צענטראַלן אַרכיוו פון „דזשאָינט" אין ניו־יאָרק. עס קומט אַ דאַנק פרוי רוזשע קלעפּפיש, אָנפירערין פון יענעם אַרכיוו, פאַר איר פריינדלעכער הילף.

3) נ. גערגעל אין „שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק, ב' 1, רעדאַקטאָר: יעקב לעשטשינסקי, בערלין, 1926. ז' 107.

4) L. Chasanowitsch, „Die Polnischen Judenpogromme in November und Dezember 1918". Stockholm, 1919. p. 29.

5) „דער צייטוו. ייד. נאַציאָנאַל־ראַט און דער סיים־קלוב ביי אים", אונטער רעדאַקציע פון י. גרינבוים. וואַרשע, 1923. זז' 85—86.

דעמאָלט נישט צו גוט געקלאַפּט, ווייל ס׳זענען געווען שווועריקייטן מיט דער פּאָסט, קיין באַנען זענען נישט געווען און דאָס געלט האָט מען געמוזט שיקן דורך ספּע־ציעלע שליחים. דאָ האָט געשטעקט אַ געוואַלדיקע רי־זיקע — סיי פאַרן שליח, סיי פאַרן געלט. אָבער קיין אַנדער וועג איז אין אָנהויב נישט געווען.

אין אַ בריוו פון עלפטן דעצעמבער 1920, פון „דזשאָינט" אין ראַיאָנע צום „דזשאָינט"־ביוראָ אין וואַר־שע ווערט איבערגעגעבן אַ באַריכט וועגן אַ ראַיאָן־קאָנ־פערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 24־טן נאָוועמבער 1920 אין וולאָדימיר־וואָלינסק (לודמיר). דער פאַרטרע־טער פון לובאָמל איז דאָרטן געווען דוד ווײַנער. ער האָט איבערגעגעבן, אַז אין שטעטל לעבן איצט 8.000 איינ־וווינער, פון זיי זענען 5.000 יידן [6]. די חודש־שטיצע פון „דזשאָינט" האָט באַטראָפן 34.000 מאַרק. אין דעם איז אויך געווען איינגעשלאָסן הילף פאַר יידן אין שאַצק. אין בית־הספר [תלמוד־תורה?] לערנען זיך אַ 300 קינ־דער, 180 פון זיי זענען אָרעמע. ער האָט געזאָגט, אַז די קינדער־שולע נייטיקט זיך אין 70.000 מאַרק און 83.000 מאַרק מוז מען האָבן פאַר אַנדערע דרינגלעכע זאַכן.

לויט דער בקשה פון „עזרה"־קאָמיטעט, האָט אָנהויב 1921 דער „דזשאָינט" געעפנט און אויסגעהאַלטן אין ליבעוונע אַן אַמבולאַטאָריע. 1.530 יידישע קינדער זענען דאָרטן וועכנטלעך אונטערזוכט געוואָרן. טייל קינדער האָבן אויך געקראָגן פיש־אייל. אַזוי ווייזט אַ „דזשאָינט"־באַריכט פון צענטן אַפּריל 1921.

דורכן „דזשאָינט" איז אין אַמבולאַטאָריע געבראַכט געוואָרן אַ דאָקטאָר ש. ראָזענשטיין, און עס איז אויך דאָרטן אַנגעשטעלט געווען אַ קראַנקן־שוועסטער ליזאַ פּאָמעראַנץ, וועלכע האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט משה חסיד.

מיט די געלטער פון „דזשאָינט" זענען געשטיצט געוואָרן 135 אָרעמע שטעטלשע משפּחות. די קרבנות פון פּאָגראָמען און די פּליטים האָבן באַקומען מאַנאַטלעכע סובסידיעס.

אין איינעם פון די מאָנאַטלעכע „דזשאָינט"־באַ־ריכטן וועגן צעטיילטע זאַכן אין שטעטל, צווישן דע־צעמבער 1920 — יוני 1921, ווערט געזאָגט, אַז לובאָמל האָט באַקומען: זאָקן, ווינטער־וועש, קישנס, קאָלדרעס, זשילעטקעס, שינעלן, זייף, רייז, מילך, קאַקאַאָ, צוקער.

6) אין אַ באַריכט פון וואָלינער „דזשאָינט" פאַרן צייט־אָפּשניט אָקטאָבער 1919 — יוני 1920 ווערט געזאָגט, אַז אין ליבעוונע זענען פאַראַן 10.500 תושבים, פון זיי יידן — 6.500. אויף די און ענלעכע ציפערן קאָן מען זיך נישט פאַרלאָזן. פאַרלאָזלעכע סטאַטיסטיק איז נאָר די, וואו עס ווערט אָנגע־געבן אַ באַגלויבטער מקור.



מתנדבים מה„נוער באפיית מצות לנצרכי העיר בשנת 1917—1918
א גרופּע שטאָטישע יוגנט צו הילף ביים באַקן מצות פאַר די נויטבאַדערפטיקע, אין יאָר 1917—1918

דער אָרטיקער שטעטלשער קאָמיטעט, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דער הילף־אַרבעט, איז באַשטאַנען פון: **קלמן קאָפּעלזאָן**, — פאַרזיצער, פאָרשטייער פון „דזשאָינט”; א. בודמאַן, וויצע־פאַרזיצער, פון די „צעירי־ציון”; דוד וויינער, פון ציוניסטן; ח. גרינבערג, פון אָר־טאָדאָקסן; חיים ציון און אבא קליג.

אין העלפן אויפשטעלן דאָס יידישע ליבעוונע פון אירע עקאָנאָמישע חורבות האָט דער „דזשאָינט” גאָר אַ גרויסן חלק. אָבער ליבעוונער יידן האָבן אין די ערשטע נאָכמלחמה־יאָרן באַקומען הילף אויך פון אַנדערע זייטן.

קודם־כל דאַרף דערמאַנט ווערן דער ניו־יאָרקער לי־בעוונער הילף־קאָמיטעט, וואָס האָט ביי דער ערשטער מעגלעכקייט אַריינגעשיקט 300 דאָלאַר, אַ באַדייטנדיקע סומע אין יענער צייט פון געלט־אינפלאַציע. דער דאָזי־קער קאָמיטעט פון ליבעוונער לאַנדסלייט אין אַמעריקע האָט אויך שפּעטער געהאָלפן זייער אַמאָליק האַלב־רואי־נירט היימשטעטל.

אַ נישט קליינעם חלק אין פאַרבעסערן די עקאָנאָ־מישע לאַגע פון ליבעוונער יידן האָט בייגעטראָגן די דירעקטע הילף, וואָס לאַנדסלייט האָבן געשיקט צו זייערע קרובים אין שטעטל. נאָר אין די חדשים מערץ — אַפּריל 1920 האָבן ליבעוונער יידן געקראָגן פון זייערע קרובים אין אַמעריקע די סומע פון 61.000 מאַרק, וואָס איז געווען אַ קענטיקע הילף.

גלייך נאָכן קריג האָבן די אָרטיקע עסקנים גע־פּרוּווט זאָרגן דערפאַר, אַז יידן, וואָס ווילן עפענען אַ קרעמל אָדער אַ וואָרשטאַט און האָבן נישט קיין געלט, זאָלן קריגן שטיצע פון אַ ספּעציעלן פאָנד פאַר אַזעלכע און ענלעכע צוועקן. לשם זה איז אַרום 1918 געשאַפן געוואָרן אַ גמילות־חסד־קאַסע. איינער פון די הויפּט־איניציאַטאָרן פון גמ״ח איז געווען שלמה סאַמעט. מיט אים האָבן מיטגעאַרבעט די אַלע, וואָס זענען פריער אויסגערעכנט געוואָרן אין קאָמיטעט פון „עזרה”.

קודם האָט מען צונויפגענומען אַ ביסל געלט פאַר גמ״ח פון די ליבעוונער יידן גופא, דעם גרעסטן חלק האָט אָבער תחילת געגעבן דער „דזשאָינט”.

דער ערשטער גמ״ח נאָכן קריג האָט זיך אין לי־בעוונע לאַנג נישט געהאַלטן. ערשט אין 1926 איז געשאַפן געוואָרן אַ נייע גמילות־חסד־קאַסע, אָרגאַניזירט אויף בעסערע יסודות, און ווידער מיט די געלטער פון „דזשאָינט”.

לויט אַ באַריכט פון 1929, האָט דער ליבעוונער גמילת־חסד יענעם יאָר אויסגעטיילט הלוואות אויף דער סומע פון 10.076 זלאָטעס.

אין 1937 האָט דער ליבעוונער גמ״ח געהאַט 337 מיטגלידער. די קרעדיטן פון „דזשאָינט” פאַר יענעם יאָר האָבן באַטראָפן 8.725 זלאָטעס און פון „צעקאָבע” — 2.173 זלאָטעס. דער אייגענער קאַפּיטאַל איז געווען 4.653 זלאָטעס. הלוואות זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף איבער 14.000 זלאָטעס [7].

דער סעקרעטאַר פון גמ״ח איז לאַנגע יאָרן געווען שלמה פרידמאַן. אין זיינער אַ קאָרעספּאָנדענץ שרייבט ער, אַז אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון הרב דמתא הרב הגאון ר׳ פּנחס אָסעלקאָ איז איינגעפירט געוואָרן אַזאַ תקנה: אויף יעדן קילאָגראַם פלייש אויף שבת ווערט צוגעגעבן אַ מאַרקע פון 10 גראָשן פאַר גמ״ח. אין דער זעלביקער קאָרעספּאָנדענץ ווערט אויך איבערגעגעבן וועגן אַ גמ״ח־אַקציע, וואָס אין איר האָט דער אָרטיקער „החלוץ” זיך אָנגענומען דורכצופירן אַ בלימל־טאָג לטובת דעם גמ״ח [8].

דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן אין ליבעוונע איז געווען שטאַרק פאַרבונדן מיטן „באַנק לודאָווי”, וואָס איז שפּעטער געשאַפן געוואָרן און וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך מאָטל פריוונער און לייזער פינקעלשטיין, ווי אויך מיטן „באַנק קופּיעצקי”, וואָס בראש פון אים איז פריער געשטאַנען שמואל עפּשטיין און דערנאָך האָט זיין אָרט פאַרנומען מאיר־יצחק ווייצפּרוכט.

אין די ערשטע יאָרן נאָכן ערשטן וועלט־קריג האָבן ליבעוונער יידן, אויסער אַנדערע צרות און דאגות, גע־האַט דאָס שווערע פּראָבלעם פון קריגס־יתומים — יידי־שע קינדער, וואָס זענען געבליבן אָן אַ טאַטן אָדער מאַ־מען אָדער בכלל אָן עלטערן צוליב דער מלחמה אָדער די פּאָגראָמען.

בכלל האָט וואָלין זייער געליטן פון דער מלחמה, און די צאָל יתומים אין יענער געגנט האָט דערגרייכט איבער 12.000, פון זיי זענען 7.000 געווען דירעקטע קרבנות פון קריג. אַ סך פון זיי האָבן זיך געוואַלגערט אין די וועלדער, פעלדער און קעלערן.

אין ליבעוונע אַליין זענען געווען מערער פון 300 יידישע יתומים. די אָרטיקע יידן זענען תחילת נישט געווען בכוח אויפצוטאָן עפּעס און העלפן די יתומים, האָט זיך דערצו גענומען דער „דזשאָינט”.

אין דער גאַנצער געגנט האָבן אָנהויב די צוואַנצי־קער יאָרן זיך געגרינדעט „געזעלשאַפטן פאַר יתומים־פאַרזאָרגונג”. אין יוני 1926 איז אין ראָוונע פאַרגע־

---

7) כמעט די אַלע ידיעות שטאַמען פון „דזשאָינט”־באַ־ריכטן. זע אויך:
The Gemilath Chessed Kasses in Poland. New York, 1937, p. 37.

8) „פאָלקס־הילף”, יאַנואַר, 1933.

קומען אַ קאָנפערענץ פון די דאָזיקע געזעלשאַפטן, וווּ ס'איז אויך אויסגעקליבן געוואָרן אַ צענטראַלער קאָמי־טעט. ווי אַ שטעלפאַרטרעטנדיקער מיטגליד אין קאָמיטעט איז געווילט געוואָרן מאָטל פריוונער [9].

די אַרבעט פאַר יתומים אין ליבעווניע איז אַ ריי יאָרן געווען גאַנץ שטאַרק. עס זענען פאָרגעקומען פאַרזאַמ־לונגען וועגן דעם, מען האָט אָפט אָפגעהאַלטן זיצונגען און די אויסגעאַרבעטע פּלענער זענען אויך דורכגעפירט געוואָרן.

אין אַ זשורנאַל פון דער געגנט לייענען מיר אַ באַ־ריכט וועגן אַ גרויסער יוגנט־פאַרזאַמלונג, וווּ מאָטל פריוונער האָט רעפערירט איבער דער פראַגע פון יתומים־פאַרזאָרגונג. אויף יענער פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָר־געקומען דעם צענטן אַפּריל 1926 יאָר, איז געשאַפן געוואָרן די „ליגע פון פריינד פון יידישן יתום". 25 יוגנטלעכע האָבן זיך גלייך אויפן אָרט פאַרשריבן פאַר מיטגלידער [10].

דעם זעלביקן חודש איז פאָרגעקומען נאָך אַ פאַר־זאַמלונג וועגן דער יתומים־טעטיקייט. דעם באַריכט האָט אָפּגעגעבן אברהם שיינטאָפּ. אויף יענער פאַרזאַמלונג איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג, אין וועלכער עס זענען אַריין: אברהם שיינטאָפּ, פאָרזיצער; מאָטל פריוו־נער און משה אסתרזאָן, וויצע־פאָרזיצער; זלמן באַרנ־בוים, פאַרוואַלטער; שמואל באַקסער און מלך אָסעל־קאָ — סעקרעטאָרן; אברהם רעזניק, קאַסירער; מאָטל גרימאַטליכט, גדליה זילבערבלעך, יעקב בלומען און לייבוש פּרעגאַל — מיטגלידער [11].

אין דער דורכגעפירטער יידישער יתומים־וואָך האָבן זיך באַטייליקט אויסער די פריער אויסגערעכנטע מיט־גלידער פון דער פאַרוואַלטונג אויך: יצחק סאָמעט, ישראל קראַמער, משה וואַלווושעס [12].

פון אַ רשימה פאַרטיילטע זאַכן פאַר ליבעוונער יתו־מים אין 1927 איז צו זען, אַז עס איז צעטיילט געוואָרן שטאָף פאַר 14 מאַנטלען, 20 קאָסטיומען און 43 כאַליעוו־קעס [13].

בעתן דורכפירן אַ זאַמל־אַקציע פאַרן ליבעוונער יתומים־קאָמיטעט האָט איין מאָל אַ פּאָליציאַנט פאַרהאַלטן אַ פּאָרל פון די קלייבערס. די צוויי פאַרהאַלטענע קליי־בערס האָבן זיך געדאַרפט שטעלן פאַרן פרידנס־ריכטער, אָבער אַנשטאָט זיי איז געקומען דער פאָרזיצער פון קאָ־מיטעט א. שיינטאָפּ. נאָך זיינע אויפקלערונגען איז די אָנקלאַגע אַנולירט געוואָרן און דאָס צוגענומענע געלט איז אָפּגעגעבן געוואָרן צוריק דעם יתומים־קאָמיטעט [14].

פון איין באַריכט איז צו זען, אַז אין די חדשים יאַנואַר — אָקטאָבער 1927 האָט די הכנסה פון שטעטלשן יתומים־קאָמיטעט באַטראָפן אַרום 4.500 זלאָטעס. דער גרעסטער טייל איז אויסגעגעבן געוואָרן אויף דערנע־רונג — 2.943 זלאָטעס. אַנדערע הוצאות זענען אַוועק אויף בילדונג — 278, מעדיצינישע הילף — 80,35, קליי־דונג — 404 זלאָטעס. דעם דאָזיקן באַריכט האָט אָפּגע־געבן לייבוש פּרעגאַל אויף אַ פאַרזאַמלונג פון ליבעוונער יתומים־קאָמיטעט [15].

אַ ביסל הילף האָט די ליבעוונער יידישע יתומים־געזעלשאַפט באַקומען אויך פון מאַגיסטראַט, וואָס האָט איר געגעבן אַ יערלעכע סובסידיע. אין יאָר 1927 האָט די דאָזיקע סובסידיע באַטראָפן 600 זלאָטעס [16].

סטאַטיסטיק

ס'איז שוין פריער אָנגעוויזן געוואָרן, אַז וועגן דער צאָל יידן, וואָס האָבן געלעבט אין ליבעווניע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, זענען פאַראַן סתירהדיקע ידיעות. דאָס רוב זענען זיי גוזמאדיקע. די איינציקע ראַיעלע סטאַטיסטיק וועגן די ליבעוונער יידן איז צו געפינען אין דער אָפיציעלער ציילונג פון אומאָפּהענגיקן פּוילן אין 1921 — סיי וועגן זיי, סיי וועגן די אַרומיקע יידישע ישובים. פון איר ווערן דאָ געבראַכט די וויכטיקסטע ציפערן.

לובאָמל איז געווען אַ פּאָוויאַט און אַ גמינע. אין לובאָמל אַליין האָבן געלעבט 3.141 יידן אויף אַ באַ־פעלקערונג פון 6.000 איינוווינער. אין פּאָוויאַט זענען אַריין די וויכטיקסטע גמינעס:

גמינע בערזשעץ מיט 29 דערפער,
און צווישן זיי דערפער מיטן יידן:

בערזשעץ	100	יידן	Bereźce
שמיקעץ	11	"	Czmykos
יאַדענע	30	"	Jagodzin
יאַנקאָוועץ	30	"	Jankowice
רימאַטש	70	"	Rymacze
שטין	11	"	Sztuń
זאַמליניע	22	"	Zamłynie

9) „פון יאָר צו יאָר", לוח פאַר 1929. וואַרשע ז' 81—82.
10) „אונזער הילף", נומ' 3, ראָוונע, 1926.
11) דאָרטן.
12) דאָרטן, נומער 7, 10 נאָוועמבער.
13) דאָרטן, פעברואַר 1927.
14) דאָרטן, יאַנואַר 1927.
15) דאָרטן, נאָוועמבער 1927.
16) דאָרטן, אויגוסט, 1927.

גמינע האָלעוונע מיט 35 דערפער,
און צווישן זיי דערפער מיט יידן:

Byk	יידן	3	ביק
Czeremoszna Wola	″	8	וואָליע
Halinowola	″	29	האַלינאָוואָליע
Hołowno	″	23	האָלעוונע
Horodno	″	24	האָראָדנע
Kuczany	″	26	קוטשאַנע
Masłowice	″	10	מאָסלאָוויץ
Stara Huta	″	29	הוטע
Sukacze	″	29	סיקאַטש

גמינע הושטש מיט 32 דערפער,
און צווישן זיי דערפער מיט יידן:

Budniki	יידן	7	בודניק
Grochowiska	″	4	גראָכאָוויסק
Huszcza	″	43	הוישטש
Opalin	″	516	אָפּאַלין
Wola Ostrowiecka	″	17	אָסטראָוואָליע
Równe	″	52	ראָוונע
Przekurki	″	14	פּריקורקע
Smolary Rogowe	″	6	סמאָלאַרי ראָגאָווע
Smolary Stoleńskie	″	8	סמאָלאַרי סטאָלענסקי
Wilczy Przewóz	″	18	פּערוויס
Wólka Uhruska	″	3	אוגרוסק
Załuże	″	11	זאַלוזשע

גמינע לובאָמל מיט 21 דערפער,
און צווישן זיי דערפער מיט יידן:

Boremszczyna	יידן	5	באָרעמשטשינע
Luboml	″	255	לובאָמל (דאָרף)
Maszów	″	48	מאַשעווע
Podhorodno	″	42	פּאָדאָראָדנע
Radziechów	″	37	ראַדעכאָוו
Ruda	″	31	רידע
Wiszniów	″	50	ווישניעווע
Zapole	″	15	זאַפּיליע
Zastawie	″	9	זאַסטאַווקע
Zawale	″	129	זאַוואַליע

גמינע פולמע מיט 24 דערפער,
און צווישן זיי דערפער מיט יידן:

Kamionka	יידן	5	קאַמינקע
Ostrowie	″	18	אָסטרעווע
Piszcze	″	34	פּישטש
Pulemiec	″	30	פּולעמיץ
Pulmo	″	64	פּילמע
Wólka Chrypska	″	13	וואָלקע
Zalesie	″	11	זאַלעשע

גמינע שאַצק מיט 26 דערפער,
און צווישן זיי דערפער מיט יידן:

Butmer	יידן	8	בוטמער
Holadyn	″	5	האָלאָדנע
Świteskie Smolary	″	17	סמאָלאַרי סוויטעסקיע
Świteź	″	42	סוויטעץ
Szack	″	238	שאַצק
Wilica	″	10	ווילִיצע

גמינע זגאָראַני מיט 15 דערפער,
און צווישן זיי דערפער מיט יידן:

Humilnice	יידן	17	הומנעץ
Kusniszcze	″	19	קוסנישטש
Nudyże	″	21	נודיזש
Pałapy	″	56	פּאַלאַפּ
Sokół	″	7	סאָקאָל
Zhorany	″	5	זגאָראַן

„Skorowidz Miejscowości Rzeczypospolitej Polskiej“. Tom 9. Warszawa, 1923.

אין 1931 איז דורכגעפירט געוואָרן אַ צווייטער צענזוס פון דער באַפעלקערונג אין פוילן. די ציפערן פון יענער ציילונג זענען נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן — בכל־אופן מיר האָבן זיי נישט געזען. ס'איז נאָר באַקאַנט, אַז אין יענעם יאָר האָבן געלעבט אין ליבעוונע 4.111 תושבים. על־פּי השערה, וואָס דאַרף זיין גאַנץ קרוב לאמת, קאָן מען אָננעמען, אַז די צאָל יידן דאָרטן איז דעמאָלט געווען איבער 3.500.

„Columbia Lippincolt Gazetier“. New York, 1956.

אין גאַנצן ליבעוונער דיסטריקט האָבן אין 1921 געלעבט 56.264 איינוווינער. אין 1931 איז די באַפעלקערונג אויפן זעלביקן שטח געשטיגן אויף 85.396 מענטשן.

The Polish and Non-Polish Populations of Poland. Census of 1931.

נאָר אין דער צייט פון דער נאַצי־אָקופּאַציע, ווי דאָס ווערט איבערגעגעבן אין אָפּטייל פון חורבן, האָט זיך די צאָל ליבעוונער יידן שטאַרק פאַרגרעסערט צוליבן אַנלויף פון יידישע פּליטים, סיי פון די אַרומיקע קליינע ישובים, סיי אויך פון אַנדערע מקומות.

חינוך

פאַרן ערשטן וועלט־קריג, ווען דאָס יידישע לעבן אין די קליינע שטעטלעך פון פוילן — רוסלאַנד, איז נאָך נישט געווען שטאַרק אויפגעטרייסלט אין זיינע גייסטיקע יסודות, האָבן דאָרטן דאָמינירט די רעליגיעזע עלעמענטן און די דורות־אַלטע טראַדיציאָנעלע תורהדיקע אַנשטאַלטן. אויך ליבעוונע איז אין דעם פּרט נישט געווען קיין יוצא מן הכלל.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אָנגעהויבן בלאָזן נייע ווינטן אויך אין די קליינע שטעטלעך פון נייעם פוילן און פון פריערדיקן רוסלאַנד. די גרויסע געשעענישן אין דער וועלט און אין יידישן פאָלק האָבן זיך שטאַרק אויסגעווירקט אויפן גאַנצן שטעטלשן שטייגער און אויך אויף דער אַלטער פעסטונג פון יהדות — אויף די פאַרהייליקטע חינוך־אינסטיטוציעס.

אַזוי אומעטום, אַזוי אויך אין ליבעוונע.

די אַלטע חינוך־מוסדות — דער חדר, די תלמוד־תורה, די ישיבה — האָבן אָבער אַזוי לייכט נישט אויפגעגעבן זייערע פּאָזיציעס. זיי האָבן געפּרוווט זיך אַ ביסל מאָדערניזירן אָבער נישט געוואָלט אינגאַנצן אָפּטרעטן דאָס פעלד.

דער הויפּט־קאַמף אויפן דאָזיקן געביט איז געגאַנגען קעגן דער „תרבות”־שולע. מען האָט נישט נאָר זייער שטאַרק געשטערט איר גרינדונג, נאָר אויך שפּעטער האָבן טייל ליבעוונער יידן זי באַקעמפט מיט אַלע כוחות.

ווי אַ מיטל אין דאָזיקן קאַמף האָבן טייל ליבעוונער פרומע יידן באַטראַכט דאָס גרינדן אַ מאָדערנע יידישע קינדער־שולע, וואָס זאָל אָבער געפירט ווערן אין רעליגיעזן גייסט. זיי האָבן דעריבער געגרינדעט אין ליבעוונע אַ „יבנה”־שולע. דאָס איז אָבער געשען גאַנץ שפּעטלעך. בעת די „תרבות”־שולע אין שטעטל איז געשאַפן געוואָרן שוין אָנהויב די צוואַנציקער יאָרן, איז די „יבנה”־שולע געוואָרן טעטיק ערשט אַרום די מיטן דרייסיקער יאָרן. ערשט אין אַ רשימה פון 1937 ווערט דערמאָנט די ליבעוונער שולע „תחכמוני”, וואָס איז אַנגעשלאָסן אין די מזרחיסטישע „יבנה”־שולן אין פוילן [17].

טייל פרומע אין שטעטל האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיטן קאַמף קעגן „תרבות” און מיט אויפהאַלטן די אַלטע חינוך־מוסדות אין שטעטל, נאָר זיי האָבן געוואָלט נאָך מער אויסברייטערן די אָרטיקע תורהדיקע דערציאונג. זיי איז געלונגען, נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען, אין 1932 אויפצושטעלן אין ליבעוונע אַ ישיבה קטנה „בית יוסף” לויטן נאָוואַראַדקער נוסח. ווי אַ ראש־ישיבה איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן הרב ר' נוח כצמאַן. אין אַ בריוו, דאַטירט יח' ניסן, תרצ"ג, פון אָרטיקן „ועד הישיבות” צום ראַיאָנעלן „ועד הישיבות” אין לוצק, ווערט איבערגעגעבן, אַז מען נויטיקט זיך אין געלט צו דעקן די הוצאות פון אַראָפּברענגען דעם ראש־הישיבה און פון זיין משפחה. אויפן בריוו זענען פאַראַן די חתימות פון די מיטגלידער פון ליבעוונער „ועד הישיבות”: דער רב אריה לייבוש הכהן לאַנדאַו, אברהם שיינער, משה וויין, הענעך פרידמאַן (איין נאָמען און טייל פון אַנדערע נעמען לאָזן זיך נישט איבערלייענען).

אַ באַזונדערער בריוו וועגן העלפן דער ישיבה קטנה איז געשיקט געוואָרן צום ראַיאָן־קאָמיטעט פון „ועד הישיבות”, וואָס זיין צענטראַלע האָט זיך געפונען אין ווילנע, פונעם אַנדערן ליבעוונער רב ר' פנחס אַסעלקאַ.

אין 1935 זענען צוקאָאָפּטירט געוואָרן צום אָרטיקן „ועד הישיבות”: ראובן טוזמאַן, דער ראש־ישיבה נח כצמאַן, מתתיהו מעלניצער. מאיר שוחט, בייניש מלמד.

אין 1936 איז דער ליבעוונער ועד רעאָרגאַניזירט געוואָרן. אין אים זענען אַריין: דער ניי־אויסגעוויילטער יונגער רב אלתר לאַנדאַו, קלמן מיילער, עמנואל יאַרינקעסבוים, מאיר סאַנדערלשטיין, דוד כץ, ליפּצע גלייזער, פנחס גראַנאַטשטיין, אברהם־צבי צוקערמאַן.

אין אַ בריוו פון אָרטיקן „ועד הישיבות” קלאָגט מען זיך אַלץ אויף דעם, אַז די ישיבה קטנה ליידט פינאַנסיעל פון דער „מצודת ישיבת לובלין”, וואָס האָט פּושקעס אין יעדער שטוב [18].

די אויסנשטאַטישע תלמידים פון דער ישיבה קטנה פלעגן עסן „טעג”. איינער פון די רביים אין דער ישיבה

---

17) „מפעולות ההסתדרות „יבנה” שעל־יד ה„מזרחי” בפולין, ורשה, תרצ"ג. — דאָ דאַרף מען צוגעבן, אַז כאָטש ליבעוונע האָט שוין געהאַט אַ „תרבות”־שולע אין יאָר 1919, האָט זי אָבער נישט געהאַט קיין דעלעגאַט אויף דער ערשטער לאַנדקאָנפערענץ פון די „תרבות”־שולן אין פוילן, בעת די קליינע מאַצעיעוו איז דאָרטן יאָ געווען פאַרטראָטן דורך אַ דעלעגאַט (סאַרטאַראָווסקי). זע: „תרבות”, ורשה, תרפ"ב, חוב' ג'.

18) די אָנגעגעבענע בריוו געפינען זיך אין אַרכיוו פון ניו־יאָרקער ייוואָ. עס קומט אַ דאַנק יחזקאל ליפּשיץ, אַרכיוויסט פון ייוואָ, פאַר שטעלן די בריוו צו מיין דיספּאָזיציע.



הישיבה הקדושה בלובאמל

א גרופע תלמידים מיט זייערע מלמדים פון דער ישיבה אין לובאָמל אין יאָר 1934

איז געווען ר׳ זלמן, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט חיים פישערס טאָכטער, רבקה צימערבוים.

די ישיבה קטנה האָט זיך געהאַלטן ביזן חורבן.

דאָ דאַרף נאָך צוגעגעבן ווערן, אַז די אַרטיקע רע־ליגיעזע מוסדות אין שטעטל האָבן, אויסער דער רעגו־לערער הילף פון אויסלאַנד פאַר די יידישע אַנשטאַלטן אין שטעטל, געקראַגן אַ ספּעציעלע שטיצע. זי איז גע־קומען פון אַמעריקאַניש־יידישן „עזרת תורה״, וואָס האָט געשטיצט אַ סך תורה־אַנשטאַלטן אין דעם נאָכמלחמה־דיקן מזרח־אייראָפּע. די ערשטע יאָרן נאָכן קריג איז דאָס געלט געשיקט געוואָרן צו פאַרטיילן צום דיין ר׳ יהודה־לייב (לייבל) מלמד [19].

פּאַרטייען

אין דער תקופה פון דער לעצטער פּוילישער אומ־אָפּהענגיקער מלוכה, פון 1918 ביז 1939, זענען די פּאַר־טייען געווען דער דינאַמישסטער כוח אין ליבעוונער יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. געווען פאַרשידענע יידי־שע פּאַרטייען, אָבער די מערסטע, אַקטיווסטע און השפּעהדיקסטע זענען געווען די אַלע ריכטונגען, וואָס זענען אָנגעשלאָסן געווען אָן דער ציוניסטישער באַווע־גונג אָדער זענעז געווען קאָנצענטרירט אויף אַרבעט פון אויפבוי פון ארץ־ישראל.

פון די דאָזיקע ציוניסטישע פּאַרטייען האָבן די לע־בעדיקסטע טעטיקייט געפירט די יוגנטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, ווי „השומר הצעיר״, „החלוץ״ און בית״ר.

די ערשטע פּאַרטיי, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין ליבעוונע איז געווען „פּועלי־ציון״. אין דער שפּיץ פון דער פּאַרטיי איז געשטאַנען הערשל חסיד.

די ערשטע יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין ליבעוונע איז גע־ווען דער „השומר הצעיר״. אירע גרינדער זענען געווען ישראל גרימאַטליכט (גרמי), בערל (בעבי) וויינער, נתן בלומען, זלמן פישער, לייבעלע מלמד, אליהו פרעכטער,

19) „זכרון בספר״, ניו־יאָרק, תרפ״א.

שמואל באַרג, **יצחק שניידער**, משה וואַלוושעס, דאַבראַ־וואַדקע און יעקב בלומען.

אין דער ערשטער צייט אַרום 1919—1920 זענען די מערסטע טייל מיטגלידער פון ליבעוונער „השומר הצעיר" געווען מיידלעך, 60 אין צאָל, זיי זענען געווען פאַרטיילט אין קבוצות. די אָנפירערינס פון די קבוצות זענען געווען נחמה וויינער, לובע שאַמעס־ווישניץ, יהודית צוריף און זעלדע ליסטהויז.

דער „השומר הצעיר" אין שטעטל איז אַלע מאָל געווען אַ שטאַרקער כוח, אָבער אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז זיין השפעה אַ רעכט ביסל אָפּגעשוואַכט געוואָרן. דאָ האָבן זיך אויסגעווירקט צוויי סיבות.

תחילת איז דער „השומר הצעיר" געווען אַ ריין־סקויטישע אָרגאַניזאַציע, אָן וועלכן ס'איז ספּעציעלן פאַרטייאישן שטעמפּל, אויסער, פאַרשטענדלעך, מיטן אַלגעמיינעם ציוניסטישן דראַנג. אויך דאָ האָבן די פּויליִשע מאַכט־אָרגאַנען געמאַכט נישט ווייניק שוועריקייטן אין דער אַרבעט צווישן דער יידישער יוגנט. שפּעטער איז אָבער דער „השומר הצעיר" פאַרוואַנדלט געוואָרן אויך אין אַ פּאַרטיי, וואָס איר פּראָגראַם האָט ביי דער פּוילישער מאַכט אַרויסגערופן פאַרדאַכטן. און היות אויף דער אַלגעמיינער פּאָליטישער גאַס אין פּוילן זענען שוין געווען אַוועק די האָניק־יאָרן פון דער פּוילישער דעמאָקראַטיע, און דער רעזשים, ביחוד נאָך דער פּילסודסקי־איבערקערעניש, איז געוואָרן אַלץ רעאַקציאָנערער, שאָוויניסטישער און יידן־פיינטלעכער, — האָט דער „השומר הצעיר", מיט זיינע אָפענע סימפּאַטיעס צום סאָוויעטן־פאַרבאַנד, גענומען באַטראַכט ווערן ביי די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען ווי נישט קיין לאָיאַלער עלעמענט. די פּאָליציי האָט גענומען שטאַרקער נאָכשפּיאָנירן די טעטיקייט פון „השומר הצעיר". איין מאָל איז די פּאָליציי באַפאַלן אַ פאַרזאַמלונג פון „השומר הצעיר" אין אַ וועלדל לעבן שטעטל, האָט צעשלאָגן אַ טייל יוגנטלעכע און אַ טייל אַרעסטירט. ענלעכע מעשים פון דער פּאָליציי האָבן געמוזט זיך אויסווירקן נעגאַטיוו אויפן וווּקס פון אָט דער אָרגאַניזאַציע.

די צווייטע סיבה איז געווען אַן אינערלעך־ציוניסטישע.

ווי אַ ציוניסטישע סקויטן־אָרגאַניזאַציע האָט דער „השומר הצעיר" געהאַט די וואַרעמסטע סימפּאַטיעס פון אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען. דער „השומר הצעיר" איז תחילת געווען דער איינציקער ליבלינג פון די ציוניסטי־



קבוצת חברי השומר הצעיר בשנת 1920—1921

א גרופּע חברים פון דער יוגנט־ארגאניזאציע „השומר הצעיר" אין יאָר 1920—1921

עומדים מימין לשמאל: **דב גפני**, (ב. ויינר) **א. פרכטר, אוקס, נ. ויינר (בלאו), ג. חסיד, ז. פישר, י. גרמי**

יושבות: **ז. ליסטהויז, ל. וישניץ (שאמעס), י. צוריף (האלפרין), רחל, י. נתנזון**

שורה שלישית: **י. גלבאַרד, י. שניידר, ש. בארג, פ. גלבאַרד**



פע״לי הקרן הקיימת לישראל בשנת 1925—1926
א גרופע אקטיווע מיטארבעטער פון קרן קיימת לישראל אין די יארן 1925—1926

עומדים מימין לשמאל: **א. סנדלשטיין, י. ברגרום, ש. וינגרטן, מ. שפירא, מ. אסולקה, י. טיטלבוי״ם**
שורה שניה מימין לשמאל: **מ. פריוונר, ש. שליווא, א. זגגי, געליבטער, א. קליג, מ. לדרזון, מ. קרייזר**
שורה שלישית מימין לשמאל: **מ. גרי״מטליכט, ש. רוסמן, י. סאמעט, ז. פישר, מ. וולוושס, ל. פרגל וש. בוקסר**

שע פאַרטייען בכל אתר ואתר און איז פון זיי געשטיצט געוואָרן סיי מיט דערציעריִשע כוחות אין זיין קולטור־אַרבעט, סיי אויך מיט געלט. אָבער ווען דער „השומר הצעיר" איז געוואָרן אַ פּאַרטיי, האָט די גאַנצע באַציאונג צו אים מצד די אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען זיך אינגאַנצן געביטן. אַזוי אין דער גאַנצער וועלט, אַזוי אויך, פאַרשטייט זיך, אין ליבעוונע. און ווען ס'איז אין 1920/21 געשאַפן געוואָרן אין ליבעוונע דורך דער עלטערער יוגנט פון „השומר הצעיר" דער „החלוץ", האָבן כמעט אַלע ציונים, וואָס האָבן פריער געשטיצט דעם „השומר הצעיר", אַריבערגעוואָרפן ביסלעכווייז זייערע סימפּאַטיעס און שטיצע פאַר דער נייער אָרגאַניזאַציע. אַז דאָס האָט נישט געשטאַרקט די פּאָזיציעס פון „השומר הצעיר" אין שטעטל, פאַרשטייט זיך פון זיך אַליין.

דער „החלוץ", וואָס האָט אָפּעריִרט מיט אַלגעמיין־ציוניסטישע לאָזונגען, כאָטש אידעאיש איז ער געווען פאַרבונדן מיִט דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט צוגעצויגן אַ גרויסן טייל פון דער אָרטיקער יידי־שער יוגנט.

די ערשטע, וואָס זענען עולה געווען קיין ישראל נאָך פאַרן גרינדן זיך פונעם „החלוץ", נאָך אין יאָר 1920/21, זענען געווען מאָטל גרימאַטליכט און הערשל פוקס ז״ל; מיטן גרינדן פונעם „ההלוץ" אין 1921 און מיט זיין הכשרה־אַרבעט פון אַ טייל פון זיינע מיטגלידער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן סטאָלעריי־ווערק אין דעם הויז פון דער פאַמיליע סאָלאָווייטשיק, מיט דער לערערשאַפט פון אפרים פאַנטוך (תנא סטאָליאַרס איידעם), שפּעטער אַליין אויך עולה געווען מיט זיין פאַמיליע קיין ישראל. (ער איז נפטר געוואָרן צוריק מיט אַ יאָר אין תל־אביב), זענען עולה געוועז קיין ישראל, אָנהויב 1923 (נטע בלו־מען) היינט נתן תכלת און באַלד נאָך אים (ישראל גרי־מאַטליכט) היינט ישראל גרמי; נאָך זיי, אינעם יאָר 1924/25 זענען עולה געווען אלי פרעכטער, (בעביק וויי־נער) גפני ז״ל, שיינדל־יפה, מלכה קרייזער, לייבוש גלייזער, העניך קאָרנפּראַכט, משה לעדערזאָן, ישראלקע ירוחמס, יעקב מייזעלס און אַנד. וויכטיק צו דערמאָנען, אַז פריער פאַר אַלע איז אָנגעקומען קיין ישראל, איך גלויב נאָך אין יאָר 1920, מאָטיק „רופא" מיט זיין פאַ־

מיליע, וואָס זענען אַוועק פון שטעטל מיטן אויסברוך פונעם ערשטן וועלט־קריג קיין אַדעס און פון דאָרטן עולה געווען קיין ישראל; אַזוי אויך איז אָנגעקומען אין יענע יאָרן מיט דער עליה־אַקציע פון „יתומי בעלקינד" דער ח׳ שילדערגעמיין. צווישן אַנדערע איז כדאי צו דערמאָנען דאָס עולה זיין פון דער „באָבען" (מיילדת) מיטן נאָמען רחל־לאה, וואָס האָט אַ סך יאָרן געדינט ווי אַ „באָבע" אין שטעטל („אַקושערקע") מיט גרויס דער־פאָלג און געווען געשעצט ביי אַלעמען. זי האָט פאַר־בראַכט אירע לעצטע יאָרן אין ירושלים ביי איר טאָכטער, וואָס איז געווען די פרוי פונעם באַרימטן הרב קוסובסקי פאַרפאַסער פון דער קאָנקאָרדאַנציע פון תלמוד.

אין 1934 איז אָנגעקומען אין שטעטל אַ הכשרה־קיבוץ פון „החלוץ" אין קלאַסעוואַ. אין אים זענען געווען 20 בחורים און 10 מיידלעך, מערסטע פון וואָלינער געגנט. אין 1935 האָט דער דאָזיקער קיבוץ אָפּגעשיקט קיין ארץ־ישראל די ערשטע עולים זיינע.

די פירער פון „החלוץ" האָבן שפּעטער אָרגאַניזירט אַ „החלוץ הצעיר", וואָס האָט זיך גאַנץ פיין אַנטוויקלט. אריה שטערן, דער ערשטער ישראל־פאַרשטייער אין רוים, איז געווען איינער פון די ערשטע ליבעוונער „החלוץ־הצעירניקעס".

אין מיטן די דרייסיקער יאָרן איז געשאַפן געוואָרן אַ סניף פון „העובד", אַ האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין אים זענען געווען ביי 50 חברים. אַ 10 חברים זיינע האָבן עולה געווען. דער אָרטיקער „החלוץ" האָט שטאַרק מיטגעהאָלפן סיי מיטן גרינדן דעם „העובד", סיי מיט אָנפירן אים.

אין דער ראַיאָן־קאָנפערענץ פון „העובד", וואָס איז פאָרגעקומען אין לוצק, זענען געווען פאַרטראָטן צוויי שליחים פון ליבעוונער סניף: מענדל וואַרשניטער און בערל וואָלווושעס.

דער בית״ר, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין 1929, האָט זיך אויך גיך אַנטוויקלט און אויסגעוואַקסן צו אַ כוח אין שטעטל. זיין ערשטער גרינדער און מפקד איז געווען יצחק שפּירא און דערנאָך שמואל זילבערבערג. מפקדים אין פאַרשידענע צייטן פון זיין עקזיסטענץ אין שטעטל זענען געווען: יעקב געטמאַן, חיים הובערמאַן און חיים האַניק.

דער בית״ר האָט אויך געהאַט אַן אייגענע פוטבאָל־קאָמאַנדע. זי פלעגט פירן מעטשן סיי מיט די אָרטיקע, סיי מיט אויסן־שטאָטישע פוטבאָל־קאָמאַנדעס.

די דאָזיקע רעוויזיאָניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע האָט אויך געשאַפן אַן אייגענעם הכשרה־קיבוץ אין שטעטל. צוויי קיבוצי־הכשרה אין אַזאַ שטעטל זענען געווען צו פיל און עס איז געקומען צו אָפּטער און אומ־



חברי הסתדרות „החלוץ", בשנת 1931
חברים פון „החלוץ" אָרגאַניזאַציע, אין יאָר 1931

געצוימטער קאָנקורענץ פאַר די עטלעכע אַרבעטס-פּלע-
צער אין און אַרום ליבעוונע.

אין בית״רישן הכשרה-קיבוץ זענען געווען בלויז חברים פון אַנדערע שטעט. ליבעוונער בית״רים האָבן דורכגעמאַכט זייער הכשרה אין אַנדערע ערטער.

עס האָט עקזיסטירט אויך אַ „ברית-החיל״. אין אים זענען געווען אַקטיוו: ישראל קראַמער, שמואל פוקס, בערקע ספרד, משה ספרד, משה קלערער.

דער סעקרעטאַר פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע איז לאַנגע יאָרן געווען משה ליפּשיץ.

צווישן די אָרגאַניזאַציעס פון די רעוויזיאָניסטן און פון אַרבעטנדיקן ארץ-ישראל פלעגן פון צייט צו צייט



תהלוכת בית״ר בחגיגת חנוכת הדגל בשנת 1933
די דעפילאַדע פון אנטהילן די פאַן פון בית״ר אין יאָר 1933

פאַרקומען צוזאַמענשטויסן. באַזונדערס פלעגט דאָס געשען בעת פּאַרטייאישע מיטינגען.

אָבער נישט געקוקט אויף אַלע שפּיצלעך, ווידעראַנאַנדן און קאַמפן צווישן די פּאַרטייען, איז די צייט צווישן די ביידע וועלט-מלחמות דאָך געווען די שענסטע און אינטערעסאַנטסטע פאַר דער ליבעוונער יידישער יוגנט. ס'איז געווען די צייט, ווען די ליבעוונער נאַציאָנאַל-יידישע יוגנט האָט געלעבט מיטן גרויסן חלום פון יחידישער און פּאָליטישער גאולה, — אַ חלום, וואָס איז צוזאַמען מיט זיינע בעלי-חלומות פאַרברענט געוואָרן אין די היטלעריסטישע קרעמאַטאָריעס.

אַ דראַמאַטישע גרופּע

ביי פרומע יידן איז נישט שייך צו רעדן וועגן קולטור-אַרבעט. ביי זיי איז, נאַטירלעך, תורה אַלץ, און וואָס ס'איז פאַרבונדן מיט תורה, איז ממילא דאָס העכסטע און בעסטע. אַלע אַנדערע זאַכן זענען דברים בטלים. דער גייסטיקער צענטער איז דער בית-מדרש, חדר, ישיבה און דאָרטן ווערט געפּירט דאָס, וואָס וועלטלעכע יידן רופן „קולטור-אַרבעט״.

אַנדערש איז מיט וועלטלעכע יידן. זייער קולטור-אַרבעט איז נישט אַזאַ מאַנאָליטישע און זי פאַרשפּרייט זיך אויף פאַרשידענע שטחים. אָבער היות זי איז נאָכן ערשטן וועלט-קריג געווען פאַרבונדן מיט די טעטיקייטן פון די יידישע פּאַרטייען, ווערט זי אויך געשילדערט אין די פּאַרטייאישע אַרבעטן פון די פּאַרטייען. אַ שטיקל אויסנאַם איז די לאָקאַלע יידישע טעאַטער-אַרבעט, וואָס איז נישט אַלע מאָל געווען פאַרבונדן מיט אַ באַשטימטער פּאַרטיי.

גלייך נאָכן ערשטן וועלט-קריג האָט זיך געשאַפן אין ליבעוונע אַ יידיש-דראַמאַטישע גרופּע. איר גרינדער און אָנפירער אין אָנהויב איז געווען הערשל חסיד. ער איז אויך געווען טיילווייז איר רעזשיסאָר.

די גרופּע האָט דורכגעפירט אַ ריי פאָרשטעלונגען, ווי „בר כוכבא״, „הערצעלע מיוחס״ (דורך ישראל העלפאַנט פון ראַקאָוויץ), „ישיבה-בחור״, „צעזייט און צעשפּרייט״ (רעזשיסירט דורך אברהמלע בלאָושטיין), „מירעלע אפרת״, „קרייצער סאָנאַטע״ און אַנדערע. שפּעטער האָט זיך די גרופּע אָרגאַניזירט פון דאָס ניי, איבערהויפּט דורך דעם „השומר הצעיר״, וואָס האָבן דורכגעפירט אַ סך פאָרשטעלונגען ווי „כל-נדרי״, „אַ מענטש זאָל מען זיין״, „חאַסיע די יתומה״, „דער דאָרפס-יונג״ א. אַז. וו., רעזשיסירט פון יעקב דרעקסלער און

שפּעטער מערער, דורך פּייוועלע דרעקסלער פון שכנות־דיקן כעלם.

צווישן די אַנטיילנעמער זענען דעמאָלט געווען הערשל חסיד, אברהם בלאַשטיין און כאַסיע פּאַמעראַנץ, וועלכע איז געווען די הויפּט־זינגערין אין דער פּיעסע „בר כוכבא״, רבקה רייז, טויבע רייז, חיימקע קאַגאַן, עלקע אייזנבערג, ניעמעץ, משה חסיד, רבקה דובעצקי, חומה פרידמאַן, אברהם זיגלמאַן און אַנד. און אבא גרימאַט־ליכט, וואָס איז געווען כמעט דער שטענדיקער סופלאַר פון דער טרופּע. שפּעטער זענען די אַנטיילנעמער גע־ווען: נחמה וויינער, גיטעלע וויינער, ב. וויינער, י. גרי־מאַטליכט, יהודית צוריף, ז. ליסטהויז, ישראל קראַמער, זלמן פישער.


די הכנסות פון די פאַרשטעלונגען פלעגן גיין אויף פאַרשידענע יידישע צוועקן אין שטעטל, סאָציאַלע און קולטורעלע.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן פלעגן אַנדערע אָרטיקע יידישע טעאַטער־אַמאַטאָרן דורכפירן פאַרשידענע פאַר־שטעלונגען אין שטעטל. אין מאַנאַטאַנעם לעבן פון שטעטל האָבן די פאַרשטעלונגען אַריינגעבראַכט אַ יום־טובדיקן טאָן און די אָרטיקע יידישע יוגנט און אויך סתם יידן פלעגן אָנפילן דעם טעאַטער־זאַל.

און כאָטש דאָס ווייטערדיקע האָט נישט צו טאָן מיט דער יידישער טעאַטער־אַרבעט אין שטעטל, האָט עס אָבער יאָ אַ שייכות מיט די ליבעוונער ליבהאָבער־אַקטיאָרן.

אין ליבעוונע האָט דעמאָלט זיך געשאַפן אויך אַ רייִן־אוקראַינישע דראַמאַטישע גרופּע. נאָך דעם ווי די עסטרייכער האָבן עוואַקואירט דאָס שטעטל, איז דער פירער פון אָט דער גרופּע געקומען צו הערשל חסיד און אים פאַרגעלייגט, אַז די יידן און אוקראַינער זאָלן אי־בערנעמען דאָס שטעטל און עס איבערגעבן דער אוק־ראַינישער אַרמיי, וואָס וועט אינגיכן קומען עס איבער־צונעמען.

הערשל חסיד איז נאָכן שמועס אַוועק צו מרדכי נאַטאַנזאָן זיך מיישב זיין וואָס צו טאָן. נאַטאַנזאָן האָט אים געעצהט, אַז ער זאָל זיך אָפּשאָקלען פון די אוקראַי־נער, אויב ער וויל נישט ברענגען קיין צרות אויף זיך און אויף אַלע יידן אין שטעטל. און הערשל האָט אַזוי געטאָן.



חברים פון דער ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „הכח״ ביי „ביתר״ אין יאָר 1930
מימין לשמאל: ש. קרויט, וו. רויזמן, ש. גרשנברג, מ. אייזנברג, פ. גולדבורטן, א. בריקמן, ל. צימרבוים, י. רייף
שורה שניה: ב. אייזנברג, ש. זילברברג, מ. ליפשיץ   שורה שלישית. א. פוקס, מ. זילברבלך, מ. קוסובר

ישראל גרמי (גרימטליכט)

במלחמה הראשונה ואחריה

מלחמת-העולם הראשונה שברה את מסגרת חיי ה-עיירה, ויסודותיה נזדעזעו. האוכלוסייה היהודית נתנסתה בפורענויות שונות, שבאו עליה נחשולים-נחשולים, וים של יסורים, סבל, אימות ופחדים היו מנת גורלה, החל מתקופת הכיבוש האוסטרו-גרמני, דרך המהפכה ברוסיה על כל תהפוכותיה, ועד מלחמת-הביניים בין רוסיה הסובייטית לבין פולין. מאורעות אלה השאירו את רישומם העמוק בלבו של כל אחד, הרסו וניפצו מוסכמות ואשליות, וכך הוכשרה הקרקע לתמורות במאוויי נפשם של הצעירים ושאיפותיהם ולחיפושי הדרך, שהתחילו בעקבותיהם.

✶

עד קיץ 1915 לא נשתנה כמעט סדר החיים בעיירה, והכל התנהל כמימים ימימה, כי החזית היתה רחוקה — בגליציה ועל-יד הקארפאטים ובתחומי פרוסיה המזרחית. אולם לאט-לאט התחילו להגיע לעיירה ידיעות על חורבנה של גליציה, על ההרס הרב ועל הפורענויות, שפקדו את יהדות גליציה עם כניסתם של הגייסות הרוסיים לשם. כן התחילו להעיב על פני העיירה יותר ויותר הגיוסים וקריאות המילואים לצבא, שפגעו במשפחות לא מעטות. תנועת הצבא, שעבר בעיירה בדרכו לחזיתות השונות, ברכבות וב-עגלות, גברה והלכה, ואתה גם מקרי ביזה ושוד על-ידי הקוזאקים, שפרצו לחנויות ולבתי המגורים של היהודים. כן התחילו לחטוף אנשים מהרחוב, לחפור חפירות ולהקים גדרי-תיל לא הרחק מהעיירה בצידה הדרומי, ליד הכפר ווישניווה. גם אני וחברי יצחק שניידר ז״ל התגנבנו אל בין המבוגרים, שנתפסו בשוק ונשלחו בעגלות למקום החפירות — שכרנו היה חצי רובל כסף ושל המבוגרים רובל שלם. עם תום מלאכת החפירות מדרום לעיירה, גוייס חלק גדול מתושבי העיירה לעבודות חפירות וגדרות תיל בקירבת היערות והביצות שעל-יד הכפר קורפיבניק, כ-25 — 30 ק״מ צפונית לעיירה. תנאי האיכסון והתזונה של עובדי הכפייה הללו היו קשים מאוד. זכורה לי יפה נסיעתי לשם עם בעל העגלה ברוך צ׳יז׳יס ז״ל, כדי להעביר לשם חבילות צרכי מזון, טליתות וסידורי תפילה. גם אבי ז״ל וכן הרבי שלי ר׳ הירש מקריטניצה היו בין המגוייסים הללו. בדרכנו לשם ובחזרה נתקלנו באלפי פליטים מהכפרים, שאליהם התקרבה החזית, והקוזאקים, ששוטטו בדרכים על סוסיהם, כיבדו אותנו בכל פעם בצליפות שוט.

הנסיגה הרוסית הגדולה

בסוף חודש יוני של קיץ 1915 התחילה הנסיגה ה-גדולה של צבאות רוסיה מגליציה וממערב פולין, והחזית התחילה להתקדם יותר ויותר מזרחה. מסביב לעיירה הוקמו בתי-חולים של שדה לקליטת הפצועים משדות הקרב. ימים ולילות זרמה תגבורת לחזית במסילת-הברזל ובדרכי העפר. ביחוד גברה תנועת הגייסות על כלי-הנשק הכב-דים — התותחים, שהיו רתומים לשלושה צמדי סוסים — בכביש, שהוביל לברסט-ליטובסק. מחנות צבא רבים התפרשו מסביב לעיירה, ובהם אימנו והכשירו ברגע ה-אחרון את צבא המילואים. משפחות של פליטים יהודים התחילו להגיע לעיירה. הדי רעמי התותחים התחילו להיש-מע בשעות הדומיה של הלילה, וכתמי שמיים אדומים מ-טילי אימה התחילו להיראות בכל פעם יותר ויותר — עדות ברורה, שהחזית מתקרבת לתחומי העיירה. השלטו-נות המקומיים התחילו לפנות את משרדיהם ויצאו עם משפחותיהם בכיוון מזרחה, ובעקבותיהם התחילה מנוסה ממש של הכפריים ושל תושבי העיירה האוקראינים. מספר משפחות יהודיות, שהיו נתונות להשפעת הפקידות הרוסית של העיירה ואשר דבק בהן שמץ של פאטריוטיות רוסית, ארזו גם הן חלק מחפציהן ויצאו מזרחה.

האווירה מסביב התחילה להיות דחוסה, ומועקה כבדה השתררה בכל. הנה מביאים בקרונות הסאניטאריים המיוח-דים את החיילים, קרבנות הגאזים המחניקים, שבהם השתמ-

שו הגרמנים, ואת אלה שנפצעו פצעים אנושים מכדורי דום־דום מרטשים. הנה מתרבים הקברים, בקבוצות ובפיזור, בשדות שמסביב לעיירה. הנה חיילים מותחים חוטי טלפון של שדה לאורך כמה רחובות. כמה ממכובדי העיירה הוזמנו למפקד העיירה, שאיים עליהם בכל מיני עונשים והטלת קנסות, אם יתברר, שמישהו מבני העיירה עוסק ב־ריגול לטובת האויב.

כעבור כמה ימים נתמעטה תנועת הגייסות ונדמו הדי רעמי התותחים. בעיירה ומסביב לה השתררה דומיה ו־ציפיה מתוחה לבאות. פלוגות חיילים אחרונות על נשקם ומטבחי השדה שלהם עברו את הרחוב שלנו ושרכו דרכם במפוזר צפון־מזרחה לכיוון יערות פולסיה, ומאחריהם — פרשים מחיל הקוזאקים, חיל המאסף. במשך יומיים דמתה העיירה לעיר־מתים ממש: התושבים הסתגרו בבתיהם, וברחובות כמעט שלא נראתה נפש חיה, רק בודדים הציצו מדי פעם בפעם מפתח ביתם או אף העזו לצאת עד לאמצע הרחוב. בערב לא העלו אור בבתים, והכל היה אפוף חשיכה



דוד פרוסמאן, בנה של גיטל פרוסמאן מרחוב בריסק 86, חייל בצבא של הצאר ניקולאי, במחנה השבויים הגרמני דיראץ בשנת 1918. מספרו 3997

א סאלדאט אין דער צארישער ארמיי, אין געפאנגענשאפט ביי די דייטשן אין יאר 1918

ודומיה. המתיחות גברה משעה לשעה, והכל חיכו בקוצר־רוח לשעה, שבה ייכנס חיל־החלוץ האוסטרי וימלא את החלל הריק, שנוצר עם נסיגתם של הרוסים. ביום השלישי אחרי פינוי העיר על־ידי הצבא הרוסי, ושעות אחדות לפני כניסתו של חיל החלוץ האוסטרי, התפרצו לעיר קבוצת קוזאקים יחד עם כפריים מהורודנה — הכפר שהיה ידוע לשימצה כקן של רוצחים — במטרה ליהנות ברגע האחרון משוד ומביזת רכוש יהודי. בעוד הללו עוסקים באיסוף השלל ממספר חנויות שבשוק ובנסיון להצית את ביתו של יעקב פלר, בפינת השוק מול בית החומה של משפחת אוקסמן — פתחו חיילים אוסטריים במבואותיה המערביים של העיר במטר יריות, שהניסו בבהלה את הקוזאקים ושותפיהם. כעבור שעתיים בערך נראו החיילים הראשונים מחיל החלוץ האוסטרי בלבושם הכחול.

זכרון השעות הללו חרות היטב בזכרוני בגלל המקרה הטראגי־קומי, שאירע לדודי ליפא גרימטליכט ז"ל. ומעשה שהיה כך היה: בעת מנוסת הקוזאקים ולשמע היריות הציץ דודי מפתח ביתו לראות את המתרחש בחוץ. באותו רגע כיוון קוזאק אחד, תוך כדי דהירה על סוסו, את רובהו לעבר דודי וירה בו. הכדור החטיא את המטרה כחוט השערה ונתקע בקורת הבית של משפחת סאמט, שישבה עם משפחתו תחת גג אחד. מרוב התרגשות התחיל דודי לצעוק כי נורה והוא הולך למות. דודי לא הסתפק בהכרזה זו בפני בני ביתו המבוהלים, אלא רץ ובא לביתנו, שלא היה רחוק מביתו, ופרץ פנימה בצעקה: „ירו בי, אני הולך למות". שעה ארוכה עברה, עד שעלה בידנו להוכיח לו ולשכנעו, כי לא נפגע בשום כדור.

תחת הכיבוש האוסטרי

לפנות ערב נהרו גייסות הצבא האוסטרי דרך רחובות העיירה בכיוון מזרחה, בעיקר חיל פרשים ורגלי רב. בני העיירה קיבלו את פניהם בשמחה מופגנת ועם רדת הלילה עמדו בפתחי הבתים עם מנורות דולקות בידיהם, כדי להאיר לחיילים את הדרך.

החזית התרחקה הרחק מזרחה, ועמה חלפה הסכנה לשלום העיירה ותושביה. האנשים נשמו לרווחה והסירו לפי שעה דאגה מלבם. המזון היה עדיין מצוי בשפע, ואנשים קיוו, שהנה עוד מעט תסתיים המלחמה על כל מוראותיה והחיים יחזרו למסלולם הרגיל. ברם, לא ארכו הימים ובא הקץ לאשליות. שלטונות הכיבוש החרימו תחילה את מלאי התבואה והקמח וצרכי מזון אחרים מהמחסנים ומהחנויות. אחר כך בא תור הבהמות — סוסים ופרות; אפילו את הפרה היחידה של משפחות מרובות־ילדים לקחו. לא אשכח לעולם את ליל הבלהות והחרדה, שעבר על העיירה כאשר עשרות ז'נדרמים וחיילים הקיפו לפתע את רחובות העיירה בזה אחר זה, ואחר־כך הלכו מחצר לחצר

והחרימו את הפרות. בקתות הרובים היכו ללא רחם אפילו נשים וילדים, שניסו להיאבק ולמנוע את גזל הפרה.

מיום ליום הכבידו שלטונות־הכיבוש את אכפם על התושבים: אנשים נחטפו ברחובות או שנלקחו מבתיהם לכל מיני עבודות־כפייה; גם נשים לא היו פטורות, ורבות מהן נלקחו לתלישת סרפד — שממנו הפיקו, כנראה, סיבים לתעשיית בדים — לשטיפת רצפות ולניקוי חדרי המגורים של פקידי הרשות וכו׳.

הנסיעה ברכבת או אפילו בעגלה מעיירה לעיירה, או מהן לכפרים שבנפות אחרות, היתה אסורה, אלא אם כן קיבלו רשיון מיוחד לכך. המחסור במזון הלך וגבר מיום ליום; הרעב, פשוטו כמשמעו, התחיל לפקוד בית אחר בית. המעטים שהשיגו עוד זמן־מה פת לחם או איפת קמח מקרובי משפחה, שהתגוררו בכפר — רוב הכפרים נתרוקנו מיושביהם, שנדדו מזרחה עם נסיגת הצבא הרוסי — גם עליהם לא פסח הרעב, שהקיף בקיץ 1916 את כל שיכבות האוכלוסיה ללא יוצא מהכלל כמעט.


מגיפת טיפוס

באותו קיץ פרצה מגיפת הטיפוס, ובד בבד עמה התפשטו גם החולירע והדיזנטריה, שעשו שמות באוכלוסיית העיירה. לא היה כמעט בית, שלא היה בו מת. התמותה היתה איומה, ואנשי חברה קדישא עמלו וטרחו ביום ובלילה להביא את חללי המגיפה הרבים למנוחת עולם. בחלקם הועברו לבית־העלמין מחמת הדחק בעגלות ונקברו מיד ללא סידורי לוויה כלשהם. המגיפה השתוללה במשך כל חודשי הקיץ של 1916 והגיעה לשיאה בחודשי אלול ותשרי. השלטונות לא הושיטו שום עזרה. בימים ההם לא היה בעיירה שום רופא, והחובש (פעלדשער) היחידי, מאטיק „רופא", שהיה משמש למעשה כרופא העיירה, נטש את העיר יחד עם הרוסים הנסוגים ונדד מזרחה. הפעולה ה־יחידה, שנקטו השלטונות לעצירת המגיפה, היתה סימון כל בית, שהיה שם חולה טיפוס או חולירע, מעין הטלת הסגר לסימן, שהבית והמתגוררים בו חייבים לעבור חיטוי.

באותם הימים הנוראים מרובי־הסבל והקרבנות התאר־גנו קבוצות מתושבי העיירה להושטת עזרה ראשונה ומהי־רה למוכי הגורל. בכל רחוב התארגנה קבוצה, שחבריה היו בתורנות יום ולילה, כדי לרוץ לכל בית, שבו חלה מישהו בחולירע; הם היו משפשפים את גוף החולה בספירט, מני־חים תחבושות לראשו ונשארים על־יד מיטתו בשעות הלילה — בלי להתחשב בסכנת ההידבקות.

„החופה השחורה"

מן הראוי להזכיר את „החופה השחורה", שהעמידו זקני העיירה בבית־העלמין בחודש אלול של אותו קיץ כסגולה לעצירת המגיפה. יתומה משותקת, שהתגוררה ב־בית קטן על־יד ביתו של הקברן שמואל וועלוול, נאותה



בית יעקב פלר בפינה הדרומית בכיכר השוק ומלון ציילנגולד בהמשך הרחוב

דאס הויז פון יעקב פלר און דרום־טייל פון מארק פלאץ און ציילינגולדס האטעל דער־עבן

והובאה בברית־הנישואין עם בחור יתום, קבצן אלמוני, שבא „להתארח״ בעיירה.

אנשי העיירה דמו אז לצללים בהליכתם האיטית ב־ראש מורכן, שחוחים תחת נטל היגון והשכול, שפקד כמעט כל בית. נשים בהמוניהן היו הולכות לבית־העלמין להשת־טח על קברותיהם של צדיקים וקרובי משפחה, לתנות את מרי יגונן ולהתפלל, שלא יינתק פתיל החיים של יקיריהן החולים ושתיעצר המגיפה. בקולות בכי מר קורעי־לבבות היו קבוצות נשים חוזרות על פתחי בתי־הכנסת להתפלל לפני ארון־הקודש הפתוח על „ישועת השם״, שלא תאחר לבוא, למען התינוקות, שלא יישארו יתומים.

מה מחריד ומזעזע היה המראה, כאשר בשעת התפילה בשבת או בחג היו מופיעות לפתע בפתח בית־הכנסת נשים בוכות ומיללות ומפלסות להן דרך בין עדת המתפללים אל ארון הקודש. התפילה היתה נפסקת, והנשים המקוננות היו פותחות את דלתות ארון־הקודש וקוראות בקול בכי מעורר חרדה כדברים הבאים: „ספרי תורה קדושים, בקשו רחמים מאת השם, שישלח רפואה שלמה לאם החולה הנא־בקת עם מר המוות; התפללו למען הגוזלים הרכים, שלא יישארו יתומים״. בצאתן מבית־הכנסת היו פונות שוב בקול תחנונים ובכי חרישי אל הקהל: „התפללו אתם, יהודים כשרים, למען חיי החולה, שלא תיעקר, חלילה, מחיי ה־משפחה״.

בעיות נקיון

שלטונות הכיבוש התחילו לפרסם אזהרות ופקודות חמורות בענייני נקיון, ועל כל עבירה קלה הטילו קנסות ועונשי מאסר. הוקמו צוותות של תברואנים מבין חיילי ה־מילואים המבוגרים, אשר שוטטו בלוויית שוטרים בכל הסימטאות והחצרות והשגיחו על שמירת הנקיון. אם נתפס מישהו בשפיכת עביט שופכין החוצה, או אם נמצאו גללי בהמה או אדם בתחום הבית וסביבתו — היה בעל הבית סופג במקום צליפות מגלב אחדות וגם נחבש ליום־יומיים בבית־הסוהר העירוני (כבית־סוהר שימש אגף הבית הקדמי של משפחת באריגבוים).

בעיירתנו כמעט שלא ידעו ולא נזקקו אז כלל ל„מוסד״, ששמו בית־שימוש, וכן לא הקפידו על הנקיון מסביב לבית. העניינים היו מסתדרים כמעט מאליהם ללא בעיות: נזקק אדם ל„קטנות״, היה פונה בכל מקום שהוא לקיר בניין, על פי רוב בסימטה צרה שבין בית לבית, עושה את מעשיו בניחותא וממשיך בדרכו. נזקק ל„גדולות״ — גם כאן היה פותר את הבעיה בקלות: אם בחצר שמאחורי הבית או במגרשים המיוחדים שנועדו לצורך זה מימים־ימימה: מאחורי השטיבל של חסידי קוצק על „גדות״ תעלת הביוב המרכזית שעברה שם; או במגרש רחב־הידיים, שבין ה־„תלמוד תורה״ לבין בית־הקברות הישן. לגבי המקומות המרכזיים שהזכרנו היה קיים מעין הסכם ג׳נטלמני בין שני המינים, שהאחד לא יסיג את גבולו של השני, וכל מין ידע יפה את „תחום המחייה״ שלו...

גם הבעיה של אשפת הבית לא הכבידה ביותר: בכל בית היה עביט־שופכין, שהיה קולט לתוכו את מי־הרחצה המשומשים, את מי שטיפת הכלים וכו׳. לתוכו היו זורקים גם את אשפת הבית לסוגיה, וכאשר הכלי היה מתמלא עד גדותיו, היו מרוקנים אותו לתוך תעלות הביוב הקטנות, שהתמשכו לאורך הרחובות משני הצדדים, ובמידה מסויימת גם במגרשים שמאחורי הבתים. הנוזלים, כרגיל, היו נספ־גים באדמה, והחומר המוצק היה בא כעבור שעה קלה בכרסיהם של החזירים — אלה ה„סאניטארים״ הטבעיים, ששרצו בהמוניהם בכל פינה ובכל סימטה ונהנו מכל הטוב הזה. ברם בימי המלחמה, מיום שנעלמו החזירים המיטיבים הללו, התחילו צרות הנקיון גוברות והולכות מיום ליום. אדם שנתפס ב„קטנות״ שילם קנס של רובל רוסי במטבע של כסף, וב„גדולות״ — 5 רובל במטבע של זהב. פעמיים ביום היו מטאטאים את הרחבה שלפני הבית וכן את כיברת הדרך, שנתמשכה לאורך הבית. האנשים היו נחרדים, כאשר ראו את הסאניטארים קרבים לרחוב; מבוהלים ונח־פזים היו יוצאים במטאטאים ובמגרפות ובכל מיני כלים אחרים לקרצף ולגרד את הלכלוך ואת מעט האשפה ש־נצטברה.

לרגל מגיפת הטיפוס היו עוצרים מדי פעם את העוב־רים והשבים ברחובות, בודקים את קיפולי בגדיהם ושערו־תיהם, ואם נמצאו בהם כניט, היו נלקחים בו במקום לבית־המרחץ העירוני; שם אילצום לפשוט את בגדיהם, כדי לעשות להם חיטוי רדיקאלי באדי קיטור, וכן היו מגלחים את שערות הראש, גם של נערות. לעתים די קרובות גילחו גם את הזקן, למרות המחאות והצעקות והתחנונים של הקרבנות. זכור לי יפה המקרה הטראגי־קומי, שאירע לשכ־ננו אלי משה פייגלס: לאחר שגילחו את זקנו, עטף את פניו במטפחת אדומה כדי לכסות על מערומי הזקן, ומבוייש ונכלם שרך את דרכו הביתה, כשבגדיו לחים וקמוטים מאדי הקיטור. בפתחו את דלת ביתו באה לקראתו אשתו פיניה והושיטה לו נדבה בחשבה אותו לעני החוזר על הפתחים. כעבור רגע פרצו שניהם בבכי רב.

הבחורים מן החוץ

בתחילת הקיץ של 1916 הגיעו לעיירה קבוצות אחדות של בחורים מסביבת לוצק, רובנה, רוז׳ישץ׳ ועוד. צעירים אלה היו בגיל הגיוס או שערקו מהצבא הרוסי, ומתוך חשש, שמא ייכבשו ישוביהם מחדש על־ידי הרוסים, התרח־קו ממקום הסכנה והשתכנו זמנית בעיירה שלנו. בחורים אלה היו ברובם בעלי השכלה תיכונית, והשפעתם על נוער העיירה התחילה להיות מורגשת מאוד. הבטנו עליהם

במין הערצה והיינו מקשיבים למוצא פיהם. רובם דיברו רוסית רהוטה ואחדים ידעו גם גרמנית. ביניהם היה גם צלם, שפתח „סטודיו" לצילום — דבר חדש בימים ההם בעיירה. חלק מהבחורים ניסו לעבוד בכל מיני עבודות, שנזדמנו לידיהם — בעיקר בחקלאות, שבה עסקו אז משפחות יהודיות לא מעטות בעיירה, ובראש וראשונה בגידול תפוחי־אדמה, בגלל המחסור והרעב של ימי המלחמה; אדמות נטושות היו למכביר, והרשות ניתנה לכל אחד לעבד שטח קרקע עד היכן שידו מגעת.

אולם חלק אחר מהבחורים הללו, ובראשם בנימין פארשטיי, התגייסו לשרת במיליציה האזרחית מטעם שלטונות העיירה. עד היום הזה מתקשה אני להבין, כיצד בחרו להם צעירים משכילים ובני טובים אלה לשמש מקל חובלים מטעם הרשות כלפי האוכלוסיה היהודית.

הקלה במצב

בקיץ של שנת 1917 הוקל במקצת המצב. לחץ השלטון על האוכלוסיה רפה, הנגישות והעונשין פחתו, מקצת התושבים הסתדרו איך שהוא ומצאו להם מקורות כלשהם לפרנסתם; ואם כי המחסור במצרכי המזון היסודיים היה עדיין חמור ואנשים רבים סבלו קשות מתת־תזונה, הרי לחלק ניכר מהם לפחות היו כבר אז די תפוחי־אדמה, תנובת חלקות השדה שעיבדו, וכן קצת ירקות לשבירת הרעב.

מתנובת השדות האלה נהנו גם החיילים האוסטרים הקשישים ועמם — עמיתיהם השבויים הרוסים, שעסקו בעורף בכל מיני שירותים, ביניהם טיפול וטרינרי בסוסים פצועים או זקנים. מתגנבים היו בלילות לחלקות תפוחי־האדמה, הגזר והסלק, וממלאים את כיסיהם ותרמיליהם. לא מעטים מהם היו חוזרים על פתחי היהודים בערבי שבתות, כדי לבקש פת לחם או קצת תפוחי־אדמה.

עזרה עצמית ופעולות תרבות

באותו קיץ התארגן והוקם ה„הילפס־פאראיין" — מוסד עממי להושטת עזרה לנצרכי העיירה (מטעם הג'וינט או הצלב האדום — לא אזכורה) — ובעקבותיו „המטבח העממי" (פאלקס־קיך), שבו הוגשה ארוחה חמה לכל דורש. חלק מהנזקקים יכלו לקחת עמם ארוחות חמות הביתה.

דריי רבנים האָבן באַדינט דאָס רעליגיעזע יידנטום אין שטעטל: הרב לייבוש לאַנדאַו (גערופן הענטשעלעס נאָך זיין מאַמען הענטשע), הרב פנחס אַסעלקאַ און הרב לייבל מלמד דיין.

דער שטאָטישער סטאַראָסטאַ האָט געפאָדערט מען זאָל אויסקלייבן איינעם פון די דריי רבנים אַלס אָפיציעלן שטאָטישן רב. דאָס מחלוקת איז געווען גרויס. די מתפללים פון קאָצקער „שטיבל" האָבן געוואָלט אַרויפזעצן אויפן כסא־הרבנות דעם אייניקל פון רב לייבוש — ר׳ אלתר. אַלע די וואָס האָבן געדאַוונט אין בית־המדרש האָבן געוואָלט זען ר׳ אַסעלקאַ אויף דעם הויכן אַמט פון שטאָט־רב, און די מתפללים פון טריסקער „שטיבל" האָבן געוואָלט זייער רב — ר׳ לייבל דיין זאָל אויסגעקליבן ווערן אַלס שטאָטישער רב.

עס זענען פאָרגעקומען וואַלן און ר׳ אלתר איז מיט דער הילף פון די שטאָטישע האַנטווערקער אויסגעקליבן געוואָרן אַלס שטאָטישער רב. מיר, די פאַרוואַלטונג פון

דער קהילה האָבן נישט געוואָלט מאַכן קיין אונטערשיד צווישן אונדזערע דריי רבנים, האָבן מיר זיי אַלע דריי געגעבן שכירות און פאַרטיילט זיי פּאַסטנס, איינער איז געווען דער מנהל פון חברה־קדישא און דער אַנדערער — דער מנהל פון דער שיל.

גרויסע חסידישע רביים פלעגן קומען צו זייערע חסידים אין שטעטל איינמאָל אַ יאָר. אַן אויסנאַם איז געווען דער ריזשינער רבי, וואָס האָט אונדז באַזוכט נאָר איין מאָל. מען האָט דעמאָלט געמאַכט פאַר אים אַ גרויסן קבלת פנים. פאַרן סטעפּעניער רבין האָבן זיינע חסידים געקויפט אַ הויז אין שטעטל, און ער האָט זיך באַזעצט מיט דער גאַנצער משפּחה.

ליבעוונע איז געווען אַ ציוניסטיש שטעטל, און אין אַלע וויכטיקע שטאָטישע אַנשטאַלטן האָבן די ציוניסטן געפירט אַ פאַרצווייגטע אַרבעט. אַנגעזעענע בעלי־בתים און ספּעציעל די יונגעלייט האָבן פיל אויפגעטאָן פאַר קרן־קיימת און קרן־היסוד — דער חלוצישער הכשרה־קיבוץ איז געווען געשטיצט דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין שטאָט, און דער טאָג פון עליה איז געווען אַ גרויסער יום־טוב פאַר דער שטאָטישער יוגנט.

די יוגנט איז געווען אָרגאַניזירט אין די קלובן, ווי „החלוץ", בית"ר, „השומר הצעיר", און האָבן געפירט אַ קולטור־דערציערישע אַרבעט.

אין ליבעוונע איז געווען אַ שולע פון „יבנה", וואָס די מזרחיסטן האָבן אָנגעפירט. ס'זענען געווען אויך ביי אַ 20 מלמדים, וואָס האָבן געלערנט אין חדרים.

אין 1939 האָבן די ציוניסטן געוואָלט בויען אַ "תרבות"־שולע. עס איז דאַן אַראָפּגעקומען דער ראַדזינער רבי, האָט פאַררופן יידן פון שטעטל אין דער גרויסער שול, ווו ער האָט געהאַלטן אַ שאַרפע דרשה קעגן די „יבנה"־ און "תרבות"־שולן. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס זענען שולן פון אפּיקורסים און מען טאָר נישט דערלאָזן דערצו. דער רבי איז איינגעשטאַנען ביי מיינעם אַ שכן, אברהם ליכטמאַכער. דער רבי האָט גערופן צו זיך אַלע מיטגלידער פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג און אונדז געוואָלט איבערצייגן, אַז מען טאָר נישט בויען די „יבנה"־שולע. זיין עצה איז אָבער נישט אָנגענומען געוואָרן. מען האָט אַריבערגעפירט די קהילה־ביורא פון דער תלמוד־תורה אין אַן אַנדער פּלאַץ און מען האָט באַשלאָסן צו בויען די "יבנה"־שולע. דאָס איז געווען אין 1939 און, פאַרשטייט זיך, אַז דער קריג האָט צעשטערט דעם גאַנצן פּלאַן.



תלמידי בית הספר „יבנה" בחגיגת חנוכה תר"ץ (1930)
קינדער פון „יבנה" שול ביי די חנוכה־פייערונגען אין תר"ץ (1930)

ד״ר א. אַמשציבאָווסקי

פיר יאָר אין ליבעוונע

איך אַליין שטאַם פון ווילקאָוויסק און ערשט די לעצטע פּאָר יאָר פאַרן צווייטן וועלט־קריג בין איך געקומען קיין ליבעוונע ווי אַ פּראַקטיצירנדיקער דאָקטאָר. אין די עטלעכע יאָר האָב איך זיך שטאַרק צוגעוווינט צו מיין נייעם אָרט און זיך באַפריינדעט מיט אַ סך פון אירע פירנדיקע יידן.

מיינע בעסטע גוטע פריינט זענען געווען הרב טווערסקי, ווי אויך זיין זון משהלע מיט זיין משפחה. הגם איך האָב געשטאַמט פון מתנגדים, זענען מיר געוואָרן גוט באַפריינדעט. מיר פלעגן דיסקוטירן מעניני דיומא זייער פריינטלעך, כאָטש יעדער פון אונדז האָט געהאַט, פאַרשטייט זיך, זיין אייגענעם בליק אויף זאַכן.

אין ליבעוונע איז געווען א ראש־ישיבה, אַ קלוגער ייד, וועלכער האָט נישט געגלויבט אין דאָקטוירים. ער פלעגט זאָגן: „אם ה׳ לא ישמור עיר, שוא שקדו שומריה״. איינמאָל אַ פרייטיק צונאַכט האָט ער מיך גערופן צו זיינעם אַ קינד, וואָס איז קראַנק געוואָרן אויף דיפטעריט. עס איז געווען פּיקוח נפש. יענעם שבת האָט דער ראש־ישיבה שוין יאָ געגלויבט אין דאָקטוירים...

ווי אַ דאָקטאָר האָב איך זיך נאָענט באַפריינדעט מיט דיביידע באַזיצערס פון די אַפּטייק־מאַגאַזינען, קאָפּעלזאָן און נאַטאַנזאָן. זייער אָפט פלעגט מיר אויסקומען צו פאַרברענגען מיטן אַדוואָקאַט כץ, שפּיזמאַן און דעם וועטערינאַר ד״ר לאַקס און אַנדערע.

די פּאָר יאָר אין שטעטל זענען גיך אַוועקגעלאָפן. עס האָבן זיך אָנגערוקט די מלחמה־וואָלקנס, און נאָך איידער די אמתע מלחמה איז געקומען קיין ליבעוונע, האָבן די סאָוויעטן פאַרנומען די גאַנצע געגנט. מיר האָט מען באַפוילן צו אָרגאַניזירן אַ פּאָליקליניק. אַרום 15 דאָקטוירים האָבן דאָרט געאַרבעט. אין פּאָליקליניק האָבן אויך געאַרבעט צוויי דענטיסטן. איינער פון זיי איז געווען מיין שוואָגער מאַרטין גלאַסמאַן.

די סאָוויעטישע מאַכט האָט מיר אויך געגעבן אַן אויפגאַבע צו שאַפן אַ פּראָווינץ־שפּיטאָל. איך האָב די אויפגאַבע דערפילט. אין יענעם שפּיטאָל האָב איך געאַרבעט קרוב צו צוויי יאָר, ביז די דייטשן זענען געקומען.

אין 1939—1940 האָט לובאָמל געהאַט אַ סך יידישע פּליטים פון פּוילן: די דוניעץ־פאַמיליע פון כעלם, ד״ר ליפּנאָווסקי פון לאָדזש, ד״ר ראָזענצווייג, טאַנענבוים פון אַ גלאָז־פאַבריק לעבן כעלם און אַנדערע. יעדער האָט זיך איינגעאָרדנט צייטווייליק. יעדער איינער האָט געוואָרט, אַז די מלחמה זאָל זיך ענדיקן און מען זאָל קאָנען צוריקפאָרן אַהיים.

אונטער דער סאָוויעטישער ממשלה אין ליבעוונע האָבן ס׳רוב מענטשן נישט געהאַט אויף חיונה. די מענטשן פלעגן אַרבעטן און קוים פאַרדינען אויף ברויט. מען האָט געלעבט אין דחקות און אָן אַ מאָרגן. די איינציקע האָפענונג איז געווען, אַז די מלחמה זאָל זיך ענדיקן און די רוסן זאָלן צוריקגיין. מיר האָבן זייער פיל געטראַכט וועגן ארץ־ישראל ווי אַן אומאָפּהענגיקע מלוכה. מיר האָבן גערעדט דערפון בחדרי־חדרים, ווייל דאָס האָט געהייסן קאָנטער־רעוואָלוציע.

ווי די רוסן האָבן אַריינגענומען אין צוואַנגען די באַפעלקערונג, וועט אילוסטרירן אַזאַ פאַקט: די ענקאַוועדע פלעגט אַריינבעמען אין אירע חדרים מענטשן, אָנשרעקן זיי אימת־מות און בייטן זיי, אַז זיי זאָלן שפּיאָנירן זייערע שכנים.

איך וויל נישט אָנרופן קיין נעמען, נאָר בכבודיקע מענטשן האָבן מיר דערציילט, אַז זיי האָבן דאָס געמוזט טאָן, אויב נישט וואָלט מען זיי פאַרשיקט קיין סיביר.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די סאָוויעטיש־דייטשע מלחמה און ס׳איז געוואָרן נאָענט די געפאַר, אַז די נאַ־

ציס זאָלן פאַרנעמען ליבעוונע, האָב איך, ד"ר גלאַסמאַן, ד"ר ליפּנאָווסקי, און נאָך עטלעכע זיך אַוועקגעלאָזט קיין קאָוועל צופוס, ווייל קיין באַן האָט מען שוין נישט געקאָנט קריגן. אין קאָוועל זענען מיר אַריין צום „וואָיענקאָמאַט", ער זאָל אונדז נעמען אין דער אַרמיי. דאָרטן האָט מען אונדז געענטפערט: „גייט אַהיים, מיר וועלן נאָך אייך שיקן, ווען מיר וועלן אייך דאַרפן".

נאָכן אָפּזיין אַ געוויסע צייט אין קאָוועל, אונטער די דייטשן, און שפּעטער אין טריסק, וווּ ד"ר ליפּנאָווסקי האָט מיר געהאָלפן, בין איך צוריקגעקומען קיין ליבעוונע, איך האָב זיך ווידער גענומען אַרגאַניזירן דעם יידישן שפּיטאָל. איך האָב געקראָגן אַ הויז און געמאַכט דאָרטן אַ קליניק, ווי אויך אַ שפּיטאָל. מעדיקאַמענטן פלעג איך אָפּקויפן ווו איך האָב נאָר געקאָנט. דער עיקר האָב איך זיך געסטאַרעט צו פאַרהיטן פון עפּידעמיעס. ווען איך האָב אויסגעפונען דעם ערשטן קראַנקן אויף פלעק־טיפוס, האָב איך אים גלייך איזאָלירט אין שפּיטאָל. מער פאַלן פון דער דאָזיקער קראַנקהייט זענען נישט געווען.

איך האָב אָפט גערעדט מיט קאָפּעלזאָנען, דעם פאַרזיצער פון יודנראַט, וועגן דעם, אַז מען זאָל אָרגאַניזירן גרופּעס, וואָס זאָלן אַרויס אין וואַלד. ער האָט אָבער באמת געגלויבט, אַז אויב מען וועט זיין געהאָרכזאַם צו די דייטשן, וועט מען איבערלעבן.

וועגן גיין אין וואַלד האָב איך אויך גערעדט מיטן אַדוואָקאַט זאַץ, וואָס איז געווען דער אָנפירער פון דער דייטש־באַשטימטער יידישער מיליץ אין געטאָ. זיין אידעע איז געווען, אַז מען זאָל זיך באַהאַלטן 1—2 טעג, ווען די שחיטה וועט קומען, און שפּעטער אַרויסגיין מיט געווער אין וואַלד און אָרגאַניזירן אַ גרופּע. איך האָב נישט געהאַלטן פון דעם. ווען איך האָב געזען, אַז קיין אַנדער וועג איז נישטאָ, האָב איך געמאַכט אַרישע דאָקומענטן פאַר מיר און מיין שוואָגער און מיר זענען אַנטלאָפן פון ליבעוונע.

יעקב העלפאַנד

זכרונות

פון די אַלע יום־טובים, וואָס פלעגן באַשיינען אונדזער שטעטל, איז שמחת־תורה געווען דער אויסערלעך קענטיקסטער. אַלע איבעריקע האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין די יידישע הייזער אָדער אין דער שיל, אָבער שמחת־תורה איז געפייערט געוואָרן אויך אויף די גאַסן, פאַר די אויגן פון די קריסטלעכע שכנים.

אין דעם טאָג, ווען אחינו בני ישראל האָבן זיך געפרייט מיט דער פילטויזנט־יאָריקער שמחה פון דער תורה, האָט מען אין די ליבעוונער שטיבלעך גענומען פון שיל ספר־תורהס און שפּעטער זיי מיט געזאַנג אָפּגעבראַכט צוריק. די חזנים אָדער סתם בעלי־תפילה פון די שטיבלעך פלעגן זינגען בעת אָט דער צערעמאָניע און דער גרויסער עולם פלעגט זיי אונטערהעלפן.

אַן ענלעכע דערשיינונג, ווען יידן האָבן געפּראַוועט זייער יום־טוב אין דער גאַס און נישט נאָר אין די שטיבלעך, איז געווען אין ראש־השנה — דאָס גיין צו „תשליך". אויך דעמאָלט איז אָפט געווען טומלדיק אַרום, אָבער דאָס פלעגט אָפט קומען גאָר פון אַן אַנדער זייט — פון די שקצים, וואָס פלעגן באַפאַלן די „תשליך"־יידן מיט שטיינער און נישט איינער איז פון זיי געטראָפן געוואָרן. אָבער נישט איינמאָל האָבן די יידן געענטפערט מיט אַזעלכע קנאַקעדיקע קלעפּ, אַז אַנדערע אָנפאַלער האָבן דאָס געהאָט צו געדענקען.

אויף צו ענטפערן מיט מכות אויף גוישע קלעפּ זענען ליבעוונער יידן בכלל נישט געווען אַזוי אָפּגעשטאַנען. עס האָט זיך אָממערסטן געטראָפן אין דער צייט פון די גוישע חגאות, פּאַסכאַ, ראָזדשעסטוואָ און סילוועסטער. אין שטעטל פלעגן אָנקומען פיל פּויערים פון דער נאָענטער אומגעגנט צו די תפילות (פּאַניכידעס, ווי זיי האָבן דאָס גערופן) און נישט איינמאָל האָט זיך זיי פאַרגלוסט מאַכן זיך פריילעך אויפן חשבון פון די יידישע איינוווינער פון שטעטל. שיכורע פּויערישע יונגען האָבן פאַרטשעפּעט דורכגייענדיקע יידן און אָנגעהויבן שלאָגן.

אויף די געוואַלד־געשרייען פון די יידן זענען זיך צונויפגעלאָפן די יידישע יוגנט, צווישן זיי עטלעכע בחורים פון די אַזוי גערופענע „דריי הונדערט" (אַ גרופּע שטעטישע יונגעלייט, וואָס האָבן גענומען אויף זיך די אויפגאַבע אָפּצוהיטן יידן פון כוליגאַנישע אָנפאַלן מצד דער גוישער באַפעלקערונג), צווישן זיי איציקל שד מיט זיין ברודער, שעיה גרימאַטליכט, שלמה־מאיר יונהס און אַנדערע, און מיט די דישלעס פון די פּויערישע וועגענער, מכבד געווען די צעווילדעוועטע פּויערים מכות־רצח, און זיי פאַריאָגט פון שטעטל.

מנחם רובינשטין

מהימים ההם

בזכרונות ילדותי תופס מקום מרכזי ה„חדר", שאליו הביאני אבי בהיותי בן חמש. הרבי הראשון שלי היה ר׳ נתן האמונעצר (הנדלסמן), שגר ליד בית־הכנסת הגדול. ממנו עברתי לר׳ משה שניאורס (פאווראזניק) ואחר כך לר׳ משה ואסעלעס (מלמד). כל אלה, ה„מלמדים", התגוררו בסימטה אחת, וכמדומני, שכל ילדי לובומל עברו דרך סימטה זאת. אחר־כך משהתקדמנו, התחלנו ללמוד ב„חדר" של „אברהם דער פוילישער", הוא ר׳ אברהם גולדהקר, שהיה יהודי מכובד ובעל מזג טוב, אך בתור „רבי" היה חביב רק עד יום חמישי בשבוע... כי ביום ה׳ היינו חוזרים על שיעור הגמרא, שלמדנו כל השבוע, ואז היה מחמיר ביותר בדרישותיו. אגב, שלושת בניו ברחו בזמן המלחמה לרוסיה, והם חיים היום בלנינגרד. הבכור שבהם, לייבל גולדהקר, שימש לפני המלחמה כמורה בבית־הספר העממי בעיר.

*

אי־אפשר לכתוב על לובומל ולא להזכיר את התנועה הציונית בה, אשר בתקופתי היתה חלק בלתי נפרד מהעיר. אני זוכר את בואו של השליח הארצישראלי לארגן את סניף ה„חלוץ". היה זה בשנות השלושים, והשליח היה אהרון ברדיצ׳בסקי מקיבוץ יגור. אני הייתי חבר „החלוץ



חברי „החלוץ הצעיר" בטיול ל"ג בעומר בשנת תרפ"ט (1929)
חברים פון „החלוץ הצעיר" אין א ל"ג בעומר אויספלוג אין יאר תרפ"ט (1929)

הצעיר" והמדריכים שלנו היו יצחק סאמט וברל וולבושעס (כיום, דב עברי). הם היו מנהלים אתנו שיחות בחורשה של קמפיוני, שהסתיימו לרוב בוויכוחים חמים. לייביש פרל היה מעין „פוליטרוק" שלנו. הפטרונים מטעם המפלגה היו מוטל פרוונר, לייזר פינקלשטיין ושמואל רויטר. עבודה בתור חוטבי עצים להסקה, ואז היינו אנחנו, בני העיר, באים לעזרתם ועוזרים להם בחטיבת העצים ובניסורם.

זוכר אני גם את היום הששי השחור בלובומל, כאשר נרצח אפרים גלבורד. היה זה בין השעות 8 — 9 בבוקר,



חברי הכשרת פלוגת קלוסובה בעבודת חטיבת עצים
די חברים פון קיבוץ קלוסובהביים האקן האלץ

אוירה מיוחדת בעיר השרה קיבוץ ההכשרה של חלוצים מחוץ לעיר. הקיבוץ היה משוכן ליד טחנת הקמח של גרימטליכט וחבריו התקיימו מעבודת כפיים. היות ולובומל לא היתה עיר תעשייתית, היינו צריכים לעמול הרבה כדי להשיג עבורם עבודה. אחדים מהחברים היו עובדים אצל חיים קרויט במנסרה. תפוקת העבודה שלהם היתה קטנה מזו של הפועלים האחרים, אבל חיים היה אומר: „מילא, התנועה הציונית עולה לי כך וכך כסף, יעלה עוד קצת". בעזרת הציונים המקומיים היו חברי ה„קיבוץ" מקבלים כשקבוצת חוליגנים אוקראינים שתויים התנפלו על בעלי דוכנים שמכרו פירות וירקות. הם התחילו להפוך את השולחנות ולפזר את מרכולתם, וכאשר אפרים רצה להגן עליהם, שלף אחד מהם סכין קפיצית ורצח אותו במקום. התחילה רדיפה דראמטית אחר הפורעים ואפשר להגיד שכל הנוער היהודי בעיר רדף אחריהם. הרוצח התחבא בעליית גג של אחד הבתים, אבל שמרנו מסביב עד שבאה המשטרה ולקחה אותו. ההלוויה של אפרים נערכה עוד באותו יום ואבל ירד על העיר.

דער אויפרייס אין גערא̇לניע

אַ גרויסן רושם אין שטעטל האָט איבערגעלאָזט דער אויפרייס פון אַ דאַמף־קעסל אין דער גערא̇לניע אין יאָר 1919 (כ״ב מנחם אב תרע״ט). דער ערשטער קרבן איז געווען ברוך טשעסנער, איינער פון די אַרבעטער אין דער געראַלניע און אַ נאָענטער קרוב פון משה רייזמאַנס פאַמיליע. דער אויפגעריסענער דאַמף־קעסל האָט אים מיטגעריסן און צעשמעטערט אויף שטיקלעך. דער צווייטער קרבן איז געווען ישראל „אורקע" (אַזוי איז געווען זיין צונאָמען), וואָס האָט זיך נאָך געמאַטערט און געראַנגלט מיטן טויט אַ פּאָר טעג. אברהם ליכטמאַכער, וואָס גאַנצע טיילן פון זיין קערפּער זענען געווען שווער אָפּגעבריט, איז באַלד געבראַכט געוואָרן אין אַ לובלינער שפּיטאָל און דאָרט איז ער געלעגן אַ פּאָר חדשים, ביז ער איז געזונט געוואָרן.

די לוויה פון ברוך טשעסנער איז געווען ברוב עם; די לינקע יוגנט — דעמאָלט אונטער דער השפּעה פון די כעלמער לינקע פּאַרטיי־טוער, וואָס האָבן אַגיטירט פאַרן „בונד" — האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט פון דער מאַסן־לוויה צו אַגיטירן פאַרן „קלאַסן־קאַמף". מען האָט געטראָגן פּלאַקאַטן און געהאַלטן פּראָטעסט־רעדעס קעגן דער עקספּלואַטאַציע פונעם אַרבעטער־קלאַס א.אַ.וו.

„ערע דעם געפאַלענעם אַרבעטער ברוך טשעס־נער" — דאָס איז געווען דער פּלאַקאַט־אויפשריפט ביי דער לוויה, אָבער אין אמתן איז דאָס געווען אַ לוויה פון אַן אייגענעם ייד, וואָס איז געהרגעט געוואָרן אין אַן אומגליק און דאָס גאַנצע שטעטל איז געקומען אים באַגלייטן אין זיין לעצטן וועג.



הלוויתו של ברוך צ׳סנר — קרבן התאונה במשרפת יין־שרף של שותפות רייזמן־קופלזון בחודש אב 1919

אפרים לערנער

יידן אין דאָרף סטאַווקע

ווען אפרים סטאַווקער האָט באַשלאָסן צו טאָן אַ שידוך מיט זיין טאָכטער חיה־טובה, איז ער אַוועק קיין ליבעווגע, זיך צוזאַמענגערעדט מיטן מלמד אברהם־משה מעשטשעכער און מען האָט געשלאָסן אַ שידוך. ביי די קינדער האָט מען זיך נישט באַדאַרפט אָנפרעגן, ווייל אין יענער צייט, מיט איבער הונדערט יאָר צוריק, האָבן טאַטע־מאַמע געהאָט די גאַנצע דעה, און ס׳איז אויך נישט געווען ווּעמען צו פרעגן, ווייל חתן־כלה זענען געווען קינדער פון 13—14 יאָר.

האָט די כלה, וואָס איז געווען מיין באָבע פון דער מאַמעס צד, מיר דערציילט, אַז כאָטש זיי האָבן זיך נישט געטאָרט זען ביז נאָך דער חופּה, האָט זי בגנבה געכאַפּט אַ קוק פון הינטערן שלייער און אַראָפּגעקוקט אויף איר חתן, איז איר געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרצן, ווייל ער איז געווען אַ קליין, דאַר ייִנגל פון זיצן און לערנען, און זי, די כלה, איז געווען אַ דאָרפישע שיינהייט, בלוט און מילך.

נאָך דער חתונה זענען זיי פאַרבליבן וווינען אין דאָרף. מיין זיידע האָט געאַרבעט ווי אַן אָנגעשטעלטער אין אַ מיל, און פלעגט אָפט קומען אין שטאָט אַריין.

אַ 12 ביז 15 ייִדישע פאַמיליעס זענען געווען אין סטאַווקע. צווישן זיי אונדזער משפחה און הערשעלס שמאיס מיט זיינע פיר משפחות. אייניקע משפחות האָבן זיך באַזעצט אין סטאַווקע אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. געווען אַפילו אַ לערער־מלמד, איציע סטאַווקע האָט מען אים גערופן. נאָך זיין טויט פלעגט מען אַראָפּברענגען לערער פון דער פרעמד.

איך געדענק מיין זיידן פון דער צייט, ווען ער איז געווען אַ פאַכטער. ער האָט אָפּגעדונגען ביים דאָרפישן פריץ זיין מאַיאָנטעק, דעם סאָד מיטן הויף און די פעלדער, און דערפאַר געצאָלט אַ יערלעכן אָפּצאָל. דער פריץ האָט זיך ס׳רוב געפונען אין פעטערבורג און פלעגט זייער זעלטן קומען אין דאָרף.

איך געדענק די חתונה פון דעם זיידנס ייִנגסטער טאָכטער, ריינצע, וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן ביים פריץ אין הויף.

מען האָט אַראָפּגעבראַכט די קאַפּעליע קלעזמער פון ליבעוונע מיט יעקב־הערש קלעזמער בראש. מיט זיי איז אויך געווען דער אַלטער פסח מיט דער ווייסער באָרד, וואָס האָט זייער האַרמאָניזירט מיטן שוואַרצן קלאַרנעט.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אַלע קינדער פון זיידן געוווינט אין דאָרף.

איך בין שוין געווען אַ דערוואַקסן בחורל. איך און מיינע שוועסטערקינדער פלעגן גיין אין דעם שכנותדיקן דאָרף אַוולאַטשים קויפן פיש.

איך געדענק עטלעכע נעמען פון די יידן אין יענעם דערפל: עובדיה דער קרומער, וואָס איז געווען ראש־הקהל, משה דער ראבער, אַ ווערטל־זאָגער, אַ שטיקל בדחן.

ר׳ עובדיה דער קרומער פלעגט איינאָרדענען ביי זיך אין שטוב שבת אַ מנין, ווי אויך צו די יום־טובים. ער אַליין האָט געדאַוונט פאַרן עמוד, און אַליין אויך געלייענט די תורה.

לאַדינע איז געווען נאָענט צו סטאַווקע אינגאַנצן צוויי קילאָמעטער, דאָרטן האָט געוווינט משה לאַדינער מיט זיין משפחה. זייער פרנסה האָבן זיי געצויגן פון אַ האָליניצע — אַ מיל, וואָס האָט פּראָדוצירט אייל פון געוויסע תבואות.

ימים־נוראים און סוכות פלעגן זיי דאַווענען מיט מיין זיידנס מנין.

אַ שוחט פלעגט צו אונדז קומען יעדן דאָנערשטיק פון דער דערבייאיקער שטאָט מאַציעוו. ער פלעגט גיין צופוס פון דאָרף צו דאָרף. מיך וווּנדערט היינט, ווו האָט דער ייד גענומען אַזויפיל כוחות צו גיין אַזויפיל צופוס און נאָך טראָגן אַ גאַנץ היפשן זאַק מיט די חלפים, מיט

אייניקע טיילן פון די קעלבער, וועלכע ער האָט באַקומען אַ צולאָג צום שחיטה־געלט.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה פלעגן די באַלעבאַטים אין סטאַווקע אַראָפּברענגען אַ יונגנמאַן, כדי צו לערנען מיט די דאָרפישע קינדער לייענען און שרייבן יידיש. צופעליק איז מיין זיידע איינמאָל דורכגעגאַנגען, האָט ער געהערט ווי דער לערער דערקלערט אונדז, אַז „ז״ל״ מיינט „זאָל לעבן״ — אָנשטאָט זכרונו לברכה. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט געמוזט אויף מאָרגן עוקר זיין פון דאָרף.

אויפן וועג פון ליבעוונע קיין סטאַווקע איז מען דורכגעגאַנגען די דערפער ווישניעווע, ראַדאַכאָוו, שמיקין, אַלעסק און סטאַוואָטשאַר. אין יעדן פון די דאָזיקע דערפער האָבן געוווינט עטלעכע יידישע פאַמיליעס, מיט די מיינסטע האָבן מיר זיך געקענט פערזענלעך און פלעגן זיך אָפּשטעלן צו כאַפּן אַ שמועס מיט זיי. אַזוי, למשל, ביי אשר ראַדאַכאָווער און זיין ליבער פרוי, ע״ה, זיי האָבן שטאַרק געהאַלטן פון דער מצווה פון הכנסת אורחים.

די יידישע יוגנטלעכע פון די אַרומיקע דערפער פלעגן צוזאַמען פאַרברענגען. איך און נאָך אַ פּאָר חברים האָבן מיר געגרינדעט אַ קליינע ביבליאָטעק. בלויז געציילטע פון די איניציאַטאָרן זענען לעבן געבליבן, געהאָלפן שאַפן די ביבליאָטעק האָט ברוך פינגערוט, איצט אין אַרגענטינע, און קלמן רויטענשטיין — ביידע פון אַוולאָטשים.

מיר פלעגן זיך אויך אָפּשטעלן אין סטאַוואָטשיק. דאָרטן האָט געוווינט אַן ערלעכער ייד מיטן נאָמען דוד מאָמיט, מיט זיין פרוי חנה און זייערע קינדער. צוויי טייערע מענטשן. אויך זיי פלעגן אויפנעמען אַ גאַסט בסבר פנים יפות. זייערע צוויי קינדער האָבן זיך געראַטעוועט קיין אַמעריקע. זיי האָבן מיר דערציילט מיט טרערן ווי זיי האָבן מיט זייערע אייגענע הענט געמוזט אויסגראָבן קברים פאַר זייערע עלטערן לעבן זייער שטוב, וווּ די רוצחים האָבן זיי דערשאָסן. הי״ד.

דאָס לעבן פון די יידן אין די דערפער איז געווען אַ שווערס. סטאַווקע איז נישט געווען אַן אויסנאָם. קודם — פרנסה. נישט געווען קיין סטאַבילע חיונה. דער דורכשניט האָט געלעבט פון סעדער, און אויפקויפן בהמות, עופות וכו׳, וואָס האָט אַריינגעבראַכט גאַנץ ווייניק, ספּעציעל ווינטער איז געגאַנגען שלעכט, אייניקע יידן האָבן אויך אונטערגעהונגערט.

טראָץ אַלעמען האָט פּולסירט אַ יידיש לעבן אין די דערפער אַרום ליבעוונע, האָרעפּאַשנע דאָרפס־יידן האָבן געפירט אַ טראַדיציאָנעל פרום־יידיש לעבן. האָבן מקיים געווען מצוות, אָפּגעהיט שבת און אויך געוווסט פון ושמחת בחגיך.

רחל לייכטער (ווייסמאַן)

אויטאָביאָגראַפיע פון אַ יידישער טאָכטער

אין דער גרויסער וועלט איז אָנגענומען, אַז זכרונות שרייבן לרוב באַוווסטע מענטשן, וועלכע דערציילן, צוזאַמען מיט זייערע אייגענע זכרונות, אויך וועגן דעם לעבן פון זייער דור, וועגן באַגעגענישן און שמועסן מיט אָנגעזעענע פּאָליטישע געזעלשאַפטלעכע טוער, א. אַז. וו. איבערהויפּט הויבט מען אָן שרייבן זכרונות דאַן, ווען מען קומט אין די יאָרן.

איך אָבער בין, לויט מיינע יאָרן, נאָך יונג און פאַרגלייך מיט זכרונות־שרייבער, איך האָב נישט אַזעלכע פאַרדינסטן, וואָס זאָלן ווערט זיין אַרויסצוגעבן זיי אויף פּאַפּיר פאַר דער עפנטלעכקייט. און דאָך ווילט זיך איבערלעבן מיין פּערזענלעך לעבן נאָך אַמאָל, אַריינדרינגען אין די לאַבירינטן פון מיין נישט לאַנג פאַרגאַנגענעם עבר און פּרווון אַנטדעקן די כוחות, וואָס זענען מיר בייגעשטאַנען אין אויסטראָגן און בייקומען אַלץ, וואָס איך האָב אויף מיינע שוואַכע פּלייצעס איבערגעטראָגן.

און אפשר, אפשר וועט אָט די באַשרייבונג מיינע טאַקע אויך פאַראינטערעסירן אָט די אַלע, וועלכע האָבן בלויז געהערט פון דעם גיהנום, אין וועלכן אַ יידישע טאָכטער האָט זיך געבראָטן און נישט פאַרברענט געוואָרן אינגאַנצן ?

געבוירן געוואָרן בין איך סוף 1918 אין וואָלין.

פּונקט ווי דאָס שטעטל האָט געהאַט אַן אָפיציעלן נאָמען (לובאָמל) באַזונדער און אַ יידישן נאָמען (ליבעוונע) באַזונדער — אַזוי האָבן אויך אונדזערע גאַסן געטראָגן נעמען, וואָס די מאַכט האָט זיי געגעבן, און אַזעלכע, וואָס יידן האָבן זיי גערופן. די גאַס, ווו מיר האָבן געוווינט האָט אַפילו געהאַט צוויי נעמען. די פּאָליאַקן האָבן זי גערופן : קאָלעיאָווע, ווייל די גאַס האָט געפירט צו דער באַן־סטאַנציע ; (יידן האָבן זי גערופן פּשוט : די באַן־גאַס) און אַנדערע האָבן זי אויך גערופן די גילדענע גאַס. פאַרוואָס עפּעס די גילדענע ? ווייל מיט אַ סך יאָרן צוריק, איידער די גאַס איז געווען ברוקירט,



רחל לייכטער ווייסמאַן ז״ל

איז זי געווען שרעקלעך פאַרגריבערט און פאַרבלאָטיקט, איבערהויפּט אין האַרבסט־צייט. אויף דעם חשבון פלעגט מען זיך וויצלען, ווען אַ פרעמדער פלעגט זיך באַקלאָגן : וואָס איז דער מער מיט דעם, אַזאַ בלאָטיקע גאַס — און איר רופט זי די „גאָלדענע״ — פלעגט מען אים ענטפערן : ווען איר וועט אַריינקומען אין די אַנדערע גאַסן, וועט איר נאָכדעם זיך אַליין איבערצייגן, אַז אָט די גאַס איז נאָך אַ גאָלד אַקעגן יענע !

מען פלעגט דערציילן, אַז אויף אונדזער גאַס, כמעט איבערן וועג, איז געווען אַ גרויסע דירה מיט אַ לאַנגן שטאַל. דאָרט האָט געוווינט אַ גאַנץ פיינער בעל־הבית, דעם נאָמען זיינעם איז מיר שווער זיך צו דערמאָנען, און אָט דער בעל־הבית האָט געהאַלטן די „פּאָסט״. די רעגירונג האָט אים געצאָלט אַ חודש־געהאַלט און ער האָט אויסגעהאַלטן די פערד, זיי געקאָרמעט און ספּע־

ציעל געהאַלטן אויף אַרויסצוראַטעווען פון די בלאָטעס די אַלע פּריצים, וואָס פלעגן מיט זייערע שיינע קאַטשן אַריינזינקען אין זיי. עס פאַרשטייט זיך, אַז אויסער זיין חודש־געהאַלט, פלעגט מען אים עקסטראַ פאַרגיטיקן יעדעס מאָל, ווען ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ „הראַביע" פון דער בלאָטע.

דערפאַר אָבער האָבן מיר פאַרמאָגט אַ שיינעם מאַרק, פון וועלכן אַ סך אַנדערע שטעטלעך וואָלטן זיך נישט אָפּגעזאָגט. דער מאַרק איז געווען אַרומגעבויט אַרום אַ גרויסן פירקאַנטיקן שטח. אַ טייל פון דעם האָבן פאַרנומען די געוועלבער, שיינע, הויכע, געמויערטע בנינים, מיט אַ שיינעם, רונדן געזימס צום פראָנט צו, געבויט אין זייער אַ שיינעם סטיל, ווייס אָפּגעשמירט.

די „געוועלבער" האָבן פאַרנומען בלויז איין ווינקל פון דעם פירקאַנטיקן מאַרק, און האָבן געגרענעצט מיט דער בריסקער־גאַס אין צפון־זייט און פון מערב־זייט מיט דער כעלמער־גאַס אָדער ווי אַנדערע פלעגן זי רופן „די רימאַטשער".

די גאַס איז געווען אַ לאַנגע, געדיכט פאַרבויט. ביים אָנהויב נעבן דעם מאַרק באַזעצט מיט געשעפטן פון שיך, גאַלאַנטעריע, כלים, עסנוואַרג און אַנדערע. אויך דער פיש־מאַרק האָט פאַרנומען זיין פלאַץ אין אַ זייט נעבן דער כעלמער־גאַס.

ווען די גאַס האָט זיך שוין געהאַלטן ביים ענדיקן, כמעט הינטער דער שטאָט, האָט זי איבערגעהאַקט אַ צווייטע גאַס, וועלכע סיי די גויים און סיי די יידן האָבן זי גערופן ביסעלאָווסקאַ. אין אָט דעם ווינקל פלעגן די יידן, וואָס האָבן געלעבט ביי דער ראַגאַטקע, שטיין אויפן וועג און ממש אָוועקקויפן ביי די פּויערים אַלץ, וואָס זיי האָבן אין שטאָט אַריינגעפירט, אָנהויבנדיק פון תבואה און אייער ביז אַ ביסל רויכוואַרג. ערשט נאָך די ראַגאַטקעס האָבן זיך אַוועקגעצויגן עטלעכע קלענערע הייזקעס, דאָס רוב קריסטלעכע, מיט קליינע גערטנדלעך און פּרוכט־ביימער אַרום זיי. דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט די גאַס און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פעלדער אַרום שטאָט.

רעכטס פון דער בריסקער גאַס איז ווייטער געווען אַ גאַנץ גרויסע ריי פון געוועלבער. די דאָזיקע קראָמען זענען געווען אַלטמאָדישע. אין פראָנט דאָס געוועלב און אין הינטערגרונט אַ לאַנגע גרויסע שטוב. אין אָט דער געגנט זענען אויך געווען שענקען, טראַפיקן (מאָנאָפּאָל) פון טאַבאַק, פּאַפּיראָסן. אָט די געוועלבלעך האָבן זיך געצויגן ביז צום ראָג פון דער פּוילישער גאַס. אויף אָט דער גאַס האָבן געוווינט צוממערסטן פּאָליאַקן. די פּוילישע גאַס האָט זיך געצויגן אַן ערך פון אַ צוויי קילאָמעטער.

כמעט די גאַנצע לענג פון דער רעכטער זייט גאַס האָט זיך געצויגן אַ סאַד, וואָס האָט געהערט צום שטאָט־פּריץ קאַמפּיאַני. ער האָט טאַקע אויך אַליין געוווינט דאָרטן. צו אים האָבן געהערט אַלע גרויסע, געמויערטע געוועלבן, פאַר וועלכע ער האָט יערלעך אָפּגענומען זיין אַרענדע־געלט. אייגנטלעך, האָבן די בעלי־בתים פון די געוועלבער זיי דורות־לאַנג באַזעצט, זיי איבערגעגעבן בירושה ווי נדנס פאַר קינדער און מען האָט אַפילו געקאָנט די חזקה אויף זיי פאַרקויפן — אָבער דעם פּריץ די אַרענדע האָט מען געמוזט צאָלן.

פון אַלע גאַסן האָט זיך מיר באַזונדערס איינגעקריצט אין זכרון גראָד די פּוילישע גאַס, ווייל דאָרט איז געווען די שולע — „שקאָלע", וווּ איך האָב אין מיינע יוגנט־יאָרן געלערנט. די גאַס איז בכלל געווען אַנדערש פון די שטאָטישע גאַסן. זי האָט געהאַט ווייניק הייזער, וואָס זענען נישט געווען אַזוי אַרויפגערוקט איינס אויפן צווייטן, ווי אין די אַרומיקע גאַסן. איין זייט האָט פאַרנומען דער אַזוי גערופענער „אָגעראָד" (גאָרטן), דער שטאָט־פּאַרק מיט זיינע גוטע באַרנעס און ווינטער־עפּל. פון דער צווייטער זייט זענען געשטאַנען אַ ריי נייע „זשאַנדאַרווע" (רעגירונגס־) הייזער, זייער גרויסע, אָפּגערוקט איינס פון צווייטן. דאָרט איז געווען די גמינע, דער פינאַנס־אַמט (אוזשאַנד סקאַרבאָווי), דער קאַטוילישער קאַשטציאָל, און פּראַוואָסלאַווער קלויסטער. נעבן יעדן הויז איז געווען אַ סך גרינס און בוימער, נישט ווי אין אונדזערע שטאָטישע גאַסן.

אין די שבתדיקע טעג, אָדער אַזוי אין אַ פרייען טאָג, איז דאָרט געווען דער הויפּט־שפּאַציר. די גאַנצע אַרומיקע געגנט מיט איר שמעקנדיקער לופט האָט אַרויסגערופן אַהין די יוגנט פון די שטיבער. אויך עלטערע מענטשן פלעגן נאָך דעם שבתדיקן טשאָלנט און דרימל זיך אַהין אַרויסכאַפּן און שפּאַצירן. די יוגנט האָט זיך אַפילו נישט געפוילט אַרויסצורוקן זיך אַ ביסל ווייטער פון שטאָט, אין דעם נאָענטן „באַרער־וועלדל". ווען אָט דאָס וועלדל וואָלט געקאָנט אַרויסגעבן די סודות פון די יונגע פאַרליבטע פּאָרלעך, וואָס פלעגן זיך דאָרט פאַרגנבענען און זיך אָפּגעבן מיט זייערע פאַנטאַזיעס וועגן אַ גליקלעכער צוקונפט נאָך דער חתונה, ווען מען וועט זיך נישט דאַרפן באַהאַלטן פאַר קיינעם און דערווייל אַלס אָנגאָבע אַריינכאַפּן אַ קוש!...

איך בין געבוירן געוואָרן אין דער „ריכטיקער" צייט. עס איז דאַן געווען נישט ווייט פון סוף ערשטן וועלט־קריג. דער קריג איז טאַקע געווען געענדיקט, אָבער

דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן אַנדערע צרות, מיט פּאַר־שידענע עפּידעמיעס. אין אונדזער גאַנצער געגנט האָט דאַן געבושעוועט אַן עפּידעמיע פון טיפוס, וואָס האָט דורכגעלאָזט גאַנץ ווייניק יידישע הייזער.

איך בין דעמאָלט אַלט געווען דריי פערטל יאָר. מיר האָבן דאַן געוווינט נעבן דער תלמוד־תורה, ביי משה יצחק דעם בעל־עגלה, אין זייער אַן ענג צימערל. ווי מיין פאָטער האָט מיר שפּעטער דערציילט, איז עס געווען אַ פרייטיק, ווען מיין מאַמע האָט פאַרראַסטשינעט (פאַר־זייערט) ברויט אין דער דייזשע, אַ קליינע דייזשע, די העלפט פון אַ קליין פעסל, מיט אַ דעקל. אין דעם מאָ־מענט איז אַריינגעלאָפן עמעצער צו מיין מאַמען מיט אַ געוואַלד, זי זאָל וואָס שנעלער אַריין צו מיין פאָטער ראַטעווען, ער פילט זיך זייער שלעכט. זי, נישט קוקנ־דיק אויף דער געפאַר, איז גלייך אַוועק צו אים, אים איינצורייבן מיט ספּירט. אין יענע צייטן איז געווען דאָס די איינציקע רפואה. מיין מאַמע האָט זיך גלייך אויפן אָרט אָנגעשטעקט פון דער קראַנקהייט און איז אין איין טאָג אויסגעגאַנגען.

נאָך אונדזער דאָזיקן גרויסן אומגליק האָט מיין פאָ־טער באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס קליינע תלמוד־תורה־געסל און דאָס גאַנצע שטעטל מיט די שרעקלעכע עפּי־דעמיעס, וואָס האָבן דאָרט געווילדעוועט צוליב דער ענג־שאַפט. זיין שוועסטער סאָסיע האָט געוווינט אין אַ דאָרף, דריי קילאָמעטער פון שטאָט, ווישניעוויע, מיט מער פרי־שער לופט, און נעבן יעדער שטוב איז פאַראַן אַ שטי־קעלע גאָרטן, גרינס און ביימער. זיין שוועסטער וועט טאָקע אויך קאָנען אַ ביסל מער אויפּפּאַסן אויף אונדז, די יונג־פאַריתומטע קינדערלעך.

עס איז געבליבן ווייניק צו טראַכטן. מיין פאָטער איז געווען אַזוי אויסגעשעפּט און איבערגעשראָקן, אַזוי ווי נאָך אַ שריפה. אַזאַ פלוצלינגדיקער חורבן. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אַנטלויפן פון שטאָט. ער האָט מורא געהאַט טאָמער בלייבט ער נאָך אַ טאָג נאָך דער מאַמעס טויט, וועט ער פאַרלירן די קינדער אויך.

איצט איז די פראַגע, ווי אַזוי פעקלט מען אַריבער די קינדער מיט דעם ביסל אָרעמקייט הינטערן שטאָט? אַ פור דינגען — איז נישט געווען צו קריגן, און ווען מען וואָלט יאָ געווען קריגן — איז נישט געווען צו באַצאָלן. איז מיין פאָטער געפאַלן אויף אַ פּלאַן.

כמעט ביי יעדן יידישן חתונה־געהאַטן פּאָרל האָט זיך אין יענע צייטן געפונען אַ קופערט. דאָס איז געווען אַ מין קאַסטן, פון קנאַפּע צוויי מעטער די לענג, פון פעסטע ברעטער, מיט אייזערנע רייפן אַרומגעשלאָגן, און אונטן, ביים דעק, מיט אַ סך שרויפן צוגעשרויפט אייזערנע שטאַבעס, פון איטלעכער זייט, ביי די ווענט, פון אייניקע צאָל די ברייט און גרעב. די שטאַבעס האָבן געדינט אַלס אַקסן, וואָס אויף זייערע ברעגעס זענען געווען אָנגעטאָן אייזערנע רעדלעך. אַלץ איז געווען געמאַכט פרימיטיוו, אָבער פעסט. די אויבער־שטע זייט פון קאַסטן־קופערט איז געמאַכט געוואָרן ווי אַ צודעק, אויך אַרומגעקאָוועט מיט אייזערנע שטאַבעס, וואָס האָבן געדינט סיי אויף צו עפענען דעם קופערט און סיי אויף צו האַלטן דעם צודעק אָפּן. די דעק איז געווען אַ ביסל רונדיק און דער גאַנצער קופערט גע־פאַרבט צום מערסטן אויף גרין. אין ביידע זייטן פון קופערט, צוקאָפּנס און צופוסנס, זענען געווען איינגע־שלאָסן צוויי אייזערנע הענטלעך, כדי מען זאָל קאָנען איבערפירן דעם קופערט פון איין פּלאַץ אויפן צווייטן. פאַרוואָס רוף איך עפּעס די זייטן צוקאָפּנס און צו־פוסנס? ווייל דער קופערט פלעגט אונדז אויך דינען פאַר אַ צווילינגבעט. ווען עס איז געקומען אַ גאַסט און עס איז נישט געווען ווו צו לייגן אים שלאָפן, איז דער קו־פערט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בעט. זומער־צייט זענען דאָרט געלעגן די ווינטער־מלבושים און ווינטער־צייט די זומערדיקע בגדים מיט דער וועש. כמעט די גאַנצע בעל־הביתישקייט האָט דער קופערט אין זיך אַריינגענומען. עס זענען געווען פאַמיליעס, וואָס האָבן אַריינגעלייגט אין אים אַפילו די שבתדיקע לייכ־טער, זילבערנע בעכערלעך, מיט לעפל־גאָפל, אָדער אַ קופערנעם שטויסל, אַ גרויסן שטויסל אָדער טאָץ. דער קופערט האָט אַלץ איינגעשלונגען. דאָס האָט מען געטאָן צוליב צוויי זאַכן: ערשטנס, האָט דער קופערט געהאַט אַ גוטן שלאָס און האָט געקאָנט אויסהיטן פאַר אַ גנב און צווייטנס, ווען די קופערנע זאַכן זענען געווען אין שטוב, אויבן אויף, נישט באַהאַלטן, האָבן די קינדער זיך געמאַכט עס פאַר אַ שפּילכל און מען האָט גע־האַלטן אין איין קלינגען אין זיי.

איז מיין פאָטערס פּלאַן טאַקע געווען אַריבערצופירן אין דאָרף אַריין דעם קופערט. ער האָט פון דעם קופערט געמאַכט אַ... וואָגן. ער האָט אַראָפּגענומען דעם שטאַרקן פאַסיק פון די הויזן, אים אַריינגעלאָזט אין איינעם פון די זייטיקע הענטלעך, און זיינע בעבעכעס מיט די פיר פיצלעך קינדער אויסגעזעצט אין אַלע 4 עקן פון קו־פערט, אויפן דעק, און היידאַ אין וועג אַריין. ער האָט אַליין זיך אַזוי איינגעשפּאַנט אין פאַסיק — און דער קופערט איז געפאָרן. דאָס דאָרף איז געווען נאָענט פון דער שטאָט. נעבן דער באַן־סטאַנציע האָט מען שוין אַרויסגעזען דאָס דאָרף ווישניעוויע. עס האָט זיך געצויגן ווי אַ לאַנגע גאַס, פון אפשר 2—3 קילאָמעטער די לענג. פון איין זייט האָט זיך דאָס געגרענעצט מיט אַ צווייטן

דאָרף, מאַשעווע, אין צווייטן עק האָט עס דערגרייכט ביז אַן אַנדער דערפל, קאָצערעס. עס האָט נישט גע־נומען לאַנג ביז מיר זענען אָנגעקומען אין דאָרף.

מיין מומע סאָסיע און דער פעטער געצל כינענזאָן האָבן געהאַט אַ גרויסע שטוב פון דריי גרויסע צימערן. ווען מיר זענען אָנגעקומען איז שוין געווען פאַרנאַכט. געווען אַ שיינע און הויכע דירה. אַן אויסנאַם פון די שכנישע פויערישע קליינע, נידעריקע כאַטקעס. די מומע סאָסיע האָט אונדז אַלעמען פיין און האַרציק אויפגע־נומען.

אויף מאָרגן פרי האָט שוין מיין פאַטער באַלד פאַר־נומען אַ צווייט שטיבל נעבן דער מומען. עס איז גע־שטאַנען ליידיק, ווייל אַ סך פויערים האָבן אין דער צייט פון קריג פאַרלאָזט זייערע הייזלעך און אַוועק קיין רוס־לאַנד. מען האָט דאָס שטיבל גוט אויסגעקאַלכט, אויס־גערייניקט, אַריינגעשטעלט נייע שויבן אין די פענצטער און געמאַכט עס גוט און פיין.

די פרישע לופט האָט אונדז אַלעמען מחיה געווען. די גרעסערע פון אונדז זענען אַרומגעלאָפן פראַנק און פריי איבער פעלדער און סעדער. דאָ אין דאָרף איז אַלץ געווען פרייער, אַפילו לויפן אין פרעמדע סעדער.

אָנקומענדיק אין דאָרף איז מיין אָרגאַניזם געווען אָפּגעשוואַכט, ווייל אין יענער נאָכמלחמהדיקער צייט איז נישט געווען מיט וואָס אים צו קרעפטיקן, מען האָט געדאַנקט גאָט, אַז מען האָט באַקומען אַ שטיקל טרוקן ברויט צו דער זעט. בין איך באַלד קראַנק געוואָרן, און מיין קראַנקהייט האָט זיך געצויגן אַ לענגערע צייט. מען האָט מיך בעיקר דערנערט מיט „גענילקעלעך", וואָס זע־נען געוואַקסן נישט ווייט פון אונדזער נייער שטוב. דאָס זענען געווען אַזעלכע קליינע באַרעלעך, זיי זענען פאַר־טיק געווען אין גאַר שפּעטן האַרבסט. זיי זענען געווען ווייך, צוגעפוילט און אַ ביסל זויערלעך.

אָט די באַרעלעך זענען געוואַקסן ווילד אין אונדזער געגנט און זייער אַ סך. קיינער האָט קיינעם נישט גע־שטערט צו קלויבן די אַראָפּגעפאַלענע צייטיקע באַ־רעלעך, אַפילו אויף די פעלדער זענען זיי געווען צע־שאָטן אין גאַנצע הויפנס. יעדער פויער האָט אויף זיין פעלד פאַרמאָגט אַזאַ בוים, וואָס האָט אויך געדינט ווי אַ גרענעץ אויף דער מעזשע (גרענעץ־סטעזשקע) צווישן זיין פעלד און דעם פעלד פון שכנים. די בוימער פלעגן זיך זייער הויך און ברייט צעוואַקסן, צעשיטנדיק די פרוכט איבערן גאַנצן אַרום.

מיט די גענילקעלעך איז אויך פאַרבונדן דער צונאָ־מען פון דער דאָרפישער יוגנט. אין וואָלין פלעגן אַלע יידן פון די דערפער קומען אויף די יום־טובים אין שטאָט אַריין. פון די ווייטערע ערטער האָבן די דאָרפישע יידן געבראַכט מיט זיך אין בעטגעוואַנט די געפרוירענע קינ־דער, פלעגן די שטאָטישע קינדער זיי נאָכלויפן און נאָכ־שרייען: „עס קומען שוין די גענילקעס", און טאַקע באַוואָרפן די דאָזיקע יידן מיט גענילקעס. דער דאָרפס־ייד פלעגט זיך דעמאָלט פילן זייער געטראָפן. גאָר אָפט פלעגן די ישובניקעס זיך באַמיען אַריינצוקומען אין שטאָט אַריין ביינאַכט, מען זאָל זיי נישט באַמערקן... ווען קינדער האָבן דערקענט, אַז אַ קינד איז פון אַ דאָרף, האָט מען דאָס אַרומגערינגלט און געשריגן: „גענילע"...

ווי לאַנג איך האָב געקרענקט, געדענק איך נישט. לויט מיין פאַטער האָט מיר אַמאָל איבערגעגעבן, האָט דאָס געדויערט אַ האַלב יאָר. קיינער האָט זיך פשוט נישט געריכט, אַז איך וועל ווען עס נישט איז פון דער קרענק אַרויס. אָבער ס'איז געשען אַ „נס": איך האָב זיך סוף־סוף אַרויסגעדרייט פון דער קרענק און אָנגע־הויבן צו קומען צו זיך און ווערן מיט אַלע קינדער צו־גלייך.

דערווייל איז אויסגעבראָכן דער פויליש־רוסישער קריג, די באָלשעוויקעס האָבן געוואָלט באַהערשן גאַנץ פוילן און זענען „געגאַנגען" קיין וואַרשע. ווי מאָדנע עס האָט ביי אונדז דאַן אויסגעזען די באָלשעוויסטישע „אַרמיי": אָפּגעריסן, באָרוועס, נאַקעט, און דאָס ביסל, וואָס זיי האָבן יאָ אויף זיך געטראָגן, זענען געווען פאַר־שידנאַרטיקע מלבושים.

דער ערשטער „אויפטו" פון די באָלשעוויקעס איז געווען דאָס צונויפזאַמלען די באַפעלקערונג אויפן מאַרק־פּלאַץ, אַוועקשטעלן אַ טיש און אויף אים אַרויפשטעלן אַן אַגיטאַטאָר, וועלכער האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן די „גליקן", וואָס עס דערוואַרטן די „חברים" פון דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט, אַז דער קאָפּ פלעגט זיך אָפט פאַרדרייען ביי דעם פשוטן המון, און זיי זענען געווען זיכער, אַז עס שטייט זיי שוין מאָרגן פאַר דער גן־עדן... אָבער אַרומקוקנדיק זיך נאָך עטלעכע טעג, אַז אַנשטאָט דעם גן־עדן ווערט זיי פון טאָג צו טאָג ער־גער, האָבן זיי ביסלעכוויז אָנגעהויבן זיך אויסניכטערן.

די יידן פון אונדזער געגנט האָבן געליטן פון פאַר־שידענע באַנדעס, און ספּעציעל פון די באַלאַכאָוווצעס, וואָס האָבן געמאָרדעט, גערויבט יידיש פאַרמעגן און געשענדעט פרויען. אַפילו די ערשטע טעג, ווען די מאַכט איז שוין אַריבער אין די פּוילישע הענט, האָט מען נאָך פאַגראָמירט יידישע געשעפטן. עס האָט קיין סך נישט געפעלט, אַז אַ באַנדע זאָל זיך אַריינרייסן אויך צו אונדז אין שטאָט אַריין, אָבער אַ פּאָר בעלי־בתים מיטן רב ר' פנחס אָסעלקאָ האָבן זיך געווענדט צום קסיאָנדז

יאַסטשעמבסקי און מיט זיין הילף איז אויסגעמיטן געוואָרן דער אָנפאַל.

די עלטסטע שוועסטער האָט זיך שוין אָנגעהויבן לערנען פאַר אַ נייטאָרין. דעמאָלט איז געווען אַזאַ מאָדע אַז יעדעס מיידל מוז זיך לערנען און קענען נייען. עס פאַרשטייט זיך, אַז פריער פון אַלץ האָט זי געדאַרפט קענען גוט דאַווענען און אָנשרייבן אַ יידיש בריוול, און אַ ביסל רוסיש האָט אויך נישט געשאַדט. מיין עלטסטע שוועסטער האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן צום לערנען. אַזוי ווי זי איז געווען פאַרנומען ביים לערנען און צוגרייטן די לעקציעס און אַ פּאָר שעה אין טאָג האָט זי זיך געלערנט נייען אויף אַ מאַשין — האָט מען שוין דעריבער אָנגעהויבן קוקן אויף מיר, אַ פיריעריק קינד, ווי אויף אַ דערוואַקסענער, און מיך אָנגעהויבן לערנען עפּעס טאָן אין שטוב.

מיט דער צייט האָב איך אָנגעהויבן אַלץ מער און מער איבערצונעמען די ווירטשאַפט. איך האָב שוין אַפילו פאַרווייסט דעם קוימען מיט ווייסן ליים און מיט אַ בערשטל פון היימישער פּראָדוקציע. אַזאַ בערשטל פלעגט מען אויספלעכטן פון ספּעציעלע ווייכע לאַנגע גראָזן, איבערגעבונדן אין דער מיט, און ביי דעם „איבערבונד" איבערגעבויגן און נאָכאַמאָל איבערבינדן אַ פיר־פינף מאָל ביי דעם עק, וואָס האָט געזאָלט דינען צום שמירן, און אָפּהאַקן די אויסשטאַרצונגען מיט אַ שאַרפער האַק — און עס איז אַרויס אַ גוטע שמיר־באַרשט. ווער עס האָט געוואָלט זיך מער אָפּגעבן ביים אויסענדיקן דאָס בערשטל, האָט די באַרשט אַריינגעזעצט אין קאָכעדיקן וואַסער, פון דעם האָט די באַרשט באַקומען אַ ווייכקייט און געוואָרן נאָך בעסער פאַר דער אַרבעט.

מיט דער צייט האָב איך באַמערקט, אַז איך בין דערווייל ווייט פאַרקראָכן מיט דעם אָפּגעבן זיך צו דער שטוב־אַרבעט. אַלע קינדער אין מיינע יאָרן שפּילן זיך אין גאַס, אין קלאַס, און איך מוז זיין צוגעבונדן אין שטוב מיט קאַרטאָפל שיילן, מיט קאָכן און רוימען און אַנדערע אַרבעטן. אַז איך פלעג זיך אַרויסכאַפּן שפּילן, פלעגט גלייך די שוועסטער מיך אַריינרופן צוריק אין שטוב. נישט איינמאָל פלעג איך פרעגן מיין עלטערע שוועסטער, פאַרוואָס אַלע קינדערלעך מעגן זיך יאָ שפּילן, קיינער רייסט זיי נישט איבער און רופט זיי נישט אין מיטן שפּילן אין שטוב אַריין, איז וואָס, מיינט איר, פלעגט זי מיר ענטפערן: זיי האָבן מאַמעס, טוט פאַר זיי די מאַמע די אַרבעט אין שטוב.

האָב איך אָנגעהויבן צושטיין צו מיין טאַטן, אַז ער זאָל אויך אַריינגעמען אין שטוב אַריין אַ מאַמען, אַזוי ווי אַלע קינדער האָבן. דאַן וועל איך אויך ווי די אַנדערע קינדער האָבן מער צייט זיך צו שפּילן, זיך אָפּגעבן מיט לערנען. אויך מיין טאַטנס שוועסטער איז באַשטאַנען דערויף.

אין אַ געוויסן טאָג האָט דער פאָטער טאַקע אַריינגעבראַכט אַ מאַמען אין שטוב אַריין און געזאָגט: נו, רחלע, אָט האָב איך דיר געבראַכט אַ מאַמע!... פאַר מיר איז דאָס געווען דאָס גרעסטע גליק. איך האָב אויפגעהערט צו טאָן אין שטוב די מינדסטע אַרבעט. אַ גאַנצן טאָג בין איך אַרומגעלאָפן מיט די קינדער אין דרויסן, שוין זיך אָפּגענומען פאַר דער גאַנצער צייט... איך האָב זיך געפילט ווי אַ פייגעלע, וואָס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון שטייגעלע. ווער איז צו מיר גלייך געווען? די עלטערע האָבן אָבער באַלד דערפילט, אַז דער טאַטע האָט אַריינגעבראַכט אין שטוב אַריין אַ שטיפמאַמע...

אַז זי איז טאַקע אַ שטיפמאַמע, האָט זיך גאָר גיך אַרויסגעוויזן. זי האָט אָנגעהויבן הערשן אין שטוב מיט אַ פעסטער האַנט, אָנגעהויבן שלאָגן די קינדער פאַר יעדער קלייניקייט. מיין טאַטע האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרטראָגן, און איין טאָג איז מיין „נייע" מאַמע פאַרשוווּנדן געוואָרן פון אונדזער שטוב. מיין קינדערשע קאַריערע האָט זיך שנעל געענדיקט און איך בין ווייטער צוגעבונדן געוואָרן צו דער שטוב.

די צייט האָט זיך גערוקט. איך בין געוואַקסן און זיך גוט אַנטוויקלט, און מיט מזל אויך אָנגעהויבן צו באַזוכן די שולע. עס האָט מיר שוין אויסגעפעלט צייט, ווייל די שטוב מיט דער גאַנצער ווירטשאַפט איז געלעגן אויף מיין קאָפּ און אין מיינע קליינע הענטלעך. איך האָב געדאַרפט צוגרייטן עסן פאַר דער גאַנצער משפחה, און האַלטן ריין די שטוב, און ס'איז נישט געווען גרינג צו לערנען.

קיין ביכלעך האָב איך נישט געהאַט, נאָר געדאַרפט באָרגן ביי באַקאַנטע, און פּאַפּיר צום שרייבן איז אויך געווען בצמצום. אין די גרויסע קעלטן האָב איך אויך געכאַפּט אַ גוטן ציטער, ווייל עס איז געווען אַ שיין שטיקל וועג פון אונדזער שטוב ביז דער שולע. נאָר מיט גרויסע אָנשטרענגונגען איז מיר דאָך געלונגען סיי אָפּצוטאָן די אַרבעט אין שטוב און סיי צוגרייטן די לעקציעס.

איך האָב זיך גוט געלערנט. מיין לערער טשיקאָוואָלסקי איז געווען אַ גוטער לערער און זיינע לעקציעס האָבן פאַראינטערעסירט די תלמידים. מיין ייִנגערער ברודער איז געווען דער בעסטער תלמיד. עס איז נישט געווען קיין זאַך, ער זאָל נישט קענען. ער האָט באַזונדערס זיך אויסגעצייכנט אין צייכענען. איינמאָל האָט דער לערער גערופן מיין טאַטן און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל זען אַוועקשיקן מיין ברודער, יצחקן, אין אַ גרעסערער שטאָט, אין אַ מאָלעריי־שולע ווייל, לויט זיין מיי־

נונג, האָט מיין ברודער זייער אַ גרויסן טאַלאַנט דערצו. דער לערער האָט אַפילו געזאָגט, אַז אין אַזאַ פאַל וועט די רעגירונג אַנטקעגנקומען מיט אַ סטיפּענדיע און ער וועט דאָס פאַרשלאָגן, אָבער מיין טאַטן האָט ער נישט געקאָנט איבערצייגן. ראשית, האָט ער זיך פּשוט נישט געקאָנט פאַרשטעלן, אַז זיינס אַ קינד וועט זיין ווייט פון אים. צווייטנס, ווער ווייסט ווו ער וועט אַריינפאַלן, אפשר נאָך, חלילה, צווישן גויים און ער וועט אַזוי אַרום פאַר־גויישט ווערן און וועט אינגאַנצן נישט וויסן, אַז ער שטאַמט פון יידן.

די צייט האָט זיך ווייטער געריקט פאָרויס. די לאַגע האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן פאַרבעסערן. אויף דער בקשה פון מיין שוועסטער האָט דער טאַטע אַריינגענומען אויף בוך־געלט אַ ניי־מאַשין, ווייל די שוועסטער האָט שוין גוט באַהערשט דעם פאַך פון שניידעריי. אַלע קריסט־לעכע שכנים האָבן אָנגעהויבן אַריינצוברענגען נייען קליידלעך, בלוזקעס, קינדערשע זאַכן. די שוועסטער האָט אַליין צוגעשניטן אַלץ און אויסגעפאַרטיקט. און אַלע האָבן געלויבט שמואל דודס „געראָטענע קינדער".

אין די שטעטלעך, ווען אַ קינד האָט אַרויסגעוויזן עפּעס אַ ביסל פעאיקייטן אָדער אַ גוטן ווילן זיך צו לערנען, האָט עס נאָך געקאָנט עפּעס דערגרייכן אין זיינע יונגע יאָרן. אָבער די קינדער, וועלכע האָבן קיין לוסט נישט געהאַט, האָבן זיי פאַרטאַכלעוועט זייערע בעסטע יאָרן. זיי זענען ס'רוב געבליבן אַנאַלפאַבעטן. זיי האָבן נישט געקענט נישט קיין יידישע לימודים און האָבן נישט געהאַט קיין וועלטלעכע בילדונג, אַפילו די „פּאָוו־שעכנע" האָט זעלטן ווער פון אַזוינע קינדער באַוויזן צו ענדיקן, האָבן זיי זיך טאַקע נעבעך זייער שלעכט גע־פילט, ווען זיי זענען געקומען אין אַ געזעלשאַפט. דאָס מיידל, וואָס האָט קיין „פּאָווּשעכנע" אָדער שפּעטער אַ "תרבות"־שולע נישט געענדיקט, האָט דאָס אויף אירע פּלייצעס שפּעטער דערפילט.

ביי אונדז אין דערפל זענען נישט געווען מער ווי פיר קלאַסן „פּאָווּשעכנע". האָב איך געבעטן מיין טאַטן, ער זאָל מיך איינאָרדענען אין ליבעוונע צו לערנען. צו מיין גרויסער איבעראַשונג האָט זיך דער טאַטע נישט געלאָזט לאַנג בעטן און מסכים געווען. נאָך אַ פּאָר יאָר האָב איך פאַרענדיקט די שולע אין ליבעוונע, און זיך צוריקגעקערט אַהיים אין דאָרף, געאַרבעט און פאַרדינט.

דער אויסברוך פון סאָוויעטיש־דייטשן קריג האָט פּלוצלינג אַלץ געענדערט. מיר זענען אַריינגעוואָרפן גע־וואָרן אין געטאָ אין ליבעוונע און מיין גאַנצע פאַמיליע איז פאַרניכטעט געוואָרן צוזאַמען מיטן געטאָ. איך האָב זיך צוויי יאָר אויסבאַהאַלטן אין די אַרומיקע וועלדער. נאָך דער באַפרייאונג בין איך אַוועק קיין רוסלאַנד, ווו כ'האָב אָפּגעפונען מיין יוגנט־חבר און חתן ישראל לייכ־טער. מיר האָבן געהייראַט און אין 1948 געקומען קיין ישראל.

מנחם ארליך

עיירתי זכורה לטוב

לובומל עיר מולדתי שמורה בזכרוני לטובה. עיירה קטנה היתה, הרים גבוהים לא סגרו עליה, נחל מים זכים לא חצה אותה, סתם עיירה קטנה היתה, שוכנת בשפלה רחבת־ידיים אשר בווהלין הגדולה. אך בה — נולדתי, בה גרו סבתא טובת הלב וסבא הקפדן, בה ינקתי לראשונה אהבת אם והרגשתי חיבת־אב, יחד עם מתנת ידו השלטת; בה התייסרתי לראשונה מאהבה נכזבת, בה בגרתי לראשונה; בה, בעיירתי הקטנה, כל מה שקרה לי קרה לראשונה, ובזכות כל אלה היא שמורה בזכרוני לטובה.

ברם, בה לא חייתי את חיי — בה לא הקמתי משפחה עם בחירת לבי ובה לא קראו ילדי לאמי סבתא ולאבי סבא.

על סף בגרותנו שלי ושל בני גילי, בני העיר הזאת, רצה הגורל האכזר למחות פינה שקטה זו מעל פני האדמה. על החיים התוססים שבתוכה, על אזרחיה וילדיה, על שאיפותיה ותקוותיה.

את העיירה אני זוכר נקיה, סלולה כבישים ומדרכות עץ, ולאחרונה גם מדרכות בטון. הכביש סלול היה באבני בזלת מרובעות ושיפוע הכביש היה מן הצדדים לאמצע, להטיית מי הגשמים. אני זוכר את הסוללים עם כריות על ברכיהם עושים עבודתם בחול הזהוב והנקי כש־פטישים מיוחדים בידיהם. צד אחד משלהם מורחב כאת ובו הם גורפים את החול ומיישרים מקום לאבן. את האבן היו מקפיצים ביד אחת עד שמצאו את הצד הנכון להניחה בכביש לדורי דורות.

סלילת כביש, כמו בניית בית בין שתים שלוש קומות, היה מאורע נדיר בעיירתנו, ואנו הזאטוטים שמחנו לקראתו ומבלים היינו את זמננו החפשי במקום המאורע, מתבוננים בנעשה ומתפלאים על תבונתם וכוחם של הבנאים והסוללים.

בפינה הדרום־מזרחית של כיכר השוק עמד בנין הקולנוע היחידי בעיר, אורותיו בקעו ממסגרת מרובעת התלויה על חזיתו בחוצפה ובזהירות מול חושך הכיכר. היה זה אור מסנוור וצורב את העין, מסעיר ולא משקיט. אליו נמשכנו כפרפרים אל אור החשמל בתקווה להסתננות קלה, לזכות בסינימה בלש, ואחרי שעה קלה של תקוות שוא היינו מתרחקים מאוכזבים מן האור הבוגדני, כל אחד לקראת ביתו באחד מארבעת הרחובות הראשיים, שהובילו מכיכר השוק.

איש סדר היה לדעתי מתכנן העיירה. לראשונה בנה כנראה את כיכר השוק עם רשת החנויות, הסוגרת עליה משלשה צדדים, ואילו מצד מזרח השאיר לתפארת את גבעת יגיללו והכנסיה הפרבוסלבית כשביניהם הבית של הרוקח הפולני. ממרכז הכיכר קבע בסרגל ארבע נקודות מוצא לכל ארבע רוחות השמים, והם הם הרחובות המר־כזיים של העיירה: רחוב הרכבת, רחוב חלם, רחוב קושנישץ׳, והרחוב הפולני. במרכז הכיכר ולצידי אותם רחובות, התיישבו ראשוני יהודיה, הקימו בתיהם, הביאו ילדים לעולם, ודור אחרי דור תרם חלקו לדמותה של עיירתי לובומל.

איש לא קבע גבול לרחוב היהודים. יתכן שתחום השבת היה לאמת מידה, אך עובדה היא שבנקודה מסוימת על הקו, שקבע המתכנן, נפסקו החיים היהודיים ומשם והלאה ישבו על אדמתם הגויים אזרחי העיירה. עובדה היא שהיהודים ישבו במרכזה של העיירה, והגויים סגרו עליהם עם בתיהם ושדותיהם כחגורה.

אני זוכר את תושבי העיירה מחולקים לשכבות ולמעמ־דות ללומדים ולצמאי דעת, לסוחרים ובעלי מלאכה, עשירים ועניים, אלמנות ויתומים, זוכי־גורל ומוכי־גורל, מוכרי דגים ובעלי־עגלות, שואבי־מים ומקבצי נדבות.

חיי העיירה התנהלו בהרמוניה מפתיעה של קבלת הדין מלמעלה, ללא טרוניה על עוול, על אי צדק, על פער כלכלי ואי־שוויון מוחלט בחלוקת הרכוש.

אנו הילדים ניהלנו את חיינו לפי גבולות „שלנו״, גבולות שלטון הנעורים, לפי כוח־הזרוע של נערים. אולם ההורים לא חילקו כלום, לא נלחמו, הם קיבלו את הדין

בלי לערער או להרהר, לפחות לא בקול. הם התווכחו על ענינים העומדים ברומו של עולם, על מלחמות ענקים, אך את מלחמתם הם, את מלחמתם הקטנה לקיומם, לא העלו על דל שפתותיהם. את מעמדם הכלכלי קיבלו כגזירה מן השמים, או שזקפו הכל על חשבון כשלונם האישי. לזכותם ייאמר: הם היו הגונים. מעמדו הכלכלי של אדם לא פגע במעמדו החברתי; יושרו ושכלו הם שהיוו כרטיס כניסה למעמד החברתי ועל כך זוכר אני אותם לטובה.

עוד זוכר אני את העיירה לפי בתי התפילה שלה. רובם „שטיבלעך" של חסידים, בית מדרש כולל אחד ובית הכנסת הגדול.


בתי התפילה היו כעין חוף מבטחים לרוב יהודי העיירה, בשעות בין הערביים, אחרי יום ארוך של עמידה בחנות וציפיה לאיכר שיסור העירה לקנות, היה היהודי בא לבית המדרש, מנער מעצמו את טרדות היום, מתעמק בסוגיה שבתלמוד או שומע שיעור ב„עין יעקב" ובדרך זו מסיח מלבו את זמני פרעון השטרות, שכר־לימוד שלא נפרע ודאגת נדוניה לבת שהגיעה לפרקה. פה בין כתלי ה„שטי־בל" ובית המדרש נקבעו הדרכים לעזרה הדדית, ל„מתן בסתר", לגמילות חסדים. לכאן באו לבקש מחסה העניים הנודדים, שהיו פוקדים את עיירתנו. כאן ראה כל אחד את עצמו על רקע של צרת רבים, והוקל לו. כאן נכנע הפרט על דאגותיו לנחשול הצרות של הכלל, ומעודד קמעא יצא לקראת יום המחרת.

ב„שטיבלעך" ובבית המדרש נקבעו גם המהלכים הבאים בפוליטיקה העולמית, זמני פריצת המלחמה הבאה וכו'. והכל בסימן השאלה הגורלית: „האם זה טוב ליהו־דים ?"

את העיירה קישרו עם העולם הגדול הדואר, הרכבת ובעל־העגלה. בדואר הגיעו מכתבים וחבילות, ברובם מאמ־ריקה, מבני המשפחה שחיפשו את מזלם במרחקים מעבר לאוקינוס. בדמיוננו, כולם „שם" היו מיליונרים, אכלו מעדני מלכים והתלבשו כנסיכים. החבילות שהגיעו למשפחה היו למאורע חשוב, ולחלוקת המתנות השונות בין בני המשפחה העניפה זקוקים היו לחכמת־שלמה. החבילות היו גם ל־מקור קנאה לשכנים ולאחרים שלא נתברכו בקרובים מעבר לים. מברק שהגיע, היה מודיע ברוב המקרים על אסון משפחתי ורק לעתים בישר על מאורע ציבורי חשוב.

הרכבת היתה נכנסת ביעף לתחנה שבקצה העיירה, כשהיא מפעילה את בלמיה בחריקה מחרשת אוזניים ועוצרת מול הכניסה לבנין עץ צבוע ירוק, ועליו שלט בשפה הפולנית: Luboml.

לרוב היתה פורקת מטענים לסוחרי העיירה ומחזירה נוסעים מועטים ממנה. בעונות מסוימות היו הסוחרים



מראה ככר השוק (החלק המזרחי)

דער מאַרק־פּלאַץ (מזרח־טייל).

משלחים רכבות־משא מלאות תבואה ובקר. לפעמים היה גם סוכן־נוסע פוקד את העיירה ומתאכסן במלונו של צייליגולד או בחדר מרוהט אצל קמינר — לפי ראות עיניו והערכתו של העגלון, שהביאו לעיירה.

רק בערבי חג וחול המועד היתה תנועה מוגברת ברכבת לעיירה וממנה. אברכי העיירה היו יוצאים לעיירות הסמוכות והרחוקות לחפש אחרי בת זוג, ובדומה להם פקדו את עיירתנו אברכים זרים רבים, שכן נתברכה העיירה ב־בנות יפות אם כי רובן היו מחוסרות נדוניה.

סתם „עמך" עשה דרכו בעגלות — בחגים אל הרבי לבקש ברכה לנפש דואבת, ובחופשות הקיץ אל דודים „עשירים" יותר, להתארח.

ברכבת זו עזבתי את העיירה לשרת בצבאה של מולדת חדשה. לא עלה על דעתי שזו הפעם האחרונה, שאני רואה את עיירתי ותושביה היהודיים.

*

על החורבות

היתה זו שעת חצות, כאשר קפצתי מרכבת המשא שהאיטה מהלכה מול התחנה שבעיירתנו. חמש שנים תמי־מות עברו מאז ראיתיה לאחרונה, בצאתי לשרת בצבא האדום, מלווה על־ידי בני משפחתי. הפעם עמדתי שוב על אותו הרציף — ואיש לא הקביל את פני.

לא לחופשת מולדת חזרתי, בתקווה לחיבוקים, נשיקות וטפיחה על שכם. לביקור בבית־קברות אחד גדול יצא־תי, להשתטח על קברה של עיר באתי, לאסוף אפרם של יקירי בני משפחתי; את שנות נעורי באתי לחפש, לחרות בזכרוני כל מה שהיה בה בעבר, לזכור את כל אלה, שהושמדו בעינויים על לא עוול בכפם, ושפתותיהם לוחשות את שמות יקיריהם. באתי לראות את עיירתי ההרוסה, להטביע את נשמתי באותו אגם של מכאוב ויסורים, בהם התייסרו יקירי וידידי בני העיר הזאת, ליטול את חלקי בצער הגדול, ובנפש דאובה לנדוד הרחק מעיר ההריגה.

גשם דק הקביל את פני באותו בוקר סתוי, שבו צעדתי יחידי באמצע הכביש ברחוב הרכבת בואכה העירה. השעה היתה תשע בבוקר, והעיר עיר רפאים. נפש חיה לא נראתה ברחובותיה. כלב לא חרץ לשונו מול חייל אלמוני, והחתול לא חצה את דרכו כ„סימן רע" — גם בעלי החיים נעלמו עם תושבי העיירה.

בהגיעי לבית־הקברות הישן, היתה העיירה שטוחה לפני כמגרש ריק; רק פה ושם נראה בית בודד, כאי במרחב ים. מפינה מרוחקת זו שעל יד בית־הקברות הישן ראיתי את טחנת הקמח של משפחת גרימטליכט, את בית הכנסת הגדול ההרוס למחצה, את חנויות כיכר השוק ואת ביתו של הרוקח הפולני.

שקט שרר בשעת בוקר זו בעיירתי, שבה המו בעבר חיים תוססים מזריחת השמש ועד שקיעתה. רק נקישת הגשם על תרמילי, וקול צעדי על הכביש, מהדהדים בחלל הריק של עיירתי החריבה.

נעצרתי בכיכר השוק, בבנייני האבן של חנויות הבדים, הכלים, ההלבשה, המכולת והסידקית פערו מולי את לועיהם השחורים והמפוייחים, זכר לחלונות ולדלתות עץ ולמדפים עמוסים כל טוב לכל דורש.

פניתי לעבר רחוב חלם, ופה נתקלתי בסימן חיים לראשונה באותו בוקר גשום: הוא דידה על קביו אל מולי מכיוון הכביש הישן, יותר נכון קפץ לעברי על קביו, כאילו רצה לצמצם את נתיב היסורים של צעדה ברחוב שומם בעיר רפאים. שנינו, הנכים בגוף ובנפש, נעצרנו במרחק מה, וסקרנו איש את רעהו כתמהים לפגישה זאת על קבר־האחים הגדול. פתאום הרגשנו שאחים לגורל אנחנו, זירזנו פעמינו בכל כוח שרירינו המאובנים ונפלנו דוממים זה בזרועות זה.

מן ההווי

פון טאג־טעגלעכן לעבן

בנימין ראָזענצווייג

ווען דאס לעבן האט פולסירט

אין דער צייט פון צווישן די ביידע וועלט־מלחמות האָט אין די הונדערטער שטעטלעך פון אומאָפּהענגיקן פּוילן פּולסירט אַ גאַר דינאַמיש יידיש לעבן. נישט געקוקט אויף די עקאָנאָמישע צרות פון די יידישע מאַסן אין פּוילן און די פאַרשידענע אַנטיסעמיטישע שיקאַנעס, סיי פון דער רעגירונג, סיי פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג — זענען די יידן געווען אַקטיוו און טעטיק אויף די פאַרשידנסטע שטחים פון יידישן לעבן.

אויך אונדזער קליין ליבעווונע איז נישט געווען קיין אויסנאַם, און כאָטש זי האָט זיך נישט געקאָנט פאַרגלייכן, פאַרשטייט זיך, מיט די פילזייטיקע יידיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן פון אַזעלכע אַרומיקע יידישע צענטערן ווי ראָוונע, קאָוועל אָדער כעלם — איז אויך זי מיט אירע יידישע איינוווינער, ספּעציעל די יוגנט, געווען אַקטיוו אויף פאַרשידענע געביטן פון אַרטיקן יידישן לעבן, וואָס האָט זיך באַזונדערס אָפּגעשפּיגלט אין דער אַרבעט אַרום אינסטיטוציעס, אָרגאַניזאַציעס און פאַרטייען.

איינער פון די צענטראַלסטע אַנשטאַלטן אין ליבעווונע איז געווען די קהילה (יידישע גמינע). די קהילה, צוזאַמען מיטן מאַגיסטראַט, האָט עקאָנאָמיש און סאָציאַל זיך שטאַרק אויסגעווירקט אויפן יידישן קיבוץ אין ליבעווונע. ס'איז דערפאַר נישט קיין ווונדער, וואָס דער אינטערעס צו דער טעטיקייט פון דער קהילה איז תמיד געווען גרויס און וואָס אַרום איר האָט זיך שטענדיק געפירט אַ קאַמף צווישן די פאַרשידענע שיכטן פון די ליבעווונער יידן. דער קאַמף אַרום דער קהילה איז נישט געווען בלויז וועגן עקאָנאָמישע אינטערעסן. די קהילה האָט געהאַט צו טאָן אויך מיט פּראָבלעמען פון יידיש־אַרטיקן און אַלגעמיין־יידישן כאַראַקטער, דערפאַר האָבן אויך די פאַרשידענע פאַרטייען אין ליבעווונע זיך געריסן צו האָבן אין איר אַ וואָס שטאַרקערע פּאָזיציע.

ווען עס פלעגט קומען צו וואַלן צו דער קהילה, פלעגט ווערן היימלעך אין שטעטל. אַסיפות אין בית־מדרש און אין די „שטיבלעך", זאַמלונגען אויף די גאַסן, שמועסן און קריגערייען אין פּריוואַטע הייזער. די אסיפות פלעגן זיין גוט אָנגעהיצט, און נישט איינמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז זיי פלעגן איבערגעריסן ווערן אין מיטן אָדער בכלל נישט אָפּגיין אַזוי גלאַטיק. עס זענען געווען לעבעדיקע אינטערעסן, פאַר וועלכע מען האָט זיך געשלאָגן. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז די קהילה האָט אויך געהאַט רעכט אַרויפצולייגן שטייערן פאַר די צילן, וואָס די רעגירונג האָט זי באַפולמעכטיקט צו זאָרגן פאַר זיי.

די קהילה אין ליבעווונע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1923—24 אַן ערך. אַלע פיר יאָר פלעגן פאָרקומען וואַלן, אַרום 1926—30 איז דער קהילה־פאָרזיצער געווען משה רייזמאַן, דער סעקרעטאַר — שמעון שאַר, געוועזענער קאַזיאָנער ראַבינער, און זיין פאַרטרעטער משה ליפשיץ. דאָזאַרעס זענען דעמאָלט געווען: קלמן קאַפּעלזאָן, מאַנעס גרינבערג, הערשל ליפשיץ, יצחק־שלמה סורטשוק, משה ספרד, מאיר לאַנדגייער און שעפסעל ראַבינאָוויטש.

אין 1935 איז דער פאָרזיצער פון דער קהילה געווען

מאיר־יצחק ווייצפרוכט, וואָס איז אויך געווען דער יושב־ראש פון ליבעוונער „מזרחי״, און דער סעקרעטאַר — משה ליפשיץ. אין דער פאַרוואַלטונג זענען נאָך אַריין און געווען אין איר ביז 1939: ישראל מעקלער, הערשל ליפשיץ, יהושע גרימאַטליכט, מנשה קויפמאַן, אהרן רוס־מאַן, יצחק דובעצקי, יאַנקל פערעצזאָן.

אין 1939, דעם יאָר פון קריגס־אויסברוך, זענען פאָרגעקומען נייע וואַלן צו דער קהילה. אין דער נייער קהילה איז געווען פאַרזיצער אשר טענענבוים און אַלס דאַזאַרעס: אברהם גרימאַטליכט, יאַנקל פערעצזאָן, אברהם ליכטמאַכער, מאָטל קרייזער, וועלוול שיינוואַלד, נחום שטערן, יאָסל בערגער.

דער עקאָנאָמישער לעבנס־נערוו פון שטעטל איז געווען דער מאַגיסטראַט. אין די ערשטע וואַלן, וואָס זענען פאָרגעקומען אַנהויב די צוואַנציקער יאָרן, זענען אַלע אויסגעקליבענע ראַטמענער, 12 אין צאָל, געווען יידן. זיי איז אויך געקומען, פאַרשטייט זיך, דער אַמט פון בירגערמייסטער. די פּאָליאַקן איז נישט געפעלן געוואָרן דער גאַנצער עסק און זיי האָבן אויסגעזוכט פאַרשידענע תירוצים צו פסלען די וואַלן. היות זיי האָבן געהאַט אַ שטאַרקן „צד אין טיש״, האָבן זיי, נאַטירלעך, אויך אויסגעפירט.

לויטן נייעם פּלאַן איז דאָס שטעטל איינגעטיילט געוואָרן אין ראַיאָנען, צו זיי האָט מען צוגעטשעפּעט אַ סך דערפלעך אַרום, און אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, אַז די שטאַטישע מערהייט פון די יידן איז געוואָרן אַ מינדערהייט לגבי די איינוווינער פון די ניי־צוגעגעבענע דאָרפישע ישובים. אויף אַזאַ אופן איז די צאָל יידישע



הענקת אזרחות כבוד למושל המחוז מטעם הנהלת העיריה
צוטיילונג פון שטאָט־בירגערשאַפט דעם סטאַראָסטא פון ליבעוונער פּאָוויאַט
שורה שניה ראשון מימין (יושב): **סגן ראש העיר היהודי יעקב שטרן.**


ראַטמענער אין ערשטן ליבעוונער מאַגיסטראַט רעדוצירט געוואָרן פון צוועלף אויף אַכט און נאָכהער פיר — די לייטונג פון מאַגיסטראַט איז באַשטאַנען פון אַ בירגער־מייסטער אַ פּאָליאַק, וויצע־בירגערמייסטער אַן אוקראַי־נער און אַ לאַווניק אַ ייד — יאַנקל שטערן. אין די לעצ־טע יאָרן פאַר דעם קריג איז יאַנקל שטערן געווען פאַר־טרעטער פון שטאָט־בירגערמייסטער. פון די ראַטמענער געדענק איך (אין פאַרשידענע צייטן): משה קלערער (רעוויזיאָניסטן), מאָטל פּריוונער (פּועלי־ציון), יצחק האַנדלסמאַן (האַנטווערקער), שעיה שיינטאָפּ (בונדיסטן), שמעון שור, משה אסתרזאָן, אשר רוסמאַן, זשעניע אַפּעלדמאַן.

ווי אין אַנדערע שטעטלעך פון פּוילן, האָבן די פּאָ־ליאַקן אויך אין ליבעוונע אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע צו פאַרשענערן דעם אויסזען פון שטעטל. דאָס איז געווען אַ קאַמפּאַניע מיט אַ שיינעם נאָמען, אָבער איר אמתער ציל איז געווען דורך אַ הינטערוועג אָפּצושוואַכן די עקאָ־נאָמישע פּאָזיציע פון די יידן אין פּוילן.

אונטערן נאָמען פון פאַרשענערן דאָס שטעטל און אין נאָמען פון סאַניטאַרע מאָטיוון האָט זיך אין מאַ־גיסטראַט אָנגעהויבן דער קאַמף אַרום דעם פּלאַן פון אַריבערפירן דעם מאַרק־פּלאַץ אויסערן שטאָט.

דער מאַרק־פּלאַץ אין ליבעוונע, ווי אין אַ ריי אַנדערע שטעטלעך, איז, אייגנטלעך, געווען דער וויכטיקסטער חיונה־מקור פון דעם גרעסטן טייל יידישער באַפעלקע־רונג. אַרויספירן דעם מאַרק־פּלאַץ פון צענטער שטעטל וואָלט געווען פשוט אַן עקאָנאָמישער טויט־קלאַפּ פאַר די ליבעוונער יידן. זיי האָבן דעריבער געשטעלט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד דעם נייעם פּלאַן און נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען איז זיי געלונגען צו פּועלן, אַז דער מאַרק־פּלאַץ זאָל בלייבן אויפן אָרט. דאָס איינציקע, וואָס דער מאַגיסטראַט האָט יאָ באַשלאָסן, איז געווען וועגן אַרויספירן דעם פערד־מאַרק הינטערן שטאָט, אָבער דאָס איז שוין נישט געווען קיין סכנה פאַר דער יידישער שטעטלשער עקאָנאָמיק.

אַ קאַמף האָט זיך אויך געפירט אַרום דעם מאַגיסט־ראַט־פּלאַן אַרויסצונעמען די באָד, וואָס האָט זיך געפונען אין מיטן שטעטל. די מאָטיווירונג איז געווען סיי מיט היגיענע, סיי מיט דער סכנה פון אַ שריפה.ליידער קאָנען מיר נישט זאָגן, אַז די פּאָליאַקן זענען געווען אינגאַנצן אומגערעכט אין דעם דאָזיקן פאַל. די יידן האָבן סוף־סוף עס אָנערקענט און זעענדיק פאָרויס, אַז אין דעם ענין וועלן זיי ממילא פאַרשפּילן, האָבן זיי גע־האַט אַ גרויסן פּלאַן פון אויפבויען אַ נייעם מאָדערנעם מרחץ אויף אַן אַנדער אָרט. די נייע באָד מיט אַלע אירע



חברי מועצת העיריה

חברים פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג

ש. רויטער, א. לקס, מ. פוקס, מרטין אלפורוביץ וי. שור

איינריכטונגען האָט לויטן פּלאַן געדאַרפט קאָסטן אַרום 40.000 זלאָטעס — אָבער אין גיכן האָט זיך אונטערגע־רוקט דער פּויליש־דייטשער קריזיס און פון אַלע פּלע־נער איז גאָרנישט געוואָרן.

גאַנצע זעכצן בתי מדרשים און מנינים זענען גע־שטאַנען צום רשות פון קהל אין שטאָט, די גרויסע שיל מיט אירע דריי באַזונדערע שילעכלעך: סטע־פּעניער „שטיבל״, תהלים־שילעכל און שניידער־שי־לעכל, דער בית־מדרש (ווו ר׳ דודל פּעך, אַ ראַדזינער חסיד, האָט געלערנט משניות), מנין מתעסקים, טריסקער „שטיבל״, ריזשינער „שטיבל״, קאָצקער „שטיבל״, ראַ־דזינער „שטיבל״, אַ שילעכל אויף כעלמער גאַס (בעיקר פון בעלי־מלאכות), מנין קרן־קיימת (מאָטל קרייזער, יוסף באַרנשטיין), מנין „מזרחי״ (ביי יונה שעק), לינת־הצדק־מנין, מנין בנימין עטיעס, מנין ביים סטעפּעניער רבין אין שטוב.

די יידן, וואָס האָבן זיך אַזוי געזאָרגט פאַר די אַלע שילן און מנינים, האָבן מיט אַלע כוחות זיך אָנגעשטרענגט איינצופלאַנצן יידישקייט ביי זייערע קינדער. די רייכע־רע האָבן געשיקט זייערע קינדער אין ישיבות, אַנדערע האָבן זיך געלערנט אין דער תלמוד־תורה, וואָס בראש פון איר איז אין מיין צייט געשטאַנען ר׳ לייבל דיין (מלמד). דער הויפּט־מלמד איז דעמאָלט געווען משה־יצחק קאַגאַן. אין דער פאַרוואַלטונג פון תלמוד־תורה זע־נען געווען: שלמה סאַמעט, אברהם שיינער, שמואל פּרע־געל, יהושע רובינשטיין (שיע שיינדל ראַנעס).

אין תלמוד־תורה האָט מען געלערנט בלויז לימודי־

קודש. די אַלגעמײנע לימודים, וואָס זענען געווען פאַר־פליכטנדיק לויטן געזעץ, האָבן די תלמידים פון תלמוד־תורה זיך געלערנט אין דער „שקאָלאַ פּאָווסעכנאַ", וואָס האָט זיך, אגב, געפונען אינעם בנין פון דער תלמוד־תורה, שפּעטער איז זי איבערגעגאַנגען אין אַ גרויסער געבײַדע אויף דער קאָסנישטשער גאַס.

אין דער „שקאָלאַ" זענען געווען 7 קלאַסן און אין זיי האָבן זיך געלערנט אַרום 600 יידישע קינדער. כאָטש אין דער „שקאָלאַ" האָבן געלערנט בלויז יידישע קינדער, איז זי בעיקר אָנגעפירט געוואָרן פון פוילישע לערער. פון די יידישע לערער אין דער „שקאָלאַ פּאָווסעכנאַ" געדענקען זיך די נעמען פון יענטע קעסלער, גרשון טענענבוים, קאַראַטקע, יעקב העניק, ראָזע עלבלינג־שאַפּירא, זשעניע גאָלדבערג פון ראַוונע, הערשל גרייף יצחק שאַפּירא, דער מאַן פון ראָזען, און לייבל גאָלדהאָקער האָבן דאָרטן געלערנט רעליגיע. אַ 3—4 יאָר אין דאָרטן געווען קיעראָווניק יענטע קעסלער. קאָראַטקע אין אויך געווען קיעראָווניק אַ געוויסע צייט.

אָנהויב די צוואַנציקער יאָרן איז געגרינדעט געוואָרן אַ „תרבות"־שולע, אָנגעפירט דורך די לערער פּאָלעווסקי, בודמאַן, דובעלמאַן און אַנדערע. נאָך איר איז אַ פּריוואַטע העברעאישע שולע געגרינדעט געוואָרן דורך יאַנקל בלומען און שלום מעלצער. מען האָט דאָרטן געלערנט סיי יידיש, סיי אַלגעמײנע לימודים. אין דער דאָזיקער שולע פלעגן די לערער דורכפירן פאַרשידענע קינדער־אָוונטן, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג.


המוסר בית ספר עממי „תרבות" בלובומל

מחלקה I — נרשם בפנקס-ההערכה № 24

תעודה

גילמן שנולד ביום ____ שנת ____ 19

בלובומל בקר ____ במשך שנת-הלמודים 1923/24 את המחלקה הראשונה

שנת הלמודים 1923/24	המחצית הראשונה	המחצית השניה

Zakład: Szkoła hebrajska prywatna „Tarbut" w L.

Klasa I — L. katal. klasyfik. 2/1

ZAWIADOMIENIE SZKOLNE.

Gelman, urodzon .... dnia 19

w Lubomli uczęszczał .... w roku szkoln. 1923/192

do klasy tutejszej szkoły.

ROK SZKOLNY 1923/1924	I. PÓŁROCZE:	II. PÓŁROCZE:
Zachowanie się:		bardzo dobre

העתקי צילום מתעודת־מעבר בבית־הספר „תרבות" בלובומל בשפות פולנית ועברית

פאָטאָסטאַטן פון שול־צײַגעניש אין דער העברעאישער שולע „תרבות" אין פויליש און העברעאיש

החלטת המועצה הפדגוגית בסוף שנת הלמודים:

על יסוד ההתקדמות דלעיל המועצה הפדגוגית החליטה: התלמיד [illegible]

יום 3/VII 1924

המנהל	המחנך	מזכיר המועצה
[signature]	[signature]	[signature]

	בעד התנהגות:	בעד התמדה:	התקדמות בלמודים:	העבודות בכתב:
	צ י ו נ י	ה ה ע ר כ ה:		
	טובה מאד	יתרה	טובה מאד	בדיקנות יתרה
	טובה	רבה	טובה	בדיקנות
	הגונה	מספיקה	מספיקה	במעוט דיקנות
4	בלתי הגונה	בלתי מספיקה	בלתי מספיקה	באי-דיקנות

Uchwała Rady Pedagogicznej z końcem roku szkolnego:

Na podstawie powyższych postępów Rada Ped. uchwaliła: [illegible]

W Lubomli dnia 3/VII 1924.

Kierownik szkoły: [signature: Atalewski] Wychowawca klasy: [signature] Sekretarz Rady Ped. [signature]

	SKALA OCENY			
	zachowania się:	pilność:	postępu:	porządku zewnętrz
1	bardzo dobre	bardzo dobra	bardzo dobry	bardzo staranny
2	dobre	dobra	dobry	staranny
3	odpowiednie	dostateczna	dostateczny	mniej staranny
4	nieodpowiednie	niedostateczna	niedostateczny	niedbały

W.................... dnia ....192........

Kierowni........szkoły: Wychowawc........klasy: Sekretarz Rady Ped.

יעקב הטמן

בית הכנסת הגדול

בית הכנסת הגדול היה פארה של העיר ומקור גאוותה — אך לא מרכז חייה הדתיים; יהודי העיר היו מצביעים ממרחקים על עיטורי גגותיו, על „חורי הירי" שמסביבו, על שיפולי הכתלים העבים — אך אל תוכו, אל פנים בית הכנסת לא הרבו לבוא. היו בו הוד ומסתורין וחגיגיות — אך חום לא היה בו. בשביל „הגויים" היה זה בית־התפילה היהודי הייצוגי — אך בשביל היהודים היה זה מקום התפילה הפחות בחשיבותו. בכל ימות השבוע לא התפללו בו, ורק בשבתות נפתחו שעריו לרווחה, אלא שרק מניינים ספורים באו. מתפלליו הקבועים היו ברובם פשוטי עם, ומספר ה„בעלי בתים" שבהם היה מועט. היה זה גם המקום היחיד בעיר, אשר שם התפללו בנוסח אשכנז, בעוד שבשאר בתי התפלה התפללו בנוסח ספרד, כמנהג החסידים.

ואף־על־פי־כן, ולפעמים אף מתחת לסף ההכרה, היה בית הכנסת בבחינת סמל לגדולתה של הקהילה היהודית בעיר, אות וסימן לעתיקותה של הקהילה, ומקום מפגן ומפגש להמוני היהודים — בעת שמחה וצער, חגיגה ואבל. בימי חג ומועד ובכל הזדמנות של מצות „הקהל את העם" היו באים אל בית הכנסת הגדול כדבר טבעי ומובן מאליו.

בית הכנסת הגדול היה מבנה־לבנים רחב־מידות, שעיקרו צורת ריבוע, ומכתליו העבים נשקפים חלונות גבוהים בגובה קומותיים — ולמעלה מסביב מעין מעקה מסוגנן בצורת כרכובים וצריחים באמצע — ובכל אחד מהם 2 חורים עגולים. הבנין כולו דמה למבצר עתיק, „וברור היה" לכל רואה כי החורים העגולים שימשו בזמנם חורי־ירי למגינים על המבצר. בית הכנסת נמצא למעשה במרכזה של העיר, בפינת כיכר השוק, אלא שחזיתו, הוא צד המזרח, הפונה אל השוק, היתה מופרדת מן השוק על ידי הבתים של משפחות גטמן־הטמן, נתנזון ושפירא — אם כי החלק העליון של בית הכנסת נשקף מעל גגות הבתים האלה ונראה היה למרחוק. מכל שלושת הצדדים האחרים, לא היו בתים סמוכים לבית הכנסת, ואפשר היה לעבור בסמוך לו, פרט לחלק מגודר מצד דרום. הכניסה לבית הכנסת היתה דרך ה„פלוש" — הוא מעבר מפולש לאורך הקיר המערבי, ולו שני שערים מדרום ומצפון. ליד השער הדרומי של הפלוש מבחוץ היו מעמידים ביום ו׳ את החופות לזוגות הצעירים, ואילו ליד השער הצפוני מבפנים נמצאה ה„גניזה", שלשם היו מביאים את כל „השמות" (הכוונה לדפים קרועים מתוך ספרי הקודש), רצועות תפילין ועוד. בתוך „הפלוש", בכותל המערבי של בית הכנסת, היה שער הכניסה הגדול והנרחב, שצורתו קימור־אבן גבוה ורחב, הנשען על עמודים רחבים — והדלת, דלת עץ כבדה, כפולת כנפיים, מחוזקת בחישוקי־ברזל עבים; והמפתח לדלת זו לא סתם מפתח היה, אלא גוש ברזל רציני באורך של כ־30 ס"מ — וכל המחזיק בו היה שומר מפתחות קלאסי ממש.


וכאן, ממש על־יד שער הכניסה לבית הכנסת, יש להתעכב קמעא, ראשית, כדי לראות את קופת הצדקה שבתוך עמוד השער מימין — קופה, שממנה ראינו רק את דלת הברזל החיצונית, את החריץ הרחב להכנסת הכסף, ואת פס הברזל הרחב והמנעול הגדול הסוגרים על דלת הקופה; ושנית, יש לשים לב אם אין שוכבים ליד שער בית־הכנסת כמה איכרים נוצרים ובני משפחותיהם, שבאו להתפלל לאלוהי היהודים שיושיעם בעת צרה... כי זאת לדעת, אם נגנב סוסו של איכר, או חזיריו נפגעו במגיפה, הר־סגולה בדוקה היתה לבוא ביום השוק אל שער בית הכנסת היהודי, לשלשל נדבה לקופה שבשער, ואח"כ לכרוע ברך ולהתפלל.

אך הנה אנו בפנים, בחלקו הקדמי של בית־הכנסת. אשר מעליו נמצאת עזרת הנשים, ועל כן תקרתו נמוכה. כאן, בסמוך לכניסה, מוצאים סימנים של שרשרות ברזל גדולות, ועל כך היו מספרים שאלה הם שרידי ה„קונא", הוא מקום העונשים, שבו היו מלקים את העבריינים. והנה משני צדי השער רואים שני ארגזי עץ ענקיים, סגורים על מנעול. מה יש בתוכם? בכך אפשר היה להיווכח בליל שמחת תורה, כאשר הוציאו מן הארגזים כמה מאות


ספרי תורה פסולים, לקיים בהם מצוות הקפות. ועוד ארגז גדול עמד שם, ארגז מלא חול — והילדים היו מספרים שבתוך החול הזה מטמינים את הערלות של הילדים הנימולים; וכיסא עץ גדול וישן עמד שם, ועליו אמרו שזהו „כיסאו של אליהו", אשר עליו נוהגים היו לשבת הסנדקים, כאשר היו עורכים את ברית־המילה בבית הכנסת...

סוף סוף אנו עומדים בפני חללו של בית הכנסת הגדול. מסביב, בגובה של קומה ויותר, קירות אבן חלקים, ומלמעלה, בגובה הקומה השניה, חלונות גבוהים מקומ־רים, אשר בהם רואים את עביים של הכתלים, שלפי הנראה מרחוק הוא כמטר; ומעל לגובה החלונות, כאילו בגמר הקומה השלישית, מתחילים להיסגר מעלינו הקימורים של תקרת בית הכנסת, וממנה משתלשלות ויורדות אין־סוף נברשות נחושת ובדולה, משתלשלות ממש ויורדות בשלשלאות עד שיתקרבו ויהיו במחיצתם של הבריות. מסביב על הקירות, מתחת לחלונות, ועל קיר המעקה של עזרת־הנשים העליונה שמצד מערב, ציורים מציורים שונים — שור־הבר והלוויתן, כלי הנגינה שבמקדש וסמלי השבטים. רק קיר המזרח לבן כולו, ללא ציורים וקישוטים, ועל הרקע הזה בולט ארון הקודש הנפלא, ומשני צדיו ציורי האריות המסורתיים, ופיתוחי ענפים שונים.

לא היה זה ארון־קודש סתם, אלא יצירה אמנותית גרנדיוזית, מגולפת באבן וצבועה בשלל צבעים. עמוד התפילה של הש"צ נמצא למטה, בתוך שקע מלבני נמוך מרצפת בית הכנסת, לקיים מה שנאמר „ממעמקים קרא־תיך". ומשמאל לעמוד התפילה התנשא גרם־מעלות גבוה,



מראה בית הכנסת הגדול בסוף המאה התשע־עשרה על שני עמודי המשענות בפנת אגף עזרת הנשים
דער אויסזען פון דער גרויסער שול אין סוף נײַנצעטן יאָרהונדערט מיט די צווי זײַלן אין ווינקל פון עזרת נשים



מראה ארון הקודש בבית הכנסת הגדול
דער אויסזען פון ארון קודש אין דער גרויסער שול

שהתחיל במין מסגרת של שער ברזל מקושט ובדלתות ברזל מסוגננות ונמשך כלפי מעלה עד שהגיע לארון הקודש עצמו, כשמשני הצדדים נמשך ועולה מעקה של ברזל עם משענות עץ. ארון הקודש עצמו היה מפוסל באבן כמעט עד לגובה התקרה, מורכב כולו מעמודים מחוטבים, כרכובים, קשתות, פרחים וצמחים וצורות אמנו־תיות שונות רוכבות זו על גבי זו, עד שהן מסתיימות מלמעלה במשהו דומה לכנפות שני הכרובים, הסוככים זה על זה; וכל זה צבוע בצבעים מרהיבים... כשראיתי לראשונה בתמונה צבעונית את ארון הקודש בבית ה־כנסת האר״י בצפת, מצאתי דמיון בציורים ובצבעים עם בית הכנסת בלובומל — ורק משביקרתי ממש בבית הכנסת בצפת נוכחתי לדעת שאין כלל מקום להשוואה: ארון־הקודש בצפת הוא בסך הכל מעשה־גילוף אמנותי־בעץ של המסגרת החיצונית, וייתכן שהוא נעשה על פי הדוגמה של בית הכנסת בלובומל או של ארון־קודש דומה במקום אחר. אך אין בכלל להשוותו עם ארון הקודש המקורי בבית־הכנסת בלובומל, אשר גילופיו ופיסוליו היו באבן ממש, והוא התנשא בגובה של קומה ומעלה. ארון קודש זה האציל מהודו על כל בית הכנסת, וכאשר עמדו הכהנים במעלות העולות אל ארון הקודש, זה על גבי זה, ובירכו את עם ישראל באהבה, הרי כאילו נפרשו כנפיים מלמעלה וסוככו על פני הקהל שלמטה. מעל מעלות אלו נשמעו בהזדמנויות חגיגיות נאומים חוצבי להבות אש של רבנים ודרשנים וסתם נואמים אורחים. על גבי מעלות אלו היו רצות ועולות נשים מרות־נפש, כדי לפתוח דלתות הארון ולנסות לקרוע בקול בכי וזעקה את רוע־הגזירה של שכיב־מרע.

ובאמצע בית־הכנסת — הבימה. ארבעה עמודי אבן עבים, כמטר עביים, תמכו בכיפת ענק — ובאמצע, על בימה מוגבהת, שאליה עולים במדרגות משני צדדים, מצפון ומדרום, עמד שולחן גדול מעץ אלון לקריאת התורה, כאן תקעו בשופר, כאן הזכירו נשמות הנפטרים. וזאת לדעת, בבית הכנסת הגדול היתה הזכרת הנשמות משהו מיוחד במינו, והיא נמשכה זמן רב מאוד — כי מנהג היה לקרוא מתוך הפנקס את שמות כל הנפטרים הרשומים בו, שמספרם הגיע לאלפים. כאן, על הבימה, אפשר היה גם לראות ולממש את שני כתרי־התורה העתיקים, אשר לפי הלפ״ק החרוט עליהם היו בני 400 שנה ויותר.

בכל ימות השנה עצוב היה במקצת לבוא לבית הכנסת הגדול. המקום היה גדול מדי, מרשים מדי, בשביל מספר המתפללים המועט, שבאו כאילו לגמול חסד עם המקום הקדוש. אולם חדשיים בשנה, בחדשים אלול ותשרי, היה בית כנסת לובש גדולה ופאר והיה מושך אליו מאות ואלפים. מנהג נפלא היה נהוג שבראש חודש אלול היו פורשים על קירות בית הכנסת את עשרות הפרוכות הי־שנות. חוטי ברזל היו מתוחים מסביב, מתחת לחלונות, ועליהם ניתלו בטבעות כל הפרוכות הישנות, בצבעים ובגד־לים שונים, מבריקים בזהב ובכסף וברקמת שני ותכלת. פת־אום קיבל בית הכנסת מראה חדש, מראה פאר של קטיפה וריקמה, ברק אותיות וצבעים, והעין לא שבעה מראות את היופי ומחפש את שרידי העבר. וכך במשך כל חודש אלול ועד אחרי הימים הנוראים וחג הסוכות אפשר היה גם לחקור בהיסטוריה של בית הכנסת ושל הקהילה היהודית בלובומל. יותר מכל משכה את תשומת הלב פ־רוכת אפורה־לבנה ענקית, אשר מקומה הקבוע היה מימין לארון הקודש (ולמסתכל מצד שמאל). המיוחד שבפרוכת זו, שרוחבה היה יותר משני מטרים וגובהה כ־4 מטרים, שהקישוטים והכתובות שעליה לא היו רקומים אלא ריקועי־כסף ממש תפורים אל משי הפרוכת. בדרך מופלאה נ־שארו האותיות תפורות אל הבד במשך מאות בשנים, ואפשר היה לקרוא במפורש את שנת ההקדשה המדו־ייקת מלפני כחמש מאות שנה, ואת שם המקדיש. לצ־

ערנו, לא עלה על דעת מישהו להעתיק במדויק את הכתוב על פרוכת זו, או על פרוכות עתיקות אחרות, כשם שלא העתיקו במדויק את „גילם" של כתרי־התורה.

האוירה המיוחדת במינה גברה עוד בימים הנוראים ובחגים ממש, שהרי בשום מקום אחר לא היה שופר מסולסל ורב־ממדים כמו בבית הכנסת הגדול, ובשום מקום אחר לא היה „פנקס" עתיק עם אלפי שמות נפטרים. ובשום מקום אחר לא היו מאות של ספרי תורה פסולים. בערב יום הכפורים, כאשר היו מכסים את רצפת בית הכנסת בשחת טרייה, כדי שיוכלו להלך בו ללא נעליים, היה הריח עולה באף וממלא את חלל האויר בהרגשה מיוחדת במינה; וכאשר שתי עזרות־הנשים — זו שביציע מלמעלה, מול ארון הקודש, וזו שלמטה בחלקו הצפוני החד־קומתי הנמוך של בית הכנסת — היו מתמלאות בימים הנוראים בכי וצעקות של מאות הנשים המתפללות, הרי היה בכך משום חוויה מיוחדת במינה שלא מכל ימות השנה; וכאשר בליל שמחת־תורה נתמלא בית־הכנסת אלפי אנשים ונשים ובני נוער — ובכלל זה גם חשובי העיר הלא יהודים, שבאו להשתתף בשמחת היהודים — הרי היה זה מראה שלא יישכח. ספק אם אפשר היה לראות במקום כלשהו מראה כזה של מאות יהודים עם מאות ספרי תורה בידיהם רוקדים בהקפות. היה זה מחזה נהדר כאשר היו מרימים את המכסים של שני ארגזי־הענק ומתחילים לחלק ספרי תורה לכל הקהל, כאילו ללא הגבלה, עוד ועוד, מאות של ספרי תורה — והקהל בא ונדחק פנימה, והזרם זורם, והלבבות מתחממים והפנים משתלהבים... לילה זה של שמחת תורה היתה שעתו היפה של בית הכנסת הגדול.

עברו הימים הגדולים — ושוב נשאר בית הכנסת הגדול בבדידותו המזהירה, כשהוא משמש נושא לגאוה ולסיפורים־לחשים על תפילת המתים בחצות הלילה ועל שדים ו„לצים" ויצורי־דמיון אחרים, שהשתכנו בעליית גגו. נערים בודדים העיזו לנסות ולטפס עד לפתחה החיצוני של עליית־הגג, אך פנימה לא נכנסו. כאן שלטו הדמיון והאגדה.

ישראל גרמי (גרימטליכט)

בתי הכנסת והחסידים בעיירתנו

הבה ניזכר ונפקוד בעיני רוחנו את בתי הכנסת של עיירתנו, אשר אופיים המיוחד ייצג את דמותה של יהדות העיר — ביניהם בית־הכנסת הגדול (די גרויסע שוהל), בית המדרש הגדול, בתי התפילה הקטנים (די שילעדלעך) והשטיבלעך של החסידים. ניזכר ונראה את עיירתנו בהוו־יתה הרוחנית המיוחדת, שהשתקפה בעולם זה של חיי הדת ומנהגי התפילה.

בית הכנסת הגדול

בית הכנסת הגדול ועתיק היומין היה כאבן־חן לתפ־ארתה וליוקרתה של קהילת יהודי לובומל. זכרון מראהי נחרת עמוק בלבנו, וכל אימת שאנו באים בשעות של הלך־נפש וכיסופים להיזכר בביתנו הישן על כל היקר שהיה בו ואשר נחרב באורח כה טרגי, צף ועולה מנבכי הזכרון הדר־מראהו הנפלא ויחד עמו גל של חוויות מרגשות, שספגה נפשנו הרכה בשנות הילדות, סיפורים וזכרונות על אירועים שונים, אפופי סוד ומסתורין, שנתרחשו, כבי־כול, בתחומיו. התגאינו והתפארנו בהוד מבנהו הארכיטקטוני הפנימי והחיצוני גם יחד; יפעתו היתה גדולה שבעתיים ומרוממת את הנפש בלילות חג ומועד, עת היה מלא מתפללים מפה לפה וכולו שופע אור. גאוותנו זו היתה אמנם מהולה לא במעט פחד טמיר, שהיה מקנן בלב לשמע האגדות והסיפורים מפי סבא־סבתא, על כל מיני התרחשו־יות מסתוריות, המתרחשות בתחומיו בשעות הלילה המאו־חרות. במיוחד עוררו חרדה והתרגשות הסיפורים על התכנסותן של נשמות־המתים הקדושות בחצות, לתפילה ולקריאת התורה. „מה נורא המקום הזה, זה השער לה׳, צדיקים יבואו בו" — מלים אלו, שהיו מצויירות מעל המשקוף המקומר של שער־הכניסה הצפוני אל ה„פלוש", היו בשבילנו בעלות משמעות של ממש. נר התמיד, שהיה דולק בגומחה שעל יד שער הכניסה לזכר הנשמות הקדו־שות; הנוהג, ששמש בית הכנסת היה מקיש פעמים מספר על השער לפני פתיחתו בלילות לאמירת סליחות — כל אלה השרו אווירה של מסתורין ושל קדושה. כילדים חשנו תחושת מעמקים, שהמקום הזה אכן משמש בית־מועד גם לנשמות המתים מבני העיירה, המתכנסות ובאות מדי לילה בלילה משני בתי־העלמין לעריכת תיקון חצות.


עוד אזכור את התרוממות הרוח, כאשר באנו להאזין לתפילת החזן ולרינת מקהלת המשוררים בליל הסליחות של „זכור ברית" ולתפילת „כל נדרי" בליל יום הכיפורים. בית הכנסת היה אז מלא וגדוש מתפללים, וביניהם הרבה „פנים חדשות" — הלוא הם אחינו היהודים מהכפרים, שהיו נוהגים לעבור עם כל בני ביתם העירה לכל תקופת „הימים הנוראים".

חגיגי ומרשים במיוחד היה מראה בית הכנסת כאשר נתמלא המוני עם, אנשים, נשים וטף, להקפות בשמחת תורה, או בעת ההילולה של הכנסת ספר תורה חדש. הספר היה מובא בתהלוכה רבת משתתפים מבית המנדב לבית הכנסת, בלווית תזמורתו של יעקוב הירש הכליזמר לאור לפידי אש. ספר־התורה החדש, במעיל קטיפה חדש ומבריק, היה נישא בידי המנדב, כשהוא עטוף בטלית גדולה מתחת לחופה, ומבית הכנסת הגדול היתה יוצאת למולם תהלוכה של קבוצת־חוגגים שניה, עם ספרי תורה בידיהם, לקבל את פני החתן. אך את הרושם הגדול ביותר השאיר הטקס בפנים בית הכנסת, לקראת הכנסת ספר התורה החדש לארון הקודש: עשרות עשרות ספרי תורה, מהעתיקים ביותר, על כתריהם ופעמוניהם, היו השושבינים של ספר התורה החדש. וזמן רב נמשכו השירה והריקודים סביב „חתן־התורה" עד שהוכנס לארון הקודש.

איך עלה עליך הכורת, בית־הכנסת היקר שלנו; ה־חריבוך הערלים המשוקצים והמתועבים, אחרי שהשמידו את בניך־בוניך!

בית המדרש

סמוך לבית הכנסת הגדול, מצפון לו, עמד בית המדרש של העיירה ורק סימטה צרה, ששימשה מעבר לככר השוק,



מראה בית־הכנסת מצד צפון־מערב והכניסה דרך הפלוש
דער צפון־מערב טייל פון דער גרויסער שול

הפרידה בין השניים; בנין־עץ רב מידות היה בית המדרש, ומצדו המערבי היה מחובר אליו בית הכנסת של „המתעס־קים" (דאס „מתעסקים" שטיבל) כשפרוזדור צר ומפולש חוצץ בין השניים. בית המדרש שימש בימי חול מקום־תפילה מרכזי לרוב בני העיירה, בכללם רבים מבין המת־פללים הקבועים של „השטיבלך" החסידיים השונים וגם היהודים הכפריים מהסביבה, סוחרים ועוברי אורח שונים, שנזדמנו לעיירה לצרכי מסחר בימי השוק והירידים. בית המדרש היה פתוח לכל ביום ובלילה לקיים מצוות תפילה, בציבור, לאמירת „קדיש" או „קדושה" סתם. משעות הבוקר המוקדמות ועד שעות הערב המאוחרות היה בית המדרש הומה אנשים ו„מניין" היה רודף „מניין". דרשן או „מגיד" שהיה פוקד את העיירה מפקידה לפקידה, היה פונה לבית־המדרש, והגבאים היו דואגים כבר להודיע לקהל המתפללים בכל שאר בתי הכנסת על שעת הדרשה שבין „מנחה למעריב", ומתנדבים מהקהל היו גובים את שכר הדרשה בצורת דמי יציאה — בעת שהקהל יצא מפתח הבית.

עקב היותו בשכנות ל„שוק הגדול" וקרבתו היתרה לשוק הקטן — שוק הישבניות (די „זיצערקעס") לממכר פירות ודגים — ולאגף חנויות העץ, (די „האלצערנע קליי־טן"), היה בית המדרש משמש לציבור החנוונים בימות ה־חורף גם מעין אכסניה קלה לחימום הגוף או לעיון בספר לאחר העמידה של שעות ארוכות בפתח החנות בקור העז. את כפות הידיים היו מחממים לפעמים באמצעות סיר האש (פייערטאפ), שבו החזיקו גחלים לוחשות. למעשה שימש סיר האש בעיקר את הנשים, שהיו מחזיקות אותו בין הרגליים והשמלה מחפה עליו ושומרת על ריכוז חומו.

בית המדרש שימש גם מקום לעריכת אסיפות־עם, שהיו מתכנסות מטעם עסקני העיירה והרשות לצרכי בחירות של הנציגים לרשויות המקומיות ולועד־הקהילה, וכן בימי חירום ומצוקה לאיסוף כספים ולבחירת ועדי פעולה לעניינים דחופים. בימים של ערבי חג, וביחוד ערב „הימים הנוראים" ובעשרת ימי התשובה, היה בית המדרש מלא מפה לפה, כאשר על המוני המתפללים הקבועים היו מתווספים האור־חים הרבים מהכפרים הסמוכים. משה אברהמ'ס (שיינער) הישיש, מחסידי ריזשין, היה אז פורש ומציג בפני קהל ה־מתפללים את סחורתו — טליתות, גדולות וקטנות, ציציות, מזוזות, סידורי תפילה, מחזורים, חומשים. על השולחן הא־רוך והרחב באגף הימני, הדרומי־מזרחי של הבית. בית המדרש היה משמש גם מקום מחסה ארעי לאחדים מקבצני העיירה העריריים ולעוברי־אורח מהחוץ, מהם שבאו לקבץ נדבות ומהם שהיו עורכים „גלות". האווירה בבית־המדרש היתה נוחה ומאירת פנים, וכל באיו היו מוצאים שעה קלה לשיחת רעים שהיה בה מעין התפרקות והשתחררות מעול הדאגות והצרות.

בתי התפילה של החסידים וחבורות בעלי המלאכה

מלבד בית הכנסת הגדול ובית המדרש, שהזיקה אליהם היתה כללית ללא הבדל וללא חותם של זרם חסידי זה או אחר, קיימים היו בתי תפילה (שטיבלעך) בלעדיים לעדות החסידים השונות ולבעלי המלאכה לחבורותיהם. הבה ונזכירם אחד אחד ונמנה אותם לפי סדר גודלם.

בית התפילה לחסידי טריסק (טריסקער שטיבל): לפי גודלו ומספר מתפלליו מקומו היה אחרי בית המדרש. כבר לפי מראהו החיצוני, אפשר היה להכיר כי זהו בית תפילה מכובד, נאה גם בצורתו הפנימית. היה זה בניין עץ רם־קומה, עם חצר מגודרת רחבת ידיים מצדו הדרומי. הכניסה היתה משני עבריו, מצפון ומדרום, דרך פרוזדור ארוך לרוחבו של הבית מצדו המערבי. מעל הפרוזדור התרוממה עלייה, ששימשה עזרת־נשים. שני פתחי כניסה רחבים הובילו מהמדרגות לתוך הבית. במרכזו של הבית התרוממה בימה, דומה לזו שבבית המדרש, שעליה היו קוראים בתורה. בעל־תפילה נודע לתהילה היה לחסידי טריסק בשעתם — הלוא הוא ר׳ שמואל אברהם עלצטער — וכן נודע לתהילה הבעל־קורא ר׳ אבא גלאז. על חסידי טריסק נימנו ר׳ לייבל דיין, שהיה חתנו של הרב ר׳ אריה פינקלשטיין (ר׳ לייבי) ז״ל, וכן השו״ב ר׳ הירש ובן השו״ב ר׳ אהרן (סבו ואביו של נתן תכלת־בלומן), שביתם שימש בית אולפנא לשוחטים מכל הסביבה.

דמות דיוקנו הנפלאה של ר׳ הירש, דער קירערשער שוחט, ז״א השו״ב מ„מקיר״ה״ (כינוי לארץ אוסטריה, היא ארץ הקיסר־ירום־הודו), היתה מפורסמת בעיירה כולה, וחסידי טריסק התגאו בו. מרביתם של חסידי טריסק נחשבו לאנשים משכילים ומתקדמים עם רוח הזמן; רבים מהם לקחו חלק פעיל בכל הפעולות למען תחיית העם, גאולת הארץ והחיאת השפה העברית.

בתי התפילה (ה„שטיבלעך״) של חסידי קוצק, ריזשין, ראדזין וגם זה של „המתעסקים״

זיקתם של בתי־תפילה אלה היתה בחלקה לרבי מבלודאבקה ובחלקה לרבי מסטפין — והם היו דו־מים אחד למשנהו; כולם בתי עץ רגילים, אשר לא נבדלו כמעט במראיהם משאר בתי העיירה, פרט למספר הרב של חלונות ללא תריסים. בכל בתי התפילה היתה עזרת נשים, אשר בימות החול שימשה בדרך כלל כמקום התיחדותם של למדנים ושל „בחורי גמרא״, אשר התעמקו בסוגיות קשות ונזקקו לריכוז־מחשבות רב. הריהוט בכל בתי התפילה הללו היה אחיד: שולחנות וספסלים ארוכים וכבדים, ארונות מלאים וגדושים ספרי קודש מכל הסוגים — פתוחים בכל שעות היום והלילה לכל דורש —



ר׳ הירש, דער קירהשער שוחט

ארון הקודש במרכז של הכותל המזרחי ולימינו תיבת הש״ץ עם ה„מזרח״ המצוייר בפסוק: „שיוויתי ה׳ לנגדי תמיד״. במרכז הבית, מול ארון הקודש, עמד השולחן, שעליו היו מניחים את ספר התורה לקריאה, וליד הקיר המערבי נמצא הכיור לנטילת הידיים.

שלשת בתי התפילה הקטנים (די קליינע שילעכלעך) היו צמודים לבית הכנסת הגדול, מצדו המערבי, והיו חוסים, כביכול, בצלו. הכניסה לכולם היתה דרך הפלוש הגדול. הראשון שבהם, מצד צפון, שימש בית תפילה לחסידי סטפין; השני, בתווך, לחבורת מגידי התהילים (דאס תהילים שילעכל) והשלישי מדרום — לחבורת החייטים (דאס שניידער שילעכל). בית תפילה נוסף היה לבעלי מלאכה בקרבת מקום לבית הכנסת הגדול, וביח תפילה זה נקרא „דאס גארענדל״ — על שמקומו היה בעליה שמעל בית מגורים פרטי.

נזכיר גם את **בית התלמוד־תורה**, שהיה משמש בית תפילה קבוע בשבתות ובחגים לחוג מסויים של משכילים

מבני העיירה, וכן את ה,,מניינים" למיניהם, שהתכנסו בשבתות ובחגים במועדונים השונים של הארגונים והמפלגות למיניהם, שמגמתם העיקרית היתה איסוף תרומות מחבריהם ואוהדיהם כנדרים בעת העלייה-לתורה.

היו גם חסידים מזרמים אחרים, כגון של חסידי גור, קארלין ואחרים. אלא שמספרם היה זעום, בבחינת ,,מיעוטים" קטנים, שלא היה בכוחם להקים לעצמם בתי תפילה משלהם, והם נאלצו להסתופף בבתי התפילה של אחרים.

למעשה, לא היה מורגש הבדל מהותי בנוהגי התפילות ובאורח החיים היום יומי בבית התפילה, בין עדות החסידים למיניהם, פרט אולי לשוני בלחן של תפילה זו או אחרת, באמירה או דילוג על פיוט מסויים, ובנוסח של ,,קץ משיחיה" ו,,ברוך יאמרו" במקום ,,משיחיה" ו,,משבחים ואומרים". היחסים בין החסידים והשטיבלעך למיניהם היו כתקנם, וכאשר כבר היה רבי בא לעיר, היו גם חסידים מעדות אחרות באים להאזין לתפילתו של הרבי בליל שבת, או להקשיב לדברי תורה שלו ולניגון חדש בסעודה השלישית (,,שלוש סעודות").

כמעט בכל בית תפילה של החסידים היתה מצוייה קבוצה של חרדים קנאים, שהיו נלחמים עד חרמה בסוטים למיניהם — האפיקורסים וה,,ציוניסטלעך" — ובכל הידוש, שהיה בו משום חריגה מהנהוג והמקובל מזה דורי דורות. אדוקים אלה היו לרוב בעלי חזקה למקום בכותל המזרחי, והם נחשבו לסלתם ושמנם של קהל המתפללים. הם היו מחמירים בקלות כבחמורות, מרבים בתעניות, מניחים זוג שני של תפילין (של רבנו תם), מאריכים מאוד בתפילה, וביחוד בתפילת שמונה עשרה, ורובם רואים לעצמם חובה וזכות לעבור לפני ,,התיבה" כשליחי ציבור. הם היו משכימים לטבילה במקווה לפני התפילה, מקדימים את בואם לבית-התפילה ומאחרים את צאתם. מובן מאליו שהם היו משתדלים לנסוע לביקור אצל הרבי מפקידה לפקידה ולהסתופף בחצרו.

כן היו כמעט בכל בית תפילה מספר אנשים, שהיו ידועים כלמדנים דגולים, המצטיינים בבקיאות רבה בש"ס ומפרשיו. בערבי הסתיו והחורף הארוכים היו למדנים אלה רגילים לבלות בצוותא שעות ארוכות בפלפול שנון, בפענוח ,,סתומות" בסוגיה מסויימת, ובמציאות ביאור לקטעים קשים-להבנה בתוספות או במהרש"א.

אזכור במיוחד בהערצה את רבי ומורה הדגול בגיל הבחרות, בעת שהגעתי כבר ליכולת לימוד עצמאי של דף גמרא על מפרשיו, הלא הוא ר' יענקעל משה פייוועלס (נתנזון). הוא היה למדן מופלג, ובבקיאותו המופלאה ב,,ים התלמוד" היה מיישר בדרך הסברתו הנפלאה, בענווה ובשקט, את ההדורים, שהיו מובאים בפניו על ידי האברכים הלומדים בשטיבל.

חסידי טריסק נחשבו בדרך כלל לליברליים וסובלנים, ויחסם לצעירים, שיצאו ל,,תרבות רעה" ופרקו מעליהם עול של מצוות, היה ללא ,,יד חזקה". הנרדפים והמגורשים על ידי החסידים הקנאים של קוצק, ריזשין ואחרים מצאו לא פעם מקלט ב,,שטיבל" של חסידי טריסק, שמרובים היו בו המשכילים והבקיאים בהוויות העולם. כך, למשל, לא התרגשו ביותר חסידי טריסק ולא השתתפו ,,במלחמת המצווה" נגד אכילת מצות, שהוכנו בעזרת מכונה. היה זה בשנות העשרים הראשונות, כאשר ר' איצי משרת ושותפיו הביאו מכונת גלילים לריקוע המצות וניקובן, אותה התקינו בביתו של ר' זכריה הבנאי (זכריה דער מילער). המצות, תוצרת המכונה, היו מרובעות, דקות ופריכות וגם טעימות יותר מן המצות הרגילות, העגולות, שעל טהרת מלאכת ידים. רבים מבני העיירה העדיפו לקנות את המצות הללו, אך האדוקים מבין חסידי קוצק, ריזשין וראדזין נחלצו למלחמת חרמה, והמחלוקת לא שככה במשך שנים אחדות.


ועוד מחלוקת, שנמשכה שנים מספר זכורה לי מהימים ההם — והיא: מי ישב על כסא הרבנות? לאחר שנפטר ב-1915, בשיבה טובה, הרב ר' אריה (ר' לייבי) פינקלשטין, אבי סבם של ד"ר יוסף ואריה שטרן, לא נחפזו יהודי העיירה לבחור להם רב חדש. אך בגמר המלחמה, הרעב והמגיפות נתעורר ונתלהט הוויכוח מי יבוא במקומו. חסידי קוצק בחרו בר' לייביש לונדון לשבת על כס הרבנות, חלק מחסידי טריסק טענו כי ר' לייבל הדיין, חתנו של הרב ר' לייבי, מחסידי טריסק, זכאי לרשת את מקום חמו, ולעומתם טענו חסידי ריזשין, ועמהם רבים מחסידי ראדזין ומתפללי בית מדרש המתעסקים, כי שניהם גם יחד אינם מתאימים לתפקיד של מרא דאתרא בזמן המודרני, כאשר הרב חייב לדעת פולנית; ואמנם, הם הביאו לעיר רב חדש (שנקרא ביידיש דער נייער רב), הוא ר' פנחס אוסלקה, אשר במשך הזמן זכה להכרה כללית מצד מרבית אנשי הקהילה.

ועוד עלי להזכיר את מנהגם של חסידי ריזשין, שהיו מקיימים את מצוות ,,תשליך" בצורה שונה מהרגיל: יוצאים היו אחרי תפילת מנחה מוקדמת והולכים דרך ארוכה עד שהיו מגיעים לאמת-המים הגדולה של שמעריל מרדכ'ס מחוץ לעיירה (שמעהרל מרדכעס סאדזאווקע) ולא הסתפקו כאחרים באמירת ,,תשליך" ליד באר או תעלת מים רדודה בסביבה הקרובה לבית התפילה. בדרכם חזרה היו עוברים בשירה דרך כל העיירה עד שובם לבית הכנסת לתפילת מעריב. אנחנו הזאטוטים היינו גאים מאוד במצעד זה של מתפללי בית התפילה שלנו. כל הדרך היינו צועדים על יד קבוצת המזמרים, שהלכה בראש הקהל והשמיעה מרשים חסידיים. הגויים, יושבי הפרברים, היו יוצאים עם בני ביתם מבתיהם והצרותיהם לחזות בתהלוכה מוזרה זו.

אווירת החסידות, על כל הלהט, ההתלהבות ושמחת-

החיים שבה, היתה באה לידי ביטוי עז בשמחת תורה, בעת ,,ההקפות״, כאשר חבורות־חבורות של חסידים, נוער וטף היו יוצאים בשירה ובריקודים, כשספרי תורה חבוקים בידיהם והנשים מסביב נושקות את ספרי התורה ומברכות את נושאי־הספר באמרן: ,,תזכה לשנה הבאה״ (דערלעבט איבעראיאר). לפעמים היו חבורות של חסידים יוצאים ב־שירה ובריקודים לרחובות — בלכתם ל,,קידוש״ בבתיהם של חסידים אמידים — ובדרך היו מעוררים את בני הנעו־רים בקריאות ,,צאן קדשים״, כשהללו עונים במקהלה ב־געיית ,,מה...״

הזדמנות נוספת להתוועדות החסידים היתה ביום הזכרון (היארצייט) להסתלקותו של הרבי שלהם. שפע של אור בקע מכל פינות בית התפילה, ממאות נרות הזכרון שדלקו מסביב, ובהתקרב שעת חצות היו כל החסידים מתכנסים ויושבים מסביב לשולחנות ערוכים ושומעים דברי תורה וחכמה, שנאמרו בשעתם מפי הרבי ז״ל, שרים ממנ־גינותיו ומרימים כוסיות ,,לחיים״ לעליית נשמתו של הרבי; כי זאת לדעת, ה,,שטיבלעך״ של החסידים לא היו בתי תפילה בלבד, אלא גם בית־ועד לחכמים ומרכז הברתי.



מראה בית הכנסת הגדול מצד מזרח
די מזרח־זייט פון דער גרויסער שול

אפרים לערנער

דאָס סטעפּעניער שילעכל

צו דער גרויסער שיל אין ליבעוונע זענען געווען צוגעבויט נאָך דריי בתי־תפילה.

דער גרויסער קאָרידאָר, אָדער פּלוש, האָט געהאַט צוויי אַריינגענג פון ביידע זייטן, אַ שמאָלן אַריינגאַנג פון צפון־זייט, מיט אַן אייזערנער טיר, און אַ שטאַרק ברייטן אַריינגאַנג פון דרום־זייט מיט אַן אייזערנעם ברייטן טויער, וואָס זענען שטענדיק געשטאַנען אָפן. צוויי גרויסע שטאָלענע קייטלען זענען געהאָנגען אויף דעם טויער. מיט עטלעכע טרעפּלעך איז מען אַריין אין פּלוש. פאַר די קינדער איז דער פּלוש געווען אַ גוטער שפּיל־פּלאַץ.

פון די דריי צוגעבויטע בתי־תפילה וויל איך זיך אָפּשטעלן אויף איינעם — דאָס סטעפּעניער שילעכל, ווו מיין זיידע און פאָטער האָבן געדאַוונט.

דאָס סטעפּעניער שילעכל איז געווען זייער באַשיידן. ווייס געקאַלכט, מיט אַ פּאָר בליצלאָמפּן, די בענק צום זיצן האָבן זיך געצויגן אַרום לאַנגן טיש ביי דער וואַנט, און דערנאָך ביים קאַכלאָוון אויוון. פון יענער זייט אויוון איז אַלע מאָל געווען אַנגעלייגט האָלץ אויף ווינטער — און ס׳איז נאָך אַלץ געבליבן גענוג פּלאַץ פאַר אַ פּאָר פּשוטע יידן צו דאַווענען. די רעשט וואַנט, וואָס האָט זיך געצויגן פון אונטערן אויוון ביז צו דער טיר, איז געווען פאַרנומען מיט אַ גרויסער שאַנק ספרים. האַרט ביי דער טיר איז געשטאַנען דער כיור מיט אַ קופּערנעם קראַן, מיט אַ שווערער קופּערנער קוואַרט אויף צוויי „אויערן”.

עטלעכע מתפּללים פונעם שילעכל געדענק איך, וועל איך דאָ זאָגן וועגן זיי אַ פּאָר ווערטער. קודם פון דער מזרח־וואַנט: אלי מעשטשעכעס, איצע אידלס דער גבאי, חיים מעשטשעכעס, מיין פאָטער יעקל מנשהס, חיים רייזמאַן, שמואל גוטמאַן, אלי סטאַווקער, און אידל דער בלינדער, דעם גבאיס פאָטער, זענען געווען די בעלי־תפילה אין די ימים־נוראים.

חשובע בעלי־בתים זענען געווען משה און איטשע לערנער, צוויי ברידער. משה, דער עלטערער, איז געווען אַ ביסל אַ צוריקגעצויגענער, האָט זיך נישט געמישט אין קהלשע געשעפטן — אָפּגעדאַוונט און גלייך אַהיים. איטשע איז שוין געווען אַן אַנדער סאָרט מענטש, ער האָט נישט פיינט געהאַט דעם „עמוד”, און די יום־כיפּורדיקע מנחה איז שוין געווען זיין חזקה.

משה רייזמאַן, דער גביר, איז אויך געווען אַ סטעפּעניער חסיד, אָבער מען האָט אים געזען נאָר אין די ימים־נוראים און די ערשטע נאַכט פון שמחת־תורה, ווייל ער האָט געהאַט די חזקה אויף „אתה הראתה”. די חזקה אויף „אתה הראת” די צווייטע נאַכט האָט געהאַט שמואל גוטמאַן.

נאָטל מלמד, מיין רבי, אויך אַ סטעפּעניער חסיד. אַ הויכער ייד מיט אַ גלייכן גאַנג. תמיד אין זויבערע מלבושים, מיט אַ ווייס העמד, ביים קאָלנער אויסגעבונדן אַ שוואַרץ שלייפל. נישט קיין לאַכעדיקער און אויך נישט קיין שטרענגער. ס׳איז נישט געווען קיין סיבה צו כעסן זיך.

נאָך אַ ווילער ייד האָט געדאַוונט אין סטעפּעניער שטיבל און מען דאַרף זיך אָפּשטעלן וועגן אים אַ ביסל לענגער: יהושע ביבעלעס — דאָס איז געווען זיין צונאָמען.

אָט דער יהושע ביבעלעס איז געווען אַ גאַנץ קרעפּקער ייד, אין די שפּעטע פופציקער, מיט אַ גרויער באָרד, אַ שמייכלענדיקער, אַ גוטמוטיקער. פון יהושען האָט שטענדיק געשמעקט מיט עפּל, מחמת דאָס איז געווען זיין מסחר. אַ סאַדאָווניק אַלע יאָרן, פלעגט ער אַ גאַנצן זומער רייסן און צונויפקלויבן די פּרוכט און טראָגן זי אין אַ קויש צו חסיה די זיצערקע, אָדער יאַנקל דער געלער.

שבת אין שילעכל איז יהושע קיינמאָל נישט געזעסן אויף אַן אָרט. ער איז אַרומגעגאַנגען און אָפּגעטאָן שפּיצלעך: דעם אַ שנעל אין אויער, אַ צווייטן אַ שטורך אין דער זייט, אַ דריטן אויפבינדן דעם גאַרטל — און באַלד



מראה בית הכנסת הגדול מצד מערב־צפון הבנין הנמוך מצד מערב של בית הכנסת כולל שלושה בתי תפילה: מצד דרום — „אגודת החייטים", באמצע — „חברת מגידי תהילים" ובצד צפון — חסידי סטפין הפתח לידו — הכניסה לפלוש מצד צפון. האגף הנמוך של בית הכנסת שימש עזרת נשים

דער קליינער בנין פון מערב זייט פון דער שול האָט געהאַט דריי שטיבלעך: דאס „שניידער שילעכל" פון דרום־זייט, אינמיטן דאס שילעכל פון די „תהילים זאגערס" און פון צפון־מערב זייט דאס „סטעפעניער שילעכל"

אַפּטראָגן זיך, אָדער גלאַט פאַרקוקן זיך, ווי נישט אים מיינט מען. ער איז געווען דער היפך פון זיין ווייב פריידע, וואָס האָט קיינמאָל נישט געלאַכט, נאָר בלויז געמרוזשעט מיט אירע קורצזיכטיקע אויגן. קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט, האָבן זיי דערפאַר אַריינגעפירט אַ ספר־תורה אין שילעכל, און ווען מען האָט געלייענט אין זייער ספר איז דאָס געווען זייער גרעסטער פאַרגעניגן.

עס איז כדאי דאָ צו דערמאָנען איינעם פון די „פּראָסטע" יידן, וואָס פלעגן שטיין נעבן אויוון, ווו דאָס האָלץ איז געלעגן. ער האָט געהייסן אביש דער שניידער און איז געווען זייער אַ פרומער. ווען אלי מעשטשעכעס, דער שטענדיקער בעל־קורא, האָט צוליב אַ געוויסער סיבה נישט געקאָנט לייענען די תורה דעם שבת, פלעגט מען רופן דעם יונגנמאַן שמואל פוקס, אָדער אבישן. און וואָס זאָל איך אייך זאָגן, די מתיקות פון אבישעס לייענען, מיטן ריכטיקן טראָפּ, געדענק איך נאָך עד היום. פאַרוואָס האט אַזאַ ייד באַדאַרפט זיצן אַ לעבן לאַנג נעבן דעם אויוון, בלייבט אַ קושיה. מסתמא איז דער שניידערשער פאַך אים געשטאַנען אין וועג.

אין מיטן וואָך זענען די תפילות געווען אָפּגעכאַפּטע: דאגות פּרנסה, און אַנדערע צרות. אָבער שבת פלעגט דער עולם לאַנג פאַרזיצן, רעדן „פּאָליטיק" אָדער אַריינקוקן אין אַ ספר. שבת פאַרטאָג איז מען פריער געלאָפן צום תהילים, דערנאָך איז מען געגאַנגען אַהיים טרינקען עפּעס וואַרעמעס, וואָס איז געשטאַנען אויפן „פּעקעלעך" איבערן אויוון אין הייסן זאַמד, אָדער באַדעקט מיט שמאַטעס. דערנאָך איז מען געגאַנגען צו שחרית.

שבת פאַרנאַכט, ווען אין שיל איז געוואָרן טונקעלער און טונקעלער, האָט מען געפּראַוועט שלוש סעודות. מען האָט זיך אויסגעזעצט אַרום די לאַנגע באַטישטעכטע טישן און טועם געווען די שטיקלעך חלה מיטן שטיקל הערינג און מען האָט געזונגען זמירות.

„משה טריבייקיש", אלי מעשטשעכעס איידעם, האָט געהאַט זייער אַן אַנגענעמע שטימע, פלעגט ער אָנהויבן זינגען און דער עולם האָט אים אונטערגעהאָלטן. דערנאָך האָט מען מכבד געווען שמואל שיך מיט אַן אַנדער שטיקל זמירות, ביז יונה שמש פלעגט אַריינקומען מיט אַן אָנגעצונדן ליכט אין האַנט און מען האָט זיך געשטעלט דאַווענען מעריב.

יצחק אובנטל־קופרניק

ערב שבת אין שטעטל

אַן ערב־שבתדיקער טאָג אין חודש מאַי. די נאַטור האָט זיך דערוועקט צום לעבן. די סעדער און די פעלדער האָבן געבליט און עס האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן אַ פאַרשיכורנדיקער ריח, ווי מען וואָלט אויסגעגאָסן גאַנצע פלעשער מיט פּערפום. מען האָט זיך געגרייט צו קבלת־שבת.

אין די שפּעטערע שעהן האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט דער שמש פון בית־המדרש, דער נידעריקער דאַרער ייד. ער האָט גענומען זיין גראָבן שטעקן און אָנגעהויבן גיין פון איין געוועלב צום צווייטן, געקלאַפּט און געשריגן: „יידן, שבת, פאַרמאַכט די געוועלבער, מען דאַרף זיך גרייטן אויף שבת!” עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער עולם האָט אָנגעהויבן פאַרמאַכן די קראָמען און געלאָזט זיך אַהיים. ווען די זון האָט נאָר אָנגעפאַנגען צו פאַרגיין, האָט מען שוין געזען שפּאַנענדיקע יידן אין די שבתדיקע זיידענע קאַפּאָטעס אין דער ריכטונג צו די פאַרשידענע בתי־מדרשים.

דאָס שטעטל האָט באַקומען אַ יום־טובדיקן אויסזען. עס האָט זיך געפילט, אַז עס איז שבת אין שטעטל. מען האָט אָפּגעדאַוונט, אומגעקערט זיך אַהיים, און יעדע משפחה האָט זיך געזעצט צום טיש צו דער פייערלעכער סעודה. נאָכן עסן האָט זיך דאָס יונגוואַרג אַרויסגעלאָזט אין גאַס אויף אַ שפּאַציר. די זשאַבעס האָבן קאָנצערטירט, געשפּילט אַ פיינע סימפאָניע, עס האָט דערמאָנט דעם „קאָנצערט פון די זשאַבעס”, וואָס אַדאַם מיצקעוויטש האָט אַזוי מייסטערהאַפט געשילדערט אין „פאַן טאַדעאוש”. אָבער מען האָט מער הנאה געהאַט פון דעם אמתן קאָנצערט פון זמירות, וואָס פלעגט זיך הערן ביז שפּעט פונעם הויז פון אבא גלוז און זיינע זין. אבא גלוז, דער בעל־קורא פון טריסקער שטיבל מיט זיין שיינעם אויסזען און מיט זיין פּאַטריאַרכאַלער באָרד און זיין גלענצנדער שטימע, האָט אָנגעפירט מיט זיין אייגענער קאַפּעליע און געזונגען די זמירות צוזאַמען מיט זיינע זין שיקע און יעקב, וואָס האָבן מיט גרויס געפיל און געשמאַק באַגלייט זיין זינגען. עס איז געווען ממש אַ גוט אויסגעשולטער כאָר. דער שפּאַצירנדיקער עולם פלעגט ספּעציעל גיין אין דער דאָזיקער ריכטונג, כדי צו הערן דעם צויבער־געזאַנג פון דער משפחה גלוז.

די דאָזיקע פרייטיק צונאַכטס־זמירות האָבן זיך מיר איינגעקריצט און איינגעוואָרצלט אין זכרון, און דאָס איז איינער פון די טייערסטע זכרונות, וואָס איז מיר פאַרבליבן פון מיינע טייערע און אויף אייביק נישט פאַרגעסענע חברים ז״ל. זיי קלינגען אין מיינע אויערן עד היום און וועלן אייביק קלינגען אין מיין נשמה.

אפרים לערנער

אַ באַזוך פון טריסקער רבין

דאָס טאָג־טעגלעכע גרויע מאָנאָטאָנע לעבן איז פאַרשוווּנדן אין ליבעוונע, ווען מען האָט זיך דערוווּסט, אַז דער טריסקער רבי קלייבט זיך צו קומען אויף אַ שבת אין שטעטל. די טריסקער חסידים האָבן זיך וואָכנלאַנג געגרייט אויפצונעמען זייער רבין ווי עס באַדאַרף צו זיין.

אַממערסטן האָט זיך גערודערט ביי שלמה רייז אין הויז. דאָרטן איז אַלעמאָל דער רבי איינגעשטאַנען. דאָס איז געווען אַ גרויסע זכיה. פאַרוואָס האָט גראָד אָט דער חסיד געהאַט מער פּריווילעגיעס ווי אַלע אַנדערע חסידים ? סיבות זענען געווען עטלעכע. קודם איז שלמה רייז געווען אַ ייד אַ פאַרמעגלעכער, אַ תבואה־סוחר, מיט אַ גרויסער דירה און גרויסע צימערן, אַפילו מיט אַ פּריוואטן טעלעפאָן. דערצו איז זיין הויז געשטאַנען אַנטקעגן טריסקער שטיבל.

דאָס צוגרייטן אין שלמה רייזס שטוב איז באַשטאַנען נישט נאָר וואָס שייך מאכלים און כל מיני געבעקסן. עס האָט אויסגעזען, ווי מען וואָלט געגאַנגען איבערמאַכן די גאַנצע דירה. מען האָט געמאָלן די ווענט, איבערגעשטעלט די מעבל. פון גרויסן גאַסט־צימער האָט מען געמאַכט אַן עס־צימער, כדי דער רבי זאָל קאָנען פראַוועון דעם טראַדיציאָנעלן טיש מיט זיין גרויסער צאָל חסידים.

פרייטיק נאָכן באַן פון 11 אַ זייגער זענען פאַרפאָרן די דראָזשקעס מיטן רבין און זיין גבאי מיט די חסידישע באַגלייטער צו שלמה רייזס הויז. מען האָט זיי מקבל פּנים געווען מיט גרויס פּאַראַד.

צו קבלת שבת איז דאָס טריסקער שטיבל געווען געפּאַקט. אַפילו נישט קיין טריסקער חסידים זענען אויך געקומען נעמען שלום ביים רבין. צוליב דער גרויסער ענגשאַפט אין שטיבל זענען יידן געשטאַנען אין דרויסן אין רחבותדיקן גאָרטן פון שטיבל און מיט יראת הכבוד געוואַרט אויפן רבין, כדי זוכה צו זיין נעמען שלום ביי אים.

באַלד נאָכן דאַווענען איז דער רבי מיטן גבאי און זיינע גאַסטגעבער אַוועק צו זיך. די חסידים האָבן אין זייערע היימען אויף גיך אָפּגעפּראַוועט זייער פרייטיק־צונאַכטיקע סעודה און דאָס בענטשן איבערגעלאָזט צום רבינס טיש. ווען אַלע זענען שוין געווען צונויפגעקומען, איז דער רבי אַרויס פון זיין חדר און געמאַכט קידוש. דערנאָך האָט מען גענומען דערלאַנגען די מאכלים. פון יעדן מאכל האָט דער רבי פאַרזוכט און די חסידים האָבן צעכאַפּט די שיריים. דער רבי האָט באַפוילן יעדעס מאָל אַן אַנדערן חסיד צו זינגען זמירות. נאָך דעם האָט דער רבי געזאָגט תורה. די חסידים האָבן זיך נאָך מער צונויפגעפּרעסט, אַריבערגעלייגט זיך איינער איבערן אַנדערנס פּלייצעס, צוגעלייגט אַ האַנט צום אויער, כדי בעסער צו הערן, ווייל דער רבי האָט גערעדט זייער שטיל.


צווישן די חסידים האָט מען געזען שמואל־אברהם עלצטער, שמשון צעכשטיין, אהרן שוחט, שלמה סאַמעט, און נאָך אַנדערע בעלי־בתים.

נאָך שחרית איז מען ווידער געקומען צום טיש, און אויך צו שלש־סעודות. אָבער דאָס רעכטע גדיכטע האָט זיך ערשט אָנגעהויבן ביי מלוה מלכה. די בליץ־לאָמפּן האָבן געברענט און חברה חסידים האָבן געטאַנצט, מען האָט זיך פאַרפלאָכטן איינער אויפן צווייטנס אַקסל און אָנגעהויבן זיך דרייען, פריער פּאַמעלעך און דערנאָך גיכער און גיכער. די קעפּ און די פיס זענען געגאַנגען אין איין ריטם. אַראָפּ און אַרויף. אַרויף און אַראָפּ. עס האָט זיך בלויז געטראַכט: ווו נעמט זיך צו מיטליעריקע און עלטערע מענטשן אַזויפיל כוח צו טאַנצן און זינגען.

שפּעט נאָך דער מלוה מלכה האָבן די חסידים אָנגעהויבן אַליין אַריינגיין צום רבין. דער גבאי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים אַריינגאַנג צום רבינס חדר און אָנגענומען די קוויטלעך מיטן פּדיון. יעדער חסיד האָט זיך געלאָזט שרייבן אַ קוויטל מיט אַ בקשה צום רבין אויף

געזונט און פרנסה, אויף צו האָבן קינדער, אויסגעבן קינדער, הצלחה אין די געשעפטן. דאָס קוויטל איז דער־לאַנגט געוואָרן צום רבין, איידער דער חסיד איז אַריין אין צימער, און דער רבי האָט געוווסט מיט וואָס צו בענטשן דעם חסיד. דערביי האָט זיך שוין דער חסיד געזעגנט מיטן רבין און איז אַרויסגעקומען אַ צופרידע־נער, מיט גרויס בטחון.

צומאַרגנס אין דער פרי זענען ווידער געקומען די יידישע דראָזשקעס. דער רבי האָט זיך אַריינגעזעצט מיט זיין גבאי אויבנאָן און אָוועקגעפאָרן, מיט דער באַגליי־טונג פון אַן עולם חסידים. אין שטאָט איז צוריק געוואָרן וואָכעדיק. שלמה רייז האָט צוריק אָנגעטאָן דאָס פאַר־מעלטע כאַלאַטל און איז אַוועק צו זיינע געשעפטן, צו גרימאַטליכטס מיל.



„מה טובו אהליך יעקב משכונתיך ישראל" — פסוק זה חקוק היה על קשתות החלונות של בית הכנסת מצד דרום

דער פסוק „מה טובו אהליך יעקב משכונתיך ישראל" אויסגעקריצט איבער די בויגן־פענצטער פון דער שול אין דער דרום־זייט

שמעון קנדלשטיין

צילומי חטף מן העיירה

העיר לובומל היא אחת מן העתיקות בפולין, אך הדבר לא היה ניכר. פרט לבנין בית־הכנסת ושורת החנויות שבכיכר השוק, היתה זאת, עיר של בתי־עץ, שהיה מצוי בשפע ביערות אשר בסביבה. הגגות היו מכוסים קש או רעפי־עץ. הכבישים היו סלולים מאבני־בזלת, ורעש העגלות נשמע למרחוק. בצידי הכבישים, לאורך הבתים, נתמשכו מדרכות עץ להולכי־רגל.

במרכז העיר נמצאה כיכר־השוק הגדולה, אשר בה היה נערך כל יום שני היריד השבועי, שבו היו מתאספים כל האיכרים מהסביבה ומביאים תוצרתם למכירה. מסביב לכיכר השוק היו חנויות היהודים אשר התפרנסו ממסחר ומלאכה. בפינה אחת של השוק התנוססה גבעה ע"ש המלך הפולני יגיללו, מכוסה בעצים גדולים ועתיקים. בקיץ היו מטיילים על הגבעה ונחים בצילם של העצים, ובחורף, כשהיתה מכוסה שלג וקרח, היו הילדים ובני הנוער מחלי־קים ויורדים ממנה במזחלות קטנות.

בצידה השני של כיכר־השוק הגדולה, מאחורי החנויות, התנוסס לתפארה בית־כנסת גדול, עתיק־יומין, עם חלונות צבעוניים גבוהים. קירות בית־הכנסת היו מעוטרים ציורים של כלי בית־המקדש ושל המזלות, ובחודש אלול היו מקשטים אותם בפרוכות עתיקות, יפות להפליא. שתי עזרות־נשים היו בבית־הכנסת, אחת ביציע מעל הכניסה, ואחת למטה לאורך הצד הצפוני של בית־הכנסת. מעבר לפרוזדור מפולש, גדול ורחב־ידיים, היו בתי־כנסת קטנים יותר, ששימשו לתפילה לכל מיני אגודות וקבוצות חסידים, כגון בית־כנסת של חייטים, של חסידי סטפאן, ושל „חברת תהילים".

חוץ מבית־הכנסת הגדול היה גם בית־מדרש גדול כללי, אשר שימש במשך כל ימות החול כמקום תפילה למתפללים מכל הסביבה. נוסף על כל אלה היו „שטיבלאך" של חסידים, של הקוצקער, הטרוסקער, הרוז'ינר ובשבתות היו באים לשם החסידים להתפלל מכל קצות העיר. לעתים היה בא לביקור שבת „רבי" של חסידים — ואז היו נוהרים המונים לאותו „שטיבל" וכמובן גם ל„שולחן" הרבי לשמוע דברי תורה ומוסר, לזמר ולשמוח יחדיו.

הנוער היהודי היה לומד לימודי חול בבתי־ספר כלליים יחד עם הפולנים והאוקראינים. לימודי קודש למדו בת"ת ובחדרים. כן היו בעיר מורים לעברית, שלימדו לנוער את השפה העברית החיה.

היו בעיר ארגוני נוער ציוניים רבים, כגון החלוץ־הצעיר, בית"ר, השומר־הצעיר, מזרחי, וכולם נשאו נפשם בגעגועים לארץ־ישראל, אך רק מעטים זכו לעלות. בלובומל היו קיימים גם קיבוצי הכשרה לבני־נוער מחוץ לעיר לקראת העליה ארצה.

יהודי לובומל חיו במשך מאות שנים חיים יהודיים שרשיים, עד אשר קם עמלק ימ"ש והרס והחריב הכל עד היסוד. יהודים יקרים אלה, תמימים וטובים, לא נשכח אותם לעולם.

אפרים לערנער

א ליבעוונער מארק־טאג

ווען איך טראַכט וועגן מיין אַמאָליקער היימשטאָט, קומט אַמאָל אויף פאַר די אויגן אַ בילד פון אַ מאַרק־טאָג אין ליבעוונע. ליבעוונע האָט נישט געהאַט קיין „פּאַטענט" אויף אַזאַ בילד, ווייל אַלע שטעטלעך אין פּוילן, אייגנטלעך, האָבן אויסגעזען די זעלביקע אין יענעם טאָג, ווען די פּויערים פון אַרום פלעגן זיך אַ לאָז טאָן אין די יידישע שטעטלעך, כדי צו פאַרקויפן און קויפן. פונדעסטוועגן זענען דאָך געווען געוויסע שטריכן, וואָס זענען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדן שטעטל באַזונדער — זאָל דאָס זיין אין די פאַרשוינען, אין די סחורות, צי אין אַנדערע זאַכן. איז, בכן, ווי האָט אויסגעזען אַ מאַרק־טאָג אין ליבעוונע?

נאָכן אַריינפאָר פון אַ פּויערשער פור אין שטעטל און פאַרנעמען אַ פּלאַץ אויפן מאַרק, איז דאָס ערשטע געווען: אויסשפּאַנען דאָס פערד, אַרויפהויבן די האָלאָבליעס אין דער הויך און איבערדרייען דאָס פערד מיטן קאָפּ צום וואָגן, ווו עס איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אַ קופּע היי צום קייען.

ווען די פערד הויבן אָן הירזשען, ווערט ער באַגלייט מיטן רעווען פון די קעלבער און מעקעריי פון די קי, און אויך די חזירים טוען נישט וואַרטן צו לאַנג מיט זייער עקלדיקן כרושטשעריי. דאָס אַלץ גיסט זיך צונויף אין איין „סימפאָניע". אין דעם כאָר פּאַסן זיך אַריין די געשרייען און גערוואַלדעס פון די מענטשן — דער רעש ווערט גרויס, טויב צו ווערן.

די סוחרים פון שטעטל גרייטן זיך צום יאַריד אַרויסלייגנדיק די סחורות אויף די שטעלעס אויפן מאַרק־פּלאַץ, און יעדער איינער באַגעגנט די פּויערים (די פּאָטענציעלע קונים) מיט זיין אייגנאַרטיקן געשריי: „פּאַניע, פּאַניע"!

אין מיטן דעם גערודער פירט איטשע דרוקער אַ זעקל זאַלץ פון רוסמאַנס הורט־געשעפט. זיין דאַר פערדל, איינגעשפּאַנט אין עפּעס אַזאַ מין וועגעלע, מיט דריי ברעטער, איינס אויף די פיר רעדער אַרויפגעלייגט אין דער לענג, און צוויי ברעטער אין ביידע זייטן. איטשע זיצט אויבן אָן און האַצקעט זיך אויפן האַרטן שאָסיי מיט די גרויסע שטיינער. דערביי זשאַלעוועט ער נישט זיין פערדל קיין קלעפּ. אַזוי גיך ווי ר' איטשע הערט אויף שלאָגן, אַזוי שטעלט זיך דאָס פערדל אָפּ. ווייל דאָס איז געווען פון יענע פערד, וואָס אָן קלעפּ רירן זיי זיך נישט פון אָרט. די סימנים אויף זיין פעל האָבן דאָס באַשטעטיקט.

אין די הילצערנע געוועלבן אָנפאַנג כעלמער גאַס, שטייט חיים קיכעלע מיט אַ קונה ביי זיינע ערדענע טעפּ. דער ערל קלאַפּט מיט אַ פויסט אין אַ לאַדישקעלע, אויסצוגעפינען, נאָכן קלאַנג, צי די כלי איז גאַנץ.

די טאַנדעטניקעס מיט זייערע סחורות שטייען אין מיטן מאַרק. אויף אַ טישל זעט מען גרויסע גויישע שטיוול פאַר די מאַנספאַרשוינען. פאַר די ווייבער זענען אויסגעשטעלט שיך פון האַרטן לעדער, מיט געלע צוועקלעך אַרומגעקלאַפּט ביי די קנאַפּל.

ביי די שניידערישע טישלעך שטייען גויים און מעסטן די לענג פון די הויזן, אויסציענדיק די הענט אין דער ברייט און האַלטנדיק אין יעדער האַנט אַן עק פון אַ הויז...

אויפן אָרט, וואָס איז ספּעציעל איינגעאָרדנט געוואָרן הינטער דער שטאָט פאַרן האַנדל מיט פערד און בהמות, שטייט חיים־וואָלף אַלעסקער מיט זיינע בנים. אַרום זייער וואָגן זענען אָנגעבונדן עטלעכע פערד. איינעם פון די פערד האָט דער עלטסטער זון, יעקל, דורכגעפירט, און דער צווייטער זון, לייזער, האָט אים אונטערגעטריבן מיט אַ בייטש. חיים־וואָלף — אַ ייד אַ ברייט־פּלייציקער, מיט אַ קורצער באָרד, אַ גוטמוטיקער, אַ פריילעכער — קלאַפּט דעם גוי אויף דער אויפגעשטעלטער האַנטפלאַך און זאָגט אים אַ פּרייז. דער גוי קלאַפּט צוריק און וויל אָפּדינגען. דערווייל באַווייזט זיך

אויף דער סצענע חיים־וואָלפּס בן זקונים מיט אַ פּלעשל, וואָס ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון אַ קעסטל אויפן וואָגן. דערזעענדיק די משקה, האָבן זיך דעם גויס אויגן צע־גלאַנצט און ער „קלאַפּט" צו, אַ סימן, אַז מען האָט גע־מאַכט אַן עסק. — די קליאַטשע איז פאַרקויפט.

נישט מער די פראַגע פון די קליינהענדלער „שטשאָ מאַיעש פּראַדאַטי?" (וואָס האָסטו צו פאַרקויפן). יעדער פון זיי זיצט זיך אין שטוב און ציט אונטער דעם סך־הכל פון פּדיון, און מער דערפון, פון ריווח.

עס ווערט שטיל אין שטעטל, אַ שווערער טאָג פון



מראה כללי של יום יריד בעיירה
אלגעמיינער אויסזען פון א טאג מארק אין שטעטל

אין די נאָכמיטאָג־שעהן קומט דער מאַרק־טאָג צום סוף. די פויערשע וועגענער ציען זיך אַרויס פון שטאָט, מיט אַ ביסל קלענערן געפילדער ווי אין פרימאָרגן, אויך אויף דער ראַגאַטקע איז שטילער געוואָרן, מען הערט

לויפּעניש און האַרעוואַניע האָט זיך געענדיקט, דאָס רוב איינוווינער און בפרט די סוחרים האָבן פאַרדינט אויף דער קומענדיקער וואָך פּרנסה. מען קאָן זיך לייגן שלאָפן מיט אַ פריילעכערן קוק אויפן מאָרגן.

ישראל גרמי (גרימטליכט)

בית המרחץ

בתיאור ההווי של חיי עיירתנו בימים ההם, מן הראוי להציב ציון גם לבית המרחץ, שתפס מקום מכובד וחשוב מאוד בחיי העיירה בכל הזמנים ובכל התקופות. הזיקה וההזדקקות אליו מצד מרבית האוכלוסיה על כל שכבותיה היתה רבה מאוד הן בימות החול, בימי ב׳ וה׳ בשבוע, מצד יהודים חרדים המהדרין במצוות שבאו לטבול במי המקווה הכשרים לטהרת הגוף, ולא כל שכן בערבי שבתות וחג, שבהם נהרו בני העיירה בהמוניהם, מנער ועד זקן, לרחיצת הגוף ברותחין וצוננין.

אניני הדעת, או האיסטניסים מחוגי האינטליגנציה, נפשם סלדה מלהסתופף במערומיהם בתוך הצפיפות הרבה של קהל המבקרים ששרר בבית המרחץ בימי ששי וערבי חג, והעדיפו להתרחץ בימות החול, ולרוב ביום ה׳ בשבוע, שבו היו המבקרים מעטים במספר, הנקיון רב יותר — ואפשר היה להתרחץ גם באמבטיה, תמורת תשלום מיוחד לאיצ׳ המשרת.

גם בימות הקיץ לא פחתה הנהירה לבית-המרחץ, שכן מרוחקת היתה העיירה מרחק רב מנחלי מים או מאגמים, ובתחומה לא היו אלא מספר אמות מים רדודות, שמימיהן שימשו בקיץ מקום כביסה לנשי הפרברים ובחורף מקור לאספקת גושי קרח למרתפי הקירור שבעיירה, בהם נשתמרו עד סוף הקיץ.

במשך הזמן עלתה עוד יותר יוקרתו של בית המרחץ, שכן מכוחו ובזכותו, כביכול, זכתה העיירה בפעם הראשונה בתולדותיה בבאר קדוחה בעומק רב, שמימיה זכים ונשאבים בקלות באמצעות משאבת-יד („דער פלימפ״). כל אלה שהתגוררו ברחובות הסמוכים לבית-המרחץ שאבו את מימיהם מבאר זו ולא נזדקקו עוד לבארות החפורות והשטחיות, שמימיהן לא הצטיינו מעולם לא בטעם ולא בצלילות, ושאיבתם היתה כרוכה תמיד ביגיעה רבה ולא פעם בעגמת נפש, כאשר החבל היה נקרע והדלי היה יורד למצולות. משעות הבוקר המוקדמות ועד שעות הערב המאוחרות לא פסקה התנועה והשאון מסביב למשאבה, וכל קלקול שחל בה היה בא מיד על תיקונו.

חלקה של באר זו שפר בהרבה מחברתה השנייה במניין, שנקדחה ברבות הימים במרכז השוק, ולאחר תקופת שאיבה קצרה נתקלקלה משאבתה, והיא נש־ארה עזובה ונטושה, ובלילות הסגריר של הסתיו והחורף היו העוברים בלב השוק שומעים קול המיה, מעין קול נכאים מסתורי, שהיה בוקע ועולה מתוך זרבוביתה... ה־„פלימפ״ השלישי, בעל משאבת-גלגל, שנקדח ברחוב חלם, פעל כסדרו, אך תפוקת המים שלו היתה קטנה מזו של המשאבה העיקרית, בעלת הידית הארוכה, שליד בית־המרחץ.

תודות למשאבת המים שימש בית-המרחץ, ששכן כבוד קרוב למרכז העיירה בחלק המאוכלס והצפוף ביותר ולא הרחק מבתי-הכנסת, מעין תחנת פרישה נוחה בהלווית המתים: מסלול ההלוויות היה עובר לרוב דרך סימטת בית-המרחץ, ואותו חלק מהמלווים, שלא יכלו מסיבה כלשהי ללוות את המת בדרכו האחרונה עד בית העלמין המרוחק מהעיירה, היו פורשים במקום הזה מקהל המלווים ומטהרים את ידיהם במי המשאבה.

בניין בית המרחץ היה עתיק ימים, רחב מידות, מיבנהו עץ ושתי כניסות היו לו: הכניסה הראשונה מצד דרום-מזרח לגברים והשנייה מצד מערב לנשים, למקווה המיוחד להן.

מראהו היה קודר בחוץ וכל כולו מעין גוש כהה־שחור, שהיה מטיל אימה ופחד על העוברים ושבים בלילות. בכל ימות השבוע היה נראה משמים ונטול רוח חיים, פרט לשעות הבוקר המוקדמות בימי שני וחמישי, שבהן היו באים לטבול במי המקווה החמים מאוד ה„לקוחות״ ה־קבועים המעטים — המשמשים בקודש, כגון הרבנים, הדיין, השוחטים וסופרי סת״ם, וגם מתי מספר של אברכים ובחורים, שהיו פורשים לשעה קלה מלימוד הגמרא ובאים לקיים מצוות טבילה במקווה.

עד היום אזכור את המאמץ הרב, שאני וחברי, מתלמי־דיו של ר׳ יענק׳ל משה פיוול׳ס, מהשטיבל של חסידי ריז׳ין, היינו עושים כדי להיכנס לתוך מי המקווה הרותחים ולהחזיק מעמד בתוכם כעשר דקות ,לפחות׳. מיבצע זה היה בשבילנו מעין אתגר ומיבחן לכושר עמידתנו, ובו רצינו להוכיח לעצמנו שנוכל גם נוכל לעשות אותו דבר שעושים הזקנים, שהיו יורדים ונכנסים למקווה „עקב בצד אגודל" ועולים ממנו לאחר מכן, כשגופיהם נוצצים ומברי־קים בגון הוורוד־האדמדם ודופקם מהיר־מהיר.

אכן, הכניסה למי המקווה החמים מאוד הצריכה סבל־נות ואורך־רוח; אט־אט ובהדרגה היינו מציבים את רגלינו ונזהרים מלזועז במשהו את פני המים, שהיו גורמים לגירויי עור מכאיבים. כאשר הצלחנו כבר להשקיע את גופותינו במים הרותחים עד הצוואר, היינו עומדים מחשים ללא תנועה ומבלי להוציא הגה מפינו מחמת הרגשת החנק שהיינו חשים מסביב לצווארנו; מאזינים היינו לפעימות לבנו המהירות ולדופקו, שחשנו אותו בכל חלקי גופנו.

החל משעות אחה"צ של יום ה׳ בשבוע היה בית־המרחץ מתחיל להראות ,סימני חיים׳: עשן סמיך וכבד היה מיתמר ועולה מפי הארובה, ולאחר־מכן מתפשט ופורץ גם מהחלונות ומהחורים שבגג, עד שנדמה היה כאילו יאחזו בו עוד מעט להבות אש. הבלן איצ׳י ועוזרו איבנצ׳ה הגוי התחילו בהסקת הכבשן לחימום גל האבנים שעל גביו ומסביב לו, שמהם יופקו מחר האדים וההבל להזעה, בחימום המים בדודי הנחושת הגדולים, במילוי העביטים הכרסתניים ושאר כלי־הקיבול במים, ובכל שאר ההכנות לקראת יום המחרת.

בית־המרחץ היה נפתח לקהל הרחב ביום ו׳ החל משעה 12 בקירוב. העשן ואדי הקיטור, שהיו מתאבכים ועולים מכל פינותיו, היו נראים למרחוק ושימשו מעין „קול־קורא" לתושבי העיירה, להזכיר להם, שהיום ערב־שבת וכדאי להזדרז לדבר מצווה ולא להחמיצנה. ריח מיוחד, מעין תערובת של ריחות עשן, קיטור וריח גפריתי של מי המשאבה, יחד עם ריחות מי המדמנה של תעלת הביוב שמסביב לבית־המרחץ בדרך זרימתם אל מחוץ לעי׳, היה נישא למרחוק וחשו בו יפה תושבי הרחובות הסמוכים.

ערב רב של קולות, מהם קולות אזעקה וקריאה ומהם קולות יבבה שונים ומשונים, מעשי קונדס, היו עולים ביום זה מבית־המרחץ; ועל הכל „קולות ענות הגבורה", שהש־מיעו ה„שמייסערס" (המצליפים) בכל פעם, כדי לעודד את עצמם במלאכת העיסוי והשפשוף של ה„פאציינטים" שלהם, ששכבו שרועים על גבי המדרגים העליונים, אפופים אדי קיטור והבל רב עד כדי התכווצותם של אברי הנשימה — המצליפים היו משיבים את נפשם בכל פעם בהתזת מים צוננים מעביטים על גופותיהם הלוהטים וההבילים, ומכאן קריאות האזעקה לעובד המשאבה, עוזר הבלן איבנצ׳ה, שלא יחדל ממלאכתו ולא יפסיק אפילו לרגע מלהזרים מים צוננים מהמשאבה דרך מרזבי העץ לתוך בית־המרחץ.

איבנצ׳ה המסכן, לבו היה נקרע לשניים: מצד אחד תחנוני הנשים בפניו, שיאפשר להן לשאוב מים לצרכי הבית, ומצד שני קריאות האיומים והצעקות: „מים!" „מים!" בלווית דפיקות על זגוגיות החלון, שפנה לעבר המשאבה, מפיהם של המתרחצים. קולות התחנונים של ה„שמייסערס" בכל פעם לשפוך עוד מים על גל האבנים הלוהטות שמעל גבו של הכבשן, כדי להפיק מהן כמויות נוספות של אדים, בקעו ועלו מכל פינות בית־המרחץ ונישאו למרחקים.

וכך היה מראה בית־המרחץ בפנים, על שני אגפיו העיקריים: בפרוזדור הכניסה מצד דרום־מזרח היה איצ׳י הבלן גובה את דמי הכניסה, מחיר שווה לכל נפש, ומספק תמורת תשלום נוסף אגודת זרדים ועביט עץ נקי לכל דורש. מכאן הובילה הדרך לשטח ה„הפקר" — שטח מפולש רחב־ידיים ופתוח לרוחות פרצים, שחצו בין האגף הדרומי, אשר שימש כמלתחה, לבין האגף הצפוני, הוא בית־המרחץ גופא. פתח נוסף מצד מערב של המפולש הוביל לאגף המערבי, בו היה מקום המקווה לנשים. באולם המלתחה היו ספסלים רחבים לכל אורך הקירות מסביב וכן מדפים עליונים, ששימשו הן מקומות ישיבה למתפשטים והן לבגדיהם. כאן היו מתנהלות תמיד שיחות ערות מענייני דיומא וחילופי דברים בין אלה שסיימו כבר את מלאכת הרחיצה לבין אלה שרק עכשיו באו.

בימות החורף מקצרים היו את הישיבה באגף זה מחמת הצינה והיו עוברים בחפזון את השטח המפולש, ששרר בו קור רב ורוחות פרצים היו מנשבות בו מכל עבר. הדלת, שהובילה לבית־המרחץ גופא, היתה נסגרת אוטומ־טית בכוח משיכתה של משקולת כבדה, ופתיחתה הייבה מאמץ לא קטן של שרירי הידיים, שזקנים וזאטוטים לא יכלו לעמוד בו וחיכו תמיד לעזרתם של ה„חזקים".

את הנכנס פנימה היה אופף מיד האוויר הלוהט והמלא אדי קיטור בתערובת קלה של עשן, שהיה גורם לעירפול ולגירויים בעיניים לשעה קלה. כעבור דקות מספר היתה באה ההתאוששות והעין התחילה להבחין באור הדלוח והכהה, המסתנן פנימה מבעד לזגוגיות החלונות המכוסות באדים ונוטפות טפין טפין של מים. מאחת הפינות, אשר בחלק הצר של הכניסה, מהבהב היה אור אדמדם דלוח, שהיה בא מ„נר התמיד" הדולק של ר׳ לייב קראסקה, הספר המושבע של בית־המרחץ מימים ימימה, שלאורו היה מטפל בלקוחותיו: מספר את שערות ראשיהם במספריים ומעניק להם יחד עם מעשה התספורת גם מתועלתם של קרני דאומנא — הלא הם ה„באנקעס", או „כוסות הרוח", היפות לריפוי כל מיני מיחושים וכאבי גב

הבאים מחמת הצטננות. על אף גילו הקשיש היה ר' לייב זריז מאוד במלאכתו: במהירות הבזק היה מצמיד את כוסות הרוח, כחמש־עשרה במספר, בשתי שורות מקבילות לאורך הגב מלמעלה למטה. ובעוד אלה דבוקות וצמודות חזק לגופו של הלקוח, מתחיל היה ר' לייב בידיים זריזות ומגוסות לספר את השערות.

כותל המזרח בבית המרחץ

גם בבית־המרחץ, כמו להבדיל בבית־הכנסת, קיים היה מעין כותל המזרח — כל מעמד למקום כבודו: העגלונים, סוחרי הסוסים והקצבים בריאי הבשר היו תופ־סים את החלק הצפוני־מזרחי של הבית, שהיה קרוב יותר למקום האדים, והם הם שהיו דואגים למעשה להפקתם מגל האבנים והם שמילאו את חלל בית המרחץ בקריאות ההתפעלות והעינוג בשעת מעשה ההזעה והעיסוי במדרגים העליונים אפופי ההבל הלוהט. שם בקירבת התקרה, במקום בו היה האוויר מלא ודחוס אדי קיטור חמים וההבל כה רב עד כדי עצירת הנשימה והרגשת מחנק ממש, היו הם נהנים, משפשפים גופם באגודות זרדים, ומשיבים את נפשם בכל פעם בשפיכת מעט מים צוננים על גופיהם הלוהטים. תוך כדי כך היה פיהם פולט אנחות רווחה, מתוך הרגשת ההתפרקות, עד כדי שיכחה עצמית מלאה. לעומת אלה הסתפקו החנוונים, הסוחרים וכיוצא בהם, שהסתופפו בחלק הדרומי־מערבי של הבית וסמוך למקווה, במדרגים האמצ־עיים. אלה „בילו" את רוב זמנם בשיחות ידידות, כשעביטי־הם המלאים מים פושרים נתונים בין רגליהם והם טובלים בהם מדי פעם בפעם את מטפחותיהם האדומות ומעבירים אותן על פני חלקי גופם — בהנאה רבה ובהשמעת אנחות רווחה והקלה — תוך כדי האזנה והקשבה לשיחת רעים.

קשה להפריז במידת התועלת, שהיו בני העיירה מפי־קים מבית־המרחץ, אשר שימש לא רק לניקוי גופם ולחילוץ עצמותיהם. לא פחות מזה שימש בית־המרחץ מקום לבידור מעט ולשיחות רעים, ובמידה מסויימת גם לבדיחות הדעת ולהתפרקות, ולו אפילו לשעה קלה, מדאגותיהם המרובות שבחיי יום יום. בבית־המרחץ היו משתחררים מן החולין שבחיי יום יום, ומתכוננים לפרוש ולהיכנס לטרקלינה של שבת מלכתא, כאשר ינוחו בחיק השבת ויתענגו מטובה.

ה„רקרוטים"

תקופה של שלשה חדשים ערב גיוסם של בני העיירה לצבא הפולני, נקראה בסלנג העירוני „תקופת הסיגופים". בשלושת החדשים האלה חיה העיירה את חייה הכפולים: ביום שלטו בעיירה המבוגרים — סחרו, עמלו, התרוצצו להוציא מחייתם — ועם רדת החשכה עבר השלטון לידי ה„מגוייסים" בעתיד, והעיירה הפכה לזירת תעלוליהם עד אור הבוקר.

ואכן, הכינוי „תקופת הסיגופים" לא היה לתפארת המליצה בלבד. לא פעם שאלת את עצמך, מניין מצאו כוח לסגפנות זו אותם בני טובים, שלא מנעו מעצמם כרגיל שתים-עשרה שעות של שינה עריבה, ואח"כ התחילו את יומם בלחמניות טריות מרוחות בשיכבה עבה של חמאה. פתאום הרגשת, כי נפלו פניהם של בחורי החמד, לחייהם הוורודות הפכו לאפורות ועיניהם אדמו מחוסר שינה; אכן נוכחת לדעת כי בעקביות עיקשת מנסים הם לצמק את 70 הק"ג שלהם עד לפחות מ־45 ק"ג, כדי לזכות בשחרור מחובת השירות בצבא הפולני.

עם כיבוי אחרוני האורות בעיירה היו ה„רקרוטים" פונים לעבר בית המדרש שעל יד בית הכנסת הגדול, אשר שימש כ„מטה" שלהם: משם היו יוצאים לביצוע תעלוליהם בחשכת הליל ולשם היו בורחים, כאשר השוטר יאשניאק היה בעקבותיהם.

ובהאר השחר יכולת למצוא על דלת ביתו של הרופא גרינברג שלט בזו הלשון: „סנדלר מומחה, מקבל כל מיני תיקונים"; ואת שלט העיריה — על בית מסחר לנעליים. ולסיום התקופה מצאו כרגיל את עגלתו של בנצ'י „דרוקר" רוכבת על ארובת ביתו וסוסתו קשורה לפתח הכלא העירוני.

ועיקר שכחתי: לשחרור מגיוס לצבא הפולני זכו לא דוקא הסגפנים, אלא הבחורים שהוריהם נתנו „מתן בסתר" לרופא ועדת הגיוס.



קבוצת חיילים יהודים מלובומל ששירתו בצבא הפולני ב־טרנוב ב־1925—1924
א גרופע לובאָמלער יידישע סאָלדאַטן וואָס האָבן צוזאַמען געדינט
אין דער פּוילישער אַרמיי אין טאַרנאָוו 1925—1924

דמויות וטיפוסים

טיפן און געשטאַלטן

שלמה־ברוך רובין

פון די „גוטע יידן״ אין שטעטל

אין די חסידישע ספרים איז דאָס אין ערגעץ נישט געבראַכט, נאָר מיין זיידע ר׳ מאיר־אברהם רובינרויט האָט מיר דערציילט ווי אַ זיכערע זאַך, אַז דער בעל־שם־טוב איז איינמאָל געווען אין ליבעוונע.

נסים ונפלאות פלעגט מען ביי אונדז דערציילן אויך וועגן איינעם מיטן נאָמען ר׳ משה מאַנעלעס, וואָס איז געווען אַ תלמיד פון „חוזה״ מלובלין. ער איז געווען אַ גרויסער למדן. זיין פרנסה האָט ער געצויגן פון מלמדות. נאָכן טויט פון „חוזה״ האָט ער אָנגעהויבן צו ווייזן מופתים און מען פלעגט קומען צו אים אַפילו פון ווייטע געגנטן. דאָס שטעטל פלעגט אָפט זיין אַזוי גע־פּאַקט מיט אָנגעפאַרענע יידן, וועלכע פלעגן קומען צו ר׳ משהן, אַז זיי האָבן פּשוט נישט געהאַט קיין אָרט צו שלאָפן.

ביי ר׳ משהן האָט געלעבט ר׳ דוד ספרד, וועלכער האָט געהאַט אַ גלאָז־געשעפט. ער האָט דערציילט, אַז ר׳ משה מאַנעלעס פלעגט פאַרן לערנען מיט זיינע תלמי־דים אָפּט נעמען אַ ביסל משקה אין מויל אַריין. די משקה פלעגט אים אַריינטראָגן איינער פון זיינע תלמידים פון אַ דערבייאיק יידיש שענקל איינמאָל האָט מען אים גע־בראַכט דאָס פלעשל בראָנפן, אָבער ר׳ משה האָט זיך נישט צוגערירט צו דעם. די קינדער האָבן געקוקט אויף זייער רבין פאַרוווּנדערט. מיטאַמאָל לויפט אַריין נישט־טויט, נישט־לעבעדיק דאָס מיידעלע פון שענקער און זאָגט, אַז די מאַמע האָט פאַרגעסן צו טובלען דאָס פלעשל. איצט האָבן אַלע פאַרשטאַנען, אַז ר׳ משה האָט דאָס גע־זען ברוח הנבואה און דערפאַר האָט ער עס נישט גע־טרונקען.

מיטן זעלביקן ר׳ דוד ספרד האָט אויך געטראָפן אַ שטיקל וווּנדער. ער, דוד, האָט געהאַט אַ גלאָז־גע־שעפט, אָבער מיט קיין קינדער האָט אים גאָט נישט גע־בענטשט. ווען ער האָט חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל, איז ער אַלט געווען 68 יאָר, און זיין יונגע פרוי האָט אים געבוירן צוויי קינדער.

אַן אייניקל פון ר׳ משה מאַנעלעס, ר׳ אברהם בר־דוד, פלעגט צוזאַמען מיט מיין טאַטן ר׳ ישעיה האָבן די השגחה אויפן עירוב אין שטעטל, וועלכן זיי פלעגן בודק און מתקן זיין. איינמאָל האָט מען געדאַרפט פאַר־ריכטן דעם עירוב, נישט ווייט פון קלויסטער. ווען זיי זענען געקומען צום אָרט, איז דאָרטן גראָד געשטאַנען דער גלח, האָט ער זיך אָפּגערופן: איך וועל שוין אויפ־פּאַסן אויף דעם — אַ באַווייז פאַר גוטער שכנות און גוטע צייטן.

געווען ביי אונדז, אין מיטן פון די ניינציקער יאָרן, אַ ייד ר׳ לייבוש, אַ חסיד פון טריסקער מגיד. די קינ־דער פון מגיד פלעגן איינשטיין ביי אים, ווען זיי פלעגן קומען קיין ליבעוונע. געווען אַ בעל מדרגה. זיין איי־ניקל, דוד, איז שוין געווען אַ שטיקל משכיל.

אַן אינטערעסאַנטער טיפּ איז געווען ר׳ אהרן־שמואל קנעלער, מחבר פון ספר „מנחת מרחשת״. זיין הויפּט־פרנסה איז געווען צו פאַרקויפן ספרים פון חפץ־חיים. געווען אַ זעלטענער ייד. ער איז געווען אַ שטיקל מקובל. ווען אַלע האָבן שוין געענדיקט דאַווענען, האָט ער נאָך

געהאַלטן ביי קריאת־שמע. ער האָט תמיד געהאַלטן דעם שליסל אויפן שולחן — טאָמער קומט משיח, זאָל ער זיין מוכן ומזומן. ער איז געווען אַ דרשן אַ פלאַם־פייער.

צווישן די לומדים אין שטעטל האָבן זיך אויך גע־רעכנט ר׳ עזריאלקע מלמד, ר׳ משה קלינגל, ר׳ לייבוש ענציעליעס, ר׳ אהרן אייגער, אַ „חוזר", און ר׳ עוזיאל דודלס.

דער גבאי פון דער גרויסער שיל איז געווען ר׳ אב־רהם־שמואל הערץ. אין שיל זענען געווען זעלטענע זאַכן: אַלטע זילבער־פּרוכתן, זילבער־קרוינען, אַלטע לייכטער און — זעלטענע „ידן". מיין עלטער־זיידע ר׳ איציע־שלמה איז געווען גבאי אין שיל 43 יאָר.

עטלעכע יאָר האָבן ליבעוונער יידן געגאַסן פון דעם פּרעכטיקן דאַווענען פון ר׳ יאָסעלע זאַסלאַווער, וואָס איז געווען אַ באַקאַנטער חזן און געדאַוונט מיט אַ גאַנצן כאָר.

מיט אַ יאָר זעכציק־זיבעציק צוריק האָט דער אַלטער שטייגער לעבן געהערשט אין ליבעוונע פון עק צו עק. עס האָט איינמאָל געטראָפן, אַז אַ שטעטלשער בחור איז געקומען פון וואַרשע אָנגעטאָן נישט מיט זיין געוויינלעך חסידיש היטעלע, נאָר מיט אַ קאַפּעליוש. איז ווען ער איז געקומען אין שיל אַריין, דאָס איז געווען שבועות, איז צוליב דעם אויסגעבראָכן אַ גרויס געשלעג. נאָך אַ גליק, וואָס דער בחור איז געווען אַ גבאיס אַ זון, האָט מען ווי עס איז איינגעשטילט דעם טומל.

טאָמער איז געווען אין שטעטל אַ שטיקל משכיל, האָט ער זיך געמוזט באַהאַלטן אין חדרי חדרים מיט אַ בוך, אָדער אַ צייטונג.

ד. פריסטער

ר׳ אהרון שמואל קנעלער


ליבעוונע קאָן זיך נישט באַרימען, אַז זי האָט אַרויס־געגעבן אין דעם לעצטן יאָרהונדערט אַ סך מחברים פון ספרים — רבנישע, אָדער וועלטלעכע. מיר האָבן זיך דערוווּסט נאָר וועגן איינעם אַזאַ מחבר.

דער איינער איז ר׳ אהרן־שמואל קנעלער. אין 1907 האָט ער אַרויסגעגעבן אין לובלין זיינעם אַ ספר מיטן נאָמען „מנחת מרחשת״ — דרשות אין דעם געוויינלעכן סטיל פון דאָזיקן סאָרט רבנישער ליטעראַטור.

קיין גענויע ביאָגראַפישע פּרטים וועגן זיין לעבן האָט זיך נישט איינגעגעבן צונויפצוזאַמלען. דאָס ביסל, וואָס מיר גיבן ווייטער וועגן אים, איז גענומען פון פאַר־שידענע ערטער אין זיין דערמאָנטן ספר.

ווי עס איז צו זען פון דעם שער־בלאַט פון ספר, וואָס מיר גיבן דאָ זיין פאַטאָסטאַט, רופט ער זיך אַליין „אהרן־שמואל קנעלער מליבאַמלע״. אַזוי רופן אים אויך די רבנים, וואָס האָבן געגעבן זייערע המלצות אויפן ספר, ווי אויך דער ליבעוונער רב ר׳ יהודה־אריה אליעזר, וואָס באַצייכנט אים ווי „בן עירי״. אָבער דער אוסטילער רב ר׳ בן־ציון בהר״צ רייציר און דער אוסטילער מו״צ ר׳ צבי דוד ז״ק זאָגן אין זייערע באַזונדערע המלצות, אַז ר׳ אהרן־שמואל איז אַ געבוירענער אין אוסטילע. פון זיי דערוויסן מיר זיך, אַז דעם מחברס פאָטער האָט גע־הייסן משה און אַז „כל ימיו לא מש מתוך האהל ד׳ אמות של הלכה והתורה הולמותו ויראת ה׳ היה חופף עליו כל היום״. ווי מען קאָן זיך אַנשטויסן פון דער הסכמה פון ר׳ צבי־דוד ז״ק, איז ר׳ אהרן־שמואל געקומען קיין ליבעוונע נישט שפּעטער פון אָנהויב ניינציקער יאָרן, און אפשר נאָך פריער.

ר׳ אהרן־שמואל איז געווען אַ דרשן, וואָס פלעגט אַרומפאָרן מיט זיינע דרשות נישט בלויז איבער שטעט און שטעטלעך, נאָר אויך איבער לענדער. אין זיין „הקדמה ופתיחה״ פונעם ספר דערציילט ער, אַז שוין מערער פון צוואַנציק יאָר, ווי ער פאַרנעמט זיך מיט דעם. פון דעם קאָן מען דרינגען, אַז ער איז געבוירן


ספר

מנחת מרחשת

חיבור נחמד ונעים. בדרושים נפלאים. ממאמרים יקרים. ימתוקים כדבש ונופת צופים. בדרך הפרדס חרוזים מהררי קודש יסודם ממדרשים שונים. וממאמרי חז״ל, ומזוה״ק בנוים. מלוקט מפי סופרים וספרים. ובחרוזי זהב בדרך שכל ואמונה בעזה״י קבצתים. את לב בני ישראל משמחים. ולעבודת ה׳ בתו״מ מקרבים. אשר רחשו שפתי תמיד ברבים. בכל עת יחד שבטי ישראל התקבצו בנעימים. ואשר נדרשתי ברב מקומות את נדרי אשלם. לבני גילי אוהבי וידידיי להעלות בדפוס סדר הדברים. בהקדמה ופתיחה לד״ת ושני דרושים מפוארים. ואחריהם יבואו בעזה״ש שבע דרושים נעימים ומופלגים מאתי הצעיר אהרן שמואל קנעלער מליבאמלע.

בדפוס של השותפים

הרבני הגיד מוה׳ משה נ״י שניידמעסער, והגגידה האלמנה מרת נחמה תחי׳ אשת המנוח ה״ר יעקב ז״ל הערשענהארן.

לובלין

שנת תרס״ד לפ״ק

СЕФЕРЪ МИНХАТЪ МАРХЕШЕТЪ

т. е. подарокъ

Коментаръ на несколькихъ мѣстъ въ Библіи и Талмуда.


Типографія М. Шнайдермессера и Н. Гершенгорна

ЛЮБЛИНЪ 1904 г.

דער שער בלאַט פון ספר מנחת מרחשת פון מחבר
אהרן שמואל קנעלער מלובאמלע

געוואָרן אין די פּופּציקער אָדער זעכציקער יאָרן פון פאַר־גאַנגענעם יאָרהונדערט. ער שרייבט דאָרטן, אַז „טויזנ־טער ייִדן האָבן מיך געבענטשט נאָך דער דרשה מיט דער ברכה „יישר כוח" אין עטלעכע מדינות ווו איך בין געוועזן".

פאַרוואָס ער האָט אַזויפיל אַרומגעוואַנדערט, איז נישט קלאָר. אַוודאי האָבן דרשנים זיך נישט געקאָנט האַלטן צו לאַנג אויף איין אָרט, אָבער אַפילו די באַרימטע דרשנים פלעגן זעלטן אַרומפאָרן איבער מדינות. און ר' אהרן־שמואל האָט אַפילו באַוויזן צו זיין צוויי מאָל אין ארץ־ישראל — אין יענע שווערע צייטן, ווען די וועגן דאָרטן זענען געווען בחזקת סכנה. וועגן דעם דערציילט אונדז דער מחבר, אַז „ע"י סיבות שונות נוראים התעו אותי האלהים פעמים מבית אבי וממשפחתי ליסע לארץ הקדושה, וזכיתי פעמים להיות כל שלש רגלים בארץ־ישראל".


הסכמות

בלשון לה... לפעלה טבה יישר חלקו ומלוה לעוזרו
... דבר ... ספרים חידושיו להפילם בישראל א"ד
בלשון קל הכותב יום ב' לחודש מנחם תרס"ב.
כי עבודה **ליבאמלא**.
... ויזכה נאום **יהודה ארי'** בסמכות
...ים בעוה"י מו"ה **אליעזר** ז"ל. דומ"ץ
לשום אדם **בליבאמלא**.
עתו.
...ה הקודשה ולומדי' בעה"ח **ב' וארא** תרס"ב לפ"ק.
ר"ל ז"ל האבד"ק **קאליביעל** בעמ"ח ספר דרך אמונה
זמונה. ותפארת חיים. ומים רבים. ומנרת זהב.

ה' אוצרו. **גם** אני אמלא רצון ידידי עוז הרב החסיד
...יערים. דרשן נפלא מופלג בתורה ויראת ה'
ניכר חופף עליו שמו מפארים ה"ר **אהרן**
רצון. **שמואל** בהרב החסיד המופלא
בתוי"ש מו"ה **משה** ז"ל מילידי קהלתינו.
...יר מקומו טהור. כאשר אביו ז"ל
...אין להאר מדת כיודי. ועולם
...ידול

העתק מצולם מתוך „ההסכמה" של הרב ר' יהודה אריה ב"ר אליעזר (פינקלשטיין) לספר „מנחת מרחשת" של בן־עירנו אהרון שמואל קנעלער

ר' אהרן־שמואל רעדט אַלץ וועגן „סיבות שונות" און וועגן צרות, אָבער ער קלערט נישט אויף, אין וואָס זיי זענען באַשטאַנען. וועגן זיין צווייטער נסיעה קיין ארץ־ישראל שרייבט ער, אַז „נסעתי לכמה צדיקים וגאוני עולם מחמת סיבה גדולה ונוראה שהיה לי" און אַז ער האָט איינעם פון זיי דערציילט „איך שמוכרח אנכי ליסע לארץ־ישראל עבור שנדרתי בעת צרה ע"י סיבות שונות, ואיך שאין לי על ההוצאה".

זיינע אַרומוואַגלענישן און נאָך מער די צוויי באַזוכן אין ארץ־ישראל האָבן משמעות געווירקט אויף אים און אים באַוויגן צו רעדן אין זיינע דרשות וועגן חיבת־ציון, ווי ער זאָגט עס אין איין אָרט פון דער הקדמה: „אז נתתי אל לבי לחקור ולדרוש מה נורא הקלקול והדחקות, אשר גררו עלי, אין זאת כי אם לעשות בית אלהים, להיות קול קורא כשופר פנו במדבר דרך ה' לעשות כיתות־כיתות, אסיפת עם יחד שבטי ישראל לעורר שיפ"ר גמטריא ירושל"ם, להכניס בלבי ובלב ישראל להזכיר חיבת ירושלים".

אַז ער איז געווען געפּלאָגט פון צרות און נויט, אין דעם איז קיין ספק נישט. אויך זיינע אַנצאָליקע אַרום־פאָרענישן מיט דרשות האָבן אים נישט שטאַרק געהאָלפן צו פאַרבעסערן זיין מאַטעריעלן מצב. ער האָט זיך אויך געגומען צו דער פרנסה פון מלמדות. ער דערציילט, אַז „עבור שלא היה פרנסת חוץ ושבתי בביתי בלימוד התלמידים", און אויך דאָס איז אַ קנאַפּע רפואה פאַר חיונה.

ר' אהרן־שמואל איז, ווייזט אויס, געווען נישט נאָר אַ דרשן, נאָר אַ מין מגיד־מישרים, גיכער פון אַלץ שלא על מנת לקבל פרס. ער דערציילט אונדז אין איין אָרט וועגן אלשיך „אשר זכיתי לשתות מימיו הקדושים והנאַ־מנים וללמוד אותם בתוך קהל ועדה". אין אַן אַנדער אָרט זאָגט ער: „אנכי לומד עם מאה אנשים בכל יום".

אַז ר' אהרן־שמואל איז געווען אַ חסיד, אין דעם איז נישטאָ קיין ספק. אין זיינע אַלע דרשות ברענגט ער אָן אַ שיעור רייד פון חסידישע גדולים און רביים. ער דערציילט אונדז אויך וועגן באַגעגענישן מיט באַקאַנטע חסידישע פערזענלעכקייטן, ווי „מרן הצדיק הקדוש וטהור מופת הדור ר' אברהם המגיד מטריסק", „אדמו"ר קדוש וטהור רבינו יהודה ליב אייגר מלובלין", „מרן הקדוש וטהור נזר תפארת ישראל ציס"ע ר' דוד־משה שליט"א הרב מטשאָרטקאָוו", „אדמו"ר של התורה, בוצינא קדישא חסידא ופרישא גדול מרבן שמו רבינו צדיק הכהן מלובלין".

אין איין אָרט דערמאָנט ער, אַז ער האָט געהאַט באַך אַ חיבור מיטן נאָמען „לקט השכחה", וואָס איז, משמעות, געבליבן אין כתב־יד.

וועגן דעם „מנחת מרחשת" איז כדאי צוצוגעבן דעם אינטערעסאַנטן פאַקט, אַז מען קאָן זייער זעלטן אָנטרעפן ערגעץ־ווו אַ נאָטיץ וועגן דעם דערשיינען פון בוך. אין דער גרעסטער ביבליאָגראַפיע פון העברעאישע ספרים, אין „בית עקד ספרים" פון פרידבערגן, איז דער ספר נישט נאָטירט. מען קאָן אים אויך נישט געפינען אין די קאַטאַלאָגן פון די גרעסטע יידישע ביבליאָטעקן אין ניו־יאָרק.

ווי לאַנג ר' אהרן־שמואל קנעלער האָט געלעבט אין ליבעוונע, און ווען ער איז געשטאָרבן — האָבן מיר נישט קיין שום ידיעות.



רחבת בית־הכנסת הגדול ומשמאלו בית הכנסת של ה„מתעסקים"
דער שול־פלאַץ און דאָס „מתעסקים־שטיבל" פון דער לינקער זייט

יעקב הטמן

הרב ר' פנחס אוסלקה

הרב פנחס אוסלקה היה במידה מסויימת „נטע זר" בעירנו. בצורתו ובדיבורו הוא היה „פולני", איש פולין המערבית, בין הווהלינאים, בני מזרח פולין. רוב יהודי העיר היו ממוצעי־קומה ורחבי־גרם, ואילו הוא היה גבוה וצנום, בעל מראה סגפני במקצת; רוב יהודי העיר לא הקפידו בכל ימות השבוע על צורתם החיצונית, ואילו הוא היה תמיד מצוחצח ומבריק; הוא בלט גם בידיעתו את השפה הפולנית — דבר „מפליא" אצל רב; הוא בלט גם בסלסול המיוחד של פיאותיו הארוכות, בצורת שפופרות, שהיו תלויות ומתנועעות כקפיצים משני צדי פניו; ספק גם אם הרב אוסלקה היה „חסיד" של „רבי" כלשהו (אם כי תומכיו העיקריים היו חסידי ריזשין), בעוד שרוב יהודי העיר היו חסידים. כל זה גרם לכך, שהעריכו אותו ואת למדנותו ואת אישיותו — אך בביתו לא תמיד הרגישו „כמו בבית". ידוע היה בעיר, כי אין השפע מצוי בביתו, אך בני משפחתו כולם הקפידו על הברק כלפי חוץ, על הופעה ללא רבב. השכר הרשמי, שקיבל מוועד הקהילה, לא הספיק לפרנסה, ורק הכנסות הרבנות הצדדיות מ„דין תורה", חופה וקידושין ומכירת־המץ היו מאזנות במקצת את התקציב — רק במקצת, משום שמספר תומכיו



קבלת פנים מסורתית בלחם ומלח לארכיבישוף הקתולי ע"י נכבדי העיר
ובראשם הרב ר' פנחס אוסלקה והדיין ר' לייבל מלמד
א טראדיציאנעלע אויפנאמע מיט ברויט און זאלץ פאר דעם קאטוילישן ארכיבישאף
דורך די פארשטייער פון דער שטאט

לא היה מן הגדולים בעיר. זוכר אני, שאבי היה תומך בשלושת הרבנים גם יחד, ולמשל, בערב פסח היה „מוכר את החמץ" לכל אחד מהם בנפרד, וכמובן, משלם לכל אחד דמי־מכירה לכבוד החג.


באחת ההזדמנויות, כאשר אבי סיפר לרב אוסלקה שאני לומד לקראת בחינות כניסה ל„ישיבת חכמי לובלין", הציע לו הרב שאבוא ללמוד אתו — ואולי ייבנה מזה גם בנו יחיאל (חילק), שלא היה מן המתמידים הגדולים. וכך קרה, שהתחלתי לבוא כל בוקר, בשעה מוקדמת למדי, לביתו של הרב, ושם היינו יושבים ולומדים מספר שעות ליד השולחן הגדול שבחדר האורחים — הרב בראש השולחן, חיליק בנו מצד אחד ואני מצד שני. למדנו מסכת חולין עם התוספות, עם המרדכי ובית יוסף, וכל הבעיות הסבוכות של הלכות שחיטה היו מרחפות באוויר — ואז הכרתי את הרב אוסלקה בבקיאותו ובחריפותו ובכושר ההסברה שלו. להלכה „למדנו ביחד", ולמעשה הקדיש הרב זמן רב לבירורים ולהסברים, במיוחד כדי לעורר ולעודד את בנו חיליק. מובן מאליו שלא עלה על הדעת „לשלם" לרב, אך אבי ניצל את ההזדמנות, ובמסגרת ה־מתנות לחגים שלח לרב שק סוכר.

על למדנותו הגדולה של הרב אוסלקה ידעו בעיר, למעשה, רק בזכות מספר אנשים בודדים, אשר להם היה אתו שקלא וטריא בהלכה. בשביל המוני העם ידוע היה יותר בתור נותן השעור ב„עין יעקב" בשעות בין הערביים בבית המדרש הגדול. מזמן לזמן היה גם דורש בציבור, כמו בשבת הגדול ובשבת שובה, ואז היה מתגלה כנואם מוכשר ומעניין. עם זאת חסרה היתה לו ההתלהבות של הדרשן העממי, או ההתלהבות החסידית. כמו בחייו כך גם ביחסיו עם הציבור היה הוגן, שקט, אדיב, אך „מרוחק" במקצת. לא היתה בו גם מידת הפאנאטיות, שהיו מוצאים אצל רבנים בתקופה ההיא, והדבר השתקף גם בהתנהגות של בני משפחתו. גם בתו זלדה, שנישאה אח"כ ללאקס, וגם בתו ברכה, שנישאה לשמואל פוקס, נחשבו בין בנות העיר היפות, והן היו באות בחברת בנים ובנות, שלא היו מן האדוקים ביותר. הבן הגדול מלך, שהקפיד תמיד על מגפיו שיהיו מבריקים, התחבר דוקא עם חברים „חפשיים". מן הבן יחיאל קיווה, כנראה, הרב לדתיות מופגנת יותר, אך לא היו סיכויים רבים, שיוכל לרשת את כסא הרבנות. אפשר לומר כי הרב אוסלקה היה, מרצון או שלא מרצון, מעין ר"ב מודרני, כמו הרבנים הצעירים של ימינו; בעל השכלה תורנית וחילונית, הופעה נאה, כושר דיבור, וגם עסקנות פוליטית יהודית־עולמית. הרב אוסלקה לא התערב כלל בקלחת הפוליטית הקטנה בעיירה ולא צידד במפלגה זו או אחרת — ופתאום הופתע לשמוע, שהוא נוסע כציר לקונגרס של ההסתדרות הציונית החדשה בווינה ב־1935. הדור הצעיר, גם המתנגדים להצ"ח ולרעיונותיה הפוליטיים, התחילו לראות ברב אוסלקה רב „משלנו", רב ציוני פעיל, בעל מעמד בקנה־מידה של תנועה עולמית; אלא שרתיעתו מעסקנות מקומית — אולי כדי למנוע מחלוקת — לא הפכה את נסיעתו לקונגרס בווינה למנוף והתחלה לפעילות ציונית שלו בעיר. כמקודם המשיכו לראות את הרב אוסלקה צועד לו יום־יום, במתינות ובאצילות מביתו שליד פינת כיכר השוק אל בית־המדרש הגדול שמעבר לצד השני של הכיכר — ובחזרה. בודד היה צועד.

שמואל פוקס

על הרב אוסלקה

סיפור הצלתם של יהודי העיר לובומל מידי כנופיות הפורעים־הרוצחים הבאלאחובצים, קשור באישיותו של הרב פנחס אוסלקה. עם פלישתו של צבא הבולשביקים לאזורנו בשנת 1920, הצטרפו לצבא הפולני הנסוג כנופיות



משרידי צבא פטלורא וביניהם הבאלאחובצים, ע״ש הגנרל באלאחוביץ הידוע לשמצה שעמד בראשם. תוך כדי עזרתם כביכול לצבא הפולני במלחמתו נגד הבולשביקים, עסקו הללו במעשי שוד ורצח של האוכלוסיה היהודית.

מהכפרים שבסביבה התחילו להגיע ידיעות מחרידות על רצח ושוד, על מעשי אונס, לקיחת בני ערובה ועל התעללות בגופות המתים על ידי כנופיות המרצחים והבריונים הכפריים שהצטרפו אליהם. בינתיים נפוצה שמועה כי חלק מגייסות צבא הבאלאחובצים עומד לעבור דרך העיר בדרכם לחזית. חרדה רבה אחזה את בני העיר היהודים. הרב פנחס אוסלקה, שזה־לא־כבר בא לכהן כרב דמתא, הראה יוזמה ותושיה למניעת האסון. תודות לשפה הפולנית שהיתה שגורה יפה בפיו הוא מצא שפה משותפת עם הכומר הקאתולי, ושניהם פנו בראש משלחת של נכבדי העיר היהודים אל מפקד הצבא הפולני באזור, בבקשה למנוע את כניסתם של גייסות הבאלאחובצים, שעמדו כבר ממש בשערי העיר. לצורך זה דרוש היה סכום כסף גדול לכפר את פני המפקד. במהירות הבזק נערכה מגבית לשעת חרום והושג הכסף לתשלום הכופר.


עוד זמן רב התהלכו בעיר הסיפורים, כיצד צעדה ברחובות העיר בשעה הגורלית המשלחת ובראשה הקסונדז הקאתולי בגלימתו השחורה, והרב היהודי בקאפוטה ושטריימל כשכל העיר עוקבת בחרדה אחר מאמציהם להציל את העיר מפרוגרום.

הרב אוסלקה שמוצאו מהעיר מוגלניצה בפולין, הוזמן בשנת 1919 על ידי חלק מהאוכלוסיה בעיקר על ידי חסידי ריזשין וראדזין, המתעסקים ומתפללי בית המדרש הגדול להיות רב בעיר לצידם של הרבנים האחרים ר׳ אריה לונדון ור׳ לייבל מלמד (הדיין). הרב אוסלקה היה צעיר לימים, בעל מרץ וגם בעל השכלה חילונית, והוא הטביע את חותמו על העיר. הוא כיהן בתפקידו כרב בעיר עד שנת 1938, כאשר נקרא לחזור לעירו מוגלניצה ולשבת שם על כסא הרבנות אחרי פטירת אביו הרב גבריאל אוסלקה.

אחרי הכיבוש הגרמני הועברו כל יהודי מוגלניצה לגיטו ווארשה, ושם נפטר הרב פנחס אוסלקה. מכל בני משפחתו נשארה בחיים בתו ברכה פוקס, שעלתה ארצה עוד לפני פרוץ מלחמת העולם השנייה והיא חיה עם משפחתה בתל־אביב.

דער בירגערמייסטער

ר׳ דוד ווייצפּרוכט (לאָנדאָן) איז געווען באַקאַנט אַלס דער בירגערמייסטער, ווייל ער איז געווען דער איינציקער יידישער בירגערמייסטער פון לובאָמל אין די צייטן פון דער עסטרייכישער אָקופּאַציע אין דעם ערשטן וועלט־קריג. ר׳ דוד איז געווען דער זון פון וואָיסלאַוויצער רב ר׳ יאָשע לאָנדאָן און ברודער פון ר׳ לייביש



ר׳ דוד ויצפּרוכט
(דער בירגערמייסטער)

לאָנדאָן, דער לובאָמלער רב. ער איז געווען אַ גרויסער למדן און בעל סמיכות אויף רבנות, און מען האָט דערציילט, אַז אין אמתן האָט ער געדאַרפט זיין רב, אַנשטאָט זיין ברודער.

זייענדיק אַ סוחר האָט ער דאָך אַלע יאָרן זיך אָפּגעגעבן צום לערנען, סיי מיט עטלעכע מענטשן, סיי מיט יינגערע לומדים אין קאָצקער שטיבל. ביז היינט שטייט פאַר מיינע אויגן דאָס בילד ווי זייענדיק איינער פון די יונגע לומדים אין קאָצקער שטיבל, צוזאַמען מיט אלתר לאָנדאָן (שפּעטערדיקער רב אין שטאָט), אשר ווייצפּרוכט און יצחק ווידרע, פלעגן מיר אויפשטיין 4 פאַרטאָג און קומען אין שטיבל הערן אַ שעור פון ר׳ דוד בירגערמייסטער. אין דרויסן איז געווען פינצטער און קאַלט אָדער אַ שניי פלעגט פאַלן, און אין שטיבל האָט מען אָנגעצונדן דעם אויוון — און פּלוצלינג עפנט זיך אויף די טיר און עס קומט אַריין ר׳ דוד, אָנגעטאָן מיטן עלעגאַנטן פּוטער, און שטייענדיק ביי דער טיר הויבט ער אָן בלאָזן פון זיך נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל און קוקט מיט שטרענגע בליקן אויף די פּאָר יינגלעך, וואָס וואַרטן אויף אים. ער האָט כמעט נישט גערעדט, נאָר גלייך צוגעגאַנגען צו דער גמרא און אָנגעהויבן זיין שיעור מיט תוספות און אַנדערע מפרשים, פרעגנדיק פון צייט צו צייט איינעם אָדער דעם צווייטן צי מ׳האָט פאַרשטאַנען.

בכלל האָט מען געהאַלטן, אַז ר׳ דוד איז איינער פון די דריי גרויסע למדנים אין שטאָט, די צוויי אַנדערע, זענען געווען ר׳ יעקל־משה פּייוועלס (נאָטאַנזאָן) און דער רב ר׳ פּנחס אָסעלקאָ. אַז ס׳איז געווען אַ שווערע קושיא אין הלכה אָדער אין תלמוד, פלעגט מען זיך ווענדן, פאַרשטענדלעך, אויך צו ר׳ דודן.


ר׳ דוד איז געבוירן געוואָרן אין 1877 אין וואָיסלאַוויץ, און ער איז געוואָרן אַ לובאָמלער איינוווינער, ווען ער האָט חתונה געהאַט אין 1898 מיט גיטל סאַנדעלשטיין, ר׳ משה־אשרס טאָכטער. כדי זיך צו באַפרייען פון דינסט אין רוסישן מיליטער איז ער אַוועק קיין בענדין און דאָרט האָט ער געטוישט דעם פאַמיליע־נאָמען פון לאָנדאָן אויף ווייצפּרוכט. אַ שטיקל צייט נאָכדעם האָט ער געוווינט אין דאָמבראָוואַ־גורניטשאַ, און אין דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג, אין 1916, איז ער צוריקגעקומען קיין לובאָמל און נאָמינירט געוואָרן דורך די עסטרייכער אַלס בירגערמייסטער פון שטאָט. ווען פּוילן איז געקומען צו דער מאַכט אין לובאָמל, האָבן די קאָצקער חסידים אים פאַרגעלייגט צו ווערן רב פון שטאָט, אָבער ער האָט מוותר געווען און פאָרגעלייגט מ׳זאָל ברענגען זיין עלטערן ברודער ר׳ לייבוש לאָנדאָן און אַזוי איז טאָקע געשען. ר׳ דוד אַליין איז געבליבן אַלע יאָרן אַלס סוחר. אין צווייטן וועלט־קריג, אָנהויב 1940, האָבן די רוסן אים געצוווּנגען צו פאַרלאָזן לובאָמל און פאַרבאָטן אים צו וווינען נענטער ווי 20 קילאָמעטער פון דער גרענעץ. ער האָט זיך באַזעצט אין מאַציעוו און דאָרט האָבן אים די דייטשן געהרגעט אין 1942.

י. ה.

נתן תכלת (בלומן)

המלמדים בעיירה

חוק לימוד תורה כחוק חובה לא היה קיים בעיירתנו לובומל, עד קום מדינת פולין. אך היה זה אצל הורינו מעין חוק „חובת־הלבבות" ללמד את בניהם תורת ישראל, וחוק זה חזק היה מהרבה חוקים, ועליו מסרו את נפשם וקיימוהו במאמצים רבים, עד כדי מניעת פת לחם מפיהם. בהגיע הבן לגיל שלוש, היתה השמחה רבה בבית



המלמד ר׳ מנדל פרכטר

ההורים. יום זה נחוג ברוב ששון כיום הולדת וכיום ראשון בחיי היהודי הקטן, שבו הוא נכנס בעול המצוות של לימוד תורה.

מאז יום זה לא היה ילד ככל הילדים, אלא מועמד קטן למשימה גדולה וכבדה. לעתים נדמה לי, שיום הגימל היה בחיי ילדי לובומל חשוב יותר מיום היוד־גימל — כי ביום מלאות ג׳ שנים נחרץ גורלן של שנים רבות בחיי פעוטות רכים בשנים.

מעתה נוף אחר ועולם אחר, רקע אחר וסביבה אחרת. כל שלובומל שמו אינו אלא מקרה. אנחנו מצווים להיות שתולים בקרקע אחרת, שנופה אחר וסביבתה אחרת, מתחילים בספר ויקרא, הוא „תורת כוהנים". לא רק לימוד כאן, אלא תורה, מעשים ודרך ארץ, תורה שהיא ראשית ואחרית. עם מחולק לישראל, לוי וכוהן, וכל אחד משובץ במשבצתו, יעודו ומזלו.

כשאני חושב עתה, במרחק הימים, על מלמדי בלובומל, שהיו יהודים קשי גורל בתוך „עמך", הם נראים בעיני כענקי המאמץ הנפשי. אולי לא הרבה למדנו מהם, אך התלהבות של חובה וקיום מתוך מצוקה, זאת למדנו מהם במידה ניכרת.

כאשר אני חושב עליהם, אני זוכרם מוכים ומובסים בחייהם, וזוקפים קומתם רק בד׳ אמות של דרדקיהם. כאן הם הופכים לגורם, כאן הם מקיימים מצוות של קיום האומה, וכאן הם עומדים איתנים על הקרקע. אזכיר אותם בשמותיהם: ר׳ יענקי ניצ׳עחעס; ר׳ משה יוסיליי׳ס; ר׳ הרש מקוריטניצה (בכינויו „די קרומע יאדע"); ר׳ מנדל, חתן השוחט חיים הרש; ר׳ נאטל מלמד (פייגין); ר׳ אברהם דער פוילישער; ר׳ הרש בארשט. כולם מלמדי, וזכרונם חרות על לוח לבי לטובה. כל שם הוא גיל. הראשון 3 — 6, השני 6 — 7, השלישי... הרביעי, וכך כולם: שנים, תקופות וחובות.

אצל המלמד הראשון ר׳ יענקי ניצ׳עחעס נתוועדתי אל ה„קנצ׳יק" — מקל שבקצהו שלוש רצועות עור, מין מגלב מתוצרת עצמית, שהיה מיועד להרתעה בלבד. איני זוכר שהוא השתמש בו ממש. היינו אז פעוטים, רכי נפשות, ור׳ יענקי, והוא כבר אז מופלג בשנים, קפדן אך טוב־לב, רב היה נסיונו עם ה„דרדקי", וחן של חמימות היה נסוך על פניו.

ביתו עמד בקרן הרחובות תיאטרלנה ומיאנסנה, מול ביתו של ר׳ יוסף חיים צין הרצען, והכניסה היתה דרך המרפסת מול ביתו של ר׳ חיים איסר הפרוון. בבית זה היתה מאפיה למצות שהיתה פועלת מדי שנה בשנה מפורים

עד פסח, ושם למדתי בעודי ילד להחזיק גלגל־שיניים שכזה לנקב בו את המצות שלא יתפחו חלילה.

המלמד השני שלי היה ר׳ נתן האמנעצער. אצלו למדנו להרכיב הברות ומלים, לברך ברכת השכמה „מודה אני לפניך״ — אחרי שנטלנו ידינו על קצות האצבעות והצפרניים ונזהרנו ב„נעגל וואסער״. גם חומש התחלנו אצל מלמד זה. כאמור, התחיל מאורע חשוב זה בלימוד תורת כוהנים מתוך ספר „ויקרא״, ולכבוד המאורע נערכה לרוב סעודת מצווה בביתם של הילדים בעלי היכולת.

שונה מן השניים הראשונים היה המלמד השלישי, ר׳ משה יוסיליס. צעיר היה מקודמיו, קרוב לנפש חניכיו, אהוב ומקובל עליהם ומפיק חיבה לכולם. בזכרוני אראנו מסודר ורציני במילוי חובותיו ויחד עם זאת מחייך ושקט ומבין לרוח כולנו. היו לו כל התכונות היוצרות את הפדגוג האמן, המכיר כל אחד ואחד מחניכיו ויודע להתאים גישה ושיטה כדרוש להם, ויחד עם זאת להשרות אווירה של ליכוד בין החניכים.

מפי מלמד זה שמענו מדי שבוע בשבוע שעור במשנה. המשנה הראשונה היתה „המניח את הכד ברשות הרבים״ (בבא קמא א׳), ואחר־כך כל שבוע משנה אחרת. כשגמרנו את בבא קמא התחלנו בבא מציעא. גם מסכת גטין למדנו אצלו.

הוא לימד אותנו גם את תורת הכתיבה וראשית החשבון. היה לו כתב־יד נאה וברור, ממש קליגרפי. הוא היה כותב על דפי נייר דו־שורתי בעפרון את האלף־בית באותיות עגולות, ואנו התלמידים עברנו על האותיות בעט טבול בדיו סגולה. הדיו היתה צריכה לכסות את קוי האותיות בדיוק נמרץ, לא להגביה ולא להנמיך, ואבוי לאותו תלמיד, אשר חרג מן הקווים.

אך עיקר גדולתו היתה בהברת פרשת השבוע, שהפכה אצלו ליצירה סיפורית בפני עצמה. רוח גדולה עברה בכיתה, כאשר הפליג אל מרחקי המקרא ויקרבם אלינו, כאילו הם הם העיקר, וכל מה שהיה עד כה וכל שמסביבנו אינו קיים ואינו אלא תעתועי דמיון.

ואחרון מלמדי, ר׳ הירש מקוריטניצה (דער קאריטני־צער רבי), או בכינויו בפי התלמידים „די קרומע יאדע״, כי כף ידו היתה עקומה. גם מבחינת גישתו ויחסו לתלמידיו היה כעסן, עיקש וקשוח־לב. מדקדק היה עם התלמידים בכל, גם בכל שהיה שייך ללימודים וגם בכל הנוגע לתפילת בוקר ולפרשת השבוע. אם החסרת מלה או טעית בהיגוי של תנועה אחת, מיד קיבלת „זבנג״: גוי שכמוך. חכה, שם למעלה תקבל מנה אחת אפיים, בשרביט אש יצלו את גופך״.

מלמד זה היה מספר סיפורי בלהות ודיכא את רוחם של תלמידיו. אך עם זה ידע לתאר בצורה דרמטית את



המלמד
ר׳ משה
(יאסעלעס)
פוורוזניק

הדמויות התנ״כיות. את ספרי הנביאים אסור היה ללמוד, אך את הכתובים כן. ביחוד אהב ללמד את המגילות — כל אחת בזמנה.

עם כל הקפדנות של מלמד זה, ספגו וקלטו התלמידים של הימים ההם את כל הריחות הנעימים והטעמים הערבים של ניגוני המגילות השונות, מגילה מגילה וניגונה. מיוחד במינו היה טעמה של מגילת „רות״, אותה למדנו שבוע לפני חג ה„שבועות״. הרגשנו את ריח השדות של בית־לחם ויהודה, והלכנו עם רות אחרי הקוצרים...

תחושות מסוג אחר ספגו הנפשות הרכות כשלמדו את „שיר השירים״, ושרו את דברי הפתיחה בניגון המקובל של הימים ההם, על שלמה, שהיה מלך בן מלך, צדיק בן צדיק וכו׳. הבינונו את ברית האהבה בין כנסת ישראל ובין אלוהי ישראל, והתבשמנו מניחוחה של ארץ ישראל, גם בשעה שישבנו בחדר הצר והמחניק שברחוב שקאלגה. פעורי־פה, שקועים בעולמות לא לנו, היינו כולנו מלאי געגועים לארץ הקדושה בעקבות הפסוקים הנפלאים של שיר השירים.

שבתאי לנגר ז״ל

ר׳ משה יצחק כגן



ר׳ משה יצחק כגן, מנהל התלמוד־תורה שבעיר, היה דמות מופלאה, ואין ספק, שהוא זכור עדיין לשרידי תלמי־דיו שלמדו מפיו תורה.

השפעתו על התלמידים היתה גדולה מאוד. הוא היה מהראשונים, שהתחיל ללמד עברית חיה בצורה מודרנית וגם לדבר עם התלמידים עברית. כן לימד את תלמידיו היס־טוריה של העם היהודי. על כן אין פלא שרוב תלמידיו הצטרפו לתנועות הציוניות השונות.

ר׳ משה יצחק היה יליד העיירה אופאלין, אך הגיע בנעוריו ללובומל ונשתרש בה, ובמהרה נתחבב על הכל. הוא היה בעל כשרונות מגוונים, במיוחד בשירה ובדקלום. כאשר היה עובר לפני התיבה בראש־השנה בבית־הכנסת הגדול, באו המונים לשמוע אותו, כי היה לו קול ערב וחזק. הוא היה בעל־קורא טוב, ורוב תלמידיו ידעו היטב את טעמי־המקרא.

ר׳ משה יצחק הוסיף לקיים קשרים עם תלמידיו גם כשהתבגרו, וכולם חלקו לו כבוד רב כמחנך דגול ואהוב.

ברוך־מענדל פרעכטער

ערשטע ליבעוונער קינדער שולע

אין ליבעוונע, ווי אין אַלע שטעטלעך פון פוילן, איז געווען אַ תלמוד־תורה, וווּ עס האָבן זיך געלערנט די אָרעמע קינדער, וואָס זייערע עלטערן האָבן נישט געקאָנט צאָלן קיין שכר־לימוד פאַר זיי. די „חברה תלמוד־תורה" אין שטעטל האָט געקליבן געלט פאַרן דאָזיקן צוועק און געצאָלט די דריי מלמדים, וואָס האָבן געלערנט אין דער תלמוד־תורה.

די גבאים פון דער „חברה תלמוד־תורה" זענען גע־ווען ר׳ יעקב־ישעיה ערליך, משה אפעלדמאַן, יודל צוויק און נפתלי גדליהס (נפתלי מעריין).

די קינדער פון דער תלמוד־תורה פלעגן נישט לער־נען אַלע אויף איין אָרט. זיי פלעגן גיין צו די מלמדים אין די הייזער און דאָרט לערנען.

לויט דער איניציאַטיוו פון משה אַפעלדמאַן, האָט די חברה אָפּגעדונגען ביי ר׳ שמאי זיידל אַ גרויסן זאַל און דאָרטן געמאַכט די תלמוד־תורה. פון דעמאָלט אָן איז געוואָרן אַ סך בעסער דאָס לערנען, ווייל אַלע קינדער פלעגן זיין אין איין אָרט. מען האָט זיי אַלעמען געהאָט אויפן אויג און מען האָט געקאָנט בעסער אויפפּאַסן אויף זיי.

משה אַפעלדמאַן, וואָס איז געווען אַ געבילדעטער מענטש, האָט זיך אָבער נישט געוואָלט באַנוגענען נאָר מיט דער תלמוד־תורה, ווּ די קינדער האָבן געלערנט נאָר לימודי־קודש. ער האָט געוואָלט, אַז מען זאָל דאָרטן לערנען אויך אַ ביסל לימודי־חול. דעריבער האָט ער זיך געשטעלט אין שריפטלעכער פאַרבינדונג מיט דער באַקאַנטער „חברה מפיצי השכלה בישראל" אין פּע־טערבורג וועגן פאַרוואַנדלען די תלמוד־תורה אין אַ פאָלקס־שולע, ווּ מען זאָל לערנען סיי יידישע, סיי אַל־געמיינע לימודים.

שמואל רויטר ז״ל

דמויות

מתוך הערפל של העבר והשכחה מופיעות דמויות של יהודים בלובומל שבאות ותובעות להציג להן ציון לדורות. אחת מהן היא של האיש הטהור וזך־הנפש מוטל קרייזר, שכל חייו הוקדשו למצוות הקרן־הקיימת־לישראל. כמה עמל לקיים מנין לתפילה כדי להתרים למען הקק״ל את הקרואים לעליה־לתורה; כמה טרח בעבודת המשרד ה־ארצי־ישראלי לעלייה, שהתמסר לו בכל לבו שלא על מנת לקבל פרס.

דמות בולטת שניה היא זאת של ר׳ לייבל דיין, שעסק גם בצרכי ציבור. איש טהר־מידות היה ובעל לב יהודי חם. הוא הקים מוסדות־עזרה שונים בעיר ובכלל זה את בנין לינת־צדק ואת הוועד לחלוקת מעות חיטים.

מכובדים היו העסקנים ר׳ דויד וויינר ור׳ שלמה סאמט שעמדו בראש קרן היסוד והיו בין מייסדי קרן גמילות חסדים. מי כמוני ידע את מסירותם ואת אהבת ישראל, שפעמה בליבם, וכיצד דאגו לתמוך בנזקק בצנעה, שלא ייעלב חלילה.

לר׳ חיים באראן אני חייב תודה אישית. בשבת לפני עלייתי ארצה בא ר׳ חיים באראן למניין הקרן־הקיימת־לישראל וביקש ממני שאסור אליו הביתה, כי ברצונו לשוחח עמי לפני נסיעתי. מפני דוחק הזמן, כי עם יציאת השבת צריך הייתי לעזוב את העיר — נגשתי אליו אחר התפילה לשם פרידה חפוזה, אך הוא סגר עלי את הדלת וגזר עלי לגשת אל הארון ולקחת כסף להוצאות הדרך. הוא התיר לי לחלל את השבת למען מצוות עלייה לארץ־ישראל. כש־סירבתי לקחת, ניגש בעצמו לארון והוציא שטרות כסף בסכום של מאה וחמישים זהובים, תקע אותם בכוח בכיסי ואמר: זה חלקי בא״י. הבנתי שגם הידיים הנסתרות של ר׳ דויד וויינר ור׳ שלמה סאמט היו בזה.

קבוצת עסקנים אחרת היו ידידי מהבנק העממי („בנק לודובי״), ובהם יו״ר הנהלת הבנק שמואל גטמן וחברי ההנהלה משה פוקס, יצחק לייב בלומן, לייזר פינקלשטיין, שלמה רייז ומוטל פריוונר (מנהל הבנק). בזכותם הצליחו



פעילי קרן היסוד בעיירה
מימין לשמאל: שלמה סאמט, מוטל פריוונר, שליח קרן היסוד ש. רוזנהק ודוד וינר

מיטגלידער פון קרן היסוד קאמיטעט מיטן שליח ש. רוזנהאק

רבים מיהודי העיר להחזיק מעמד בשעת משבר, והכל סמכו עליהם שיידעו לשמור סוד.

מוסד מיוחד במינו היו אותו „פרלמנט״ כביכול ב־„טריסקר שטיבל״, שבו היה לייבוש בלומנצווייג מנצח על הדיונים הנרגשים בכל ענייני הציבור.

דמויות אלו הן אך מעטות ובודדות מתוך שורה ארוכה של אנשי ציבור, אשר שירתו באמונה את בני עמם ועירם.

וועלוול רויזמאַן

ליִבעוונער מעכאַניקער־ספּעציאַליסטן

דער הינטערשטער טייל פון שלמה־חיים „קיטערס" (סאָבעל) הויז, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אויף מיעסנאַגעסל, האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסע שטאַל. דאָרטן איז געווען אויפגעשטעלט אַ „סיטשקאַרניע", געשלעפּט דורך אַ פערד, וואָס האָט געשניטן „סיטשקע" פאַר די בהמות. „סיטשקע" האָט מען גערופן צעשניטן שטרוי, וואָס האָט געדינט פאַר צוזאַמענמישן מיט גערשטן אָדער האָבער, ווי פאַשע פאַר די בהמות, און אַ „סיטשקאַרניע" איז געווען דער אַפּאַראַט, וואָס האָט צעשניטן דאָס שטרוי.

אַזוי ווי דער גרעסטער טייל פון די ליִבעוונער בעלי־בתים האָבן געהאַט אייגענע בהמות, האָבן זיי געמוזט קויפן יעדן טאָג אַ זאַק מיט „סיטשקע" פאַר זייער קו אָדער פערד, איז במילא דער פדיון פאַר „סיטשקע" געווען אַ גוטער.

די קאָנסטרוקציע פון דער „סיטשקאַרניע" איז געווען געמאַכט זייער פּרימיטיוו: אין צענטער פון שטאַל איז געשטאַנען אַ הילצערנער סלופּ, וואָס האָט געהאַט אין דער ברייט אַ דראָנג ווי אַ דישל. צום דישל איז געווען צוגעשפּאַנט אַ פערד, וואָס האָט געשלעפּט דעם דישל, אַרומקרייזנדיק אַרום און אַרום אין אַ צירקל און געמאַכט דרייען זיך דעם סלופּ. אַ טראַנסמיסיע איז מיט איין עק געווען פאַראייניקט צום סלופּ דורך טרובעס און ווען דער סלופּ האָט זיך געדרייט, האָט ער געמאַכט דרייען די טראַנסמיסיע, וואָס איר צווייטער עק איז געווען דירעקט פאַראייניקט צום רונדיקן וואַל מיט מעסערס פון דער „סיטשקאַרניע", וואָס האָבן זיך געדרייט און געשניטן דאָס שטרוי. די „סיטשקאַרניע" אַליין האָט אויסגעזען ווי אַ לאַנג קעסטל, אָפן אין דער הויך, אין דער פאָרם פון אַ קאָריטע. אַהין האָט מען אַריינגעלייגט אַ בינטל שטרוי, צוויי וואַלצן מיט ציינער האָבן צוגעפּרעסט דאָס שטרוי און עס געשטופּט פאָרויס צום וואַל מיט די מעסערס.

שלמה־חיים האָט געהאַט פינף זין: אברהם, זעליק, גרשון, מעשל און יאָסל; און אויך פינף טעכטער. ווען די זין זענען אונטערגעוואַקסן, האָבן זיי איבערגענומען די אויפזיכט איבער דער „סיטשקאַרניע".

דער עלטערער זון, אברהם, האָט געהאַט, ווי מען זאָגט, אַ פאַר „גאָלדענע הענט" און אויך אַ גוטן הוש פאַר מסחר.


יענע יאָרן איז געווען אַ גרויסער נאָכפרעג פון די אַרומיקע פּויערים אויף „סיטשקאַרניעס" און אַנדערע פאָרם־מאַשינען. אברהם סאָבעל האָט דאָס אויסגענוצט און ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַ האַנדל מיט דעם. ער פלעגט קויפן אַלע טיילן אין די פאַבריקן, אַליין זיי צוזאַמענשטעלן, אויספאַרטיקן און פאַרקויפן צו די פּויערים. איינצייטיק האָט ער זיך פאַרפולקאָמט ווי אַ שלאָסער, ווייל איין אַרבעט איז פאַרבונדן מיט דער צווייטער. אַלע איבעריקע ברידער האָבן מיטגעאַרבעט.

אַנטקעגן די סאָבעלס, אונטער טראַטעל שיינוואַלדס הויז, איז געווען אַ פאַרלאָזן שטיק פּלאַץ, דאָרטן האָבן די סאָבעלס אויפגעבויט אַ געביידע. אין פראָנט־טייל איז געווען די שלאָסעריי. די צווייטע העלפט איז געווען באַשטימט אויף פאַרקויפן די אויסגעפאַרטיקטע „סיטשקאַרניעס" און אַנדערע פאָרם־מאַשינען און אינסטרומענטן. די דאָזיקע „סיטשקאַרניעס" זענען שוין געווען מער מאָדערן. זיי האָבן געהאַט צוויי גרויסע רעדער מיט קאָרבעס פון ביידע זייטן און צוויי מענטשן האָבן זיי געקאָנט דרייען. געווען שוין אויך אַזעלכע, וואָס זענען געשלעפּט געוואָרן דורך מאָטאָרן.

ווען עס איז אָנגעקומען די ביטערע צייט פון דער נאַצי־אָקופּאַציע, און די יידן זענען אַריינגעטריבן געוואָרן אין געטאָ און די פראַגע פון שפּייז איז געוואָרן אַלץ קריטישער, האָט מיין עלטערער ברודער מאָטל, מיט דער הילף פון אברהם סאָבעל, אויפגעשטעלט אַ

קליין פאַבריקל צום מאַכן אייל צום עסן. דאָס האָט אַ סך געהאָלפן די אויסגעהונגערטע יידן אינעם געטאָ. דער פּראָצעס פון מאַכן אייל צום עסן איז אָפּהענגיק פון אַ סך זאַכן: אַ מילעכל פון צוויי וואַלצן, וואָס צעקוועטשן די קערנדלעך אויף מעל; אַ מאָטאָר, וואָס מאַכט די וואַלצן זיך דרייען; אַן אויוון מיט אַ ספּעציעל קעסעלע,

שטעטל, לרוב פאַטערס מיט זייערע זין, ווי די פאַמיליעס סאָבעל, גרימאַטליכט און אַנדערע, האָבן זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט אפרים רויזמאַן מיט זיינע זין און זיין ברודער מאיר („דער פוילער” ווי מען האָט אים גערופן), וואָס האָט געוווינט אין שכנישן שטעטל מאַציעוו. אפרים רויזמאַן („פרוים דער געלער”) האָט געהערט צו



המסגריה של האחים סובל בשנת 1936 — די מעכאַנישע שלאָסעריי פון די ברידער סאָבעל

מימין לשמאל: אברהם, זליג (היום ב״פעת), חיה, משל, יוסף וגרשון

ווו דאָס מעל ווערט אָנגעוואַרעמט ביז אַ געוויסער טעמפּעראַטור, און אַ פּרעס, וואָס פּרעסט דאָס הייסע מעל, ביז דאָס פעטס רינט אַרויס.

דאָס פאַבריקל האָט געאַרבעט, פאַרשטייט זיך, אין גרויס געהיימעניש. עס איז געווען אַזוי קונציק צוזאַמענגעשטעלט, אַז אין געציילטע מינוטן האָט מען דאָס געקאָנט צעבעמען אויף שטיקלעך און באַהאַלטן בעת אַ פּלוצלינגדיקן איבערפאַל. צו דעם צוועק זענען אויסגעלערנט געוואָרן די קינדער פון די פאַמיליעס.

אין די פינצטערע געטאָ־טעג האָט די קליינע פּראָדוקציע, אין אַ קליינער מאָס, פאַרלייכטערט דעם הונגער אין געטאָ.

* * *

צווישן די געציילטע טאַלאַנטפולע, באַגאַבטע בוימייסטערס, מעכאַניקער און האַנטווערקער פון אונדזער

די יעניקע קרייזן מענטשן אויף וועלכע די וועלט זאָגט: „וואָס די אויגן זעען, קענען די הענט מאַכן”. אַזוי, למשל, האָט מען דערציילט, אַז ער האָט אויסגעשניצט פון האָלץ די לייבן, וואָס האַלטן די צוויי לוחות מיט די עשרת הדברות, ביים אַרויפגאַנג מיט די טרעפּלעך צום ארון הקודש אין דער גרויסער שיל, און אויך אַנדערע קינסטלערישע אַרבעטן פאַרן תהילים־שילעכל און אַנדערע שטיבלעך.

די 2־שטאָקיקע וואַלצאַווע מיל נעבן דעם שאָסיי, קעגנאיבער מענדל אייזנבערגס הויז, אין וועלכער אפרים איז געווען אַ שותף, איז אויפגעבויט געוואָרן מיט זיין טעכנישער הילף. פריער איז ער געווען דער הויפּט־מעכאַניקער און מאַשיניסט אין דער מיל, וואָס האָט געהערט צו יונה לאַדיניער מיט זיין שותף סערטשוק. ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין סטאָלעריי און האָלץ־אַרבעט און מען פלעגט באַוווּנדערן זיינע שיינע אַרבעטן.

וואָלף רויזמאַן

דער „קאַמפּאָזיטאָר"

אין קאַצקער שטיבל ביי אונדז האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ יונגערמאַן פון ערגעץ אַן אַנדער שטעטל. מען האָט אים גערופן משה מיטן „בלינדן אייגל". געזען האָט ער אויף ביידע אויגן, נאָר דאָס לינקע אויג איז געווען ביי אים מער צוגעמאַכט ווי דאָס רעכטע.

ער פלעגט שלאָפן אין קאַצקער שטיבל אויף אַ באַנק. בייטאָג פלעגט ער זיצן ביי אלי־ישראלן אין „טשיינע" (טיי־הויז). אָט דער משה האָט געהאַט גרויסע קאָמפּאָזיטאָרישע פעאיקייטן. דער גרעסטער טייל פון די קאַצקער „מאַרשן", וואָס די חסידים פלעגן זינגען ביים דאַווענען, זענען געווען צוזאַמענגעשטעלט דורך אים.

ווען ער האָט פאַרענדיקט קאָמפּאָנירן אַ נייעם מאַרש, פלעגט ער צוזאַמענעמען עטלעכע פון זיינע ידידים ווי שימעלע שליווע, שמחה „זייגערמאַכער", פאַוועלע „קאָפּ", מיין ברודער ישראלקע און מיט זיי עס איינחזרן. זיי פלעגן אָנהויבן זינגען דעם נייעם מאַרש ביים דאַווענען, און די קאַצקער פלעגן עס דערנאָך איבערנעמען. צו דער רייכער „קאָלעקציע" פון די קאַצקער מאַרשן פלעגט צוקומען נאָך איינער.

די לעצטע יאָרן פאַרן קריג איז משה זייער קראַנק געוואָרן. אינעם חדר־שני פון קאַצקער שטיבל האָט מען אַריינגעשטעלט אַן אייזערן בעטל און דאָרטן פלעגט משה ליגן אַ קראַנקער. זיינע פריינט האָבן אים נישט פאַרלאָזט. זיי פלעגן שיקן צו אים אַ דאָקטאָר, אויסהאַלטן אים מיט עסן און אַכטונג געבן אויף אים. צום מיינסטן האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט אים ישראלקע רויזמאַן, שמחה „זייגערמאַכער" און פאַוועלע „קאָפּ".

ישראל לייכטער

דער טרעגער

געווען איז ער רוי און פּרימיטיוו, אַפילו דעם גאַנצן „חדר" נישט דורכגעמאַכט. אָבער אַ האַרץ האָט ער געהאַט אַ גוטס, און ווען מען האָט געדאַרפט העלפן אַ יידן, איז ער תמיד געווען פון די ערשטע אויף דעם.

גערופן האָט מען אים אלי קעפּקע. זיין טאַטע איז געשטאָרבן, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין ייִנגל. די מאַמע איז געווען אַ שוואַכע פרוי און עס האָבן איר נישט געסטייעט קיין כוחות צו דערציען אלין, ווי זי האָט געוואָלט. אלי, ווידער, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז געהאָדעוועט געוואָרן אין אָרעמקייט, איז אויסגעוואַקסן הויך און שטאַרק.

אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן, פלעגט ער זיך אַרומדרייען אַרום די בעלי־עגלות. שטאַרק איז ער געווען, פלעגט ער אונטערשטעלן אַ פּלייצע, העלפן אַרויפלייגן אַ שווערן זאַק אָדער אַ גרויסע פּאַס. ביסלעכווייז איז ער געוואָרן אַ טרעגער. ער האָט געטראָגן אַ זעקל מעל ווי אַ שטיקל שפּילצייג. די גרעסטע משא איז אים נישט געווען צו שווער. יידן האָבן געקוקט אויף

אים און טאַקע אַ ביסל מורא געהאַט אויך. די גבורה האָט געשפּראָצט פון אַלע זיינע אברים. דערפאַר האָט מען אים אויך אָנגעשטעלט אַלס שומר אויף חתונות, ער זאָל נישט אַריינלאָזן אומגעבעטענע „געסט".

איז געווען ערגעץ אַ געשלעג אין שטעטל, פלעגט ער גלייך קומען און אויסגלייכן די צדדים. איינרייסן זיך מיט אים האָט מען מורא געהאַט, האָט מען אים נאָכגעגעבן. גראָד ער, דער גרויסער גבור, איז געווען אַ רודף שלום. אויף אַ יידן האָט ער נישט אַרויפגעלייגט אַ האַנט. אָבער, ווען אַ גוי האָט זיך אַמאָל פאַרטשעפּעט מיט אַ יידן, איז אלי קעפּקע גלייך געווען אויפן אָרט, כדי צו לערנען מיטן גוי אַ פּרשה בלק, אַזוי אַז ער זאָל פאַרזאָגן אַ צענטן זיך נישט צוצורירן צו אַ יידן.

איז אויסגעבראָכן אַ פייער, איז ער געווען פון די ערשטע צו שלעפּן די עמערס וואַסער אָדער גאָר אַרויסראַטעווען די אָרעמע בעבעכעס פון אַ ברענענדיק יידיש הויז.

מיט זיין פּשוטקייט, ערלעכקייט און פּרימיטיווער גוטסקייט איז אלי קעפּקע געווען אַ באַקאַנטע פיגור אין שטעטל.

מרדכי קאַנדעלשטיין

אן עפּיזאָד

די מיל און עלעקטראַווניע פון דער פאַמיליע גרי־מאַטליכט איז געווען אין שטעטל אַ גרויסער ווירטשאַפט־לעכער פאַקטאָר. נעבן דער מיל האָבן געצויגן זייער חיונה אַ שיינע פּאָר פאַמיליעס, פירנדיק אַ קליינעם האַנדל מיט די פּויערים, וואָס פלעגן קומען מאָלן מעל, און קלאַפּן אייל פון זייערע תבואות.

מיט דער מיל איז פאַרבונדן אַן עפּיזאָד, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון. געשען איז עס אין אַ יאַריד־טאָג. עס פאָרט אָן אַ דריקער אָנלאָדן אַ פורל מעל. דאָס פערדל קאָן דאָך נישט שטיין ליידיק, עס מוז דאָך עפּעס קייען, נעמט דער בעל־עגלה אַראָפּ אַ ביסל היי פון אַ פּויעריש פורל און גיט עס זיין פערד. עטלעכע פּויערים האָבן דאָס באַמערקט, זענען זיי באַפאַלן דעם יידן און אָנגעהויבן אים מערדערלעך צו שלאָגן. הערנדיק די געוואַלדן און געשרייען, איז אָנגעלאָפן אברהם שיינער, אַ ייד אַ גברן, צו די שלעגערס, אָנגעכאַפּט איין פּויער אין איין האַנט, אַ צווייטן אין דער צווייטער האַנט און צונויפגעשלאָגן זייערע קעפּ אַזוי, אַז זיי זענען ביידע צעמישטע געפאַלן אויף דער ערד. די אַנדערע פּויערים זענען זיך שנעל צעלאָפן.

בתיה כהן (זילבערמאַן)

חיימקע דער וואסערטרעגער

מיין פאַנטאַזיע פירט מיך אַריבער אויף צוריק מיט 35 יאָר. איך זע פאַר זיך מיין אָרעם שטעטעלע מיט די בלאָטעס אין האַרבסט, און שטויב אין זומער. די גבירים און אינטעליגענטן זענען געווען ווייט פון מיינע השגות, אָבער די פאָלקס־מענטשן זענען מיר געבליבן איינגע־קריצט אין מיין זכרון. איך זע זיי איצט, ווי זיי וואָלטן געשטאַנען פאַר מיר לעבעדיקע מיט זייער אָרעמען נע־בעכדיקן אויסזען און מיטן דלות פון זייער לבוש. איי־נער פון זיי איז געווען חיימקע דער וואַסער־טרעגער.

לויט ווי איך דערמאָן זיך, האָט ער דעמאָלט גע־דאַרפט זיין אָרום פופציק יאָר אַלט. ער האָט אויסגעזען יינגער פון זיינע יאָרן, ווייל שטענדיק איז ער געווען פול מיט הומאָר, קיין מאָל זיך נישט באַקלאָגט אויף זיין גורל, שטענדיק צופרידן, נישט קיין קנאה און שנאה צו אַנדערע. חיימקע איז געווען דער גליקלעכסטער אויף דער וועלט. אים האָט גאָרנישט געפעלט אויסער אַ וואַ־רעמען בגד צום ווינטער און ברויט צו דער זעט.

די גוטסקייט און צופרידנקייט האָבן געשטראַלט פון זיין פנים. ווען ער פלעגט לאַכן, האָבן זיך באַוועגט זיינע חן־גריבלעך און דאָס גלעלע בערדל.


אָבער וואָר האָט געהאַט געדולד און צייט צו שענ־קען אויפמערקזאַמקייט חיימקען דעם וואַסער־טרעגער? ער האָט פאַרזאָרגט דאָס שטעטל מיט וואַסער, וואָס ער פלעגט טראָגן פון פלומפּ מיט די קאָראָמיסלעך. שרייבן האָט ער נישט געקענט. זיינע קונדן האָבן געפירט דעם חשבון פון זיין אַרבעט, ווייל נישט אַלע האָבן אים גלייך באַצאָלט. נאָך דער שווערער וואָך אַרבעט איז נישט געווען אויף שבת. איך פלעג פרעגן חיימען: „וואָס וועט זיין?" אויף דעם פלעגט ער ענטפערן: „נישט גזאָרגט, מיין קינד, אַז משיח וועט קומען, וועט זיין בעסער".

זיין הייזקע איז געווען בשכנות מיטן אַלטן בית־הקברות. נישט איין מאָל פלעג איך אַריינקוקן אין זיין שטיבל. אַ ציטער פלעגט מיר דורכגיין אין מיין קער־פּער. די ווענט זענען געווען באַדעקט מיט שימל און פייכטקייט. אין ווינטער פלעגט דער שניי זיך דורכ־רייסן דורך די דינע ווענטלעך.

איך פלעג שטיין און וואַרטן, ביז חיימקעס טויב־שטומע פרוי קומט אַרויס. זי האָט געוווּסט די צייט פון מיין באַזוך. מיר האָבן זיך ביידע פאַרשטאַנען מיט באַ־וועגונגען פון די הענט. זי האָט שלום געמאַכט מיט איר ביטערן גורל. ווי ס'האָט אויסגעזען, האָט חיימקע איר אַרויסגעוויזן אַ סך צערטלעכקייט און וואַרעמקייט.

איך פלעג זיך אומקערן פון דאָרטן מיט אַ צעבראָכן האַרץ און געטראַכט, פאַר וואָס גיט גאָט איינעם אַלץ און דעם צווייטן — גאָרנישט.

מיר האָבן געהאַט אין ליבעוונע פיל אַזעלכע חיימ־קעס, אָבער זייערע נשמות זענען אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט. קיינער האָט פון זיי נישט געוווּסט.



שלמה יוכט
דער שטימער וואסערטרעגער

אפרים לערנער

טיפן און בילדער

די גאַנצע צייט פון מיין זיין אין אַמעריקע האָב איך געחלומט צו באַזוכן ליבעוונע מיין שטעטל און נאָך אַמאָל זען מיין משפחה. נאָך אַמאָל טרעטן אויפן באָדן, ווו איך האָב געשטעלט מיינע ערשטע טריט.

צו אונדזער גרויסן ווייטיק איז מיר און אַ סך אַנדערע יידן דער חלום צערונען געוואָרן. עס זענען חרוב געוואָרן די שטעט און שטעטלעך פון דער אַלטער היים צוזאַמען מיט כמעט אַלע יידישע איינוווינער, צווישן זיי מיינע ליבסטע און טייערסטע. אַנשטאָט זיך פרייען מיט מיינע ליבע, דאַרף איך שרייבן זכרונות פאַר אַ יזכור־בוך.

אַך, ווי דאָס האַרץ ווייטיקט!

ערב פסח

דער ערב פסחדיקער געפילדער איז אין פולן ברען אויף דער קאָסנישטשער גאַס.

ביי רחל דער שוואַרצער אין הויז האָט מען געבאַקן מצות.

די גאַנצע דירה איז באַשטאַנען פון דריי קליינע צימערן. האָט מען אַרויסגעטראָגן די בעטן און צייטווייליק געשלאָפן אויף דער ערד און די דירה האָט מען פאַרוואַנדלט אין אַ מצות־בעקעריי.

די היץ פון די אָנגעהייצטע אויוונס האָט מען געקאָנט פילן אין דרויסן. די פאַרשוויצטע וואַלגערקעס מיט די „פאַכירן" (מאַזאַליעס) אויף די הענט, האָבן ווי דער שטייגער, אונטערגעזונגען בעת דער אַרבעט.

יעדעס מאָל, ווען עס איז אונטערגעקומען די ריי פון אַ נייער באַשטעלונג און מען האָט גענומען אַריינשיטן דאָס מעל פאַר דער ערשטער מירע, האָט מען דער בעל־הביתטע אָנגעהויבן ווינטשעווען אַ פריילעכן יום־טוב און צו דערלעבן איבעראַיאָר. די ברכות האָבן זיך געשאָטן גלייך ווי דאָס מעל פון זאַק אַרויס. די אָפּגעבאַקענע מצות האָט מען אַריינגעלייגט אין אַ ליילעך און פאַרבונדן. דורך די פיר עקן פונעם ליילעך האָט מען דורכגעצויגן אַ דרענגל, און צוויי טרעגער האָבן זיי אַזוי געטראָגן אויף די אַקסל. די באַלעבאָסטע איז געגאַנגען פאַר די טרעגער און געבעטן גאָט, ס'זאָל, חלילה, גאָרנישט פאַסירן, מחמת עס זאָל אַזוי נישט טרעפן, ווי ס'האָט שוין געטראָפן, אַז די עקן פון איין זייט האָבן זיך אויפגעבונדן און... בענץ... גלייך אין דער בלאָטע אַריין.

די טרעגער האָבן געדאַרפט זיין די ריכטיקע אַקראָבאַטן, כדי צו קומען בשלום מיטן טראַנספּאָרט. דערפאַר האָבן זיי געקראָגן שיין טרינק־געלט.

כשרן כלים אויף פסח האָט מען געקאָנט ביי דער באָד, פאַר אַ פּאָר קליינע גראָשנס האָט דער בעדער אָפּגעטונקען די צונויפגעבונדענע כלים אין די גרויסע פּעסער, אָנגעפילטע מיט שטיינער און זידיק וואַסער, וואָס האָט די גאַנצע צייט געקאָכט, און אַזוי אַרום זיי כשר געמאַכט.

צו דער באָד פלעגט מען ספּעציעל טראָגן נאָר די גרויסע כלים, טעפּ, פאַנען. די קליינע כלים און לעפל, גאָפּל, מעסער, פלעגט מען אַליין כשרן אויפן הויף נעבן דער שטוב, אַמאָל עטלעכע שכנים צוזאַמען. האָט מען טאַקע געזען ביי די הייזער אַרויסגעשטעלטע גרויסע טעפּ אויף אַ דרייפוס, דאָס פייער האָט אונטן געברענט און פון די טעפּ האָט זיך געטראָגן אַ קאָכעדיקע פּאַרע, און בעלי־בתים האָבן צונויפגעבונדן די כלים און געטונקען אין דעם קאָכעדיקן וואַסער און זיי כשר געמאַכט אויף פסח.

צוגלייך מיטן כשרן די כלים האָט מען אויך באַהאַלטן דעם חמצדיקן דלות. לאָקשנברעטער, מולטערס, קאַציבעס (קאָטשערעס), די לאָפּעטעס צום ברויט, די קאָטשעלקעס (וואַלגער־העלצער) און אַנדערע כלים, וואָס מען קאָן נישט כשרן, האָט מען אַריינגעטראָגן אין קאַמער און פאַרמאַכט אויף אַ שלאָס און אַלץ איז געווען גרייט מקבל זיין דעם יום־טוב מיט אַ כשרן פסח.

משה קאָניוך

משה קאָניוך האָט געוווינט אין אַ קליין שטיבל אויף אַ גרויסן הויף, ווו עס איז געשטאַנען אַ גרויסע פערדשטאַל און די פערד האָבן פאַרהירזשעט די גאַס טאָג און נאַכט.

דריי ברידער זענען זיי געווען: משה, סענדער און שיע. אַלע האָבן אויסגעזען ווי איינער, אַפילו זייער הלבשה איז כמעט געווען די זעלבע. אַזוי, אַז איך שרייב פון משהן, מיין איך אַלע דריי.

משה איז געווען אַ ייד פון מיטל־וווקס. געהאַט אַ רויט פנים און אַ פירעקעדיקע קורצע באָרד. ווינטער — אין אַ קורץ פעלצל, אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק, אַ פאַרטערן היטל, וואָס מען האָט גערופן קוטשמע, אויפן קאָפּ, און אַ פּאָר ווינטערדיקע שטיוול, וואַליקעס.

אין ליבעוונע איז דער יריד זיך צוזאַמענגעפאָרן יעדן מאָנטיק. מיטוואָך איז דער יריד געווען אין שכנישן מאַציעוו. פאַרשטייט זיך, אַז די מייניסטע מסחרים האָט משה מיט זיינע ברידער געמאַכט אויף די ירידים.

דאָס פאַרהאַנדלען אַ פערד איז געווען גאָר טשיקאַווע: קודם האָט מען דעם פערד אַריינגעקוקט אין מויל אַריין, צי האָט עס נאָך גוטע ציין. לויט די ציין האָט מען געקאָנט אָפּשאַצן זיין עלטער. דערנאָך האָט מען אַרויפגעלייגט איין האַנט אויבן אויפן האַלדז און מיט צוויי פינגער פון דער צווייטער האַנט האָט מען געגעבן אַ שטאַרקן דרוק ביים קאַרק. אַזוי האָט מען געקאָנט וויסן, צי דאָס פערד ליידט נישט פון אַ קורצן אָטעם. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די סדרה פון אַדורכטרייבן דאָס פערד. איינער איז געלאָפן פאָרויס און געשלעפט דאָס פערד ביים צוימל, דער צווייטער איז הינטן נאָכגעלאָפן מיט אַ בייטש, און עס אונטערגעטריבן. דעם פערדס לויפן האָט ס׳רוב באַשטימט די קניה.

פון די אַלע גליקן אויף ירידים און נאָכן פאַרשוואַרצט ווערן אַ גאַנצע וואָך, איז משה קאָניוך געווען אַ ייד אַן אָרעמאַן, און אַזוי אויך זיינע ברידער. אַפילו פון שבתדיקן שלאָף האָט משה נישט געקאָנט געניסן, ווייל אָט די „סוסימלעך" האָבן אַ גאַנצן שבת אים צוגעזונגען, אַז עס זאָל אים חלילה נישט זיין אומעטיק.

אדם ובהמה

פון וואַנען דער נאָמען „דריקער" האָט זיך גענומען צו איצען און צו זיין גאַנצער פאַמיליע, ווייס איך נישט. היות אָבער אין ליבעוונע האָט קיין ייד זיך נישט געקאָנט באַגיין אָן קיין צונעמעניש, האָט מען איצעס משפחה גערופן די דריקערס.



כלי תחבורה בעיירה
א פערד און וועגעלע

געווען צוויי יידן אין ליבעוונע, וואָס זענען טאַקע געווען דרוקערס פון פאַך און געהאַט דרוק־מאַשינען. איינער האָט געהייסן יאַנקל ספרד, און דער צווייטער הובערמאַן. די פּראָפעסיע פון איצע דריקער און זיינע ברידער איז אָבער געווען גאָר אַן אַנדערע.

איצע האָט געהאַט אַ פערד און וואָגן. ס׳רעדט זיך אַזוי: „פערד און וואָגן". אין דער אמתן האָט עס בלויז אַזוי אויסגעזען. מענדעלעס קליאַטשע איז געווען אַ ראַסאָווע פערד אין פאַרגלייך מיט איצעס סוס. ער פלעגט עס איינשפּאַנען אינדערפרי, אַרויספאָרן מיט דעם אין מאַרק אַריין און אַוועקשטעלן עס אין מיטן מאַרק. צובינדן האָט ער עס נישט געדאַרפט, ווייל די „פּאדלע" האָט געדאַנקט גאָט, אַז מ׳האָט זי נישט געטשעפּעט.

דעם קאָליר פונעם פערד האָט מען בלויז געזען אויפן בויך און אויף די פיס, ווייל דער רוקן און די זייטן זענען געווען אויסגעקראָכן: די קלעפּ פון שטעקן האָבן אָפּגעקלאַפּט די פעל.

דער געשפּאַן איז באַשטאַנען פון שמאַטעס און שטריק. אונטערן גרויסן כאָמעט זענען געווען אונטערגעבעט שמאַטעס, עס זאָל זיין אַ ביסל גרינגער פאַרן ווונדיקן פערדישן האַלדז. די לייצעס זענען געווען געמאַכט פון צונויפגעבונדענע שטריק.

די רייפן אויף די רעדער האָבן זיך געהאַלטן מיטן כוח פון צוקער־שטריקלעך. אַז דאָס וועגעלע האָט זיך געהאָפּקעט אויפן האַרטן שאָסיי, האָט מען עס געקאָנט הערן פון דער ווייטנס.

איצע איז געגאַנגען אָנגעטאָן אַ מין קורצן שפּענצער, מיט אַ שטריק אַרומגעבונדן די קאַרטענע הויזן, וואָס ער האָט געטראָגן זומער און ווינטער. מיט אַ שאַ־

ליק אויפן האַלדז מיט די עקן אַריינגעשטופּט אין דער קורטקע, איז איצע געשטאַנען און האָט געוואַרט אויף אַ לייזעכץ.

כמעט יעדער פון די ליבעוונער קרעמער האָט באַדאַרפט אָנקומען צו איצען אָדער צו זיינע ברידער, און



בנצ'י „דריקער"
עם כלי־מיטה על כתפו בדרכו לבית הכלא המקומי לרצות עונש מאסר על שלא שם רסן בפי סוסתו
בנצ'י דריקער גייט אין טורמע אריין ווייל זיין קליאטשע האט זיך צעבריקעוועט

צו די אַנדערע בעלי־עגלות אויף אַראָפּצופירן תבואה, הערינג אָדער זאַלץ. אויסער די זענען אויך געווען אייגנטימער פון דראָזשקעס פאַר פּאַסאַזשירן. די לעצטע האָבן אויך געהאַט גרויסע וועגענער אויסצוגרוזעווען וואַגאָנעס מיט פאַרשידענע סחורות און אָפּפירן זיי אין שטאָט אַריין.

איצע שטינער

ביי אונדז איז געווען אַ רופא, האָט ער געהייסן איצע שטינער. מען האָט אים אַזוי גערופן, ווייל ער האָט געשטאַמט פון דאָרף שטין.

שטין איז געווען נישט ווייט פון ליבעוונע. יונגוואַרג פלעגט כאַפּן אַמאָל אַ שפּאַציר אַהין נאָכן טשאָלנט. אין דעם דאָרף איז געווען אַ גערעטעניש אויף ווילדע באַרעלעך, די אַזוי גערופענע גענילקעס. די באַרעלעך האָט מען אין מויל נישט געקאָנט נעמען גרינערהייט. אָבער אַז זיי האָבן אָנגעהויבן פוילן און ווערן ווייך, דעמאָלט האָבן מיר זיך געקוויקט מיט זיי.

די שטיבער אין שטין האָט מען געקאָנט איבערציילן אויף די פינגער. בלויז אַ פּאָר יידישע פאַמיליעס האָבן דאָרט געוווינט. די הייזער האָבן כמעט געגרענעצט מיטן צווייטן דאָרף ווישניעווע.

ווי אַ לעבעדיקער שטייט איצע מיר פאַר די אויגן, כאָטש עס איז שוין 30 יאָר אַריבער, אַז איך האָב אים געזען.

אַ מענטש פון מיטל־וווקס. אַ בלאָנד פירעקעדיק געשוירן בערדל, מיט בלויע שמייכלענדיקע אויגן. אַ דריי פערטלדיק רעקל — נישט צו לאַנג חסידיש און נישט צו קורץ אַפּיקורסיש. אויך דאָס היטל איז געווען צוגעפּאַסט צו דער גאַנצער הלבשה. ווינטער — אויך אַזאַ פוטערל מיט אַ שוואַרצן קאַראַקולענעם קאָלנער.

און טאָקע פון ווינטער־צייט געדענק איך אים, ווייל ווינטער איז געווען זיין הויך־סעזאָן. קינדער זענען געקומען פון חדר מיט אַ קאָפּ־ווייטיק, ענג אין האַלדז פון אַרומלויפן און דערשוויצן זיך. דערווייל האָט אַ ביסל אַריינגערונען אין די שטיוועלעך. די ליבעוונער בלאָטעס האָבן געקאָנט אַריין דורך די כאַלעוועס פון אויבן. האָט אַ קינד אָנגעהויבן הוסטן און קריגן פּאַרב אין פּנים נישט פון גוטער קעסט, און פינטלען מיט די אויגן ביים שלינגען. דעמאָלט איז ער געוואָרן אַ קאַנדידאַט פאַר איצען דעם פעלדשער.

ווי עס איז געווען איינגעפּירט אין דער אַלטער היים, איז דאַנערשטיק געווען דער ווייבערישער טאָג. מען האָט איינגעקויפט אויף שבת. אין די שנייען האָט נישט איין באַלעבאָסטע זיך שטאַרק דערשוויצט אונטער דער ווינטער־שאַל מיטן פעקל אין קאָשעק. דער ווינט מיטן פראָסט האָבן אַ ביסל דורכגענומען — געכאַפּט אַ פּאַרקילונג און אַזוי איז דאַ נאָך אַ קאַנדידאַטקע פאַר איצע שטינער.

פרייטיק האָבן יידן זיך געלאָזט אין מרחץ אַריין, אַרויף אויף דער אויבערשטער באַנק, אַריינגערוקט דעם באַד־גוי אין יד אַריין אַ מטבע און געהייסן דערלאַנגען פאַרע מיט הייסע שעפּעלעך, מיט אַ ברייטאַזע־בעזעמל. גוט זיך אויסגעשוויצט, דאָס לייב איז רויט ווי אַן אָפּגעשיילטער בוראַק, דאָס וואַסער רינט פון באָרד און פאות. אין דרויסן איז אַ שטאַרקער פראָסט מיט אַ זאַווערוכע. פון דער באָרד און פאות ווערן באַלד צאַפּליעס. דער הייסער קערפּער ווערט דורכגעפרוירן. קומענדיק אַהיים וואַרפט עס אים אין אַלע אברים. דאָס ווייב דעקט אים צו מיט אַלע פערענעס און עס העלפט נישט. דעמאָלט רופט מען איצע שטינער.

איצע שטעלט זיך אַריין מיט אַלע זיינע דאָקטאָראַרסקע מכשירים. אַ טונקל־רויט קאַרטאָנען־שאַכטל איבערגע־בונדן מיט אַ גומענער באַנד. אין שאַכטל ליגן: אַ טוץ באַנקעס, אַ פלעשל טערפּענטין, אַ פּודעלע מיט וואַטע. נאָך אַ פלעשל מיט אַזאַ וואַסערל אויסצושמירן דעם האַלדז.

איצע עקזאַמינירט דעם האַלדז. לייגט אים אַרונטער אונטערן צונג דאָס גלעזערנע שטעקעלע מיטן רויטן שנירל מיט די ציפערן, וואָס הייסט טערמאָמעטער. ער הייסט אויף גיך אויפקאָכן וואַסער. די באַנקעס ווערן אַריינגעלייגט אין אַ שיסל הייסע וואַסער. איצע פאַר־וויקלט אַ שטיקל וואַטע אויף אַ שטעקעלע, טונקט עס איין אין טערפּענטין און צינדט עס אָן ביי אַ ברענענדיקן ליכט. דאַן נעמט ער אַ באַנקע פון שיסל, לאָזט אַריין אין דער באַנקע אַ ביסל היץ און גיט זי אויף גיך אַ קלעפּ צו צום קראַנקנס פּלייצע. אויסגעשטעלט אַלע באַנקעס, וואַרט מען צו אַ צוואַנציק מינוט. דאַן נעמט איצע די באַנקעס אַרונטער מיט אַ שאָס ביים אָפּקלעפּן זיי. די גאַנצע פּלייצע איז איצט פול מיט ברוין־בלויע סימנים. דאָס זעלבע טוט מען אויך אין ביידע זייטן פונעם קראַנקן. דערנאָך גיסט איצע אַלקאָהאָל אויף די הענט און רייבט גוט אָן די פּלעצער, ווו די באַנקעס זענען נאָר וואָס אַרונטערגענומען געוואָרן. ער הייסט דעם קראַנקן גוט איינדעקן און זיך דורכשוויצן, און גייט צו אַן אַנ־דערן חולה.

ווען איצע זעט, אַז די קראַנקהייט איז ערנסט און עס קאָן שמעקן מיט לונגען־אָנצינדונג, שטעלט ער נישט אויף זיך און הייסט רופן דעם דאָקטער.

מיט קינדער איז איצע גאָר אַ מזג טוב. ער שמייכלט צו זיי, איז צו זיי זייער פריינדלעך. געוויינלעך האָבן קינדער מורא פאַר דאָקטוירים, אָבער נישט פאַר איצען. ער געווינט אויף גיך זייער צוטרוי, טונקט איין אין אַ פלעשל אַ שטיקל וואַטע, הייסט עפענען דעם קליינעם פּאַציענט דאָס מויל, זאָגן „אַ־אַ". די וואַטע אויף אַ שטע־קעלע גיט זיך אויף גיך אַ דריי אין העלדזל דעם גע־שוואָלענעם, און איידער מען וויל שרייען — איז די אָפּעראַציע געענדיקט.

איצע פלעגט קיינמאָל נישט פּרווון קאָנקורירן מיט דאָקטוירים. פאַרקערט, ער פלעגט מיטאַרבעטן מיט זיי צו יעדער צייט. ווען דער ידישער דאָקטער מייזנער איז אַוועק פון ליבעוונע, איז געבליבן בלויז איין פּוילישער דאָקטער. ער איז געווען אַ גרויסער שיכור. טאָג און נאַכט שיכור. מען האָט אים באַדאַרפט אונטערהאַלטן, ווען ער האָט מיטן קרומען פוס געדאַרפט אַרויפקריכן אויף דער דראָזשקע. ער איז אויך נישט געווען קיין קליי־נער אַנטיסעמיט. חוץ זיין שיכרות, האָבן יידן שוואַכלעך געקענט זיך צוזאַמענרעדן מיט אים. דער דורכשניטלע־כער ייד איז ביי אונדז אין שטאָט געווען צעקריגט מיטן פּוילישן לשון. געווען אַ סך פאַלן, ווען מען פלעגט אַראָפּברענגען אַ דאָקטער פון שכנישן קאָוועל, כעלם אָדער לובלין.

אין די שרעקלעכע טעג פון דעם היטלער־געטאָ אין ליבעוונע, האָט איצע געאַרבעט מיט די לעצטע כוחות צו קאָנען ראַטעווען די קראַנקע. אַזוי ביזן טאָג פון דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון דער ליבעוונער קהילה, אין וועלכער ער איז אומגעקומען מיט אַלע יידן אין ליבעוונע.

ר' נאָטל מלמד


געווען אַ סך מלמדים ביי אונדז אין שטאָט — ר' משה יאַסעלעס (וואָס האָט אויך געלערנט שרייבן), ר' נתן האַמנעצער, ר' הערש באַרשט, ר' משה־יצחק קאָ־גאַן (פון תלמוד־תורה), ר' מענדל פּרעכטער, ר' אליה ליסנאָקער, ר' יעקב נויטשיכעס, ר' משה פּאָווראַזניק, ר' שמאי (גמרא־מלמד), ר' אברהם „דער פּוילישער" (גאָלדהאַקער) און נאָך אַנדערע. צווישן אַט די מלמדים האָט זיך שטאַרק אָנגעזען ר' נאָטל מלמד (פייגין) אַ קאַלירפולער מענטש. געווען אַ סטעפּענער חסיד און גע־גלויבט באמונה שלמה, אַז נישט די ציוניסטן, נאָר משיח וועט ברענגען די גאולה פאַרן ידישן פאָלק.

ר' נטע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט מאָלן בלומען אויף מאָדעלן פאַר תפילין־זעקלעך און געשריבן פּער־פעקט רש"י־כתב.

ר' נטע פלעגט זיך אויך כמעט יעדן סעזאָן פון פאַר פּסח פאַרנעמען מיט שיבעריי, ד"ה ער פלעגט, ווי איינער פון די בעסטע שיבערס אין שטאָט, באַקן מצות. אין יענע טעלעכע וואָכן האָט זיין באַהעלפער אָדער איינער פון זיינע זין געלערנט מיט די קינדער אין זיין חדר.

ר' נטע האָט צענדליקער יאָרן אָנגעהאַלטן זיין חדר, ווו עס פלעגן זיך לערנען אַרום 30 קינדער אַ „זמן". זיין אופן פון לערנען איז געווען אַזוי: יעדעס קינד האָט געלערנט באַזונדער. אַ קינד איז צוגעקומען צום טיש און דער רבי האָט מיטן טייטל אים געלערנט לויט זיין גראַד קענטעניש.

ער האָט מיט קינדער אָנגעהויבן לערנען פון אלף־בית און צוגעקומען ביז חומש מיט רש"י. אַ „גוט קעפּל" האָט אין איין זמן אָנגעהויבן אלף־בית און געענדיקט מיט אָנפאַנגען לערנען חומש.



המלמד ר׳ נטל פייגין

די, וואָס האָבן שוין געלערנט חומש, פלעגן זיצן צוזאַמען ביים טיש און „אויסרעדן" מיט זיי דעם פשט (דאָס האָט געהייסן חומש מיט חיבור), ער האָט אויך געלערנט מעביר זיין די סדרה. די גרעסערע, וואָס האָבן שוין געלערנט רש"י, פלעגן זיך אויך לערנען שרייבן.

אָט איז אַ נוסח פון דורות, מיט וועלכן ר׳ נטע פלעגט אָנהויבן לערנען מיט אַ תלמיד דעם חומש.

— וואָס לערנסטו ?

— חומש.

— וואָס איז דער טייטש חומש ?

— חומש איז דער טייטש פינף.

— וואָס פינף ?

— פינף ספרים זענען פאַראַן אין אונדזער הייליקער תורה.

— ווי הייסן זיי ?

— בראשית — איז איינס, שמות — איז צוויי, ויקרא — איז דריי, במדבר — איז פיר, און דברים — איז פינף.

— אין וועלכן ספר לערנסטו איצט ?

— אין ספר ויקרא.

— וואָס איז דער טייטש ויקרא ?

— ויקרא — האָט גערופן: גאָט האָט גערופן צו משה רבנו און אים געזאָגט דעם דין פון קרבנות.

ער האָט אויך באַלאַנגט צו דער „חברה מתעסקים". יעדע הושענא־רבה ביינאַכט פלעגט ער קומען אין מתעסקים־שטיבל ווו מען האָט ביי געדעקטע טישן מיט לעקעך, בראָנפן און פרוכטן מזכיר געווען, פון אַן אַלטן פנקס, אַלע אנשי מתעסקים פון דורות. אָנהויב 1926, האָט ער זיך פאַרקילט ביים טאָן אַ מצווה פון „חסד של אמת", אָפּגעקרענקט דעם גאַנצן ווינטער און געשטאָרבן אין עלטער פון 62 יאָר.

אַמאָליקע יידן

מיזן אימפּעט פון אַ יונגנמאַן איז פיניע דער אַלטער אַראָפּ פון בעט, אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, אַרויפגעכאַפּט אויף גיך די מלבושים און זיך אָפּגעוואַשן מיט דער קופּערנער קוואָרט. ער האָט צוגעשטעלט וואַסער אויפצוקאָכן און גלייכצייטיק געזאָגט ברכות השחר.

אויפן טיש איז שוין געשטאַנען אַ גרויסע שיסל מיט אָנגעבראָקטן אַלט־געבאַקענעם קוילעטש... ער האָט אַריינגעטאָן אַ לעפל געגנדזענע שמאַלץ, אַ ביסל זאַלץ, דערנאָך אַריינגעגאָסן דאָס הייסע וואַסער פון טשייניק. דער קוילעטש האָט זיך פון הייסן וואַסער צעוואָקסן ביז איבער די ברעגעס פון שיסל.

פיניע האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און האָט אָנגעהויבן צו באַאַרבעטן די שיסל. אַז ס׳האָט זיך באַוויזן דער דנאָ, האָט זיך פיניע גענומען אויסלעדיקן די טעפּ פון נעכטיקן טשאָלנט. ער האָט נישט געהאַט קיין שוועריקייטן צו צעקייען דעם פאַרדאַרטן קוגל פון צוגעברענטן קוגל־טאָפּ, מחמת זיינע ציין זענען געווען גענוג שטאַרק.

מען האָט אים גערופן „דער אַלטער", ווייל פיניע איז שוין געווען נאָענט צו ניינציק. ער האָט געלאַכט פון די 60־יעריקע צוציקעס, וואָס האַלטן זיך אין איין פּיעטשען און דאָקטאָרן זיך. ער האָט נישט נאָר געהאַט זיינע אייגענע ציין, נאָר אויך גוטע אויגן און אַ גלייכן גאַנג. אמת, די באָרד איז שוין געווען האַלב גרוי, אָבער אַלע חושים זענען געווען יינגער פון אים אַליין.

אַפילו ביי אַזאַ הויכן עלטער פלעגט פיניע יעדן זונטיק זיך אַרויסלאָזן גיין אין שכנישע דערפער צו פאַרריכטן גויישע פעלצן. גיין — מיינט, פשוטו כמשמעו: אַ זעקל אויף דער פּלייצע, דעם שטעקן אין האַנט און הײדאַ אין וועג.

די געגנט איז פיניען געווען גוט באַקאַנט. שוין פופציק יאָר ווי ער האַנדלט מיט די גויים. יענע האָבן אים

ליב מיט זיינע וויציקע מעשיות און גוטער באהאנדלונג. ער האט שוין געהאט זיינע באשטימטע פלעצער ווו צו נעכטיקן און דערנאך ממשיך זיין זיין מארשרוט.

אזוי האט זיך געצויגן זיין לעבן טאג איין טאג אויס — גאנצע פופציק יאר. פרייטיק צו נאכט און שבת זענען געווען די צייט פון מנוחת הנפש און פון „אפּ־שפּארן" א ביסל רוחניות פאר דער גאנצער גרויער וואך, אין דער סביבה פון ערלים.

אמאליקע דורות יידן!

אברהם שמיליוקעס

א טשיקאווע פאבריק איז געווען אויף דער קאס־נישטשער גאס, אין א פריוואטער שטוב, אנטקעגן משה קאניוך, אין שכנות מיט אבא קליג. דאס איז געווען דאס פאבריקל פון בייטש־שטעקלעך פון אברהם שמיליוקעס. אז מען איז אריינגעקומען אין פאדערשטן גאר גרויסן צימער, זענען ביי דער וואנט געשטאנען אנגעשטעלט שטעקלעך, בויגעווודיקע פון פארשידענע מאסן גראב פון אונטן און געשניצט דינער און דינער ביז ארויף. ביים סאמע שפּיץ איז געווען אויסגעשניצט א קעפּעלע אויף ארויפצוזעצן א שטריקל. אזוי איז געווארן א בייטש.

די שטעקלעך האט אברהם אליין פּראדוצירט אין א צווייטן צימער. דארטן זענען געשטאנען פארשידענע פלעשלעך און בערשטלעך, כלים מיט פארשידענע פארבן צו פארבן די בייטש־שטעקלעך.

ביי שמיליוקעס אין הויז פלעגט מען שטעלן די טשאלנטן אוודאי פון א האלבער קאסנישטשער גאס. אזוי גרויס איז געווען זיין אויוון.

די גרויסע פריזבע האט זיך געצויגן ארום צוויי ווענט פון הויז. די פריזבע איז געווען אנגעשאטן מיט זאמד און פארצוימט מיט ברעטער פינף־זעקס צאל. אויפן זאמד איז ארויפגעלייגט געווארן געקנעטענער ליים, וואס איז אויסגעטריקנט געווארן אין דער זון. פון דעם איז געווארן א מין נידעריקע באנק צום זיצן. אויף אט דער פריזבע האבן זיך אויסגעזעצט די ווייבער שבת נאכן שבתדיקן דרימל און געשמועסט וועגן אלץ און אלעמען. מען איז זיך צעגאנגען ערשט דעמאלט, ווען מען האט באדארפט זאגן „גאט פון אברהם".

פון אברהמס הלבשה האט זיך אלע מאל געפילט דער גערוך פון פארב און טערפּענטין, פון פארבן די בייטש־שטעקלעך זענען די נעגל אים אלעמאל געווען לאקירט.

ווען איך בין אוועק פון מיין היימשטאט, איז שוין אברהם נישט געווען. וואס מיט זיין משפחה איז געווארן, איז מיר אומבאקאנט.

בנימין עטיעס

דאס הויז פון בנימין עטיעס איז געווען אין פארלויף פון א פאר דורות א מין אינסטיטוציע פאר זיך.

די משפחה איז געווען א גרויסע, א סך פון זיי האבן געלעבט צוזאמען און געפירט פארשידענע מסחרים, אבער די גרעסטע פון זיי איז געווען די טשעכראלניע. דאס איז געווען אזא מאשין, וואס האט גערייניקט די שאפענע וואל, געמאכט פון דעם פוכקע וואל גלייך צום שפּינען. די פויערטעס פלעגן אליין אויסארבעטן געוואנט פון דער וואל און מאכן מלבושים.

די מאשין איז געשטאנען אין דער אונטערשטער קאמער. א פערד איז געווען צוגעשפּאנט צו א צירקל אין א דערבייאיקער שטאל, וואס האט זיך געדרייט אין א קרייז און דאס האט באוועגט די מאשין. אזוי האט די פאבריק געארבעט.

אין איין זייט פון הויז איז געווען א שטיקל פּלאץ פאר די גוישע פורלעך. באלד נאך די יידישע יום־טובים פלעגט מען א גאנצע וואך זען ארום הויז פויערשע פורן מיט אויסגעשפּאנטע פערד. אין גרויסן פראנט־צימער זע־נען געשטאנען גרויסע טישן און לאנגע בענק. ארום די טישן פלעגן זיך אויסזעצן די גוים און זייערע ווייבער. ווארטנדיק אויף זייער ריי. דערביי האבן זיי געריבן א סעודה פון גראבע שטיקער שווארץ ברויט מיט סאלע (חזיר) און פארטרונקען מיט וואדקע.

טייל פויערים פלעגן זיך אריינכאפּן אריבער דער גאס צו חיהקען „נא טשיי" (טיי). חיה די טשייניטשקע פלעגט צאפּן פונעם גרויסן קעסל הייס וואסער און האט געלאשן די „שריפה" ביי די גוים נאך דער סאלע מיטן ברויט.

אזוי האט זיך געדרודערט מיט די מאשינען און די גוים פון זונטיק ביז פרייטיק. פרייטיק נאך א האלבן טאג האט בנימין עטיעס דירה געקראגן אן אנדער פּנים. דער דיל איז איצט געווען אנגעשאטן מיט זאמד. די טישן אפּגעוואשן און פארשפּרייט מיט שניי־ווייסע טיש־טוכער. ליכט האבן געברענט און די קעראסין־לאמפּן האבן געבליצט מיט די אויסגעוואשענע גלעזלעך. דא האט עס בנימין עטיעס געהאט זיין „מנין" וווהין עס פלעגן שבת קומען דאווענען כמעט אלע שכנים פון ארום: שלום און יעקב כהן מיט זייערע זין, אבא קליג, אברהם שמיליוקעס, שמשון זלמן־יעקבס, משה־נאטל גאר־טנשטיין, די קירנעסעס, פּיניע־הערש, חיה־דאבעס און אנדערע.

אלי האַראַדלער

מיין פעטער האָט מען גערופן אלי האַראַדלער, ווייל זיין פרוי פּאַיע האָט געשטאַמט פון דעם קליינעם שטעטעלע ביים בוג האַראַדלע.

אויסער זיין שווערער האַרעוואַניע ביי זיין בעקער־פּרנסה, האָט ער געוווּסט בלויז צו גיין דאַווענען און לערנען אין סטעפּעניער שטיבל. קיין וועטער האָט אים פון דעם נישט געקאָנט אָפּהאַלטן. ער איז געווען אַ שטי־לער, זיך נישט געטומלט און נישט געקהלט.

די מומע פּאַיע האָט אַלעמאָל געפונען צייט אויף צוויי זאַכן: צו העלפן אַרעמעלייט אויף שבת און אויפ־נעמען געסט.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט דער זון זייערער, יעקל לערנער, איינגעפירט אַ נייע פּרנסה. פון הויז, וואָס יעקל האָט פאַר זיך אויפגעבויט אויפן גאָרטן, איז צוגעבויט געוואָרן נאָך אַ געביידע, וואָס האָט כמעט פאַרנומען דעם גאַנצן גאָרטן. דאָרטן האָט ער געמאַכט אַ גאַרבאַרניע. אין די געביידעס זענען איינגעגראָבן גע־וואָרן קאַדיעס, אַזוינע גרויסע פעסער, וואָס זענען געווען אַ ביסל העכער פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד. אין די קאַדיעס האָבן זיך געווייקט די פעלן אין וואַפּנע אָדער אין דעמבענער קאָרע. די אַרבעטער האָבן די פעל גע־מישט מיט גרויסע שטאַלענע צוואַנגען. די גראָבע פעלן האָט מען געפאַרבט אויף ברוין און עס זענען אַרויס־געקומען פון זיי גאַנץ דיקע פּאַדעשוועס. די דינערע קעלבערנע פעלן האָט מען געפאַרבט אויף שוואַרץ. די גרעבערע פון זיי האָט מען גערופן יוכטן און מען האָט זיי גענוצט אויף שטיוול. פון די מיטל־גרעביקע פעלן איז אַרויסגעקומען כראָם.

סוחרים פלעגן קומען פון כעלם, פון לובלין און אַנדערע ערטער צו קויפן לעדער. יעקל מיט זיין ברודער דוד הי״ד פלעגן אַוועקפירן אַ סך סחורות מיט פערד און וואָגן קיין הרוביעשעוו און לודמיר. דער מסחר וואָלט גע־ווען געגעבן שיינע פּרנסה, אָבער די פּוילישע רעגירונג האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז פון דער גאַנצער אַר־בעט זאָל זיין קוים אין מויל אַריין. דאָס איבעריקע האָבן זיי צוגעגזלט אין שטייערן.

יעקב־לייזער טשעסנער

איידער עס איז נאָך גוט טאָג געוואָרן, זענען שוין יידן געלאָפן דאַווענען צום ערשטן מנין.

איינער פון די גאָר פריע דאַוונערס איז געווען יעקב־לייזער, אַ קרעמער פון גאַלאַנטעריע.

ווי אַלע פרומע יידן, האָט יעקב־לייזער זיך גע־אײלט אָפּצוגעבן דעם אויבערשטן זיין תפילת־שחרית. דערנאָך פלעגט ער זיך זעצן צו זיין טעגלעכן בלאַט גמרא.

יעקב־לייזער האָט אַלע זיינע יאָרן געטראָגן אַ לאַנגן בגד, ווי אַלע חסידים. אַז ער האָט געהאַט אַ לאַנגע באָרד, איז דאָך קלאָר פון זיך אַליין. וואָס מען מוז יאָ זאָגן, איז, אַז זיין באָרד און פּאות זענען עפּעס געווען אַנ־דערש ווי ביי אַלע ליבעוונער.

יעקב־לייזערס באָרד האָט זיך אָנגעהויבן מיט די פּאות, ווייל ס'איז געווען נישט צו דערקענען די גרע־נעץ צווישן באָרד און פּאות. בלויז אַ שטערן מיט צוויי אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פון דעם וואַלד האָר.

ווי געלאָסן יעקב־לייזער איז געווען ביים דאַווענען און ביים לערנען, אַזוי צעחושט איז ער געווען אין זיין קראָם. זיין קאָפּ איז געלעגן אינגאַנצן ביים לערנען. ער איז געווען מער פאַרטאָן אין עמוד גמרא, וואָס ער האָט היינט געלערנט, ווי אין זיינע אַרטיקלען פון קראָם... דעריבער פלעגט ער אַזוי אַרומלויפן צעטומלט, ווען אַ קונה פלעגט אַריינקומען קויפן עפּעס.

זיין עלטסטער זון אשר פלעגט אים אָפט קומען צו הילף צו געפינען די סחורה. נאָך זיין חתונה האָט אשר געעפנט אויך אַ גאַלאַנטעריע־קראָם. די אָרדענונג אין זונס געשעפט איז געווען די זעלביקע וואָס ביים טאַטן, די שאַכטלעך זענען געלעגן אונטער די פיס. פאַרשידענע קנעפּלעך האָט איר זיך געקאָנט מטריח זיין אויפקלויבן פון דער פּאַדלאָגע... ער איז אַרומגעלאָפן פון איין ווינקל קראָם צום אַנדערן. אויב דאָס ווייב איז נישט געווען אין געוועלב, פלעגן טאַקע אַנדערע קונים אַוועק צו מאירצע לודמירער אָדער צו איצע מעלניצער, פון דער צווייטער זייט מאַרק.

דאָס איז אַ שטיקל בילד פון אַ טאַטן און אַ זון. נישט, חלילה, אויף אָפּצולאַכן. אַ סך יידן אין אַנדערע שטעט און אין אַנדערע בראַנזשעס, אין אונדזערע ליבע פּוילישע שטעטלעך פון פאַרן חורבן זענען אַזוי געווען: פּעאיקע סוחרים, די בעסטע קעפּ, אָבער פאַרנומען איז מען געווען מיטן רבונו של עולם מער ווי מיטן מסחר.

אברהם בוזיס

אברהם בוזיס איז געווען אַ טראַטש. געשניטן ברע־טער פון קיילעכדיקע קלעצער. זייער אַ שווערע אַרבעט פאַר אַ יידן.

צום מיינסטן איז די אַרבעט געטאָן געוואָרן זומער. ווינטער פלעגט אברהם שניידן דעמבענע קאָרע ביי מיין פאָטער ע״ה.

מיין פאָטער האָט געהאַנדלט מיט האָלץ אויף צו באַהייצן די הייזער, און אויך מיט קאָרע, וואָס גאַרבאַר־ניקעס האָבן גענוצט אויסצואַרבעטן פעל אויף לעדער.

שנײַדן די קאָרע האָט גענומען אַ גאַנצן ווינטער. זומער פלעגט מען זי אָפּשיילן אין די וועלדער. דער סעזאָן אויף דעם איז געווען פרילינג, צווישן פסח און שבועות. די קאָרע איז אויסגעטריקנט געוואָרן אויף דער זון און דערנאָך אַרייַנגעפירט געוואָרן אין אונדזערע שטאַלן, וואָס מיר האָבן געהאַט ספּעציעל פאַר דעם צוועק.

אויף אַ שטיק צעמענטירטן באָדן איז אין שטאָל געשטאַנען אַ גרויסע מאַשין מיט אַ ריזיקער הילצערנער ראָד, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ שטאָלענער אַקס איבער צוויי קלעצלעך אויף אַזאַ אויפשטעל. ביי דער אַקס זע־נען געווען צוגעשרויפט צוויי מעסער מיט ציין, ווי ביי אַ זעג. די קאָרע האָט מען שטיקערווייז אַרויפגעלייגט אויף דער מאַשין אונטער די מעסער. די מאַשין האָט געהאַט אונטן אַ בלויז און די קאָרע געשניטענערהייט פלעגט פאַלן גלייך אין זאַק, וואָס איז געווען דאָרטן אָנגעהאַנגען.

אברהם בוזיס איז געווען אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס, מיט אַ בלאָנד קורץ בערדל. זיין קורץ פעלצל איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק. געטראָגן אַ פּאָר וואַטאָווע געשטעפּטע הויזן און שטיוול מיט לאַנגע כאָליעוועס, אַ ביסל אַ גרעסערע מאָס. דאָס איז געווען אַ סגולה ס'זאָל אַריין אין זיי נאָך אַ פּאָר שמאַטעס, וואָס מען האָט גערופן אָנעציס, צו פאַרוויקלען די פיס.

אברהם פלעגט אויפשטיין פאַרטאָג. נאָכן אָפּדאַווע־נען מיטן ערשטן מנין, פלעגט ער קומען צו זיין אַרבעט ביי אונדז.

קודם האָט אברהם גענומען איבערבייסן, אָדער עפּעס איבערכאַפּן, ווי ער פלעגט עס רופן. ער האָט אויפגע־קאָכט אַ טאָפּ וואַסער, צעהאַקט דעם שבתדיקן קוילעטש, וואָס האָט זיך שוין נישט געלאָזט שניידן, אין אַ גרויסער ערדענער שיסל, אַריינגעטאָן אַ שטיק רינדערנע שמאַלץ, אַ זשמעניע זאַלץ, דערנאָך אַרויפגעגאָסן הייס וואַסער. פון דער שיסל האָט גענומען זעצן אַ פּאַרע. ער האָט זיך אוועקגעזעצט ברייטלעך ביים טיש און האָט אָנגעהויבן באַאַרבעטן די שיסל, בלאָזן און עסן, עסן און שוויצן. אַז די שיסל איז געוואָרן ריין, האָט ער פאַררויכערט אַ ביסל מאַכאָרקע, האָט זיך אָפּגעסאָפּעט און אַריין אין דער שאָפּע אַרבעטן. דאָס איז געווען די ערשטע סעודה פון טאָג.

די אַרבעט איז ביי אים אַוועק פלינק. אַן עלעקטרי־שער מאָטאָר וואָלט נישט געצויגן דאָס הענטל פון דער ראָד שטאַרקער ווי אברהם מיט זיינע הענט.

דעם מיטאָג האָט אים שוין געבראַכט זיין טאָכ־טער. די צווייטע סעודה אברהמס איז באַשטאַנען פון אַ טעפּל הירזש מיט האָניק, אַ לאַדישקע זויער־מילך מיט אַ האַלבן לאַבן ברויט. אַ צווייט מאָל איז די „מעניו" באַשטאַנען פון אַ טאָפּ געקאָכטע קאַרטאָפל מיט אַ רויטן בוראַקאָוון באָרשט.

געוויינלעך נאָכן עסן האָט ר' אברהם געבענטשט ברכת המזון און געדאַנקט גאָט פאַר געבן אים עסן צו דער זעט.

נאָך דער סעודה האָט ער זיך געשטעלט צוריק צו דער ראָד און אָפּגעאַרבעט ביז עס איז פינצטער גע־וואָרן. געווען אַ מאָל געזונטע יידן — אַמאָליקע יידן.

יונה לאַדיניער

פינף טעג אין וואָך איז יונה געווען פאַרנומען אין זיין פאַראָוווער מיל.

נישט ווייט פון דער מיל איז געשטאַנען אַ גרויס הויז, ווו די גאַנצע משפּחה האָט געוווינט: די זין מיט די טעכטער און זייערע פאַמיליעס.

יונה לאַדיניער האָט מען אים גערופן, ווייל ער האָט געשטאַמט פון דאָרף לאַדיניע. זיין אמתער נאָמען איז געווען מעל — און מעל האָט באַדעקט זיין פּנים, הענט און אַלע זיינע בגדים.

בלויז צוויי טעג — שבת און זונטיק — איז יונה געווען אָנגעטאָן אַ ביסל אַנדערש. מען האָט געקאָנט אַרויסזען אַ שטיקל פּנים. אויך די מלבושים זענען געווען אַ ביסל טונקעלער, ווי אַ גאַנצע וואָך.

יונה לאַדיניער איז געווען אַ פּשוטער ייד, אָבער איידעמס פאַר זיינע טעכטער האָט ער דווקא אויסגע־קליבן נישט קיין פּראָסטע. זיין עלטערער איידעם, הער־שעלע ליפּשיץ, איז געווען אַ ייד אַ לערנער. איך פלעג אים טרעפן ביים סטעפּעניער רבין אין הויז. ער פלעגט שמועסן און לערנען, טאַקע מיטן רבינס זון ר' משהלע אָדער איצע־מאיר שעיה לייבושעס.

הערשעלע האָט מען אים גערופן איבער זיין קליינעם וווקס. געהאַט האָט ער אַ באָרד אַזאַ לאַנגע, וואָס לויט זיין וווקס איז אויסגעקומען, אַז זי געהערט נישט צו אים, ווי ער וואָלט זי אויסגעכאַפּט ביי אַ יידן, וואָס איז צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי ער. אַ חוץ אַ לערנער איז ער אויך געווען אַ ייד אַ סוחר און אַ ווערטל־זאָגער אויך.

דער צווייטער איידעם יונהס האָט געהייסן משה קלערער. אויך אים פלעג איך באַגעגענען פון צייט צו צייט ביים רבין אין הויז.

משה קלערער איז געווען אַן אינטעליגענטער יונ־

גערמאַן. ער האָט געהערט צו דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי און אין איר שליחות פלעגט ער באַזוכן אַ ריי שטעטלעך. ער איז געווען אַ גוטער רעדנער און זיינע רעדעס פלעגן אויסנעמען ביים עולם.

חיה־ביילע די סקיבערן

די סקיבער האָט מען זי גערופן, ווייל זי האָט געווינט אין סקיב, אַ שכנישן דאָרף נעבן ליבעוונע. איר פּראָפעסיע איז באַשטאַנען פון אָפּשפּרעכן אַ גוט אויג, גיסן וואַקס און אָפּברענען אַ רויז. כמעט אַלע טאָג פלעגט מען חיה־ביילען זען אין שטאָט. דעם מאַרשרוט פון סקיב קיין ליבעוונע פלעגט זי דורכמאַכן צופוס, און נישט מיטן גלייכן וועג, נאָר דורך די פעלדער און גערטנער. אַ מין קפיצת הדרך.

אַ לאַנגע דאַרע יידענע ווי אַ דראַנג, מיט אַ זעקעלע אויף די פּלייצעס. אין זעקל איז געלעגן אַ שטיק פּאַרגליווערטע וואַקס מיט אַ בינטל פלאַקס. אַ „גוט אויג" פלעגט זי אָפּשפּרעכן מיט אַ שפּרוך, אָבער צו אַ „רויז" האָט זי שוין אָנגעווענדט „דאָקטאָרסקע" מיטלען.

אויב עמעצער האָט געקראָגן אַ געשוויר אויפן פּנים, מיט רויטע פלעקן, האָט חיה־ביילע אַרויסגענומען דעם פלאַקס, אַזוינע קליינע בייגעלעך, אויסגעלייגט אויף אַ שטול. דאַן האָט זי איבערגעדעקט דאָס פּנים פון חולה מיט אַ ליילעך און אונטערגעצונדן דעם פלאַקס. אויב דער ברענענדיקער, טרוקענער פלאַקס האָט שטאַרק געטראַסקעט, איז געווען אַ סימן, אַז ס'איז אַ רויז. אַזוי ווי טרוקן פלאַקס טראַסקעט אַלע מאָל, איז אַלע מאָל געווען אַ רויז. אין פאַל, ווען דער קראַנקער האָט געהאַט גרויסע ווייטיקן אויך עטלעכע טעג נאָך דעם, האָט מען שוין גערופן אַ גרעסערן דאָקטער ווי חיה־ביילען...

אַן ענלעכע פּראָצעדור איז צוגעגאַנגען מיט גיסן וואַקס. טאָמער האָט זיך עמעצער איבערגעשראָקן ביי נאַכט, אַרויסגייענדיק אויפן גאַס אין די פינצטערע קליינע געסלעך, דעמאָלט האָט חיה־ביילע צעלאָזט די שטיק פאַרגליווערטע וואַקס און עס אַרויפגעגאָסן אין אַ שיסל מיט קאַלט וואַסער. פון דעם דאָזיקן צעמישעכץ זענען געוואָרן פאַרשידענע פיגורן, און פון זיי האָט חיה־ביילע געוווּסט, פאַרוואָס דער קראַנקער האָט זיך איבערגעשראָקן.

חיה־ביילע האָט אַליין געגלויבט אין דעם, און אַ גרויסער טייל מענטשן פון יענער צייט, האָבן אויך געגלויבט אין דעם.

יואל קרוטש

געהייסן האָט ער אויפן צווייטן נאָמען גאָרטענשטיין, אָבער גערופן האָט מען אים „קרוטש", אויף אוקראַיניש הייסט דאָס: אַ ביסל צעדרייט.

ער איז געווען אַ סוחר, געהאַנדלט מיט גויים אויף דער ראַגאַטקע. זיין פאָטער שעיה קרוטש איז אַרומגעפאָרן אַ גאַנצע וואָך איבער די דערפער און אויסגעביטן ביי די פּויערים הויז־אַרטיקלען אויף שמאַטעס, וועלכע ער פלעגט פאַרקויפן צו מענדל אייזנבערג, אָדער אבא קליג. ביי זיי פלעגט מען זיי אויססאָרטירן, פּאַקן און שיקן אין די פּאַפּיר־פאַבריקן. ער פלעגט אַרויספאָרן זונטיק אינדערפרי און צוריקקומען פרייטיק. איינעם מיט אַזאַ פּראָפעסיע האָט מען ביי אונדז גערופן שמאַטיליייניק.

יואל איז געווען פּאָפּולער ביי אונדז פאַר זיינע ווילד־יונגערישע שטיק און איינפאַלן. אָפּצוטאָן יענעם אויף טערקיש און פירן ליצנות. אַ מין מאַטקע חב"ד.

ביים אויפקויפן אייער ביי אַ פּויער אָדער פּויערטע, פלעגט ער אַרויסנעמען די אייער פון דאָרפישן קערבל און זיי אויסציילן ביי דעם גוי אָדער גויע אין פּאָלע אָדער שויס. דערנאָך פלעגט ער אַוועק אין גאָס אַריין נאָך געלט — מער האָט אים דער פאַרקויפער שוין נישט געזען...

אַז ער האָט געדונגען אַן עוף, וואָס דער פּויער האָט געהאַלטן געבונדן, פלעגט ער עס אויפבינדן און לאָזן גיין. דער תירוץ איז געווען, אַז יידן טאָרן נישט עסן קיין קרומע עופות, ווייל ער זען צי עס הינקט נישט.

יואלס הויז איז געשטאַנען נישט וויט פון די גויישע שכנים. געוויינלעך זענען נעבן די גויישע הייזער געווען סעדער און אויך גראָז. אין פרילינג, ווען דאָס גראָז האָט געהאַלטן אין וואַקסן, האָט דער גוי געהאַפּט צו האָבן פון דעם אַ סך היי, אויב ער וועט עס לאָזן וואַקסן נאָך אַ חודש. פלעגט זיך טרעפן, אַז די באַלעבאַטים פון גראָז זענען נישטאָ און אַ דאָרפישער פּויער גייט און זוכט אַרבעט מיט אַ קאָסע, פלעגט יואל באַדינגען זיך פאַרן גאַנצן גראָז. ווען דער פּויער האָט אויסגעקאָסעט דאָס גראָז און געזוכט דעם מאַן, וואָס האָט אים באַדונגען — איז רעד צום לאָמפּ...

אַזעלכע און ענלעכע שטיק האָט יואל אָפּגעטאָן — און דער עולם האָט געלאַכט.

דער קירזשנער

גערופן האָט מען אים שמואליקל קירזשנער לויט זיין פאַך. ער איז געווען ביי אונדז דער קלענסטער יידל.

ער האָט נאָר געגייט קוטשמעס, אַזוינע ווינטער־היטלען פון שאָפּענע פעלעכלעך און זומער־היטלעך מיט קאַזי־ראַקען. ער גופא איז אויך געגאַנגען אויפן קאָפּ אַ קוטשמע, אַזוי ווי דאַנער קאַזאַקן.

שמואליקל איז ס׳רוב געלאָפן. איך געדענק נישט, אַז איך זאָל אַמאָל אים טרעפן גיין פּאַמעלעך.

געטראָגן האָט ער שטענדיק אַ שטעקן מיט זיך. ער האָט זיך נישט אָנגעשפּאַרט אויף אים. איין עק שטעקן האָט געהאַט אַן אויסגעשניצט הענטל אין דער פאָרם פון אַ גרויסן דאַמען־קנאָפּ. דעם שטעקן האָט ער באַנוצט, ווען ער פלעגט שטיין אויפן מאַרק־פּלאַץ אין אַ יאַריד־טאָג. אויף דעם שטעקן פלעגט ער אָנטאָן אַ קוטשמע און דרייען אַזוי גיך ווי אַ קאַרוסעל און שרייען אויף אַ קול אַז מען זאָל קויפן ביי אים. ער האָט אַזוי געאַרבעט ווי דער בעסטער אַרטיסט, האָט צוגעצויגן אַ סך פּויערים און פאַרקויפט זיין סחורה.

ווען ער האָט פאַרענדיקט און דער מאַרק איז שוין געוואָרן ליידיק, איז ער אַראָפּ דער לעצטער, שטופנדיק זיין קופערט סחורה אַהיים. קינדער פון גאַס פלעגן אים העלפן שטופּן.

נאָך אַזאַ שווערן טאָג מסחרן האָט ער ווייטער נישט גערוט. באַלד אַריין אין בית־מדרש אויף אַ מנחה־מעריב, דערציילן עפּעס אַ פרישע מעשה און באַלד אַוועקלויפן אין צווייטן מקום קדוש, דאָרט געשפּרונגען אַ קדושה און אַריינגעכאַפּט אַ קדיש.

ווען האָט דער מענטש גערוט? ביינאַכט האָט ער געגייט היטלען און בייטאָג איז ער געשטאַנען מיט זיין סחורה. און האַלבע נאַכט פלעגט ער וועקן יידן צו זאָגן תהלים.

אפרים געלבאַרד

מען קאָן נישט דערציילן וועגן דעם טראַגישן טויט פון אפרים געלבאַרד אויב מען שטעלט זיך נישט אָפּ אַ ביסל אויף דער געשאַפענער לאַגע פאַר יידן אין פוילן נאָך היטלערס פאַרנעמען די מאַכט אין דייטשלאַנד.

צוגלייך מיט דער היטלער־העצע קעגן די דייטשע יידן, האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ די ענדעקישע קרייזן אין אַנטיסעמיטישן פוילן און עס האָבן זיך פאַרשטאַרקט די פאַרפאָלגונגען קעגן יידן. עס איז אויך געקומען צו קליינע פאַרגאָמען ווי ,,פּשיטיק" און אַנדערע, צעשלאָגן אַ ייד אין גאַס איז געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג, ווי אויך פּיקעטן ליידישן געשעפטן מיט דער לאָזונג: ,,פּאַליאַקן, קויפט ביי פּאַליאַקן", האָבן זיך וואָס מער באַוויזן אין די גרעסערע שטעט אין פוילן.

אויף די אוקראַינישע אַנטיסעמיטן, נישט געקוקט וואָס זיי אַליין זענען געווען אונטערדריקט פון די פּאַליאַקן, האָבן געפּועלט, אַז דאָס איז די צייט צו מאַכן חשבונות מיט יידן און אויך אויף די קרעסן האָט מען אָנגעהויבן הערן וועגן כוליגאַנישע אָנפאַלן אויף אומבאַשיצטע יידן.

דעם טראַגישן פרייטיק, האָבן זיך צוויי שיכורע שוסטער־כוליגאַנעס, אומגעקערט אהיים פון שענק און האָבן זיך געוואָלט מאַכן אַ ביסל פריילעך, ביים אָנהויב כעלמער גאַס, אין די הילצערנע קלייטן, האָבן זיי געגנו־מען אומוואַרפן די אויסגעשטעלטע פאַר די געוועלבער קעסטלעך מיט סחורה. דאָס איז געווען נישט ווייט פון לערנערס און געלבאַרדס אייזן־געשעפטן.

אפרים געלבאַרד, דערהערנדיק די געשרייען פון די אָנגעגריפענע קרעמער, איז אַרויס קעגן די כוליגאַנעס צו באַשיצן דאָס יידישע ביסל גוטס. אין גאַנג פון געראַנגל מיט די כוליגאַנעס האָבן זיי אים שטערבלעך צעשטאָכן מיט אַ מעסער און זיי האָבן זיך אָפּגעטראָגן, אפרים האָט נאָך באַוויזן צוצוגיין צו זייער געוועלב און איז געפאַלן טויט אויף דער שוועל.

אפרים געלבאַרד איז געפאַלן אין שוץ פון יידישן כבוד — זאָל זיין אָנדענק זיין געבענטשט.

י. גרמי

אברהם בלושטיין

אברהם׳לה בלושטיין היה בין המשכילים המעטים מ־יוצאי הכפרים שבנפת לובומל, שבאו להתגורר בעירנו ותרמו תרומה ניכרת להפצת ההשכלה בקרב הנוער ולפעולות תרבות שונות, ביניהם ישראליק הלפנט מהכפר ראקוביץ, שארגן והכשיר להקה דרמטית שהציגה את המחזה „הרצלה מיוחס״ בהצלחה רבה; בוזיה שטיינברג, מהכפר הורודנה, עסק בהוראה פרטית ברמה תיכונית (רוסית). אברהם׳לה בלושטיין, שמוצאו מהכפר פאַרוויס שעל נהר הבוג (כ־18 ק״מ מהעיר), עבר לגור בעירנו בשנת 1918 בקירוב והוא כבר בשנות ה־20 המאוחרות שלו. הוא התגורר ברחוב שלנו לא רחוק מביתנו, ותוך זמן קצר הורגלו השכנים לשמוע את צלילי כינורו הערבים הבוקעים מחלון חדרו.

לא עבר זמן רב והייתי ל„אורח״ קבוע בחדרו, כשאני שר לפניו שירים עממיים שונים והוא קולטם במהירות וחוזר ומנגנם בכינורו. באותם הימים הכין הרשל חסיד להצגה את המחזה „בר כוכבא״ של גולדפדן, אברהם׳לה השתתף בה בתפקיד „ראש השומרים״ של חיל המצב על חומת ירושלים בעת שהיתה במצור חיל הרומאים. בזכרוני נחרת שיר ששר אז אברהם׳לה במחזה:

(סולו ע״י אברהם׳לה):

גאט דער גערעכטער
קוק אראפ אויף פון דארט
שלאפט ניט איהר וועכטער
היט גוט דעס ארט!

(שירת החיילים במקהלה):

מיר הערן, מיר הערן
מיר הערן דיך גוט —
אנטשלאפן ווערן
וועלן מיר נישט!

כעבור זמן מה הכין וביים אברהם׳לה בעצמו בהצלחה רבה את המחזה „צעזייט און צעשפרייט״ מאת שלום עליכם וגם שיחק בעצמו בכשרון רב את התפקיד של מאיר טשולאַנט, גבור המחזה. את פרנסתו מצא אברהם׳לה בסטודיו שלו לצילום, שהיה ל„שם־דבר״ בכל הסביבה.

אברהם׳לה הצטיין במיוחד בכתיבה אמנותית מיני־אטורית, ויעידו על כך התצלומים המובאים כאן.*)


אברהם בלושטיין נשא לאשה את בת העיר פאיה ספרד וב־1930 היגר למונטווידאו, אורגוואי. שני בניו סלע עמנואל, צייר, ושאול בלושטיין שרטט־צלם עלו מאורגוואי ארצה והקימו בארץ את ביתם. ב־1963, לרגל הפתיחה החגיגית של תערוכת ציור של בנו בבית האמן בחיפה, ביקר אברהם׳לה בלושטיין בארץ ונפגש עם חבריו בני עירו.

אברהם׳לה בלושטיין מת בשיבה טובה במונטווידיאו. בתו חנה ואשתו פאיה ממשיכות להתגורר שם.

יהיה זכרו ברוך!


---


* ראה תצלומים בעמודים 204—205.


מגלת אסתר
קודם הקריאה.
ברוך אתה יי׳ אלהינו מלך העולם, אשר קדשנו במצותיו, וצונו על
מקרא מגלה: ברוך אתה יי, אלהינו מלך העולם, שעשה נסים לאבותינו, בימים
ההם בזמן הזה: ברוך אתה יי׳, אלהינו מלך העולם, שהחינו וקימנו והגיענו לזמן הזה:
אחר הקריאה
ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם, הרב את ריבנו, והדן את דיננו, והנוקם את נקמתנו והמשלם גמול לכל אויבי נפשנו
והנפרע לנו מצרינו: ברוך אתה יי׳ הנפרע לעמו ישראל מכל צריהם, האל המושיע:
אברהם בלושטין


מגלת אסתר
זרעו:
ברוך אתה יי' אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו על מקרא מגלה: ברוך אתה יי' אלהינו מלך העולם, שעשה נסים לאבותינו בימים ההם בזמן הזה: ברוך אתה יי' אלהינו מלך העולם, שהחינו וקימנו והגיענו לזמן הזה:
ברוך אתה יי' אלהינו מלך העולם, הרב את ריבנו, והדן את דיננו, והנוקם את נקמתנו, והמשלם גמול לכל איבי נפשנו, והנפרע לנו מצרינו: ברוך אתה יי' הנפרע לעמו ישראל מכל צריהם האל המושיע:


חותמות השלטון ומוסדות העיר
סטעמפלען פון די מאכט־ארגאנען אין שטאט











פעילות ציבורית, חינוך ותרבות

געזעלשאפטלעכע קולטור־טעטיקייט

ישראל גרמי

השפעתן של חבורות נוער מהסביבה על הפעילות התרבותית והציונית בעיר

את ראשית ההתעוררות לפעילות תרבותית וציונית של הנוער בעיירה יש לזקוף לא מעט גם לזכותם של הנוטים ללון. תודות להשפעתם ולפעילותם של צעירים אורחים אלה בתקופת שהותם בעיירה, התעורר הרצון גם אצל חלק מבני הנוער המקומי להתארגן ולהתחיל בפעילות ספורטיבית, תרבותית וציונית.

החבורה מלוצק, רובנה ורוז'ישץ

הקבוצה הראשונה הגיעה לעיירה בקיץ 1916. היו אלה כ־10 בחורים בגיל 22—25 בקירוב, יוצאי הערים רובנה, לוצק ורוז'ישץ. בראש הקבוצה עמד איש מבוגר במקצת מהם בשם בנימין פארשטיי, אשר הכרתיו לאחר שנים אחדות אישית, כאשר ביקרתי אצלו בבית מגוריו בלוצק. רובם התגוררו בביתו של ברל גינצבורג, בשכנות לבית משפחת רייז, ושפת הדיבור שלהם היתה לרוב רוסית וגם קצת גרמנית. לא עברו אלא ימים מעטים בלבד, ומעל הכניסה לבית גינזבורג הודבק שלט קטן ועליו כתוב ב־גרמנית: „משרד המיליציה האזרחית". התמיהה גדלה עוד יותר, כאשר הבחורים הללו ענדו לשרוול בגדם סרט רחב מטעם הרשות — סמל לתפקיד שהם ממלאים. מכאן ואילך התרגלנו לראותם יום יום כשהם משוטטים ברחובות העיר ומפקחים על הנקיון ועל הסדר הטוב, שהטילי שלטונות הכיבוש האוסטרי על תושבי העיירה, כגון: עוצר לילה משעה 21.00, האיסור לנסוע אל מחוץ לעיר בלי רשיון, קנסות ומאסרים על כל עבירה קלה בענייני נקיון; ומעל הכול — גיוס וחטיפת אנשים לעבודות כפיים לצרכי הצבא, כגון סלילת דרכים חדשות, כריתת עצים ביערות, תיקון מסילות הברזל, ובמקרים רבים גם עבודות חפירה בחזית ממש. מיליציה אזרחית זו היתה כפופה למרותו של קומיסר העיר בשם קוסבר, שהיה ידוע כשונא ישראל.

כתעלומה רבה היה בעינינו הדבר, שצעירים יהודיים משכילים אלה שירתו את שלטונות הכיבוש, הכבידו את אכפם על תושבי העיר ונהגו בהם ביד קשה. רק כעבור זמן מה, כאשר רפתה במקצת יד השלטון והלחץ על תושבי העיר הוקל, התחילה התקרבות־מה בין חברי המיליציה לבין צעירי העיר, ובראש וראשונה התקשרו עם מספר בנות מבין המשכילות שבעיירה. לאט לאט החל שיתוף פעולה בכמה שטחים: שרות יחדיו ב„מטבח העממי" (פאלקס־קיך), שנפתח מטעם הג'וינט לנצרכי העיר ולדלת העם; חוג להתעמלות, אשר פעל מספר פעמים בשבוע במתקנים, שהוקמו על ידי צעירי המיליציה במגרש הרחב שע"י בנין בית „התלמוד תורה", וכן חוג לשמיעת פרקים מ„דברי ימי ישראל" לגרץ, אשר אותם קרא והסביר בצורה נאה ומוש־כת את הלב בנימין פארשטיי. חוג המתעמלים גדל והתרחב עד שגם אנו, נערים בגיל 14—15, נהיינו שותפים זוטרים למפעל והראינו את כוחנו בטיפוס על עמודים גבוהים וחלקים, בקפיצות מעל קירות ומכשולים שונים, ועוד תרגילים מתרגילים שונים. הערצתנו לבנימין פארשטיי,

שהיה היוזם והמורה פעילות ספורטיבית, היתה גדולה לאין שיעור. אחדים מהחבורה נשאו להם נשים מבנות העיר המשכילות, ושני האחים רוזנפלד, יחיאל ובקי, אף נשארו לגור בעיר ופתחו בית מרקחת. עם גמר הכיבוש נתפרדה החבורה, ורובם חזרו למקומות מגוריהם הקודמים. בנימין פארשטיי הוסיף לבקר בעירנו פעמים מספר, ורושם עז השאיר בלבות הנוער כאשר נזדמן לעירנו ביום חגיגת הצהרת בלפור, והוא נאם בבית הכנסת הגדול, באסיפת־עם, נאום מלהיב בעברית.



קבוצת מתעמלים משורות המיליציה האזרחית בתקופת הכיבוש האוסטרי־גרמני בשנים 1916—1917 בהדרכת החבורה מלוצק ורוז׳ישץ

גימנאסטישע איבונגען פון דער ציווילער מיליץ אין דער צייט פון דער עסטרייכיש־דייטשער אקופאציע, אונטער דער אנפירונג פון דער יוגנט־גרופע פון לוצק און ראזישטש

החבורה מחלם — ומאטק עברי

בשנת 1918—1919, עם ראשית שלטון הפולנים, הגיעה מחלם השכנה חבורת בחורים (בגיל הגיוס כנראה), ש־השתכנה בביתו של ר׳ ישעיהו פלץ. גם חבורה זו מנתה כ־10 איש, רובם בעלי השכלה, ובתוכם משורר צעיר בשם מיכאל׳ה רובאייזן. בחורים אלה, אשר השתייכו כנראה לתנועת „בונד״, התחילו בפעולה תרבותית, שהתבטאה בהפצת ספרות תעמולתית ברוח ה„בונד״ ובארגון נשפי קריאה וזמרה משירי י.ל. פרץ, א. רייזין, ד. איינהורן ואחרים. הם ניסו בדרכים שונות להחדיר ללבות הנוער את התודעה של מלחמת המעמדות (קלאסן קאמפף), והזדמנות נאותה לכך מצאו בשעת הלוויתו של ברוך טשסנר ז״ל, קרבן תאונת־התפוצצות במשרפת הספירט: הם נשאו פלקטים תעמולתיים נגד ניצול מעמד הפועלים על ידי הבורגנות, ובראש נישאה הסיסמא: פועלי כל הארצות התאחדו!! על יד הקבר הפתוח נאמו אחדים מהם נאומי תעמולה באותו נוסח וסיימו בשירת „האינטרנציונל״.

יחיד ונפרד מהבורה זו, גם הוא מחלם, שהה באותו הזמן בעירנו הסטודנט מרדכי (או מאטק) עברי, שכובע ה־סטודנטים שלו מאוניברסיטת וארשה היה מעורר את תשומת לבנו. נעים הליכות היה ובעל סבר פנים עדינות, וצעירי העיר נמשכו אחריו. באחד הימים פנה אלי ולחברי ב. ווינר ז״ל, ושאל אם נוכל לארגן קבוצת נוער לפגישה עמו. שמחנו מאד לפנייתו זו, וכעבור ימים אחדים התאספה בחדרו קבוצה של כ־10 מבני גילנו. הוא סיפר לנו על הסתדרות השומר־הצעיר, שנוסדה לא מזמן בקונגרס־פולין ובגליציה ואשר התחילה להתארגן גם בשטח ה„קר־סים״ של ווהלין, בלטביה ובליטא. את מטרותיו של השומר הצעיר הגדיר כחינוך לצופיות, לימוד השפה העברית ו־עליה לארץ ישראל. הוא הציע לנו להצטרף לתנועה זו, והבטיח שיהיה מוכן להדריך אותנו כל עוד ישהה אצלנו. מובן שהתלהבנו מאוד מהצעתו זו, וכעבור ימים אחדים קראנו לאסיפת נוער, אשר בה הכרזנו על יסודה של הסתדרות השומר הצעיר בעירנו. ביזמתו ובהדרכתו ה־מבורכת של מאטק עברי ז״ל, שהיה לנו למורה דרך ב־צעדים הראשונים, התפתחה תנועה זאת ומילאה תפקיד נכבד בחינוך הנוער הציוני בעירנו.

נתן תכלת (בלומן)

פעמי הגאולה

יחד עם היהודים בכל תפוצות הגולה היו גם זקני הדור בלובומל מצפים לפעמי המשיח ומחשבים את ה־קיצין, ויחד עם כל היהדות בגולה פקדה השמחה את בתי היהודים בלובומל, כאשר נשמעו אחרי מלחמת־העולם הראשונה פעמי הגאולה הראשונים.

הדבר היה באפריל 1920. כאשר הוחלט בסאן רמו למסור את המנדט על ארץ־ישראל לבריטניה הגדולה, תקפה התלהבות את היהודים בעולם כולו. העתונים שהגיעו מווארשה הבליטו באותיות קידוש לבנה, בהוצאות מיוחדות את משמעות המאורע. התהלכנו אז כחולמים למשמע פעמי הגאולה הממשמשים ובאים.

השמחה בעיר היתה גדולה. בבית הכנסת הגדול נערכה אסיפת עם לחוג ברוב פאר את המאורע הגדול. הילדים, לומדי „החדרים" שוחררו מלימודיהם, תלמידי התלמוד־תורה ובני הנוער עברו בסך בחוצות העיר וצעדו לבית־הכנסת הגדול, שהיה מלא מפה לפה.

בפעם הראשונה ראו בני הנוער את הדגל הלאומי מתנוסס. נערכה תפילה חגיגית לכבוד הב'ית הלאומי שיקום, נישאו נאומים נלהבים ובהם באו לידי ביטוי נאמנות ומסי־רות אין קץ לציון הנבנית מחדש. מי שהיה ראש המיליציה האזרחית בתקופת הכיבוש של האוסטרים, מר בנימין פרשטיי ז"ל, מהעיר לוצק, נאם בעברית, וזו הפעם הראשונה



קבוצת פעילים מצעירי העיר בצוותא עם חברי המיליציה יוצאי לוצק, רוז'ישץ ורובנה בחגיגת מאורע סן־רמו בבית הכנסת הגדול ב־1917

א גרופע ציוניסטישע אקטיוויסטן צוזאמען מיט דער ציוויל־מיליץ פון דער יוגנט־גרופע פון לוצק, ראזיסטש און ראוו:ע אויף א פייערונג לכבוד דעם סאן־רעמא באשלוס אין דער גרויסער שול אין יאָר 1917

שהנוער שמע נאום נלהב בשפה העברית שעורר התפעלות רבה בקרב ציבור שומעיו.

נשים התפרקו מכשיטיהן ותרמו בהתלהבות ובלב הומה למען בניין הארץ. גיוס הכספים הקיף את כל התושבים. בדמעות גיל בעיניהם הביאו הכל את תרומותיהם לוועדת המגבית המיוחדת.

השמחה היתה רבה, המפלגות הציוניות וארגוני הנוער החלו לפעול ביתר מרץ והתעוררות וחלק מהנוער התחיל להתכונן לעליה. בראשית שנת 1921 עלו שני החלוצים הראשונים לארץ־ישראל, מר מרדכי גרימטליכט וצבי פוקס ז״ל, ובעקבותיהם, עוד בתחילת 1923, התחילה העליה החלוצית שלא פסקה עד מלחמת העולם השניה.



השקל בשנת 1921 — נרכש בידי א. נ. בלומן (תכלת)
א שקל אויסגעקויפט דורך נטע בלומען אין יאָר 1921

נחמה בליי (ווײנר)

חינוך ותרבות בעיר

בשנים 1916 — 1928

רכישת השכלה מסודרת היתה בעירנו בעיה חמורה מאז ומתמיד, ואני זוכרת כיצד אחותי הבכורה טמה לחמה קשות למען רכישת השכלה. קשה במיוחד היה המצב בימי מלחמת העולם הראשונה, כששלטונות־הכיבוש בעיר התחלפו פעמים אחדות.

שנים אחדות שלט בעירנו צבא אוסטרי. זו היתה תקופה של שלווה יחסית ומשום כך ניתנה לנו, הילדים, האפשרות ללמוד. בתקופה זאת הוקמו בעירנו שני בתי־ספר מטעם הממשל הצבאי. אחד מהם היה מיועד רק לאוכלוסיה הלא יהודית בעיר, ושפת ההוראה בו היתה אוקראינית. בשני התנהלו כל הלימודים בגרמנית.

בית־הספר האוקראיני, שבו למדתי ארבע שנים רצופות, נוהל על־ידי שתי מורות ממוצא אוקראיני, ששמותיהן היו אסיא ומיחסקה. היו אלה בחורות צעירות בעלות השכלה בינונית ביותר, אך לעומת זאת חביבות, עליזות ומאוד מוסיקליות. הן היו פטריוטיות גדולות של אוקראינה, שרו



צוות המורים של בית הספר העממי היהודי־פולני „פובשכנה"
דער לערער־פערסאָנאַל פון דער יידיש־פּוילישער פּאָווּשעכנע־שול אויף אַ פייערלעכע

אויפנאַמע — צווישן זיי די יידישע לערער:
יענע קעסלער, גרייף, י. שאפירא, עלבלינג און ראזא גאלדבערג

שירי געגועים על מולדתן, ובהשפעתן של המורות הללו שרנו גם אנחנו, ילדי היהודים, שירים אלה בהתרגשות. אך במהרה עזבו הילדים היהודיים בית־ספר זה, כי שררה אווירה אנטישמית בין התלמידים האוקראינים, ופנו ל־בית־הספר הגרמני, שבו למדו רק ילדים יהודיים. אני הייתי היהודיה היחידה, שהמשיכה את לימודיה בבית־הספר האוקראיני, מסיבות שלא היו תלויות בי. רק לאחר

ציווילע מענטשן האָט מען נישט געזען אויפן גאַס. ווער ס׳איז אַרויס, איז באַלד דערשאָסן געוואָרן. אַ יונגן בחור האָט מען אַרויסגעשלעפּט פון שלמה סערטשוקס קעלער און מען האָט אים דערשאָסן. נחום פּנחס יאָסעלעס איז דערשאָסן געוואָרן אויף כעלמער גאַס דורך שקצים פון דאָרף קוטעס. דוד רעדער פון פּאָלאָפּ איז אַרויס צומאַכן די לאָדנס, איז ער געפאַלן פון אַ קויל.

מוצאי יום־כיפור זענען סוף־סוף שוין אָנגעקומען די רויטאַרמייער און מען האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. אָבער גאָר גיך האָבן זיך אָנגעהויבן צרות, כאָטש פון אַן אַנדער סאָרט. זלמן רובינשטיין איז געוואָרן אַ גאַנצער פירער אין שטעטל. זיינע געהילפן זענען געווען משה קאָלטען, משה באָבצעס און רפאל פוינציס און אַ פּאָר שטעטלשע שקצים. מיין ברודער אפרים לאַנדסמאַן און אביגדור טשעסנער האָבן זיי אַרעסטירט און באַשולדיקט אין פּאַראַט. מען האָט זיי פאַרמשפּט אויף פינף יאָר תפיסה. פון דעמאָלט אָן האָט מען זיי שוין מער נישט געזען.

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן דער דייטש־סאָוויעטישער קריג אין 1941, בין איך גלייך מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי. אויפן דריטן טאָג פון קריג האָב איך פאַרלאָזן ליבעוונע. מער האָב איך שוין נישט געטראָפן מיינע עלטערן, מיין פרוי, מיינע קינדערלעך, מיין גאַנצע משפּחה.

ווער וועט נקמה נעמען פאַר זייער אומשולדיק בלוט ?

ישראל לייכטער

די סאָוויעטישע הערשאַפט

אין די ערשטע דריי טעג, ווען די דייטשן זענען געווען אין ליבעוונע, האָבן זיי צוזאַמענגענומען דאָס איבערגעבליבענע געווער פון דער פוילישער מאַכט, געמאַכט אַ זעלבשוץ אַרום דער שטאָט. זיי זענען אַרומגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב, אויסגעפרעגט יעדן איינעם, צי ער האָט געדינט אין מיליטער און אויב יאָ, האָבן זיי איינגעלאַדן צו קומען נעמען אַ ביקס אין האַנט און זיך שטעלן אין דינסט פון שטאָט. צו מיר איז מען אויך געקומען, נאָר איך האָב מיך אַרויסגעדרייט מיט פאַרשידענע תירוצים.

די גרעסטע מערהייט, וואָס זענען יאָ געגאַנגען זיך פאַרשרייבן און אַרויסנעמען ביקסן, זענען געווען בעיקר די אָנהענגער פון די באָלשעוויקעס. זיי זענען געווען פאַרשיכורט פון דעם גרויסן גליק, וואָס עס וועט אונדזער שטעטל טרעפן, ווען די רויטע אַרמיי וועט אַריבערטרעטן דעם בוג. עס איז ביי זיי געווען אַ גרויסע שמחה, זייערע פּנימער האָבן געשיינט. מ׳שטיינס געזאָגט, אַזוי פיל יאָרן געוואַרט אויף דעם גן־עדן און דאָ שטייט ער שוין ממש אויף דער שוועל...

מען האָט זיך גענומען גרייטן אויפצונעמען די נייע געסט־מושלים. מען האָט אויפגעשטעלט אַ גרויסן טויער ביים הויפּט־אַריינגאַנג אין שטאָט אַריין, באַפּוצט אים מיט רויטן, ווי עס פּאַסט ביי אַזאַ פייערלעכער אויפנאַמע, אָנגעשריבן מיט גרויסע, קידוש־לבנה־אותיות אַ באַגריסונג פאַרן „סאָוויעטסקי סאָיוז", וואָס איז געקומען באַפרייען אונדזערע בירגער פון דער פּוילישער פאַרקנעכטונג. דאָס זענען געווען עטלעכע פרייַלעכע טעג פאַר די ליבעוונער קאָמוניסטן. זיי זענען אַרומגעגאַנגען האָפערדיק, מיט אַרויפגעריסענע קעפּ, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז זיי קיין גלייכן נישטאָ.

לעבן מאַרק, אין זיידלס גאַנץ גרויסער דירה, וווּ עס איז געווען די געוועזענע פּוילישע פּאָליציי, האָט זיך איינגעקוואַרטירט דער צייטווייליקער שטאָב פון זעלבשוץ. דאָרט האָבן זיך אַרומגעדרייט די „חברים" מיט די ביקסן, וועלכע האָבן גענומען די מאַכט אין זייערע הענט. אַ געוויסער ווײַנער פלעגט אַרומרייטן אויף אַ גרויסן, ראַסאָווון פערד איבער דער שטאָט מיטן רעוואָלווער אין האַנט. ער איז געווען אַ בחור פון שאַצק. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס פערט אַזוי אויף זיין פערד דער אַמאָליקער פּריסטאַוו פון שטעטל.

דאָס האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. פּלוצלינג, נישט ריכטנדיק זיך, איז געקומען דער „בלוטיקער מיטוואָך". אין די אַרומיקע וועלדער האָט זיך נאָך געהאַט אויסבאַהאַלטן אַן אָפּגעריסענער פליגל פון דער צעשלאָגענער פּוילישער אַרמיי. געוויר ווערנדיק, אַז די דייטשן פאַרלאָזן אַ טייל אָקופּירטע שטחים, זענען זיי אומגעשטערט אַרויף אויף אַ שטייענדיקן צוג און זיך געלאָזט פאָרן אין דער ריכטונג פון „באַפרייטן" פּוילן. ווען זיי זענען צוגעקומען צו אונדזער סטאַנציע און זיך דערוווּסט, אַז אין אונדזער שטעטל ליגט די מאַכט אין די הענט פון אַ פּאָר יידישע קאָמוניסטן, אוקראַינער און פּוילישע אַרבעטער, וועלכע דערוואַרטן מיט אָפענע אָרעמס די סאָוויעטישע מאַכט, זענען זיי גלייך אַראָפּ פון צוג, אַריין אין שטעטל און אָנגעמאַכט אַ גרויסן חורבן, וואָס צו אים איז ביז דאַן קיין גלייכן נישט געווען. דעם ערשטן האָבן זיי געשאָסן דעם „שאַצקער" בחור, ווײַנער. נאָכדעם האָבן זיי צעוואָרפן דעם „טריומף־טויער", שטאַרק צעשלאָגן די חברה פון דער זעלבשוץ, געהרגעט נאָך עטלעכע מענטשן, וועלכע האָבן נאָר געפּרוּווט אַרויסקוקן דורך די פענצטער. זיי האָבן געטראָפן אַ פּשוטן ייד, אַ סאַדאָווניק, וואָס איז זיך געשטאַנען ביים פּלומפּ און אָנגעטרונקען זיינע פערד, האָבן זיי אים גלייך דערשאָסן. די אַלע, וועלכע מען האָט געפונען יענע שעה אין שטאָב פון דער זעלבשוץ, האָט מען געהייסן גיין מיט די הענט אין דער הויך צו דער באַן־סטאַנציע און זיי געשלאָגן מכות־רצח.

דאָ דאַרף מען באַמערקן, אַז אין דער ציטוויליקער פּאָליציי זענען געווען אויך אַ סך קריסטן, אָבער זיי האָט מען נישט געטשעפּעט. קיין איין קריסט האָט נישט געכאַפּט אַפילו קיין איין קלאַפּ. די אַלע געליטענע זענען געווען נאָר און בלויז די יידן. מען האָט גאַנץ טייער באַצאָלט יענעם בלוטיקן מיטוואָך פאַר דער יידישער „זעלבשוץ״.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט אַריינמאַרשירט די סאָוויעטישע אַרמיי. אין מאַרק איז גלייך געוואָרן פריילעך. די האַרמאַשקעס האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן און די זעלנער אויסטאַנצן זייערע פריילעכע רוסישע טענץ. עס איז עפּעס געוואָרן לעבעדיקער אויף דער נשמה נאָך די עטלעכע קאַשמאַריקע טעג, וואָס מיר האָבן די לעצטע צייט דורכגעלעבט. אויף אַ פּאָר טעג האָט מען געעפנט די קראָמען. דאָס גאַנצע מיליטער, כמעט אַלע ווי איינער, האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבער די קראָמען און אָנגעהויבן קויפן אַלץ, וואָס נאָר עס האָט זיך געלאָזט. די גאַנצע „באַוול־סחורה״, וואָס איז געלעגן אַלע יאָרן ערגעץ־ווו פאַרוואַלגערט, האָט מען אין די טעג פאַרצוקערט און אָפּגעלייזט פאַר זיי אַ סך סאָוויעטישע רובלען און פּוילישע זלאָטעס. קיין אָפּפאַל איז גאָרנישט געווען...

אַלע קרעמער האָבן גאַנצע טעג געלייזט אַזויפיל געלט, אַז זיי האָבן איינפאַך נישט געהאַט ווו אַהינצוטאָן נישט די אָנגעלייזטע רובלס, נישט די פּוילישע זלאָטעס אָבער ווען זיי האָבן געוואָלט פאַר דעם אָפּגעלייזטן געלט זיך איינשאַפן אַ פריש ביסל סחורה, האָבן זיי דערפאַר גאָרנישט געקריגן. האָט מען דאָך געזען, אַז מען איז אַריינגעפאַלן, האָט מען אויפגעהערט צו „לייזן״ און אָנגעהויבן באַהאַלטן דאָס ביסל סחורה, וואָס איז נאָך געווען פאַרבליבן.

איך אַליין האָב אָנגעהויבן מורא האָבן צוצוגיין צו מיין ציגעלניע. אמת, זי איז געווען אַ געדונגענע, אָבער לויטן באָלשעוויסטישן באַגריף, האָב איך אויך געקאָנט הייסן עקספּלאָטאַטאָר.

די נייע מאַכט האָט איינגעקוואַרטירט די אַרמיי־־אָפיצירן ווי אויך די ציווילע מאַכט־אָנפירער אין די הייזער פון די שטאָטישע איינוווינער, פאַרשטענדלעך, ביי די, ביי וועלכע עס זענען געווען גרויסע הייזער מיט אַ סך צימערן. די בעלי־בתים איז דאָס נישט געפעלן געוואָרן, וואָס זיי דאַרפן מוותר זיין אויף זייער באַקוועמלעכקייט און זיך פאַרענגן מיט דער גאַנצער משפחה אין איין אָדער צוויי צימערן.

עס זענען אויך געווען פאַלן ווען די מאַכט האָט נאַציאָנאַליזירט געוויסע אָביעקטן אין שטעטל פאַר דער אַרמיי, דאַן האָבן די אייגנטימער געקאָנט בלייבן אַרבעטן אַלס פּשוטע אָנגעשטעלטע.

עס איז געווען אומעטיק אויפן האַרצן, סוחרים און רייכערע בעלי־בתים האָבן מורא געהאַט, אַז מען וועט זיי אַוועקשיקן קיין סיביר ווי בורזשויען און אויסנוצער. אויך איך האָב מורא געהאַט צוצוגיין צו דער ציגעלניע, וועלכע איך האָב געהאַלטן אין אַרענדע, און דאָרט זענען געלעגן פאַרטיקע ציגל אויסגעאַרבעטע דורך מיר. איך האָב זיי שפּעטער פאַרקויפט דעם מיליטער פאַר קליין־געלט.

שפּעטער בין איך ווי אַנדערע געוואָרן אַ מלוכה־אָנגעשטעלטער און אָפּנעמער אין אַ האָלץ־סקלאַד, וואָס האָט געליפערט האָלץ דעם „ליעספּראָמכאָז״ און דעם מיליטערישן שטאַב אין שטעטל.

מיינע פּריוואַטע פּלענער האָב איך אָפּגעלייגט, ווייל איך האָב געפילט, אַז דער באָדן איז נישט זיכער און עס האָט זיך געדוכט, אַז מיר שטייען ווידער פאַר אַ תהום.

וואָס עס איז געווען אויפן האַרצן, האָט זיך אויסגעדריקט אין די פאַרשידענע קלאַנגען, איינער ערגער פון צווייטן. די קלאַנגען זענען גאָר גיך באַשטעטיקט געוואָרן דורך אַ פּלוצלינגדיקער מאָביליזאַציע פון איבער 500 יונגנטלעכע פון שטעטל. אַ טייל פון זיי האָט מען גענומען טאַקע אין דער אַרמיי אַריין און אַ טייל האָט מען געשיקט בויען אַעראָדראָמען, גראָבן אָקאָפּעס וכדומה.

און דאָס, פאַר וואָס מיר האָבן זיך געשראָקן, איז געקומען פריער, ווי מיר האָבן געמיינט.

און אין איין שיינעם זונטיק פרי, דעם 21־טן יוני 1941, האָבן אָנגעהויבן פאַלן באָמבעס אויפן שטעטל. איין באָמבע האָט אויפגעריסן נישט ווייט פון אונדז און צעקלאַפּט די פּאָסט־געביידע. שראַפּנעלן זענען זיך צעפאַלן און אַריין אין די אַרומיקע שטיבער. נישט ווייט האָט געוווינט סענדער דער שוסטער, און ער מיט זיין ווייב זענען גלייך געווען די ערשטע קרבנות פון דעם ערשטן לופט־אָנגריף. זונטיק, 10 אַזייגער אינדערפרי בין איך שוין געווען גלייך מיט אַ סך אַנדערע איינוווינער מאָביליזירט. דער „פּריאָם״ איז געווען ביי ווייצפּרוכטן אין שטוב.

איך האָב נאָך באַוויזן צוצוגיין אַהיים און די מאַמע מיט די שוועסטער זענען אַלע אויף מיר אַרויפגעפאַלן און מיך אַרומגענומען ביים האַלדז, איך האָב געפילט, אַז אָט־אָט ווער איך דערשטיקט, אויב איך וועל זיך באַלד פון זיי נישט באַפרייען, וועל איך פאַרחלשן לעבן זיי. איך געדענק נישט, ווער עס האָט מיך פון זיי אַוועקגעריסן ממש מיט כוח. און דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך האָב זיי געזען.

מען האָט מיך אַוועקגעשיקט מיט אַ סך פון שטעטל, צווישן וועלכע עס זענען געווען היימישע שכנים, צו דער באַן. דאָרטן זענען געווען פריש אויסגעבויטע קאָ־

זאַרמעס. מען האָט צוגעטיילט אַ ביסל פּראָוויאַנט — סוכאַרעס, סאַכאַרין מיט צוקער. איך בין צוגעטיילט געוואָרן צו דער אַרטילעריע, ווייל איך בין געווען פריער אין דער פוילישער אַרמיי אין דער זעלבער קאַטעגאָריע. אַן אָפיציר האָט אונדז גלייך איבערגעגעבן די נייעס, אַז דער „מערזאַוועץ", דער דייטש, איז אויף אונדז אָנגעפאַלן, מיר האָבן אים געגעבן ברויט און ער צאָלט אונדז אָפּ איצט מיט שטיינער. נאָר נישט געזאָרגט, רעביאַטאַ, האָט ער אונדז געטרייסט, פּאָבּיעדאַ בּודיעט זאַ נאַמי (מיר וועלן געווינען דעם קריג).

מיר זענען גלייך אַרויסגעפאָרן אין דער געגנט פון שאַצק, נאָענט צו דער אָזיערע. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, זענען מיר שוין געווען פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט, האָבן מיר דעריבער אָנשטאָט מלחמה האַלטן, גענומען זוכן אַ וועג, דורך וועלכן מיר זאָלן קאָנען זיך אַרויסרייסן לעבעדיקערהייט און גאַנצערהייט.

אַזוי אַרום האָבן מיר זיך געלאָזט דורך פאַרשידענע אַרומוועגן און הינטערוועגן אין דער ריכטונג אויף קאָוועל בייטאָג און ביינאַכט, ווען עס האָט זיך נאָר געלאָזט און מיר האָבן געהאַט דערצו די מעגלעכקייט, אַבי ווייטער זיך צו געפינען פון דער מערדערישער באָמבאַרדירונג, וואָס די דייטשן האָבן אויף אונדז אויסגעשאָטן.

איך האָב אין אָט די ערשטע טעג זייער אַ סך זיך אָנגעזען און אָנגעליטן, אַדורכגעלעבט אַ סך שרעק און אַנגסטן. נאָך אין שאַצק זייענדיק איז פאַר אונדז אַרויסגעפאָרן אַ קאָמפּאַניע נענטער צום פראָנט. אַדורכגייענדיק לעבן אונדז האָב איך באַמערקט, ווי איינער האָט זיך אויסגעדרייט און זיך אומגעקוקט, דאָס איז געווען אברהם מעלניק. שפּעטער, ווען די קאָמפּאַניע האָט זיך צוריקגעקערט, איז צו מיר צוגעפאָרן אַן אָפיציר רייטנדיק אויף זיין פערד און אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער, מיך געוואָלט שיסן, מיינענדיק, אַז איך בין דאָס דער אַנטלאָפענער דעזערטיר מעלניק. צום גליק האָבן אַלע פון מיין אָפּטייל זיך איינגעשטעלט פאַר מיר און באַשטעטיקט, אַז איך בין אַ זייעריקער און נישט דער אַנטלאָפענער.

שפּעטער האָב איך שוין מיט מיינע אייגענע אויגן געזען, אַז ווען מען האָט געכאַפּט איינעם, וואָס האָט זיך אַרויסגעדרייט פון דער ריי, האָט מען מיט אים קיין לאַנגע צערעמאָניעס נישט געמאַכט, נאָר אָוועקגעפירט אים אין אַ זייט און גלייך אויפן אָרט געשאָסן אַן אַ שום געריכט. פון זיך אַרויסדרייען און פּרוּוון צוריקגיין קיין ליבעוונע האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין. איך האָב אַפילו מורא געהאַט אין געדאַנק דערפון צו טראַכטן. אַ סך היימישע חברה, וואָס איך האָב אויפן וועג אָנגעטראָפן, האָבן מיר צוגערעדט זיך אַרויסצודרייען און גיין מיט זיי צוריק אַהיים. איך האָב נישט געוואָלט דערפון הערן. פאַרקערט, איך האָב זיי געזאָגט, אַז וואָס ווייטער מיר וועלן פון דער שריפה אַוועק און וואָס טיפער אין רוסלאַנד, וועט פאַר אונדז זיין געזונטער, וועלן מיר זיך אפשר קאָנען אַרויסראַטעווען.

איך האָב זיך שוין צוגעזוכט עטלעכע חברים, וואָס האָבן געהאַלטן מיט מיר און מיר האָבן מיט אַלע מעגלעכקייטן „געצויגן" פאָרויס. דעם גרעסטן טייל פון טאָג זענען מיר געגאַנגען צוזאַמען מיטן מיליטער און בעת אַן אָנפאַל האָבן מיר זיך ווי זיי צעשיט, און שפּעטער איז שוין זייער שווער געווען זיך אָפּצוגעפינען. גענוג געווען זיך צו מעלדן צו אַן עלטסטן, וועמען מען האָט נאָר אין וועג געטראָפן, און אים מעלדן, אַז מיין „אָטריאַד" האָט אָנגעוווירן דעם אייגענעם אָפּטייל, האָט ער נישט געשטערט צוצוטרעטן צו זיין קאָמפּאַניע און צוזאַמען מיט זיי ווייטער שפּאַנען. אַזוי בין איך צוגעקומען ביז אַ שטעטל אויף יענער זייט קאָוועל, מאַניעוויטש, וואָס איז געווען אַמאָל אַ פיינער דאַטשע־אָרט.

אין מאַניעוויטש האָב איך זיך געטראָפן מיט מיינעם אַ קוזין, אויך אַ מאָביליזירטן. ער האָט מיך געבראַכט צו זיך אַהיים, און אין די עטלעכע טעג, וואָס מיר זענען געווען אין יענעם שטעטל, בין איך אַ ביסל געקומען צו זיך פון מידקייט, הונגער און דאָרשט.

פון דאָרטן האָב איך און נאָך אַנדערע זיך וואָכנלאַנג געשלעפּט איבער די ברייטקייטן פון רוסלאַנד, ביז מיר זענען סוף־סוף אָנגעקומען אויף אוראַל. וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אויפן וועג און שפּעטער אין אונדזער נייעם מקום, איז שוין אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

וואָלף שיינוואַלד

א קאמוניסטישע ממשלה

מיטן אַריינקום פון די סאָוויעטן קיין ליבעוונע, האָבן אַלע זיך אָנגעטאָן אַלטע קליידער מיט אַ פּאָר שטיוול, ווייל יעדער האָט געוואָלט מאַכן אַן איינדרוק פון אַ פּראָלעטאַריער.

גלייך אין די ערשטע טעג האָבן די סאָוויעטן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל אויפמאַכן אַלע געשעפטן און פאַרקויפן וואָס אייגער פאַרלאַנגט. מען האָט באַלד אויסגעליידיקט די געשעפטן. די רוסן האָבן אַלץ געקויפט, אַפילו אַ טלית כאָטש זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס דאָס איז, האָבן זיי אויך געקויפט. אַזוי זענען די געשעפטן באַלד ליידיק געוואָרן און עס איז נישט געווען מיט וואָס צו האַנדלען און ביי וואָס צו פאַרדינען. עס איז גיך געוואָרן זייער אַ שווערע לאַגע. עס איז נישט געווען וואָס צו עסן, וואָס אָנצוטאָן און אויך פאַרדינען איז געווען זייער שווער. מען האָט אָנגעהויבן זוכן אַרבעט.

אַזוי ווי איך בין געווען אַ פאַכמאַן ביי וואַלד־אַרבעט, האָט מען מיך און אַנדערע פון דעם פאַך צוגענומען צו דער אַרבעט. מען האָט אונדז געדאַרפט האָבן, ווייל דאָס האָלץ איז געווען אַ וויכטיקער אַרטיקל פאַר דער קריגס־פּראָדוקציע. מען האָט אונדז צעטיילט אין גרופּעס. מיט מיין גרופּע האָט אָנגעפירט נטע פוקס מיט נאָך אַ רוס.

די יעניקע, וועמען די סאָוויעטן האָבן געדאַרפט האָבן, זענען דורך דער נייער מאַכט אויסגענוצט געוואָרן, אַפילו אויב זיי זענען פריער געווען רייכע מענטשן, למשל, חיים קרויט, וואָס איז געווען פריער דער בעל־הבית פון אַ טאַרטאַק, איז באַשטימט געוואָרן פאַרן דירעקטאָר פון זיין קאָנפיסקירטער אונטערנעמונג. דאָס זעלביקע איז אויך געשען מיט אַנדערע שטאָטישע איינוווינער.

פּאָליטישע קעגנער און רייכע לייט האָט מען ביי אונדז נישט אַרעסטירט. קאָן זיין, אַז מען האָט עס געהאַט בדעה צו טאָן, ווי אין אַנדערע סאָוויעטיש־אָקופּירטע מקומות, און מען האָט עס שוין נישט באַוויזן. די איינציקע ליבעוונער, וואָס איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד, איז געווען יוכבד וויינער. זי האָט געהאַט אַ מאַנופאַקטור־געשעפט און מען האָט זי באַשולדיקט אין באַהאַלטן סחורה. אַדאַנק דעם איז זי געבליבן לעבן.

אין דער צייט פון דער סאָוויעטישער ממשלה אין שטעטל זענען צוגעקומען ביי אונדז אַרום נאָך טויזנט יידן. דאָס זענען געווען יידן, וועלכע האָבן זיך אַריבערגעכאַפט פון דער דייטשער זייט, וואָס איז געווען אויף יענער זייט בוג. איידער עס האָט אויסגעבראָכן די סאָוויעטיש־דייטשע מלחמה, זענען די גרענעצן צווישן די ביידע נייע „שותפים" נישט געווען אַזוי שטאַרק אָפגעהיט, און מען האָט ווי ס'איז געקאָנט זיך דורכשלאָגן די גרענעץ. מיטן אָנקום פון די נייע יידישע פּליטים איז געוואָרן שטאַרק ענג מיט דירות, אָבער אונדזערע שטעטלשע יידן האָבן אָנגענומען אַלע מיטלען צו העלפן זייערע אַריבערגעקומענע ברידער.

די סאָוויעטישע מושלים אין שטעטל איז נישט שטאַרק געפעלן געוואָרן דער שטראָם נייע יידן. איינמאָל איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אָפיציעלע מעלדונג פון דער אָרטיקער סאָוויעטישער מאַכט, אַז ווער עס וויל פאָרן צוריק אַהיים, קאָן עס טאָן. אַ סך יידן־פּליטים האָבן זיך דעמאָלט רעגיסטרירט אויף צו פאָרן צוריק אין זייערע אַלטע וווין־ערטער. די אַלע רעגיסטרירטע פּליטים האָט מען איין נאַכט אַרויסגענומען פון זייערע בעטן און אַרויסגעשיקט אין טיף־רוסלאַנד.

די סאָוויעטן האָבן זיך אַלץ מער באַפעסטיקט אין שטעטל, וואָס ליגט 20 קילאָמעטער פון בוג, די נייע סאָוויעטיש־דייטשע גרענעץ. דער „פּאָגראַניטשנער אָטריאַד" האָט דאָ געאַרבעט טאָג און נאַכט. מען האָט גענומען אין דער אַרמיי די ערשטע יאָרגענג. מען האָט געמיינט, אַז אַזוי וועט דאָס שוין בלייבן. מען האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז דאָס אַלץ איז מער נישט ווי אַ קינדערשפּיל קעגן דעם, וואָס עס דערוואַרט אונדז גאָר גיך מצד די נאַצישע מערדער.

רחל מעלצער

אלס פליטים אין לובומל

ווען עס איז אויסגעבראָכן דער חורבן־היטלער, האָבן מיר געוווינט אין כעלם. מיינע טייערע עלטערן, מנחם־מענדל בן משה פעלדמוס און חיה בת צבי רייף, האָבן געמאַכט אַלע אַנשטרענגונגען אונדז אָוועקצושיקן קיין ליבעוונע, וואָס האָט זיך דעמאָלט נאָך געפונען ביי די סאָוויעטן.

פון כעלם קיין לובאָמל זענען מיר אַרויס צוזאַמען מיט נאָך אייניקע קינדער פון שטאָט. מיר זענען אַוועק צו דער טייערער באָבע שיינדל בת ישראל־ברוך און צו דער מומע פייגע.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס לעבן פון בעזשענצעס (פליטים). ליבעווגע איז פאַרפלייצט מיט בעזשענצעס, מענטשן וואַלגערן זיך אין די בתי־מדרשים און דאָס לעבן ווערט שווערער פון טאָג צו טאָג. אַ סך פון די יידישע פליטים אין לובאָמל זענען שפּעטער אַריינגעפאַלן דורך דער מיאוסער אָפּנאַרעריי פון נ.ק.וו.ד., אַז ווער עס וויל פאָרן אַהיים זאָל זיך פאַררעגיסטרירן. אָבער די פליטים האָבן נישט געוווּסט, אַז פאַרשרייבן זיך אַהיים — דאָס הייסט קיין כעלם אָדער אַנדערער ערטער — הייסט פאַרשרייבן זיך צו פאָרן צו די נאַצישע רוצחים.

מיר האָבן אין יענער צייט געלעבט ביי מיין מומען כאַסיע און טרייטל פּאָמעראַנץ ז״ל. אויך זיי האָבן אין דער צייט געזוכט די מצווה פון האַלטן פליטים, און זיי האָבן מיך מיט מיין מאַן יוסף גענומען צו זיך. אָבער אינגיכן איז צו אונדז געקומען מיט אַ רעקוויזיציע־בריוו אויף אַ האַלב הויז דער באַוווסטער לובאָמלער קאָמוניסט ריזינקי סטיופּאַ. דערצו האָט מען נאָך אַריינגעשיקט אין הויז דעם נאַטשאַלניק ליאָוואַ געלפון, אַ ייד פון בער־דיטשעוו. עס איז דאַן געוואָרן גאַנץ ענג די לופט, און מיר זענען צוריקגעגאַנגען צו דער מומע פייגל.

די סאָוויעטישע מאַכט האָט זיך באַמיט צו קריגן וואָס מער פליטים אויף אַרבעט און פאַרשיקן אין טיף־רוסלאַנד. מען האָט צוגעזאָגט פאַרשידענע פאַרלייכטע־רונגען. די מאַכט האָט זיך נישט פאַרלאָזט בלויז אויף דער פרייוויליקייט פון די פליטים — נאָר מען האָט גע־שיקט „באַזוכן" זיי און נעמען צו דער אַרבעט.

מיר האָבן געזען אין וועלכע אומשטענדן די יידישע פליטים פון פוילן ווערן פאַרשיקט אין טיפן רוסלאַנד: אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען פאַסיקע פאַר טראַנספּאָרט־צוועקן, אָן שום סאַניטאַרע באַדינגונגען, אָן עסן און וואַסער, האָבן מיר געפּרוּווט דערפון זיך אַרויסצודרייען. דעריבער האָבן מיר געטוישט אָפּט אונדזער וווין־אָרט, און געוואַנדערט קיין קאָוועל, מאַציוו און צוריק קיין לובאָמל. ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן, און אין אַ געווי־סער נאַכט זענען מיר, מיט פיל אַנדערע פליטים, געכאַפּט געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער מיליץ און פאַרשיקט געוואָרן אין אַזיאַטישן טייל פון רוסלאַנד און דאָרטן דורכגעלעבט די קריגס־יאָרן. דאָס דאָזיקע „דורכלעבן" איז אַ באַזונדער קאַפּיטל פאַר זיך.

נאָכן קריג האָבן מיר זיך צוריקגעקערט קיין פוילן ווו מיר האָבן געוווינט זייער אַ קורצע צייט. עס איז אוממעגלעך געווען לאַנג צו בלייבן אויף אַן אָרט ווו אויף יעדן טריט און שריט האָט מען געזען דעם גרויסן יידישן חורבן און דעם שרעקלעכן סוף פון די אייגענע און נאָענטסטע.

נאָך אַ צייט פון ווייטערע וואַנדערונגען זענען מיר אָנגעקומען, מיט מיין מאַן יוסף און זון משה, אין 1948 קיין ישראל.

בעלאַ רז

זאָרג פאַר די פּליטים

עס איז אַ קאַלטער סוף־דעצעמבער פון 1941. אַ גרופּע אָפּגעריסענע פּליטים, מידע פון אַ סך גיין צו פוס, קומען אָן קיין לובאַמל מיט דער כעלמער גאַס, און צווישן זיי בין איך אויך דאָ. די אויגן פילן זיך אָן מיט טרערן, ווען איך דערזע די ערשטע הייזער פון דער שטאָט. די שטאָט האָט פון קריג נישט געליטן, און דאָך איז זי נישט צו דערקענען. מיר גייען אַדורך דאָס הויז פון דער פאַמיליע רויזמאַן, זעען מיר אַ לאַנגע ריי פון מענטשן ביים קרעמל פון אסתר־ביילען. מען טיילט ברויט. עס איז מיטאָג־צייט. אין די גאַסן דרייט זיך אַרום אַ סך רוסיש מיליטער מיט די ביקסן און באַגנעטן אין דער הייך. אַ סך געשעפטן זענען געשלאָסן, ווייל מען האָט זיי צעראַבירט. ביי די שפּייז־קרעמלעך שטייען רייען מיט מענטשן. די שטאָט איז איבערפולט מיט טויזנטער פּליטים. מיט איין וואָרט: עס איז פאַרשוווּנדן דאָס פריילעכע, געזעלשאַפטלעכע פּנים פון די איינוווינער. די צאָל פון די היימלאָזע מענטשן וואַקסט פון טאָג צו טאָג. דער וואָקזאַל איז געפּאַקט — אויך די שולן און די בתי־מדרשים. עס האָבן זיך באַלד געפונען הונדערטער משפּחות, וואָס האָבן גענומען צו זיך היימלאָזע מענטשן און זיי געגעבן אַ ווינקל מיט אַ געלעגער. צווישן די אַלע גוטהאַרציקע איז אויך פאַראַן מיין מומע אסתר. ווי ענג עס איז געווען ביים זיידן מענדל, וואָס האָט געהאַט אַ „חדר”, האָט מען נאָך געפונען אַ ווינקל אויפצושטעלן אַ בעט פאַר אַ פּליט.

ווי שווער עס איז געווען דער גורל פון די אַלע פּליטים, וואָס האָבן מיט שוועריקייטן געפונען זייער פּרנסה, האָט זיי נאָך שווערער געמאַכט דער קאַלטער האַרבסט מיט די שטאַרקע רעגנס. די גאַסן פון שטעטל זענען פול מיט טיפער בלאָטע, די קעלט קריכט אין די ביינער, בפרט אַז די שיך זענען צעריסן און קיין גאַנצער בגד איז נישטאָ. די פאַרצווייפלונג איז גרויס. אַ סך פון זיי גייען זיך רעגיסטרירן צו פאָרן אַהיים צום דייטש. זיי ווילן שטאַרבן אויף זייער בעט. קיינער פון אָט־די היימלאָזע האָט נישט געוווּסט וואָס דער מאָרגן וועט זיי ברענגען.

נאָך אַ שווערן ווינטער מיט אַ סך שנייען און פרעסט איז געקומען דער פרילינג. מען לאָזט זיך אַרויס וואַרעמען אויף דער זון. אָבער גראָד אָט דעם פרילינג וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. שטייענדיק אַזוי אויף דער זון, ווער איך געכאַפּט פון צוויי נ.ק.וו.ד.־לייט און מען פירט מיך צו דער באַן. דאָרט זענען שוין געווען הונדערטער היימלאָזע, וועלכע מען האָט אויך געכאַפּט ווי מיך. אין דעם וואַגאָן האָט מען אַריינגעפּאַקט צו 40—50 פּערזאָן. מען האָט געשמועסט, אַז מען וועט אונדז פירן אין טיפן סיביר. מיר זענען פאַר רוסלאַנד געווען אַן אומגעוווּנטשענער עלעמענט.

הונדערטער לובאַמלער איינוווינער זענען געקומען זיך געזעגענען מיט זייערע „בעזשניקעס”. די געוויינען זענען דערגאַנגען עד לב השמים. יעדער איינער האָט זיך געהאַט צוגעוווינט צו זיין „בעזשניק”. אין דעם מאָמענט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דאָס אויפריכטיק גוטע וואַרעמע האַרץ פון די לובאַמלער יידן, וואָס האָט אין דעם קריטישן מאָמענט, ווי שווער עס איז אים אַליין געווען, געוואָלט העלפן, ווער מיט אַ גוט וואָרט און ווער מיט אַ פּעקל שפּייז דעם היימלאָזן.

אָט שטעל איך זיך אויפן טרעפּל פון וואַגאָן און איך דערזע מיין מומען, ווי זי ראַנגלט זיך מיט אַ פּאָליציאַנט. זי וויל זיך אַדורכרייסן מיט צוויי פּעקלעך אין האַנט. ער שטויסט זי ברוטאַל אָפּ. דאָס בילד האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון און לאָזט זיך נישט פאַרגעסן. און ווי קאָן מען דאָס פאַרגעסן? דאָס איז דאָך געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך האָב מיין טייערע מומע אסתר געזען.

אָט די אַלע יידן, וואָס האָבן אַזוי האַרציק און וואַרעם זיך באַצויגן צו די פּליטים און באַוויינט אונדזער חורבן, האָבן גאָרנישט געוווּסט, אַז זייער חורבן איז נענטער פאַר אונדזערן.

נתן סאָבעל

אייל־פּראָדוקציע אין געטאָ

מיין טאַטע אברהם־לוי סאָבעל און מאַטל רויזמאַן זענען געווען זייער נאָענטע פריינט, די זעלביקע יאָרן, מיט ענלעכע שטרעבונגען, נייגונגען. ביידע האָבן געהאַט שותּפותדיקס אויך אין זייערע פאַכן.

די פאַרבינדונג צווישן אונדזערע משפּחות איז נאָך שטאַרקער געוואָרן אין די טראַגישע טעג פון חורבן, ווען אַ געוויסן טאָג איז געקומען אַ „שליח" (אַ דייטש) פון כעלם און האָט געלאָזט וויסן, אַז מעשל סאָבעל (מיין טאַטנס ייִנגערער ברודער), און חיים רויזמאַן, מאָטלס ייִנגערער ברודער, געפינען זיך אין געפאַנגענשאַפט פון דער דייטשער אַרמיי. זיי זענען מאָביליזירט געוואָרן מיט פיל אַנדערע ליבעווניער, ווען די סאָוויעטיש־דייטשע מלחמה איז אויסגעבראָכן. דער גוטער „שליח" האָט אונדז איבערגעגעבן, אַז פאַר געלט וואָלט מען געקאָנט אויסלייזן ביידע געפאַנגענע. אונדזערע משפּחות זענען זיך גלייך צוזאַמענגעקומען מיטן „שליח". אין אַ געוויסער צייט אַרום און נאָכן אויסגעבן אַ סך געלט, האָט מען זיך דערוווּסט, אַז חיים און מעשל, צוזאַמען מיט אַנדערע ייִדישע מיליטער־געפאַנגענע פון ליבעווניע, זענען טראַגיש אומגעקומען אין כעלמער געגנט.

אין געטאָ האָט מיין טאַטע און מאָטל רויזמאַן ווידער געאַרבעט האַנט אין האַנט. זיי האָבן סודותדיק זיך אָפּגעטראָפן, געמאָסטן, געוויגן, נאָר מיר, קינדער, האָבן גאָרנישט פאַרשטאַנען. איין נאַכט האָבן אונדזערע ביידע פאַמיליעס געהאַט אַ באַראַטונג, ווו דער געהיימער פּלאַן איז אַנטפּלעקט געוואָרן. דער פּלאַן איז באַשטאַנען אין אויפשטעלן אַ קליינע „אָליניצע" (פּרעס־מאַשין צו מאַכן אייל), וואָס האָט פּונקט אַריינגעפּאַסט אין אונדזער קיך. זי האָט געהאַט אַ סך טיילן, און יעדער איינציקער פון אונדז, פון קליין ביז גרויס, האָט געהאַט גענויע פונקציעס דערביי. יעדערער האָט געדאַרפט אַריינשטעלן אַ געוויסע צאָל טיילן סיי ביים צונויפשטעלן די פּרעס־מאַשין, סיי ביים פונאַנדערנעמען זי. דאָס צוזאַמענשטעלן אָדער צענעמען האָט געדויערט נאָר 2—3 מינוט. כדי צו צעקוועטשן דעם ליאָן (אייל־קערנער) האָט מיין טאַטע געמאַכט ספּעציעלע וואַלצן. זיי זענען געווען אין אונדזער שלאָסעריי, פאַרבאַהאַלטן און פאַרמאַסקירט. די הויפּט־ריזיקע איז געווען אין קריגן דעם ליאָן פון גויים און דאָס ברענגען אַהיים פון שלאָסאַרניע דעם צעקוועטשטן ליאָן אויף אויסצופּרעסן דעם אייל.

דער אייל איז געגאַנגען פאַר די ייִדן אין געטאָ, ווו עס איז כמעט בכלל נישט געווען קיין פעטס.

די דאָזיקע געהיימע אייל־פּראָדוקציע אין געטאָ האָט אָנגעהאַלטן ביז דער ליקווידאַציע פון געטאָ אין 1942.

יהודה קריין

שטריכן און פּראָפילן

אַ סך געדענקען נאָך, אַז די איינציקע „תּרבות״־שולע אין לובאָמל איז פאַרמאַכט געוואָרן נישט דורך דער רעגירונג, נאָר צוליב פינאַנסיעלע שוועריקייטן. אָבער די טיפע וואָרצלען, וואָס די לערער בודמאַן און פּאַלעווסקי האָבן פאַרפּלאַנצט אין די הערצער פון זייערע הונדערטער תּלמידים, האָט שוין קיינער נישט געקאָנט אַרויסרייסן. אויף דער העברעאישער שפּראַך האָט זיך דערצויגן אַ גאַנצער דור לובאָמלער יוגנט. נאָך פּאַלעווסקין האָבן ממשיך געווען אַנדערע לערער. צוויי פון זיי געדענק איך צום גוטן: דער אייביק־ליידנדיקער מאָטל פּריוונער און דער שטענדיק־גוטמוטיקער און ליבנדיקער יאַנקל בלומען. אַזוי ווי ער האָט ליב געהאָט זיין צפּורהן און זיינע קינדער, אַזוי האָט יאַנקל בלומען אונדז אַלעמען אַרויסגעוויזן לערערישע נאָענטקייט און וואַרעמקייט. באַזונדערס האָט ער געשעצט די שטילע גאָלדע מוניק, וועלכע איז געווען אַ פּענאָמען.

די יוגנט, וואָס איז געוואַקסן אין אונדזער שטעטל, איז נישט געווען קיין רייכע. אייניקע האָבן בעסער געלעבט, אָבער אַלע צוזאַמען האָבן שווער געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג. נאָר די נאַכט איז געווען אידיליש. אַרעם און רייך זענען געווען אין קלוב אָדער געלערנט אויף אָוונטקורסן. ווער אויפן גאַנעק און ווער אין וועלדל. די לידער פון ח. נ. ביאַליק זענען זיך צעגאַנגען אין דער שטילקייט. ווער געדענקט נישט די שיינע שטימע פון לייבישצין אין זיין ליב פאַרבענקט ליד „ביום קיץ, יום חום, עת השמש במרום״, אָדער די שיינע זיסע שטימע פון יאַנקל קאָרנפעלד. פיל געדענקען זיכער נאָך זיין ליד „נאַטאַשאַ, שוואַרצע נאַטאַשאַ, טיף זענען דיינע אויגן, ווי אַ ברונעם אַזוי טיף״, אָדער אויף יידיש־אוקראַיניש „פּיוו יאַ אי וו ניעדילו, פּראָפּיוו יאַ שאַ מאַיו, טרעבאַזנאַטי יאַק גולאַטי, אי פּאַנאַ באַהאַ פּאַכוואַלאַטי״.

צו יאַנקעלע קאָרנפעלד פלעגט צושטיין, ווי אין אַן אייביקער פריינדשאַפט, נאָך אַ ייִנגל, אַן איידעלער און באַשיידענער — מענדעלע ליפשיץ. שטיל פלעגט ער זיצן און מיט דינע פאַרצויגענע ליפּן אונטערברומען, ווי אין אַ חסידישן ניגון.

אַזוי טעג און וואָכן, אין שטילער בענקשאַפט, האָבן אַלע געשטרעבט צו אַ ליכטיקן מאָרגן, צו אַ רואיקן ברעג. ביז דעם לעצטן זומער 1939, עטלעכע וואָכן פאַרן קריג. שבת אין וועלדל. פון דער ווייטנס הערט מען גרופּעס זינגען „וואָלגאַ, וואָלגאַ״ און פון אַ צווייטן אָרט הערט זיך די מעלאָדיע פון „רייזעלע״. אַ ביסל ווייטער זיצט איטשע ערליך מיט אַ גרופּע פרויען און מיידלעך, צווישן זיי רחלע סאַמעט, די אלמנה לאה סאַמעט. איטשע זינגט פאַר זיי מיט אַ טיפער שטימע:

„שבת נאָכן טשאָלנט, נאָכן עסן,
גייט דאָס שטעטל אין וועלדל זיך אַרויס,
אין וועלדל, ווו מען קאָן זיך פאַרגעסן,
ווי אַלע ווייסן — קיינער זאָגט נישט אויס״.

אין דער צייט, ווען די סאָוויעטן האָבן געהערשט אין שטאָט, פלעגן מיר פירן לאַנגע דיסקוסיעס מיט זלמנקע רובינשטיין, דעם גרויסן קאָמוניסט, וואָס איז געווען פאַרשפּאַרט 15 יאָר אין וואַרשעווער פּאַוויאַק. ער איז ביי די סאָוויעטן גרויס געוואָרן אין די ערשטע דריי חדשים, ביז ער איז אַראָפּגעפאַלן אין טיפן אָפּגרונט.

דער דאָזיקער זלמן האָט ליב געהאַט פון צייט צו צייט צו פירן זיינע דיסקוסיעס אין עברית. איך דערמאָן דעם בחור, ווייל ער איז געווען אַ גוטער מענטש און אַן אידעאַליסט, און ליידער אין זיין לעבן קיין איין גוטן טאָג נישט געהאַט.

טאָג נאָך טאָג, די זאָרג שווערער, די שרעק גרעסער, ביז יום־כּיפּור. מיט אַכט טעג צוריק איז זיך די פּוילישע אַדמיניסטראַציע צעפאַלן. מיט דריי טעג צוריק האָבן דייטשע טאַנקען דורכמאַרשירט דאָס שטעטל און געשטראָמט צום בוג. די פּוילישע אָפיצירן זענען צוריקגע־

פאָרן אויף וואַרשע אָן געווער, בלויז מיט שווערדן. איין דייטשער אָפיציר איז געשטאַנען מיט נאָך צוויי אונטער־אָפיצירן און אָפּגענומען דאָס געווער. איך בין געווען באַשטימט דורכן יידיש־אוקראַאינישן צייטווייליקן שטאָט־ראַט, מיט נאָך פיל יידישע בחורים אין דער שטאָט־מיליץ, און בין דאַן געשטאַנען אויפן וועג נישט ווייט פון דייטשן אָפיציר. פלוצלינג רופט מיך צו דער אָפיציר און פרעגט: „ווער ביסטו?" איך ענטפער רואיק: „פון דער שטאָט". „און דאָס געווער?" „פון שטאָטראָט". „אַלס געהילף־פּאָליציי בערעכטיקט" — זאָגט ער מיט אַ סאַר־קאַסטישן שמייכל — „בלייבט היר, זי זינד מיין דאָל־מעטשער".

אַזוי בין איך געשטאַנען מער ווי דריי שעה לעבן דעם „איבער־מענטש". ער שמייכלט צו מיר פריינטלעך און מיר ווערט קאַלט און וואַרעם. סוף־סוף ווערט אים די שפּיל צוגעגעסן — די וועגענער מיטן פּוילישן מיליטער ציען זיך אָן אַ ברעג. ער בויגט זיך שטיל איין צו מיר און זאָגט מיר מיט דער גרעסטער העפלעכקייט: „היר קאָמט דער רוס, און יעצט ווער פערשווונדען, יודע!" ער גלייכט זיך אויס, סאַלוטירט, איך ענטפער און ווער פאַר־שוווּנדן, האַלטנדיק שטאַרק די ביקס איןביידע הענט.

צומאָרגנס, מוצאי יום־כיפּור, זענען די רוסן געווען אין שטאָט. זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם מאַרק און קיי־נעם נישט דורכגעלאָזט.

דעם 22־טן יוני 1941 האָבן די דייטשן באָמבאַרדירט דאָס שטעטל. 8 שעה שפּעטער בין איך שוין מיט דער צוריקטרעטנדיקער סאָוויעטישער אַרמיי געווען אויפן וועג קאָוועל — סאַרני, צוריק אויף די רוסישע גרענעצן. איך בין געווען מאָביליזירט פון דעם ערשטן מאַי אָן און צו־געטיילט צו דעם סאַניטאַרן קאָרפּוס נאָך אַ גיכן קורס אין האָטעל פון פאַמיליע כ"ץ.

אין קיעוו האָב איך באַגעגנט הערשעלע באַראַן, מיט נאָך אַ ליבעוונער ייִנגל. אויפן פראָנט, נישט ווייט פון בוג, האָב איך געטראָפן חיימקע וואַסערטרעגער מיט אַ פערד און וואָגן. ער איז געשטאַנען מיט פאַרטריפטע אויגן און געקוקט און נישט פאַרשטאַנען, וואָס קומט פאָר אַרום אים. דער וואָגן איז געווען פול מיט אַמוני־ציע. אין דעם טאָג איז געפאַלן דער איינציקער זון פון דער אלמנה, אַ קרובה פון משהלע סאַנקעס. אויך אים האָט מען גערופן משה.

איידער די דייטשן האָבן אָנגעגריפן, האָט מען מיך גערופן אין דער גרענעץ־וואַך. דורכן בוג איז אַריבער־געשוווּמען אַ יידישער סאָלדאַט און גלייך אַריינגעפאַלן אין אירע הענט. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז פון לובאָמל, אַ פריזירער פון פאַך, מאָביליזירט אין דער פּוילישער אַרמיי און איצט איז ער אַנטלאָפן אַהיים צו דער פרייער רויטער אַרמיי. ווען מען האָט אים געפרעגט וועמען ער קען, וואָס קאָן אויך זיין באַקאַנט דעם שטאַב, האָט ער אָנגערופן מיין נאָמען. עס האָט מיך אַרויסגערופן דער מאַיאָר אָרלאָוו. ער איז מיט מיר אַוועק אין טורמע און מען האָט צו אונדז אַרויסגעפירט לייבעלע קאַנדיק. ער איז צוגעלאָפן צו מיר, זיך מיט מיר צעקושט, און אָר־לאָוו האָט פון אונדז נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג. דעם זעלביקן טאָג האָט מען אים באַפרייט.

ביים פאַרענדיקן די קורצע שורות, וויל איך דער־מאָנען די מאַמע פון די העטמאַנס. איך האָב געהאַט מיין פאָטאָגראַפישע סטודיע אין דעם הויז פון שמואל העט־מאַן, און ווען יידן פון פוילן האָבן גענומען אַנטלויפן דורכן בוג צו די סאָוויעטן, איז מרים העטמאַן פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַמע פאַר אַלע פּליטים. זי איז געוואָרן אויך מיין מאַמע. זי האָט געוואַשן און געבאָדן, געקאָכט און געבאַקן, איר אייגן בעט אָוועקגעגעבן די אומגליקלעכע פּליטים, נישט מיד געוואָרן, ביז זי איז אויך צוזאַמען מיט אַלעמען געפאַלן.

משה ליפשיץ

מחורבן רוחני להשמדה טוטאלית

באחד בספטמבר 1939 פרצה המלחמה בין פולין וגרמניה ההיטלראית. ליהודים היה ברור מה מצפה להם, הן מצד הכובשים והן מצד האוכלוסיה המקומית. חיי היהודים היו מיד להפקר. באמצע ספטמבר נרצחו בעיר 12 יהודים על־ידי אנשי צבא פולניים, שנמלטו אחרי תבוסת הצבא הפולני והתפוררותו ושוטטו בסביבות העיר. אלה שערקו מן החזית, שגילו אזלת־יד וחולשה מבישה בשדה־הקרב עם הפולש הגרמני, נהפכו ל„גיבורים" ברצח אוכלוסיה יהודית שקטה, סובלת, נרדפת, נפחדת ובלתי מזויינת. כל יהודי שפגשו ברחוב, ירו בו ורצחוהו בלי אבחנה. בין הנרצחים היו כמה ילדים.

בסוף ספטמבר נכנס לעיר צבא גרמני סדיר, ואחרי כמה ימים עזבה. באותם הימים לא נגעו במיוחד לרעה ביהודים. בתחילת אוקטובר 1939 הגיעו הסובייטים. תחילה הקימו שלטון צבאי, וכמעט מיד אחרי זה שלטון אזרחי והחלו להפעיל את השירותים ולארגן חיים סדירים. הם שלטו בעירנו עשרים ואחד חודש, עד פרוץ המלחמה בינם ובין הגרמנים בסוף יוני 1941.

בתקופת השלטון הסובייטי לא נשקפה אמנם סכנה פיסית לחיי היהודים בתור שכאלו, אולם מבחינה לאומית, רוחנית ותרבותית התנהל חיסול מאורגן. מיד עם בואם של הסובייטים נפסקו כל מגע חברתי־ציבורי, כל חינוך ופעילות לאומית, ולא היה קיים עוד גוף ציבורי יהודי. הם סגרו את הספריה בעברית ויידיש, ואסרו כל פעילות בשטח הסוציאלי והצדקה. עניים יהודיים ממש גוועו ברעב. בשבתות ובחגים, כולל יום הכיפורים, חייבו את היהודים, גם את האדוקים ביניהם, להופיע לעבודה. מי שלא התייצב לעבודה בגלל שבת או חג הוכרז כאויב העם וכקונטר־רבולוציונר ונשפט למאסר של שנים בבית הכלא. מספר יהודים נאסרו על לא עוון בכפם, נכלאו והוגלו לשנים רבות לבתי־הכלא הרחק בתוך רוסיה.

רבים מן היהודים, ביניהם צעירים מאד, קיבלו תעודות זהות בציון „סעיף 11" המפורסם ברוסיה, המגדיר את נושא התעודה כמסוכן מבחינה בטחונית ומגביל את זכויותיו כ־אזרח וכאדם.

אחד ממעשיהם הראשונים של הסובייטים היה חילול בית הקברות היהודי הישן: הם הרסו את הגדר מסביבו ו־הפכו את המקום לשטח הפקר, עקרו את רוב המצבות והקימו עליו מספר מבנים קבועים קומתיים וכמה צריפים גדולים מעץ, כבתי מגורים ומשרדים. הם הרסו את המבנה שעל קברו של הצדיק ר' משה מאנעליס, ובמקומו ומסביבו הקימו בתי־שימוש ציבוריים. בימים כתיקנם ותחת השלטון הפולני. או שלטון ליגלי אחר, היה דבר כזה מעורר סערה ציבורית, לא רק בסביבתנו, אלא בכל רחבי פולין ומחוצה לה. אולם תחת השלטון הברוטלי הסובייטי לא העז איש למחות נגד חילול זה — כה גדול היה הטרור האישי והפחד מפניו.

ואנדאליזם ברברי זה מצד הסובייטים, תוך חילול מח־פיר ושפל של מקום מקודש ליהודים ומוכר כשמורה היסטו־רית; הפיכתו לשטח הפקר והקמת בתי־שימוש ציבוריים בו, ביטא את יחסם של הסובייטים ליהודים. אנשי הסביבה האוקראינים והפולנים ראו בזה סימן ואות, שביחס ליהודים מותר להם לעשות כל נבלה.

מצבם החומרי של היהודים תחת השלטון הסובייטי היה פחות או יותר נסבל. את לחמם הרוויחו מעבודה מאומצת ומפרכת. בשטח החומרי הושג שוויון מלא לכל האזרחים: כולם כאחד נעשו דלים ואביונים; כולם הגיעו לעוני ומח־סור. אולם מבחינה לאומית, תרבותית ורוחנית, היתה התקופה הסובייטית תקופת הרס וחורבן.

את מלאכתם הבזויה, את הוואנדאליזם הברברי של הרס כל נכס תרבותי מקודש ליהודים, השלימו הסובייטים עם שובם לעיר, לפני סוף מלחמת העולם השניה, אחרי שגורשו ממנה הנאצים ב־1944.

כמסופר בדפים קודמים היה קיים בעיר בית־כנסת מפואר, שהוקם לפני כמה מאות שנים ונחשב כאתר היסטורי חשוב וכיצירה ארכיטקטונית־אמנותית מן היחידות במינן בעולם. אפילו הנאצים השאירו אותו שלם, ואילו הסובייטים,

עם שובם לעיר ב־1944, הרסו בית־כנסת זה עד היסוד והקימו תחתיו מוסך גדול למכוניות.

היתה זו מצידם השלמה לפשעי הנאצים ועוזריהם האוקראינים והפולנים נגד היהודים; אלה רצחו את היהודים ואלה עקרו מן השורש כל מה שקשור עם זכרם, כל שריד וסימן לחיי יהודים במקום הזה.

השלטון הנאצי

בתקופת שלטון הנאצים, מסוף יוני 1941 עד אוקטובר 1942, היו ליהודי העיר חיי־גיהינום עלי אדמות. אין כל אפשרות לתאר במלים ובשפת אנוש את העינויים, את הסבל וההרגשות של היהודים. אין לתאר במלים את המראה של הילדים הקטנים, שהוריהם נרצחו בכל מיני אקציות, והם נשארו עזובים ובודדים, נאלצים להתחנן לפרוסות לחם יבשה ולחפש קליפות תפוחי אדמה בפחי האשפה.

היהודים היו מסוגרים בגיטו צר בשלושה־ארבעה רחובות, כחמישה־עשר איש בכל חדר, שאריות של משפחות, זרים זה לזה, גברים, נשים וילדים ביחד בחדר אחד, מופקרים לכל, ללא כל תנאים סניטריים, ללא עזרה רפואית, רעבים, מוכים, מושפלים, נתונים להחרמות וצווי קונטריבוציות שאי־אפשר היה לעמוד בהם. חל עליהם איסור מוחלט של כל חיי חברה, תרבות ודת, או חינוך כל שהוא לילדים. הם היו משועבדים לעבודות פרך בלי לקבל תמורה. היו עבדים ללא כל זכויות יסוד של אדם, מוקפים מכל צד בשונאים — אוקראינים ופולנים — שחיכו עתה רק לאות, שיוכלו להצטרף לרצח, לשוד ולגזל.

מובן שבתנאים כאלה לא היתה שום אפשרות להתקומם, וללחום נגד הרשע, שכוחו היה עצום ורב, ששלט באכזריות סאדיסטית. היהודים היו מדוכאים ומיואשים וחיכו לגורל, שיבוא ויגאל אותם מיסוריהם. כולם הבינו מהו הגורל המר המצפה להם. רק מעטים ובודדים עוד קיוו לנס שלא התרחש.

ההשמדה

באחד באוקטובר 1942 בא הקץ. באותו יום החל החיסול הסופי של היהודים בגיטו לובומל (אגב, הגיטו האחרון בכל פלך ווהלין, שבו עוד היו יהודים). באותו יום ובימים שלאחריו הוצאו ממקומות מחבוא כמה אלפים, שארית היהודים בעיר, ונרצחו על־ידי הגיסטאפו הנאצית, בעזרתם הפעילה של רוצחים אוקראינים, פולנים וליטאים.

היהודים, שהוצאו מן המחבואים, הלכו למות ללא התנגדות, מפני שהיו עוד לפני־כן מיואשים ומדוכאים, שבורים בגוף ובנפש. המוות נראה להם כגואל ומושיע מיסוריהם ועינוייהם.

בלילה האחרון, מספר שעות לפני התחלת ההשמדה הטוטאלית, הצליחו להימלט מן הגיטו כאלף יהודים, רובם צעירים. אולם במשך החורף הראשון נתפסו כמעט כולם על־ידי האוכלוסיה המקומית של הסביבה, נרצחו על ידיהם או נמסרו לגיסטאפו.


ברדיפה ובציד אחרי היהודים האומללים, שחיפשו מקלט ביערות, השתתפו כולם: המשכילים והבורים, הפיקחים והמטומטמים, העשירים ופושטי־היד, צעירי הקומסומול וחברי ארגונים פאשיסטיים, מאמינים וכופרים, מורים ורועי צאן, זקנים ואפילו נשים וילדים. עצמות קדושינו מפוזרות עד היום ביערות הסביבה.

מכל הנמלטים הצליחו להסתתר ולהישאר בחיים כ־30 — 35 איש, ביניהם כ־10 ילדים בגיל 10 — 12. תינוקת אחת בת שבועות אחדים, שהוריה עזבוה בליל הטבח בגן ציבורי, נמצאה על־ידי נזירה מקומית ונמסרה לאימוץ לזוג נוצרי חשוך־ילדים כתינוקת נוצרית, שנולדה מחוץ לנישואין.

כל אלה שנתפסו בעיר הובאו לטבח למקום, השוכן במרחק כשלושה קילומטרים מן העיר. שם היו מוכנים עוד מקודם ארבעה בורות ענקיים, שאורכם היה חמישים מטרים, רוחבם ששה ועומקם כחמישה מטרים. בורות אלה נצטוו יהודי העיר לחפור כמה שבועות לפני הרצח, נאמר להם אז שבמקום זה מקימים משרפה ללבני בנייה. היו אלה הקברים, שכרו לעצמם.

הרוצחים לא חסו ולא ריחמו על אף נפש יהודי, בקפדנות גרמנית דאגו לאסוף את בגדי הקרבנות וכל מה שהיה להם. לפני שהומתו נצטוו הקרבנות לפשוט את בגדיהם עד הכותונת האחרונה. ערומים נצטוו לעמוד ב־קבוצות על סף הבור מסביבו, ואז ירו בהם — והאומללים, בהיותם עוד בחיים, פצועים וגוססים, כוסו מיד בשיכבה דקה של אדמה על־ידי יהודים אחרים, שחיכו לתור מיתתם באותה הצורה. כך נרצחו קבוצות קבוצות של יהודים, שהובאו למקום זה על־ידי מרצחי הגיסטאפו והאוקראינים, עד שהבור נתמלא, ואז כוסה באדמה עד גובה של כחצי מטר ועברו לבור אחר. מילאו ארבעה בורות בגופות של חמשת אלפי יהודים, גברים ונשים, זקנים, ילדים וטף, שנרצחו בגלוי לעיני העולם. האדמה, שבה כוסה הבור־הקבר, זעה ונעה במשך שעות רבות, היות שרוב הקבורים בקבר נפלו לתוכו בעודם חיים והם נאבקו עם המוות בפרפורי גסיסה קשים.

בקבר אחים זה טמונות עצמות יקירינו, הורינו, אחינו, אחיותינו וילדינו, קדושי העיר לובומל והסביבה, שבחייהם בסבלם ובמותם לא נפרדו. תהי מנוחתם עדן.



„מיין שטעטעלע ברענט"

געצייכנט פאַר „ספר לובומל" דורך עמנואל סלע (בלושטיין)

כִּי הִנֵּה אוֹיְבֶיךָ יֶהֱמָיוּן וּמְשַׂנְאֶיךָ נָשְׂאוּ רֹאשׁ:
עַל עַמְּךָ יַעֲרִימוּ סוֹד וְיִתְיָעֲצוּ עַל צְפוּנֶיךָ:
אָמְרוּ לְכוּ וְנַכְחִידֵם מִגּוֹי
וְלֹא יִזָּכֵר שֵׁם יִשְׂרָאֵל עוֹד:

תהילים פ״ג ג, ד ה,

וְאָרוּר הָאוֹמֵר: נְקוֹם!
נְקָמָה כָזֹאת, נִקְמַת דַּם יֶלֶד קָטָן,
עוֹד לֹא בָרָא הַשָּׂטָן.
וְיִקֹּב הַדָּם אֶת הַתְּהוֹם!

„עַל הַשְּׁחִיטָה"
ח. נ. ביאליק

אֲבוֹי לְךָ עַם רוֹצְחִים,
אֲבוֹי לְךָ, אֶת עַמִּי בִּעַרְתָּ בְּהַשְׁקֵט וָנַחַת,
וְכָל בָּתֵּי־תְפִלָּה שֶׁלִּי שָׂרַפְתָּ עַד הַיְסוֹד,
בָּתֵּי־כְנֵסִיּוֹתַי עִם הַיְּהוּדִים גַּם יַחַד,
וְעָרַי, עָרֵי הַקֹּדֶשׁ, הֶעָרִים הַיְּהוּדִיּוֹת.

„אֲבוֹי לְךָ"...
י. קצנלסון

מֵחַלּוֹנִי רָאִיתִי הַקְּרוֹנוֹת הַמְּמֻלָּאִים, הָעֲמוּסִים,
שָׁמַעְתִּי שַׁוְעָתָם עַד לַשָּׁמַיִם, הָאֲנָקוֹת הַנֶּאֱלָמוֹת מִכְּאֵב, –
אֲהָהּ, קְרוֹנוֹת הַדְּוָי, טְעוּנֵי חַיִּים וּמוּבָלִים לַמָּוֶת! הַסּוּסִים,
הֵם צָעֲדוּ, הָאוֹפַנִּים גַּם הֵמָּה נָעוּ, הִתְגַּלְגֵּל וָסֹב...

„הַגֵּרוּשׁ לְמַחֲנֵה הַהַשְׁמָדָה"
קצנלסון

ה ה ש מ ד ה

די פאַרניכטונג

נתן סאָבעל

כראָנאָלאָגיע פון חורבן

דער אָנהויב פון חורבן לובאָמל איז געווען דעם 22־טן יוני 1941, דריי אַזייגער פאַרטאָג. דעמאָלט איז אונדזער היימשטאָט צום ערשטן מאָל באַשאָסן געוואָרן דורך דייטשע האַרמאַטן. דאַן זענען אויך געפאַלן די ערשטע יידישע קרבנות. אין לובאָמל גופא זענען די דייטשן אַריין דעם 25־טן יוני. אין יענעם טאָג איז אָפּגעברענט געוואָרן דער גאַנצער יידישער צענטער: די מיענסנע, זשאַביע, באָד־גאַס, שול־גאַס, ריבנע־גאַס, כמעט די גאַנצע כעלמער גאַס, אַ האַלבע באַן־גאַס, און אַ האַלבע נאָווי־סוויאַט־גאַס.

אויפן צווייטן טאָג נאָכן אַריינקומען אין שטעטל האָבן די דייטשן גלייך אַרויסגעהאָנגען די ערשטע באַפעלן פאַר יידן:

1. געלט, גאָלד, דעוויזן, מוזן אַריינגעטראָגן ווערן אין קאָמענדאַנטור;
2. יידן מעגן זיין אין גאַס נאָר פון 7 פרי ביז 7 אָוונט;
3. יידן מוזן אָנטאָן אויפן רעכטן אַרבל אַ ווייסן באַנד מיט אַ בלויען מגן־דוד;
4. עס מוז ביז מאָרגן געשאַפן ווערן אַ יודנראַט;
5. ווער עס פירט נישט אויס די באַפעלן ווערט גלייך דערשאָסן.

אין אַ וואָך אַרום האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן מוזן זיך מעלדן אין מאַרק אַריין. די גאַסן זענען געווען שוואַרץ פון אוקראַינישער פּאָליציי און געסטאַפּאָ. די פּאַניק איז געווען אומבאַשרייבלעך. דער יודנראַט האָט דאַן איבערגעקויפט די געסטאַפּאָ־לייט, און „בלויז" פינף יידן זענען דעמאָלט אומגעקומען. פונקט אַ חודש נאָכן דייטשן אַריינקום איז פּלוצלינג געוואָרן אַ גרויסע בהלה אין די גאַסן. ס'איז באַלד קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז „אַ כאַפּון" (אַזוי האָט מען אָנגערופן די צייט, ווען מען האָט אין די גאַסן און הייזער געכאַפּט יידן). ווער עס האָט זיך באַהאַלטן, איז צייטווייליק געבליבן לעבן, און די פאַרכאַפּטע, וואָס זייער צאָל איז געווען העכער 400 מענער, האָט מען מיט אויטאָס אַוועקגעפירט הינטער דער שטאָט. די געסטאַפּאָ האָט דערנאָך געפאָדערט בראָנפן און געזאָגט, אַז די פאַרכאַפּטע וועלן קומען צוריק אין אַ פּאָר טעג אַרום. אָבער די פאַרכאַפּטע האָבן זיך שוין דעמאָלט געפונען אונטער אַ שיכט ערד, ווו עס איז געשטאַנען אַ טיש און אַרום טיש זענען געזעסן די מערדער פון ס.ס., געסטאַפּאָ און אוקראַינער פּאָליציי און געטרונקען אויפן קאָנטאָ פון דער ערשטער אַקציע. אַ טייל יידן אין שטעטל האָבן גלייך באַנומען דעם ביטערן גורל פון די געכאַפּטע, אָבער אַ טייל האָבן געגלויבט, אַז יענע לעבן פונקט ווי די מערדער האָבן געוואָלט איינרעדן. דער שרעקלעכער אמת איז קלאָר געוואָרן פאַר אַלעמען, ווען אַ חברה יינגלעך האָבן אַ צייט שפּעטער אַרויסגעשלעפּט פון גרוב אַ ווייסן באַנד מיט אַ מגן־דוד.

אין אָנהויב האָט מען באַקומען 200 גראַם קלייען־ברויט. דערנאָך האָבן די דאָזיקע פּאַרציע באַקומען נאָר די, וואָס האָבן געאַרבעט, ד. ה. אין עלטער פון 12—60 יאָר. עס זענען פאָרגעקומען רעוויזיעס אויף פאַרשידענע זאַכן. אויב עמעצער האָט אַפילו געהאַט אַ ביסל שפּייז

אין שטוב, האָט מען דאָס אויך אַוועקגענומען. אַזוי, אַז די באַשפּייזונג פון די יידן איז געוואָרן אַלץ ערגער. געווען פאַלן ווען יידן זענען געשוואָלן געוואָרן פון הונגער און געשטאָרבן. די גויים, פונקט פאַרקערט, האָבן פון טאָג צו טאָג אַלץ מער דערלעבט אַ נקמה אין די יידן.

אין צוויי מאָנאַטן אַרום איז פאָרגעקומען דער צווייטער „כאַפּון”, וואָס האָט געדויערט אַ וואָך צייט. דאָ האָט מען געכאַפּט מענער, פרויען, קינדער פון 11 יאָר און מער. טאָג־טעגלעך האָבן זיי געכאַפּט יידן און זיי אַרויסגעפירט הינטערן שטאָט. בסך הכל זענען דאַן אומגעקומען אַרום 500 יידן: ווער עס האָט געהאַט די מעגלעכקייט איז געלעגן אין די אַזוי גערופענע „סכראָנעס” (פאַרשידענע געהיימע באַהעלטענישן, ווו מען האָט זיך געקאָנט אויסבאַהאַלטן אַ געוויסע צייט, אויב די דייטשן האָבן דאָס נישט געפונען).

נאָכן צווייטן כאַפּן איז געקומען אַ נייער באַפעל: יידן, וואָס באַזיצן פערד, בהמות, עופות א.א.וו. מוזן דאָס אַלץ אָפּפירן צו דער דייטשער ווערמאַכט אין משך פון איין טאָג. אַלץ איז אויסגעפירט געוואָרן לויטן באַפעל. אַ קורצע צייט שפּעטער איז געקומען אַ פרישע גזרה: אַלע יידן, וואָס וווינען אין נישט־יידישע געגנטן, אָדער אין גאַס וווינען עטלעכע נישט־יידן, מוזן זיך די יידן אַרויסקלייבן אין די ריין־יידישע גאַסן. אין יעדן יידישן הויז איז צוליב דעם אויסגעקומען צו לעבן אַ 20—30 יידישע נפשות. אויף די יידישע הייזער אין די נישט־יידישע געגנטן, פון וואַנען די יידן האָבן זיך אַרויסגעקליבן, זענען געהאָנגען אויפשריפטן: „אייגענטום דעם געביטס־קאָמיסאַרס דער שטאָדט לובאָמיל”.

אַ טאָג פאַר יום־כיפור אין 1941 זענען געקומען ”נייע באַפעלן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג”:

1. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון 8 יאָר און ווייטער מוז פון מאָרגן אָן טראָגן צוויי געלע, קיילעכדיקע שאַנד־פלעקן, אָנגענייט פון פאָרנט און פון הינטן אויף די מלבושים. דער דיאַמעטער מוז האָבן 8 סענטימעטער;

2. ווער עס פירט נישט אויס דעם באַפעל, ווערט גלייך דערשאָסן.

מען האָט נאָך נישט באַוויזן אויסצופירן דעם לעצטן באַפעל, ווי עס איז שוין דאָ אַ נייער באַפעל: „די יידן מוזן געבן אַ גרויסע קאָנטריבוציע — 250 טויזנט רובל, 30 שטיקלעך גאָלד, 30 פּאָר גוטע שטיוול, 30 קאָסטיומען פון ענגלישן באָסטאָן וכדומה. אויב די קאָנטריבוציע ווערט נישט אַריינגעטראָגן ביז מאָרגן פרי, הויבט זיך אָן די פאַרניכטונגס־אַקציע. דאָס אַלץ איז גלייך געשאַפן געוואָרן און דורך דעם האָט מען ווידער אָפּגעקויפט דאָס לעבן פון די אומגליקלעכע יידן.

אין אַ קורצער צייט איז געקומען אַ באַפעל צו שאַפן אַ געטאָ פאַר דער יידישער באַפעלקערונג פון שטאָט און פון אומגעגנט. דאָס איז געווען דעם 5־טן דעצעמבער 1941. עס זענען דאַן געשאַפן געוואָרן צוויי טיילן פון געטאָ, איינער פון פאַכלייט, און אַ צווייטער פון שוואַרצע אַרבעטער, אָדער געוועזענע סוחרים, דאָרפסלייט, קרעמער א. אַ. וו. פאַר די פאַכמענער זענען געגעבן געוואָרן 40 יידישע הייזער פון דער קאָלעיאָווע גאַס, פאַר די צווייטע — אַ האַלבע קוסנישטשער גאַס. איבערקלייבן זיך האָט מען געמוזט אין משך פון איין טאָג. ס'איז דאַן נישט געווען קיין איין ייד, וואָס ער האָט זיך נישט געקליבן פון איין גאַס אויף דער צווייטער.. די ענגשאַפט איז געווען אומבאַשרייבלעך. אין אַ צימערל פון דריי קוואַדראַט־מעטער האָבן זיך געפונען פון 10 ביז 20 נפשות, און איבער אַלעמען האָט געהערשט הונגער, נויט, פּיין און קעלט.

כמעט יעדן טאָג זענען געווען יידישע קרבנות, צוליב אַזאַ צופאַל אָדער אַן אַנדערן, בעת דער אַרבעט אָדער נאָך דער אַרבעט. די יידן האָבן זיך צוגעוווינט צו די צרות. יעדן פרימאָרגן פלעגט מען פרעגן: וועלכע באַפעלן זענען דאָ היינט? אין אָוונט פלעגט מען פרעגן: וויפל קרבנות זענען דאָ היינט, ווער זענען זיי?

נאָך אַ קורצער צייט — אַ נייער באַפעל:

1. אויף יעדן יידישן הויז מוז הענגען אַ קיילעכדיקע געלע לאַטע, וואָס איר דיאַמעטער איז 50 סענטימעטער;

2. ביי יעדן יידן, וואָס זיינע געלע לאַטעס וועלן נישט זיין צוגענייט צום מלבוש, נאָר אויפגעהאָנגען — וועלן אין זיין לייב אויסגעברענט ווערן צוויי לעכער אויפן פּלאַץ פון די לאַטעס.

ביז דעם מאָמענט האָט יעדער אַרבעטנדיקער געהאַט אַן אַרבעטס־שיין.

אין גיכן האָט מען אָנגעהויבן אַרויסגעבן רויטע שיינען (אַזוי גערופענע גאָלדענע שיינען) און ווייסע שיינען. די יידן מיט די רויטע שיינען זענען געווען אַ ביסל מער פאַרזיכערט, דעריבער ווער עס האָט נאָך פאַרמאָגט אַ ביסל גאָלד, האָט דאָס אַוועקגעגעבן, בכדי צו קריגן אַ רויטן שיין.

אַ שטיקל צייט אַרום האָבן די דייטשן ווידער אַרויפגעלייגט אויפן געטאָ צוויי גרויסע קאָנטריבוציעס. אַלע יידן זענען דאַן געהאָנגען ווי אויף אַ האָר, די שטאָט איז געווען איבערפולט מיט ס.ס.־לייט. ביז ס'איז קוים געלונגען ווי עס איז באַפרידיקן די רוצחישע אַפּעטיטן פון שונא.

די יסורים איז שווער צו באַשרייבן, הערנדיק יעדן טאָג וועגן פאַרניכטונגס־אַקציעס אויף דער יידישער באַפעלקערונג אין אַנדערע שטעט. אַ טייל פליטים — יידן פון קאָוועל, מאַציעוו, לודמיר, שאַצק, בריסק און אַנדערע — האָט זיך איינגעגעבן אַריינצוצורייסן זיך ביינאַכט אין ליבעוונע. ס'איז שוין דאַן נישט געווען קיין איין שטאָט אָדער שטעטל אין אונדזערע קאַנטן וווּ יידן זאָלן זיך נאָך געפינען. מיר האָבן דאַן געטראַכט, אַז נאָר מיר, אויסגעמאַטערטע ליבעוונער יידן אין געטאָ, מוטשען זיך נאָך אונטער היטלערס נעגל.

אַבער עס האָט לאַנג נישט געדויערט און דער שרעקלעכער טאָג איז געקומען אויך פאַר די איבערגעבליבענע ליבעוונער יידן. דעם ערשטן אָקטאָבער 1942, פּונקט הושענה־רבה, 3 אַזייגער פאַרטאָג, איז די שטאָט געוואָרן אַרומגערינגלט מיט ליבעוונער, שאַצקער, מאַציעווער און קאָוועלער פּאָליציי. די פאַרניכטונגס־אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן אויך אין ליבעוונע. אָן אונטערשיד פון רויטע אָדער ווייסע שיינען, אַ פאַרניכטונג אויף אַלע יידן. דעם ערשטן טאָג אַליין האָט מען געכאַפּט 1800 יידן. מען האָט זיי אַלעמען צוזאַמענגענומען אויף אַ פּלאַץ, אויסגעטאָן נאַקעט, און אַזוי זיי אַוועקגעפירט צו דער שחיטה הינטער דער שטאָט (נישט ווייט פון דער ציגעלניע אין אַ גרויסן טאָל אַריין, וווּ עס זענען שוין געווען אויסגעגראָבן 4 ריזן גריבער. די גריבער זענען מיט דריי חדשים צוריק געגראָבן געוואָרן פון יידן גופא.

דאַן האָט מען די יידן געזאָגט, אַז פון די גריבער וועט מען גראָבן ליים און מאַכן כלים. אַ גרויסער טייל באַהאַלטענע יידן, וואָס האָבן געפּרוּווט אַנטלויפן פון שטאָט די ערשטע וואָך, זענען אַלע געפאַלן, קיין איינער איז נישט געבליבן לעבן. אַ טייל איז נישט אַנטלאָפן באַלד און האָבן זיך געפונען אין די „סכראָנען", וואָס האָבן זיך געפונען אין יעדן יידישן הויז. אונדזער פאַמיליע, צוזאַמען 15 נפשות, איז געווען באַהאַלטן אין אַ זייטיקן קעלערל פון צוויי קוואַדראַט־מעטער, וואָס האָט זיך געפונען אונטער אַן עפּל־ביימל אין דער ערד. קיין גרויסע זאַפּאַסן זענען דאָרט נישט געווען, וואַסער און לופט זענען איבערהויפּט נישט געווען. זעקס אינדערפרי פון ערשטן אָקטאָבער זענען שוין אַלע געווען פּונקט ווי טויט. די קעפּ האָט מען איינגעגראָבן אין דער ערד, ווייל ס'האָט געפעלט לופט און וואַסער. פון אויבן האָבן די רוצחים געגראָבן, צעריסן די בריקן, אַלץ צעשטערט. איין גרופּע מערדער אַרויס, די צווייטע אַריין, ביז שפּעט ביינאַכט. אין מיטן דער נאַכט, בכדי די דייטשן זאָלן זיי נישט מערקן, האָבן די אוקראַינער גענומען ראַבעווען. אין געסל, לעבן אונדזער הויז, האָט מען דערשאָסן עטלעכע יידן. מיר האָבן שוין נישט געפילט קיין לעבעדיקן אבר. קיין וואַסער און עסן איז נישט געווען. עס האָט געברענגט דערצו, אַז מיר האָבן געגעסן רויע קאַרטאָפל, און געלעקט די פייכטע קאָרניעס פון די ביימער. אין אַזאַ ביטערער און שווערער נויט האָבן מיר זיך אָפּגעמוטשעט אַכט טעג. ווען מיר האָבן שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן, האָבן מיר ריזיקירט און געפּרוּווט אַרויסקריכן מיט די לעצטע כוחות. פון ביידע זייטן איז געשטאַנען פּאָליציי, און מיר זענען אַרויסגעקראָכן, קודם כל 9 מאַן. מיר זענען אָפּגעגאַנגען נישט ווייט — און ליכט־ראַקעטן פליען שוין אין דער לופט און מען באַשיסט אונדז. עס האָט זיך אונדז איינגעגעבן אַדורכצורייסן זיך אין די דערפער אַריין.

אין שטאָט האָט מען טאָג־טעגלעך אַרויסגעשלעפּט אונדזערע יידן פון די סכראָנעס און דערמאָרדעט. אין שטאָט, אַרום דער שטאָט, אין דערפער, פעלדער און וועגן זענען צעשפּרייט אומבאַקאַנטע קברים פון דערשאָסענע פאַרמוטשעטע יידן. אַ פּאָר שעה פאַר דער אָקטאָבער־אַקציע, ביינאַכט זענען אַוועק פון ליבעוונע צוויי גרופּעס באַוואָפנטע יוגנטלעכע. זיי האָבן זיך געלאָזט אין צוויי ריכטונגען. פון איין גרופּע איז קיין שום ידיעה נישט געווען, אַלע זענען אומגעקומען אין די דערפער דורך די אוקראַינער. פון דער צווייטער גרופּע זענען געבליבן לעבן צוויי, איינער איז מיין חבר אברהם געטמאַן.

אַ טייל איינצלנע מענטשן אָדער קליינע פאַמיליעס זענען אַנטלאָפן אין די פּוילישע און אוקראַינישע דערפער (אונדזער פאַמיליע אויך), וווּ די באַקאַנטע גויים האָבן זיי ביסלעכווייז אויסגעמאָרדעט. מיר זענען אַוועק 15 מאַן (צווישן זיי איינער אַ פּליט פון לודמיר). נאָך צוויי מאָנאַטן זענען מיר נאָר געבליבן זעקס מאַן, נאָר אונדזער פאַמיליע: מיינע עלטערן, שוועסטער, ברידער. מיר האָבן זיך געמאַטערט שווער און ביטער, געשוואָלן פון הונגער, די אברים אָפּגעפרוירן פון קעלט, 24 מאָנאַטן אין איין העמד, וווּ די לייז האָבן געהערשט איבער אונדזערע קערפּער. וווּ מיר זענען געווען בייטאָג, זענען מיר ביינאַכט נישט געווען. געגעסן האָבן מיר גראָז (אויב מיר האָבן געהאַט). בייטאָג האָבן אונדז געזוכט די דייטשן מיט דער פּאָליציי. ביינאַכט די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן. ביזן דערשלאָגן זיך צו די פּאַרטיזאַנער האָט מען געקאָנט 18 מאָל פאַלן טויט, און צווייטנס, מיט וועלכע פּאַרטיזאַנער גייט מען?

איבערגעמוטשעט זיך אַ ווינטער. עס איז שוין 1943. די זון שיינט אויף, ס'איז פרילינג, אַבער פאַר וועמען? פאַר אונדז, אויסגעמאַטערטע יידן, זיכער נישט. די נאַטור לעבט אויף אויפסניי, נאָר פאַר אונדז יידן ווערט אַלץ פינצטערער. די רוצחים איז נאָך נישט געווען גע־

נוג יידיש בלוט, האָבן זיי טאָג און נאַכט געזוכט נאָך יידן. אַ פּאַר מאָל אין טאָג האָבן מיר געמוזט געהיים בייטן אונדזערע ערטער. עס איז אונדז געווען אַזוי ביטער, אַז מיר האָבן געמוזט אַוועק אין שטאָט אַריין, צו אַ באַקאַנטן קריסט און אים צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן. נאָכן אָפּזיין ביי אים צוויי מאָנאַטן זענען געקומען 50 דייטשע זשאַנדאַרמען און געזוכט פּאַרטיזאַנער און אויך רעשטלעך יידן. די מערדער האָבן זיך געפונען בסך־הכל צוויי מעטער פון אונדזער באַהעלטעניש, און זיי האבן זיך אויפגעהאַלטן דאָ אַ גאַנצן חודש. אין דעם מאָנאַט זענען מיר נישט געשלאָפן, און כמעט נישט געאָטעמט. מיר האָבן נישט איינמאָל געזען, ווי מען מוטשעט און מאָרדעט איינצלנע יידן אָדער פּאַרטיזאַנער. מען האָט געמוזט זיין פון שטאָל עס צוצוזען און בלייבן לעבן.

נאָך פיר מאָנאַטן זיין ביי יענעם קריסט אין שטאָט, איז געקומען פאַר אונדז אַ שוואַרצער טאָג. דעם 29־טן יולי 1943 האָבן מיין פאָטער מיט דער שוועסטער זיך פונקט געפונען ביים קריסט אין שטוב און נישט אין אונדזער ספּעציעלער באַהעלטעניש. פּלוצלינג זענען אָנגעקומען דייטשן און אוקראַינישע פּאָליציסטן און געמאַכט אַ גרויסע רעוויזיע און געפונען דעם פאָטער מיט דער שוועסטער. איך האָב צוגעקוקט פון אונדזער באַהעלטעניש מיט אַ פאַרשטיינערט האַרץ, ווי מען שלאָגט דעם פאָטער, ער זאָל זאָגן ווו די איבעריקע זענען. דער פאָטער האָט אַלע קלעפּ צוגענומען, בכדי נישט אויסצוגעבן אונדזער באַהעלטעניש. דעם פאָטער מיט דער שוועסטער האָבן זיי שפּעטער אָפּגעפירט הינטער דער שטאָט און זיי אומגעבראַכט. געבליבן דאַן אין שווערע ליידן איז מיין מוטער, איך מיט צוויי ברידער. אין מיטן דער נאַכט זענען מיר מיט נסים אַנטלאָפן פון שטאָט און מיר זענען ווידער אַוועק אין די דערפער.

אַ מאָנאַט נאָך דעם האָבן זיך אָנגעהויבן אומרוען צווישן די אוקראַינער און די פּאָליאַקן. ווען מיר זענען געווען ביי פּאָליאַקן, זענען אוקראַינער אָנגעפאַלן בייינאַכט אויפן פּוילישן דאָרף, עס אַרומגערינגלט, אונטערגעצונדן און די פּאָליאַקן געשאָכטן מיט מעסערס, זעגן, העק, קאָסעס א. אַ. וו. מיר זענען קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן פון פייער. מען האָט אונדז באַשאָסן מיט אַ סך קוילן. מיט אַזאַ טויט זענען דאַן דערמאָרדעט געוואָרן עטלעכע יידן פון דער לאָקס־פאַמיליע. פון דער צייט אָן האָט מען יעדע נאַכט געזען ווי דערפער ברענען. די שיסערייען האָבן נישט אויפגעהערט. מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף פאַרשידענע ערטער.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן מיר זיך צונויפגעטראָפן מיט נאָך אַכט בלאָנקענדיקע יידן. צוזאַמען האָבן מיר אויסגעגראָבן אין משך פון איין נאַכט אַ גרויס באַהעלטעניש, ווו מיר האָבן זיך געפונען אַ שטיקל צייט. דער פראָנט האָט זיך שוין גענומען רוקן נאָענטער צו אונדז. דאָס איז דאָך שוין געווען אין 1944. דאַן האָבן מיר זיך שוין געריכט אין קורצן באַפרייט צו ווערן דורך די רוסן. אין אָט דער צייט האָבן זיך נאָך געפונען אין אַ פּוילישן דאָרף, נישט ווייט פון אונדז, בערך 100 יידן אין דער פּוילישער פּאַרטיזאַנקע. אַ געוויסן טאָג האָבן מיר געהערט, אַז די פּאָליאַקן האָבן די אַלע יידן אויסגעמאָרדעט און זיי זוכן אונדז...

אין איין נאַכט האָבן די פּאָליאַקן געפונען אונדזער באַהעלטעניש. זיי האָבן אונדז געצוווּנגען אַרויסצוגיין, וועגן נישט פאָלגן האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד. עס האָבן אונדז אַרומגערינגלט אַ 15 יונגע פּאָליאַקן מיט אָנגעלאָדענע ביקסן. זיי האָבן אונדז אַרויסגעפירט אין אַ דאָרפיש הייזל.

איך האָב זיך גלייך און גיך אומבאַמערקטערהייט אַרויפגעכאַפּט אויפן בוידעם. מיין מוטער האָט אויך געפרווּט דאָס זעלבע צו טאָן, אָבער די מערדער האָבן זי געכאַפּט. זיי האָבן באַפוילן אָפּצוגעבן ווערטפולע זאַכן. נאָך אַ ווײַלע קומט אַ צווייטער אַריין און באַפעלט, אַלע זאָלן זיך אַנידערלייגן אויף דער ערד. עס ווערט אַ יללה, אַ געשריי. אַלע לויפן זיך צוזאַמען אין איין ווינקל, עס ליגט אַ בערגל מענטשן, פון וועלכן עס הערן זיך שרעקלעכע קולות. יעדער גראָבט איין זיין קאָפּ אין דעם בערגל מענטשן. דאַן דערהערן זיך מערערע שאָסן, און נאָך קורצע שווערע קרעכצן ווערט שטי'... שטיל...

איך בין געבליבן זיצן אויפן בוידעם, פון וואַנען איך האָב אַלץ געזען דורך אַ שפּאַלט, ווי פאַראַליזירט, מיט אַ פאַרשטיינערט האַרץ, און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. פּלוצים האָט אַ באַפעל איבערגעריסן די שטילקייט: צעוואַרפן די הרוגים איבערן גאַנצן חדר, איבערציילן זיי, דערנאָך דאָס הויז אונטערצינדן, אַז קיין סימן זאָל נישט בלייבן. מען האָט זיי צעוואָרפן און איבערגעציילט נאָר עלף. ווידער אַ באַפעל: זוכן אומעטום דעם איינעם, וואָס פעלט.

מיר איז גלייך אַריין אַ געדאַנק: „באַהאַלט זיך!" איך האָב נאָר באַוויזן מיט אַ ביסל שטרוי זיך צוצודעקן, ווי די מערדער זענען שוין אויפן בוידעם אומעטום. פּלוצלינג פיל איך, ווי די מערדערישע שטיוול טרעטן אויף מיין קערפּער. איך האָב זיך נישט גערירט און זיי האָבן מיך נישט דערשפּירט. אין אַ ווײַלע הערט מען אַ געשריי: „יאַנעק, ראַמעק, פראַנדזשי, פּאָלי סיע" (שנעלער, עס ברענט שוין דאָס הויז), זיי זענען גלייך אַראָפּ.

איך בין געבליבן ליגן ווי אַן באַוווּסטזיין. ס'איז

ליכטיק געוואָרן, איך זע אַ גרויס פייער פאַר מיינע אויגן, מיינע בגדים ברענען — איך ריר זיך אַלץ נישט פון אָרט. ווען דאָס פייער האָט דערגרייכט דאָס לייב, בין איך מיט אַ ווילדן שפרונג אַריבער אויפן צווייטן עק פון בוידעם. פון דרויסן שטייען נאָך די מערדער אַרום הויז און וואַרטן, אַז דער איינער זאָל אַנטלויפן. זעענדיק, אַז דאָס גאַנצע הויז ברענט און קיינער איז נישטאָ, זענען זיי אַוועקגעגאַנגען.

פונקט אין דעם מאָמענט האָב איך אַ שפרונג געטאָן פון דעם געדיכטן פייער און אַראָפּ אין הייזל אַריין, אויסגעקלאַפּט דאָס פענצטער און אַרויס אין דרויסן. די מערדער האָבן געהערט ברוכן פון גלאָז, האָבן זיי זיך צוריקגעקערט. איך בין אַריין אין געדיכטן שוואַרצן רויך, וואָס האָט זיך געצויגן פון דעם ברענענדיקן הויז. אין אַ 10 מינוט, ווען כ'האָב געפילט, אַז די מערדער זענען אָפּגעגאַנגען אַ ביסל פון הויז, בין איך אַרויס פון דעם קרעמאַטאָריום.

געלאָפן בין איך מיט אַן אומבאַשרייבלעכער גיכקייט, ביז איך האָב באַמערקט אונדזער אַ געוועזן באַהעלטעניש און דאָרט אַריין. איך בין דאָרטן געלעגן אַ היפּשע צייט. נעכטן זענען מיר נאָך געווען 12 — היינט, נאָר איך איינער. אָבער עס איז איצט נישט קיין צייט צו קלערן וועגן דער שוואַרצער פאַרגאַנגענהייט, און די מוטער וועט איצט פאַר מיר נישט קלערן, ווייל זי איז שוין טויט. און איך מוז שוין אַליין זאָרגן פאַר זיך אין אָט דער שרעקלעכער צייט. איך האָב זיך אויפגעהויבן, אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. אַ טויטע רואיקייט הערשט אַרום. דאָס הייזל ברענט נאָך. איך בין געגאַנגען אין דעם באַהעלטעניש וווּ מיר האָבן זיך געפונען פריער, בכדי צו נעמען אַ מעסער פאַר אַ שטיקל פאַרטיידיקונג. איך קריך אַריין און זוך, פּלוצלינג הער איך אַ קול, „אוי, אוי, אוי, בענציעלע" (מיין ברודער האָט געהייסן בענציעלע). איך בין געבליבן שטיין פונקט ווי פאַרחלשט. איך האָב דערקענט, אַז דאָס איז די שטים פון יואל (קרוטש) גורטענשטיין, וואָס האָט זיך מיט אונדז צוזאַמען געפונען די לעצטע צייט.

איך בין גיך צוגעלאָפן צו אים. מיר צעקושן זיך. עס איז דאָ אַזוי פיל צום רעדן, אַז מען קען אַזש קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען פאַרן מויל, און דאַן צעוויינען מיר זיך ביידע אַזוי שטאַרק, אַז מען האָט נישט געקאָנט אויפהערן. יואל איז, געווען פאַרוווּנדעט אין אַכט ערטער. קיין גאַנצער אבר איז ביי אים נישטאָ. ער דערציילט מיר, אַז ער איז געווען פאַרחלשט פון די שאָסן אויף אים, אָבער ווען ער האָט דערפילט, אַז עס ברענט, האָט ער זיך געשטאַרקט און אויפגעהויבן זיך, געפּרוווט אַ טייל הרוגים מינטערן, אָבער אַלע זע־

נען געווען טויט. ער איז אַרויס דורך אַ פענצטער און זיך צוגעשלעפּט צום צעבראָכענעם באַהעלטעניש. איך האָב אים גלייך איינגעהאַלטן אַ ביסל דאָס בלוט, מער ווייניקער פאַרבונדן, און אים איבערגעפירט אין דעם קליינעם באַהעלטעניש, וווּ איך בין פריער געווען.

מיר זענען געווען צוזאַמען זעקס טעג, וועלכע איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, די ליידן, די צרות, וואָס איך האָב דאַן דורכגעמאַכט לעבן אים זייענדיק. קיין אויג האָב איך אויף אַ מינוט נישט צוגעטאָן, און נישט גערוט לעבן אים, אויסער פון משוגענע האַלוצינאַציעס. ער פלעגט מיטאַמאָל אָנהויבן גוואַלדעווען, שרייען, אַז ער גייט באַלד שטאַרבן און דערציילן שרעקלעכע חלומות. איך פלעג דאַן ליגן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און ציטערן מיטן גאַנצן קערפּער.

נאָך איינעם אַזאַ אָנפאַל פון היסטעריע איז יואל אין דער פרי פון זעקסטן טאָג צוגעגאַנגען צו מיר און געבעטן, איך זאָל אים ברענגען פאַרן טויט אַ ביסל וואַסער פון דערבייאיקן ברונעם. איך זאָג אים, אַז ס'איז אוממעגלעך איצט אַרויסצוגיין, ווייל פּאַליאַקן קאָנען דאָרטן זיין איצט. אָבער ער ענטפערט מיר שוין נישט, נאָר מאַכט אַ גרויסן גוואַלד.

איך האָב זיך געטראַכט: איידער אומצוקומען דאָ און קוקן ווי מען שיסט מיך, גלייכער אין דרויסן לויפנדיקערהייט. ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען אָנשעפּן וואַסער, דערזע איך פון דער צווייטער זייט פון פאַרברענטן הויז אַ וואָגן, און פון ביידע זייטן לויפן אַרויס צוויי גרופּעס גויים אַנטקעגן מיר. דאָס איז געווען אַ גרופּע פון 12—15 מאַן, אַלע מיט געווער אין האַנט. איך האָב גענומען לויפן אין דער ריכטונג פון באַהעלטעניש. אין איין אָטעם בין איך אַריין און יואלן געזאָגט, אַז די מערדער יאָגן, און גלייך אַריין אין ריכטיקן באַהעלטעניש.

יואל איז געלעגן איבערן ווענטל, אין אַ קעלערל. איך האָב נאָר באַוויזן צוצומאַכן אַ טירל. די מערדער זענען אַריין ביי יואלן אין קעלערל (איבער מיין ווענטל). זיי פרעגן יואלן וווּ איז דער קליינער? ער ענטפערט: ער איז געגאַנגען ברענגען וואַסער.

אַ טייל פון די מערדער האָט מיך געזוכט אין דרויסן אומעטום, אַ טייל האָט געזוכט אינעווייניק. זיי געפינען זיך פון מיר 15 אָדער 20 סענטימעטער, נאָר איבער אַ דין ווענטל. איך בין געזעסן. דאָס טירל צוגעהאַלטן, און אַ האַק איז געלעגן נעבן מיר. זיי שטעכן מיט שפּיזן אין די ווענט. זיי קלאַפּן מיט די ביקסן אין די ווענט און קאָנען גאָרנישט מערקן. זיי האָבן געזוכט ביז שפּעט אין אָוונט. ווען עס איז שוין גוט פינצטער

געוואָרן, האָבן זיי יואלן דערשאָסן און זענען אַרויס פון קעלערל.

נאָכן אָפּוואַרטן עטלעכע שעה, בין איך אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, עס איז געווען זייער פינצטער, פונקט ווי מיר אויפן האַרצן. עס האָט געהערשט אַרום אַן אימת־מות, אַ ווינט אַ שטאַרקער האָט געבלאָזן, די ביימער האָבן גערוישט פונקט ווי אויף אַ בית־הקברות. און איך — איינער אַליין, אויף אַ גרויסער וועלט.

★

געגאַנגען בין איך אין מיטן העלן טאָג, ווייל עס איז מיר שוין געווען אַלץ־איינס. איך בין אָנגעקומען אין אַ ווייטן דאָרף. באַלד זענען געקומען צו מיר צוויי גויים און מיך געפירט צום דעם אוקראַינישן אויבער־קאָמאַנדיר פון דער אוקראַינישער נאַציאָנאַלער באַנדע אין דער גאַנצער אומגעגנט.

איך האָב קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט און געמוזט גיין צו אים. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ פאַרוווּנדערט פּנים. איך האָב אים דערציילט אַלץ פון „א" ביז „ת". ער האָט מיר דערלויבט צו זיין אין דעם דאָרף און געזאָגט: איך זע, אַז דו ביסט אַ גליקלעכער אומעטום, ביי מיר האָסטו אויך גליק. קיינער פון דאָרף וועט דיך נישט רירן. דו וועסט העלפן אַרבעטן א. אַ. וו. איך האָב זיך אַ ביסל באַרואיקט. אין דעם דאָזיקן דאָרף האָב איך זיך געפונען אַ שטיקל צייט. נישט איינמאָל האָבן מיך די נאַציאָנאַליסטן געוואָלט הרגענען. די דייטשן זענען אויך געווען אַ שטיקל צייט אין דעם דאָרף. איך האָב נאָכגעמאַכט פאַלשע דאָקומענטן מיט דייטשישע אונטערשריפטן, אַזוי אַז מען האָט גאַרנישט דערקענט. די זעלביקע פאַלשע דאָקומענטן האָב איך אויך נאָכגעמאַכט פאַר אַנדערע אומלעגאַלע מענטשן.

נאָך אַ געוויסער צייט זיין אין דעם דאָרף, האָב איך דאָך געמוזט פאַרלאָזן דאָס אָרט, ווייל די געפאַר פאַר מיין לעבן איז געוואָרן אַלץ גרעסער. איך האָב אויך געפרוווט אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער, וואָס זענען געווען נישט ווייט, אָבער זיי האָבן מיך נישט אָנגענומען אַן געווער. אין וואַלד האָב איך זיך אַרומגעדרייט אַ שטיקל צייט. אין דעם זעלבן וואַלד האָבן זיך אַרומגעדרייט פאַרשידענע באַנדעס און אַלע האָבן געמאָרדעט יידן. פּוילישע נאַציאָנאַליסטן, אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן, אַנטלאָפענע דייטשן, אַנטלאָפענע מאַדיאַרן, אַפילו פּאַרטיזאַנער.

דעם 19־טן יוני 1944, גאַנץ פרי, זענען אַריין די רוסן. איך גיי אַרויס אין וואַלד. זיך דערמאָנענדיק דעם גאַנצן בראָך פון מיין טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער, האָב איך זיך שטאַרק צעוויינט. אַ גאַנצן טאָג בין איך געלעגן באַהאַלטן, בכדי נישט צו זען די ליכטיקע וועלט. איך האָב גאַרנישט געוואָלט עסן. דעם צווייטן טאָג בין איך געפאָרן מיט די רוסן אין שטאָט, וואָס מען האָט איבערהויפּט נישט געקאָנט דערקענען. ווו ס'איז עפּעס יידיש געווען, איז אַפילו קיין זכר נישט געבליבן. קיין יידן האָב איך נישט געטראָפן. זעענדיק דעם דאָזיקן חורבן, האָב איך געמוזט גיין צוריק אין דאָרף. נאָך צוויי טעג בין איך ווידער געקומען און געטראָפן די ערשטע יידן. איינער פון זיי, מענדל ליפשיץ, איז גיך געשטאָרבן פון דער שווערער איבערלעבעניש.

די ערשטע פּאָר טעג האָבן מיר אַלע נאָך געלעבט פונקט ווי ווילדע. די פאַרגראָבענע זאַכן זענען דורך די אָרטיקע רויבער אויסגעגראָבן געוואָרן. נאָך אַ שטיקל צייט האָבן מיר דאָך שוין געקאָנט אַראָפּוואַרפן פון זיך די בגדים, וואָס מיר האָבן געטראָגן איבער צוויי יאָר.

מיר האָבן זיך דאָן דערוווּסט פאַרשידענע וויכטיקע פּרטים פון די גויים. אויפן צווייטן טאָג פון דער ערשטער פאַרניכטונגס־אַקציע, דעם 1־טן אָקטאָבער 1942, זענען געכאַפּט און דערמאָרדעט געוואָרן נאָך 800—600 יידן. (דעם זעלבן טאָג האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע אין אָפּאַלין). טאָג־טעגלעך זענען אַנטדעקט געוואָרן מאַסן יידן, בלויז דורך די אוקראַינישע רויבער, אַ חוץ די דייטשן, פּאָליציי. אַ סך קינדער ביז 12—10 יאָר זענען סאַדיסטיש געפּייניקט געוואָרן און נאָך דעם דערמאָרדעט. די עלטערע מענטשן זענען געגאַנגען אין גרופּן פון 20 מאַן. זיי זענען געשטאַנען אַרום גרוב מיט געשלאָסענע הענט, אַזוי אַז די געשאָסענע האָבן מיט זיך שוין אַריינגעשלעפּט די נאָך לעבן געבליבענע. בלויז איין מערדער האָט געשאָסן, אויף אַ מאָל 20 מאַן אין משך פון 5 מינוט. אַרום די קברים איז געדיכט געשטאַנען אַ שטרענגע וואַך, קיין איינעם האָט זיך נישט איינגעגעבן צו אַנטלויפן. מען האָט אויך דערציילט, אַז איין יידן האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצוקריגן פון דעם פאַרשאָטענעם גרוב אַרויס. ער איז דערנאָך דורך די גויים דערמאָרדעט געוואָרן.

עטלעכע יידישע קינדער, וואָס זייערע עלטערן זענען דערמאָרדעט געוואָרן און זיי זענען אויפגענומען געוואָרן דורך די גויים, האָט מען דערצויגן אין גייסט, אַז יידן הרגעט מען אומעטום, און כסדר, מען וועט זיי אַלע אויסהרגענען, און נאָר די, וואָס גלויבן אין קריסטוס, וועט מען לאָזן לעבן. נאָך דער באַפרייאונג, ווען מען האָט געוואָלט אָפּנעמען די דאָזיקע קינדער, האָבן זיי נישט געוואָלט גיין. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי גלויבן נאָר אין קריסטוסן. איינמאָל האָט מען אַוועקגעגנבעט צוויי יידישע קינדער פון דאָרף און געבראַכט אין שטאָט אַריין, דערנאָך האָט מען זיי געוואָלט אַריבערפירן קיין

פוילן. אַ געוויסן טאָג זענען זיי ביידע אַרויסגעלאָפן דורכן פענצטער און אַוועק צוריק אין דאָרף.

אין דער זעלבער צייט האָבן די לעבן־געבליבענע ידן באַשלאָסן אַרומצוצוימען מיט שטעכעדיקן דראָט דעם נייעם גרויסן בית־הקברות, ווו מען האָט אומגע־בראַכט די שטאַטישע קדושים. אין אַ געוויסן טאָג האָט מען דאָס דורכגעפירט מיט דער הילף פון אַן אינזשי־ניער. נאָכן אַרומצוימען האָב איך מיט נאָך צוויי חברים (שניאור ווישניץ און משה בלומען) באַשלאָסן נישט אַוועקצוגיין פון דעם פּלאַץ, נאָר מאַכן אַ „נאַסיפּ" (אָנ־שיטן ערד), בכדי עס זאָל בלייבן אַ זכר. מיר דריי האָבן געאַרבעט ביז ביינאַכט אָן אַן אויפהער און אָנגע־שיט אַ „נאַסיפּ" פון 6 מעטער די לענג, 4 מעטער די ברייט, און 3 מעטער די הויך און אים אַרומגעלייגט מיט גראָז.

איך האָב אָנגעהויבן אויסקריצן אַ מצבה, בכדי אַרויפצופירן זי אויפן „נאַסיפּ", אָבער דערווייל זענען כמעט אַלע ליבעוונער ידן אַרויסגעפאָרן פון פוילן, און עס איז קיין מעגלעכקייט נישט געווען אונדזער אַרבעט צו פאַרענדיקן.

בעת דער צייט, וואָס איך בין געווען אין ליבעוונע, האָב איך געהאָלפן די סאָוויעטן אויפזוכן אַ ריי מערדער פון ידן און האָב דערלעבט אין זיי אַ נקמה. איך בין דערנאָך אַוועק קיין פוילן, שפּעטער אָנגעקומען קיין פראַנקרייך, פון וואַנען איך בין מיט אַ גרופּע פון דער קינדער־עליה, אָנהויב 1946, אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל.



ניצולי העיירה על יד בור ההריגה במשרפת הלבנים

די לעבן־געבליבענע פון שטעטל ביים מאסן־קבר ביי דער ציגעלניע

פון רעכטס צו לינקס: משה העלפאַנט (ראקאוויצער), יידל סאנדעלבוים (ביעגעס), משה סטאליאר, יהושע קאלטון משה שטינוורצל (פון אפאלין), אליעזר קאטלער, ירחמיאל מלמד, דוד מלמד, מילי שיינטאפ, אפרים פאלאפער

חיים ראָזענבליט ז״ל

הינטער די דראָטן פון טויט

שוין אין אַפּריל 1941 האָט מען געזען טאָג־טעגלעך, ווי גרויסע כוחות פון סאָוויעטישן מיליטער ציען צו דער גרענעץ. געוויסע טיילן פון סאַפּיאָרן האָבן אָנגעהויבן גראָבן אָקאָפּעס, צוגעגרייט באַפעסטיקונגען, געגאָסענע פון צעמענט, געגרייט פלי־פּלעצער פאַר עראָפּלאַנען. אין דער לופט האָט זיך אָנגעהויבן שפּירן מלחמה.

אין דער זעלבער צייט האָט מען גענומען אין סאָוויעטישן מיליטער פאַרשידענע יאָרגענג, כלומרשט אויף מאַנעוורעס.

די יידן פון אונדזער שטעטל, וועלכע זענען מאָביליזירט געוואָרן אין מיליטער, איז אויסגעקומען צו דינען אויף איין אָרט. יעדעס מאָל, ווען דאָס מיליטער פלעגט פאַרבייגיין דאָס שטעטל, איז עס באַגלייט געוואָרן דורך טאַטעס און מאַמעס, פרויען און קינדער מיט אַ געוויין. מען האָט ווי געפילט, אַז יעדעס מאָל וואָס מען זעט זיך קאָן זיין דאָס לעצטע מאָל.

מיין פאַמיליע, וואָס האָט צו יענער צייט געוווינט אין מאַשעווע, איז באַשטאַנען פון דריי ברידער מיט אַ שוועסטער, וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט אויף רעגירונגס־פּאָסטנס. איך גופא האָב געאַרבעט אין ליבעוונע אין „פינאַנסאָווי אָטדיעל״ (שטייער־אַמט). אויף זונטיק פלעג איך פאָרן אַהיים.

אַ געוויסן טאָג האָט מיך אַריינגערופן מיין נאַטשאַלניק צו זיך אין צימער. ער האָט פאַרפירט מיט מיר אַ שמועס און צום סוף האָט ער מיר געזאָגט:

— חיים, דער קריג הענגט אין דער לופטן. ס׳זענען געבליבן געציילטע טעג.

דאָס איז געווען דעם 17־טן יוני, 1941. זיינע ווערטער האָבן מיך פּשוט אויפגעשוידערט.

דער יידישער הימל האָט אָנגעהויבן צו ווערן פאַרוואָלקנט. נישט נאָר דער דייטש, נאָר אויך די אוקראַיִנער האָבן געוואַרט אויף דעם מאָמענט. אין די דערפער האָבן יידן נישט איינמאָל געהערט רייד פון די גויים:

„ווען היטלער וועט קומען, וועט איר שוין ווערן אויס קאָמיסאַרן. מיר וועלן זיך אָפּרעכענען מיט אייך״.

די נאַכט פון 21־טן יוני

איינס אַזייגער אין דער נאַכט פון דעם 21־טן אויפן 22־טן יוני זענען מיר געגאַנגען אַהיים, נאָך קינאָ־פאָרשטעלונגען און טענץ. פון דער ווייטנס האָב איך דערהערט די שטימע פון מיין ברודער, וועלכער איז געשטאַנען מיט זיינע חברים און געשמועסט:

— יאָ, חברה, מיר קאָנען זיך לייגן שלאָפן מיט פרידן און זיך אויפהייבן מיט אַ קריג. אַ גוטע וואָך!

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַריינגנבענען דער פרימאָרגן. עס האָבן זיך גענומען הערן שיסערייען. לענגאויס דער גאַנצער גרענעץ האָט געברענט. כ׳בין אַרויס אויף דער גאַס. פון יעדן איינעם האָט מען געהערט איין וואָרט: מלחמה!

אויפן גאַס זענען געשטאַנען רעדלעך צונויפגעזאַמלטע יידן. מען האָט געקלערט וואָס זאָל מען טאָן: אַנטלויפן קיין רוסלאַנד? ווי לאָזט מען איבער דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס, וואָס מען האָט אַזוי שווער געהאָרעוועט אויף דעם אַ גאַנץ לעבן?

אַ קליינע גרופּע יידן האָט יאָ פאַרלאָזן דאָס שטעטל. מאָנטיק אין דער פרי האָט מען מאָביליזירט מיין עלטערן ברודער יעקב. בייטאָג זענען אָנגעקומען סאָוויעטישע מיליטערישע אָפּטיילונגען מיט האַרמאַטן. זיי האָבן געהייסן די באַפעלקערונג זאָל אַרויספאָרן אין וואַלד, ווייל דאָ שטעלט זיך דער פראָנט.

מאָנטיק אויף דער נאַכט האָט דאָס מיליטער זיך גענומען ציען אויף צוריק, און דינסטיק צוויי אַזייגער זענען שוין געווען די דייטשן אין ליבעוונע.

די נייע מיליטערישע מאַכט האָט דעם זעלביקן טאָג נאָך אַרויסגעהאָנגען פּלאַקאַטן, אַז אוקראַאינער זאָלן זיך

מעלדן צו פּאָליציי־דינסט. ס׳איז זיי צוגעזאָגט געוואָרן באַלוינונג, עסן און דירות. די אוקראַיִנישע באַפעלקע־רונג איז אויפגעפּאָדערט געוואָרן צו העלפן אויפדעקן, ווו עס געפינען זיך רוסישע סאָלדאַטן.

די ערשטע באַפעלן צו די יידן האָבן גלייך אָנגע־זאָגט צרות: אָנטאָן אַ ווייסן באַנד מיט אַ מגן־דוד אויף דער רעכטער האַנט; נישט פאַרלאָזן די הייזער פון זיבן אַוונט ביז זיבן פרי, אָפּגעבן דאָס גאַנצע גאָלד וכדומה. טויט־שטראָף האָט געדראָט פאַר יעדער קליי־ניקייט.

נאָך עטלעכע טעג האָט דער שטאָט־קאָמענדאַנט גע־מאָלדן די יידן, אַז עס מוז ווערן געשאַפן אַ יודנראַט. אַלס פאָרזיצער איז באַשטימט געוואָרן קלמן קאָפּעלזאָן.

ביי דעם יודנראַט האָט מען אָרגאַניזירט אַ יידישע פּאָליציי און אַן אַרבעטס־אַמט. דער אָנפירער איז גע־ווען אליהו הערשענהאָרן און זיין פאַרטרעטער — פּרץ־שייע פּעלץ.

אויפן גיינטן טאָג פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט דער יודנראַט באַקומען אַ מעלדונג, אַז אַלע יידן פון 14 יאָר און עלטער זאָלן זיך מעלדן מיט לאָפּעטעס אויפן מאַרק. פאַר נישט מעלדן זיך קומט טויט־שטראָף.

באַלד אין דער פרי האָט מען געזען שטראָמען יינגלעך, מיידלעך, פרויען און מענער צום מאַרק. צען אַזייגער איז אָנגעקומען דער שטאָט־קאָמענדאַנט — אַן אָפיציר מיט עטלעכע ס.ס.־לייט. זיי האָבן באַטראַכט דעם קהל מיט אַ הילכיקן געלעכטער.

— דאָס זענען אַלע אייערע יידן?

— יאָ, הער קאָמיסאַר.

— הויבט איצט אָן צו ראַמען און נאָכן ענדיקן זאָלט איר אַלע בלייבן דאָ.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט. מען האָט נאָר געהערט דאָס קלינגען פון די אַרבעטס־כלים. די אוק־ראַיִנער, גייענדיק צוריק פונעם קלויסטער, האָבן ציניש געלאַכט.

ס׳האָט געשניטן ביים האַרץ, קוקנדיק אויף דער שיינער בליענדיקער יוגנט, וואָס האָט אַראָפּגעבויגן די קעפּ און גאַרנישט געקאָנט ענטפערן. די אוקראַיִנישע פּאָליציי איז געשטאַנען אַן אַ זייט און אַכטונג געגעבן, ווי די אַרבעט ווערט אויסגעפירט. פאַר נישט ריכטיק אַרבעטן האָט מען געשלאָגן מיט גומענע פּאָלקעס אָדער נאַהייקעס.

דריי אַזייגער בייטאָג איז די אַרבעט געווען געענ־דיקט. דער קאָמיסאַר האָט געמאָלדן, אַז די אַרבעט איז אין אָרדענונג. אַלע יידן זענען געשטאַנען אויסגע־שטעלט אין רייען. ס׳האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. פּלוצלינג האָט דער קאָמיסאַר געמאָלדן, אַז יידישע שפּיאָנען האָבן איבערגעריסן די טעלעפאָן־דראָטן, וואָס פירן צום פראָנט. דערפאַר ווערן 5 יידן געשאָסן.

אַלע זענען בלאַס געוואָרן. יעדער האָט געמיינט, אַז דאָס מיינט מען אים. עס זענען אָנגעקומען עטלעכע סאָלדאַטן מיט ביקסן. מען האָט אַרויסגענומען פון דער ריי פינף יידן. דאָס זענען געווען: מאיר צייליגנאָלד, יעקב געליבטער, וועלכער האָט בלויז מיט אַ חודש צו־ריק חתונה געהאַט, און נאָך דריי יידן, וועמענס נעמען איך געדענק נישט.

די עלטערן פון די דערמאָנטע, וועלכע האָבן זיך צוגעקוקט, ווי מען נעמט אַרויס זייערע זין, זענען גע־פאַלן אין חלשות. די פינף האָט מען אָפּגעפירט אַן אַ זייט. די פינף אומשולדיקע, צום טויט פאַרמשפּטע, זענען געשטאַנען בלאַסע און אָנגעקוקט זייערע ברידער צום לעצטן מאָל.

דער קאָמיסאַר האָט געמאָלדן דעם טויט־אורטייל. די פאַרמשפּטע זענען געוואָרן אָפּגעפירט צום באַרג. עס האָבן זיך דערהערט עטלעכע שאָסן און פינף טייערע זין פון אונדזער ליבעוונע זענען געלעגן טויט.

אַלע זענען זיך צעגאַנגען אַהיים. די יידישע גאַסן האָבן אויסגעזען ווי געשטאָרבן. קיינער האָט זיך נישט געוויזן. אַרומגעגאַנגען אין גאַס זענען בלויז די דייטשע זשאַנדאַרן און די אוקראַיִנישע פּאָליציסטן. פון צייט צו צייט פלעגן די אוקראַיִנער אַריינפירן די דייטשן צו די רייכע יידן, ווו מען פלעגט צונעמען גוטע קאָסטיומען, זייגערלעך אָדער אַנדערע גוטע זאַכן.

די ערשטע אַקציע

אין אַ חודש אַרום נאָך דעם פאַל האָבן זיך באַוויזן אין שטאָט גרויסע אויטאָס מיט געסטאַפּאָ. מען האָט אָנגעהויבן צו כאַפּן מענער אין די גאַסן, און מען האָט אַרויסגענומען אויך פון די שטיבער. אויף דער פראַגע, וווּהין נעמט מען די מענטשן, האָט דער קאָמיסאַר גע־ענטפערט, אַז זיי ווערן געשיקט אויף אַרבעט.

די אַקציע האָט געדויערט 3—4 שעה און די גע־כאַפּטע האָט מען אַוועקגעפירט אויסער דער שטאָט, באַ־גלייט דורך דער אוקראַיִנישער פּאָליציי.

ווען די פּאָליציי האָט זיך אומגעקערט, זענען צו זיי געקומען זיך נאָכפרעגן די עלטערן און פרויען פון די געכאַפּטע מענער. די פּאָליציאַנטן האָבן געענטפערט, אַז זיי אַרבעטן נישט ווייט פון ליבעוונע, און אין אַ חודש אַרום אָדער צוויי וועלן זיי קומען אַהיים. אָבער די יידן, וואָס זייער צאָל איז געווען אַרום 350—400, זענען מער נישט געקומען אַהיים. מען האָט זיי אַלעמען דער־שאָסן אויפן נייעם בית־עולם.

שוין דעמאָלט האָט די שטאָט אָנגעוווירן אירע

שענסטע יידן, ווי שלמה סאַמעט מיט זיין זון איציק, דוד ווײַנער, אהרן דער שוחט און אַנדערע. די ערשטע אַקציע איז פאַרגעקומען דעם 22־טן יולי, 1941.

אין שטאָט האָבן יידן אָנגעהויבן צוגרייטן פאַרשידענע ערטער זיך צו באַהאַלטן. מען האָט געמאַכט קעלערס אונטער דער פאָדלאָגע, טאָפּלטע ווענט. ווען מען פלעגט דערהערן, אַז ס׳פאָרן אויטאָס, פלעגן די מענער אַריין אין די צוגעגרייטע ערטער זיך צו באַהאַלטן. מען פלעגט זיך אָפּמאַרדעווען טעג און נעכט אָן לופט, אָן ליכט און אָן עסן.

ווען די אוקראַינער האָט זיך פאַרגלוסט אויסצונאַרן ביי די יידן גוטע זאַכן, פלעגן זיי דערציילן, אַז היינט אין אָוונט וועט מען כאַפּן. און ווידער פלעגט מען זיך אָפּמוטשען טעג און נעכט. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, פלעגן דאָס די גויים ספּעציעל אויסטראַכטן.

די אַקציעס און קאָנטריבוציעס

אַ חודש נאָך דער ערשטער אַקציע האָט מען דערזען אין שטאָט אויטאָס מיט פיל מיליטער־לייט. עס איז געווען מיטוואָך פאַרנאַכט. די מענער האָבן זיך תיכף באַהאַלטן, ווו מען האָט נאָר געקאָנט. די פרויען האָבן זיך באַוועגט פריי. אויך די מענער, וועלכע האָבן געהאַט באַשטעטיקונגען פון קאָמיסאַר, אַז זיי זענען פאַכלייט, האָבן זיך פריי באַוועגט ביי דער אַרבעט.

פלוצלינג האָבן די פּאָליצײַ און זשאַנדאַרמעריע אָנגעהויבן פאַרהאַלטן פרויען און מיידלעך. די פאַרהאַלטענע זענען געוואָרן אָפּגעפירט אין אַמט פון געביטס־קאָמיסאַר. מען האָט דעמאָלט געכאַפּט ביי 300 פרויען און מיידלעך און אויך ביי אַ 100 מענער, וועלכע זענען געווען זיכער מיט זייערע „פּאַסיר־שיינען".

מען איז געלאָפן צום יודנראַט, געבראַכט גאָלד און אַנדערע טייערע חפצים. קלמן קאָפּעלזאָן איז אַוועק צום שטאָט־קאָמענדאַנט ער האָט צוגענומען דאָס גאָלד און צוגעזאָגט אַז אין צוויי טעג אַרום וועט מען זיי באַפרייען. אָבער נאָר געציילטע זענען באַפרייט געוואָרן. די איבעריקע האָט מען אַוועקגעפירט אין באַרער וואַלד און מען האָט זיי דאָרטן דערשאָסן.

אין משך פון דער צייט האָט מען אַרויפגעלייגט עטלעכע קאָנטריבוציעס אויפן שטעטל. די ערשטע קאָנטריבוציע איז באַשטאַנען פון 100 טויזנט רובל, די צווייטע — 200 טויזנט רובל, די דריטע — 50 גאָלד־שטיקלעך, אַ געוויסער קוואַנטום שטאָף אויף קאָסטיומען. מען האָט מיט גרויסע שוועריקייטן געשאַפן די געפאָדערטע זאַכן און אָפּגעצאָלט. ס׳האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז אפשר וועט זיך די לאַגע ענדערן; אפשר וועט אַמעריקע ווירקן, און בכלל די וועלט...

די געלע לאַטעס און הונגער

צו יענער צייט האָבן שוין ביי אונדז אין שטעטל געפעלט ביי 900 יידן. יום־כיפור 1941 האָבן זיך די אוקראַינער געווענדט צום געביטס־קאָמיסאַר, אַז מען זאָל די יידן פאַרווערן צו וווינען מיט זיי אויף איין גאַס.

אין דער זעלבער צייט איז פאַראָרדנט געוואָרן אַז יידן מוזן אָנטאָן געלע לאַטעס. פאַר נישט טראָגן די לאַטעס האָט געדראָט אַ שטראָף פון 10 טויזנט רובל אָדער שיסן.

דער באַפעל צו פאַרלאָזן די גוישע גאַסן און אויך די דערפער איז אַרויס אין נאָוועמבער 1941 און איז געוואָרן איבערגעשיקט צום יודנראַט צוזאַמען מיט אַ פּלאַן וועלכע גאַסן מען דאַרף פאַרלאָזן און ווו עס וועט זיין דער יידישער קוואַרטאַל.

אויפן צווייטן טאָג האָט דער יודנראַט געמאָלדן דער יידישער באַפעלקערונג וועגן דער נייער גזירה: יידן איז דערלויבט צו וווינען אויף קאָסנישטשער־גאַס, טייל קאָשטשעלנע, טייל כעלמער־גאַס, נאָווי־סוויאַט מיט אירע געסלעך און אויף באַנגאַס, אָנהויבנדיק פון חיים סאָקאָלאָווסקיס הויז ביז דער געביידע פון דער אַמאָליקער סטאַראָסטוואָ איבער ציילינגאָלדס האָטעל.

אין שטעטל איז געוואָרן אַ גרויסע ענגשאַפט. עס האָבן געוווינט צוויי־דריי משפחות אין איין צימער. דער ווינטער האָט זיך דערנענטערט, און ווי אויף צו להכעיס, איז ער גראָד געווען אַ שווערער.

גויים פלעגן זיך אַריינגנבענען אין די פרימאָרגנס און פאַרקויפן צו די יידן אַ ביסל האָלץ, קאַרטאָפל, מעל און אַנדערע שפּייז. זיי האָבן אָבער נישט געקאָנט באַפרידיקן דאָס גאַנצע שטעטל, ווייל ס׳איז געווען אַ קליינע צאָל פּראָדוקטן און מען האָט אויך נישט פאַרקויפט פאַר געלט, נאָר פאַר אָנטועכץ, זאַלץ אָדער נאַפט. אָבער נישט אַלע יידן האָבן פאַרמאָגט די אויבנדערמאָנטע אַרטיקלען, ווייל אַ טייל פון דער שטאָט איז פאַרברענט געוואָרן אין דער צייט פון די ערשטע שלאַכטן.

אין שטעטל האָט זיך געשאַפן אַ שווערע לאַגע. עס זענען אַפילו געווען עטלעכע טויט־פאַלן פון הונגער און קעלט.

סוף 1941 האָבן די דייטשן צוגענומען אַלע זאַפּאַסן פון פּראָדוקטן און אַנשטאָט דעם אַרויסגעגעבן קאַרטן אויף לעבנס־מיטלען. פאַר דערוואַקסענע — 200 גראַם ברויט און פאַר קינדער — 100 גראַם.

עס האָט זיך דערנענטערט פּסח. דער יודנראַט האָט צונויפגענומען ביי די רייכערע יידן אַ ביסל געלט, וואָס

מען האָט אָוועקגעגעבן דעם קאָמיסאַר און ער האָט דער־לויבט צו באַקן מצות און אַפילו פאַרקויפט אַ ביסל מעל צו דעם צוועק.

דאָס באַקן די מצות איז פאַרגעקומען אין געהיים אויס מורא פאַר די אוקראַיִנישע פּאָליציאַנטן, זיי זאָלן נישט צונעמען דאָס מעל, ווייל דאָס איז געווען אויסער דער נאָרמע ברויט צוגעטיילט דורכן געביטס־קאָמיסאַר. טראָץ אַלעמען האָט מען אָפּגעבאַקן די מצות, די משגיחים אויפן כשרות זענען געווען לייבל דיין און שמואל־אַברהם עלטסטער, און דערביי האָט מען זיך געווונטשן „לשנה הבאה בירושלים".

דער פסח איז אַדורך רואיק. מען איז זיך צונויפגע־קומען אין פאַרשידענע הייזער דאַוונען. מען האָט מזכיר נשמות געווען די געפאַלענע קדושים אין 1941.

דאָס געטאָ

דעם 6־טן דעצעמבער 1941, איז אָרגאַניזירט גע־וואָרן דאָס געטאָ. פאַרן איבערגיין די גרענעצן פון געטאָ האָט געדראָט טויט־שטראָף אָן אַ שום געריכט. אַ יידי־שער פּאָליציאַנט פלעגט אָוועקפירן די אַרבעטער צום אַרבעטס־פּלאַץ און פאַרנאַכט פלעגט ער זיי צוריק־ברענגען.

עס זענען געשאַפן געוואָרן צוויי געטאָס — איינס פאַר פאַכלייט, וואָס האָט אַרומגענומען די קאַלעיאָווע־גאַס, פון חיים סאַקאַלאָווסקיס הויז ביז צייליגנגאָלדס האָ־טעל, פיר הייזער פון דער כעלעמער־גאַס — פון נאַטע פוקס' דירה ביזן קרייץ־וועג פון שאָסיי און איין טייל פון לודמירער־גאַס ביז צו דער פּאָסט, די דירה פון ווייצפּרוכט. די פאַכלייט האָבן באַקומען רויטע קאַרטן. דאָס צווייטע געטאָ האָט אַרומגענומען די גאַסן קאָס־ניטשע, ריבנע און קאָשטשעלנע.

די לאַגע איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג שווערער. די קליינע זאַפּאַסן עסן האָבן זיך אָנגעהויבן אויסלאָזן. די גויים איז געווען פאַרבאָטן אַריינצוגיין אין שטאָט און אַריינפירן פּראָדוקטן.

איך מיט נאָך עטלעכע יידן האָבן צו יענער צייט געאַרבעט ביי דער באַן־ליניע. מיר האָבן געהאַט ספּע־ציעלע פּאַסיר־שיינען. יעדעס מאָל, ווען מיר פלעגן גיין צו דער אַרבעט, פלעגן מיר מיטנעמען מיט זיך אַ ביסל קליינינקייטן אין די קעשענעס, ווי פלעשלעך פּאַרב, טאַ־באַק, שוועבעלעך. ביי דער אַרבעט פלעגן צוקומען אוק־ראַינער און מיר פלעגן ביי זיי עס אויסבייטן אויף ברויט, קאַרטאָפל אָדער אַנדערע שפּייזן.

יעדן פאַרנאַכט, ווען מיר פלעגן צוריקקומען אין געטאָ, פלעגן שוין שטיין פיל מענטשן, וועלכע האָבן געוואַרט אויף אונדזערע נייעס, גלייך ווי מיר וואָלטן געדאַרפט ברענגען די הילף פון דער פרייער וועלט.

אָן כוחות — אָן עסן

מענטשן האָבן פשוט אָנגעהויבן פאַלן פון די כוחות, נישט עסנדיק און שווער אַרבעטנדיק. פאַרן יודנראַט האָט מען געזען טאָג־טעגלעך שטיין נישט קיין אַרבע־טער, נאָר סקעלעטן פון מענטשן.

דאָס לעבן אין געטאָ האָט געווירקט דערדריקנדיק אויפן מענטשן, מיר זענען געווען פאַרצאַמט, אָפּגעריסן פון דער וועלט און פון אַלץ וואָס טוט זיך אַרום אונדז, נישט קיין צייטונג, נישט קיין ראַדיאָ, און אַ בוך האָט אויך קיינער נישט געזען אין האַנט. די קאַרגע ידיעות, פון די פראָנטן פלעגן אָנקומען אין געטאָ דורך איינצל־נע סאָלדאַטן פון דער ווערמאַכט, וואָס פלעגן אין געהיים האַנדלען מיט די יידן און דערביי איבערלאָזן אַ דייַ־טשע צייטונג.

די גרעסטע נייעס־טרעגער זענען געווען די יידישע אַרבעטער ביי דער באַן און פון טאַרטאַק, ווי נטע פוקס, שמעון קראַט, מאָטל קרייזער, לייבל לערנער א. אַ. יעדן טאָג, ווען מיר זענען געקומען צוריק אין געטאָ, האָבן מיר געדאַרפט איבערגעבן אַ באַריכט וועגן דעם, וואָס מיר האָבן געהערט און געזען. אויב מיר האָבן גע־זען, אַז פונעם פראָנט פירט מען עשאַלאָנען מיט דייטשע פאַרוווּנדעטע, אָדער צעבראָכענע טאַנקען — האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די הילף איז נאָענט. אָבער מיר האָבן געלעבט אין אַ טעות. היטלער האָט אומגעבראַכט יידן איין טאָג אָדער צוויי פאַרן קאַפּיטולירן.

שבת פלעגט מען זיך צונויפקומען אין די שטיבער, זיך אַדורכרעדן, זיך אַראָפּרעדן אַ ביסל פון האַרצן. טייל זענען געווען פול מיט האָפענונגען, אַז מען וועט אי־בערלעבן. איינער האָט געטרייסט דעם צווייטן. יעדן טאָג האָט אַן אַנדערער געבראַכט נייעס: דער פראָנט גייט צוריק; אין די וועלדער וואַרפן די רוסן אַראָפּ פּאַרטי־זאַנער. נאָר געדולד.

ס'איז געווען ריכטיק, אַז אין די שאַצקער וועלדער האָבן זיך אָרגאַניזירט פּאַרטיזאַנער, אָבער עס איז געווען שווער זיך אַריינצובאַקומען צו זיי, ווייל די וועגן זענען געווען באַוואַכט פון גרויסע אוקראַיִנישע פּאָליציי־פּאַטרולן.

שחיטות אין די אַרומיקע שטעט

אַרום שבועות איז פאַרגעקומען די שחיטה אין קאָוועל. אין מיטן זומער האָט מען חרוב געמאַכט דאָס געטאָ אין טריסק. די יידן האָבן אַליין אונטערגעצונדן דאָס געטאָ.

נאָך דער שחיטה אין מאַציעוו זענען צו אונדז געקומען פון דאָרטן עטלעכע קינדער. זיי האָבן דערציילט, אַז די אוקראַינער האָבן צוגעהאָלפן בעת דער שחיטה. אַ ביסל שפּעטער האָט מען אומגעבראַכט די שאַצקער יידן, ווי אויך די יידן פון דער אומגעגנט.

צו אונדז אין שטעטל זענען אָנגעקומען שרידים פון די אַרומיקע שטעטלעך, מיינענדיק, אַז ביי אונדז וועלן זיי געפינען שוץ. מען האָט געדאַרפט זאָרגן פאַר זיי מיט אָנטועכץ און עסן. אַ סך פון זיי זענען אַנטלאָפן כמעט נאַקעט. מיר האָבן געזען, אַז עס דערנעענטערט זיך אונדזער ריי.

דער יום־טוב איז פאַרביי. יעדן טאָג גייט עמעצער פון אונדז אין שטאָט הערן, וואָס עס טוט זיך. דער יודנראַט לויפט צום קאָמיסאַר. ער גיט האָפענונגען, אַז אין ליבעוונע וועט גאָרנישט געשען, ווייל די יידן אַרבעטן גוט.

צו יענער צייט האָט מען געהייסן די יידן גראָבן גריבער ביי דער ציגעלניע, גייענדיק קיין „באַרעס". ווען מען האָט געפרעגט, צו וואָס זענען די גריבער, האָט דער קאָמיסאַר געענטפערט, אַז ער וויל מאַכן אַ פאַבריק פון ליימענע טעפּ.

די לאַגע איז געוואָרן אַלץ געשפּאַנטער. מענטשן האָבן גיך געמאַכט „סכראָנען" אונטער די פּאַדלאָגעס, אין באַק־אויוונס, אויף בוידעמס. די יוגנט האָט זיך געגרייט צו אַנטלויפן אין וואַלד מיט געווער. אָבער ווי נאָר דער יודנראַט איז געוווּיר געוואָרן פון דעם, האָט ער גענומען שטערן אין דעם. „איר וועט אומגליקלעך מאַכן דאָס גאַנצע שטעטל".

אַ טייל האָבן זיך צוגעגרייט געווער. איך אַליין האָב געקויפט ביי אַ רוס אַ רעוואָלווער, ווייל איך האָב שוין צו יענער צייט באַשלאָסן, אַז כ׳וועל צו די גריבער נישט גיין. אָדער כ׳וועל פריער שיסן דעם, וועלכער וועט מיך קומען נעמען, אָדער כ׳וועל אַנטלויפן פון געטאָ.

אין דערוואַרטונג פון דער שחיטה

ס׳האָט זיך דערנעענטערט סוכות. חול־המועד סוכות האָט דער דייטשער אויפזעער באַדאַרפט פאָרן אונטערשרייבן אונדזערע דערלויבעניש־קאַרטן אויף ווינטער. אָבער פיר אַ זייגער בייטאָג איז ער געקומען צוריק און געשיקט אונדז רופן. ער האָט אונדז געמאָלדן, אַז מיר זאָלן נעמען אונדזערע זאַכן און גיין אַהיים. מער שרייבט מען נישט אונטער אונדזערע קאַרטן.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די סכנה פאַר אונדזער לעבן איז נאָענט, מען קלויבט זיך אויסשעכטן די יידן ווי אין אַנדערע שטעטלעך — היינט, מאָרגן, און דאָס האָט אונדז דערשיטערט.

אָנקומען אין שטאָט ביז 7 אַזייגער האָבן מיר נישט געקאָנט צוליב דעם מרחק, 20 קילאָמעטער, אָבער זיצן אין וואַלד האָבן מיר אויך נישט געטאָרט, ווייל יעדע מינוט האָבן געקאָנט קומען אוקראַינישע פּאָליציאַנטן און אונדז פאַרנעמען אָדער שיסן אויפן אָרט.

איך האָב פאַרגעלייגט צו גיין אין געטאָ. אַפילו ווען ס׳זאָל אויסקומען נעכטיקן אין מיטן פעלד און אָנקומען אויף מאָרגן אין שטעטל, איז בעסער ווי זיצן אויפן זעלבן פלאַץ. אָבער דער טאַטע, מיט וועמען איך האָב געאַרבעט, איז געווען קעגן דעם און ער און די איבעריקע יידן, צווישן זיי מיינע ברידער און מיין שוועסטער, זענען געבליבן אין וואַלד. איך האָב אָבער באַשלאָסן צו גיין אין געטאָ, ווו די מאַמע איז געווען. איך האָב זיך מיט זיי געזעגנט און דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך האָב זיי געזען.

צוריק אין לובאָמל

צודריקנדיק די צוויי רעוואָלווערן, וואָס כ׳האָב געהאַט מיט זיך — איינעם פאַר מיר און דעם צווייטן פאַר אפרים קאַנדלשטיין ז״ל — האָב איך זיך דערנעענטערט צו דער שטאָט. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט ביי מיר ווי ביי אַ גזלן. וווהין גיי איך? עס איז שוין געווען נאָך 7 אין אָוונט און לויטן רעגולאַמין האָט מען שוין נישט געטאָרט גיין אין געטאָ. אויף דער באַן־גאַס האָב איך געטראָפן נטע פוקס ז״ל מיט שמעון קראָט.

— וואָס הערט זיך, חיים, אין מאשעווע?

איך האָב זיי געענטפערט, אַז איך בין נאָך נעכטן אַרויס און איך ווייס גאָרנישט. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז איינער פון די יידן איז אַנטלאָפן און ער האָט איבערגעגעבן, אַז באַלד נאָך מיין אַוועקגיין איז געקומען פּאָליציי, האָט אַלעמען פאַרנומען קיין אָלעסק און דאָרטן זיי דערשאָסן.

איך האָב זיך מיט זיי געזעגנט און בין אָנגעקומען אין אַרבעטס־געטאָ. אין גאַס האָבן זיך נאָך באַוועגט יידן. די דייטשן זענען אין געטאָ נישט געווען, אָבער די גאַנצע שטאָט איז געווען שטאַרק באַוואַכט. פּלוצלינג האָב איך דערהערט וויינען אַ פרוי מיט אַ יאָמערלעכן קול. כ׳האָב זיך דערנעענטערט און אויסגעשריען: „מאַמע!"

מיר זענען אַרויפגעפאַלן איינער דעם צווייטן אויף די אַקסלען און זיך צעוויינט.

— מיין קינד, נאָר דו איינער לעבסט! גאָט צו דאַנקען, וואָס כ׳האָב כאָטש דיך.

— אין שטאָט — האָט זי מיר דערציילט — גרייט מען זיך, אַז מאָרגן זאָל פאַרקומען די שחיטה.

אין גאַס האָט זיך געטומלט. דאָס האָט די יוגנט זיך

געגרייט צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ. איך האָב פאַרלאָזט דאָס אַרבעטס־געטאָ און אָנגעהויבן צו גיין אין אַלגעמיינעם געטאָ. אויפן וועג האָב איך געטראָפן ייִדן, וועלכע זענען געגאַנגען שלאָפן אין אַרבעטס־געטאָ, מיינענדיק, אַז דאָרט וועט זיין זיכערער. אָבער עס האָט זיך אָנגעהויבן פונקט פאַרקערט. דווקא דאָרטן האָט מען אָנגעהויבן פריער צו הרגענען.

עס האָט מיך אויפגעוועקט אַ שטאַרקע שיסעריי, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון הינטער דער שטאָט. דאָס האָט מען באַשאָסן די יוגנט, וואָס איז אַרויס פון שטעטל.

דער זייגער איז געווען האַלב פיר פאַרטאָג, הושענה־רבה. אין דרויסן איז געווען שטיל. פון צייט צו צייט האָט מען געהערט דעם אָפּהילך פון שווערע טריט איבערן טראָטואַר. דאָס זענען געווען דייטשע פּאַטרולן אין געטאָ, וועלכע האָבן „אָפּגעהיט" אונדזערע נשמות.

אין באַהעלטעניש

ס'האָט זיך דערנענטערט דער פרימאָרגן און מען האָט געדאַרפט קלערן, ווי אַזוי זיך צו באַהאַלטן, כדי נישט צו זיין פון די ערשטע קרבנות.

איך, זייענדיק דער ייִנגסטער, האָב איבערגענומען די פירערשאַפט. די פרויען מיט זייערע קליינע קינדער האָב איך געהייסן אַריינגיין אין אַיין „סכראָן" (באַהעלטעניש). אין שטוב איז געווען אַ קעלער, האָב איך אים געלאָזט אָפן. אינעווייניק איז געשטאַנען אַ קרוג מיט וואַסער און אַ שטיקל ברויט. אַלץ האָב איך איבערגעלאָזט, כדי מען זאָל מיינען, אַז דאָ זענען געווען ייִדן, נאָר מען האָט זיי שוין אַרויסגענומען צום שיסן. אַלץ פון די שאַפעס אַרויסגעוואָרפן, דאָס בעטגעוואַנט צעוואָרפן, ס'זאָל אויסקומען ווי נאָך אַ חורבן.

די עלטערע — ר' ישראל און מענדל קאַנדלשטיין מיט די פרויען, צווישן זיי אויך מיין מאַמע — האָב איך אַרויפגעשיקט אויפן בוידעם. דאָרט האָבן זיי זיך פאַרשטעלט מיט פאַרשידענע אַלטע זאַכן. איך אַליין בין געבליבן אין שטוב.

די טירן האָב איך אויך געעפנט. אַלץ האָט אויסגעזען, ווי מען וואָלט שוין דאָ געווען און יעדן אַרויסגענומען. איך האָב זיך אָנגעשטעלט אָן אַ זייט, הינטער דער טיר, ווייל פון דער ווייטנס האָט זיך דערטראָגן דאָס ווילדע געשריי פון די דייטשן, ס.ס.־לייט און אין דער באַגלייטונג פון אוקראַינישע רוצחים.

עס איז געוואָרן ליכטיק. פון דער ווייטנס האָב איך באַמערקט, ווי מען פירט אַרויס ייִדן פון די הייזער. מען פירט אַרויס מאַמעס מיט זייערע קליינע עופהלעך אויף די הענט, גאַנצע פאַמיליעס. מען טרייבט זיי אַלע צוזאַמען אויף איין אָרט. אָפט הערט מען שאָסן. דאָס האָט מען געשאָסן די עלטערע קראַנקע מענטשן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין כוח צו גיין צו די גריבער.

פלוצלינג הער איך, ווי צוויי דייטשן רעדן צווישן זיך, אַז מען דאַרף אַריינגיין אין שטוב. איך האָב זיך גיך באַהאַלטן לעבן באַק־אויוון, אונטער עטלעכע ברעטער, ווו עס איז געווען אַ קליין קעמערל.

עס עפנט זיך די טיר און צוויי מערדער זענען שוין אין הויז מיט אַ גרויסן הונט. איך הער ווי איינער זאָגט:

— אַלץ איז צעוואָרפן. מסתמא האָט מען שוין די ייִדן אַרויסגעפירט.

דער הונט דערנענטערט זיך צו מיר. איך זע אים גוט דורך אַ שפּאַרע פון אַ ברעט. כ'ווער באַדעקט מיט אַ קאַלטן שווייס, אָבער מעשה־נס גייט ער אַוועק צוריק.

כ'בין גיך אַרויסגעקראָכן פון מיין באַהעלטעניש און איבערגעגעבן די איבעריקע, וואָס אין שטוב איז געשען. מיין מאַמע לאָזט מיך נישט אַראָפּגיין אונטן. כ'בלייב שטיין אויפן בוידעם, ביים פענצטער.

אין שמחת־תורה

אין דרויסן איז אַ שיינער שמחת־תורה־טאָג. פון די דערפער קומען אַ סך גויים. איך זע, ווי אַ טייל גויים גייען אַריין אין די הייזער, שלעפן וואָס עס קומט אונטער דער האַנט.

צוויי בייטאָג האָט זיך דערטראָגן צו מיר אַ שטאַרק געוויין. די קלאָגעדיקע קולות זענען געוואָרן אַלץ נענטער און נענטער. פלוצלינג האָבן מיינע אויגן דערזען דאָס, וואָס כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן: מען האָט געטריבן די ערשטע גרופּע ייִדן, בערך 500—600 מאַן. צווישן זיי גייען מיין קוזינקע, איר מאַן און זייערע קינדער. פאָרויס איז געגאַנגען שמואל־אברהם עלטסטער מיט דער שיינער, ווייסער באָרד. שטיל, רואיק איז ער זיך געגאַנגען. הינטער אים — מאַמעס מיט קליינע קינדער אויף די הענט, יונגטלעכע פון פאַרשידענעם עלטער. ביי די זייטן איז געגאַנגען די אוקראַינישע פּאָליציי מיט געווער אין די הענט און מיט גרויסע שטעקנס, מיט וועלכע זיי האָבן געהאַקט איבער די אומשולדיקע קעפּ. הינטער זיי זענען געגאַנגען געסטאַפּאָ־לייט מיט מאַשין־געווער.

שפּעטער האָט זיך דאָס זעלביקע שרעקלעכע בילד אָפּגעשפּילט מיט נאָך גרופּעס ייִדן.

אַזוי האָט זיך געענדיקט דאָס לעבן פון אונדזער ליבעוונער קהילה קדושה. אַזוי האָט זיך געענדיקט אויף אייביק די געשיכטע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג,

וועלכע האָט געהאַט הינטער זיך אַ געשיכטע פון הונ־דערטער יאָרן.

אויף די הייליקע קברים

נאָך פאַרשידענע גלגולים און די אוממענטשלעכסטע איבערלעבענישן בין איך דעם 22־טן יוני, 1944, ווידער געקומען קיין ליבעוונע. איך בין קודם־כל אַוועק אויפן קבר פון מיין מאַמען. דער קבר איז שוין באַוואַקסן גע־וען מיט גראָז. נאָך אַ באַזוך פון אַ שעה צייט, געזעגן איך זיך מיטן קבר און לאָז זיך גיין אין שטאָט אַריין. פון דער ריכטונג צום בוג הערט מען שטאַרקע שאָסן. דאָס שיסט די רוסישע שווערע אַרטילעריע אין דער ריכ־טונג צו כעלם.

איך לאָז זיך גיין קיין ליבעוונע מיט נאָך עטלעכע ליבעוונער יידן. מיר קומען אויף דער באַן־גאַס. אָבער ס׳איז שוין נישט די באַן־גאַס. נישטאָ קיין יידן, פוסט. אַ סך הייזער זענען צעקלאַפּט. אין שטאָט איז אַ גרויסע באַוועגונג פון מיליטער. עס גייט ווידער אַ מאָביליזאַציע. אָבער דאָס מאָל זעט מען שוין נישט קיין יידן. די גאַסן זענען פוסט, צעהאַקט.

כ׳גיי פאַרביי די תלמוד־תורה. פריער פלעגט מען דאָ הערן דאָס קול פון משה־מאיר־יצחק דעם מלמד, די קולות פון די קליינע קינדער. היינט איז שטיל. די פענצ־טער זענען פאַרקלאַפּט.

אָט זענען מיר ביי דער שיל. דאָ טרעפן מיר אויך דאָס זעלבע: די פענצטער אויסגעהאַקט. אין דער מזרח־וואַנט האָט מען אויסגעהאַקט אַ לאָך אויף אַ טיר. דאָס האָט מען דאָ געמאַכט אַ גאַראַזש פאַר אויטאָמאָבילן.

פונעם בית־המדרש איז בכלל קיין זכר נישט גע־בליבן. אַן אָרט, וואָס האָט געדינט הונדערטער יאָרן צו הייליקע צוועקן, אַן אָרט וווּ דורות פלעגן זיך צונויפ־קומען דאַווענען, פון וואַנען מען האָט יאָרן לאַנגע גע־הערט יידיש — היינט איז דאָס פאַרניכטעט. עס וואַקסן דערנער מיט פאַרשידענע ווילדע גראָזן.

אין אָוונט זענען מיר, די עטלעכע איבערגעבליבענע יידן, די צעבראָכענע שאַרבנס, זיך צונויפגעקומען. יעדער האָט דערציילט זיינע איבערלעבענישן. מיר באַשליסן צו באַזוכן דעם ברודער־קבר, ביי דער באַרער ציגעלניע.

צו מאָרגנס זענען מיר אַלע אַוועק אַהין. פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שרעקלעך בילד: די גריבער זענען אָנגעפילט מיט שמוץ. די גויים האָבן דאָ געמאַכט פאַר זיך אַ גרעבלע. בהמות האָבן זיך דאָ געפּאַשעט.

מיר האָבן זיך באַלד געווענדעט צו דער סאָוויעטישער מאַכט, אַז מען זאָל פאַרווערן יעדן פאַרקער אין יענעם אָרט. די מאַכט איז אונדז אַנטקעגן געקומען, צוגעזאָגט אַפילו צו העלפן אַרומצוימען מיט אַ פּאַרקאַן.

מיר האָבן נישט געוואַרט אויף דער הילף. מיר האָבן מיט אייגענע כוחות געשאַפן אַ פאָנד צווישן דער שארית־הפליטה. וויפל מען האָט געקאָנט, האָט מען איינ־געקויפט סלופּעס, דראָט און אַרומגעצוימט. מיר האָבן אויפגעשטעלט אַ מצבה מיט אַן אויפשריפט און געמאַכט אַ טויער.

היינט אין קבוצת כנרת

היינט צו טאָג, ווען איך זיץ אין קבוצת כנרת און שרייב די שורות וועגן אונדזער שטעטעלע ליבעוונע, ווילט זיך מיר אַליין נישט גלויבן, אַז איך האָב דאָס אַלץ איבערגעלעבט, אַלץ געזען מיט מיינע אויגן און אַליין זיך יאָרן געראַנגלט צווישן לעבן און טויט.

צו מיינע טייערע ליבעוונער, וואָס וועלן אַמאָל לייענען מיינע שורות, ווילט זיך זאָגן: איר זאָלט נישט נעמען אין אַכט מיינע פשוטע אויסדרוקן און מיין פשוטן יידיש. איך האָב בלויז געשריבן דאָס, וואָס מיינע אויגן האָבן געזען פון 1939 ביז 1945 אין ליבעוונע און נישט צוגעגעבן קיין שום בילדל פון דער פאַנטאַזיע.

און צו אייך, יוגנט, וואָס איז געבוירן דאָ אין לאַנד: איך וויל, אַז אויך איר זאָלט דאָס לייענען און איר זאָלט נישט פאַרגעסן, אַז אייערע זיידעס, פעטערס, מומעס און פריינט ליגן דאָרט אויף די פעלדער פון אוקראַינע. פאַר אייך שטייט די פראַגע וועגן העלפן בויען און שאַפן אַן אייגענע היים אין אַן אייגן לאַנד, ווו מיר זאָלן נישט דאַרפן וויסן פון די אַלע שרעקלעכע עינויים און פּיין, וואָס אונדזערע ברידער און שוועסטער האָבן אויסצושטיין פון די גרויסע און קליינע היטלערס אין די פאַרשידנסטע צייטן פון אונדזער לאַנגער גלות־געשיכטע.

יהודה רייך

דער ערשטער קרבן

דער ערשטער יידישער קרבן אין ליבעוונע איז געווען מיין מאַמעס ברודער נחום לוי ז"ל. דאָס איז געווען אין די טעג, ווען היטלער און סטאַלין האָבן צעטיילט פּוילן. קיין ליבעוונע האָבן געדאַרפט אָנקומען די רוסן, אָבער דערווייל זענען אַריין די דייטשן. זיי האָבן פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן דאָ נישט בלייבן.

אויפן דריטן טאָג נאָך זייער אָנקומען, בין איך מיט מיין פעטער ר׳ נחום לוי געפאָרן אין אַ דאָרף צווישן ליבעוונע און מאַציעוו צו אַ פּריץ, וועמענס סאָד מיין זיידע האָט געהאַט געדונגען, בכדי דאָרט אָפּנעמען די פאַרבליבענע פרוכט און דאָס ברענגען אַהיים.

האָבנדיק מורא פאַר הונגער אין דער צייט פון קריג האָבן מיר געקויפט צוויי זעק ווייץ און קאַרטאָפל און גענומען פאָרן אַהיים. אויפן וועג איז געווען שטיל. ווי מיר זענען אָנגעקומען צו דער באַן־סטאַציע, האָבן מיר דערהערט שיסערייען. מיר זענען געוואָרן זייער אומרואיק און גענומען פאָרן וואָס גיכער. ווען מיר זענען אָנגעקומען אויף דער כעלמער גאַס, זענען אַלע טירן און פענצטער געווען פאַרמאַכט.

פלוצלינג האָבן מיר דערהערט אַ געשריי: „סטאַי". מיר זענען אַראָפּ פון וואָגן, אויפגעהויבן די הענט אין דער הייך, און לויטן באַפעל, געגאַנגען. אָפּגעגאַנגען אַ פופציק מעטער, האָבן מיר דערהערט אַ געשריי אויף פּויליש: „יידן — קאָמוניסטן!" און גלייך איז געקומען אַ שאָס. מיין פעטער איז גלייך געפאַלן אַ טויטער. דער מערדער האָט אויך געגעבן אַ צווייטן שאָס, דאָס איז געווען אויף מיר. דער דריטער אויף יעקב קאָרנפעלד, וועלכער איז אויך געווען מיט אונדז. די קוילן האָבן אונדז נישט געטראָפן, ווייל מיר זענען געלעגן אויף דער ערד. איך האָב שוין נישט געקוקט אויף דעם שיסן. מיר האָבן אַרויפגעלייגט דעם פעטער אויפן וואָגן און אים געבראַכט אַהיים. דער זיידע האָט דאַן פאַרלוירן זיין איין און איינציקן „קדיש".

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען, ווען די דייטשן האָבן פאַרלאָזט און די רוסן זענען נאָך נישט געהאַט אָנגעקומען. די פּאָליאַקן האָבן דאַן געווילדעוועט אין שטעטל, און במשך פון דריי טעג, געזוכט דעזערטירן פון דער פּוילישער אַרמיי, און נאָכדעם פאַרלאָזט אין דער ריכטונג צו כעלם.

חיה קאַלטון־פּאָזנער

די 20 גראַטעווועטע

פון די אַלע „אַקציעס“ און רויבערייען אין ליבעוונער געטאָ איז פֿאַראַן איין געשיכטע, וואָס איז גאָר ווייניק באַקאַנט.

אַלע „אַקציעס“ זענען דורכגעפירט געוואָרן אַזוי צו זאָגן „אָפיציעל“. מיט זיי פלעגט זיך פאַרנעמען דער געביטס־קאָמיסאַר אָדער געסטאַפּאָ. אָבער יענע געשיכטע איז פאַרבונדן מיט אַ מין „פּריוואַטער“ אַקציע, וואָס די אָפיציעלע דייטשע פירער האָבן אַפילו נישט געוווּסט וועגן דעם.

געשען איז עס אַ שבת שפּעט אין אָוונט. איך, מיין מאַמע כאַנטשע, די שוועסטער גוטע און די ברידער יששכר, סענדער און אשר זענען געזעסן אין שטוב. די טירן, פאַרשטייט זיך, זענען געווען פאַרריגלט און די לאָדנס פאַרמאַכט. פלוצלינג הערט זיך אַ קלאַפּ אין דער טיר.

מיר זענען אַלע געוואָרן אויפגעציטערט. צוערשט האָבן מיר נישט רעאַגירט. ווען עס האָבן זיך דערהערט נאָך עטלעכע קלעפּ, איז מיין שוועסטער צוגעגאַנגען צו דער טיר און געפרעגט: ווער איז דאָרטן?

אויף דעם איז געקומען אַן ענטפער פון אַ ליבעוונער בחור, וואָס האָט אָנגערופן זיין נאָמען. ער איז געווען איינער פון אונדזערע שכנים. יענער האָט געזאָגט: עפנט, האָט נישט קיין מורא. ווען די שוועסטער האָט געעפנט די טיר, זענען מיט יענעם בחור אַריינגעקומען אויך צוויי באַוואָפנטע דייטשן.

זיי זענען גלייך צו צו מיין עלטסטן ברודער און אים געהייסן זיך אָנטאָן. די מאַמע האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, געשריען און געוואַלדעוועט, עס האָט גאָר נישט געהאָלפן, מען האָט יששכרן צוגענומען.

וואָס מיר האָבן איבערגעקלערט די גאַנצע נאַכט, איז איבעריק צו באַשרייבן. ווען מען האָט קוים דערלעבט טאָג, איז מען געלאָפן זיך נאָכפרעגן, וואָס איז דאָ געשען. דאָן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז יענע נאַכט זענען דורך די זעלביקע צוויי דייטשן, און אין דער באַגלייטונג פון זעלביקן בחור, אויף אַזאַ אופן צונויפגענומען געוואָרן צוואַנציק יידן און מען האָט זיי אַלעמען אַריינגעזעצט אין די צוויי לאַסט־אויטאָס. צווישן זיי זענען געווען: שמעון שאָר, געוועזענער קאַזיאָנער ראַבינער, בערקע ספרד, זלמן ווידרע, אשר־לייב זאַץ און אַנדערע.

ווי אַזוי איז דער בחור געקומען צו די דייטשן?

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער בחור איז צופעליק געגאַנגען אין גאַס אין אַ שפּעטער שעה. פלוצלינג זענען אָנגעפאָרן די דייטשן און זיי האָבן אים אָפּגעשטעלט. זיי האָבן אים געזאָגט, אַז אויב ער וויל נישט אַרעסטירט ווערן דורך זיי, זאָל ער זיי פירן אין די הייזער פון צוואַנציק רייכע יידן. אַז ער וועט דאָס טאָן, וועט מיט אים גאָרנישט געשען.

די אַלע, וואָס זענען געטראָפן געוואָרן פון בייעם אומגליק, זענען קודם־כל געלאָפן צו קלמן קאָפּעלזאָן, דעם פאָרזיצער פון יודנראַט. יענער איז געלאָפן צום געביטס־קאָמיסאַר, אָבער דער לעצטער האָט געזאָגט, אַז ער הייבט נישט אָן צו וויסן וועגן גאַנצן ענין, און דאָס מאָל האָט ער געזאָגט דעם אמת, ווייל די צוויי דייטשן זענען געווען געקומען פון אַ דערבייאיקן אָרט, כדי אויספּרעסן געלט פון אַ „פּריוואַטער אַקציע“.

די געטראָפענע יידן האָבן געזאָגט קאָפּעלזאָנען, אַז דאָס וואָס די צוויי דייטשן האָבן גענומען נאָר יידישע גבירים, איז אַ סימן, אַז זיי ווילן געלט, דעריבער דאַרף מען קודם־כל אָנבאָטן אַ גוטע מתנה דעם געביטס־קאָמיסאַר, אַז ער זאָל זיך דערוויסן, ווו די פאַרשלעפּטע 20 יידן זענען, און דערנאָך דאַרף מען יענע דייטשן געבן אַ גוטע מטבע, אַז זיי זאָלן באַפרייען די פאַרהאַלטענע.

נאָך פאַרשידענע נאָכפרעגענישן האָט דער געביטס־קאָמיסאַר זיך דערוווּסט, אַז די צוויי דייטשן האָבן אַוועקגעפירט די צוואַנציק קיין טאָמאַשאָווקע. עטלעכע יידן זענען אַוועק אַהין מיט אַ פיינער סומע געלט און מען האָט אויסגעלייזט די צוואַנציק פאַרכאַפּטע יידן.

יעקב העלפאַנד

אין די שרעקלעכע טעג

גלייך ווי די נאַציס זענען אַריין קיין ליבעוונע, האָבן זיי אויף דער באַן־גאַס דערשאָסן איצי נאַדיס.

אויפן צווייטן טאָג איז אַ דייטש אַריינגעקומען אין אונדזער הויז און געהייסן אַלעמען נעמען מיט זיך לאַפּעטעס און גיין מיט אים. ביי אונדז איז דעמאָלט געווען מיין קוזין שלמה העלפאַנד מיט זיין פרוי חיה־שיינדל. דער דייטש האָט אונדז צוגעפירט צו משה געלמאַנס מיל, וווּ עס האָבן שוין געוואַרט דייטשן מיט נאָך צונויפגעכאַפּטע יידן, ווּעמען זיי האָבן געהאַט בדעה צו דערשיסן.

פונקט דעמאָלט איז אָנגעפלויגן אַ סאָוויעטישער עראָפּלאַן, זענען די דייטשן זיך צעלאָפן, די צונויפגעטריבענע יידן האָבן איסגענוצט די געלעגנהייט און זענען זיך צעלאָפן און אַזוי אַרום געראַטעוועט זייער לעבן.

שוין אין די ערשטע טעג, ווען די נאַציס האָבן אָקופּירט אונדזער שטעטל, האָבן זיי באַשטימט אַ יודנראַט.

אין יודנראַט איז געווען אַ ספּעציעלער קאָמיסאַר פאַר „פאַרזינדיקטע", דאָס הייסט פאַר אַזעלכע, וואָס האָבן נישט אויסגעפאָלגט די באַפעלן פון יודנראַט. די „פאַרזינדיקטע" פלעגן כאַפּן גוטע קלעפּ און אויף מאָרגן פלעגן אָפּט קומען די אוקראַינישע פּאָליציי־לייט און זיי אָפּפירן אויף „אַרבעט". אויך מיין טאַטן האָט מען גוט צעשלאָגן און געוואָלט אים אָוועקפירן אויף „אַרבעט". אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון פאַרזיצער פון יודנראַט קלמן קאָפּעלזאָן האָט מען אים אָפּגעלאָזט.

מיין קלענערע שוועסטער פעסל האָט געאַרבעט ביי אַ דאָקטאָרס אַ זון, וואַצעק קעליס. דאָס אַרויסבאַקומען פון יודנראַט אַ „שיין" אַז זי מעג זיך פריי באַוועגן פון געטאָ און צוריק איז איר אָנגעקומען גאַנץ שווער, און דאָס גיין יעדן טאָג צו דער אַרבעט אָן דעם „שיין" איז געווען ממש סכנת־נפשות.

נישט איינמאָל האָבן מיר זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ ספּעציעל־געמאַכטער „מעלינע" פאַר אונדז, ביי וואַצעק קעליס, און אַזוי אַרום ניצול געוואָרן פון די „אַקציעס".

ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז דאָס געטאָ ווערט ליקווידירט, האָבן מיר שוין נישט באַוויזן צו לויפן צו דער „מעלינע" פונעם דאָקטאָרס זון. אין אַ ריי גאַסן האָט מען שוין געהאַט אָנגעהויבן טרייבן די יידן פון די הייזער, האָבן מיר און נאָך עטלעכע שכנים זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם גרויסן שפּייכלער אונדזערן, וואָס דער טאַטע האָט שוין פריער געהאַט צוגעגרייט אַלס באַהעלטעניש. אויסער אונדזער משפּחה, האָבן אין שפּייכלער זיך געפונען דוד צעכשטיין און זיין פאַמיליע, גיטל סאָלאָווייטשיק, הערשקע גדליהס טאָכטער מיט די קינדער און אַ משפּחה פון פוילן.

מיין טאַטע און מיין שוואָגער האָבן אַרויסגענומען אַ שינדל פון דאַך, כדי צו זען, וואָס עס טוט זיך אין דרויסן. 10 אַזייגער אינדערפרי האָבן זיי געזען, ווי מען טרייבט די שטאָטישע יידן אין דער ריכטונג צו דער ציגעלניע, וווּ ס'זענען געווען אויסגעגראָבן פיר גרויסע גריבער, וווּ, ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן די דערשאָסענע יידן.

אַ וואָך צייט האָט מען אַזוי געטריבן די ליבעוונער יידן פון אַלע גאַסן, אין די לעצטע טעג — איבערהויפּט אַזעלכע, וואָס זענען געלעגן ערגעץ אויסבאַהאַלטן און מען האָט זיי דערנאָך געפונען.

אין אַנדערע ערטער האָבן ליבעוונער יידן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. אַזאַ פאַל — אַזוי האָט אונדז דערציילט דער גויישער שכן יאַקאָב פּאַטיעוויטש — איז געווען אין הויז פון משה־בנימין פּאָמעראַנץ, וווּ עס זענען געווען אויסבאַהאַלטן אַרום 50 יידן. די פענצטער מיט די טירן זענען געווען זייער באַפעסטיקט, זענען די דייטשן אַרויף אויפן דאַך, אָפּגעריסן אַ פאָר

שינדלען און גענומען אַריינשיסן פון דאָרטן. די יידן אינעווייניק האָבן פאַרמאָגט אַ ביקס און אַ רעוואָלווער און זיי האָבן געענטפערט מיט פייער וויפל קוילן זיי האָבן נאָר געהאַט.

מען דערציילט אויך, אַז אין די ערשטע טעג פון דער ליקווידאַציע האָט יהושע גרימאַטליכט אַרויסגעכאַפּט אַן אויטאָמאַט ביי אַ דייטש און אים דערשאָסן. גרימאַטליכטן האָט מען גלייך דערשאָסן.

צווישן די געפונענע אין די באַהעלטענישן די לעצטע טעג איז אויך געווען אליה שטערנבוים מיט זיין זונס שווער, ביי שמעון גאַרטענשטיין אין קעלער. דעם לעצטן יידן, וואָס מיין טאַטע האָט געזען דורכן דאַך, ווי מען פירט אים צו דער שחיטה, איז געווען מתתיהו מעלניצער.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז ס'איז אַ גרויסע סכנה צו בלייבן אין שפייכלער, האָבן מיר ביינאַכט ווי עס איז זיך דערשלעפּט צום פריץ וואַצעק קעליס. אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר אַהין געבראַכט מיין שוועסטער מינדל מיט איר מאַן שמואל סאָלאָווייטשיק. די מאַמע און די איבעריקע האָבן מיר שוין נישט באַוויזן אַריבערצונעמען פון שפייכלער. מען האָט זיי אַלעמען געכאַפּט און אויסגעשאָסן.

מיר האָבן געפילט, אַז אויך אין נייעם אָרט לויערט דער טויט אויף אונדז, האָבן מיר זיך געלאָזט גיין אין די וועלדער זוכן פּאַרטיזאַנער, כדי זיך אָנצושליסן אָן זיי. אין די וועלדער האָבן מיר זיך פאַרלוירן מיט מינדלען און שמואלן, וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן דורך די באַנדעראָווצעס און אומגעקומען פון זייערע הענט.

די יינגערע שוועסטער, פעסל, וואָס האָט גערעדט גוט פּויליש, איז געווען אויף דער פריי פאַרשטעלט ווי אַ ריין־פּויליש מיידל, און זיך אַזוי אַרום געראַטעוועט.

נאָכן קריג, ווען מיר זענען געקומען צוריק קיין ליבעוונע, האָבן מיר געפּרוווט ברענגען צו קבר־ישראל אַ טייל קדושים, וואָס מען האָט אונדז אָנגעוויזן אויף זיי. אַזוי האָבן מיר מקיים געווען דעם חסד של אמת צו מיין שוועסטער מינדל און איר מאַן שמואל סאָלאָווייטשיק, וואָס אַ פּויער פון דאָרף זאַפּילי האָט אונדז אינפאָרמירט וועגן דעם; מיר האָבן אויך געבראַכט צו קבורה משה־נאַטל גאַרטענשטיין מיט זיין איידעם אברהם רעזניק און אייניקל חנה רעזניק.

מאַשאַ רוביאָוויטש (אָסטיק)

מיט מיינע אויגן האב איך דאס געזען

איך האָב נאָך מיט די אייגענע אויגן צוגעזען דאָס גרויסע אומגליק, וואָס אונדזער שטאָט האָט מיטגעמאַכט און עטוואָס פון דעם וועל איך אַרויפברענגען אויפן פּאַפּיר.

מיין פאַמיליע האָט געוווינט אויף שקאָלנע־גאַס נעבן ריזשינער שטיבל. אונדזערע שכנים זענען געווען די פאַמיליעס פון אהרן גערשענבערג און געליבטער. אין דער צייט פון קריג בין איך געווען אין לובאָמל.

נאָך דעם ווי די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט, מיטוואָך, דעם 25־טן יוני 1941, האָבן זיי אונטערגעצונדן די שטאָט און אונדזער הויז איז פאַרברענט געוואָרן. מיר זענען דאַן איבערגעגאַנגען וווינען ביי מיין מומען מלכה גינזבורג, די פרוי פון פאַליק גינזבורג, וועלכע האָט געוווינט אין רינעק. דאָרט זענען מיר געבליבן וווינען ביז מען האָט ליקווידירט דאָס געטאָ.

ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען די שטאָט, האָבן זיי באַפוילן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג זאָל אָנטאָן ווייסע אָרעם־בענדער מיט אַ בלויען מגן־דוד. אויך קינדער פון 12 יאָר האָבן געמוזט דאָס טראָגן. איין וואָך נאָכן פאַרנעמען פון דער שטאָט האָבן די מערדער צוזאַמענגענומען אַלע מענער אויף דעם מאַרק און פון זיי אַרויסגענומען פינף מענער און זיי דערשאָסן הינטערן באַרג. צווישן די דערמאָרדעטע זענען געווען שמואל וויינגאַרטען, מאיר ציילינגאָלד, יעקב געליבטער און שטראָכער. דאָס איז אויך געווען מיטוואָך.

איין חודש נאָך דעם ווי מיר זענען אַריין וווינען צו אונדזער מומען, האָט זיך אָנגעהויבן די כאַפּעריי. דאַן האָבן די מערדער געכאַפּט אויך מיין פאָטער, מאָטל אָסטיק, מיינע פעטערס קלמן, יואל און נטע ביאַלער, מיין קוזין יואל גינזבורג און פיל אַנדערע, צוזאַמען ביי 400 מענער, און די אויטאָס האָבן געפירט די מענטשן צום טויט ביז יונה לאַדינערס מיל.

אין אַ מאָנאַט אַרום האָבן די מערדער אָנגעהויבן צו כאַפּן אויך פרויען. דאַן האָבן מיר באַשלאָסן צו מאַכן „סכראָנען” (באַהעלטענישן), אין וועלכע מיר פלעגן זיך באַהאַלטן ווען מיר פלעגן קריגן אַ סיגנאַל, אַז עס האַלט ביים פאַרקומען אַ „לאַפּאַנקע” (אַ כאַפּעריי).

עס שטייט פאַר מיינע אויגן דער שוידערלעכער פאַל, ווען מיין קוזינע חסיה מלמד האָט געוואָלט קויפן אַ ברויט ביי אַ גוי און אַ דייטש האָט דאָס געזען. מען האָט זי געכאַפּט, אָפּגעפירט אין דער קאָמענדאַנטור פון דער געסטאַפּאָ און דאָרט האָט מען זי פאַראורטיילט צום טויט. אויפן וועג, ווען מען האָט זי געפירט צום שיסן, איז די 16־יאָריקע חסיה גרוי געוואָרן. זי איז דערשאָסן געוואָרן אויפן פלאַץ פון געביטס־קאָמיסאַר, צוזאַמען מיט נאָך צוויי מיידלעך, די שוועסטער ראַני און טשאַרנע מלמד (טעכטער פון דוד און רבקה מלמד), וואָס זענען אַלט געווען בסך־הכל 12—13 יאָר. דעם „אורטייל” האָט פאַרגעלייענט דער געביטס־קאָמיסאַר, אין אַנוועזנהייט פון יודנראַט און פאַרשטייער פון דער אוקראַינישער באַפעלקערונג.

אַן אַנדערע שוידערלעכע דערינערונג איז וועגן איינער פון מיינע פאַרהייראַטע קוזינעס, וועלכע האָט אין אַ טראַגישן מאָמענט דערשטיקט דאָס אייגענע קינד, אין דער צייט, ווען זשאַנדאַרמען האָבן געזוכט ווו זי האָט זיך באַהאַלטן און דאָס קינד האָט געוויינט, אָבער דער שרעקלעכער גורל האָט זי אויך נישט אויסגעמיטן.

אַזוי זענען איבערגעגאַנגען, אין שרעק און פיין, טאָג נאָך טאָג, וועלכע האָבן זיך געצויגן אין דער אומענדלעכקייט. ווען מיין מומע מלכה איז געשטאָרבן אין דער דאָזיקער צייט, האָבן ביי איר לוויה מענטשן געוויינט, נישט דערפאַר וואָס זי איז געשטאָרבן, נאָר ווייל זיי האָבן נישט זוכה געווען צו שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט.

און דאַן איז געקומען דער לעצטער אַקט, נאָך די יום־טובים, ווען עס זענען דערמאָרדעט געוואָרן אַלע

יידן, וואָס זענען נישט אַנטלאָפן אין דער לעצטער נאַכט, און צווישן זיי אויך מיין מאַמע ביילע און די ברידער אברהם און לייבל.

איך אַליין בין אַנטלאָפן פון שטאָט די נאַכט, ווען מען האָט מיך געכאַפּט אין קעלער. איך האָב זיך אַרויס־געריסן פון די הענט פון די מערדער, און באָרוועס בין איך אַנטלאָפן אין אַ דאָרף מיט אַ פּאַספּאָרט פון אַן אוקראַינערין.



רוצחים פון ליבעוונער יידן

(פון ארטיקל אין פאלקס-שטימע — ווארשע)

אַ טייל פון די מערדער, וואָס האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין אומברענגען די יידן פון לובאָמל, זענען שפּעטער אַנטלאָפן פון דער שטאָט און האָבן זיך באַזעצט אין אַנדערע לענדער. אַ טייל פון זיי לעבט אין אַמעריקע.

דערוווּסט וועגן דעם האָט מען זיך פון דער מאָסקווער צייטונג „טרוד" (אין דעצ. 1963), וואָס איר אינפאָרמאַציע איז תיכף אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „ניו יאָרק טיימס". דערנאָך האָבן זיך אויך גענומען הערן די דירעקטע עדות פון יידן, וואָס זענען אַליין געווען די געליטענע, און וואָס זייערע משפחות זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך יענע רוצחים.

אין דער וואַרשעווער „פאָלקס-שטימע" פון 1964 איז געווען אָפּגעדרוקט אַ בריוו פון ברוך טראַכטענבערג, וואָס האָט זיך על פּי נס געראַטעוועט פון די נעגל פון טויט און ער וווינט איצט אין לובאָמל. ער שרייבט אין זיין בריוו צווישן אַנדערן:

„די יידן האָט מען באַפוילן אויסצוטאָן זיך מוטער-נאַקעט און זיך לייגן מיטן פּנים צו דער ערד און דאָן געשאָסן צו זיי אין קאַרק. מיר האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן אין וואַלד. אין יענער גרויל-נאַכט האָב איך פאַרלוירן מיין פרוי, קינדער און 18 משפּחה-מיטגלידער. בראש פון די פּאָליצייאישע מערדער האָט זיך געפונען סערגיי קאָוואַלטשוק, וועלכער האָט זיך אַליין באַטייליקט אין אויסמאָרדן יידן. אָנגעפירט מיט דער אויסראָטונג האָבן די דייטשישע פאַשיסטן אוגדע, עריך קלאָוס — דער קאָמענדאַנט פון טויט-לאַגער און זיינע געהילפן — די אָפיצירן פּאָקס און קומקע".

אין „טאָג-מאָרגן-זשורנאַל" פון 13-טן אַפּריל, 1965, איז געווען אָפּגעדרוקט אַ בריוו פון יונה ראַדינאָוו, וואָס וווינט איצט אין ריגע. דער דאָזיקער ייד שרייבט אויך וועגן די רציחות אויף יידן פון סערגיי קאָוואַלטשוק, ער גיט אָבער צו, אַז אויך יענעמס ברודער האָט זיך באַטייליקט אין מאָרדן יידן.

ראַדינאָוו שרייבט:

„דעם 1-טן אָקטאָבער, 1942, האָבן די ברידער קאָוואַלטשוק אייגנהענטיק דערשאָסן עטלעכע טויזנט יידן פון געטאָ אין שטעטל לובאָמל. דאָס פאַרמעגן פון די יידן האָבן זיי צוגענומען פאַר זיך. דערנאָך, ביים אָפּטרעטן פון די דייטשן, האָבן די אוקראַינער צוגענומען דאָס יידישע פאַרמעגן אין אַ ספּעציעלן וואַגאָן, וואָס די דייטשן האָבן זיי געגעבן, כדי אַרויסצופירן דאָס אָנגערויבטע יידישע האָב-און-גוטס... אין 1944 זענען זיי אַנטלאָפן צוזאַמען מיט די דייטשן... זיי האָבן זיך באַזעצט אין פילאַדעלפיע, 14 יאָר האָבן די ברידער קאָוואַלטשוק נישט געלאָזט הערן פון זיך אין זייער אַלטער היים, נישט געשריבן צו זייערע עלטערן... נאָך 14 יאָר האָבן גענומען אָנקומען בריוו און פּעקלעך. זיי האָבן זיך באַרימט פאַר זייערע לאַנדסלייט אין אוקראַינע, אַז זיי לעבן רייך... זיי האָבן געשיקט בילדער פון זייער פּרעכטיק לעבן".

ליבעוונער יידן אין אַמעריקע און יידיש-אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם ווי אַזוי איבערצוגעבן די פאַרברעכער אין די הענט פון גערעכטיקייט, אָבער ביזן היינטיקן טאָג איז נישט געלונגען עפּעס אויפצוטאָן וועגן דעם.

י. אַ. ר.

ראלף בלומנטל

The New York Times

מיוחד ל„הארץ"

פשעי הנאצים לא נשכחו

בחקירה נתונים גם שני האחים סרגיי ומיקולה קובאלציוק מפילדלפיה. לפני שמונה שנים האשימו אותם הסובייטים שהשתתפו, כשוטרים נאציים, בחיסול הגיטו היהודי בעיר מולדתם לובומל במערב אוקראינה. בשעתו הכחישו האחים את האשמה הכחשה „מוחלטת".

(זע כאַטאַסטאַטן פון דער פּרעסע וועגן די ברידער קאָוואַלטשוק אויף זייטן 266—267).

די צייטונג "פרייהייט" פון נומער 1

Price 10 Cent מיטוואָך, דעצעמבער 11, 1963 11, 1963

מאָסקווע מעלדעט מערדער וו...

די „ניו־יאָרק טײמס" האָט געבראַכט אין אַ דעפּעשע פון מאָסקווע איבערגעגעבן אַ באַריכט פון דער סאָוועטישער פּרעסע, אַז צוויי אוקראַינער, וואָס ווערן באַשולדיקט אַלס נאַציסטישע קריגס־פאַרברעכער און אידן־מערדער, וואוינען איצט אין פילאַדעלפיע.

די סאָוועטישע טרייד־יוניאָן צייטונג „טרוד" — באַריכטעט די „טײמס" — האָט געפאָדערט, אַז די צוויי אוקראַינער, סערגיי קאָוואַלטשוק, 44 יאָר אַלט, פון 224 — 67טע עוועניו, פילאַדעלפיע, און זיין ברודער, מיקאָלאַ, 37 יאָר אַלט, פון 193 וועסט פוירן סטריט, פילאַדעלפיע, זאָלן געשטעלט ווערן צום משפּט.

די צייטונג „טרוד" זאָגט אַז ביידע זיינען באַטייליקט געווען אין פאַרברעכנס, בעת זיי האָבן געדינט אין דער דייטשער פּאָליציי אין משך פון דער נאַצי־אָקופּאַציע אין דער אוקראַינע.

ביידע ברידער, באַשולדיקט די צייטונג „טרוד", האָבן אָנטיילגענומען אין ליקווידירן די אידישע געטאָ אין ליובאָמל, זייער היימשטאָט אין מערב־אוקראַינע, און אין צורויבן דאָס פאַרמעגן פון די פינף טויזנט אידן פון דער געטאָ.

THE NEW YORK TIMES, TUESDAY, DECEMBER 10, 1963

2 U.S. MEN ACCUSED OF CRIMES IN SOVIET

Special to The New York Times

MOSCOW, Dec. 9—Two Philadelphia residents have been accused in the Soviet press of war crimes while serving in the German police during the Nazi occupation of the Ukraine.

The trade union newspaper Trud called for the prosecution of Serhij Kowalczuk, 44 years old, of 224 67th Avenue, and his brother, Mykola, 37, of 193 West Fern Street. It said they had a part in the liquidation of the Jewish ghetto of Lyuboml, their home town in the western Ukraine, and in the confiscation of the property of the ghetto's 5,000 inmates.

Residents were said to have identified Serhij Kowalczuk as the man who convoyed columns of Jews to an execution site and confiscated their property.

Neither Mykola Kowalczuk nor his brother, Serhij, would make any comment on the charges in the Soviet press when they were reached by telephone in their Philadelphia homes last night.

"דער טאָג - מאָרגן זשורנאַל", מיטוואָך, דעצעמבער 11, 1963

סאָוועט באַשולדיגט 2 אוקראַינער אין פילאַדעלפיע אין העלפן אומברענגען אַ גאַנץ שטעטעל מיט אידען

מאָסקווע, דעצ. 10 — צוויי איינוואוינער פון פילאַדעלפיע — צוויי אוקראַינער, די ברידער קאָוואַלטשוק — ווערן באַשולדיגט אין דער סאָוועטישער פּרעסע אַלס געוועזענע נאַצישע קאָלאַבאָראַטאָרן און אַלס די אומברענגער פון אידישען געטאָ אין ליובאָמיל בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די צייטונג פון די סאָוועטישע טרעיד־יוניאָנס „טרוד" פאָדערט, אַז סערגעי קאָוואַלטשוק, 44 יאָר אַלט, פון 224 67טע עוועניו (פילאַדעלפיע) און זיין ברודער מיקאָלאַי, 37 יאָר אַלט, 193 וועסט פוירן עוועניו (פילאַדעלפיע) זאָלן געשטעלט ווערן צו אַ פּראָצעס. זיי ווערן באַשולדיגט אין האָבען אַ חלק אין דער ליקווידאַציע פון אידען־געטאָ אין זייער היימשטאָט ליובאָמיל, אוקראַינע, בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע. די צייטונג זאָגט אויך, אַז זיי האָבען געהאָלפן קאָנפיסקירען דאָס אייגענטום פון די פינף טויזענט אידישע קרבנות, וואָס זענען איינגעשפּאַרט געוואָרן אין געטאָ און זענען דערנאָך אומגעבראַכט געוואָרען.

די סאָוועטישע צייטונג „טרוד" זאָגט ווייטער, אַז די צוויי ברידער קאָוואַלטשוק זענען אין 1944 אַנטלאָפען מיט דער דייטשער אַרמיי פון אוקראַינע בעת דער אָפענסיווע פון דער רויטער אַרמיי; פון דייטשלאַנד זענען זיי אָנגעקומען קיין אַמעריקע.

די צוויי ברידער פירען אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט זייערע עלטערן, וואָס וואוינען אין דער אוקראַינער שטאָט קרעמענעץ, און זיי שיקען צו זיי מתנות־פּעקלעך פון פילאַדעלפיע, זאָגט „טרוד".

„טרוד" פאַרזיכערט אויך, אַז איינוואוינער פון ליובאָמיל באַשטעטיגען, אַז סערגעי קאָוואַלטשוק איז געווען דער, וואָס האָט געפירט קאָלאָנעס מיט אידען צום עקזעקוציע־פּלאַץ, וואו זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרען, און האָט קאָנפיסקירט זייער אייגענטום.

(סערגעי און מיקאָלאַי קאָוואַלטשוק האָבען זיך אָפּגעזאָגט צו מאַכען וועלכע־עס־איז דערקלערונג צו פּרעסע־פאָרשטייערס, וואָס האָבען זיך טעלעפאָניש געשטעלט מיט זיי אין פאַרבינדונג אין פילאַדעלפיע. זיי האָבען נישט געוואָלט גאָרנישט זאָגען וועגען דער באַשולדיגונג אין דער סאָוועטישער צייטונג).

Профсоюзная газета "ТРУД" No. 285
От 8 Декабря, 1963 года.

ОНИ УКРЫЛИСЬ В ФИЛАДЕЛЬФИИ

Шел сорок первый год. Набирали сил западные районы Украины, воссоединенные с родной социалистической республикой. Счастье и достаток пришли в дом бывших батраков. Мирную жизнь оборвала война. Местное население, вместе с частями Советской Армии грудью стало на защиту нового строя. Но некоторые трусливо спрятались на сеновалах, в погребах. Среди дезертиров оказался и 22-летний Сергей Ковальчук.

Жила тогда семья Ковальчуков в небольшом украинском городе на северо-западе Волынщины — в Любомле. Отец — Дмитрий Логвинович, пожилой счетовод, мать — домохозяйка и четверо детей. Гитлеровцы уже к вечеру 22 июня нагрянули в Любомль: на танках, мотоциклах, даже на велосипедах.


Начались убийства, грабежи. Была создана полиция. Потребовались каратели из числа местных жителей. Не раздумывая долго, С. Ковальчук надел полицейскую форму. Расчет труса был прост: это позволит ему остаться в тылу, даст хороший заработок.

«Заработок», действительно, был. Фашисты разрешили полиции брать вещи убитых, грабить во время обысков. Ковальчук вошел во вкус, стал еще усерднее служить врагам. В помощники себе он выбрал младшего брата — Николая. Как свидетельствуют многочисленные жители Любомля, Ковальчук-старший усердно выслуживался перед хозяевами. Вот что рассказ...

Особенно поживились Ковальчуки за счет Любомльского гетто. По распоряжению гитлеровцев, полицаи с осени сорок первого года начали сгонять всех евреев в пригород Любомля. Почти все пятитысячное население гетто уже через полтора года было расстреляно. Жители видели, как С. Ковальчук конвоировал колонны евреев на расстрел, а во время ареста забирал их вещи. Вот что рассказывает об этом чудом спасшийся от смерти Б. А. Трахтенберг, ныне житель Любомля.

— На груди и спине каждого из нас были нашиты желтые латки — позорные знаки. Никому не разрешалось выходить за пределы гетто. Полицаи охраняли пленников день и ночь, избивали женщин, детей, стариков. Никогда не забуду первое октября 1942 года. В ту ночь начались расстрелы. Были вырыты рвы. Людей раздевали, укладывали на землю вниз лицом, потом стреляли в затылки. Мне удалось бежать в лес. Я потерял в ту кошмарную ночь восемнадцать родственников, жену, детей. Надо сурово покарать главаря полицейской банды С. Ковальчука, который принимал личное участие в расстреле нескольких тысяч советских граждан. Я знаю, в наших краях зверствовали и фашисты Угде, комендант лагеря смерти Эрих Кляус, его помощники офицеры Фокс и Кемке.

Руки предателей—в крови



Перед вами фотокопия учетной карточки гитлеровской полиции. Из нее ясно, что Н. Ковальчук был полицейским и имел опознавательный знак 2435. Уже один этот документ полностью изобличает его как фашистского пособника.

Братья Ковальчуки делают сейчас вид, что они «забыли» все это. Они обзавелись женами, детьми, старательно скрывают свое прошлое. Словом, пытаются выглядеть в глазах граждан Филадельфии в том числе живущих там украинцев, набожными, благопристойными людьми.

Но негодяи-братья должны быть наказаны. Не верьте им, люди Филадельфии! Руки братьев Ковальчуков в крови.

Ю. ВАСИЛЬЕВ.
(Спец. корр. «Труда»).
ЛЮБОМЛЬ-КРЕМЕНЕЦ—МОСКВА.

רגינה טיגל (בלובשטיין)

הייתי ילדה בימי השואה

נולדתי בלובומל בשנת 1929 למשפחת בלובשטיין, והיו לי עוד 9 אחים ואחיות. משפחתנו לא היתה מהאמידות, אך מצבנו היה משביע רצון וגדלנו באווירה של אהבה וחמימות. כולנו למדנו, רק אני לא הספקתי לסיים את בית-הספר היסודי בגלל המלחמה.

בשנת 1939 נטשו הפולנים את העיר, אך לפני צאתם שרפו את ביתנו ונאלצנו לעקור לדירה אחרת. אחרי שנכנסו הרוסים לעיר לא היו חיינו סוגים בשושנים, ואף על פי כן הספיקו ארבע אחיותי וארבעת אחי להתחתן ולהקים משפחות. נותרנו בבית רק אני ואחי משה. לא הלכתי לבית-הספר, ישבתי בבית ועזרתי לאמי החולה מאד. שנים מאחי, שרוליק ומשה, גוייסו לצבא האדום, והם חנו עם גדודם ליד הדואר בעירנו. אך כאשר פרצה מלחמת רוסיה-גרמניה והתחילה הפגזת העיר, השארתי את אמי אצל אחותי גיטל ורצתי לראות את אחי המגוייסים ואף להביא להם אוכל. הם נשקו לי ושלחוני הביתה. בדרך חזרה שמעתי לפתע צפצוף מחריד, ומשהו נפל והתפוצץ. רצתי אל מקום הנפילה וראיתי בור גדול. ילד קטן רץ מכיוון אחד הבתים שנפגע, כשהוא מטיח ראשו בקיר וצועק „אבא, אמא". נכנסתי לבית. קיוויתי להציל ולעזור במשהו אך מצאתי את האב מוטל מת וגופו עטוף טלית — כנראה נפגע בעת שהתפלל. את אמו של הילד הספקתי להוציא בעודה בחיים, אך היא נפחה נשמתה בזרועותי.

הם היו שכנינו. לאב קראו בשם איצ'ה האילם. ראיתי את בנותיהם רצות וצועקות. הבת הצעירה, בת שמונה עשרה, יפה ולבושה מעיל משובץ, פרצה בבכי היסטרי. אמה היתה עדיין מונחת בזרועותי. לא ידעתי שהיא מתה. בטוחה הייתי שהיא מעולפת והתחלתי לעסות את פניה. האנשים שהתאספו מסביבי אמרו לי: „אינך רואה שהיא כבר מתה?" אחוזת פחד התחלתי לרוץ ובאתי לבית אחותי. זה היה יומה הראשון של המלחמה.

בימים השני והשלישי ישבנו במרתף. ביום הרביעי, בשעה שתיים לפנות בוקר, שמענו את צעדיהם של הקלגסים הגרמניים. הם עברו מבית לבית ודפקו על כל דלת. שמענו אותם הולמים בדלתות ביתנו ומרעימים בקולם: „פתחו את הדלת, איפה אתם, אנשים?" פתחנו את המרתף והתחלנו לצאת בידיים מורמות. עמדו שם שני גרמנים חבושי קסדות ובידיהם „שמייסרים" מכוונים אלינו, השתוללו וצעקו: „יהודים קאפוט".


הפרטיזנית רגינה טיגל

אנו המשכנו לצאת מן המרתף. התחלנו ללכת, והמפגרות הוכו באכזריות בקתות הרובים. הובילונו לרחוב זאבאלסקה, ריכזו אותנו ליד בית הקברות הנוצרי. שם ציוו עלינו לשבת. רוכזנו יחד עם הגויים. מיינו אותנו לקבוצות, יהודים לכיוון אחד וגויים לכיוון אחר. לקחו אותנו לבקעה שליד הרכבת וציוו עלינו לשבת. לפנינו ומאחורינו הציבו מכונות יריה.

הייתי קטנה ולא הבינותי, כי הדבר עלול להביא עלינו כליה. ישבנו כמחצית השעה. פתאום הופיע איש ס.ס. רכוב על אופנוע, שידו היתה פצועה. הוא ירד מהאופנוע ושאל: „מי מכם יודע גרמנית?" היה בינינו רופא שיניים, והוא קם ודיבר אתו. אחר-כך הודיע לנו הרופא כי איש איננו רשאי לעזוב את המקום, עד שהגרמנים לא יסיימו לבדוק בכיסינו ועל גופנו. כשנגמרה הבדיקה שוחררנו. בדרך ראיתי בחורים שלנו, שהיו מגוייסים לצבא האדום והגרמנים לקחום בשבי, כשהם מחזיקים את הרובים בשתי ידיהם המורמות למעלה. ראיתי ביניהם את משה סוקולובסקי, יצחק רבצ'וק, משה רבצ'וק ועוד אחדים

שהכרתי יפה. בחמש לפנות ערב החלו שוב ההפצצות. התנהלו קרבות עזים בין הצבא האדום והגרמנים. ראינו את רחוב חלם ואת הרחוב הסמוך לבית־הכנסת הגדול עולים באש, שהתפשטה והגיעה עד רחוב הרכבת. רצנו עד תחנת הרכבת ושם ישבנו עד הבוקר. בבוקר חזרנו הביתה, אך הוא לא היה קיים עוד. ושוב הופיעו הגרמנים, סידרו אותנו בארבעה טורים גדולים ולקחו אותנו בדרך לבית המטבחיים. פחדנו שזה סופנו והתחלנו לבכות ולהיפ־רד איש מרעהו. אך כשהגענו לשם, אמרו לנו: „לכו לאן שתרצו". הלכתי עם בני משפחתי ועם קבוצת יהודים קטנה לאן שנשאונו רגלינו. בדרך ישבנו לנוח מאחורי בית של גוי, אך זה גירש אותנו בצעקות: „הסתלקו, יהודים מלוכ־לכים". היתה אתנו שרה גלמן, שהיתה סוחרת בדים, ולפני זמן מה נתנה לגוי אחד הרבה בדים. שרה פנתה אלינו ואמרה: „בואו, ננסה את מזלנו אצל גוי אחד, מכר ותיק שלי, אולי ייאות להלין אותנו הלילה בביתו". כאשר באנו אליו, פרץ בצעקות: „הסתלקו מכאן בטרם אזעיק את הגרמנים". באין ברירה שכבנו בשדה עד יום שישי בבוקר ואז החלטנו לחזור לעיירה. במקרה מצא אותנו בדרך דודי, שהיה בעצמו בן כפר, והוא לקח את כולנו לכפר שלו. עברו ימים אחדים ואז החלטתי ללכת העירה ולראות מה מתרחש שם. הגעתי העירה בעת שנערכה לוויה של שלושה בחורים שנהרגו. ראיתי שרוב בני העיר חזרו לבתיהם, כך שכעבור שבוע חזרתי גם אני עם בני משפחתי העירה. עברו מספר שבועות והנה באו הביתה אחי משה וחברו, שברחו מהצבא הרוסי.

באחד הימים בא חברו של אחי וסיפר בהתרגשות כי הגיעו משאיות רבות העירה. אבי ואחי נמלטו מיד ומצאו מחבוא בטחנת־הקמח. אחותי ואני נשארנו. מבעד לחלון ראיתי כיצד איש ס. ס. מכה יהודי בשם משה ויצמן. ראיתי גם הרבה אוקראינים מתנפלים על יהודים ומכים אותם. פתאום נכנס הביתה גרמני גבוה חבוש קסדה ועליה סמל הגולגולת. הוא החל מחפש בכל מקום, אפילו תחת המיטות, וצעק בלי הרף: „איפה הגברים?" משלא מצא איש יצא ונכנס לבית אחר.

בשעה שלוש אחרי הצהריים רצתי לטחנת הקמח, אך לא ראיתי שם איש. הייתי בטוחה שלקחו את אחי, חברו וגיסי, רצתי למקום בו ריכזו את כל היהודים, אך את בני משפחתי לא ראיתי. הבנתי שלוקחים את כולם לעבודה, אולם דעת הגויים היתה אחרת: „סוף־סוף בא עליהם הקץ", אמרו. כעבור זמן־מה נודע שהשוטרים האוקראינים מבטיחים שאם יתנו להם וודקה, ישחררו את כל הבחורים". האמינו להם והתחילו לאסוף וודקה, אך בינתיים הובלו הגברים למקום בלתי ידוע. שבועות רבים לא ידעו לאן נעלמו הנחטפים, ורק כעבור זמן הסתננו ידיעות, כי לקחו אותם למגרש ליד בית הקברות, ושם נרצחו.

המצב בעיר היה רע מאד, והגרמנים הוסיפו להשתולל. הבגדים נתרפטו, הלחם היה במנות, ואף הקשר עם הכפרים נפסק. אנשים היו יוצאים לעבודה ולא תמיד היו חוזרים. יום אחד פשטה השמועה שתופסים יהודים, וכל אחד ניסה להתחבא. אני הסתתרתי בתנור אפיה גדול, אך הורי היו חולים ולא ירדו מהמיטות. חברו של אחי נתפס. נתברר שהגרמנים תפסו גברים יהודיים כדי לשלוח אותם עם ה־סוסים, שהיו מיועדים לחזית. מכל היהודים הרבים שנשלחו עם הסוסים, חזרו הביתה כעבור שבועיים עשרה בלבד, וביניהם חברו של אחי — ואת מה שעבר עליהם קשה להעלות על הנייר.

בראשית החורף 1942 יצאה פקודה כי יש למסור לגרמנים את הזהב, כובעים חמים ונעליים חמות וטובות. כעבור זמן מה באה האקציה השניה. את הגברים והנשים שלקחו אז הוציאו אל מחוץ לעיר, ושם נרצחו כולם ביריות.

משה ברגרום

אוהדה - ראש המרצחים של יהודי העיר

(מתוך עדות, שנמסרה בשנת 1961 לקראת משפטו של הקומיסר הגרמני)

מיד אחרי כניסת הצבא הגרמני לעיר ביוני 1941, פורסמה הוראה כי 300 יהודים יתאספו בשוק. בין הנאספים הייתי גם אני. משורותינו נבחרו 5 יהודים: מאיר צייליג־גולד, שמואל וויינגרטן, שטרייכר, יעקב גליבטר, ושוסטר. אנשים אלה נצטוו לעלות על הגבעה מעל המרתף ההיסטורי הישן, וכאשר עשו זאת, נפתחה עליהם אש ממכונות יריה וכולם נהרגו. פעולה זו בוצעה על־ידי יחידה של הצבא הגרמני, בטענה שהיתה חבלה ונותק קו הטלפון.

כחודש אחר־כך הגיעה העירה יחידת ס.ס. במדים ירוקים עם גולגולות מתים על הכובעים, וכן קבוצת משטרה אוקראינית, ויחד עם המשטרה המקומית הקיפו את העיר כולה. אנשי ה־ס. ס. נכנסו לדירות היהודים, לקחו את כל הגברים שמצאו והעמיסום על משאית. בדרך זו נאספו קרוב ל־300 גברים, שהוצאו אל מחוץ לעיר לפני בית הקברות היהודי, ושם נצטוו לחפור קברים. אחר־כך נרצחו כולם ביריות, קבוצות קבוצות, כשכל קבוצה מכסה את הקרבנות הקודמים באדמה וכו׳. את קבוצת הקרבנות האחרונה כיסו האוקראינים. על הרצח הזה נודע לי אחר־כך מפי האוקראינים המקומיים, אולם קשה היה להאמין, כי לנו סיפרו שנשלחו לעבודה. כדי לבדוק את נכונות הידיעה על הטבח של 300 יהודים, הלכתי בלילה יחד עם קבוצת יהודים אחרים למקום הטבח וחפרנו עד שהגענו לגוויות הקרבנות.

כחודש אחרי הפעולה הזאת שוב הגיעה יחידת ה־ס.ס. העירה ושוב נעצרו קרוב ל־300 יהודים, ביניהם גם נשים. כולם הועברו אל היער בקירבת הכפר סקיבה־הורודנו, ושם נרצחו כולם ביריות. על מהלך הפעולה נודע לי מפי אוקראינים. באותו זמן לערך חוייבה האוכלוסיה היהודית לשאת סימני היכר בצורת סרט לבן ועליו מגן דוד כחול.

קרוב לחודשיים אחרי שהעיר נכבשה על־ידי הגרמנים הגיעו ללובומל רשויות השלטון האזרחי הגרמני, ובראשן עמד הקומיסאר המחוזי הגרמני אוהדה. סגנו היה אחד בשם קופ. יחד עם השלטון האזרחי הגיעה יחידת ז׳אנדרמריה. אני זוכר שבין הז׳אנדרמים היה אחד בשם קריגר.

הצו הראשון של אוהדה היה הקמת הגיטו, החלפת סימני ההיכר של היהודים מסרטים לטלאים צהובים, החובה לגלח את הזקנים של יהודים אדוקים. כל היהודים קיבלו אח״כ תעודות זיהוי מן הקומיסאריון המחוזי, וכל מי שהיה מעל לגיל 13 נאלץ לעבוד עבודות כפייה. קם גם מוסד היודנראט. אוהדה ציווה גם למסור לו את הכסף, חפצים יקרי־ערך, מטבע חוץ, עורות ואפילו תה, באיום שיוציא להורג מספר רב של יהודים.

באביב של 1942 נלקחו בלילה מבתיהם קרוב ל־500 גברים יהודיים, וביניהם הייתי גם אני. על הפעולה ניצח אוהדה באופן אישי. את כולנו הביאו לאולם הקולנוע המקומי ושם ציוו לנו אנשיו של אוהדה לרקוד בפניהם. הם התעללו והתקלסו במיוחד באנשים דתיים. אוהדה דרש שנשלם כופר נפש בסכום ניכר, ולאחר שבני משפחותינו שילמו את הכסף, הותר לנו אחרי 3 ימים ללכת הביתה.

בקיץ 1942 נתפסו שלוש נערות יהודיות וגבר אחד — שמותיהם: מלמד צ׳רנה, מלמד רוניה, מלמד חסיה ו־שטרייכר (בן דודו של הנזכר לעיל) — על־ידי ז׳אנדרמים, כאשר קנו ביצים מאיכר אוקראיני. כל ארבעתם הובאו לקומיסאריון המחוזי של אוהדה ושם עונו. אוהדה הודיע ליודנראט שהוא דורש בעדם כופר נפש 500,000 רובל, וכן זהב ודולארים.

למחרת באו חברי היודנראט, יחד עם נציגי הפועלים היהודיים, אל אוהדה, בקומיסאריון המחוזי. ביניהם הייתי גם אני, כאחד מנציגי הפועלים. מסרתי לאוהדה את הכספים, שדרש ככופר עבור הנאסרים. אחרי שקיבל את הכסף ציווה להביא לחצר הקומיסאריון המחוזי את העצורים, ולתדהמת כולנו הקריא אוהדה פסק דין, שבו נאמר, כי הואיל ו־4 האנשים שנעצרו עברו עבירה בצורת קניית

2 ביצים מאיכר אוקראיני, הוא, אוהדה, דן את כולם בשם הפיהרר למוות. אחרי שקרא את פסק הדין, שלף אוהדה את אקדוחו וירה באחת הנערות, ובאחרים ציווה על הז׳אנדרמים, שהובאו לשם כך במיוחד, לירות, כשהוא נותן את הפקודה „אש". ממקום ההוצאה להורג הייתי מרוחק כ־15—20 מטרים וראיתי הכל יפה.

אחרי רצח הקרבנות פנה אוהדה אל יושב ראש ה־יודנראט קלמן קופלזון ואמר: „הבטחתי למסור לידיכם את הנאסרים, ואני מקיים את הבטחתי". אני מציין, כי עוד לפני כן ציווה אוהדה ליודנראט, שיביאו פועלים עם מעדרים ועגלה רתומה לסוס. פקודה זו נמסרה ליודנראט בכתב, ואני ראיתיה במו עיני. בעגלה הגיע דוד מלמד — אביהן של האחיות מלמד שנרצחו.

אוהדה יחד עם עוזריו ביצעו את חיסול היהודים ב־סביבות לובומל. בכפר גולובנו (הולובנו), 10 קילומטרים מלובומל, רצח אוהדה בידיות, יחד עם אחרים, קרוב ל־80 יהודים, שהתגוררו בישוב זה. הדבר היה באביב 1942. יהודים אחרים הצליחו אז להימלט ללובומל, והם סיפרו לי על הטבח בגולובנו והצביעו על אוהדה כעל האיש, שביצע את הפעולה.

פעולה דומה ביצע אוהדה בכפר שאצק. בשאצק היו כ־150 קרבנות יהודים.

ביולי 1942 חוייב היודנראט, לפי הוראתו של אוהדה, לשלוח כל יום 30 אנשים לשם חפירת בורות עצומים בתחום משרפת הלבנים. תוך שלושה חדשים בערך חפרנו שלושה בורות גדולים ברוחב 5 מטרים, אורך 40 מטר ו־עומק כ־2 מטרים. הגרמנים אמרו, שאנו עושים זאת לשם הפקת חימר לתעשיית לבנים.

ב־1 באוקטובר 1942 הוקף הגיטו מכל עבריו, ובאותו יום נתפסו קרוב ל־1,700 אנשים, בתוכם גם אני. כולנו הובלנו מן השוק אל משרפת הלבנים. שמרו עלינו יחידות חזקות של גרמנים ואוקראינים מזויינים בנשק אוטומטי, וכן היו להם כלבים מאולפים. לאחר שהגענו לתחום משרפת הלבנים ציווה אוהדה, שמשפחת יושב ראש היודנראט, קלמן קופלזון, בת 10 נפשות, תצא מן השורות ותעמוד על שפת הקבר שחפרנו. כאשר עשו כן, הרג אוהדה באופן אישי באקדח אוטומטי את כל בני משפחת קופלזון. אחר־כך נעמד אוהדה בצד ואת מקומו תפס איש ס.ס. לובש סינר לבן, והרג בידיות את המשפחות שהובאו אל הקבר בזו אחר זו. משפחתי היתה האחרונה, וכאשר הועמדנו על הקבר ירד כבר הערב. כאשר נפלה היריה הראשונה של הרוצח הטלתי את עצמי אל הקבר. אחר־כך ראיתי מתוך הבור, שאחרי הטבח שותים הגרמנים וודקה, שהביאו אתם, ושרים יחד עם האוקראינים. אחרי חצות הצלחתי להיחלץ בזחילה מן הבור ולהגיע דרך הגנים העירה. ב־לובומל עוד הסתתרתי במחבוא כשלושה ימים, ואחר־כך נמלטתי לכפרים שבסביבה, שם הסתתרתי עד השחרור.

פעולת החיסול של היהודים בלובומל נמשכה עוד שבועות אחדים, ונספו בה כ־8,000 יהודים.

תיאורו של אוהדה:

הגיל 35 — 40 שנים לערך, גובה קרוב ל־2 מטרים, רזה, שאטיני, פנים מוארכים. היה לובש כרגיל מדים ירוקים, ובחורף לבש לעתים קרובות פרוות כבשים.

רחל ליכטר

עדות על חורבן לובומל

בימים הראשונים אחרי פרוץ המלחמה בין פולניה לגרמניה התהלכו בלובומל שמועות משמועות שונות על יציאת הפולנים, אך איש לא ידע בברורות מה ילד יום. והנה באמצע ספטמבר עזבו הפולנים את העיירה וב־17 בספטמבר בבוקר הופיע חלוץ צבא גרמני ואחריו פלוגות גרמנים. שלושה ימים עמדו הגרמנים בעיירה ובסביבתה ולא נגעו לרעה במשהו ועזבוה. התברר שהרוסים התקרבו לעיירה ואכן נכנסו לתוכה ומשלו בה עד 23 ביוני 1941. עפ״י כל הסימנים היה יסוד להניח שהרוסים ישלטו בעיירה תמיד, אך בעקבות המלחמה שהוכרזה ע״י הגרמנים על רוסיה הסובייטית באמצע 1941 שונה המצב. תחת לחץ צבאות הגרמנים נסוג הצבא האדום מלובומל וביום 27 ביוני 1941 נכנסו הגרמנים לעיירה. באותו יום הרחיקו הכובשים את כל האוכלוסיה מהעיירה, והיהודים ושאר ה־אזרחים לנו בשדות ובכפרים, ורק למחרתיים חזרו ל־עיירה שרופה למחצה ובדוחק רב הסתדרו בבניינים שרופים שנשארו לפליטה. אותו זמן פורסמה פקודה שאסור לשדוד או לעשות כל מעשה בלתי אחראי, וה„גביט־קומיסאר״ מינה „יודנראט״ בראשותו של קלמן קופלזון. סגן־הקומיסר הגרמני, קופ הצורר, החל להשתלט ביד אכזרית על היהודים.

ביום השלישי נדרשו כל היהודים מגיל 14 ומעלה להתאסף בכיכר השוק ולהאזין לנאום ה„גביט־קומיסאר״. מפחד הכובשים באו. קופ הוציא מתוך ההמון 5 אנשים: מאיר ציילינגולד, שמואל שוסטר, יעקב גליבטר, שמואל וויינגרטן ושטרייכר, ולעיני חברי היודנראט נרצחו אלה ביריות למרגלות „גבעת ואגוללו״, בבהלה שקמה ברחו המרוכזים מהשוק. היהודים היו שרויים בפחד וראו את הסכנה שהם נתונים בה, הגזירות הלכו והכבידו מיום ליום.

עוד ביום הראשון לכניסתם דרשו הגרמנים למסור את כל הזהב — מטבעות, תכשיטים, כלים וכד׳. תבעו לספק בגדים, מגפיים וחפצים אחרים. על היודנראט הוטל לדאוג לביצוע „הקונטריבוציות״ ובנין „הסטרוסטה״ התמלא רכוש שנלקח מהיהודים. אחר־כך יצאה הפקודה בדבר חובת עבודה והממונה על כך היה הנאצי קליין ומיד נתחייבו כל היהודים לשאת על בגדיהם „מגן דוד״. ביום־הכיפורים הוחלף ה„מגן־דוד״ בטלאי צהוב וחובה היתה על כל יהודי לשאתו תמיד על בגדיו.

כעבור 3 שבועות הגיעו אנשי הגיסטאפו ודרשו מהיו־דן־ראט אנשים לעבודה. משניסה היודן־ראט לסרב, נמסרה לו הודעה אולטימטיבית שבאם לא יספק את מספר היהו־דים הנדרש לשעה קבועה, יוצאו חברי היודן־ראט להורג. פחד נפל על היהודים ועל היודן־ראט שמיהר להסתתר. מיד אחרי זה חטפו יהודים ברחובות, הוציאום מהבתים ואספום בכיכר הקינו. רובם הוכו והולקו וביניהם הרב אלתר למדן. כ־500 נפש הובלו במכוניות סגורות אל מחוץ לעיירה, וכעבור שעה קלה נשמעו הדי יריות מצד בית־הקברות החדש שבקצה רחוב אוסטרובצקה, והחשד היה שהמובלים נפלו שם קרבן. על אף הסכנה יצאו כמה יהודים לבית־הקברות כדי להיווכח, מצאו קבר גדול וגילו בו את הנרצחים.

פרשה מיוחדת היתה קציצת הזקנים. יהודים נתפסו וגוזרו בכוח את זקנם ולרוב עקרו את שערות הזקן. לא עברו 3 שבועות ושוב נערך ציד. משך 3 ימים נעצרו כ־300 גברים ונשים ללא אבחנה והוסעו לכיוון בלתי־ידוע. אך עד מהרה נודע כי נרצחו כל 300 הנפש ביער בורקי (המקום ששימש לטיולים ליהודי לובומל), ושם נקברו.

ושוב גזירה חדשה: להתרכז בגיטו שבשבילו הוקצה חלק מרח׳ הרכבת — לאנשי עבודה החזקים בגופם, ש־ניתנו להם תעודות אדומות — ורח׳ בריסק בשביל שאר היהודים. כולם נאלצו לעבור לחלק זה של העיירה אף שהבניינים נפגעו גם שם מהשריפה והיו שגרו 15 אנשים בחדר אחד. גדרות תיל כמו בגיטאות אחרים לא סודרו, אלא משמר זקיפים קבוע הועמד לשמור על הגיטו שלא יצאו ממנו. היוצאים לעבודות מן הגיטו ליוו משמר שוטרים והוחזרו לתוכו אחרי יום־עבודה מיגע ומדכא. ה־

יהודים נזהרו מלצאת מהגיטו. הגרמנים ציוו להכין צידה עם ההעברה לגיטו וכל יהודי קנה צרכי אוכל ומזונות בשארית כספו. למחר שלחו הגרמנים שוטרים, חיפשו ואספו את כל המזונות והחרימו אותם.

באחד הימים מצאו אנשי גיסטאפו בשעת חיפוש באורח מקרי בבית-הכנסת הגדול מגילת פורים בנרתיק שחור ונטפלו לה באומרם: זהו ודאי מכתב קללה נגד הפיהרר היטלר. לא הועילו כל הסברים של היהודים שזוהי מגילה לקריאה בביה"כ מאז ומתמיד ויצאה הגזירה לשרוף את כל ספרי-התורה יחד עם המגילה. נקראו 50 נשים צעירות והוטל עליהן להוציא את ספרי התורה אל הרחוב, להציתם ולשרפם לעין כל. רובם נשרפו אז בידי הנשים תחת פיקוח הגרמנים והשוטרים. אותו יום סתוי נשבה רוח סערה חזקה, והאוקראינים שהיו עדים למעשה אמרו: אין זאת אלא שיצא זעם אלוהי ישראל על שריפת האותיות הקדושות.

יותר משנה העבידו הגרמנים את היהודים במנסרה, בבניין מסילת הברזל, ביערות, בחפירת בורות וכד׳. יהודים נרתמו בעגלות כסוסים לסחיבת משאות מהמחסנים ומטחנות-קמח ועוד. מזונות לעובדים ניתנו בצורה למטה מ-זעומה: 200 גרם לחם ליום וליטר חלב רזה לשבוע. קניית צרכי אוכל מאת איכרים נאסרה.

להתעללות הגסה של הכובשים לא היה גבול. כך, למשל, כשנעצרה אוקראינית אחת עם תרנגולת ונתבעה לגלות לאיזה יהודי מכוונת התרנגולת והיא קראה בשם כובען שהכירה, נחמן שטרכר, נאסר הכובען אב ל-7 ילדים והוצא למוות. כשנתפסו שלוש נערות בנות מאיר מלמד ודוד מלמד, שעבדו במסילת-הברזל, שעה שהחליפו אצל אוקראינית מטפחות בלחם וחלב, נאסרו ונגזר דינן למות. פסקי-דין אלה פורסמו ברבים ונאסר על יהודי לבוא במגע איזה-שהוא עם נוצרים.

בשטח בתי משרפות הלבנים שמחוץ לעיירה נערמו ערימות מחפירות חימר שהיו להרים. בין אלה הועמדו יהודים לחפור כדי להעמיק את החפירה, ומהנדסים הגיעו בכל פעם לבדוק ולמדוד את תוצאות החפירה. רעד לב החופרים, שמא הבורות נועדו לשמש קברים, אך המנצחים על העבודה דחו כל רעיון כזה וראשי השלטון שקיבלו מתנות יפות בכל פעם הבטיחו שלא יאונה כל רע.

בימים שבין רה"ש תש"ג ויום-כיפור הרבו לדבר בגיטו על ,,אקציה" אחרונה שתהיה בממדים גדולים. צעירים מצאו דרכים לרכוש נשק משקצים אוקראינים, הרבו להת-קין מקומות סתר (בונקרים), דאגו למזונות שלא היו כמעט והעיקר דאגו לנפש. והדאגה לא היתה לשווא. הלכו אנשי היודן-ראט לקומיסר והביאו לו מתנות וביניהן מנורה משובצת יקרת מציאות לחלות פניו ולברר את המצב, מה פשר הבורות וכו׳. קבל הלה את המתנות ודחה את חששות היהודים בהסבירו שהבורות נועדו לסיד וכי לא יקרה דבר ליהודים שתחת פיקוחו. אך היה בזה רק מסווה שקר ודיחוי גס של נאָצי.

בחוה"מ סוכות הובאו לעיר שוטרים אוקראינים רבים ואנשי ס. ס. נוספים. גבר החשד, ויו"ר היודן-ראט רץ לקומיסר בשאלה. — ,,אין בכך דבר" — ענה הקומיסר, ייערך כאן מפקד השוטרים ותו לא. נכלם ומרומה חזר ה-יו"ר. הצעירים שרכשו כלי-נשק וכמה אחרים מהנועזים מיהרו להתחמק מהגיטו, אך באותם הימים הוגברה השמירה והוקף הגיטו, ולא היתה יותר אפשרות לצאת ממנו. אור להושענא רבה תש"ג בשעה 3 בבוקר נכנסו שוטרים לגיטו וגירשו את היהודים מהבתים, אף חיפשו ומצאו רבים ב-חפירות-סתר והביאום אל כיכר-השוק. משם הוגלו בדרכם האחרונה אל עבר הבורות שנחפרו בידי היהודים ומיד נורו וגוויותיהם הושלכו אל הבורות. כ-4000 נפש היו קרבנות היום ההוא. וכך משך 7 ימים הוסיפו הנאצים ועוזריהם להביא למקום קבוצות יהודים שנתפסו בסתרי הגיטו וב-דרכים, שמספרם הגיע ל-3000 נפש, ואף הם צורפו אל המושלכים בבור הגדול׳ שצורת ד היתה לו. בור-קבר זה בלע כ-7000 נפש. ע;ד קבר של 600 נפש נמצא במרחק מה מהקבר הגדול. בסה"כ נרצחו בלובומל כ-10 אלפים יהודים מבני העיירה והסביבה ויום הזכרון שלהם הוא הושענא רבה תש"ג (1 באוקטובר 1942). משחזרו הרוסים פתחו את הקבר הגדול בן 7000 קרבנות לחקירה.

מכל בני לובומל ניצלו 51 נפש שאחרי סבל ועינויים זכו רובם להגיע ארצה או להצטרף לקרוביהם באמריקה.

(פורסם ב,,ילקוט ווהלין")

הָיְתָה עָלַי יַד־יְהוָה,
וַיּוֹצִיאֵנִי בְרוּחַ יְהוָה,
וַיְנִיחֵנִי בְּתוֹךְ הַבִּקְעָה;
וְהִיא מְלֵאָה עֲצָמוֹת.

וְהֶעֱבִירַנִי עֲלֵיהֶם סָבִיב, סָבִיב;
וְהִנֵּה רַבּוֹת מְאֹד עַל־פְּנֵי הַבִּקְעָה,
וְהִנֵּה יְבֵשׁוֹת מְאֹד.

וַיֹּאמֶר אֵלַי: בֶּן אָדָם!
הֲתִחְיֶינָה הָעֲצָמוֹת הָאֵלֶּה?
וָאֹמַר: אֲדֹנָי יְהוִה, אַתָּה יָדָעְתָּ.

וַיֹּאמֶר אֵלַי:
הִנָּבֵא עַל־הָעֲצָמוֹת הָאֵלֶּה, וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם:
הָעֲצָמוֹת הַיְבֵשׁוֹת, שִׁמְעוּ דְּבַר יְהוָה:

כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה לָעֲצָמוֹת הָאֵלֶּה:
הִנֵּה אֲנִי מֵבִיא בָכֶם רוּחַ וִחְיִיתֶם.

וְנָתַתִּי עֲלֵיכֶם גִּידִים,
וְהַעֲלֵתִי עֲלֵיכֶם בָּשָׂר,
וְקָרַמְתִּי עֲלֵיכֶם עוֹר,
וְנָתַתִּי בָכֶם רוּחַ וִחְיִיתֶם:
וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי יְהוָה.

וַיֹּאמֶר אֵלַי: בֶּן־אָדָם!
מוֹת הָאֵלֶּה כָּל־בֵּית יִשְׂרָאֵל הֵמָּה;
הִנֵּה אֹמְרִים:
יָבְשׁוּ עַצְמוֹתֵינוּ
וְאָבְדָה תִקְוָתֵנוּ;
נִגְזַרְנוּ לָנוּ.

לָכֵן הִנָּבֵא וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם:
כֹּה־אָמַר אֲדֹנָי יְהוִה:
הִנֵּה אֲנִי פֹתֵחַ אֶת־קִבְרוֹתֵיכֶם,
וְהַעֲלֵיתִי אֶתְכֶם מִקִּבְרוֹתֵיכֶם, עַמִּי;
וְהֵבֵאתִי אֶתְכֶם אֶל אַדְמַת יִשְׂרָאֵל.

וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי יְהוָה,

(יחזקאל ל״ז)

במאבק לחיים

אין קאמף פארן לעבן

פסיה אברס (אלפנט)

טויט אויף יעדן שריט

זונטיק, דעם 22־טן יוני 1941, איז אויסגעבראכן די דייטש־סאוויעטישע מלחמה. מיטוואך איז אריין אין ליבעווגע די דייטשע ראזוויעדקע. מיר זענען אלע ארויסגעלאפן אין גאס און מיר האבן זיך באהאלטן אין די ראוועס. די דייטשן האבן אונדז געהייסן ארויסגיין פון די ראוועס און זיי האבן אונדז געטריבן אויף א לאנקע. פון דארט האבן זיי אונדז אוועקגעטריבן אין א דארף, 4 קילאמעטער פון שטאט. די עלטערן זענען געגאנגען פריער און איך בין געגאנגען פון הינטן, אזוי אז מיר האבן זיך באלד צעשיידט. זיי האבן געוויינט נאך מיר און איך האב געוויינט נאך זיי, און מיר האבן געמיינט, אז שוין — דאס איז אונדזער סוף. שפעטער האבן מיר זיך געטראפן. אלע מענטשן פון שטאט זענען דארט געוועזן. מיר האבן איבערגענעכטיקט אויף די פעלדער און צו מארגנס זענען מיר געקומען צוריק אהיים.

באלד איז ארויס א באפעל, אז נאך 6 פאר נאכט ביז 6 אין דער פרי טארן יידן נישט ארויסגיין אויף דער גאס.

א וואך נאך זייער אריינקומען אין שטאט האבן די דייטשן ארויסגענומען פינף יידן, ארויסגעפירט זיי אונטערן בארג און זיי דארט דערשאסן. פון די פינף געדענק איך: שמואל וויינגארטען און יעקב געליבטער. די איבעריקע געדענק איך נישט. די דייטשן האבן דערלויבט מקבר צו זיין די פינף קרבנות לויטן יידישן דין.

אין א מאנאט ארום, דעם 22.7.41, האט מען אנגעהויבן כאפן אויף „ארבעט" בלויז מענער, אזוי האבן זיי געזאגט. וועמען מען האט געטראפן אין גאס — פלעגט מען כאפן און ערגעץ אוועקפירן אין אויטאס. דער פארזיצער פון יודנראט פלעגט פרעגןביים געביטס־קאמיסאר, וווהין מען האט די מענטשן אוועקגעפירט. דער ענטפער איז געווען: „זיי זענען אויף ארבעט". ער פלעגט אנגעבן נעמען פון שטעטלעך און דערפער, ווו זיי געפינען זיך אויף „ארבעט". די פאמיליע פלעגט פארן זוכן, מיטנעמען פעקלעך — אבער עס הייבט זיך נישט אן, מען האט קיין נפש נישט געפונען.

אין א מאנאט ארום, דעם 21.8.41, האט מען ווייטער אנגעהויבן כאפן אויף ארבעט, דאס מאל מענער און פרויען אן אונטערשיד, וועמען מען האט נאר אנגעטראפן אין גאס במשך פון א גאנצער וואך.

צווישן די פארכאפטע פרויען איז געווען דאבע וואלווושעס. די מוטער איז איר נאכגעלאפן, כדי צו געבן איר א מאנטל, עס זאל איר נישט זיין קאלט, האט מען גענומען די מאמען אויך. דער מאן איז געווארן אין גאנצן צעמישט. ער איז ארומגעלאפן און געזוכט — און פלוצלינג האט ער באמערקט נישט ווייט פון הייליקן ארט ארויסשטעקן פון דער ערד אן ארבל פון א מאנטל. ער איז געקומען צו לויפן אין יודנראט מיט א געוואלד, אז ער האט געפונען דעם קבר פון די צוגענומענע. דער יודנראט איז געלאפן צום שטאט־קאמענדאנט הודע און מען האט אים דערציילט, וואס דער ייד האט געזען. דער דייטש האט געזאגט: „דארט זענען פארגראבן פערד, אבער געדענקען זאלט איר, טאמער וועט איר אויפגראבן און עס וועט זיך ארויסווייזן, אז עס איז אן אמת — דאן גייט אראפ די שטאט". אז ער

האָט געזאָגט אַזוי, האָט מען שוין מורא געהאַט צו גראָבן. זאָל זיין, אַז דאָס זענען פערד. אָבער מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָרט ליגן 300 יידן.

איך מיט מיין פאָטער זענען אַנטלאָפן אויף אַ כוטאָר, צו אַ גוי, וועמען מיר האָבן אָפּגעגעבן אַ קו. מיר זענען געלעגן ביי אים דריי־פיר טעג און דערנאָך זענען מיר געקומען צוריק אַהיים. אין יענער אַקציע האָט מען צוגענומען עטלעכע הונדערט מענטשן.

דעם 5־טן דעצעמבער 1941 האָט מען געשאָפן דאָס געטאָ. גלייך ווי מיר זענען געקומען אין געטאָ האָבן מיר באַשלאָסן, אַז מען דאַרף מאַכן אַ באַהעלטעניש. אייניקע האָבן געמאַכט בונקערס אונטער דער ערד, אַנדערע האָבן געמאַכט טאָפּלטע ווענט. מיר האָבן אויך געמאַכט אַ טאָפּלטע וואַנט. מיר האָבן זי געמאַכט פון דיקט, אין מיטן מיט אַ טירל, און אויפן טירל האָבן מיר אויפגעהאָנגען מלבושים.

די לעצטע אַקציע איז פאָרגעקומען ערב הושענא רבה 1942. די דייטשע זשאַנדאַרמעריע מיט די אוקראַינישע שוצמענער האָבן ביי נאַכט אַרומגערינגלט די שטאָט. פאַרטאָג האָבן זיי אָנגעהויבן אַרויסצוטרייבן די יידן פון די הייזער. וועמען זיי האָבן געטראָפן אין שטוב, האָבן זיי גענומען. מיר זענען אַלע אַריין אין דעם טאָפּלטן ווענטל: איך מיטן פאָטער און מיט דער מוטער, מיין שוועסטער מיטן שוואָגער, דעם שוואָגערס אַ קוזין מיט צוויי קינדער, דעם שוואָגערס אַ קוזינע מיטן מאַן, דעם שוואָגערס מוטער און זיין ברודער מיט דער פרוי און קינד, און נאָך עטלעכע שכנים. מיר זענען געווען אַ סך מענטשן. איין קוזינע דעם שוואָגערס האָט זיך נישט געוואָלט באַהאַלטן, זי האָט אַלעמען געשיקט זיך באַהאַלטן און אַליין איז זי געשטאַנען ביים טיש, גרייט מען זאָל זי נעמען. און נאָך צוויי פרויען, אַ מוטער מיט אַ טאָכטער, האָבן זיך נישט באַהאַלטן.

די דייטשן זענען אַריין אין שטוב. זיי האָבן גלייך געכאַפּט די דריי פרויען און זיי אַוועקגעפירט. מער האָבן זיי נישט געזוכט. אין מיטן נאַכט האָבן מיר געהערט, ווי עס זענען אַריינגעקומען אוקראַאינער און זיי האָבן געזוכט גאָלד, לעדער און אַנדערע ווערטזאַכן. עס איז געווען ממש אַ נס, וואָס זיי האָבן אונדז נישט געפונען.

אַזוי זענען מיר אָפּגעזעסן דריי מעת־לעת. דערנאָך האָבן מיר שוין געפילט, אַז לענגער וועלן מיר נישט אויסהאַלטן, האָבן מיר אָנגעהויבן ביי נאַכט איינציקווייז אַריבערצולויפן אין שטאָל. לויפנדיק האָבן מיר געפילט, אַז מיר טרעטן אויף טויטע קערפּערס. די שטאָל איז געשטאַנען ביים שאָסיי. די ברעטער פון שטאָל זענען געווען שיטער געקלאַפּט, אַזוי אַז צווישן איין ברעט און דעם צווייטן זענען אַריין צוויי פינגער. דורך די שפּאַלטן פון שטאָל האָבן מיר געזען יעדן מענטשן, וואָס מען האָט געפירט. אין טורמע האָט מען אָנגעזאַמלט 1500 מאַן און דאַן האָט מען זיי אַוועקגעפירט הינטער דער שטאָט, צו דער ציגעלניע. מיר זענען געשטאַנען אין שטאָל און האָבן אַלץ געזען. מיר האָבן געזען אונדזער שכן הערשל ליפשיץ. ער איז געגאַנגען אין גאַנצן צעמישט, אָן אַ היטל. ער און הונדערטער אַנדערע יידן זענען געפירט געוואָרן דורך אוקראַאינישע שוצמענער און זשאַנדאַרמען מיט גרויסע הינט. באַלד האָבן מיר דערהערט שאָסן, ווייל דאָס איז געווען נישט ווייט. דערנאָך האָבן מיר געזען, ווי די זשאַנדאַרמען און די שוצמענער זענען געגאַנגען צוריק און האָבן געזונגען. הינטער זיי זענען געפאָרן גוים מיט פורן און האָבן געפירט די בגדים פון די קרבנות, וועמען מען האָט באַפוילן זיך אויסטאָן נאָקעט פאַר דער עקזעקוציע. אַלע זאַכן האָבן די דייטשן געזאַמלט אין ספּעציעלע סקלאַדן.

אין אַ טאָג־צוויי שפּעטער האָט מען ווייטער געפירט עטלעכע הונדערט מאַן, און שפּעטער שוין צו ביסלעך די געכאַפּטע אין גאַס און די אַלע, וואָס מען האָט געפונען — אויף די בוידעמס, אין די הייזער און אין די בונקערס.

מיר זענען אַזוי אָפּגעזעסן אין שטאָל צען מעת־לעת. שפּעטער בין איך מיטן פאָטער אַריבערגעגאַנגען צו אַ פּאָליאַק מיטן נאָמען קעלוס. די באַקאַנטשאַפט מיט דעם פּאָליאַק האָט זיך געצויגן נאָך פון אַמאָל. מיין פאָטער האָט נאָך געקענט זיין פאָטער מיט אַ סך יאָרן צוריק.

ווען איך האָב באַשלאָסן מיטן פאָטער צו גיין צום פּאָליאַק, איז געווען פּרייטיק צו נאַכט, פינצטער, אַ רעגן. מיר האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין שטאָל. ווען די קריסטין איז אַריינגעקומען אין שטאָל, שבת אין דער פרי, געבן עסן דעם חזיר, האָבן איך זי שטילערהייט גערופן. זי האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און גלייך אַוועקגעלאָפן און געשיקט דעם מאַן. איר מאַן איז אַריינגעקומען און האָט אונדז געהייסן בלייבן און זיצן שטיל.

אין דריי טעג אַרום איז צו אונדז געקומען דער שוואָגער און אַ טאָג שפּעטער — אויך מיין שוועסטער.

אַ נאַכט שפּעטער בין איך געגאַנגען און האָב געוואָלט אַרויסנעמען די מאַמע פון אונדזער שטאָל און זי ברענגען צום פּאָליאַקס שטאָל. זי איז אָבער נישט געווען בכוח צו גיין. זי האָט געזאָגט: „זאָל זיין מאָרגן". אין יענער שטאָל זענען געווען נאָך 18 מאַן. אָבער צו מאָרגנס איז געקומען דער קריסט און האָט אונדז דערציילט, אַז מען האָט געכאַפּט אַלע 18 מאַן אין שטאָל און מען האָט זיי שוין אַוועקגעפירט אין טורמע. שפּע־

טער האָט מען אונדז דערציילט, אַז דעם שוואָגערס מוטער האָט נישט געהאַט קיין כוח צו גיין מיט אַלעמען, האָט מען זי דערשאָסן אין מיטן שאָסיי.

מיר זענען דערווייל געבליבן ביי דעם גוי. ער האָט אונדז אַלע מאָל געבעטן מיר זאָלן אַוועקגיין, ווייל ער האָט מורא. אַ פּאָר מאָל זענען דער פאָטער און די שוועסטער געגאַנגען צו פאַרשידענע פּויערים זיך בעטן, אַז מען זאָל זיי אַריינעמען, אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט.

מיר זענען אַזוי אָפּגעזעסן ביי אים ביזן 20־טן אַפּריל 1944, צוויי ווינטערן און אַ זומער. זיין באַציאונג צו אונדז איז געווען זייער אַ גוטע. אָבער אונדז איז געווען שלעכט. ער האָט געוווּסט נאָר פון דריי מענטשן — און מיר זענען געווען פיר. דאָס עסן, וואָס ער האָט געבראַכט פאַר דריי, איז געווען גענוג פאַר איינעם — און מיר האָבן געגעסן פון דעם פיר מענטשן. אַלע וואָך פלעגט ער אונדז אַריינטראָגן אַן עמער הייס וואַסער — אַרומצוּוואַשן זיך.

ביי־יאָר, ווען דער פּויער און זיין ווייב זענען אַוועק אין קלויסטער, איז געווען זייער קאַלט, און זיי האָבן געמיינט, אַז מיר זענען שוין פאַרפרוירן געוואָרן. האָבן זיי אונדז דערנאָך אַריינגעטראָגן קריגלעך מיט הייס וואַסער און געזאָגט: „וואַרעמט זיך! האַלט זיך!״

מיר זענען דאָרט געווען צוויי פּסחן. מיין פאָטער האָט אויסגערעכנט, ווען עס פאַלט אויס פּסח, און ער האָט געבעטן דעם קריסט, אַז די אַכט טעג זאָל ער אונדז ברענגען בלויז קאַרטאָפל מיט שאָלעכץ און אַ ביסל וואַסער — מער גאָרנישט. ער אַליין איז געלעגן און געדאַוונט און געזאָגט תהילים. אַזוי איז געווען דעם ערשטן פּסח און אויך דעם צווייטן.

דעם 20־טן אַפּריל 1944 האָט זיך דערנענטערט דער פראָנט פון קאָוועל. ביי קאָוועל זענען די קאַמפן אָנגעגאַנגען אַרום 5 מאָנאַטן. לעבן אונדז האָבן זיך אָנגעשטעלט אַ סך דייטשע אַרמיי־קיכן. די דייטשע קוכער האָבן געוואָלט נוצן די שטאַל כדי דאָרטן שעכטן זייערע שאָף. דער פּאָליאַק איז געוואָרן בייז און ער האָט זיך צעשריִען: אַ האַלב הויז האָט מען צוגענומען ביי אים פאַרן אַרבעטס־אַמט, איצט וויל מען צונעמען זיין שטאַל, און וואָס וועט בלייבן פאַר אים, ער דאַרף שוין גאָרנישט? ווּ וועט ער האַלטן זיין חזיר און זיין קו? ער איז געלאָפן צום געביטס־קאָמיסאַר מיט אַ געשריי — זענען זיי צוריק אַרויס פון שטאַל.

ביי נאַכט איז דער פּויער אַריינגעקומען צו אונדז און האָט געזאָגט: „גאָט אַליין הייסט אייך פון דאַנען אַוועק, ווייל אַנדערש גייען מיר אַלע צום טויט״. דאָס איז געווען דאָנערשטיק ביי נאַכט. מיר האָבן געזען, אַז ער איז גערעכט. מיר זענען אַרויסגעגאַנגען הינטער דער שטאָט און זיך געלאָזט גיין צום וואַלד. מען האָט גערעדט, אַז אין וואַלד זענען דאָ פּאַרטיזאַנער — זענען מיר געגאַנגען אַהין. מיר האָבן אָבער פאַרבלאָנדזשעט. איך מיט מיין פאָטער זענען געגאַנגען זוכן אַ וועג אין וואַלד. מיין שוועסטער מיטן שוואָגער מיט דעם מיידל זענען געבליבן זיצן און וואַרטן.

מיר זענען אָפּגעגאַנגען עטלעכע שריט, ווי ס'איז פּלוצלינג אָנגעקומען אַ דייטשער פּאַטרול און האָט אויסגעשריִען: „האַלט, פּאַראָלע!״ איך האָב געענטפערט: „יאַ, יאַ!״. ער האָט אונדז גענומען און אַוועקגעפירט אין די קאַזאַרמעס און אונדז פאַרשלאָסן. אַלע מאָל האָט ער אַריינגעקוקט צו אונדז, וואָס מיר טוען. איך האָב געוואָלט אַרויסקריכן דורך די קראַטן און אַנטלויפן. בעסער זאָלן זיי מיך שיסן לויפנדיק, איידער מאַטערן. אָבער איך האָב געקאָנט דורכקריכן דורך די קראַטן נאָר ביז דער העלפט. דער פאָטער האָט מיך געבעטן: „קריך נישט, אַנטלויף נישט, פאָלג מיך. דו קאָנסט זיך נאָך ראַטעווען. דו קאָנסט זיי זאָגן וואָס עס וועט דיר איינפאַלן״. און איך בין נישט אַנטלאָפן.

אין דער פרי איז געקומען דער שעף. ער האָט מיך גערופן אויף אַן אויספאָרשונג און זיין פאַרטרעטער האָט גערופן אין אַ צווייטן צימער מיין פאָטער. דער פאָטער איז אים נישט געפעלן, האָט ער אים אַרויסגעוואָרפן פון צימער. איך בין געשטאַנען ביים פענצטער און געזען ווי מיין פאָטער גייט אַוועק אין דער ריכטונג פון וואַלד.

אין וואַלד האָט זיך מיין פאָטער אַרומגעבלאָנקעט דריי מאָנאַטן. גויים פלעגן אים געבן אַ שטיקל ברויט. און אַזוי האָט ער זיך אויפגעהאַלטן.

איך בין געבליבן ביי די דייטשן. איך האָב זיי דערציילט, אַז איך בין אַ פּאָלקע פון לוצק, און ווען די אוקראַינער האָבן זיך אָנגעהויבן שלאָגן מיט די פּאָליאַקן, זענען מיר אַנטלאָפן, און אויפן וועג האָב איך זיך פאַרלוירן מיט מיין משפּחה. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך ווייס נישט ווּ מיין משפּחה — מיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער זענען אַהינגעקומען און איך זוך זיי. די דייטשן האָבן מיך געפרעגט, ווער איז דער עלטער. איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב אים געטראָפן אין וואַלד און אויך ער זוכט זיין משפּחה. אַזוי ווי איך האָב מורא געהאַט צו גיין אַליין אין וואַלד, בין איך געגאַנגען צוזאַמען מיט אים.

זיי האָבן מיך געשיקט אַרבעטן. ביי זיי האָט געאַרבעט אַ שיקסע פון מאַהילעוו, האָבן זיי מיך אַריינגעשיקט איך זאָל איר העלפן אין קיך. אַזוי האָב איך געאַרבעט ביי זיי. ביי נאַכט פלעג איך שלאָפן צוזאַמען

מיט דער שיקסע. אַלע טאָג פלעגט מיך דער דייטש רופן און דראָען, אַז אָט שיסט ער מיך שוין. אָבער ער האָט נאָר געדראָט און נישט געשאָסן.

נאָך אַ וואָך אַרבעטן ביי זיי האָב איך דערהערט, אַז מען פאָרט אַוועק פון דאַנען. איך האָב געזאָגט, אַז איך וויל גיין צום גלח, אין קלויסטער, זיך „ספּאָוויע־דען", און אויך פרעגן דעם גלח, צי מיין משפחה איז צופעליק נישט געווען ביי אים.

איך בין אַוועק צום קריסט קעלוס. איך האָב אָנ־געקלאַפּט אין פענצטער. ער איז אַרויס. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב זיך צעשיידט מיט מיין משפחה און איך בין געבליבן אַליין ביי די דייטשן, און איך פאָר מיט זיי ווייטער. איך ווייס נישט וואָס וועט זיין מיט מיר ווייטער. אויב עס וועט זיך ווער פון מיינע קרובים צוריקקערן נאָך דער מלחמה, זאָל ער זיי דערציילן וועגן מיר.

איך בין אַוועקגעפאָרן מיט די דייטשן. מיר זענען אַנגעקומען קיין מאַשעווע — 8 קילאָמעטער פון לו־באָמל, אַ דאָרף וווּ איך האָב אַמאָל געאַרבעט פאַר די רוסן, אין 1940. ביי די דייטשן האָט געאַרבעט אַ רוסי־שער קריגס־געפאַנגענער, פאַוועל. ער האָט זיך באַקענט מיט די גויים פון דעם דאָרף און זיי האָבן אים דער־ציילט, אַז זיי קענען מיך, אַז איך בין פון לובאָמל, אַ יידישע, און זיי ווייסן אַפילו ווּ איך האָב געוווינט. פאַוועל האָט מיך צוגערופן און האָט מיר דאָס דערציילט. ער האָט אָבער געזאָגט: „האָב נישט קיין מורא, איך וועל קיינעם נישט זאָגן". האָב איך אים געענטפערט: „וואָס רעדסטו? ביסט משוגע? ווי גלייבסטו אַזעלכע מעשיות, וואָס זיי דערציילן דיר, ס'איז אַ ליגן!"

גאָט צו דאַנקען, אַז מיר זענען גלייך אַוועקגעפאָרן פון דעם דאָרף. מיר זענען אַריבער דעם בוג און אַוועק־געפאָרן קיין כעלם. דאָרט האָט מיך שוין קיינער נישט געקענט.

דערנאָך זענען מיר געקומען אין אַ פלאַץ פון דער צווייטער זייט ווייסלע. דאָרט זענען מיר געשטאַנען פינף מאָנאַטן אין בונקערס. איך האָב געטאָן אַלע אַרבעטן פאַר די דייטשן: געוואַשן וועש, געשיילט קאַרטאָפל, גע־קאָכט. דריי אַ זייגער ביי נאַכט האָב איך געמוזט קאָכן קאַווע און זיי צוטראָגן. זיי זענען געווען צופרידן פון מיין אַרבעט און זיי האָבן קיין מאָל נישט געפרעגט און נישט געפאָרשט ווער איך בין און וואָס איך בין.

איך האָב געגעסן צוזאַמען מיט דער שיקסע, וואַליאַ. און ווען עס איז אויסגעקומען צו עסן חזיר, האָב איך נישט געקאָנט עסן. פערד־פלייש פלעג איך עסן, אָבער חזיר — נישט. זי פלעגט מיך שטענדיק פרעגן, פאַר־וואָס איך עס דאָס נישט: „גיב מיר צו פאַרשטיין, פאַר־וואָס דו עסט דאָס נישט? ביסט דאָך הונגעריק? איך ווייס אַז יידן עסן דאָס נישט, אָבער פאַרוואָס ווילסט דו עס נישט עסן?" איך האָב זי געפרעגט: „וואָס הייסט יודע?" זי האָט מיר דערקלערט: „נו, אַזאַ פאָלק, וואָס עסט נישט קיין חזיר".

דאָס אָרט ביי דער ווייסלע, ווּ מיין דייטשע איינ־הייט איז געשטאַנען, האָט געהייסן קאַרסי, אַ כוטאָר אין וואַלד. די דייטשן האָבן דאָרט געמאַכט בונקערס און דאָרט האָבן מיר זיך געפונען. דריי קילאָמעטער פון דאָרט איז געווען אַ דאָרף. אַהין פלעגן מיך די דייטשן שטענ־דיק שיקן צו די פּויערים נאָך מילך, אייער און הינער.

די דייטשע איינהייט, ביי וועלכער איך האָב גע־אַרבעט, איז געווען אַ פעלד־וואַרשטאַט צו פאַריכטן טאַנקען. מיר פלעגן שטענדיק שטיין אַ קילאָמעטער פון פראָנט. אַלע מאָל פלעגט מען צוברענגען אַ צעשעדיקטן טאַנק, מען האָט אים גלייך רעפּאַרירט — און ווייטער אים געפירט צום פראָנט.

איך פלעג פאַר זיי וואַשן, קאָכן און באַדינען זיי. אָפטמאָל פלעגט מען זיי רופן אַרבעטן ממש אויפן פראָנט — און דאַן פלעגן מיר זיי אַהין טראָגן עסן — צופוס פלעגן מיר צוגיין צום סאַמע פראָנט.

איין מאָל האָבן אונדז די סאָוויעטן באַשאָסן און עס איז אָנגעקומען אַ רוסישע ראַזוויעדקע. עס איז פונקט געווען עפּעס אַ צייט, ווען מיר האָבן נישט גע־קאָנט קאָכן, זענען מיר געגאַנגען אין אַ צווייטער קיך נעמען עסן. מיר האָבן אַרויפגעשטעלט דאָס עסן אויפן אויטאָ און געדאַרפט אַרויספאָרן — איז אָנגעקומען אַ רוסישע ראַזוויעדקע און האָט אַלץ אַראָפּגעוואָרפן פון אויטאָ. איך האָב געזען ווי די דייטשן זענען גלייך אַריינגעלאָפן אין די בונקערס, זיי האָבן מורא געהאַט די רוסן זאָלן זיי נישט הרגענען. איך האָב נישט מורא געהאַט, איך בין צוגעגאַנגען צו די רוסן און איך האָב זיי געבעטן אַז איך וויל מיט זיי מיטגיין. זיי האָבן מיר געענטפערט: „מיר קאָנען דאָס נישט טאָן. ווער ווייסט צי מיר וועלן אַליין צוריקקומען בשלום. מיר זענען בלויז אַ ראַזוויעדקע. דו מוסט וואַרטן ביז מיר וועלן אַהער אַריינגיין אָפיציעל".

אין דעם דאָרף, ווּ איך פלעג גיין צו די פּויערים נאָך עסן פאַר די דייטשן, איז געווען אַ פּאָליאַק מיט צוויי שיקסעס. איין מאָל האָב איך צו אים געזאָגט: „אַז עס וועט קומען צו עפּעס, אפשר וועל איך קאָנען זיך ביי דיר באַהאַלטן?" האָט ער געענטפערט: „צו יעדער צייט וועט מיין טיר זיין אָפן פאַר דיר. איך וועל דיך אויפנעמען ווי מיינס אַ קינד".

אַ שבת צו נאַכטס, ווען די דייטשן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן גרייטן צו פאָרן ווייטער, האָב איך געזאָגט

צו וואַליען: „הער מיך אויס. ווילסטו מיטגיין מיט מיר — איז גוט. אויב דו ווילסט נישט, בעט איך דיך — לאָז מיך דאָ בלייבן. איך וויל ווייטער נישט פאָרן. איך בעט דיך, דו זאָלסט מיר נישט קאַליע מאַכן". זי האָט געוואָלט מיטפאָרן מיט זיי. זי האָט אָבער דערציילט דעם הויפּטקוכער, אַז איך בלייב. דער קוכער איז געקומען צו לויפן, ער האָט מיך געגעבן אַ כאַפּ ביים קאָלנער און מיך אַריינגעוואָרפן אין בונקער פון שעף. דער קוכער האָט אים דערציילט, אַז איך וויל דאָ בלייבן ביי די רוסן. דער שעף האָט געפרעגט: „וואָס הייסט, פאַרוואָס ווילסטו נישט פאָרן מיט אונדז?" איך האָב אים געזאָגט: „איר קאָנט מיט מיר טאָן וואָס איר ווילט, איך פאָר נישט ווייטער. דאָ בלייב איך". דאָ איז נישט געווען קיין צייט אויף דיסקוסיעס. דער שעף איז גלייך אַרויס און זיי האָבן שוין אָנגעהויבן פאָרן. דעם שעפס פאַרטרעטער האָט מיר געגעבן אַ שטיקל ליכט מיט ברויט און האָט צו מיר געזאָגט: „נו, אויב דו ווילסט בלייבן, קאָנען מיר גאָרנישט מאַכן. דו האָסט אונדז פיין באַדינט און באַהאַנדלט, בלייב דאָ".

איך בין גלייך אַוועק צו דעם פּאָליאַק. ער האָט מיך אַריינגענומען. דריי טעג בין איך געווען ביי אים. ווען עס האָט שוין אָנגעהויבן קומען די פּוילישע אַרמיי, האָט ער מיר געזאָגט: „בלייב דאָ אַ פּאָר וואָכן, וועט מען דיר מאַכן דאָקומענטן". זאָג איך: „גוט", דער פּאָליאַק האָט נישט געוווסט, אַז איך בין אַ יידישקע.

צופעליק האָב איך זיך דערוווסט, אַז אין קרייז פון דאָזיקן פּאָליאַק געפינט זיך דער רוסישער קריגסגעפאַנגענער, וואָס האָט מיך געקענט. איך האָב זיך תיכף געזעגנט מיטן פויער און אַוועק פון אים.

איך בין געגאַנגען און געגאַנגען, ביז איך בין געקומען אין אַ שטעטל אָזשאַדאָוו. דאָרט האָב איך געטראָפן די ערשטע יידן. זיי זענען שוין געווען באַפרייט אַ האַלב יאָר. איך האָב באַקומען אין אַ בעקעריי ברויט און איך בין געגאַנגען ווייטער. דאָס איז געווען אַרום יאַנואַר 1945. ס'איז געווען אַ גרויסע זאַוויערוכע, וואָס האָט אַלץ געטראָגן אין דער לופט. אין עטלעכע פּויערישע הייזער האָט מען מיר אָפּגעזאָגט די בקשה צו נעכטיקן. איינער האָט אָבער רחמנות געהאַט אויף מיר און מיך געלאָזט איבערנעכטיקן.

אויף מאָרגן בין איך אָנגעקומען קיין קראַשניק, געווען דאָרטן אַ טאָג־צוויי און פון דאָרטן אַוועק קיין לובלין.

איך בין גלייך אַוועק אין דער לובלינער יידישער קהילה — געווען דאָרטן פול מענטשן. איך האָב זיך אַרומגעקוקט, אפשר וועל איך טרעפן אַ באַקאַנט פּנים. אין דעם קומט אַריין שמעון קראַוט פון לובאָמל. ער האָט מיך דערזען, איז ער אַרויפגעפאַלן אויף מיר: „פּעסעלע, דו ביסט געבליבן!". אַ באַגעגעניש פון אַ מאַמען מיט אַ קינד האָט נישט געקאָנט זיין מער רירנדיק. די פרייד איז געווען גרויס. זיין פרוי איז אויך געבליבן לעבן. ער האָט מיך גלייך גענומען צו זיך אין שטוב. איך בין געווען ביי זיי צוויי וואָכן. זיי האָבן מיך געהאַלטן בעסער ווי אַן אייגן קינד. זיי האָבן מיר געגעבן עסן און אָנטאָן.

פון זיי האָב איך זיך דערוווסט, אַז מיין שוועסטער מיטן שוואָגער האָט מען געהרגעט און מיין פאָטער איז געבליבן לעבן. דער פאָטער האָט זיך די דריי מאָנאַטן אַרומגעבלאָנקעט אין וואַלד, און ער האָט אויסגעהאַלטן ביזן אַריינקומען פון די רוסן. אין וואַלד האָט ער געטראָפן פּאַרטיזאַנער און ער האָט זיי געבעטן זיי זאָלן אים נעמען צו זיך. זיי האָבן אָבער נישט געוואָלט. ער איז שוין דאַן אַלט געווען 65 יאָר. איז ער געבליבן אין וואַלד. די גויים, וועלכע פלעגן אים געבן ברויט, האָבן אים געוויזן דאָס אָרט וווּ מיין שוועסטער איז דערהרגעט געוואָרן. זיי האָבן אַפילו איבערגעגעבן דעם נאָמען פון גוי, וואָס האָט זיי געהרגעט, און ווי אַזוי דאָס איז געווען: זיי זענען אַרומגעגאַנגען זוכן מיך מיטן פאָטער, ווען מיר האָבן זיך צעשיידט, און זיי האָבן געפרעגט גויים צי זיי האָבן אונדז געזען. אייניקע גויים האָבן זיי געגעבן עסן, און דער דאָזיקער גוי האָט גענומען די האַק און האָט זיי ביידע דערהרגעט. דער שוואָגער האָט אַפילו אַליין געגראָבן פאַר זיך דעם גרוב. ווען איך בין געקומען צוריק און מיין ברודער איז געקומען פון רוסלאַנד — האָבן מיר זיי אויפגעגראָבן, געמאַכט קאָסטנס און אַריבערגעפירט אויפן הייליקן אָרט. מיר האָבן געמאַכט צוויי קברים, מיט דעכלעך — אָבער היינט איז שוין זיכער פון דעם קיין זכר נישט געבליבן.

איך בין געפאָרן פון לובלין קיין לובאָמל זיך טרעפן מיטן פאָטער. לובאָמל האָט געהערט צו רוסלאַנד.

הינטער דאָראָגוסק איז שוין געווען די גרענעץ־זאָנע. איך האָב נישט געהאַט קיין דאָקומענטן. איך בין געפאָרן אין אַ לאַסט־וואַגאָן מיט אַ סך גויים, און ווען די רוסישע גרענעץ־וואַך האָט קאָנטראָלירט די דאָקומענטן, האָב איך מיך געמאַכט שלאָפנדיק. מען האָט מיך אויפגעוועקט: „דאָקומענטן!" איך האָב געזאָגט שלאָפנדיק: „די זעלבע". דאָס הייסט, אַז איך האָב כלומרשט די זעלבע דאָקומענטן ווי די איבעריקע, ביי וועלכע מען האָט שוין קאָנטראָלירט.

מיר זענען אָנגעקומען ביז יאַגאָדזין — די לעצטע סטאַציע פאַר לובאָמל. איך בין אַראָפּ פון באַן און איך האָב געהאַט 8 קילאָמעטער צו גיין. אָבער אין דער פינצטער האָב איך נישט געפונען דעם ריכטיקן וועג און

איך בין אַרויף אויף דראָטן. די גרענעץ־וועכטער האָבן מיך געכאַפּט, אַריינגעזעצט מיך צוריק אין אַ לאַסט־וואַגאָן און אָפּגעשיקט צוריק קיין פּוילן. איך בין אָנגע־קומען קיין כעלם. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז דאָרט געפינען זיך לובאָמלער יידן, און איך בין געווען ביי זיי צוויי־דריי טעג. זיי האָבן זיך באַמיט צו קריגן פאַר מיר עפּעס אַ דאָקומענט, איך זאָל קאָנען ווידער פאָרן, אָבער ס'איז זיי נישט געלונגען. איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן קיין לובאָמל אַ צווייט מאָל.

דאָס מאָל בין איך געפאָרן דורך אַ צווייטן וועג — דורך ברעסט־ליטאָווסק. איך בין אַראָפּ אין פּאָדגאָראָד־ני — די לעצטע סטאַציע פאַר לובאָמל, פון דער רוסי־שער זייט. די גרענעץ־וועכטער האָבן מיך געכאַפּט און אָפּגעפירט אין דער מיליץ. איך האָב זיי דערציילט דעם אמת — אַז איך האָב אַ פאָטער אין לובאָמל און איך האָב נישט קיין דאָקומענטן, ווייל איך קום פון דעם דייטש. איך האָב זיי געזאָגט: „ברענגט מיך קיין לו־באָמל, וועל איך דאָרט קריגן דאָקומענטן". זיי האָבן מיך געבראַכט קיין לובאָמל און איבערגעגעבן מיך דאָרט צום נאַטשאַלניק פון דער מיליץ. ער האָט מיך געפאָרשט און מיך געהאַלטן דאָרט אַ גאַנצן טאָג. דערווייל האָבן זיך גוים דערוווּסט וועגן מיר, האָבן זיי פאַרשפּרייט אין שטאָט די ידיעה, אַז דעם „אַלטן מאַשקאָס" (אַזוי האָבן אַלע גערופן מיין פאָטער) טאָכטער איז דאָ אין דער מיליץ און מען לאָזט זי נישט אַרויס, ווייל זי האָט נישט קיין דאָקומענטן. ווען מיין פאָטער האָט דאָס דערהערט, האָט ער געכאַפּט דעם שטעקן אין האַנט און איז געקו־מען צו מיר. שווער איבערצוגעבן אונדזער באַגעגעניש, ווען דער פאָטער האָט געעפנט די טיר און האָט מיך דערזען זיצן.

דער נאַטשאַלניק, וועלכער איז געזעסן אַ פּאָר צי־מערן ווייטער, האָט דערהערט די קולות פון אונדזער באַגעגעניש. ער איז אַריין אין צימער און האָט אויס־געשריען: „גייט אַהיים, איך דאַרף גאָרנישט!"

מיר זענען געקומען אַהיים. די פענצטער זענען געווען פאַרהאָנגען מיט אַלטע זעק, וואָס דער פאָטער האָט געפונען אויפן שאָסיי, ווייל די שויבן זענען געווען אויס־געהאַקט. דער פאָטער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט די גאַנצע צייט געהאָפט, אַז איך וועל קומען צוריק.

מיר האָבן אין ליבעוונע געוואַרט ביז מיין ברודער וועט קומען פון רוסלאַנד. פאַר דער צייט האָב איך גע־הייראַט און אין 1957 זענען מיר אָפּגעפאָרן קיין אַרץ־ישראל.

רחל גוטמאַן (סאַנדלבוים)

געראַטעוועט פון גרויסן פייער

פלוצלינג איז אויסגעבראָכן דער דייטש־סאָוויעטישער קריג און מען האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט ריכטן, אַז אין צוויי טעג אַרום וועט דער דייטש אַריין אין שטאָט. אָבער דעם 25־טן יוני זענען שוין די מערדער געווען אין ליבעוונע. אין משך פון די פּאָר טעג האָט די שטאָט איבערגעלעבט אַטאַקעס, דער גאַנצער צענטער, דער רינעק, די כעלעמער גאַס זענען פאַרברענט געוואָרן.

דאָנערשטיק, דעם 26־טן יוני האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסווייזן אין גאַס מענטשן. דאָס בילד פון דער שטאָט איז געווען איין חורבן. די קומענדיקע וואָך איז באַלד אַרויס אַ מעלדונג, אַז יידן זאָלן אויפן אַרבל פון דער רעכטער האַנט אָנטאָן אַ ווייסן באַנד מיט אַ בלויען מגן־דוד, יידן איז דערלויבט צו גיין אין גאַס פון 6 אַזייגער פרי ביז 6 אָוונט.

מיטוואָך, דעם 2־טן יולי אַ באַפעל: יידן פון 14 יאָר ביז 65 ווערן געפאָדערט זיך צו שטעלן אין צענטער שטאָט נעבן קינאָ. ווער עס וועט זיך באַהאַלטן וועט דערשאָסן ווערן. עס זענען זיך צונויפגעקומען עטלעכע הונדערט יידן און די מערדער האָבן זיי אויסגעשטעלט אין רייען. פון זיי האָבן זיי אַרויסגענומען מאיר ציילינגאָלד, שמואל וויינגאַרטען, יאַנקל געליבטער און נאָך צוויי מיטן נאָמען שטראַכער צוגעפירט זיי צום באַרג און דערשאָסן אָן אַ פּאַרוואָס. די שרעק איז אַרויף אויף יעדן יידן. אויפצומאַרגנס אַ באַפעל וועגן צוואַנגס־אַרבעט: אַלע יידן, סיי פרויען סיי מענער, אין עלטער פון 16 יאָר ביז 65 יאָר, ווערן אויפגעפאָדערט זיך שטעלן צו דער אַרבעט. פאַר נישט שטעלן זיך צו דער אַרבעט ווערט מען באַשטראָפט לויט די עקזיסטירנדיקע מלחמה־געזעצן. אַכטונג צו געבן אויף די יידן איז באַשטימט געוואָרן די אוקראַאינישע מיליץ, וועלכע איז באַשטאַנען פון באַוווּסטע כוליגאַנעס, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן מיט יידיש בלוט. ס'איז נישט איבערצוגעבן די ליידן, וואָס יידן זענען אויסגעשטאַנען ביי דער פאַרשאָלטענער אַרבעט.

דעם 18־טן יולי פרייטיק, האָט מען פאַרעפנטלעכט אַ באַפעל: מענער און פרויען פון 16 ביז 65 יאָר זאָלן זיך שטעלן ביים קינאָ. כמעט אַלע יידן זענען זיך צונויפגעקומען. מען האָט אויסגעשטעלט 4 רייען, מענער באַזונדער און פרויען באַזונדער. דער צוג האָט זיך געצויגן פון יאַנקל פעלערס געוועלב ביזן קינאָ. 10 אַזייגער פרי איז געקומען די געסטאַפּאָ מיט די אייזערנע היטלען און לעדערנע נאַהייקעס און אָנגעפאַנגען ציילן די מענטשן. אין זעלבן מאָמענט איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכער שטורעם. ס'איז פינצטער געוואָרן, אַז מען האָט נישט געזען איינער דעם צווייטן. עס האָט אָנגעהויבן גיסן אַ שלאַקס־רעגן. האָבן זיי שנעל צעשיקט יעדן אויף פאַרשידענע אַרבעטן.

עס זענען אַריבער עטלעכע טעג. דינסטיק, דעם 22־טן יולי פרי, זענען די מערדער מיט זייערע אוקראַאינישע העלפער אָנגעקומען מיט פאַרמאַכטע, גרויסע אויטאָס, געכאַפּט מענער און געוואָרפן זיי אין די אויטאָס און אָפּגעפירט אַלע צו דער קאָמענדאַנטור. דאָרט האָט מען צוגענומען ביי זיי אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט ביי זיך, באַגלייטנדיק מיט קלעפּ און חוזק, און אַוועקגעפירט זיי צו אַ פּלאַץ נעבן דעם שטאָטישן שעכט־הויז, וווּ עס זענען געווען גרייטע גריבער, אַריינגעיאָגט די יידן אין די גריבער און דערמאָרדעט זיי מיט מאַשין־געווער.

אויפצומאַרגנס האָט קיינער נישט געוואָלט גלויבן, אַז אַזוי האָט געקאָנט פּאַסירן, און מענטשן זענען געלאָפן צו די גריבער. די פּאַניק צווישן די פאַרבליבענע איז געווען שרעקלעך. מען האָט געמוזט ווייטער פרי לויפן צו דער אַרבעט, נישט זיין זיכער מיטן לעבן, צי וועט מען זיך בכלל אומקערן.

עטלעכע טעג שפּעטער — ווייטער אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע יידן מוזן אַריינטראָגן זייער גאַנץ גאָלד,

זילבער, קופער א. א. וו. פאר נישט אריינטראגן ווי אויך פאר געפינען ביי יידן עפעס פון די דערמאנטע זאכן קומט טויט־שטראף. אויפצומארגנס פרי איז געשטאנען א ריי פרויען, איבערהויפט מיט די טייערסטע זאכן, כדי זיי אריינטראגן, נישט וויסנדיק פארוואס דער דאזיקער גורל קומט זיי.

אזוי האבן זיך א גאנצן טאג גערירט די רייען אריינ־צוטראגן די ווערטפולע זאכן, וואס זענען נאך געווען פון לאנגע דורות. ווען איך בין געשטאנען ביים טיש אפצוגעבן מיין ביסל צירונג, זענען געשטאנען פרויען מיט דער טייערער ביזשוטעריע, יידישע זאכן פון אמאל, פון די עלטער־באבעס, גרויסע גאלדענע קייטן, קידוש־בעכער, שיינע זילבערנע בענטש־לייכטער א. א. וו.

אזוי איז אריבער א מאנאט. פונקט צו די שלושים פון דער ערשטער שחיטה, דעם 22־טן אויגוסט 1941, דאנערשטיק פרי, איז ארומגענומען געווארן די שטאט ליבעוונע פון אלע זייטן דורך דער געסטאפא מיט די אוקראינישע העלפער, ווייטער ארויסגעפארן מיט די גרוי־סע פארמאכטע אויטאס, געכאפט מענער און פרויען, אפגעפירט זיי צו דער קאמענדאנטור. די שחיטה האט שוין נישט געדויערט איין טאג, נאר גאנצע 8 טעג, ביי־טאג און ביינאכט, אזוי אז אין שטעטל זענען פארבליבן בלויז אלמנות און יתומים. שרעקלעך האט אויסגעזען דאס כאפן די מענטשן און ווארפן זיי אין די אויטאס. ס'איז נישט געווען קיין פלאץ וווּ זיך צו באהאלטן. די אוקראינישע שכנים, אנטיסעמיטן, האבן נישט ארויפ־געלאזט צו זיך. זיי זענען געשטאנען, געלאכט און גע־חוזקט, אז מיר קומען אפ פאר די זינד פון אונדזערע עלטער־עלטער־זיידעס, וואס האבן דערמארדעט יעזוסן.

דא זענען געכאפט געווארן מיינע צוויי ברידער מאיר און שמואל ז"ל. מיט א גרויסן נס איז זיי געלונגען צו אנטלויפן פון דער קאמענדאנטור. אלע געכאפטע יידן האט מען אפגעפירט אין סקיבער וועלדל, ווו עס זענען געווען גרויסע אקאפעס און דארט האט מען זיי אומ־געבראכט. די דאזיקע בלוטיקע אקציע האט אויסגע־פירט די ס.ס. מיט דער הילף פון דער שטאטישער אוק־ראינישער מיליץ.

ווען עס האט זיך איינגעשטילט האבן די פארבלי־בענע יידן נישט געוואלט גלויבן, אז דאס האט געקאנט געשען. ווען מען האט אנגעהויבן נאכפרעגן ביי די פויע־רים, אפשר האט ווער פון זיי געזען ווו מען האט געפירט די יידן, האבן נישט אלע געוואלט זאגן דעם אמת. אבער פויערים, וואס האבן געוווינט נישט ווייט פון וועלדל האבן דערציילט, אז זיי האבן געהערט א שיסעריי און אז אלע מענטשן ליגן דארט דערשאסענע.

ביי דער דאזיקער צווייטער שחיטה איז אומגעבראכט געווארן א גרויסער טייל פון דער ליבעוונער יידישער באפעלקערונג, ליבעוונע האט פארלוירן די שענסטע און בעסטע יוגנט. געבליבן זענען א טייל פרויען מיט קליינע קינדער, מענער — זייער ווייניק. פון געוויסע משפחות איז געבליבן נישט מער פון איינעם.

נאך די ערשטע „אקציעס" ווען דאס לעבן האט זיך א ביסל איינגעשטעלט איז אנגעקומען א פרישע גזירה: אויסטאן די לענטעס און אנטאן א געלע לאטע פון 7 צענטימעטער די גרויס, איינע פארנט און איינע אויף די פלייצעס. אפילו א קינד, וואס האט גארנישט פאר־שטאנען, האט געמוזט טראגן די לאטע. די לאטעס איז אונדז אויסגעקומען אנצוטאן פונקט יום־כיפור. עס זע־נען נאר אריבער די טרויעריקע יום־טובים, איז אנ־געקומען א פרישע גזירה: דאס געטא.

דאס געטא האט ארומגענומען די קאסנישטשער־גאס (11 ליסטאפאדא). דאס האט נאך מער פארשטארקט די ליידן פון די יידן. מען האט צונויפגעיאגט 12—15 מענטשן אין איין צימער. צו דעם דארף מען צוגעבן דעם הונגער און שמוץ. נאך טראגישער זענען געווען די מאראלישע ליידן, ווי דערשלאגן און דערנידעריקט מען האט זיך געפילט קעגנאיבער די פויערים. די פאכ־לייט האבן געוווינט באזונדער, אויף דער קאלעיאווע־גאס. זיי האבן געהאט רויטע צייגענישן, וועלכע מען האט גערופן „גאלדענע פראפוסקעס". יעדן טאג איז מען געלאפן צו דער ארבעט, און דערביי איז מען נישט געווען זיכער מיטן לעבן.

ס'איז נישט אוועק קיין לאנגע צייט — ווייטער א באפעל צום יודנראט צוצושטעלן 100 מענער, כדי זיי צו שיקן מיט פערד קיין פאלטאווע. פון זיי האבן זיך צוריקגעקערט נאר 11 מאן. די איבעריקע זענען אומ־געקומען.

אין צווישנצייט איז אנגעקומען דער ווינטער, און די דייטשן האבן ארויפגעלייגט אויפן יודנראט צוצושטעלן א נארמע פעלצן. אויך דאס איז געווארן אויסגעפירט.

אין חודש יאנואר 1942 זענען די מערדער פלוצלינג ארויס מיט פארמאכטע אויטאס און גענומען כאפן יידן. זיי האבן געכאפט, שלאגנדיק דערביי מיט די לעדערנע נאהייקעס, אזוי אז דער שניי איז נישט געווען ווייס נאר רויט פון בלוט. מען האט זיי צוגעפירט צום קינא, און דארט זענען זיי געווען באוואכט דורך דער אוקראינישער מיליץ, אבער א וואך שפעטער זענען זיי באפרייט גע־ווארן. דער ווינטער איז אריבער אין שרעק און אין פיין. קעלערס זענען געמאכט געווארן אין יעדן הויז. ווי שווער עס איז געווען דער ווינטער, האט מען גע־וואלט, אז ער זאל זיך ציען וואס לענגער, ווייל מען האט

זיך פאַרגעשטעלט ווי די לאַגע וועט אויסזען ווען דער ווינטער וועט אַוועק.

און פאַקטיש, ווען עס זענען אַריבער די ווינטער־חדשים פון יאָר 1942—1941 און עס האָט זיך באַוויזן דער פרילינג, האָט די זון אָנגעהויבן שיינען, אָבער נישט פאַר אונדז יידן. ווי דער ווינטער איז נישט געווען שווער מיט די אָפטע טויט־שרעקן, האָבן די יידן געהאָפט, אַז אפשר וועט גאָט העלפן און דער שונא וועט באַקומען אַ מפלה. און דאָ האָט זיך געענדיקט דער ווינטער, און מיר זענען געווען אויסגעמאַטערט, אונדזערע האָפענונגען אָפּגענאַרט, און עס זענען געקומען פרישע גזירות, אַקציעס און ליקווידאַציעס.

פסח־צייט האָט נאָך דער יודנראַט גוט באַצאָלט דעם געביטס־קאָמיסאַר הוגדע מען זאָל דערלויבן באַקן מצות. מיט וואָסערע שוועריקייטן מען האָט באַקומען דאָס מעל! מיין ברודער מאיר האָט זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן מען זאָל ברענגען מעל פון מאַציעוו אומלעגאַל, אָבער דאָס איז דערטראָגן געוואָרן צו דער זשאַנדאַרמעריע, און פרייטיק פרי איז מען געקומען. און צוגענומען דאָס מעל און אַלץ פון שטוב מיט אים צוזאַמען. מען האָט אים מערדערלעך צעשלאָגן און אויפן צווייטן טאָג אָפּגעשיקט אַהיים אַ געשוואָלענעם פון קלעפּ.

דער פסח איז אַריבער און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע אויסראָטונג. פון כעלם איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז מען האָט דאָרט צונויפגענומען אַלע יידן און זיי אָפּגעפירט אין די אויוונס פון סאָביבאָר. די שטימונג פון די מענטשן איז געווען אָנגעשטרענגט. אין ליבעוונע האָט מען אָנגעהויבן יעדן טאָג פירן אַ פּאַרטיע צו גראָבן גריבער. מען האָט פאַרשטאַנען, אַז די גריבער זענען באַשטימט פאַר די יידן, אָבער ווען מען פלעגט פרעגן די דייטשן צו וואָס זענען די גריבער, האָבן זיי געענטפערט: „צום גיסן ערדענע טעפּ".

שרעקלעך זענען געווען די לעצטע חדשים אין געטאָ, וואַרטנדיק אויף דעם נישט נאָרמאַלן טויט. אַזוי האָט זיך געצויגן דער גאַנצער זומער, מיר דערוויסן זיך, אַז מען האָט שוין ליקווידירט די געטאָס פון קאָוולע, לודמיר און לוצק, שפּעטער ראָוונע, טריסק, טאָמאַשאָווקע. ליבעוונע בלייבט ווי אַן אינדזל. יעדן פרימאָרגן לויפט מען צו דער אַרבעט און מען איז נישט זיכער צי מען וועט זיך אומקערן. מען פרוווט פרעגן ביים קאָמיסאַר, און ער זאָגט, אַז אין ליבעוונע וועט זיין רואיק. מענטשן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן טרייסטן, אַז דאָ וועט זיין אַ נס, ווייל ליבעוונע איז אַ געבענטשטע שטאָט פון אַמאָל.

דערווייל האָבן זיך ווייטער אונטערגערוקט די ימים־נוראים, און יידן זענען געלאָפן צום דאַווענען מיט דער האָפענונג, אַז עס זאָל געשען דער נס און מען זאָל דערלעבן זען די מפלה פון די מערדער. דאָ האָט זיך שוין דערנענטערט יום־כיפור. מיט וואָסערע צעבראָכענע הערצער האָבן יידן דעמאָלט געזאָגט כל־נדרי. ווער קאָן פאַרגעסן אלי שטערנבוים פון דער קאָלעיאָווע־גאַס, ווען ער האָט אָנגעטאָן דעם ווייסן קיטל און געשטעלט זיך דאַווענען? זיין געוויין און געבעט האָבן געקאָנט אַ שטיין רירן פון פלאַץ.

אויף יום־כיפור איז דער געביטס־קאָמיסאַר אַוועקגעפאָרן און האָט באַפוילן דעם יודנראַט צוגרייטן אַ פרישע קאָנטריבוציע: 100 שטיקער לעדער אויף שטיוול, 100 קופּאָנען סחורה אויף קאָסטיומען און קליידלעך און 100 צענערלעך אין גאָלד.

אַלץ איז געוואָרן צוגעגרייט, און אין טאָג פון ערב סוכות איז דער קאָמיסאַר געקומען און אַלץ איז אים דערלאַנגט געוואָרן. ביים נעמען די קאָנטריבוציע האָט ער פאַרזיכערט דעם פּרעזעס פון יודנראַט, אַז ליבעוונע וועט פאַרבלייבן זיכער. די פרייד איז געווען אָן אַ גרענעץ. דער סטעפּעניער רבי זצ"ל האָט אין סוכה געזאָגט, אַז ער האָט געזען אין חלום פיש, שלאַיען, און דאָס איז דאָך אַ סימן פון פרייד.

אַריבער די ערשטע טעג סוכות. די גריבער זענען געוואָרן אויסגעענדיקט. די דייטשן מיט די אוקראַינער, טאָמאַשטשיק און גוסיעוו זענען געקומען אָפּנעמען די גריבער. מען זעט שוין ווי ביטער אונדזער גורל איז. די לופט ווערט ענג, מען לויפט, קרייזן נעמען זיך צונויף און רעדן: וואָס צו טאָן, ווי אַזוי זיך ראַטעווען? ס'איז געווען אַ טאָג פאַר הושענא־רבא.

3 אַזייגער פאַרטאָג, דעם 1־טן אָקטאָבער 1942, איז ליבעוונע אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דייטשער זשאַנדאַרמעריע מיט זייערע אוקראַינישע מיטהעלפער. מען האָט צונויפגעזאַמלט אַלע מענטשן אין מיטן מאַרק.

אין גאַס זענען געלעגן דערשאָסענע יידן, טאַטעס און מאַמעס האָבן געפירט זייערע אייגענע קינדער ביי די הענטלעך צום אומברענגען. ווי טראַגיש איז געווען צו זען ווי מענטשן גייען צו די אייגענע לוויות, טוען זיך אויס אַליין און גייען אַריין מיט די קינדער אין גרוב.

דעם 1־טן אָקטאָבער 11 אין דער פרי, זענען שוין געווען אָנגעזאַמלט אַ פאַר טויזנט יידן, מען האָט זיי אַוועקגעפירט, אַרומגערינגלט דורך דייטשער און אוקראַינישער פּאָליציי, הינטער דער שטאָט צו דער ציגעלניע, וווּ ס'זענען געווען צוגעגרייט 4 גרויסע און טיפע גריבער. מען האָט די יידן אויסגעשטעלט אויפן ברעג פון די גריבער און אַלע דערשאָסן.

אין די לעצטע טעג פאַרן אויסראָטן פלעגן קומען באַקאַנטע אוקראַינער צוזאָגן, אַז אין שלעכטן מאָמענט

מעג מען קומען צו זיי און זיי וועלן אויסבאַהאַלטן. לײדער איז דאָס געווען אַ ליגן. זיי האָבן אויסגענאַרט די גוטע זאַכן און נאָך דעם געבראַכט די ייִדן צו דער פּאָליציי זיי אומצוברענגען. ווי אַן אילוסטראַציע און באַשטעטיקונג פון מיינע ווערטער וויל איך דערציילן ווייטער מיינע פּיינלעכע איבערלעבונגען אין משך פון די ווייטערדיקע צוויי יאָר פון אָקטאָבער 1942 ביז יולי 1944, ווען ליבעוונע איז באַפרייט געוואָרן דורך די רוסן.

די נאַכט פון הושענא רבה 1942, ווען ליבעוונע איז אַרומגערינגלט געוואָרן מיט דייטשע רוצחים און זייערע אוקראַינישע מיטהעלפער, בין איך מיט מיין ברודער יידל און זיינע צוויי קינדער אַנטלאָפן פון שטעטל. מיר האָבן זיך דערשלאָגן צו אַ באַקאַנטן גוי, מיט וועמען עס איז געווען אָפּגערעדט, אַז ער זאָל אונדז האַלטן. ווען ער האָט אָבער דערזען דעם ערשטן טאָג, וואָס מען טוט מיט די ייִדן, האָט ער אונדז תיכף געהייסן פאַרלאָזן זיין הויז.

מיר זענען דאַן אַוועק אין דאָרף קוסנישטש צום גאַלאָוואַי (הויפּט) פון דעם דאָרף, וואַסיל סוליק, וואָס האָט פריער אויך געהאַט צוגעזאָגט אַ באַהעלטעניש פאַר אונדז און פאַר מאיר לאַנדאַן. תחילת האָט ער אונדז גוט אויפגענומען. ער האָט אונדז דערציילט, אַז לעבן זיין שטוב ליגט דערשאָסן אַ יידישע פאַמיליע, משה עכשטיין מיט זיין פרוי, צוויי קינדער און שוועגערין. ער האָט אונדז געהאַלטן צוויי טעג און געפּאַרשט און אויסגעשפּיאָנירט, אַז מיר זענען אַרויס פון געטאָ אָן געלט, האָט ער אונדז געהייסן פאַרלאָזן זיין הויז.

עס איז אונדז געווען זייער ביטער. וווּהין גייט מען? נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, זענען מיר אַריין ערגעץ אין אַ קליניע (שייער) און זיך דאָרטן פאַרבאַהאַלטן אין שטרוי. עטלעכע טעג זענען מיר דאָרטן געלעגן אָן דעם בעל־הבית וויסן.

דער גאַלאָוואַי פון דעם דאָרף האָט דערשמעקט אונדזער פּלאַץ, האָט ער גערופן דעם בעל־הבית און אים געזאָגט, אַז ער גייט שיקן די פּאָליציי אונדז צו אַרעסטירן. דער גוי איז געווען זייער אַ גלויביקער, איז ער תיכף געקומען אין קליניע און אונדז געראָטן אַרויסצוגיין דורך אַ צווייטער טיר.

ווי מיר זענען אַרויס, זענען אָנגעקומען די פּאָליציסטן. אַזוי ווי זיי האָבן אונדז נישט געטראָפן, האָבן זיי דעם אייגנטימער פון דער קליניע געשלאָגן, פאַרוואָס ער האָט אונדז אַרויסגעלאָזט און נישט געבראַכט די זשאַנדאַרמעריע. דאָס איז געווען פרייטיק צו נאַכטס. וווּהין צו גיין האָבן מיר נישט געהאַט, וואָס אַנצווערן האָבן מיר אויך נישט געהאַט, זענען מיר אַוועק צו אַ צופעליקן גוי איבערצונעכטיקן אַ נאַכט. און דאָ איז געשען מיט אונדז דער גרויסער נס: גראָד ביי אָט דעם פרעמדן גוי איז אונדז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן 22 מאָנאַטן.

אין אונדזער באַהעלטעניש איז געווען אינגאַנצן פינצטער. איינער דעם צווייטן האָט נישט געזען. דער פויער האָט געהייסן אַניסקי סוליק. ער האָט אונדז דעם ערשטן פרימאָרגן אויפגענומען מיט אַ ברויט און אַ פלעשל וואַסער. דעמאָלט איז דאָס פאַר אונדז געווען דער בעסטער מאכל.

דער גוי פלעגט אונדז דערציילן, אַז ביי זיי אין שטוב לייענט מען יעדע נאַכט די ביבל, וווּ עס שטייט געשריבן, אַז אַ טייל ייִדן מוזן בלייבן לעבן. אָבער זיין פרוי האָט מורא געהאַט און אונדז געהייסן פאַרלאָזן דאָס אָרט, ווייל זי וויל נישט, אַז צוליב אונדז זאָל אומגעבראַכט ווערן איר פאַמיליע.

זי איז געווען גערעכט, אָבער אונדז איז געווען זייער שלעכט. עס איז נישט געווען וווּהין צו גיין. אַזוי אַרום זענען מיר ווייטער געבליבן דאָרטן, נישט קוקנדיק, וואָס זי האָט אונדז געזאָגט.

שווער צו באַשרייבן די שרעקלעכע איבערלעבענישן פון שטענדיקן הונגער און דורשט און קעלט, וואָס עס האָבן איבערגעלעבט צוויי קליינע קינדער, שוין נישט רעדנדיק פון מיר און מיין ברודער! דערצו זענען מיר אינגאַנצן געווען פאַראומרייניקט. אויפשטעלן זיך האָט מען נישט געקאָנט, נאָר זיצן אָדער ליגן. צו דעם אַלעמען — דער גרויסער פּחד, טאָמער קומען אַריין די דייטשן.

דער גוי, וואָס האָט אונדז אויסגעהאַלטן, האָט אויך געלעבט אין גרויסער שרעק, ווייל ווען מען כאַפּט אונדז ביי אים, הרגעט מען אויך אים מיט דער פאַמיליע. זיינע אייגענע קינדער האָבן נישט געוווּסט, אַז מיר זענען ביי אים, און מיט זיין ווייב האָט ער געפירט אַ גרויסן קאַמף.

איין מאָל אין וואָך פלעגט דער גוי אונדז אַריינברענגען אַ קליינטשיק ברויטעלע מיט עטלעכע קאַרטאָפל. דאָס איז געווען גענוג פאַר אַ הונגער־לעבן פאַר די צוויי קליינע קינדער. מיר, די צוויי גרויסע, האָבן זיך צוגעוווינט כמעט צו פאַסטן וואָכן.

נאָך ערגער איז געווען די לאַגע אין יאָר 1944, ווען דער פראָנט האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי קאָוועל. דאָס איז געווען אין חודש מערץ. דער גוי, וואָס איז געווען דער איינציקער, וואָס פלעגט קומען צו אונדז יעדן זונטיק און ברענגען דאָס ברויטעלע, איז פאַרנומען געוואָרן אויף אַרבעט פון די דייטשן. די באַלעבאָסטע האָט בכלל נישט געוואָלט הערן פון אונדז. פּונקט האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז דאָס דייטשע מיליטער האָט זיך באַזעצט

אין דאָרף קאָסנישטש און גראַד אין דעם הויז פון אונדזער פויער. די פויערטע מיט די קינדער האָבן די דייטשן אַרויסגעיאָגט אין קליניע.

יענע טעג זענען מיר שוין געלעגן און געוואַרט אויפן טויט. 13 טעג האָבן מיר כמעט געהונגערט, ביז אַ נייער נס איז געשען: דער פויער האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון דער אַרבעט און געקומען צו לויפן זען, צי מיר לעבן נאָך. ער האָט תיכף אונדז געגעבן אַ שטיקל ברויט מיט אַ לאַדישקע זויערמילך.

די קינדער זענען שוין נישט געווען ענלעך צו קיין מענטשן. דער פויער האָט דערציילט, ווי די דייטשן טרעטן אָפּ ביי קאָוועל און זיי פאַרברענען אַלץ הינטער זיך. ער האָט אונדז דעריבער געראָטן, אַז מיר זאָלן אַרויס פון אונדזער באַהעלטעניש און זיך פאַרבאַהאַלטן אין די הויכע תבואה־פעלדער. ער האָט געזאָגט: עס איז אַ שאָד, 22 מאָנאַטן זיך אויסבאַהאַלטן און צום סוף פאַרברענט ווערן. אָבער ווי האָבן מיר געקאָנט גיין, לעבעדיקע קאַליקעס? האָב איך אים געענטפערט, אַז מיר וועלן שוין בעסער ריזיקירן און פאַרבלייבן דאָ.

אַזוי זענען מיר פאַרבליבן אין באַהעלטעניש ביזן סוף. ביז דעם לעצטן טאָג, ווען די דייטשן האָבן אָפּגעטראָטן, איז אין דאָרף געווען אַ טויט־שטילקייט. די פויערים זענען זיך געווען צעלאָפן אין די וועלדער. מיר זענען געווען די איינציקע, וואָס זענען געבליבן אין אַ דאָרפיש הויז. די שיסערייען אַרום אונדזער באַהעלטעניש זענען געווען שרעקלעך. אַ סך שטיבער מיט דער צערקווע זענען פאַרברענט געוואָרן, אָבער אונדזער שטוב איז עפּעס דורך אַ נס פאַרבליבן גאַנץ, מיט איר זענען מיר פאַרבליבן.

דעם 25־טן יולי 1944 זענען די רוסן אַריין און באַפרייט דאָס דאָרף. צוויי טעג נאָך דעם זענען מיר אַרויס פון דער באַהעלטעניש. אונדזער ערשטער אָנקום קיין ליבעוונע איז געווען זונטיק פרי, און ס'איז נישט געווען צו זען קיין יידיש פּנים. אַ טייל הייזער זענען פאַרבליבן גאַנץ און אַ טייל צעשטערט.

דאָס ערשטע, וואָס איך האָב געטאָן נאָך דער באַפרייאונג, איז געווען: ברענגען צו קבר־ישראל די געפאַלענע פון מיין משפחה. האָב איך געבראַכט צו קבר־ישראל מיין מאַן יוסף ז"ל. ער איז דערהרגעט געוואָרן אין דאָרף פּאַלאַפּ דורך די אוקראַינער דעם 6־טן אָקטאָבער 1942. מיינע ברידער מאיר און שאול ז"ל, מיין שוועגערין צייטל מיט איר קינד לאהלע און חוהלע פייגעליס.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער איז אָנגעקומען פון מאָסקווע אַ קאָמיסיע — אַ דאָקטאָר, אַ פּראָקוראָר און צוויי באַאַמטע פון מ. ג. ב., און מען האָט געעפנט די קברים אויף דער ציגעלניע. נאָך צוויי יאָר זענען די מענטשן געלעגן ענג איינגעפּרעסט איינער אין צווייטן. אַ פרוי מיט אַן אויסגעקעמטן קאָפּ, דער צאָפּ האָט זי אַרומגענומען ווי אַ קרוין, איז געלעגן און געהאַלטן אַ קינד לעבן זיך. די קאָמיסיע האָט אַלץ פאָטאָגראַפירט און געהייסן צוריק פאַרשיטן די מאַסן־קברים.

זאָלן די דאָזיקע בלעטער בלייבן אַ דאָקומענט פון די פינצטערע טעג, וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט און אַן אָנדענק פאַר אונדזערע טייערסטע.

אברהם גוטמאַן

איבער גרענעצן פון טויט

נאָכן אויסברוך פון דייטש־פוילישן קריג אין 1939 זענען די דייטשן געווען אין ליבעוונע נאָר אייניקע טעג. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָבן מאָסקווע און בערלין געהאַט אַזאַ געהיימען אָפּמאַך צו צעטיילן פּוילן. ליבעוונע איז אַריין אין יענעם טייל, וואָס האָט געזאָלט געהערן צו סאָוויעט־רוסלאַנד.

אין די טעג האָבן די דייטשן זיך אויפגעפירט ווי געוויינלעכע אָקופּאַנטן, זיי האָבן ספּעציעל יידן נישט געטאָן קיין שלעכטס. זיי האָבן באַפוילן צו עפענען אַלע קראָמען און האָבן נישט געלאָזט די פויערים ראַבעווען.

פון די טעג, ווען די דייטשן זענען אַרויס פון ליבעוונע, ביז די טעג, ווען די סאָוויעטן האָבן עס איבערגענומען, איז אַוועק אַ וואָך צייט. אין אָט דער צייט האָבן זיך צעבושעוועט די פּאָליאַקן און די אוקראַינער. דער יונגער קאָשטעצקי האָט אָנגעפירט מיט באַנדעס אין שטעטל, און ס'האָט נישט אַ סך געפעלט צו אַ פּאָגראָם. די יידן זענען געלאָפן צום גלח. ער און די פּריצטע מיאַלאָוויצקאַ, פרוי פון אַדוואָקאַט, האָבן אינטערווענירט, זאָגנדיק, אַז נישט אַלע יידן זענען קאָמוניסטן. אַדאַנק דעם האָט ליבעוונע אויסגעמיטן אַ פּאָגראָם.

ווען די רויטע אַרמיי איז אַריין קיין ליבעוונע, האָבן לינק־געשטימטע עלעמענטן פון שטעטל זיי אויפגענומען בתופים ובמחולות, צווישן זיי נישט ווייניק יידישע יוגנטלעכע.

אין דער צייט, ווען די סאָוויעטן האָבן פאַרנומען ליבעוונע, זענען געקומען צו אונדז אַ סך יידן פון כעלם, דאַנציג, ביאַליסטאָק, לובלין, לאָדזש און אַנדערע. זיי האָבן געשוואַרצט די גרענעץ דורך דעם טייך בוג, אַנטלויפנדיק פון די נאַצישע רוצחים. די ליבעוונער יידן האָבן געהאָלפן די פּליטים וויפל זיי האָבן געקאָנט אין יענער שווערער צייט. מען האָט געקליבן געלט און קליידונג פאַר זיי.

תחילת האָט די נייע סאָוויעטישע מאַכט געקוקט דורך די פינגער אויף דעם אָנשטראָם פון די פּליטים. שפּעטער האָט זי אָבער די אַלע ניי־געקומענע אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט אין טיף־רוסלאַנד.

נישט נאָר פאַר פּליטים, אויך פאַר ליבעוונער יידן גופא האָבן זיך נישט געגרייט קיין גוטע בשורות. די סאָוויעטן האָבן אָנגעהויבן צונויפצושטעלן שוואַרצע ליסטעס פון סוחרים, טוערס פון פאַרשידענע פּאַרטייען וכדומה. אָבער זיי האָבן שוין נישט באַוויזן דורכצופירן זייערע פּלענער, צוליבן פּלוצלינגדיקן אָנפאַל פון היטלערן אויף רוסלאַנד.

בעת די סאָוויעטן זענען געווען אין ליבעוונע, האָבן זיי געהאַט איינגעפירט יידיש ווי אַ קעגנשטאַנד אין דער אָנפאַנג־שול. יאַנקל בלומען איז געווען דער לערער אויף יידיש. לערער אין יענער שול זענען דעמאָלט געווען אויך ניימאַן און פריימאַן, פּליטים פון כעלם, און פרוי עלבלינג־שאַפּיראָ, וואָס האָט געלערנט אַלגעברע.

ווען די דייטשן האָבן אָנגעגריפן ליבעוונע, האָט די רויטע אַרמיי זיי פאַרהאַלטן פיר טעג. בעת די גרויסע שלאַכטן איז דאָס שטעטל כמעט חרוב געוואָרן סיי פון די באָמבעס, סיי פון די אַרטילעריע־קוילן. יידן האָבן זיך געפּרוּווט אויסבאַהאַלטן אין די קעלערן. אונדזער משפחה און נאָך אַ סך יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין זאַצס מויער, וואָס האָט געהאַט ווענט אַ מעטער די דיק. דאָרטן איז געווען משהלע דעם סטעפּעניער רבינס זון, סימע איינבינדער און נאָך.

וועגן די אַלע „אַקציעס” און גזירות האָבן שוין זיכער אַנדערע געשריבן. איך וויל דאָ נאָר אָנגעבן אַ פאַקט, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער אַקציע, בעת מען האָט צונויפגענומען אַ סך יידן אויפן מאַרק־פּלאַץ. מען האָט געראָטן יעדן פון די פאַרזאַמלטע צו זאָגן, צי ער איז אַ סוחר אָדער אַן אַרבעטער. אַנדערע האָבן געמיינט, אַז אויב זיי וועלן זאָגן, אַז זיי זענען אַרבעטער, וועלן די דייטשן זאָגן, אַז זיי זענען קאָמוניסטן. מיין

ברודער משה איז געשטאַנען צווישן די אַרבעטער, אָבער ווען ער האָט געזען, אַז דער טאַטע שטייט צווישן די סוחרים, איז ער אַריבער צו זיין זייט. אָבער די אַלע סוחרים האָט מען דערנאָך צוגענומען און דערשאָסן.

די דייטשן האָבן געלייקנט, אַז מען האָט יענע יידן דערשאָסן. זיי האָבן געזאָגט, אַז מען האָט זיי אַפּגעשיקט אין אַ לאַגער אויף אַרבעט. טאַפּקאַ, קאַמפּיאַניס טאַכטער, וואָס איז געווען גוט אויפגעטראָגן מיטן נייעם געהילפס־קאָמיסאַר אודע, האָט געזאָגט מיין מאַמען, אַז זי וועט פאָרן איבער לאַגערן אין דייטשלאַנד, כדי אויפצוזוכן די פאַרכאַפּטע יידן. מיין מאַמע און פרוי גיטעלעס האָבן געקליבן גאָלד, געלט און בראַנפן פאַר איר, צו פאַרלייכטערן די אויפגאַבע פון קריגן אינפאָרמאַציעס וועגן די פאַרכאַפּטע. זי איז געפאָרן איינמאָל און געקומען צוריק מיט גרוסן פון די אַרויסגעפירטע יידן. אַזוי אַ צווייט מאָל. אָבער די זאַך האָט אַרויסגערופן פאַרדאַכטן. האָב איך און נאָך אַפּאָר יינגלעך אין מיין עלטער זיך אַרויסגעגנבעט צו די גריבער הינטערן בית־עולם — און דאָן איז אַלעמען קלאָר געוואָרן דער שרעקלעכער אמת. די פאַרכאַפּטע יידן זענען דערשאָסן געוואָרן און באַגראָבן געוואָרן נעבן דעם שטאָטישן שעכט־הויז.

יעדער האָט געטראַכט, אַז כדי צו זיין זיכער מיטן לעבן, איז קודם־כל נויטיק צו זיין באַשעפטיקט ביי אַרבעט. דעריבער האָט יעדערער, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ ביסל כוחות, זיך געריסן צו זיין ערגעץ אויף אַן אַרבעטס־פּלאַץ. דורך מיין מאַמען האָט מען מיר צוגענומען אַרבעטן ביי קאַמפּיאַנען, דעם פריץ. אויך מיין ברודער חיים האָט דאָרטן באַקומען אַרבעט. טאַפּקאַס ברודער, מישקע, איז געווען גוט צו מיר. ביי יעדער כאַפּעריי פון יידן פלעגט ער מיך אַריינגעמען אין זיין צימער און דאָרט מיך באַהאַלטן.

ביי די דייטשן האָט זיך אַמאָל געמאַכט אַ גוטער מענטש, וואָס פלעגט האָבן רחמנות אויף די יידן. געווען ביי אונדז אַ דייטש, וואָס מען האָט אים גערופן „משהלע", ווייל ער פלעגט נישט טאָן קיין שלעכטס און אַמאָל פלעגט ער נאָך צוּוואַרפן עפּעס די יידן. אויך אויפן באַן איז געווען אַן עלטערער דייטש, וואָס מען האָט אים גערופן „זיידע" צוליב זיין נישט שלעכטער באַציאונג צו יידן.

אַ סך יידן, באַזונדערס יונגטלעכע, האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס אַלץ, וואָס קומט פאַר איצט, איז נאָר אַ פאָרשפּיל. מען האָט געפילט, אַז די דייטשן קלייבן זיך אומצוברענגען אַלעמען, פריער אָדער שפּעטער. די ידיעות, וואָס פלעגן אָנקומען פון אַנדערע ערטער, האָבן נישט איבערגעלאָזט קיין ספק אין דעם. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אַ ריי יונגטלעכע האָבן אָנגעהויבן צו שמועסן צווישן זיך וועגן אַנטלויפן פון געטאָ אין וואַלד אַריין. יידן האָבן אויך אָנגעהויבן זיך איינהאַנדלען געווער, אויף וויפל דאָס איז נאָר מעגלעך געווען אין יענע שווערע באַדינגונגען. איך אַליין, מיט נאָך אַ חבר מיינעם, אויך פון אַ יאָר 12—13, האָבן אויסערן שטאָט געהאַט פון פריער נאָך באַהאַלטן אַ רעוואָלווער און טיילן פון ביקסן. דאָס זענען געווען געפונענע טיילן פון די וואָפן, וואָס זענען געבליבן פון די פּאַליאַקן אָדער די אָפּטרעטנדיקע רוסן.

איין פּלאַן איז געווען, אַז אין פאַל פון דער לעצטער אַקציע זאָל מען אָנצינדן דאָס שטעטל פון ביידע זייטן און אין טומל זאָלן זיך ראַטעווען וואָס מער יידן דורך אַנטלויפן אין וואַלד. דער דאָזיקער פּלאַן איז נישט דורכגעפירט געוואָרן, אָבער אַנטלאָפן פון געטאָ זענען יאָ מערערע יידן.

צווישן די איניציאַטאָרן און אָרגאַניזאַטאָרן פון אַנטלויפן אין וואַלד אַריין זענען געווען מיינע קוזינען חיים האַניק, יאַנקל האַניק און מיין פעטער משהקע צוקערמאַן. די אָנפירערשאַפט איז באַשטאַנען פון פאַרשטייער פון אַלע פאַרטייען. מיך האָט מען אַריינגענומען אין דעם סוד, כאָטש איך בין געווען אַ קליינער, ווייל איך האָב געבראַכט דעם באַהאַלטענעם רעוואָלווער.

איין טאָג איז געקומען מישקע, קאַמפּיאַניס זון, צו מיין מאַמען און איר געזאָגט, אַז מאָרגן גייט מען אומברענגען אַלע יידן אין ליבעוונע. מיין מאַמע האָט מיך גלייך געשיקט רופן אַהיים, ווו זי האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אַ פּעקל פאַר מיר צו אַנטלויפן. אַלע פון אונדזער גרופּע האָבן זיך געטראָפן הינטערן שטאָט, אין הויז פון משה פוקס. היות עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די ס.ס.־לייט קלייבן זיך צו קומען אויף יענעם אָרט, בין איך אַוועק מיט אַן אַנדער גרופּע, אין וועלכער עס זענען געווען לייבל רוסמאַן, שלמה סאָקאָלאָווסקי, פייגע טערנער און אַנדערע, צוזאַמען אַ 30 מאַן.

עס איז אונדז געלונגען זיך צו דערשלעפּן צום באַריסער וואַלד. שפּעטער זענען צוגעקומען צו אונדז אהרן מילשטיין און דוד פּיטשינקעס, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון דער לעצטער אַקציע און האָבן אונדז איבערגעגעבן די לעצטע גרוסן פון אונדזערע משפחות און פון אַלע ליבעוונער יידן.

אין וואַלד האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף באַנדעראָווצעס (אוקראַאינישע טעראָריסטן און יידן־רוצחים). דעריבער האָט אונדזער גרופּע זיך געמוזט צעטיילן און זיך צעשפּרייטן איבערן וואַלד. איך בין געבליבן מיט שלמה סאָקאָלאָווסקי, פייגע טערנער, ישראל קאַגאַן, און

נאָך עטלעכע יוגנטלעכע, צווישן זיי אויך אַ מיידל און אַ בחור פון וואַרשע, וואָס איז געווען אַ יידישער פּאַלי־ציאַנט אין געטאָ.

מיר זענען אָנגעקומען צו אַ פּויעריש הויז, האָבן די הינט אָנגעהויבן בילן און דער פּויער האָט גענומען שיסן. מיר זענען אַנטלאָפן אין די קאָרטשעס (קוסטעס), ווו מיר זענען אָפּגעלעגן אַ גאַנצן טאָג. סאָקאָלאָווסקי איז דעמאָלט אַוועק פון אונדז.

די גאַנצע באַוואָפענונג פון אונדזער פאַרבליבענער גרופּע איז באַשטאַנען פון אַ גראַנאַט, אַ רעוואָלווער און אַ מעסער.

ס'איז גיך געוואָרן אַ פּראָבלעם פון עסן. דער איינ־ציקער וועג צו קריגן עסן איז געווען אַריינצוגיין אין אַ הויז פון אַ פּויער — און דאָס איז געווען אַ גרויסע געפאַר, ווייל ווער ווייסט, וווהין מען פאַלט אַריין. אָבער מען האָט דאָס נישט געקאָנט אויסמיידן. מיר האָבן געטראַכט, אַז די ריזיקע וועט זיין קלענער, ווען די מיידלעך וועלן אַריינגיין בעטן עסן. אָבער דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער טעות: די צוויי מיידלעך, וואָס מיר האָבן געשיקט צו אַ פּויער, זענען דאָרטן פאַרהאַלטן געוואָרן און מיר האָבן זיי שוין מער נישט געזען.

נאָך דעם דאָזיקן אומגליק איז ישראל אַוועק אין דאָרף יאַדענע, פון וואַנען ער האָט געשטאַמט. ער האָט מיטגענומען מיט זיך אויך דעם וואַרשעווער בחור. בין איך געבליבן אַליין, אַ צוועלף־יאָריק ייִנגל פּנים־אל־פּנים מיטן לויערנדיקן טויט.

מיין פּלאַן איז געווען צוצוקומען צום באַן, כדי זיך אַריינצוכאַפּן בגנבה אויף אַ וואַגאָן, וואָס גייט קיין רוסלאַנד. בכדי דאָס דורכצופירן האָב איך ווידער גע־מוזט קומען קיין ליבעוונע. היות הונגעריק בין איך געווען, האָב איך געפּרוּווט צוקומען צו קאָמפּיאַנען. צופעליק האָט מיך פון אַ שייער אַרויס באַמערקט אַ ייִד, פּיניע פלעווע, און ער האָט מיך צוגערופן. ער האָט מיר איבערגעגעבן אַלע שוידערלעכע פּרטים פון דער לעצטער שחיטה אין ליבעוונע. זיין פּלאַן איז געווען צו גיין צו די פּאַלאַווער וועלדער, ווייל יענע געגנט האָט ער גוט געקענט, און ער האָט מיר פאָרגעלייגט צו גיין מיט אים.

פון דאָזיקן פּלאַן איז אָבער גאָרנישט געוואָרן, ווייל בעת איך האָב זיך צוגעכאַפּט צו די קאָמפּיאַניס צו קריגן עפּעס עסן, זענען גראָד אָנגעקומען דייטשע סאָלדאַטן, און איך בין קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן פון דעם אָרט און האָב שוין יענעם ייִדן מער נישט געזען.

איך האָב אויסגעמיטן די וואַך, זיך אַריינגעקראָגן אויף דער באַן־סטאַציע און האָב זיך בגנבה אַרויפגע־כאַפּט אויף אַ לאַנגזאַם־גייענדיקן משא־צוג. איך בין דורכגעפאָרן מאַציעוו, שפּעטער אָנגעקומען קיין קאָוולע. אויפן וואָקזאַל האָב איך געזען מערערע אוקראַינישע פרייוויליקע, וואָס האָבן געטראָגן אַ דרייעקיקן אָפּ־צייכן. איך האָב זיך אויך איינגעשאַפּט אַזאַ סימן און אים אַרויפגעקלעפּט אויף מיין רעקל.

צוזאַמען מיט די אוקראַינישע פרייוויליקע בין איך געפאָרן ביז זדאָלבונאָוו. שפּעטער בין איך אַרויף אויף אַ צוג, פול מיט דייטשע סאָלדאַטן, וואָס האָט אונדז געבראַכט ביז קאַזאַטין, לעבן קיעוו. אויף יענעם גרויסן וואָקזאַל בין איך געבליבן שלאָפן. אין רעסטאָראַן פון וואָקזאַל האָב איך געבעטלט ברויט ביי די דייטשע אָפיצירן.

אויף מאָרגן האָב איך זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ פּראַכט־וואַגאָן, וואָס איז געגאַנגען קיין וויניצע. דורך אַ גליקלעכן צופאַל האָב איך זיך געטראָפן מיט פרוי מיאַלאָוויצקאַ, דעם פּוילישן אַדוואָקאַטס פרוי פון לי־בעוונע. זי האָט מיר דערציילט, אַז אין וויניצע זענען שוין קיין ייִדן נישטאָ און אַריינגעמען צו זיך קאָן זי אויך נישט, ווייל זי לעבט צוזאַמען מיט אירע שוועס־טער. זי האָט אָבער געביטן פאַר מיר עטלעכע זאַכן, וואָס איך האָב נאָך געהאַט באַהאַלטן. איך בין דאָרטן געשלאָפן עטלעכע נעכט אין לײדיקע געשעפטן. געווען מיט מיר דאָרטן נאָך „חברים", וואָס האָבן מיך אָבער באַראַבעוועט און געדראָאַט צו רופן פּאָליציי.

איך בין קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן פון זיי. אויף דער באַן־סטאַציע האָב איך געטראָפן אַ צוג, וואָס גייט קיין זשמערינקע, אין טראַנסדניעסטריע, וואָס וועגן דעם אָרט האָב איך געהאַט געהערט שוין פריער. ביים אַרי־בערגיין די גרענעץ קיין רומעניע זענען געווען נייע צרות. די אוקראַינער האָבן קאָנטראָלירט די דערלויבע־נישן. איך האָב זיך געוואָלט אַרויסדרייען, האָב איך גענומען לויפן, האָט מען געשאָסן אויף מיר. אַ גליק וואָס ס'איז שוין געווען פינצטערלעך, איך בין ערגעץ אַריינגעפאַלן אין אַ גרוב און די נאָכיאָגער האָבן מיך פאַרלוירן פון אויג.

אַ קריסטלעכע פרוי האָט מיר אויף מאָרגן געזאָגט, אַז אין זשמערינקע איז דאָ אַ קליין געטאָ. אַ ייִדישע פרוי האָט מיך געוואָלט אַריינעמען צו זיך, אָבער זי האָט פריער געמאָלדן וועגן דעם דעם פאָרזיצער פון געטאָ, ווייל אַזוי איז געווען דער באַפעל. דער פאָרזיצער און זיינע געהילפן האָבן מיך אַ סך אויסגעפרעגט און סוף־סוף האָבן זיי מיך נישט דערלאָזט צו בלייבן מיט זיי, נאָר מיך אָפּגעשיקט קיין וואָראָשילאָווקע, אַ 5—6 מייל פון זשמערינקע.

אין וואָראָשילאָווקע זענען געווען אַ צען ביז פופצן ייִדן מיט זייערע משפחות. זיי זענען געווען באמת פיינע

מענטשן, אָבער זיי האָבן מיר דערקלערט, אַז זיי קאָנען מיר קנאַפּ העלפן, ווייל די רומענישע פּאָליציאַנטן קענען יעדן פון זיי און וועלן זיי דערזען אַ ניי פּנים, וועט זיין ביטער צו מיר. בלית ברירה בין איך ווידער אַוועק קיין זשמערינקע. דער פּאַרזיצער האָט מיך אָבער געסטראַשעט, אַז ער וועט מיך איבערגעבן צו די דייטשן.

האָב איך דאָך געזען, אַז ס'איז שלעכט, האָב איך זיך ווידער געמוזט לאָזן אין וועג אַריין, אין וועג מיט אַלע זיינע סכנות און שרעקן. עפּעס אַ גויע האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל גיין קיין מאַראַפּאַ, האָב איך זיך געלאָזט אַהין. אונטערוועגס האָב איך זיך געטראָפן מיט נאָך אַ יידיש יינגל, וואָס אויך אים האָט מען אַרויסגעטריבן פון זשמערינקער געטאָ.

אין מאַראַפּאַ איז געווען אַ יידישער דאָקטאָר פון טשערנאָוויץ, דאַכט זיך, אַז זיין נאָמען איז געווען גוטמאַן. ער האָט מיר אַ סך געהאָלפן. אויך דער פּרעזידענט פון געטאָ ד״ר בייקאַל, פון סוטשעווע, האָט מיר אַ סך געהאָלפן. ער האָט מיר געגעבן אַן אָרט, שפּייז און קליידער. געווען יידן, וואָס האָבן אים געשטראָפט פאַר זיינע דאָזיקע מעשים, אָבער ער האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן.

צום באַדויערן, איז גאָר גיך געוואָרן אַן אַנדער פּרעזידענט פון געטאָ. יענער איז שוין געווען גאָר אַן אַנדערער מענטש, און וועגן טובות צו האָבן פון אים האָב איך נישט געקאָנט אַפילו טראַכטן.

אין מאַראַפּאַ בין איך אָפּגעווען פון ענדע 1942 ביז 1944. דאָרט פלעגט מען כאַפּן אָדער שיקן אויף אַרבעט קיין טריכאָטע, נישט ווייט פון אָדעס, אָבער די אַוועקגעשיקטע פלעגן אַלע מאָל קומען צוריק.

דאָרטן האָבן איך זיך באַקענט מיט אַ יידישן דאָקטאָר פון לובלין, דיאַמאַנט. איך האָב געהאַט אַ פּאָר שטיקלעך גאָלד מיט זיך, האָט דער דאָקטאָר עס אויסגעביטן פאַר מיר. ווען איך בין קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און איך בין געלעגן אין שפּיטאָל, האָט ד״ר דיאַמאַנט געטאָן אַלץ וואָס ער האָט געקענט מיך צו שטעלן אויף די פיס.

ווען ס'איז מיר שוין געוואָרן זייער שווער אויסצוהאַלטן אין מאַראַפּאַ, האָב איך זיך איינמאָל אַרויסגעגנבעט און אַוועק אין אַ דערבייאיקן לאַגער טאַלטשין. דאָרטן זענען געווען אַ הונדערט יידישע לאַגערניקעס, וואָס האָבן געלעבט אין באַראַקן.

איך האָב אויסגעביטן אַ שוך אויף אַ לאַפּטשע. מען פלעגט דאָ זייער שווער אַרבעטן, פון פינף אין דער פרי ביז ניין אין אָוונט. די אַרבעט איז געווען ביי טאָרף, וואָס דאָס איז זייער שווער און מאַכט גיך קראַנק. געגעסן האָט מען פערדן־פלייש מיט גרינע אַרבעס — און ס'איז נישט געווען קיין איינער, וואָס האָט נישט געליטן אויף „לויפּעניש״.

בין איך אַרויס פון טאָלטשין און ווידער אַוועק קיין מאַראַפּאַ. אין יענער צייט האָט מען געהאַט דערלויבט דעם רויטן קרייץ אַרויסצופירן אַ צאָל יידישע קינדער פון רומעניע, אויך מיך האָט מען אַרויפגעשטעלט אויף דער ליסטע פון די קינדער, וואָס וועלן קאָנען פאַרלאָזן רומעניע. צוליב דעם האָט מען מיך געשיקט קיין מאָהילעוו, אָבער דאָרטן האָט מען מיר געזאָגט, אַז איך בין שוין צו אַלט אויף דעם (איך בין דעמאָלט אַלט געווען 16 יאָר), בין איך ווידער אַוועק קיין מאַראַפּאַ.

אָבער דאָס איז שוין געווען אין דער צייט, ווען כמעט דער גאַנצער דייטשער פראָנט איז שוין געווען צוזאַמענגעבראָכן, די רוסן זענען שוין געווען אין אונדזערע מקומות, און איך האָב זיך גענומען ציען אויף צוריק קיין פוילן, כדי צוצוקומען קיין ליבעוונע. אויך דאָס איז נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט. איך האָב נאָך דורכגעמאַכט גענוג געפערלעכע מאָמענטן. דאָ האָט די נ.ק.וו.ד. מיך געפּאַרשט, דאָ האָבן פוילישע סאָלדאַטן מיך פאַרהאַלטן. איך האָב זיך אַרויסגעדרייט בשלום פון זייערע הענט און האָב סוף־סוף דערגרייכט מיין היים־שטעטל.

אין ליבעוונע האָב איך דעמאָלט, אין מיטן 1944, געטראָפן עטלעכע געראַטעוועטע יידן: משה בלומען, פיניע ליפשיץ, נטע סאָבאָל, בנימין פערקאָל און נאָך עטלעכע. מענדל ליפשיץ איז געלעגן אין שפּיטאָל, וווּ ער איז אויך שפּעטער געשטאָרבן. שפּעטער זענען אָנגעקומען נאָך ליבעוונער: יידל ביעגעסעס, ביילקע שוואַרץ און אַנדערע.

איך בין לאַנג נישט פאַרבליבן אין מיין אַמאָליקער היים־שטאָט. דורך פאַרשידענע אומוועגן בין איך אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל, וווּ איך בין געווען דריי יאָר אין מיליטער און זיך באַטייליקט אין די ערשטע פריי־הייט־קאַמפן פון דער ניי־אויפגעשטאַנענער מדינת ישראל.

חנה אכטמן (קראוט)

בצפורני הגסטאפו

בימים הנוראים ההם של המלחמה והשמדת היהודים, חייתי זמן מסויים בביתה של פולניה אחת בווארשה. התעודה המזוייפת שלי היתה של „ארית טהורה". יום אחד נשמעה דפיקה חזקה בדלת דירתה של הפולניה, מלווה קריאות „אויפמאכן". נכנסו שני אנשי ס.ס. מפוטמים וציווני להתלבש וללכת אתם למשרד הגיסטאפו בשדרות שוך — המקום, שכל באיו היהודיים לא שבו ממנו.

לא היה כל טעם להתנגד. ניסיתי לבאר, שחלה כאן טעות, מפני שנוצריה אני, והראיתי להם את התעודה שלי על שם אננה מריה זאוודסקה, אך לא הועיל דבר. הוציאוני בכוח.

בדרך לגיסטאפו הציעו לי אנשי ה־ס.ס. להיכנס אתם לבית־קפה, אך הודעתי להם בעוז רוח, שאינני הולכת לבלות בבתי־קפה עם גברים זרים. מאחר שלא הצליחו


Kennort / Miejsce wystawienia: Warschau
Kreish. / Starostwo powiat. — Distrikt / Okręg: Warschau
Kennummer / Numer rozpoznawczy: 390368
Gültig bis / Ważne do: 18. Januar 1948 / stycznia
Name / Nazwisko: Zawadzka
Geburtsname (b. Ehefrau) / Nazwisko panieńskie (u mężatek):
Vorname / Imię: Anna - Maria
Geboren am / Urodzony (a) w dn.: 3.3.1907
Geburtsort / Miejsce urodzenia: Warschau
Kreish. / Starostwo pow.: Warschau — Distrikt / Okręg: Warschau
Land / Kraj:
Beruf / Zawód: erlernter / wyuczony: Beamtin-urzędniczka; ausgeübter / wykonywany: Beamtin-urzędniczka
Religion / Wyznanie: röm.kath. rzym.-kat.
Besondere Kennzeichen / Szczególne znaki rozpoznawcze: keine - nie ma

Anna Marja Zawadzka
Unterschrift des Kennkarteninhabers / Podpis posiadacza karty rozpoznawczej
Warschau, den / dnia 18. Januar / stycznia 1943
Der Stadthauptmann
Dienstsiegel / Pieczęć służbowa
Unterschrift des ausfertigenden Beamten / Podpis sporządzającego urzędnika

פאטאסטאט פון דעם ארישן דאקומענט אויפן נאמען זאוואדסקא אננא מריה מיט וועלכן חנה קרויט האט זיך באנוצט

בערמתם להניעני, שאבקש בשוחד או בתחנונים לשחררני, יתכן שהתחילו להאמין כי אמנם נוצריה אני ואין פחד הגיסטאפו עלי.


בבית הגיסטאפו הכניסוני לחדר סגור שהיה תחת משמר כבד. בשיחה עם יתר הנשים העצורות שם נוכחתי לדעת, שאין תקווה רבה לצאת משם, ועל כן החלטתי כי כאשר אבדתי, אבדתי: עלי להיות תקיפה בדעתי ולא להודות, שאני יהודיה.

שקועה ביאוש שמעתי כעבור זמן מה קריאה חריפה, שהפסיקה את הרהורי: „אננה מריה זאוואדסקה". הבלגתי על רגשותי כדי להיראות שקטה ובלתי מודאגת. שומר הביאני לחדר, שבו ישב איש ס.ס. — כנראה בעל דרגה גבוהה, ואתו מתורגמן יודע פולנית.

בתחילה פנו אלי בגרמנית — תחבולה ישנה שנועדה להפיל בפח אשה יהודיה, שכרגיל שומעת גרמנית; העמדתי פנים תמימים, כאילו לא הבנתי דבר, ופניתי למתורגמן שיבאר לי, מה רוצה ממני ה„הער" מן הגיסטאפו. זמן רב נמשכה החקירה על תעודתי ה„ארית", שמא קניתי אותה ושמא לא נוצריה אני. לבסוף שאלו טלפונית את שוער הבית מרחוב נובגרודסקה 3 אם גר שם נוצרי פולני בשם זאוואדסקי ואם היתה לו בת בגילי, ואם נכונים דברי, שבתור עובד בבית משפט בווארשה נמלט לרוסיה. לאושרי הסתפקו בבירור טלפוני ולא שלחו את תעודתי המזוייפת אל השוער, שיראה אם הוא יכול לזהות אותי, שהרי אילו עשו זאת, היה הכל אבוד.

אחרי כן העמידוני לבחינה בידיעת הדת הקאתולית ושאלוני שאלות על עיקרי הנצרות ופולחנה. גם בזה נכשלו, מפני שמזמן שיננתי לעצמי וידעתי את כל התפילות, המנהגים ומצוות הדת כאחת קתולית אדוקה ביותר. אף על פי כן, המטירו עלי מכות עזות ומהלומות ככל אשר


GENERALGOUVERNEMENT
GENERALNE GUBERNATORSTWO
KENNKARTE
KARTA ROZPOZNAWCZA
Unterschrift — Podpis


Der SS- und. Polizeiführer
DER KOMMANDEUR
der Sicherheitspolizei und des SD
für den Distrikt Lublin

AUSWEIS
DOWÓD Nr. 738


Der/die Jude/in Żyd/ówka Rappaport Chana, geb. Kraut
geboren am / urodzony(a): 17.4.1907 in / w Luboml
ausgewiesen durch / legitymujący(a) się J. Ausweis
erhält die Aufenthaltsgenehmigung für den jüdischen Wohnbezirk in Lublin.
otrzymuje zezwolenie pobytu w żydowskiej dzielnicy miasta Lublina.
Dieser Ausweis berechtigt zum Betreten des übrigen Stadtgebietes und der Krakauerstrasse ~~während der Sperrstunden bis ... Uhr.~~
Niniejszy dowód upoważnia do przebywania na terenie całego miasta oraz ul. Krakowskiej ~~w godzinach policyjnych do ... godziny~~
Dieser Ausweis ist gültig bis zum Widerruf
Dowód ważny do dnia
Lublin, den 20. April 1942

יכלו, כדי להכריחני להודות, שיהודיה אני ותעודותי מזויי־פות, ורק בקושי החזקתי מעמד בכל העינויים האלה.

למחרת הביאו מומחה לאנתרופולוגיה, שמדד את ידי, גולגולתי ואזני, שהרי ברור היה להם, כי בני הגזע היהודי שונים ללא ספק במבנה גופם מן הארים. למזלי, היתה גם הבדיקה הזאת לטובתי. נמנו איפוא וגמרו, אף על פי שפני דומים לפני יהודיה, הרי שלפי התעודה שבידי, בקיאותי בדת הקאתולית ומדידת אברי גופי, יתכן, שאמנם נוצריה אני. על כן שחררוני, אבל הטילו עלי להביא למחרת תעודה של הכנסיה האזורית, שבה נטבלתי ונרשמתי כנוצריה. למזלי נפגשתי עם מכרי קרסוצקי ורוטרובין — יהודים מלובלין — וכן עם קרוב משפחה שלו מלובומל, שכולם היו פעילי המחתרת הפולנית בתור „אריים", וסיפרתי להם מה שעבר עלי וכן שעלי להשיג ולהביא את תעודת הטבילה שלי.

„מה ? לשוב אליהם ?" אמרו ידידי בתמיהה, הרי זה איבוד לדעת. ומה תעשי, אם לא יאמינו לך ? רק פעם אחת שיחק לך המזל". קיבלתי מהם סכום כסף ונצטוויתי לעזוב מיד את העיר וארשה, וכך ניצלתי מצפרני הגיסטאפו.

לאחר טלטולים רבים הגעתי לקרקא, ובסביבת העיר הזאת עבדתי כעוזרת בביתה של משפחה נוצריה. לבסוף ברחתי גם מבית זה באמצע הלילה, לאחר שקלטתי שיחה בין שני בני הזוג שאני חשודה כיהודיה. מאז הסתובבתי תקופה ארוכה ללא קורת גג לראשי, רעבה ללחם, ומלאת פחד מפני חברת אנשים. למזלי היו אלה כבר הימים האחרונים לשלטון הנאצים בפולין.



אסתר בראָד־מילשטיין

מיט דעם „ארישן" פנים

מיטן אפטרעטן פון די רוסישע כוחות זענען מיר גלייך אַנטלאָפן פון ליבעוונע. ווען די דייטשן האָבן זיך באוויזן, האָבן מיר געזען, אַז ס׳וועט זיין ביטער. און ווי געפערלעך עס איז נישט געווען זיך צו לאָזן און וועג אריין — דערצו נאָך מיט א גאנצער משפחה — אין אזעלכע סכנהדיקע צייטן, האבן מיר געטראכט, אז דאָס איז אַלץ ווייניקער ריזיקע, ווי בלייבן אין די הענט פון די נאַציס.

צום אַנטלויפן האָט אונדז אַ ביסל צוגעגעבן מוט דער פאַקט, וואָס מיר האָבן באַקומען פאַלשע פוילישע פּאַפּירן. דאָס האָט אונדז באַזאָרגט ישראליק דובעלמאַן, וואָס האָט געאַרבעט ביי אונדז אין אַן אוקראַינישער זעצעריי.

מיר האָבן געהאַט נאָר איין ריכטונג: רוסלאַנד. האָבן מיר זיך געלאָזט צו קאַרקאָוו צו. די פרוי פון אַ קאַרקאָווער וועטערינאַר האָט אונדז געגעבן אַן אַדרעס צו אירע עלטערן. מיר זענען דאָרטן געווען נאָר צוויי טעג ווייל די פרוי האָט מורא געהאַט אונדז ווייטער צו האַלטן.

אויף צוריקוועגס האָב איך און מיין טאָכטער רבקה זיך אָפּגעשטעלט אין לעמבערג. דאָרטן האָב איך די גאַנצע צייט געלעבט אויף די פאַלשע פּאַפּירן ביזן סוף קריג. דאָס האָט זיך מיר איינגעגעבן צוליב מיין „ארישן" אויסזען.

ווען איך בין נאָכן קריג געקומען קיין ליבעוונע, ווו כמעט אַלע פריערדיקע יידישע היימען זענען געווען חרוב, האָב איך דאָרטן געטראָפן עטלעכע געראַטעוועטע יידן: זעלדע ליסטהויז, חיים ליסטהויז, וועלוול שיינוואַלד, משה שוסטערס זון, אַ פרוי פון דאָרף לובאַכין, יודל סאַנדלבוים מיט זיינע קינדער און שוועסטער רחל, ברוך טראַכטענבערג און משה גייער, שפּעטער זענען צוגעקומען נאָך אַ ביסל ליבעוונער.

מיין מאַן מאָטל מילשטיין איז אומגעקומען זעקס חדשים נאָכן אויסברוך פון קריג, צוליב אַ מסירה פון אַ פויער.

סוניה שומלאק

הצלה מופלאה

באחד מימי הסתיו של שנת 1943 נמצאתי יחד עם חברתי דבורה ליפשיץ ועם יהודי בשם מרדכי מטרמן, המתגורר היום בארצות־הברית, בכפר זגוראני. נמסר לנו אז, שישנם בסביבה שרידים של קבוצת פרטיזנים רוסיים, ~~אשר יהודיהם הושמדה על ידי האויב. שרידים אלו רצו~~ להצטרף לקבוצה אחרת של פרטיזנים ולהמשיך במאבק. אך הם לא הכירו את הסביבה. כשנודע לנו הדבר הסכמנו להעבירם לכפר קרושניץ, אל משפחת איכרים שקיימה קשרים עם קבוצות פרטיזנים ביערות הסביבה. הצלחנו להביא את הקבוצה למקום חפצה והיינו צריכים להישאר במשך היום אצל משפחה זאת עד שנוכל לחזור לזגוראני.

בנו של אותו איכר היה ידוע כקומוניסט, והאוקראינים הלאומנים שהצטרפו לצוררים, זממו כל הזמן להמיתו. הבן היה מסתתר בבונקר שכרה לעצמו מתחת לגורן, וגם אנחנו שוכנו זמנית מתחת לאלומות באותה גורן. והנה דווקא בזמן שהותנו בגורן באה קבוצת אוקראינים מזויינים לחפש את בן האיכר. תוך כדי חיפושיהם הגיעו לגורן והופתעו ~~למצוא שם סיר עם אוכל, שעדיין לא התקרר, ושלוש כפות.~~ מכאן הסיקו שבגורן שלושה אנשים והחלו בחיפושים מדוקדקים, מלווים בתקיעת כידוני הרובים לתוך האלומות. כאשר חיפושיהם לא נשאו פרי החליטו להעלות את הגורן כולה באש.

אשת האיכר שחרדה לבנה ולנו, רצה ליער הסמוך, בו שהה אותו זמן בעלה אצל קבוצת הפרטיזנים והזעיקה אותם לעזרה. הפרטיזנים הצליחו להניס את הצוררים, וכך הצילו את חיינו.

שמואל און קריינדל כ״ץ

אויף אן אוקראינישן פּאס

איך האָב געקענט גוט גערטנערײַ און אין די שווערע טעג פון געטאָ האָב איך געאַרבעט בײַ טאָפּקען אין די סעדער פון איר פאָטער, דעם גוטבאַזיצער קאָמפּיאַני און אַפילו בײַם געביטס־קאָמיסאַר גופא, איר געליבטן.

אין אַ געוויסן טאָג בין איך געגאַנגען מיט אַ 100 יידן צו דער אַרבעט אין גאָרטן פון קאָמפּיאַנין צו קאָרטשעווען די ביימער. איז צוגעגאַנגען אַ דייטש צו מיר און מיך געפרעגט, ווער האָט מיר דערלויבט אָנצופירן מיט דער אַרבעט. ווען איך האָב געענטפערט, אַז דער קאָמיסאַר, האָב איך גלייך געקראָגן איבערן קאָפּ. אַ פאַרחלשטער בין איך געלעגן אין בלוט. ווען איך בין געקומען צו זיך, איז אָנגעפאָרן דער קאָמיסאַר מיט טאָפּקען. ער האָט מיך געפרעגט ווער עס האָט מיך צעבלוטיקט. איך האָב מורא געהאַט צו זאָגן, אָבער ער האָט מיך געצוווּנגען צו דערציילן דעם גאַנצן אמת. דער דייטש האָט געקראָגן דריי טעג טורמע. ווען דער דייטש איז באַפרייט געוואָרן, האָט ער צו מיר געזאָגט: „דו וועסט זיין דער ערשטער פון אַלע יידן, וואָס איך וועל צעשניידן שטיקערווייז״.

איינמאָל, זיצנדיק אין אונדזער אָפּגעדונגענעם צימער בײַ וויינערן, הערן מיר ווי מען קלאַפּט אין טיר. מיט שרעק עפן איך און זע פאַר זיך אַ דייטש, צוויי מעטער די הויך. ער איז אַ ביסל שיכור און בעט בראָנפן. ווען ער האָט אויסגעטרונקען נאָך אַ ביסל פון דעם ביטערן טראָפּן, האָט ער געזאָגט, אַז ער באַדויערט, וואָס אַזעלכע גוטע מענטשן ווי מיר ליידן אַזוי פיל. ער וואָלט זייער געוואָלט אונדז העלפן, ווייל נישט אַלע דייטשן זענען שלעכטע פאַר די יידן. ער דערציילט אונדז, אַז ער איז פון דער געגנט אַרום בענדין, ווו פריידע, מיין עלטערע שוועסטער, האָט חתונה געהאַט. פון דאָרטן איז ער געקומען אַהער איינקויפן לעבנסמיטל. ער בעט אונדז, אַז מען זאָל אים געבן קריינדלען, מיין יינגסטע שוועסטער, וואָס איז דעמאָלט אַלט געוועזן 10 יאָר, ווייל ער וויל, אַז דאָס מיידעלע זאָל בלייבן לעבן.

נישט קלערנדיק האָב איך געזאָגט: קריינדעלע, גיי מיט דעם גוטן מענטשן, ער וועט דיך אַוועקפירן צו פריידען.

מיר האָבן זיך אַלע געזעגנט. צו באַשרייבן דאָס געזעגענען זיך, איז נישט פאַר מיינע כוחות.

פונקט דעם טאָג 12 ביינאַכט האָט זיך אָנגעהויבן די שרעקלעכע שחיטה. טאָפּקע האָט מיר איבערגעגעבן וועגן דעם עטלעכע שעה פריער. איך האָב גלייך געגעבן צו וויסן אַנדערע יידן, וויפל איך האָב געקאָנט און אויך דעם פאָרזיצער פון יודנראַט קלמן קאָפּעלזאָן. איך האָב געמאַכט אַ באַהעלטעניש בײַ וויינערן פאַר דעם פאָטער, מוטער און אַלע שכנים, און איך מיט יצחקן און דער פאַמיליע סאַנקעס האָבן מיר זיך באַהאַלטן אין קעלער פון די נייע געוועלבער.

נאָך עטלעכע טעג, ווען מיר האָבן שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן פון הונגער, בין איך מיט מיין ברודער יצחק אַרויס אין אַ פינצטערער נאַכט פון דער „מעלינע״ (באַהעלטעניש) און זיך געררוקט אויף דעם בויך ביז דעם פוילישן קלויסטער. מיר זענען אַריין אין גאָרטן פון דעם קסיאָנדז, דאָרטן האָבן מיר זיך געקאָנט דערכאַפּן דאָס לעבן און עפּעס עסן פון גאָרטן.

שפּעטער זענען מיר אַריין צו דעם אָרגאַניסט. ער האָט געהאַט אונדזערע אַ סך זאַכן. זיי האָבן אונדז געגעבן צו עסן און דערציילט, אַז מיינע עלטערן לעבן נאָך.

דעם טאָג איז געקומען אונדזער מוטער. דאָס איז געווען אויפן זעקסטן טאָג פון דער שחיטה. די מאַמע האָט אונדז דערציילט, אַז מען האָט געפונען דאָס באַהעלטעניש בײַ וויינערן און מען האָט אַלעמען פאַרנומען. נאָר איר איז געלונגען צו אַנטלויפן.

בײַ דעם אָרגאַניסט האָבן מיר זיך אויפגעהאַלטן נאָר אַ פּאָר טעג. מיר זענען געווען אין קלויסטער אויף

דער קאַלאַקאַלניע (דאָס אָרט ווו עס הענגען די גלאָקן). קינדער האָבן אונדז צופעליק באַמערקט און מיר האָבן געמוזט גיך אַנטלויפן פון דאָרט.

מיט גרויסע שוועריקייטן האָבן מיר זיך דער־שלעפּט אין דאָרף פּערעוואָז (ווילטשי פּשעוווז) צו אַ פּויער אָסטאַפּ, וועלכער האָט 25 יאָר געאַרבעט ביי מיין טאַטן. ער האָט זיך זייער דערפרייט מיט אונדז און געזאָגט, אַז מיר וועלן איבערלעבן דעם קריג ביי זיין זון, וואָס וווינט דאָ נישט ווייט אין וואַלד.

ווען עס איז געוואָרן טונקל, האָט אָסטאַפּ געפירט אונדז — מיך, מיין ברודער יצחק און מיין מאַמען — צו זיין זון. אין איין אָרט זענען פּלוצלינג אַרויסגע־שפּרונגען 5 אומבאַקאַנטע סאָלדאַטן מיט ביקסן.

אינסטינקטיוו האָב איך אויף זיי אַרויפגעוואָרפן מיין מאַנטל, וואָס איך האָב געהאַלטן אין דער האַנט, און אַליין זיך געלאָזט לויפן. זיי האָבן מיר נאָכגעשאָסן, אָבער נישט געטראָפן. שפּעטער האָב איך זיך דער־וווּסט, אַז מיין מאַמע און ברודער זענען אומגעקומען פון זייערע הענט.

בלאָנדזשענדיק אין פינצטערן וואַלד האָב איך באַ־געגנט אַ פּויער, וואָס האָט מיך דערקענט. ער האָט מיך געשיקט צו אַ באַקאַנטן גלח זיינעם. איך האָב שוין נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן, בין איך אַוועק צום גלח. דער גלח איז גראָד געווען אַ פיינער מענטש. ער האָט זיך פאַרבונדן מיטן ליבעווונער אָרגאַניסט און יענער האָט מיך געשיקט צו זיינעם אַ פריינד, ביי וועמען איך בין אָפּגעווען אַ פּאָר וואָכן אין שטאַל.

אין אַ פרימאָרגן עפנט זיך די טיר פון שטאַל און איך דערזע פאַר זיך דעם פּויער מיט אַ דייטש. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז מיין סוף.

פון מיין גרויסער טויט־שרעק איז אָבער גיך גע־וואָרן אַ גרויסע פרייד: דאָס איז געווען דער דייטש, וואָס האָט מיטגענומען מיין שוועסטערל קריינדלען קיין בענ־דין זי צו ראַטעווען.

אַ טאָג פריער, ווען איך בין געווען אַרויס פון שטאַל, האָב איך אים דערזען פון דער ווייטנס. דאָס איז געווען אַ ריינער צופאַל, ווייל ער איז גראָד געגאַנגען צום פּויער, וואָס האָט מיך אויסבאַהאַלטן. ער האָט זיך דערפרייט מיט מיר. ער האָט מיר אָנגעזאָגט זיך גוט צו באַהאַלטן ביז מאָרגן אין דער צייט, ווען ער וועט ווידער קומען אַהער.

דער דייטש האָט געהאַלטן וואָרט און איז געקומען מיט נייע קליידער פאַר מיר און אַ נייעם פאַלשן פּאַס אויפן נאָמען פון וולאַדיסלאַוו קאַלאַשקאַ. ער האָט מיך אויך אָפּראַזירט און זיך געלאָזט מיט מיר אין וועג אַריין.

נאָכן אָפּגיין אַ טאָג זענען מיר ביינאַכט געקומען צו דער אייזערנער בריק, ווו דער צוג גייט אַ ביסל לאַנגזאַמער. דאָרטן האָבן מיר געקאָנט אַרויפטאַנצן אויף אַ לאַסט־צוג און מיר זענען געקומען ביינאַכט קיין דאַרסק. דאָרטן האָט ער מיך געלאָזט ביי זיינע באַקאַנטע שוין ווי אַ קריסט. אין צוויי טעג אַרום איז ער געקומען מיך נעמען און מיר זענען דערנאָך אָפּגע־פאָרן קיין וואַרשע. דאָרטן האָט ער מיך גענומען אין אַ צימער, ער האָט מיך געבאָדן און געגעבן נייע וועש. פון וואַרשע האָט ער מיך געבראַכט קיין טשענסטאָכאָוו. פון דאָרטן האָט ער מיך איבערגעגעבן אין די הענט פון אַנדערע באַקאַנטע זיינע, וועלכע האָבן אויף פאַר־שידענע אומוועגן מיך געבראַכט צו אַ גרויסן וואַלד. פון דאַנען האָב איך שוין אַליין געמוזט ריזיקירן צו גיין דעם וועג ביז אַן אַנגעוויזענעם אָרט. מיט מזל בין איך דורכגעגאַנגען דעם וואַלד.

גייענדיק האָב איך באַמערקט קליינע הייזער נישט ווייט פון דער באַן־סטאַציע. איך האָב איינגעשטעלט און בין אַריינגעגאַנגען אין אַ קליין שטיבל. דאָרטן האָט געוווינט אַ שניידער. געווען אַן אָרנטלעכער קריסט. ער האָט מיר געגעבן אַ גלאָז וואַרעם מילך און גע־פרעגט וואָס איך וויל. איך האָב אים דערציילט, אַז איך וויל קומען קיין בענדין צו מיין שוועסטער. אויף דעם האָט דער שניידער געענטפערט: איך זע, אַז דו ביסט אַן אָנשטענדיקער מענטש. איך גיב דיר מיין פּאַספּאָרט, ווייל ביי דער באַן איז אַ גרויסע קאָנטראָל. שפּעטער וועסטו מיר אָפּשיקן דעם פּאַס.

אַזוי בין איך מיט צוויי קריסטלעכע פּעסער אָנגע־קומען צו מיין שוועסטער אין בענדין. מען האָט גע־וויינט פאַר פרייד פון דער באַגעגעניש און פון טרויער, וואָס אַלע אונדזעריקע זענען שוין נישטאָ.

אין בענדין ביי מיין שוועסטער בין איך נישט געווען געמאָלדן. און דאָס איז געווען אַ גרויסע געפאַר פאַר דער גאַנצער פאַמיליע פון מיין שוועסטער. פונ־דעסטוועגן בין איך דאָרט געווען אַ פּאָר חדשים. ווען מען האָט אָנגעהויבן רעדן, אַז מען וועט נעמען די יידן אין לאַגערן — ווייל ביז דעמאָלט האָט מען נאָך וועגן דעם נישט גערעדט אין בענדין, און איך האָב שוין גע־וווּסט גוט, וואָס דאָס באַדייט — האָב איך באַשלאָסן אַרויסצופאָרן קיין דייטשלאַנד אויף דעם פאַלשן נאָמען פון מיין אוקראַאינישן פּאַס, קאַלאַשקאַ וולאַדיסלאַוו.

איך בין אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד, אין אָפּעלן. דאָרטן האָב איך זיך געמאָלדן אין דער אַרבעטס־געמיינ־דע וועגן אַרבעט. ווען איך האָב געזאָגט, אַז איך קען גערטנערייַ, האָט מען מיר גלייך געגעבן אַרבעט אין אַ גרויסער גערטנערייַ, וואָס געהערט צו דעם שטאָט־

ראַט. דעם ערשטן טאָג האָט מען מיך גערופן צו דער געסטאַפּאָ, האָב איך געמיינט, אַז דאָ איז שוין מיין סוף. אָבער מען האָט נאָר געפאָדערט פון מיר מיין פּאַס צו רעגיסטרירן.

מיין אַרבעט איז געווען נישט פון די גרינגע. מען האָט מיך באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע שמוציקע אַרבעטן. דריי מאָל אַ וואָך האָב איך געהאַט צו באַגראָבן טויטע זעלנער, אַראָפּנעמען די קליידער פון זיי און אַלע שטיקלעך צוזאַמענלייגן אין די קאַסטנס. ביי דער אַרבעט האָבן מיר די אָנפירער געגעבן צו טרינקען קאָניאַק, אַז איך זאָל נישט קראַנק ווערן.

מיט מיין קריסטלעכן פּאַס אין קעשענע, האָט מיך אַלץ, פאַרשטייט זיך, די שרעק פאַרן טויט נישט אָפּגעלאָזט אויף אַ מינוט. און מיט אָט דער טויט־שרעק האָב איך דאָ אָפּגעאַרבעט איבער אַ יאָר צייט. געווען מאָמענטן, ווען מען האָט מיך געוואָלט שיקן אויפן פראָנט, ווייל מען האָט מיך אָנערקענט ווי אַן אוקראַינער. נאָר דורך פאַרשידענע קונצן האָב איך זיך אַרויסגעדרייט פון דעם.

ווען די רוסישע אַרמיי האָט זיך גענומען דערנענטערן צו אונדז, האָט מען אָנגעהויבן גראָבן אָקאָפּעס. דאָס איז געווען דאָס ערגסטע, ווייל מיר זענען געווען צווישן צוויי פייערן. איך מיט נאָך אַ פּאָר האָבן זיך ערגעץ־ווו אויסבאַהאַלטן, און אַ שיינע נאַכט זענען מיר אַנטלאָפן אין אַ צווייטער שטאָט, ווייטער פון פראָנט. דאָרטן האָט זיך מיר אויך איינגעגעבן צו קריגן אַרבעט אין אַ גאָרטן פון אַ שפּיטאָל. אין זעקס וואָכן אַרום זענען אַהין אָנגעקומען די סאָוויעטן — דאָס איז געווען אין 1945 — און איך האָב אָנגעהויבן מאַכן מיינע פּלענער פון אַרויסרייסן זיך פון דער פאַרשאָלטענער ערד.



בית המלון „ויקטוריה” של משפחת כץ
האטעל „ויקטאריא” פון פאמיליע כץ אויף דער פוילישער גאס

רעגינאַ אַלעקס (רבקה גערשענבערג)

צרות אין באהעלטעניש

ווען מען האָט געזען בחוש, אַז עס דערנענטערט זיך די ליקווידאַציע פון געטאָ, האָב איך און מיין מאַן משה באַשלאָסן צו אַנטלויפן צו אַ באַקאַנטן גוי.

איך און משה האָבן געהאַט אָפּגערעדט זיך צו טרעפן אין וואַלד. איך האָב געוואַרט און געוואַרט, און משה איז נישט געקומען. איך האָב אינגאַנצן געציטערט פון שרעק. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער באַקאַנטער גוי, וואָס איז געפאָרן מיט משהן און די זאַכן צו דער 10־טער דיעלאַנקע אין וואַלד זיך צו טרעפן מיט מיר, האָט אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער, צוגענומען ביי אים די זאַכן, געהייסן אים אַרויסגיין פון וואָגן און אים נאָכגעשאָסן, אָבער נישט געטראָפן.

דאָס האָב איך זיך דערוווסט נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיך געטראָפן אין דער גאַיוווקע.

צו מאָרגנס בין איך געגאַנגען צוריק אין שטאָט, כדי צו פאַרלענגערן ביים יודנראַט משהס „שיין". דערנענטערנדיק זיך צו דער שטאָט, האָב איך געהערט שיסערייען. פּלוצלינג האָב איך געהערט, ווי עמעצער רופט אָן מיין נאָמען. פון דערווייטנס האב איך דערזען באַהאַלטן אַ יונג ייִנגל, אַ ליבעוונער, פון דער פאַמיליע, וואָס מען האָט גערופן „פּיצינקעס". ער האט מיר צוגערופן און דערציילט, אַז ביינאַכט איז געווען די לעצטע אַקציע אין געטאָ. דעמאָלט האָב איך זיך אומגעקערט צוריק אין דער גאַיוווקע.

דער וואַלד־אויפזעער האָט אונדז באַקענט מיט אַ פּאָליאַק, וואָס האָט געהייסן אַנדזשיי אַרמאָטאַ. ער האָט געהאַט נישט ווייט אַ פאַרם. ער האָט אונדז מיטגענומען אויף זיין וואָגן מיט קלעצער און אונדז געבראַכט אין אַן אָרט פון קאַרטשעס (קוסטעס) און זומפּן מיר האָבן אונטערגעלייגט צווייגן אויף אַ טייל פון די זומפּן, באַדעקט מיט שטרוי, און אַזוי זענען מיר דאָרט אָפּגעווען אַ זעקס וואָכן. דער קריסט פלעגט אונדז ברענגען איינמאָל אין טאָג עסן. מיר האָבן אים געהאַלטן אין איין בעטן, ער זאָל אונדז אַריינגעמען אין זיין שייער. ער האָט אָבער מורא געהאַט פאַר זיין פרוי.

אַנהויב נאָוועמבער האָט מען שוין נישט געזען קיין בלעטער אויף די קוסטעס. אַ גוי האָט באַמערקט אונדזער באַהעלטעניש, איז ער צוגעקומען צו אונדז מיט אַ האַק און געפאָדערט געלט. מיר האָבן אים אָוועקגעגעבן דאָס גאַנצע פּאַפּיר־געלט. מיר האָבן אים בכיוון געבעטן אונדז ברענגען ברויט, ווייל מיר האָבן געוואָלט געווינען צייט צו אַנטלויפן ביז ער וועט צוריקקומען.

מיר האָבן געוווּסט, אַז אונדזער גוי אַקערט דאָס פעלד נישט ווייט פון אונדז. איך האָב אים אויפגעזוכט און אים אַלץ דערציילט. ער האָט אונדז צוגענומען די זעלבע נאַכט צו זיך אין שייער. שפּעטער האָט ער אונדז דערציילט, אַז עס זענען געווען שיסערייען אין די קאַרטשעס, ווו מען האָט אונדז געזוכט. די שיסערט האָבן געטראָפן נישט ווייט פון אונדז נטע פוקס און מענדל צימערבוים, מירל דער פישערקעס אַן אייניקל. זיי זענען אומגעקומען אין דער נאַכט, ווען דער קריסט האָט אונדז אַריינגענומען אין שייער.

אין 1943 זענען די אוקראַינער באַפאַלן דאָס דאָרף ווו מיר זענען געווען באַהאַלטן, און וואָלאָ אָסטראָוויעצקאָ איז געוואָרן ריין פון פּאָליאַקן, אַזוי ווי ליבעוונע פון יידן. די אוקראַינער האָבן אַלע פּאָליאַקן פון דאָרף פאַרברענט לעבעדיקערהייט לעבן דער פאָלקס־שולע. זיי האָבן פריער אַליין געמוזט גראָבן גריבער פאַר זיך.

מיר זענען אָפּגעלעגן נאָך דריי טעג אָן עסן. וואַסער האָבן מיר אויך נישט געהאַט. משה האָט באַשלאָסן צו גיין זוכן אַ ניי באַהעלטעניש. ער איז אַוועק, אָבער מער נישט צוריקגעקומען.

מיך האָט מען פאַרשיקט מיט פּאָליאַקן ווי אַ קריסטין צו אַרבעטן אין אַ פאַבריק אין כעלם. דאָרט האָב איך געאַרבעט אונטערן נאָמען פון יאַנינאַ נאָוואַק ביזן אַריינקום פון די רוסן אין יאָר 1944.

חייקה קאַלטון־פּאַזנער

אין שאָטן פון אומקום

כדי זיך צו ראַטעווען פון פּלוצלינגדיקע כאַפּענישן אין די הייזער און זיך אויסצוהיטן פון בלוט־אַקציעס פון די מערדערס האָבן מיר אין אונדזער שטוב געמאַכט אַ טאָפּלוואַנט. דאָרטן פלעגט זיך באַהאַלטן אונדזער גאַנצע פאַמיליע. צוליב מיין קליין קינד בין איך מיט מיין מאַמען אַרויף אויף דעם בוידעם, ווו מיר זענען געווען צוויי טעג. ווען איך האָב נישט געהאַט וואָס צו געבן מיין קינד עסן, בין איך אַראָפּ פון בוידעם צו מיינע ברידער נאָך עסן. אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָב איך געהערט ווי מען שיסט אויפן בוידעם. ווען איך בין צוריקגעקומען, האָב איך שוין מיין מאַמען מיטן קינד נישט מער געטראָפן. איך בין צוריק אַרונטער צו מיינע ברידער און מיט זיי פאַרבליבן נאָך עטלעכע טעג.

איין נאַכט זענען מיר אַרויס פון דער באַהעלטעניש און געלאָזט זיך לויפן, ביז מיר זענען אָנגעקומען אין זעמליצער וואַלד. מיין ברודער האָט געהאַט דאָרטן באַקאַנטע פּויערים, וואָס ער פלעגט מיט זיי האַנדלען. ווען מיר זענען געקומען אין וואַלד אַריין האָבן מיר זיך געטראָפן מיט נאָך יידן און צוזאַמען זענען מיר שוין געווען 12. מיין ברודער סאָכער (יששכר) איז באַלד אַוועק און געבראַכט אַ לעבל ברויט און וואַסער.

אין וואַלד זענען מיר אָפּגעווען אַ דריי מאָנאַטן. געשלאָפן אויף דער ערד, דורכגעמאַכט די גרעסטע קעלט און הונגער. איינמאָל, ווען מיר זענען געזעסן ביי אַ פייער און זיך געוואַרעמט, האָבן מיר פּלוצלינג דערהערט אַ שיסעריי. מיר האָבן אַלע גענומען לויפן. דאָס זענען געווען אוקראַינישע פּאָליציאַנטן. איך בין געלאָפן מיט אַלע כוחות ביז איך בין אַריין צווישן געדיכטע ביימער און דאָרטן אָפּגעלעגן אַ גאַנצע נאַכט אין שניי. צומאָרגנס בין איך געגאַנגען זוכן מיינע ברידער. אויפן וועג האָב איך געטראָפן דריי מענער פון אונדזער גרופּע. ווען מיר זענען געקומען צו אונדזער פריערדיקן אָרט, האָבן מיר דערזען, אַז אַלע ליגן טויט, צווישן זיי — מיינע ברידער און מיין שוועסטער. צוליב מורא דאָ צו פאַרבלייבן ווייטער, זענען מיר אַוועק אין אַן אַנדער אָרט אין וואַלד, און דאָרטן זענען מיר אַלע פיר אָפּגעווען דעם גאַנצן ווינטער.

אין 1943 האָבן מיר געטראָפן אין דעם זעלבן וואַלד נאָך יידן פון אונדזער שטאָט. צווישן זיי איז אויך געווען מיין שכן דוד ציפּערברוין, יאַנקל בלומענס אַ שוואָגער. בעת אַ פּלוצימדיקן איבערפאַל פון אוקראַינישער פּאָליציי איז דוד דערשאָסן געוואָרן. איך און די איבעריקע האָבן זיך דורך אַ נס געראַטעוועט דורך אַנטלויפן. מיר זענען ווידער אַוועק אויף אַ נייעם אָרט אין וואַלד. און אַזוי איז געווען אונדזער לעבן. יעדן טאָג אויף אַן אַנדער אָרט. איך ווייס אַליין נישט, ווי אַזוי מיר האָבן דאָס געקאָנט דורכטראָגן, אָן עסן, אָן קליידער אין די ביטערע קעלטן.

אין יאָר 1944 איז ליבעוונע באַפרייט געוואָרן דורך די רוסן. ווען מיר זענען געקומען קיין ליבעוונע, האָבן מיר אונדזער שטעטעלע נישט דערקענט. אַ גרויסער טייל — חרוב און פאַרברענט. די אַלטע שיל צעבראָכן. אין מיין זיידנס שטוב האָט געוווינט אַ פּאָליאַק. איך האָב אים באַלד געהייסן פאַרלאָזן די שטוב.

שפּעטער זענען צוגעקומען נאָך עטלעכע ליבעווונער, אָבער קיינער פון אונדז איז שוין לאַנג נישט פאַרבליבן אויפן אָרט, וואָס איז אָנגעזאַפּט געוואָרן מיטן בלוט פון אונדזערע טייערסטע און ליבסטע.

רחל לייכטער־ווייסמאַן

אין געלויף פון טויט

ווען דייטשן זענען אַריין אין אונדזער שטעטל האָט דאָס שוין געציילט צוזאַמען מיט די „ביעזשענצעס" אַ צען טויזנט מענטשן, אָבער גלייך נאָך דער אָקופּאַציע איז מיט יעדן טאָג די צאָל פון די יידן געוואָרן ווייניקער. ווער עס איז אומגעקומען פון הונגער, ווער פון דער שווערער אַרבעט און וועמען מען האָט גלאַט געשאָסן אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרווען.

די יונגע מיידלעך און ייִנגלעך אין געטאָ האָבן אויסגעטראָגן אויף זייערע יונגע און שוואַכע פלייצעס די זעלביקע לאַסטן, ווי דערוואַקסענע מענער. אין אַ בריגאַדע פון אַזעלכע מיידלעך און ייִנגלעך, וווּ מיר איז אויסגעקומען צו אַרבעטן ביי דער באַן־סטאַציע, פלעגן מיר שלעפן אויף זיך צען־מעטערדיקע רעלסן. מען פלעגט אונדז שטעלן אַראָפּלאַדעווען זאַמד און שטיינער פון די וואַגאָנעס, און אַט די אַרבעט האָט געדאַרפט געטאָן ווערן גיך, און טאָמער האָט זיך ווער צופעליק געוואָלט אויסגלייכן די פלייצע, האָט ער באַלד געקראָגן אַ רויטן פאַס אויפן קערפער פון דער נאַגייקע. עסן האָט מען געגעסן אַ קליין פלעצעלע פון קלייען מיט אַ ביסל גראָז, די פאָר הונדערט גראַם ברויט, וואָס מען האָט געקראָגן, האָט מען באַלד אויפן אָרט אַראָפּגעשלונגען און מען האָט עס אַפילו נישט אָנגעהויבן פילן.

די אַרבעט אונדזערע האָט זיך אָנגעהויבן ביי דעם בוג, די לעצטע דייטשע גרענעץ, איידער מען האָט די רוסן פון דאָרט פאַרטריבן, און זי האָט זיך געצויגן כמעט ביז קאָוועל.

נאָך דער אַרבעט האָט מען אונדז געפירט, אַרומגערינגלט מיט אוקראַינישער פאָליציי און הינט. מען פלעגט קוים די פיס שלעפן פון מידקייט. אַ חוץ דעם האָט מען נאָך געקלערט, ווער ווייסט, צי מען וועט אין דער היים טרעפן אַלע לעבעדיק און געזונט און אויב עס וועט נאָך זיין אַ ביסל גריץ אויף צו דערכאַפּן דאָס האַרץ.

אונדזער פאַמיליע איז באַשטאַנען פון מיין אַלטן טאַטן, מיין שוועסטער מיט איר קינד און אַ שוועגערין מיט אירס אַ קינד.

אויב עס האָט זיך איינגעגעבן צו קריגן עפעס מיט וואָס צו דערקוויקן זיך, האָט מען געמוזט פריער אַראָפּנעמען עפעס פאַר די קינדער.

די ערשטע צייט האָבן אַ פאָר ווילע יידן געשאַפן אַ קאָמיטעט, וואָס איז אַרומגעגאַנגען צו די רייכערע און צוזאַמענגעקליבן פאַר די אָרעמערע אַ ביסל איבערגעבליבענעם אַפּפאַל, אָנטועכץ, געלט. אָבער דאָס האָט זייער ווייניק געהאָלפן, ווייל ווער מ׳שטיינס געזאַגט, איז שוין דאַן געבליבן רייך, אַז ער זאָל קענען פון זיך אָפּרייסן און צעטיילן פאַר אַנדערע?!... צווישן די „קאָמיטעטשיקעס" איז געווען ר׳ אברהם שיינער. ווען ער פלעגט אַריינגיין אין אַ שטוב, פלעגט מען אים לויפן אַנטקעגן מיט עפעס. ער איז געווען זייער אַ קלוגער מענטש און מען האָט זיך אין שטאָט מיט אים גערעכנט. אָבער ביי דעם דייטש איז ער געוואָרן פאַרענדערט נישט צו דערקענען. עס איז בכלל שווער געווען צו דערקענען אַ שטאָטישן ייד, אויף יעדן איינעם איז געלעגן אַ מרה־שחורה, מען האָט פאַרלוירן די לעבעדיקע שטריכן, עס איז נישט מער געבליבן ווי שאָטנס פון אַמאָליקע מענטשן.

כאָטש אונדזער פאַמיליע האָט זיך צוגעגרייט ווייניק עסן, האָבן מיר אָבער געהאַט אַ שטיקל מזל וואָס שייך עסן צוליב אַ געשיכטע, וואָס איז זיך געהאַט פאַרלאָפן מיט גאַנצע צוואַנציק יאָר צוריק.

נאָכן פאַרן ערשטן וועלט־קריג, ווען מיר האָבן געוווינט אין נאָענטן דערפל ווישניעווע, האָט נישט ווייט פון אונדזער אָרעם שטיבל געלעבט אַ קריסטלעכער שכן מיטן נאָמען סידאָר בידניאַק. ער איז געווען אַ רייכער און אויך זייער אַ קלוגער דערצו. מיין טאַטע פלעגט יאָרן־לאַנג זיך טרעפן מיט אים און אויך האַנדלען מיט

אים. האָט איינמאָל פּאַסירט, אַז מיין טאַטע איז צופעליק אַדורכגעגאַנגען איבער זיין לאַנקע און האָט אים גע־טראָפן ליגן אויף דער ערד מיט דער קאָסע ביי דער זייט. געווען איז עס אין 1920 אָדער 1921, ווען אַ סך פּוילישע בירגער, וואָס זענען אין צייט פון קריג אַנט־לאָפן קיין רוסלאַנד, האָבן זיך אומגעקערט אַהיים. אָט דער קריסט איז אויך געווען פון יענע „צוריקגעקומענע" און איז דענסטמאָל געווען שטאַרק פאַראָרעמט. מיין טאַ־טע האָט אים געפרעגט: — וואָס ליגסטו, סידאָר, אין מיטן העלן טאָג? האָט אים סידאָר, מיט די לעצטע כוחות געענטפערט: מאַי דאַראַגאַי, ביסט טאַקע זייער גערעכט, אָבער איך בין נישט אימשטאַנד מיט מיינע הענט צו רירן, זיי זענען געשוואָלן פון הונגער, איך גיי ממש אויס. אָבער מיין טאַטע האָט אים צוגעגעבן מוט און האָפענונג, האָט אים געגעבן צען זלאָטעס און שפּע־טער אים באַזאָרגט מיט אַ מעטער גערשטן. דער קריסט האָט ווי אויפגעלעבט און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער געזאָגט צו מיין טאַטן:

שמואל, דאָס וועל איך דיר אין לעבן קיינמאָל נישט פאַרגעסן. איך וועל נאָר בעטן גאָט, אַז ער זאָל מיך שטאַרקן און מיר דערמעגלעכן דיר צו קאָנען אָפּדאַנ־קען פאַר דיין גוט האַרץ! דו האָסט מיך ממש אָפּגעראַ־טעוועט פון לאַנגזאַמען טויט און מיר געשענקט דאָס לעבן.

דער קריסט האָט זיך דערנאָך ווידער אַרויפגעאַר־בעט. ווען ער פלעגט נאָר טרעפן מיין טאַטן, פלעגט ער אים עפּעס געבן אַ מתנה פאַר די קינדער. ווען עס איז געקומען דער נייער וועלט־קריג מיט די אַלע אומגליקן אויף יידן, האָט סידאָר ווידער נישט פאַרגעסן מיין טאַטן. ער האָט נישט איינמאָל ריזיקירט מיט זיין לעבן, ברענ־גענדיק אונדז עסנוואַרג. ער האָט זיך מיט דעם נישט באַגנוגנט און ער האָט מערערע מאָל געזאָגט צו מיין טאַטן: טאָמער וועט זיך שאַפן אַ לאַגע, אַז עס וועט ווערן אַ סכנה פאַר אייער לעבן, זאָלט איר אַנטלויפן פון געטאָ און קומען צו מיר. מיין טיר וועט זיין תמיד אָפן פאַר אייך.

דערווייל האָט מען נאָך נישט געדאַרפט אַנטלויפן פון געטאָ, אָבער די לאַגע פון די יידן איז אַלץ געוואָרן שרעקלעכער און אומדערטרעגלעכער. ביי אונדז האָט מען שוין איינמאָל געהאַט צוגענומען דעם אַלטן טאַטן, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע יידן, צו עסקאָרטירן פערד קיין רוסלאַנד. דאָס געזעגענען זיך מיטן טאַטן וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. באַשרייבן די סצענע פון גע־זעגענען זיך, וואָס יעדער האָט געוווּסט, וואָס דאָס באַ־דייט, האָב איך נישט קיין כוח. צופעליק האָט זיך גע־מאַכט, אַז נאָך דעם ווי דער פּאָליציאַנט האָט אים כמעט ווי מיט געוואַלד צוגעשלעפּט צום יודנראַט, ווייל גיין האָט ער שוין קיין כוח נישט געהאַט, האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז מען האָט שוין געכאַפּט מער ווי די נייטיקע צאָל, און מען האָט מיין טאַטן באַפרייט.

אַלע אין געטאָ האָבן פאַרשטאַנען — כאָטש מען האָט געוואָלט פאַרטרייבן פון זיך דעם געדאַנק — אַז די ליבעוונער יידן וועלן נישט אויסמיידן דעם ביטערן גורל, וואָס עס האָט געטראָפן די אַלע יידן אין די אַרו־מיקע ערטער. כדי זיך צו פילן אַ ביסל זיכערער, האָבן אַ סך יידן באַצייטנס אויסגעבויט ביי זיך אָדער אַרום סכראָנען (מעלינעס). ביי אונדז אין שטוב זענען מיר אויך נישט אָפּגעשטאַנען פון דעם. עס זענען געווען ביי אונדז גאַנצע צוויי סכראָנען, מיט דער אויסרעכענונג, טאָמער געפינט מען איינעם, זאָל מען תיכף קאָנען אַריבער־וואַנדערן אין צווייטן. נישט איינמאָל האָבן מיר זיך גע־ראַטעוועט דורך די דאָזיקע באַהעלטענישן. אָבער ווען עס איז געקומען דער שרעקלעכער טאָג פון אונדזער געטאָ, ערב הושענא רבה 1942, און מיר האָבן אַלע גע־ווּסט, אַז דאָס איז שוין די לעצטע אַקציע, האָט מיין טאַטע מיט כוח מיך אַרויסגעשטופּט אויף דער גאַס. זאָגנדיק:

לויף מיין קינד וווּהין דו קאָנסט, מיין טייערע, דו האָסט נאָך ווייניק געלעבט, אפשר וועט זיך דיר איינ־געבן, אַז דו וועסט בלייבן לעבן, וועסטו אונדז אַמאָל דערמאָנען און קאָנען נעמען נקמה פאַר אונדזער אַוועקגיין פון דער וועלט מיט אַזאַ שרעקלעכן טויט... לויף, קינד מיינס, צו סידאָרן קיין ווישניעווע. ער וועט דיך אויס־באַהאַלטן.

איך האָב געפאָלגט דעם טאַטן. פאַרשטעלט מיט אַ גוישער שאַל האָב איך זיך דורכגעכאַפּט אַ ריי געסלעך, ביז איך בין אָנגעקומען צו אַ באַקאַנטן קריסט, ווייל אין זיין שטאַל איז געווען צוגעגרייט אַ קליינער סכראָן. פון אויבן האָבן זיך געפונען מיינער אַ קוזין מיט זיין פרוי און קינדער. מיר האָבן איינער פון אַנדערן געוווּסט און זיך פאַרשטענדיקט. עס האָט אָבער לאַנג נישט געדוי־ערט, ווי אין אַ פרימאָרגן איז געקומען פּאָליציי און געפונען מיין קוזין פּנחס כינינזאָן מיט זיין פרוי און קינדער.

דריי טעג בין איך אָפּגעווען אין דאָזיקן אָרט. פון די פויערישע רייד, וואָס זענען דערגאַנגען צו מיר דורכן ווענטל, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס רוקט זיך אָן אויף מיר אַ גרויסע געפאַר. איך האָב דעריבער באַ־שלאָסן צו אַנטלויפן פון דאַנען. געטראַכט און געטאָן. אין מיטן דער נאַכט, ווען אַלץ אַרום איז געווען פאַר־זונקען אין אַ טיפן שלאָף און עס האָט גראַד געערגנט אין דרויסן, בין איך אויף אַלע פיר אַרויסגעקראָכן פון

דער נאַרע און דורך פאַרשידענע הינטערוועגן זיך געלאָזט אויסערן דאָרף.

דערווייל האָב איך געכאַפּט אַ ביסל רעגנוואַסער און אַריינגעגאָסן אין מויל אַריין, זיך אַזוי אַרום מחיה געווען. ווייל די צונג איז מיר שוין פאַר דער צייט געוואָרן פאַרהאַרטעוועט. אין די גערטנער האָב איך געכאַפּט אַ פּאָר בוראַקעס, מייערן. איך האָב זיך דערשלעפּט צום סכראַן פון אונדזער הויז, וואָס איז געווען נישט באַשעדיקט. איך בין דאָרט געלעגן גאַנצע זעקס טעג. איינמאָל ביינאַכט, צו מיין גרויסער שרעק, האָב איך דערהערט אַ יידיש קול: לעבט נאָך ווער פון שמואלקן? איך בין מאָטל גרימאַטליכט, מאָטל פּיניע ליפּעכעס, דער וואָס האָט געהאַנדלט מיט פערד.

איך האָב אים, פאַרשטייט זיך, אַריינגעלאָזן אין סכראַן. ער האָט מיר דערציילט, אַז ביי אים זענען פאַרבליבן נאָר די אייניקלעך. זיי, צוזאַמען מיט נאָך 33 אָפּגעראַטעוועטע יידן, ליגן אין אַ באַהעלטעניש ביי אים אין שטאַל. ער האָט מיר פאַרגעשלאָגן, אַז היות מירביידע ווייסן גוט די וועגלעך אַרום, זאָלן מיר פּרווון איצט, אין מיטן דער רעגנדיקער נאַכט, אַרויספירן זיי ביזן דאָרף ווישניעווע. איך האָב מסכים געווען, און די זעלביקע נאַכט האָבן מיר מיט גרויסע צרות אויסגעפירט דעם פּלאַן.

מיט די לעצטע כוחות האָבן מיר זיך דערשלעפּט אַזוי צו אַ פאַרבלאָטיקט אָרט, אַרומגענומען מיט קשאַקעס (קוסטעס). מיר האָבן זיך דאָרט אַוועקגעזעצט אויף אַ פּאָר מינוט כאַפּן דעם אָטעם. נישט ווייט פון אונדז האָבן מיר געהאַט דעם געדיכטן וואַלד, וואָס איז דאַן געווען אונדזער איינציקער פריינט און באַשיצער.

ווען מיר זענען אַ ביסל געקומען צו זיך, האָט מאָטל מיר געזאָגט:

אַזוי ווי דיך, רחל, קען מען גוט און אויך דיין טאַטן געדענקען אַלע פויערים פון דער געגנט, האָב איך פאַר דיר אַ פאַרשלאַג, אַז דו זאָלסט ווי עס איז צוקומען צו אַ נאָענטן כוטאָר, באַקום עפּעס עסן פאַר אונדז אַלעמען, ווייל מיר מוזן זיך באַלד אַריינלאָזן אין וואַלד אַריין און באַהאַלטן זיך פאַר דעם ליכטיקן טאָג.

נאָכדעם ווי ער האָט פאַרענדיקט זיין פאַרשלאַג, האָט מיר איין פרוי גלייך דערלאַנגט אַ גאָלדן פינפערל צו באַצאָלן דעם פויער פאַרן עסן.

נישט אָפּגייענדיק לאַנג פון דער גרופּע האָב איך באַלד באַמערקט אַ קליין פייערל פון אַ כאַטקע, עמעצער איז שוין פון פריען מאָרגן אויפגעשטאַנען עפּעס צו טאָן אין זיין באַלעבאַטישקייט. וואָס נענטער איך בין געווען צו דער שטוב, אַלץ האַסטיקער האָט מיר מיין האַרץ גענומען קלאַפּן. לעבן דער שטוב האָב איך שוין גענומען קריכן אויף אַלע פיר. פּלוצעם האָב איך דערהערט אַ קול און איך האָב גלייך דערקענט, אַז דאָס רעדט סידאָר בידניאַק, וואָס האָט אַמאָל צוגעזאָגט מיין טאַטן אונדז צו העלפן אין אַ גרויסער געפאַר. וואָס פאַר אַ גליקלעכער צופאַל! ווען ער איז צוגעקומען נאָענטער צו מיר, האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט, זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט: דיאַדיע סידאָר!

נאָך זיין ערשטער איבעראַשונג און איבערגעשראָקנקייט אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט האָט ער מיר געזאָגט: האָב נישט קיין מורא, רחלע, אַז דו האָסט זיך דערשלעפּט צו מיר, דאַרפסטו זיך נישט זאָרגן, קום אַריין צו מיר אין שטוב אַריין.

איך האָב אים איבערגעגעבן אין קורצן וועגן מיין שליחות. איך האָב אים דערציילט, אַז די מענטשן געפינען זיך אין די בעריאָזעווע קאַרטשעס און זיי זענען טויט־הונגעריק. סידאָר איז אַליין אַוועק ברענגען די יידן דאָס עסן, זיי אָפּגעגעבן צוריק דאָס פינפערל, מיך האָט ער מער נישט געלאָזן גיין צוריק אין וואַלד, נאָר מיך באַהאַלטן אין קליינע קאָפּיצעס שטרוי פון רעטשקע, נישט ווייט פון זיין שטוב. דער אַריינגאַנג איז געווען פאַרלייגט מיטן זעלביקן שטרוי, פון אויסן איז גאָרנישט געווען קענטיק. דאָרטן בין איך אָפּגעלעגן קנאַפּע פיר וואָכן. שפּעטער, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די צייט פון פאַרגראָבן די קאַרטאָפל אויפן ווינטער, האָט ער אויסגעגראָבן פאַר מיר אַ טיף גריבל, אַרויפגעלייגט דערויף אַ פּאָר צווייגלעך און אויף די צווייגלעך געמאַכט אַ „דאַך" פון גרינס פון די קאַרטאָפל. אין דער דאָזיקער באַהעלטעניש בין איך געווען נאָך אַ פּאָר וואָכן.

ווען עס איז שוין געוואָרן קעלטער אין דרויסן און איך האָב שוין נישט געקענט מערער בלייבן אין קאַרטאָפל־גרוב, איז איינמאָל געקומען צו מיר סידאָר און מיר געזאָגט, אַז די שטוביקע ווייסן פון מיין באַהעלטעניש און אַז ער האָט פון זיי גרויסע צרות צוליב דעם. ער האָט מיך דעריבער איבערגעקליבן איינמאָל אין אַן אַנדער אָרט, מאַסקירט אין זיין שטאַל, אַז די שטוביקע זאָלן נישט ווייסן, און ווען זיי האָבן זיך אויך וועגן דעם דערוווּסט, האָט סידאָר מיך באַזאָרגט מיט פאַרשידענע באַהעלטענישן ביי פאַרשידענע פויערים, צו וועמען ער האָט געהאַט צוטרוי.

אַזוי האָט זיך ווידער אָנגעהויבן — מיט נאָך אַ שטאַרקערן טעמפּ און מיט נאָך גרעסערע געפאַרן — מיין געלויף פון טויט. איך האָב ווידער גענומען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט, געוואָגלט פון איין אָרט אין אַ צווייטן, ווו געטאָגט — נישט גענעכטיקט.

אין די אַלע צרות און פּלאָגן האָב איך זיך געפרייט, אַז דער ווינטער האַלט שוין ביים סוף. כאָטש דער מלאך־המוות האָט מיך ווייטער באַגלייט אויף יעדן

טריט, האָבן די וואָרעמערע וועטערן דאָך צוגעגעבן אַ ביסל מוט און טאַקע אויך פאַרלייכטערט דעם קאַמף מיטן הונגער.

עס האָט זיך גענומען דערנענטערן זייער פּאַסכאַ. אַלע שטאָטישע מילן זענען געווען פאַרנומען דורך די דייטשן, האָבן די גויים באין ברירה אָנגעהויבן זיך באַנוצן, ווי אין די „גוטע" אַלטע צייטן, מיט די שטוביקע זשאַרנעס, וואָס זענען געשטאַנען כמעט ביי יעדן קריסט אין שטוב, אין פאָדערהויז אין אַ ווינקל. די בעסערע קריסטן, וואָס איך האָב נישט איינמאָל פאַרבלאָנדזשעט ביי זיי און אַ נאַכט איבערגענעכטיקט, האָבן מיך אין אָט דער צייט אַנגאַזשירט צו טרייבן אָט די זשאַרנעס. די אַרבעט פלעג איך מאַכן אין די נעכט, ווייל מיטן פריימאַרגן האָב איך זיך גיך געמוזט אָפּטראָגן אין וואַלד אָדער אין די קוסטעס. פאַר מיר איז די צייט פּשוט געווען אַ גליקלעכע, ווייל איך פלעג כאָטש קריגן זאַט אָפּצועסן און אַמאָל אַפילו דורכצושלאָפן.

זומער איז געווען אַ סך לייכטער. כאָטש די געפאַרן זענען געווען די זעלביקע און אפשר גרעסערע, ווייל די פאַסטעכער און סתם שקצים האָבן זיך אַרומגעדרייט אומעטום — האָט אָבער די קעלט נישט געגעסן די ביינער און ס'איז אויך געווען לייכטער מיטן עסן. איך פלעג זיך נישט איינמאָל אָנעסן מיט די רייפע זאַנגען אויף די תבואה־פעלדער, אין וועלכע איך פלעג זיך אויך באַהאַלטן.

אויך אין זומער פלעג איך נישט איינמאָל זיך אַריינכאַפּן ווען עס איז ביינאַכט צו אַ פּויער. פאַרן עסן און לאָזן זיין עטלעכע שעה, פלעג איך פאַרן פּויערס משפחה נייען קליידלעך אָדער אונטערוועש. פּויערים פלעגן מיר דערציילן, אַז אין דער געגנט, וווּ איך האָב זיך געפונען, זענען נאָך דאָ געציילטע יידן, צווישן זיי אַ קליין ייִנגעלע, וואָס די קריסטן האָבן שוין געגעבן אַ קריסטלעכן נאָמען, באַרטעק, און אים געהאַלטן פאַר אַ זייעריקן. ער האָט ביי זיי אויסגעפירט פאַרשידענע אַרבעטן, געפיטערט בהמות און חזירים. אויך דעם זייפמאַכערס, יוסל בערגערס אַ שנור, זייער אַ שיינע און גראָטענע יידישע פרוי, געפינט זיך, לויט זייערע רייד, אין אָט דער סביבה. אַרומגעדרייט זיך דאָרטן האָבן אויך משה און ליפּע גרימאַטליכט. ביידע זענען געווען זייער אָפּגעלאָזן. איך האָב זיך צופעליק געטראָפן מיט זיי עטלעכע מאָל. מיר האָבן זיך אויסגעשמועסט אין אונדזער יידישן לשון, דערביי זיך גוט אויסגעוויינט אויף אונדזער חורבן.

מיר איז אויך אויסגעקומען צו טרעפן צופעליק אונדזערן אַ שטעטלשן, וואָס האָט געהאַט אַ סמאָליאַרניע. אויפן אלטן שאסיי אויפן וועג צו דער באַן. מיט אים האָב איך שוין מער געשמועסט ווי מיט די גרימאַטליכטס. זיין פּלאַן איז געווען אַוועקצוגיין וואָס ווייטער פון דאַנען, זיך דערלאַנגען צו די פּינסקער בלאָטעס און דאָרט ווי עס איז זיך צושלאָגן צו אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער. פאַר אַ מיידל זיך צו לאָזן אין אַזאַ ווייטן וועג איז זיכער געווען ריינער משוגעת. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָב איך געהערט, אַז די מערדער האָבן אים ערגעץ־ווו געכאַפּט און דערשאָסן. שפּעטער האָבן מיר די קריסטן אויך דערציילט, אַז די ביידע גרימאַטליכטס האָט מען אויך געכאַפּט און געהרגעט.

דאָס קליינע יידישע ייִנגל, באַרטעק, וואָס האָט געדינט ווי אַ פּאַסטעכל, איז זיך אַרומגעגאַנגען אויף דער פריי, געגעסן צו דער זעט, ווייל אַלע האָבן אים שוין געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם. יעדער איינער האָט אים געצערטלט און אויסגעהיטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ. אָבער אַ געוויסן טאָג האָט ער געפּאַשעט די בהמות אין אַ צווייטן דאָרף. דאָרטן האָבן אים געטראָפן בולבאָוועצעס, וואָס האָבן זיך אָנגעגעבן פאַר אים ווי אמתע פּאַרטיזאַנער, דער קליינער באַרטעק האָט זיי געגלויבט, זיי דערציילט דעם אמת, האָבן זיי אים אַריינגעפירט אין וועלדל און תיכף דערשאָסן.

דער סוף פון יאָסל בערגערס שנור, וועגן וועלכער איך האָב אויבן דערמאָנט, איז אויך נישט געווען קיין בעסערער, אַזוי האָבן מיר די קריסטן דערציילט.

שפּעטער האָב איך געהערט, אַז עס געפינט זיך ערגעץ־ווו אַ געוויסע יידישע פרוי מיט דעם נאָמען פּערל, פון דעם זעלבן דאָרף. זי האַלט זיך די גאַנצע צייט אויף ביי איין קריסט, זי האָט געהאַט ביי זיך אַ ביסל געלט און צירונג, האָט זי מיט דעם באַצאָלט דעם פּויער, ביי וועלכן זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן. אַלע מיינע פּרוּוון זיך צו פאַרבינדן מיט איר האָבן זיך נישט איינגעגעבן.

אַזוי האָב איך ווידער אַדורכגעמאַכט אין די אוממענטשלעכסטע באַדינגונגען אַ ווינטער מיט אַ זומער, און עס איז שוין געווען נישט ווייט פון צווייטן ווינטער. פון די שמועות, וואָס זענען צו מיר דערגאַנגען, האָט מען זיך געקאָנט משער זיין, אַז דער דייטש הייבט אָן כאַפּן גרויסע מפּלות אויף די רוסישע פראָנטן. עס זענען אויך געווען זייער אַקטיוו די פּאַרטיזאַנער. אָבער גראָד דאַן, ווען ס'האָט גענומען שיינען פאַר מיר אַ בלאַסע האָפענונג, אַז אפשר וועל איך עס איבערלעבן, האָב איך זיך איינמאָל קוים אַרויסגעראַטעוועט פון אַ פּלוצימדיקער טויט־געפאַר.

אַ געוויסע צייט האָב איך זיך געפונען ביי אַן אַלטן פּויער אין שטוב. ער איז געווען איינער אַליין. ער האָט מיך נישט געקענט, איך האָב זיך פאַר אים פאַרגעשטעלט

פאַר אַ קריסטין פון אַ צווייטן דאָרף, אַן אָפּגעבערענטע וואָס איר מאַן איז געפאַלן אויפן פראָנט. דער אַלטער האָט דאָס אָנגענומען פאַר גוט געלט. ער האָט מיך איינגעלאַדן צו זיין ביי אים אין שטוב. איך האָב טאַקע דאָרטן נישט שלעכט געלעבט, געוואָרן ביי אים די גאַנצע באַלעבאָסטע, געמאָלקן די בהמות, געראַמט די שטוב, געקאָכט און געגעסן וואָס נאָר איך האָב געוואָלט.

איין טאָג זענען פּלוצים אַריין אין שטוב אַ פּאָר יונגע דייטשן. איך האָב שוין נישט באַוויזן צו אַנטלויפן. דער אינסטינקט האָט מיך געוואָרנט, אַז איך טאָר זיך נישט פאַרלירן קיין איין מינוט, אויב נישט בין איך אַ פאַרפאַלענע. האָב איך דעריבער גענומען שפּילן די ראָלע פון אַן אַלטיטשקער קריסטין, אַראָפּגערוקט די שמוציקע פאַטשיילע ביז איבער די אויגן, זיך דאָס פּנים אַ ביסל אויסגעריכט מיט סאַזשע. אויפן פויערס רוף האָב איך גענומען גרייטן צום טיש, שפּילנדיק די ראָלע פון דער אַלטיטשקער, געגאַנגען אַ ביסל איינגעבויגן, מיט ציטערנדיקע הענט. איך האָב געהערט ווי זיי שמועסן צווישן זיך, אַז די פויערין איז נישט אַזאַ אַלטע, ווי זי ווייזט אויס אין דעם שמוציקן אָנטאָן. איך האָב זיך באַלד אָריענטירט און גלייך געזאָגט צום אַלטיטשקן, אַז די בהמות זענען אַריין אין קאָרן און ווען דאָרט אָנטאָן אַ סך שאָדן, מען מוז אויף גיך אַרויסלויפן און זיי פאַרטרייבן. געזאָגט און געטאָן! איך בין גיך אַרויס פון שטיבל, וואָס איז געווען נאָענט פון וואַלד, וווּ איך האָב זיך באַהאַלטן.

שפּעטער האָט דער אַלטער מיר דערציילט, אַז די דייטשן האָבן זיך געריסן אים צו שלאָגן, אויספאָדערנדיק אים צו זאָגן, וווּ ער האָט אַהינגעטאָן זיין „טאָכטער״. מורא האָבנדיק, אַז די פּאָר דייטשן קאָנען ווידער קומען אַהער, האָב איך געמוזט פאַרלאָזן מיין נייע „היים״, וואָס איז געווען פאַר מיר איינע פון די בעסטע ערטער, זינט איך בין אַנטלאָפן פון געטאָ.

פאַר מיר האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ סדרה וואַגלעניש. ווען עס איז מיר געוואָרן זייער ביטער און דער הונגער האָט מיך גענומען שטאַרק פּייניקן, האָב איך באַשלאָסן ווידער צו גיין צו סידאָרן, דעם ערשטן רעטער מיינעם. עס איז אַפילו געווען אַ ביסל ווייט צו זיין כוטאָר פון דעם פּלאַץ, וווּ איך האָב זיך צו יענער צייט געפונען, איך האָב שוין אָבער געקענט גוט די אַלע וועגן און הינטערוועגן, די אַלע סטעזשקעס, און איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און זיך צו אים אין מיטן דער נאַכט דערשלאָגן. ווען איך האָב שטיל אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר און אָנגערופן מיין נאָמען, האָט ער מיר באַלד געעפנט די טיר און מיך אַריינגעבעטן אין שטוב. אַלע האָבן זיך דערפרייט מיט מיר, פונקט ווי מיט אַ זייער אָנגעלייגטן גאַסט. צום אומגליק, האָב איך ביי סידאָרן נישט געקאָנט בלייבן לאַנג. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער שטאָל־באַהעלטעניש האָט זיך דעמאָלט געפונען אַ יידישער יונגערמאַן. פון זיין באַנעמונג צו מיר אין דעם ערשטן צונויפטרעף בין איך געווען זייער שאָקירט, דערפאַר בין איך אויף מאָרגן אַוועק פון סידאָרן, איך פלעג אָבער קומען צו אים פון צייט צו צייט נאָך עסן.

זיך ראַטעווענדיק פון נאָך גרויסע געפאַרן און פּשוטע טויט־פּאַסטקעס, האָב איך ווייטער אַזוי אַרומגעבלאָנקעט זיך ווי אַ הונט אָן אַ באַלעבאָס. איינמאָל האָט מיך צופעליק געטראָפן אַ שיקסע פון אונדזער דאָרף, מיינע אַ באַקאַנטע. זי האָט מיך פּשוט אַרומגעכאַפּט און נישט אויפגעהערט צו קושן, אַזוי דערפרייט האָט זיך זיך מיט מיר, אָבער גלייך האָט זי אָנגעהויבן צו וויינען, קוקנדיק אויף מיין נעבעכדיקן אויסזען. דער פאָטער אירער איז געווען אַ גאַנץ פיינער און רייכער בעל־הבית, כאַרטאָן קאָריזענעס האָט מען אים גערופן. איך האָב אים גוט געקענט. פאַר דער גאַנצער לעצטער צייט האָב איך נישט געהאַט אַזאַ געלעגנהייט, אַז מען זאָל מיך אַזוי בעטן און גערן פיין אויפנעמען. איך האָב דעריבער גיך אָנגענומען איר פאָרשלאַג. אויך די אַלע שטוביקע האָבן זיך מיט מיר זייער דערפרייט. דעם אמת גערעדט, האָב איך נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין די סיבה פון זייער אויפפירונג און פאַרוואָס זיי פרייען זיך אַזוי מיט מיר אין אַזאַ צייט.

אין דאָזיקן אָרט האָב איך פאַרבראַכט דריי וואָכן. די מענטשן האָבן מיך זייער גוט באַהאַנדלט, אָבער צוליב אַ פּלוצלינגדיקן באַזוך פון דייטשן, וואָס איך האָב זיך אַרויסגעדרייט פון זיי פּשוט דורך אַ נס, האָב איך ווידער געמוזט נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט. צייטנווייז בין איך לעצטנס געווען פאַרשטעלט פאַר אַ פויערטע. ווען עס איז איינמאָל געווען אַ רעוויזיע אין אַ הויז, איז דאָרטן צופעליק געווען אויך סידאָר. ער האָט מיר אומבאַמערקט געראָטן, אַז איך זאָל קומען צו אים.

ווען איך בין געקומען צו סידאָרן, האָבן זיך אַלע ווידער זייער דערפרייט מיט מיר. סידאָר גופא האָט מיר געזאָגט, אַז היות די דייטשן פאַרלירן איצט שטאַרק אויף די פראָנטן און דער קריג קאָן זיך אַמאָל גיך ענדיקן, זאָל איך שוין פאַרבלייבן ביי אים ביזן סוף פון דער מלחמה. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב מסכים געווען מיט דעם.

דערווייל זענען יעדן טאָג צוגעקומען גאַנץ גוטע נייעס. עס איז שוין געווען נאָך דעם גרויסן קלאַפּ, וואָס די דייטשן האָבן געכאַפּט ביי סטאַלינגראַד. זיי האָבן

זיך אָנגעהויבן צוריקציען. די גויים האָבן אָנגעהויבן אַנדערש צו רעדן וועגן די יידן און די רוסן...

איגגיכן האָט זיך דער פראָנט דערנענטערט צו אונדז. עס האָט נישט לאַנג גענומען און דער דייטש האָט אָנגעהויבן אָפּטרעטן פון אונדזער געגנט און די סאָוויעטן זענען אַריין צו אונדז.

יענעם טאָג וועל איך אויף אייביק נישט פאַרגעסן. דער פרימאָרגן האָט זיך געשטעלט זייער אַ שיינער. אַפילו די נאַטור האָט זיך אויסגעפּוצט. דער בלויער הימל און דער מילדער וועטער האָבן צוגעגעבן שיינקייט און חשיבות דעם דאָזיקן טאָג. איך בין אַרויסגעגאַנגען אין גאַס אָן מורא און אָן שרעק. איך האָב זיך אַליין נישט געגלויבט, אַז דאָס איז נישט קיין חלום. איך האָב איינגעאָטעמט אין זיך די פרישע לופט. איך האָב זיך טיף געפרייט מיט מיין געראַטעוועטן לעבן. אָבער מיין פרייד איז געווען געשטערט פון דער פראַגע:

האָב איך זיך אַליין געראַטעוועט, איינע אַליין ?...



א גרופע פון לעבן־געבליבענע יידן, פאטאגראפירט ביי דער מצבה לזכר די דערמארדעטע לובאמלער יידן

וואָלף רויזמאַן

אַ געפאַנגענער ביי דייטשן און רוסן

דעם ערשטן סעפטעמבער 1939 בין איך מאָביליזירט געוואָרן אין דער פוילישער אַרמיי. דריי אַזייגער ביינאַכט בין איך מיט אַ שנעלצוג אָפּגעפאָרן פון ליבעוונע קיין קאָוולע, וווּ עס איז געווען דער מאָביליזאַציע־פּונקט. עס האָבן מיך באַגלייט די נאָענטסטע פון מיין פאַמיליע. דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך האָב געזען מיינע נאָענטסטע. פון קאָוועל, שוין אַנגעטאָן אין פוילישע זעלנערישע מונדירן, בין איך מיט נאָך אַ סך סאָלדאַטן אָפּגעפאָרן קיין אויבערשלעזיע, נאָענט צו דער פויליש־דייטשישער גרענעץ.

ערגעץ אין אַ וועלדל נישט ווייט פון דער גרענעץ איז אונדזער קאָמפּאַניע געשטאַנען גרייט צום קאַמף. מיר האָבן בלויז געוואַרט אויף אַ באַפעל. עטלעכע טעג שפּעטער איז דאָס דייטשישע מיליטער אַריבער די פּוילישע גרענעץ, און איידער מיר האָבן אויסגעפונען וואָס עס קומט פאָר, איז אונדזער קאָמפּאַניע שוין געווען אַרומגערינגלט פון דייטשן. אַלע אונדזערע אָפיצירן זענען נעלם געוואָרן. מיר זענען געבליבן אויף הפקר. יעדער איינער איז געלאָפן וווהין די אויגן האָבן אים געטראָגן. די דייטשן האָבן אונדז באַשאָסן פון אַלע זייטן.

אַ שראַפּנעל האָט געטראָפן אויפן פּלאַץ, ווו איך בין געווען מיט נאָך אַנדערע פינף סאָלדאַטן. דריי זענען דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט. אַ שטיקל פונעם שראַפּנעל האָט מיך געטראָפן אין ברוסטקאַסטן. אַ פאַרוווּנדעטער בין איך געבליבן ליגן אויפן פעלד.

עטלעכע שעה שפּעטער, ווען די שיסעריי איז אַ ביסל שטילער געוואָרן, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן צוזאַמענעמען די פאַרוווּנדעטע, ווי אויך אַלץ וואָס איז איבערגעבליבן פון דער צעקלאַפּטער פוילישער אַרמיי. איך בין אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אַ וואָגן. די צאָל פאַרוווּנדעטע האָט געמוזט זיין אַ גרויסע, ווייל דער עשאַלאָן איז געווען זייער אַ לאַנגער. אויפן וועג איז די מאַסע געוואָרן גרעסער און גרעסער, ווייל עס זענען צוגעקומען די רעשטלעך פון די אויסבאַהאַלטענע פּוילישע זעלנער, וואָס די דייטשן האָבן צוזאַמענגעטריבן פון אַלע ווינקעלעך. ביי נאַכט, ווען עס איז פינצטער געוואָרן, זענען מיר געבליבן שטיין. די מאַסע מענטשן האָבן זיך אויסגעלייגט אויף דעם פעלד צו רוען. די וועגענער מיט די פאַרוווּנדעטע זענען אָפּגעטיילט און אָפּגערוקט געוואָרן אין אַ זייט.

דאַן האָבן די דייטשן פּלוצעם באַפוילן די געפאַנגענע אויסצוגראָבן גריבער. ווען די אַרבעט איז פאַרטיק געוואָרן און די מענטשן האָבן זיך געגרייט צום שלאָפן, האָבן די דייטשן אונדז אַרומגערינגלט פון אַלע ווינקלען און מיט מאַשינביקסן אָנגעהויבן צו שיסן אויף אונדז. אַוודאי דריי פערטל געפאַנגענע זענען געבליבן טויטע. מען האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין די אַקערשט צוגעגרייטע גריבער.

די יעניקע, וועלכע זענען לעבן געבליבן נאָך אָט דער שחיטה־נאַכט, זענען אויפן צווייטן טאָג אין דער פרי ווייטער געטריבן געוואָרן פאָרויס, גלייך ווי גאָרנישט זאָל האָבן געשען. ווי אַ טאָג פריער איז די מאַסע מענטשן געוואָרן גרעסער און גרעסער פון די זעלנער און ציווילע מענטשן, וואָס די דייטשן האָבן פונדאָסניי צוזאַמענגעטריבן פון אַלע זייטן, און די צווייטע און די דריטע נאַכט האָבן די דייטשן ווידער דורכגעפירט אַ שחיטה, מאָרדנדיק פון רעכטס און פון לינקס. שרעקלעכע דריי טעג און נעכט זענען דאָס געווען.

נאָך די דאָזיקע דריי שרעקלעכע שחיטה־נעכט איז די צאָל פון די פאַרוווּנדעטע זייער גרויס געוואָרן. דעמאָלט האָבן די דייטשן אָנגעהויבן איבערצוקלייבן און צו סאָרטירן: די לייכט־פאַרוווּנדעטע באַזונדער, און די שווער־פאַרוווּנדעטע באַזונדער. איך בין אַריינגעפאַלן צו דער צווייטער גרופּע. די לייכט־פאַרוווּנדעטע האָט מען איבערגעלאָזט אין די נאָענטסטע פּונקטן און די ערנסט־פאַרוווּנדעטע האָט מען אָפּגעשיקט אין די שפּיטאָלן. זיי

האָבן פאַרשריבן אונדזערע נעמען און צוגענומען אונדזערע דאָקומענטן און אַלץ וואָס מיר האָבן געהאַט. מיך און נאָך פיר אַנדערע סאָלדאַטן האָבן זיי אָנגעלאָדן אויף אַ לאַסט־אויטאָ און אַוועקגעשיקט. מיינע פיר מיטפּאַרערס זענען נישט געווען קיין יידן. אָנגעקומען זענען מיר קיין ניי־בראַנדענבורג, ווו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אַ גרויסן הויף פון אַ שפּיטאָל.

איך בין געווען צעשראָקן און אויסגעמאַטערט פון דער שרעקלעכער רייזע פון דער ווונד אין ברוסט האָב איך געהאַט שאַרפע ווייטיקן. נאָך די סאַדיסטישע מערדערייען, וואָס איך האָב דורכגעלעבט אין די דריי אימהדיקע נעכט, האָב איך געפילט, אַז קיין גוטס דערוואַרט מיך נישט. אַ ווײַלע שפּעטער איז פון שפּיטאָל אַרויסגעקומען אַ דייטשער אָפיציר און צוגייענדיק צו אונדזער אויטאָ האָט ער אויסגעשריען: „דער פון אייך, וואָס איז דער יודע, זאָל שוין אַרויסקומען!”

איך בין געוואָרן צעטומלט און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן: אָפּרופן זיך באַלד אָדער זיך מאַכן נישט וויסנדיק, ווייל די איבעריקע האָבן קיין דייטש נישט פאַרשטאַנען. אָבער אין דער זעלביקער מינוט איז עפּעס געשען: עס זענען אַרויסגעקומען דריי קראַנקן־שוועסטער און אַוועקגערופן דעם אָפיציר אָן אַ זייט. פון זייער זשעסטיקולאַציע האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס האַנדלט זיך וועגן מיין ענין, אַז מיין גורל איז אָפּהענגיק פון זייער באַשלוס.

מיין אָפּשאַצונג איז געווען ריכטיק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אָט וואָס: אין דעם שפּיטאָל זענען געלעגן אַ גרופּע פוילישע פאַרוווּנדעטע זעלנער. קיין איינער פון זיי האָט נישט געקענט קיין דייטש און קיינער פון שפּיטאַל־פּערסאָנאַל האָט קיין פויליש נישט פאַרשטאַנען. דערפאַר האָבן זיי באַשלאָסן מיך צו מאַכן פאַר אַן איבערזעצער פון דייטש אויף פויליש.

דעם זעלבן אָוונט בין איך אָפּערירט געוואָרן און עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך שוין געאַרבעט. פיר וואָכן האָב איך געאַרבעט אין דעם שפּיטאָל. געווען אַ דאָלמעטשער, געטאָן פאַרשידענע אַנדערע אַרבעטן. כ׳האָב געהאַט גענוג צום עסן, ווי אויך אָנצוטאָן. איך בין געקומען, אַ ביסל צו זיך, צוגעקראָגן אַ ביסל כוחות, כדי צו קאָנען אויסצוהאַלטן די לאַנגע קייט יסורים, וואָס איז געווען צוגעגרייט פאַר מיר אין די ווייטערדיקע פיינפולע חדשים און יאָרן.

דייטשע לאַגערן

נאָכן אָפּזיין פיר וואָכן אין דעם שפּיטאָל, איז איין טאָג אין דער פרי געקומען נאָך מיר אַ פּאָליציסט און מיך אַוועקגעפירט צו דער באַן־סטאַציע. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך ווער אָפּגעטראַנספּאָרטירט אין אַ לאַגער. דער באַגאַזש מיינער איז באַשטאַנען פון אַ קאָלדרע, וואָס די קראַנקן־שוועסטער האָבן מיר דערלויבט מיטצונעמען פונעם שפּיטאָל, און מיין פוילישער זעלנערישער מונדיר.

אויפן וואָקזאַל בין איך און נאָך געפאַנגענע פוילישע סאָלדאַטן געזעסן אויף אַ באַנק און געוואַרט אויפן צוג. משמעות, אַז מיין פּאָליצייסקער באַגלייטער האָט פאַרשפּרייט די נייעס, אַז איך בין אַ „יודע”, ווייל פון אַלע זייטן האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרזאַמלען ציווילע דייטשן און ווי אין אַ דעפילאַדע דורכגעמאַרשירט פאַרביי מיין באַנק און געטייטלט אויף מיר מיט די פינגער: אָט דאָס איז דער „יודע”. אייניקע האָבן געוואָרפן אויף מיר זאַמד, שטיינער, אַ סך האָבן מיר געשפּייט אין פּנים אַריין. ווען נישט דער פּאָליציסט, וואָלטן זיי מיך געווען צעריסן אויף שטיקער. דאָס זעלבע איז געשען דעם גאַנצן וועג אין צוג, ביז מיר זענען אָנגעקומען אויף אַ פּלאַץ, וואָס איז געווען אַזאַ מין קאָנצענטראַציע־פּונקט פון פוילישע קריגס־געפאַנגענע.

אויפן וועג האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין אַ באָד און דורך אַ קונץ האָבן זיי געמאַכט אַזוי, אַז די יידן זענען פון באָד אַרויס אָן זייערע שיך. צוויי טעג האָבן מיר יידן מאַרשירט באָרוועס. די פיס זענען צעשטאָכן און צעהאַקט געוואָרן.

אָנגעקומען זענען מיר אויף אַ פעלד. מענטשן האָבן געאַרבעט ביים אויפשטעלן באַראַקן. עטלעכע טעג האָט געדויערט, ביז זיי האָבן אונדז איינגעקוואַרטירט אין צייטווייליקע לייוונטענע געצעלטן. די יידן זענען געוואָרן אָפּגעטיילט באַזונדער. מיר האָבן געקראָגן בלעכלעך מיט אויסגעהאַקטע נומערן. די בלעכלעך האָבן מיר געטראָגן מיט שטריקלעך אָנגעטאָן אויפן האַלדז. מער קיין נעמען האָבן מיר נישט געהאַט. מיר זענען געוואָרן „נומערן”.

אין די געצעלטן זענען מיר געשלאָפן אויף דער ערד, מיט אַ ביסל שטרוי אונטערגעשפּרייט. אין אַזאַ געצעלט זענען געווען 80 מענטשן. נישט קיין מענטשן זענען דאָס געווען, נאָר סקעלעטן, נאַקעטע, באָרוועסע, געשוואָלענע פון הונגער און קעלט. עס איז געווען אָנהויב נאָוועמבער 1940. עס האָט גערעגנט אָן אויפהער. די פייכטקייט און קעלט האָבן זיך איינגעגעסן אין די ביינער.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן דער אמתער קאַמף פאַר עקזיסטענץ. יעדן אינדערפרי זענען מיר געטריבן געוואָרן צו דער אַרבעט: גראָבן גריבער, כדי צו לייגן פונדאַמענטן, ווי אויך טאָן פאַרשידענע פעלד־אַרבעט אויסער דעם לאַגער. פאַרטאָג, פאַרן אַרויסגיין צו דער אַרבעט, האָבן מיר געקראָגן שוואַרצע, מוטנע וואַסער, וואָס

זיי האָבן דאָס גערופן קאַווע. 12 אַזייגער בייטאָג — פיר קליינע קאַרטאָפעלעך מיט די שאָלן מיט אַ זויער אוגערקעלע, און ביינאַכט — אַ קליין לענגלעך ברויטל פאַר יעדע פיר מענטשן מיט אַ פּאַרציע מאַרמעלאַדע.

דער הונגער האָט געפּייניקט. יעדער האָט אָנגעהויבן צו לעבן פאַר זיך און געווען גרייט צו קעמפן פאַר יעדן קרישקעלע עסן. דאָס ערגסטע איז געווען דאָס גיין באָרוועס, די ערד איז געווען נאַס, קאַלט, צעווייקט פון די רעגנס, און גרויס איז געווען די מורא זיך צו פאַרקילן און קראַנק ווערן.

יעדער טאָג האָט געשאַפן פרישע פּראָבלעמען און די מיטלען, מיט וואָס צו העלפן זיך, זענען געווען די מינימאַלסטע.

כדי צו שיצן מיינע באָרוועסע פיס, האָב איך אויסגעפלאָכטן פון שטרוי אַ לאַנגן צאָפּ, געוויקלט עס אין פאָרם פון אַ פּאַדעשווע און געבונדן מיט דרעטלעך, וואָס איך האָב צוגעגנבעט ביי בוימייסטערס, און געמאַכט דערפון לאַפּטשעס. פון מיין קאָלדרע האָב איך אָפּגעשניטן אַ שטיק, געמאַכט אַ לאָך אויף אַריינצושטופן דעם קאָפּ און געמאַכט אַ סוועטער.

אַלע פיר טעג זענען אָנגעקומען נייע עשאַלאָנען מיט נייע קרבנות. איינמאָל האָב איך באַמערקט צווישן די ניי־אָנגעקומענע הערשל קרופּאַדעלניק מיט טאַנע קרויט פון ליבעוונע. מיין פרייד איז געווען נישט צום באַשרייבן. מיט אַ שפּעטערדיקן עשאַלאָן איז אויך אָנגעקומען ישראלקע באַראַן. פון דעמאָלט אָן האָבן מיר, ליבעוונער, זיך געהאַלטן צוזאַמען, געטיילט זיך מיטן ביסן. איך האָב פאַר זיי אויך געמאַכט לאַפּטשעס און סוועטערס.

גיך איז אונדזער לאַגער געוואָרן איבערגעפּולט מיט מענטשן, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן איבערשיקן גרופּעס אין אַנדערע לאַגערן. אויך אונדזער ליבעוונער גרופּע איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין אַ צווייטן לאַגער. דאָרטן זענען שוין געווען אויפגעשטעלט באַראַקן, ווו מיר זענען געוואָרן איינגעקוואַרטירט. אונדזער ליבעוונער גרופּע איז צעטיילט געוואָרן: ישראלקע באַראַן באַזונדער, הערשל קרופּאַדעלניק מיט טאַנע קרויט באַזונדער און איך באַזונדער. אָבער יעדן אָוונט פלעגן מיר באַזוכן איינער דעם צווייטן.

די אָרדענונג איז געווען די זעלבע ווי אינעם פריערדיקן לאַגער. און אַזוי האָבן זיך די טעג גערוקט פאָרויס. מיר האָבן שוין געהאַלטן פאַר ניי־יאָר 1941. דער ווינטער האָט זיך געשטעלט זייער אַ קאַלטער. נישט איינמאָל פלעגן מיר רעדן צווישן זיך, אַז אונדזער גורל איז שוין פאַרחתמעט און עס זעט זיך נישט קיין אויסוועג פון דער לאַגע. אָבער אַן ענדערונג איז געקומען אומדערוואַרט און האָט אויף אַ ווײַלע אַריינגעבלאָזן אַ ביסל האָפענונג אין אונדזערע פאַרפּייניקטע הערצער.

דער וועג צוריק קיין פוילן

דאָס איבערשיקן פון איין לאַגער אין צווייטן האָט מיך באַרויבט פון די נייטיקסטע זאַכן. די דייטשן פלעגן אונדז פאַרכאַפּן ביי דער אַרבעט און אַוועקשיקן אַזוי ווי מיר גייען און שטייען. אַלץ פלעגט איבערבלייבן אין די געצעלטן. מיין ווירטשאַפט איז באַשטאַנען פון אַ מעסער, לעפל, אַ בלעכענע קענדל מיט אַ דראָטענעם אויער, וואָס האָט מיר געדינט ווי אַ טאָפּ, אַ שיסל און אַ טעלער. אָן דעם איז נישט געווען אין וואָס צו נעמען דאָס עסן. אַזוי ווי איך האָב נאָך נישט געהאַט קיין דערפאַרונג אין לאַגער־לעבן, פלעג איך די זאַכן איבערלאָזן אין באַראַק און ביים צוריקקומען איז שוין פון זיי קיין שפּור נישט געבליבן. אָבער שפּעטער האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז די זאַכן מוז מען אַרומטראָגן מיט זיך.

מיין ערשטע אויפגאַבע אינעם נייעם פּלאַץ איז געווען צו קריגן די דריי וויכטיקע זאַכן און זיך איינאָרדענען פון דאָס ניי.

דער האַנדל אויפן שוואַרצן מאַרק איז אָנגעגאַנגען אומעטום און ביי אַלע אומשטענדן. פאַר אַ פּאַרציע ברויט אָדער אַ ביסל טאַבאַק האָט מען אַלץ געקאָנט קריגן. אָבער אָפּצושפּאָרן אַן איבעריקע פּאַרציע ברויט איז געווען זייער שווער. פון וואָס האָט מען געקאָנט שפּאָרן ? דער הונגער איז געווען זייער גרויס. מיין גאַנצער קערפּער איז געווען געשוואָלן פון הונגער.

די איינציקע שטיקל טרייסט אונדזערע איז געווען וואָס מיר ליבעוונער פלעגן זיך טרעפן אַזוי אָפט ווי מעגלעך. איין אָוונט בין איך געגאַנגען באַזוכן הערשל קרופּאַדעלניק מיט טאַנע קרויט אין זייער באַראַק. מיר זענען געזעסן און געשמועסט. פּלוצעם האָבן עס־עס־לייט אַרומגערינגלט דעם באַראַק, אַלעמען אַרויסגעטריבן אינדרויסן, אַרומגערינגלט אונדז פון אַלע זייטן, פאַרשריבן אַלעמענס נומערן און נאָכדעם אַוועקגעטריבן צום וואָקזאַל, ווו אַ פּראַכטצוג איז שוין געווען צוגעגרייט. זיי האָבן אונדז אַריינגעשטופּט אין די וואַגאָנען, פאַרקלאַפּט און פאַרריגלט די טירן. די ענגשאַפט אינעווייניק איז געווען אומנאַטירלעך. מיר זענען אַזוי געווען צוזאַמענגעפּרעסט, אַז עס איז פּשוט אוממעגלעך געווען צו רירן מיט אַן אבר.

אונדזער ליבעוונער גרופּע איז צעטיילט געוואָרן. איך, קרופּאַדעלניק און טאַנע קרויט זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן און ישראלקע באַראַן איז געבליבן אין לאַגער. (נאָכן קריג האָב איך געהערט פון לאַנדסלייט, אַז יש־

ראלקע באַראַן איז דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן פּרובירנדיק אַנטלויפן פון לאַגער).

וווהין מיר פאָרן און וואָס זיי גייען טאָן מיט אונדז, האָבן מיר נישט געוווּסט. איינס האָבן מיר אָבער יאָ געוווּסט: קיין גוטס דערוואַרט אונדז נישט.

24 שעה זענען מיר געפאָרן אין דעם פאַרפּאַקטן וואַגאָן. אויפן צווייטן טאָג ביינאַכט זענען מיר אויסגעלאָדן געוואָרן אויף אַ סטאַציע. מיר זענען געווען פאַרשטייפטע פון דער ענגשאַפט, געפרוירענע פון דער קעלט און אויסגעמאַטערט פון הונגער. נאָכן קריגן אַ שטיקל ברויט מיט וואַסער דאָס חיות צו דערהאַלטן און נאָכן איבערשלאָפן די נאַכט, זענען מיר ווייטער פאַרלאָדן געוואָרן אין וואַגאָנען. מיר זענען נישט געווען די איינציקע. די מאַסע מענטשן אויף דעם וואָקזאַל האָבן געציילט אין די טויזנטער. איך האָב געזוכט צווישן דעם המון אפשר וועל איך דערקענען אַ באַקאַנטן. אַזוי זוכנדיק האָב איך דערזען יעקב מלמד פון קאָוולע. מיר האָבן זיך זייער דערפרייט. מיר האָבן געוויינט ווי קליינע קינדער, קוקנדיק איינער אויפן צווייטן און זעענדיק וואָס עס איז פון אונדז געוואָרן.

אונדזער גרופּע איז ווידער פאַרגרעסערט געוואָרן. דאָס זיין צוזאַמען מיט שטעטלשע לאַנדסלייט האָט דאָס ליידן אַ ביסל פאַרגרינגערט. עס איז געווען מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. מען האָט זיך געפילט ווי צווישן אַן אייגענער פאַמיליע.

אַזוי זענען מיר געפאָרן טעג און נעכט — מיר זענען מער געשטאַנען ווי געפאָרן — ביז איין טאָג האָבן מיר זיך געפונען אויף דער פּוילישער ערד. מיר זענען דורכגעפאָרן פּוילישע שטעט און שטעטלעך. אַ פונק פון האָפענונג האָט זיך אָנגעהויבן דערוועקן אין אונדז.

דורכפאָרנדיק לאָדזש האָבן מיר דורך די פענצטער און שפּאַרונעס געזען, ווי לאָדזשער יידן מיט די געלע לאַטעס אויף זיך אַרבעטן אין די גאַסן ביים שאַרן דעם שניי. מיר זענען געפאָרן ווייטער און אויסגעשטיגן אין לובלין. אין יעדן פון אונדז האָט אויפגעציטערט אַ שטיקל פרייד: איין קלייניקייט, אַזוי נאָענט פון אונדזער טייערער היים.

אין לובלין

אין לובלין זענען מיר אויסגעלאָדן געוואָרן פון די וואַגאָנען און אָוועקגעפירט געוואָרן אויף אַ פּלאַץ, ווו עס זענען געוואָרן אויפגעשטעלט נייע באַראַקן, קענטיק נישט לאַנג אויפגעבויטע, אַרומגערינגלט פון שטעכיקן דראָט. אינעווייניק זענען געווען מאַסן יידן פון אַלע עקן פּוילן. די ענגשאַפט און דער כאַאָס זענען געווען זייער גרויס. דייטשישע זשאַנדאַרמען האָבן אונדז געהיטן. קיין עסן האָבן זיי אונדז נישט געגעבן און זיי האָבן זיך ווייניק אינטערעסירט מיט אונדזער לאַגע.

אויף דער אַנדערער זייט פונעם פּאַרקאַן האָבן אונדז באַלאַגערט די לובלינער יידן און אַריבערגעוואָרפן אונדז ברויט, קאַרטאָפל און געזוכט צווישן אונדז באַקאַנטע. איך האָב געהערט ווי איינע שרייט: ווער איז דאָ פון זגאַראַן אָדער פון ליבעוונע. איך האָב זיך אָפּגערופן. דאָס איז געווען אַ מיטעליעריקע פרוי, אַ נאָענטע פון שמחה ליפשיץ פון זגאַראַן. זי האָט אויפגעשריבן אונדזערע נעמען און צוגעזאָגט עפּעס צו טאָן פאַר אונדז.

אויפן צווייטן טאָג זענען מיר געוווירע געוואָרן, אַז די דייטשן האָבן קאָנצענטרירט גרויסע מאַסן יידן אין לובלין. זיי האָבן געפאָדערט פון דער באַשטימטער יידישער געמיינדע צוצושטעלן שפּייז פאַר די צונויפגעטריבענע יידן. די לובלינער יידישע פירער האָבן נישט געהאַט די געהעריקע פאָנדן און מיטלען צו שפּייזן אַזאַ גרויסע מאַסע מענטשן. כדי צו מאַכן אַ דרוק אויף די יידישע פירער און אָנצושרעקן די לובלינער יידן, האָבן די נאַציס אַרויסגעפירט 600 יידן און אויפן וועג פון לובלין קיין פּאַרטשעוו זיי אַלעמען אויסגעשאָסן. דאָס איז געווען די זעלבע נאַכט, וואָס מיר זענען אָנגעקומען, און די יידן זענען אַרויסגענומען געוואָרן פונעם זעלבן באַראַק, ווו מיר זענען געווען. אויפן צווייטן טאָג אין דער פרי זענען פּאַרטשעווער יידן געקומען מיט אַ יללה קיין לובלין און איבערגעגעבן וועגן דער שרעקלעכער שחיטה.

אַלע יידן אין לובלין זענען געוואָרן אויפגעציטערט, הערנדיק וואָס עס איז געשען מיט די 600 יידן. מען האָט פאַרהאַנדלט מיט די דייטשן, אַז יעדן לובלינער זאָל דערלויבט ווערן אַרויסצונעמען צוויי געפאַנגענע, זיי אויסהאַלטן און זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיי. פאַר מיר און יעקב מלמד האָט אונטערגעשריבן די פריער דערמאָנטע פרוי. אַדאַנק דער דאָזיקער פרוי זענען מיר באַפרייט געוואָרן פון לאַגער און אַרומגעגאַנגען ווי פרייע מענטשן אין לובלין. אויך קרופּאָדעלניק און קרויט זענען אַרויסגענומען געוואָרן דורך אַ צווייטער יידישער פאַמיליע. די פרוי, וועלכע האָט אונדז באַפרייט (איך געדענק נישט איר נאָמען), איז געווען אַן אָרעמע אלמנה.

איר וווינונג איז געווען אין אַ קעלער־שטיבל, אָבער זי האָט געהאַט אַ הערלעכע יידישע נשמה. ביי אָט דער פרוי האָבן מיר נישט געקאָנט לאַנג פאַרבלייבן, ווייל ס'איז פּשוט נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר אונדז. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז הענע קרויט (נח קרויטס שוועסטער) לעבט אין לובלין, האָב איך זי אָפּגעזוכט. זי האָט זיך דערפרייט מיט מיר און מיך אויפגענומען ווי אַן אייגענעם. ביי זיי בין איך געשטאַנען דריי וואָכן. איר

מאַן כוועטקאָווסקי איז דער איינציקער לעבן געבליבענער פון זיין פאַמיליע. נאָכן קריג איז ער געקומען צו מיר אין געסט. איך האָב דעמאָלט געלעבט אין לאָדזש.

דורך די דריי וואָכן וואָס איך בין געווען אין לובלין האָב איך זיך אויסגערוט, געקומען אַ ביסל צו זיך.

אָנהויב פעברואַר 1940 האָבן אויף די לובלינער גאַסן זיך באַוויזן באַפעלן, אַז אַלע יידן מוזן זיך מעלדן אויף אַ געוויסן פּלאַץ, מיטברענגענדיק מיט זיך אַלע דאָקומענטן. ווער עס וועט נישט אויספירן דעם באַפעל וועט דערשאָסן ווערן.

איך האָב שוין געוווּסט פון דערפאַרונג וואָס דאָס באַדייט, אָבער די לובלינער יידן האָבן דאָס נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט.

איך האָב זיך באַלד געטראָפן מיט די לובלינער און מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצושמוגלען זיך קיין כעלם. אונדזער פּלאַן איז געווען צוצוקומען פון כעלם צום טייך בוג, אַריבערלויפן די דייטש־רוסישע גרענעץ און זיך דורכשלאָגן קיין לובאָמיל. איך האָב איבערגערעדט מיט דער פאַמיליע כוועטקאָווסקי (הענע קרויט), געפּרוּווט אויף זיי ווירקן, אַז זיי זאָלן מיט אונדז מיטגיין, אָבער זיי האָבן פון דעם נישט געהאַלטן, פאַרקערט, זיי האָבן געוואָלט אונדז איבערצייגן און אָפּרעדן פון אונדזער פּלאַן.

כעלם און סוויערזש

פון לובלין האָבן מיר געדונגען אַ בעל־עגלה און אויף אַ וואָגן זענען מיר ביינאַכט אָפּגעפאָרן קיין כעלם. דער וועג איז אַדורך בשלום. צו פאָרן אין יענע צייטן איז געווען אַ לעבנס־סכנה. ווען די דייטשן האָבן געכאַפּט עמעצן אויף די וועגן, פלעגן זיי גלייך דערשיסן, און בפרט מיר, וואָס זענען געווען קריגס־געפאַנגענע און מיר האָבן נישט געהאַט קיין רעכט צו פאַרלאָזן לובלין אָן אַ דערלויבעניש.

איך האָב געהאַט אין כעלם אַ קוזינע, מרים, זי האָט געהאַט צוויי קינדער, וועלוועלע און חוהלע. ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען כעלם, האָט מיין קוזינע אַוועקגעשיקט איר טעכטערל קיין ליבעוונע. זי האָט זיך געפונען ביי אונדז אין שטוב. ביי מיין קוזינע זענען מיר אַלע איינגעשטאַנען.

די כעלמער יידן זענען געווען אין אַ שרעקלעכער שטימונג. דערשלאָגענע און פאַריאושטע זענען זיי געזעסן אין די שטיבער און מורא געהאַט אַרויסצוגיין אין גאַס, ווייל ערשט מיט איין וואָך צוריק האָבן די נאַצישע רוצחים דערשאָסן טויזנטער אומשולדיקע יידן. די שטאָט האָט אויסגעזען ווי אַ לעבעדיקער בית־עולם. (לויט באַריכטן, וואָס איך האָב אָפּגענומען פון לאַנדסלייט נאָכן קריג, איז מיין עלטערער ברודער חיים אומגעקומען אין כעלמער לאַגער).

פאַר מיר איז קלאָר געוואָרן: וואָס גיכער מיר וועלן זיך אָפּטראָגן פון דאַנען, אַלץ געזינטער וועט זיין פאַר אונדז.

אויך מיין קוזינע מרים האָט מיר צוגערעדט, אַז איך זאָל פאַרבלייבן אין כעלם ביי איר און וואָס ס'וועט געשען מיט אַלעמען — וועט זיין מיט אונדז. איך האָב געפּרוּווט ווירקן אויף איר און איר מאַן, אַז זיי זאָלן אַלע — אָדער ווייניקסטנס איר זון וועלוועלע — גיין מיט אונדז. זיי האָבן פון דעם נישט געוואָלט הערן.

פון די צונויפגעקליבענע אינפאָרמאַציעס איז פאַר אונדז קלאָר געוואָרן, אַז דער בעסטער און נאָענטסטער וועג אַריבערצוגיין די גרענעץ איז געווען סוויערזש. דאָס איז אַ קליין שטעטל, האַרט ביי די ברעגעס פון בוג, וואָס איז געווען די גרענעץ צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד.

מיר האָבן געדונגען אַ פויער און ביינאַכט זענען מיר אויף אַ שליטן אַריבערגעפאָרן בשלום קיין סוויערזש.

פאַרן אָפּפאָרן האָט מיין קוזינע מיר מיטגעגעבן אַ פּאָר הויזן, אין וועלכע זי האָט איינגענייט אַן אַמעריקאַנער 10־דאָלאַרדיקן באַנקנאָט און דאָס מיטגעשיקט פאַר איר חוהלען אין ליבעוונע.

אויפן וועג האָבן מיר באַשלאָסן צו צעטיילן אונדזער גרופּע אין צווייען. מיר האָבן געהאַלטן, אַז אַ גרופּע פון צוויי איז לייכטער און ווייניקער ריזיקאַליש צו שוואַרצן די גרענעץ, ווי אַ גרופּע פון פיר מענטשן. בין איך געבליבן מיט יעקב מלמד און קרופּאָדעלניק מיט טאנע קרויט. איך און יעקב מלמד זענען פאַרהאַלטן געוואָרן דורך די רוסן. קרופּאָדעלניק מיט טאנע קרויט זענען בשלום דורכגעגאַנגען דעם וועג און אָנגעקומען קיין ליבווענע.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך האָב זיי געזען. ווייזט אויס, אַז זיי זענען שפּעטער אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע ליבעווגער.

זאָג ניט קיינמאָל!

(פאַרטיזאַנער הימן פון ווילנער געטאָ)

זאָג ניט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
כאָטש הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג;
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט אַ פויק טאָן אונדזער טראָט — מיר זיינען דאָ!

פון גרינעם פּאַלמען־לאַנד ביז ווייטן לאַנד פון שניי,
מיר קומען אָן מיט אונדזער פּיין, מיט אונדזער וויי,
און וואו געפאַלן ס'איז אַ שפּריץ פון אונדזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גבורה אונדזער מוט.

ס'וועט די מאָרגן־זון באַגילדן אונדז דעם היינט,
און דער נעכטן וועט פאַרשווינדן מיטן פיינט,
נאָר אויב פאַרזאַמען וועט די זון און דער קאַיאָר —
ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פון דור צו דור.

דאָס ליד געשריבן איז מיט בלוט און ניט מיט בליי,
ס'איז ניט קיין לידל פון אַ פויגל אויף דער פריי,
דאָס האָט אַ פאָלק צווישן פאַלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט.

טאָ זאָג ניט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
כאָטש הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג.
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה —
ס'וועט אַ פויק טאָן אונדזער טראָט — מיר זיינען דאָ!

טעקסט — הירש גליק

תפסו הנשק.
למי שיחסר רובה ואקדח — יניף הקרדום
אם אין קרדום — יקח סכין, גם בברזל במוט ובמקל
הכו ברוצחים.
בעד הורינו, בעד ילדינו הטבוחים.

מפקדת הארגון היהודי הלוחם.
מרדכי אנילביץ

מִן הַדְּלֵקָה הַהִיא,
אֲשֶׁר סָרְטָה גוּפְכֶם הַמְּעֻנֶּה וְהֶחָרוּךְ,
נָשָׂאנוּ אֵשׁ – לַפִּיד מֵאִיר לְנִשְׁמָתֵנוּ,
וּבָהּ הִדְלַקְנוּ אֶת שַׁלְהֶבֶת הַחֵרוּת.

חיים גורי

לוחמים בחזית וביערות

קעמפער אויפן פראנט און אין די וועלדער

ישראל פּאָזנער

דער אויפשטאנד אין סאביבאר

אַ פּאָר טעג פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין 1939 האָט פּוילן דורכגעפירט אַ מאָביליזאַציע. אַ סך יידישע יוגנטלעכע זענען דעמאָלט מאָביליזירט געוואָרן אין ליבעוונע. מיין קאָמפּאַניע האָט מען אָפּגעשיקט קיין קאָוולע און פון דאָרטן קיין קאַטאָוויץ. אין אונדזער פּאָלק זענען געווען נאָך זעקס זין פון ליבעוונער פאַמיליעס: שמחה גיטעלעס, וועלוול רויזמאַן, הערשל קרופּאָדעלניק, פּנחס קרופּאָדעלניקס אַ זון, פּייוול סאַנקעס, טאַנע קרויט און לייבוש קאַנציק (אַזוי האָט מען אים גערופן).

טאַנע קרויט, לייבוש קאַנציק און הערשל קרופּאָדעלניק איז נאָך דער גיכער פּוילישער מפּלה געלונגען צוריקצוקומען קיין ליבעוונע, ווו זיי זענען געפאַלן גלייך מיט אַלע קדושים פון שטעטל. מיר האָט זיך נישט איינגעגעבן דורכצושלאָגן זיך צוריק קיין ליבעוונע. ביז אַפּריל 1940 בין איך געווען אין דייטשלאַנד, פון 1940 ביז סוף 1942 בין איך געווען אין כעלם. איך האָב זיך אויפגעהאַלטן ביי אַ ליבעוונער פאַמיליע, עפּשטיינס אַ טאָכטער, און ביי משה סאָלאָווייטשיק, אויך אַן אָפּשטאַמיקער פון ליבעוונע. איך האָב געוואָלט צוריק אַריבער אין אונדזער שטעטל, וואָס איז דעמאָלט געווען פאַרנומען דורך די סאָוויעטן.

פון מיין משפּחה, מיט וועלכער איך האָב זיך ווי ס׳איז דורכגעשריבן, האָט מען מיר נישט צופיל געראָטן צו קומען צוריק, ווייל די סאָוויעטן פלעגן אַ סך צוריקגעקומענע אַריינזעצן אין טורמע. בין איך דעריבער פאַרבליבן אין כעלם.

ווען די נאַציס האָבן פאַרכאַפּט די גאַנצע געגנט, זענען טייל ליבעוונער יידן געקומען אָדער געבראַכט געוואָרן קיין כעלם. צווישן זיי זענען געווען חיים רויזמאַן, אברהם רייזמאַן און קיילע דעם שוסטערס אַ זון, אברהם. ער האָט געוווינט אויף דער פּאָמאָרסקאַ־גאַס, די באָד־גאַס. חיים רויזמאַן איז געשטאָרבן אין כעלם, די אַנדערע האָט מען שפּעטער אומגעבראַכט.

אין 1942 האָט זיך אין כעלם אָנגעהויבן די אַזוי גערופענע „אַקציע" אויף יידן. באַזונדערס האָבן געווילדעוועט די געסטאַפּאָ־לייט ראַשענדאָרף און טיימאַן. זיי פלעגן אַרויף מיט יידישע קינדער אויף די אויבערשטע שטאָקן פון די הייזער און פלעגן זיי אַרויסהענגען אויפן גאַס, האַבנדיק צוגעבונדן פאַר די האָר.

אין חודש מערץ 1943 איז אין לאַגער געקומען צו פאָרן אַן ס.ס.־מאַן, דער שאַרפירער ווייס. אַלע איינוווינער פונעם לאַגער האָט מען אויסגעשטעלט אין רייען און אַוועקגעטריבן צו דער סטאַציע. ווען מען האָט אונדז אַוועקגעפירט, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז קיין סאָביבאָר. מיר האָבן שוין געוווּסט וועגן דעם טויט־לאַגער. אין וועג האָבן מיר געפּרוּווט עפענען די טיר און אַנטלויפן. אָבער אויף די טרעפּלעך פון די וואַגאָנען זענען געשטאַנען וואַכלייט מיט ביקסן. זיי האָבן אָנגעהויבן שיסן. דאָך איז עטלעכע געלונגען צו אַנטלויפן.


אין סאָביבאָר זענען אָנגעקומען 120 מענער און 60 פרויען. די פרויען און קינדער האָט מען תיכף אָפּגעטיילט און גלייך אַוועקגעטריבן אין „באָד" אַריין. דער

לאַגער־קאָמענדאַנט, דער אָבערשאַרפירער וואַגנער, האָט אויסגעפרעגט די מענטשן, ווער וואָס אַ ספּעציאַליטעט ער האָט. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דייטשן דאַרפן האָבן 12 סטאָליערס. צווישן זיי בין איך אויך געווען. איך בין אַריינגעפאַלן אין ערשטן לאַגער, וואָס איז געווען דער אַרבעטס־לאַגער.

די איבעריקע מענער האָט מען אַוועקגעפירט אין דריטן לאַגער. דאָס איז געווען דער לאַגער פון די גאַז־אויוונס. דער צווייטער לאַגער איז געווען פאַר קליידער און שפּייז.

ווען איך בין געקומען אין לאַגער פון סאָביבאָר, איז דאָרטן דער באַשטימטער דורך די דייטשן אויפזעער איבער יידן געווען איינער משה פון הרוביעשאָוו, די ידיעות, אַז דער פראָנט דערנעענטערט זיך האָבן גע־בראַכט דערצו, אַז אַ טייל פון אונדז האָבן אָנגעהויבן טראַכטן פון אַ וועג, ווי צו אַנטלויפן פון אונדזער טויט־לאַגער. צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן און פּלאַנירער זענען געווען דער דערמאָנטער משה, איינער לייבל פון לובלין, שמואל לערנער, איך און נאָר אַ פּאָר.

דער ערשטער פּלאַן פון אַ מאַסן־אַנטלויף איז דורכ־געפאַלן, ווייל ער איז פאַרראַטן געוואָרן פון איינעם מיטן



מפת האיזור ומיקומו של מחנה ההשמדה סוביבור — לובומל מצד מזרח של הנהר בוג

די מאפע פון דער געגנט ווו עס האט זיך געפונען דער פארניכטונגס לאגער סאביבאר — לובאמל געפינט זיך אויף דער מזרח־זייט פון טייך בוג

נאָמען בערלינער (טאַקע געשטאַמט פון בערלין). משהן און נאָך איניקע האָט מען תיכף דערשאָסן. נאָך דעם איז בערלינער באַשטימט געוואָרן אויף משהס אָרט אַלס יידישער קאָמענדאַנט פון לאַגער.

נאָכן דורכפאַל פון דעם אַנטלויף־פּרווו האָט דער שעף פון אונדזער לאַגער, דער אָבערשאַרפירער פרענצל אונדז פאַרזאַמלט און געזאָגט:

פאַרברעכער האָבן געוואָלט אַנטלויפן אויף אונדז און האָבן דערפאַר באַצאָלט מיטן לעבן. איר, ווי לייטישע מענטשן, וועט אַרבעטן ביי אונדז און אייך וועט זיין גוט.

אַן ערך אין דער זעלבער צייט איז פאָרגעקומען אַזאַ געשעעניש: אַ קאָמאַנדאָ אַרעסטירטע האָט געאַר־בעט אין וואַלד. אַ דייטש האָט צוויי פון די אַרעסטירטע אין דער באַגלייטונג פון אַ וואַכמאַן געשיקט נאָך וואַ־סער. די אַרעסטירטע האָבן דערהרגעט דעם וואַכמאַן און זענען אַנטלאָפן. דער דייטש איז אַוועק זוכן דעם וואַכ־מאַן. אין דער צייט זענען אַנטלאָפן נאָך 12 פּוילישע יידן. אַ טייל אַרעסטירטע האָבן די דייטשן דערהרגעט אין וואַלד, און די איבעריקע האָבן זיי אָפּגעפירט צוריק אין לאַגער. אין צווייטן לאַגער האָבן די דייטשן אַוועק־געשטעלט אין אַ ריי 10 יידן און זיי געשאָסן. פאַרן טויט האָבן די אומגליקלעכע געשריען צו אונדז, די עדות פון זייער דערמאָרדונג:

— קעמפט קעגן די דייטשן, נעמט בקמה פאַר אונ־דזער טויט!

די דייטשן האָבן מורא געהאַט, די אַרעסטירטע זאָלן נישט אַנטלויפן, הגם דעם לאַגער האָט מען גוט געהיט. אַרום זענען געווען אַ סך וואַך־טורעמס אויף וועלכע עס זענען געשטאַנען וואַכלייט. דריי רייען שטעכיקע דראָט האָבן אַרומגערינגלט דעם לאַגער. הינטער די דראָטן איז געווען אַ גראָבן, דריי מעטער אויף דריי מעטער, אָנ־געפילט מיט וואַסער, די מינען־פעלדער אַרום האָבן געהאַט 25 מעטער די טיף. דאָך האָבן די דייטשן אָנגע־נומען נייע פאַרהיטונגס־מיטלען. זיי האָבן פאַרצויגן די פענצטער פון די באַראַקן מיט שטעכיקן דראָט און האָבן אַוועקגעשטעלט וואַך־פּאָסטנס אויך אינעווייניק אין לאַ־גער, ביי די געביידעס.

איניקע אַרעסטירטע האָט זיך דאָך איינגעגעבן צו אַנטלויפן. ווי אַן ענטפער דערויף האָבן די דייטשן גע־שאָסן נאָך 20 מענטשן. אין 1943 האָט אַ האָלענדישער זשורנאַליסט אָרגאַניזירט דאָס אַנטלויפן פון 72 מאַן. נאָכדעם האָבן די דייטשן דערהרגעט אַ סך מענטשן אויף דער טעריטאָריע פון לאַגער.

אין אויגוסט 1943 האָט מען אין סאָביבאָר געבראַכט פון מינסק 600 קריגס־געפאַנגענע אָפיצירן און זעלנער פון דער רויטער אַרמיי — יידן. 80 מאַן פון זיי

האָבן די דייטשן אָפּגעטיילט און געלאָזט אויף אַרבעט, די איבעריקע האָבן זיי דערשטיקט און פאַרברענט. צווישן די לעבנגעבליבענע איז געווען דער פּאָליטרוק סאַשקע *) אַ בחור פון ראָסטאָוו. דאָס האָט ער דאָס פאַרטראַכט צו אָרגאַניזירן אַ מאַסן־אַנטלויף. סאַשקע האָט זייער פאַרזיכטיק צוגעקליבן די אָנטיילנעמער פון דער פאַרשווערונג, אַז עס זאָל נישט זיין קיין פאַרראַט. ער האָט אויך באַשטימט די אויפגאַבעס פאַר די מענטשן.

דער פּלאַן איז באַשטאַנען אָט אין וואָס: אין איין מאָמענט איבעררייסן אין לאַגער די פאַרבינדונג און די סיגנאַליזאַציע, דערהרגענען די דייטשן און אַרויסרייסן זיך פון לאַגער. אין דער שמידעריי האָט מען געמאַכט העק און מעסערס, מען האָט אויך בדעה געהאַט אויסצונוצן דאָס געווער פון די דערהרגעטע דייטשן.

דער אויפשטאַנד איז געווען באַשטימט אויפן 14־טן אָקטאָבער 1943. אינעם ערשטן לאַגער האָבן אַ סך שניידער און שוסטער אויף אַ געוויסער שעה — אויף 5 אַזייגער פאַרנאַכט — באַשטימט זייערע קליענטן די דייטשן, זיי זאָלן קומען אָנמעסטן די באַשטעלטע זאַכן. אין דער דאָזיקער שעה האָט דער עלעקטריקער פונעם לאַגער, דער דייטשער ייד שוואַרץ, איבערגעריסן די פאַרבינדונג־ליניע און די באַלייכטונג אין לאַגער. ווען דער אָבערשאַרפירער גריישוט (דער שעף פון דער וואַך) איז געקומען צום שוסטער, האָט אים יענער גלייך אויפן שוועל דערהרגעט מיט אַ האַק. דעם צוגעוואַכמאַן קליאַט האָט מען דערהרגעט אין דעם זעלבן שוסטער־וואַרשטאַט. איינער אַ דייטש איז געקומען צו פאָרן צום שניידער און איז אַריין אין דער געביידע. אין דער צייט האָט אַ ייִנגעלע אַוועקגעפירט זיין פערד, דעם דייטש האָט מען בעתן מעסטן דערלאַנגט מיט אַ האַק איבערן קאָפּ און דעם טויטן קערפּער באַהאַלטן אונטערן בעט.

דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען אויך אין צווייטן לאַגער. דעם אונטערשאַרפירער וואָלף האָט מען דערהרגעט אין מאַגאַזין און דעם קערפּער באַהאַלטן אונטער די זאַכן. אין דעם זעלבן אָרט האָט מען דערהרגעט אויך זיין ברודער. ווען דער אונטערשאַרפירער בעקמאַן איז געקומען אין דער קאַנצעלאַריע, האָט ער זיך גענומען צום געווער, נאָר ער האָט אויך באַקומען זיינס. אים

* סאַשקע — אַלעקסאַנדער פּעטשאָרסקי — אָרגאַניזאַטאָר פונעם אויפשטאַנד, שפּעטער לייטענאַנט פון דער רויטער אַרמיי.

מערדער פון פעלקער

מאטעריאלן וועגן די רעציכעס פון די
דייטשישע פארכאפער אין די צייטווייליק
אָקופּירטע ראיאָנען

II זאמלונג

געזאמלט און צונויפגעשטעלט
פון

איליא ערענבורג

אָגיז
בעלוכע־פארלאג „דער עמעס“
מאָסקווע 1945

סיפורו של ניצול השואה בן־עירנו ממחנה סוביבור,
מאוספו של הסופר היהודי־רוסי איליא ערנבורג

די דערציילונג פון ישראל פּוורוזניק וועגן לאגער סאביבאר,
געשילדערט דורך רוסיש־יידישן שרייבער איליא ערענבורג


...יע ...געהא...
פאר... אָטריאַד און גע... איצט אין וואָלאָדאַ...
צוזאמען מיט איר בין איך געווען אין ורעסטעבורג, אין פיכט און אין טורמע, צוזאמען מיט איר האָב איך געלעבט אין סאַביבור און בין פון דאָרט אנטלאָפן.

ווייַנבערג זעלמע

כעלם, 10 אווגוסט 1944

III

איך בין געבוירן געוואָרן אין 1914. ביז דער מילכאָמע האָב איך געווינט אין ליובאָמל. אין 1939 ביים דער דייטשיש־פוילישער מילכאָמע בין איך אריינגעפאלן אין געפאנגענשאפט צו די דייטשן, דערנאָך האָב איך געוווינט אין כעלם. דאָ איז געווען א לאגער פאר יידן, פארנומען זייַנען מיר געווען אין שווערער ארבעט.



האָט דערהרגעט היינריך ענגעל, אַ יונגערמאַן פון לאָדזש. בסך־הכל האָבן די אויפשטענדלער דערהרגעט 12 דייטשן און 4 וואַכלייט. אין גאַנג פונעם אויפשטאַנד האָבן די געפאַנגענע פאַרכאַפּט ביי די דייטשן געווער און האָבן דערמיט געהרגעט די רוצחים, געשאָסן אין די וואַכלייט אויף די טורעמס. די מענטשן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די שטעכיקע דראָטן, צעריסן זיי, נאָר אַ סך זענען אויפגעריסן געוואָרן אויף די מינע־פעלדער. דעמאָלט האָט מען אויסגענוצט ברעטער און מען האָט דורכגעלייגט אַ וועג דורך די מינע־פעלדער. אַזוי אַרום זענען אין וואַלד אַנטלאָפן 400 מענטשן.

צעטיילט זיך אויף קליינע גרופּעס, זענען מיר אַוועק אין פאַרשידענע זייטן איבערן וואַלד. די דייטשן האָבן אָרגאַניזירט אַן אַבלאַווע, עראָפּלאַנען האָבן באַשאָסן דעם וואַלד. זייער אַ סך זענען דערהרגעט געוואָרן. לעבן געבליבן זענען נישט מער פון 50 מענטשן. מיר אַליין האָט זיך איינגעגעבן צו דערשלעפּן זיך קיין כעלם, וווּ איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן, ביז עס איז געקומען די רויטע אַרמיי. פון דאָרטן האָב איך זיך אויף אומוועגן דערקליבן צו דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד.

אין נאָוועמבער 1965 איז פאָרגעקומען אין אייגען, ביי קעלן, אַ גרויסער פּראָצעס קעגן די דייטשע פאַרברעכער פון סאָביבאָר. איך בין אַרויסגערופן געוואָרן ווי אַן עדות. איך האָב גלייך דערקענט זעקס פון די דרייצן באַשולדיקטע, וואָס זענען געשטאַנען פאַרן געריכט. איינער פון זיי איז געווען פרענצעל, פון די ערגסטע צווישן די ערגסטע אין לאַגער, וועלכער איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף אייביקער תפיסה.

צום סוף וויל איך נאָך צוגעבן, אַז אין איינעם פון די געבראַכטע טראַנספּאָרטן צו די גאַז־קאַמערן האָב איך באַמערקט די קינדער פון מיין טאַטנס ברודער, יאַנקל פאַוואָראַזניק. דאָס האָט געדויערט נאָר אַ פּאָר סעקונדעס, אָבער זייערע פּנימער זענען געבליבן אויסגעקריצט אין מיין האַרצן אויף מיין גאַנץ לעבן.

אינ 1942 האָט זיכ אינ כעלמ אָנגעהויבנ די אזויגערומענע „אקציע" אפ יידנ. מייסימ האָבנ זיכ געוואלגערט אינ די גאסנ, און מע האָט זיי לאנג ניט צוגענומענ. באזונדערס האָבנ געווילדעוועט די געסטאפאָוועס ראשענדאָרפ און טײַמאנ. זיי פלעגנ זיכ' אופּחייבנ מיט יידישע קינדער אפ די אייבערשטע שטאָקנ פונ די הײַזער און פלעגנ זיי ארויסהענגענ אפנ גאס, האָבנדיק צוגעבונדנ פאר די האָר. אינ כעלמ איז פאר דער מילבאָמע געווענ 16.000 יידנ, איצט איז געבליבנ 15—20 מענטשנ.

אינ פעווראל און אינ מארט 1943 איז אינ לאגער געקומענ צו פאָרנ אנ עסעסאָוועצ — א שארפיורער (דערנאָכ האָב איכ זיכ דערוווסט, אז זײַנ פאמיליע איז ווײַס). אלע אײַנוווינער פונעם לאגער האָט מענ אויסגעשטעלט אינ רייענ און אוועקגעטריבנ צו דער סטאנציע. ווענ מע האָט אונדז אוועקגעפירט, האָבנ מיר פארשטאנענ, אז דאָס איז קיינ סאביבור. מיר האָבנ שוינ געוווּסט וועגנ דעמ טויט-לאגער אָדער, ווי מע האָט אימ אנגערופנ, — „אייביקער לאגער". אינ וועג האָבנ מיר געפּרווט עפענענ די טיר און אנטלויפנ. אָבער אפ די טרעפּלעכ פונ די וואגאָנענ זײַנענ געשטאנענ וואכלײַט מיט קאראבינענ. זיי האָבנ אָנגעהויבנ שיסנ. דאָכ איז עטלעכע מענטשנ געלונגענ צו אנטלויפנ.

אינ סאביבור זײַנענ אָנגעקומענ 120 מענער און 60 פרויענ. די פרויענ און קינדער האָט מענ טײקעפ אָפּגעטײלט און גלײַכ אוועקגעטריבנ אינ „באָד" ארײַנ. פיל פונ אונדז האָבנ צומ לעצטנ מאָל געזענ זייערע פרויענ און קינדער. דער לאגער-קאָמענדאנט דער אָבערשארפירער וואגנער האָט אויסגעפרעגט די מענטשנ, ווער וואָס פאר א ספעציאליטעט עס האָט. דערנאָכ האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז די דײַטשנ דארפנ האָבנ 12 סטאָליערס. צווישנ זיי בינ איכ אויכ געווענ. איכ בינ ארײַנגעפאלנ אינ ערשטנ לאגער.

די איבעריקע מענער האָט מענ אוועקגעפירט אינ דריטנ לאגער. עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז א שטיקל צײַט פאר דעמ, אינ פעווראל 1943, האָט אײנער א וואכמאנ צוזאמענ מיט א מאנצבל און א פרוי פונ די ארעסטירטע געפּרווט אנטלויפנ פונ לאגער.' אלס ענטפער דערופ האָבנ די דײַטשנ געשאָסנ אלע 150 יידנ פונ דריטנ לאגער, וועלכע האָבנ געארבעט בא די אויוונס. אהינ, אינ דריטנ לאגער, האָט מענ עס טאקע געשיקט די מענטשנ פונ אונדזער כעלמער לאגער.

ארײַנגעפאלנ אפ אָט דער שרעקלעכער ארבעט, האָבנ די מענטשנ באשלאָסנ, אז זיי וועלנ ניט הארגענענ זייערע ברידער און שוועסטער. זיי האָבנ גלײַכ אָנגעהויבנ מאכנ זיכ א וועג אונטער דער ערד. מע האָט שוינ געהאט אויסגעגראָבנ 30 מעטער, ווענ מע האָט די פארשווערער ארויסגעגעבנ. דער אונטעראָפיצער ניימאנ האָט אלעמענ געשאָסנ. ניימאנ איז געווענ א מינ „פאָליטישער אָנפירער" אינעמ לאגער. דער דאָזיקער מערדער פלעגט גיינ איבער די רייענ פארורטיילטע און געזענ יעדנ צו זאָגנ א „גוט וואָרט".

איצט האָבנ מיר, ארעסטירטע פונעמ ערשטנ לאגער, געמיינט, אז אונדז וועט מענ אויכ הארגענענ. נאָר דער שעפ פונ אונדזער לאגער דער אָבערשארפיורער פרענצעל האָט אונדז פארזאמלט און געזאָגט:

— פארברעכער האָבנ געוואָלט אָנפאלנ אפ אונדז און האָבנ דערפאר באצאָלט מיטנ לעבנ. איר, אלס לײַטישע מענטשנ, וועט ארבעטנ בא אונדז, און אײַכ וועט זײַנ גוט.

פרענצעל האָט איבערגעגעבנ פונ אונדזער לאגער 30 מענטשנ אפ צו ארבעטנ אינ דריטנ לאגער.

אנ ערעכ אינ דער זעלבער צײַט איז פאָרגעקומענ אזא געשעעניש: א קאָמאנדע ארעסטירטע האָט געארבעט אינ וואלד. א דײַטש האָט צוויי ארעסטירטע אינ דער באגלייטונג פונ א וואכמאנ געשיקט נאָכ וואסער. די ארעסטירטע האָבנ דערהארגעט דעמ וואכמאנ און זײַנענ אנטלאָפנ. דער דײַטש איז אוועקזוכנ דעמ וואכמאנ. אינ דער צײַט זײַנענ אנטלאָפנ נאָכ 12 פוילישע יידנ. א טייל ארעסטירטע האָבנ די דײַטשנ דערהארגעט

אין סאַביבאָר איז געווען קלמן פּייוולס (מעלער) ברודערס אַ טאָכטער, טויבע, געוווינט אין כעלם, שטאַמט פון ליבעווע. דער יידישער עלעקטריקער ביי די גאַז־אויוונס האָט געוווסט, אַז איך האָב זיך גוט געקענט מיט איר. ער האָט מיר איינמאָל איבערגעגעבן אַ פינגער, וואָס איז געבליבן פון מיידלס פאַרברענטן קערפּער. אַזאַ אָנדענק פון אַ פאַרברענטן באַקאַנטן ברענט דאָס גאַנצע לעבן.

זײַנע וואלד, און די איבעריקע האָבן זיי געצוווּנגען צו פויזען צוריק אין לאַגער. אין צווייטן לאגער האָבן די דײַטשן אוועקגעשטעלט אין א ריי 10 יידן און זיי געשאָסן. פֿארן טויט האָבן די אומגליקלעכע געשריגן צו אונדז, די איידעס פון זייער דערמאָרדונג:

— **קעמפט קעגן די דײַטשן, נעמט נעקאָמע פאר אונדזער טויט!**

די דײַטשן האָבן **מורע געהאט**, די ארעסטירטע זאָלן נית אנטלויפן, האגאמ דעם לאגער האָט מען גוט געהיט. ארום זײַנען געווען א סאך וואך-טורעמס, אף וועלכע עס זײַנען געשטאנען וואכלײַט. דרײַ רייען שטעכיקע דראָט האָבן ארומגערינגלט דעם לאגער. הינטער די דראָטן איז געווען א רוי — דרײַ מעטער אף דרײַ מעטער — אָנגעפילט מיט וואסער. די מינען-פעלדער ארום האָבן געהאט 25 מעטער די טיפ. דאָך האָבן די דײַטשן אָנגענומען נײַע באוואך-מיטלען. זיי האָבן פארצויגן די פענצטער פון די באראקן מיט שטעכיקן דראָט און האָבן אוועקגעשטעלט וואכפּאָסטנס אויך אינווייניק אין לאַגער, בא די געבײַדעס.

אייניקע ארעסטירטע האָט זיך דאָך אײַנגעגעבן צו אנטלויפן. צוו[?] זײַנען אנטלאָפן צוויי קאָמוניסטן. אלס ענטפער האָבן די דײַטשן געשאָסן 20 מענטשן. אין 1943 האָט א האָלענדישער זשורנאליסט אָרגאניזירט דאָס אנטלויפן פון 72 מאן. נאָך דעם האָבן די דײַטשן דערהארגעט א סאך מענטשן אף דער טעריטאָריע פון לאַגער.

אין אויגוסט 1943 האָט מען אין סאביבור געבראכט פון מינסק 600 קריגס-געפאנגענע אָפיצערן און שלאכטלײַט פון דער רויטער ארמיי — יידן. 80 מאן פון זיי האָבן די דײַטשן אָפּגעטיילט און געלאָזן אף ארבעט, און די איבעריקע האָבן זיי דערשטיקט און פארברענט, צווישן די לעבנגעבליבענע איז געווען דער פּאָליטרוק סאשקע [1] — א טײַערער רוסישער באָכער. דאָס האָט ער דאָס פארטראכט אָרגאניזירן א מאסנווײַזע אנטלויפונג. סאשקע האָט זייער פּרוזיכטיק צוגעקליבן די אָנטיילנעמער פון דער פארשווערונג, אז עס זאָל ניט זײַן קיין פאראט, ער האָט צעשטעלט די מענטשן. דער פלאן איז באשטאנען אָט אין וואָס: אין איין מאָמענט איבערײַסן אין לאגער די פארבינדונג און די סיגנאליזאציע, דערהרגענען די דײַטשן די הענקער און ארויסרײַסן זיך פון געפענקעניש. סאשקע האָט געגרייט דעם אופשטאנד, אין דער שמידערײַ האָט מען געמאכט העק און מעסערס, מע האָט אויך בעדייע געהאט אויסניצן דאָס געווער פון די דערהארגעטע דײַטשן.

1 סאשקע — אלעקסאנדר פּעטשאָרסקי — אָרגאניזאטאָר פונעם אופשטאנד, איצט לייטענאנט פון דער רויטער ארמיי. — רעד.

דער אופשטאנד איז געווען באשטימט אפן 14 אָקטיאבער 1943. אינעם ערשטן לאגער האָבן פיל שנײַדער און שוסטער אף א געוויסער שאָ — אף 5 אזייגער פארנאכט — באשטימט זייערע קליענטן די דײַטשן, זיי זאָלן קומען אָנמעסטן די באשטעלטע זאכן. אין דער דאָזיקער שאָ האָט דער עלעקטריקער פונעם לאגער [illegible] איבערגעריסן די פארבינדונג-ליניע און די באלײַכטונג אין לאגער. ווען דער אָבערשארפירער גריישוט (דער שעף פון דער וואך) איז געקומען צום שוסטער, האָט אים יענער גלײַך אפן שוועל דערהארגעט מיט א האק. דעם צוגוואכמאן קליאט האָט מען דערהארגעט אין דעם זעלבן שוסטער-ווארשטאט. איינער א דײַטש איז געקומען צו פאָרן צום שנײַדער און איז ארײַן אין דער געבײַדע. אין דער צײַט האָט א יינגעלע אוועקגעפירט זײַן פערד, דעם דײַטש האָט מען בייסן מעסטן זעדלאנגס מיט א האק איבערן קאָפּ און דעם טויטן קערפּער באהאלטן אונטערן בעט. דאָס זעלבע איז פארגעקומען אויך אין צווייטן לאגער. דעם אונטערשארפירער וואָלף האָט מען דערהארגעט אין מאגאזין און דעם מעס באהאלטן אונטער די זאכן. אין דעם זעלבן אָרט האָט מען דערהארגעט אויך זײַן ברודער. ווען דער אונטערשארפירער בעקמאן איז געקומען אין קאנצעלאריע, האָט ער זיך גענומען צום געווער, נאָר ער האָט אויך באקומען זײַנס. אים האָט דערהארגעט היינריך ענגעל, א יונגערמאן פון לאָדז. סאכאקל האָבן די אופשטענדלער

1285 — 2

דערהארגעט 12 דײַטשן און 4 וואכלײַט. אין גאנג פונעם אופשטאנד האָבן די געפאנגענע פארכאפּט בא די דײַטשן געווער און האָבן דערמיט געהארגעט די סאָנים, געשאָסן אין די וואכלײַט אף די טורעמס. די מענטשן האָבן זיך א וואָרף געטאָן צו די שטעכיקע דראָטן, צעריסן זיי, נאָר א סאך האָבן זיך אופגעריסן אף די מינען-פעלדער. דעמלט האָט מען אויסגענוצט ברעטער און מע האָט דורכגעלייגט א וועג דורך די מינען-פעלדער. אזויארום זײַנען אין וואלד אנטלאָפן 400 מענטשן. א גרויסע גרופּע האָט זיך פארוואלט אין לאגער. אין צענטער איז געשטאנען אונדזער אָנפירער, אונדזער טײַערער סאשקע. ער האָט א געשריי געטאָן:

— פאר סטאלינען, הורא!

צעטיילט זיך אף קליינע גרופּעס, זײַנען מיר אוועק אין פארשיידענע זײַטן איבערן וואלד. די דײַטשן האָבן אָרגאניזירט אַן אָבלאווע, אעראָפּלאנען האָבן באשאָסן דעם וואלד. זייער פיל זײַנען דערהארגעט געוואָרן. לעבן זײַנען געבליבן ניט מער פון 50 מענטשן. מיר אליין האָט זיך אײַנגעגעבן צו דערקלײַבן זיך קיין כעלם, ווו איך האָב זיך אויסגעבאהאלטן, ביז ס'איז געקומען די רויטע ארמיי. דעמלט האָט זיך צו מיר, דעם געפאנגענעם פון סאביבור, אומגעקערט דאָס לעבן.

נאָכן אופשטאנד האָבן די דײַטשן דערהארגעט אלע ארעסטירטע, וואָס זײַנען געבליבן אין סאָביבור, פארברענט זיי און אופגעריסן דעם לאגער. געבויט דעם סאָביבורער לאגער האָבן די דײַטשן גאָלציימער — דער הויפּט־אינספּעקטאָר פון די טויט-לאגערן און דער ציווילער אינזשעניער מאָזער.

פאָווראָזניק כאַים

כעלם, 10 אווגוסט 1944

וואָלף שיינוואַלד

אין געטאָ, וואַלד און פּאַרטיזאַנקע

די דײַטש־סאָוויעטישע מלחמה אין ליבעוונע האָט זיך אָנגעהויבן זונטיק פֿאַרטאָג, דעם 22סטן יוני 1941, ווען די דײַטשן האָבן באָמבאַרדירט אונדזער שטעטל. בײַ אונדז האָט מען געשמועסט, אַז די רוסן זענען זייער שטאַרק און מען וועט באַלד די דײַטשן צוריקשטויסן. און מיר ייִדן זענען געווען זיכער, אַז אַזוי וועט עס זײַן.

ווען עס זענען פֿאַרבײַ עטלעכע טעג און די לאַגע האָט זיך נישט געענדערט, האָבן מיר באַשלאָסן צו אַנטלויפֿן. איך האָב געקויפֿט אַ וואָגן מיט אַ פֿאָר פֿערד, גענומען מײַן פֿרוי מיט דעם זון און דער טאָכטער, מיטגענומען די נויטווענדיקסטע זאַכן און זיך געלאָזט קיין רוסלאַנד.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין קאָוועל, האָבן מיר שוין נישט געקאָנט ווײַטער פֿאָרן, ווײַל די דײַטשן האָבן אונדז איבערגעשניטן דעם וועג. מיר האָבן זיך קוים דערשלעפּט צוריק אַהיים.

ליבעוונע איז געווען פֿאַרברענט, אויסער דעם רינעק און אייניקע הײַזער אויף דער גילדענער און קאָסנישטשער גאַסן, וואָס זענען געבליבן גאַנץ.

באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות און עס זענען געפֿאַלן די ערשטע קרבנות פֿון די דײַטשע הענט.

די דײַטשן האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז אַלע ייִדן זאָלן זיך פֿאַרזאַמלען אויפֿן מאַרק. טייל ייִדן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, אָבער די מערסטע ייִדן זענען אַרויס. מען האָט זיי אויסגעשטעלט אין רייען און געמאָלדן, אַז מען האָט איבערגעשניטן די טעלעפֿאָן־דראָטן און אַז די ייִדן זענען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דעם. מען האָט געציילט די פֿאַרזאַמלטע מענטשן ביז צוואַנציק און דעם 21סטן האָט מען געהייסן אַרויסגיין פֿון דער ריי. אַזוי האָט מען גענומען שמואל ווײַנגאַרטן, חיים שוסטער און מאיר ציילינגאָלד, זיי אַרויפֿגעפֿירט אויף דעם באַרג, וואָס איז געווען אַנטקעגן מאַרק, און פֿאַר די פֿאַרזאַמלטע ייִדן אין די אויגן זיי געשאָסן.

עטלעכע וואָכן נאָך דעם האָבן די דײַטשן פֿאַראָרדנט מען זאָל שאַפֿן אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל זײַן פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די ייִדן אין שטעטל. לגבי דער דײַטשער מאַכט. אַלס פֿאַרזיצער האָבן זיי באַשטימט קלמן קאָפּעלזאָן, דעם ביזאיצטיקן ראש הקהל. ער האָט פֿאַררופֿן צו זיך די אייניקע ייִדן פֿון שטאָט און מיט זיי צוזאַמען געשאַפֿן דעם יודנראַט. עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געוואָלט ווערן מיטגלידער אין יודנראַט, אָבער זיי האָבן מורא געהאַט זיך אָפּצוזאָגן. אין יודנראַט זענען אַרײַן: דוד ווײַנער, נחום באַראָן, מאָטל פֿריוונער, לײַזער פֿינקעלשטיין און נאָך אַנדערע, צוזאַמען צוועלף מיטגלידער. שפּעטער האָט מען אויך געשאַפֿן די ייִדישע פּאָליציי. עס זענען געווען צען פּאָליציסטן, וואָס האָבן בדרך כלל נישט געטאָן קיין שלעכטס צו זייערע אייגענע ברידער.

פֿאַר דער צײַט זענען יעדע פּאָר טעג אַרויפֿגעלייגט געוואָרן קאָנטריבוציעס אין גאָלד, פֿוטערס, מעבל. ייִדן האָבן מורא געהאַט עס צו באַהאַלטן און האָבן אַלץ אָפּגעגעבן.

צוויי וואָכן נאָכן שאַפֿן דעם יודנראַט און זעקס וואָכן נאָכן אַרײַנגיין פֿון די דײַטשן, זענען אָנגעקומען אין שטאָט געסטאַפּאָ־לײַט און געכאַפּט מענטשן אין גאַס. זיי האָבן דאַן געכאַפּט בײַ דרײַסיק מענטשן, זיי אַרויסגעפֿירט הינטער דעם נײַעם בית־הקברות און זיי דאָרט דערשאָסן.

נישט אַלע אײַנוווינער האָבן געגלויבט אַז מען האָט זיי דערשאָסן, עס האָט געהערשט אַ סברה אַז מען האָט זיי געשיקט אויף אַרבעט, ביז ר׳ אברהם שיינער איז אַוועק בײַנאַכט צו די גריבער האָט אויפֿגעגראָבן און געפֿונען אַ כאַלאַט פֿון אַן אומגעקומענעם און דאָס האָט איבערצייגט די לעצטע אָפּטימיסטן אין דעם גרויליכן אמת.

אַ ווייטערדיקע פאַרניכטונגס־אַקציע איז פאָרגעקומען אין סעפּטעמבער. עס איז ווידער געקומען די געסטאַפּאָ און געפאָדערט 300 יידן צו דער אַרבעט. דער יודנראַט האָט נישט געוואָלט געבן די מענטשן, מען איז געלאָפן אינטערווענירן ביים געביטס־קאָמיסאַר. אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. די געסטאַפּאָ־לייט האָבן ווידער געכאַפּט מענטשן אין גאַס כלומרשט אויף אַרבעט. מען האָט די פּאַרטיע אַוועקגעפירט אין די סקיבער וועלדער, ווו עס זענען געבליבן אויסגעגראָבענע אָקאָפּעס פון ערשטן וועלט־קריג. דאָרט האָט מען די דריי הונדערט יידן אויסגעשאָסן און זיי באַגראָבן אין די גראָבנס. פאַרן שיסן האָט מען די יידן געהייסן שרייבן בריוו צו זייערע פאַמיליעס, אַז מען פירט זיי אויף אַרבעט און אַז עס איז זיי זייער גוט.

ווען די דאָזיקע בריוו זענען אָנגעקומען אין שטאָט, האָבן די אָפּטימיסטן מיט פרייד געזאָגט: „אַבי מען איז חושד געווען דעם יודנראַט, אַז מען גיט איבער מענטשן צום טויט“.

נאָך אַ געוויסער צייט האָט מען אַלע פאַכלייט אַרויסגעגעבן גאָלדענע שיינען. דאָס האָט געהייסן, אַז זיי וועלן אַרבעטן און זיין פאַרזיכערט מיטן לעבן. די יידן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין „גאָלדענע שיינען“, האָבן גענומען צוגרייטן באַהעלטענישן. מיין ברודער האָט געמאַכט אַ בונקער אין שטאַל.

מיין הבר חיים לאַקס איז איינמאָל געקומען אין אונדזער באַהעלטעניש און אונדז געבראַכט „גאָלדענע שיינען“. צוערשט האָב איך געאַרבעט ביים אויפלאָדן קלעצער אויף וואַגאָנען. שפּעטער האָט מען מיך אַריבערגעפירט אַרבעטן אין טאַרטאַק. מיט מיר האָט געאַרבעט מיין זון און איינער פוקס. דער טאַרטאַק האָט פריער געהערט צו חיים קרויט. אין דער נאַצי־צייט איז זיין דירעקטאָר געווען שידלאָווסקי.

מיט עסן איז געווען זייער שווער. דער געביטס־קאָמיסאַר האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו געבן צען דעקאַ ברויט אויף יעדער פּערזאָן אויף אַ גאַנצן טאָג. די, וואָס פלעגן אַרויסגיין צו דער אַרבעט, פלעגן עפּעס קויפן ביי די גוֹיים, אויב זיי האָבן געהאַט פאַר וואָס צו קויפן. די רייכערע האָבן געהאַט צוגעגרייט זאַפּאַסן נאָך פון די בעסערע צייטן, אָבער אויך זייערע זאַפּאַסן האָבן נישט געקאָנט לאַנג אָנהאַלטן.

אין די דירות, ווו די יידן האָבן געמעגט וווינען, איז געווען אַן ענגשאַפט אין לשער. דאָס איז נאָך ערגער געוואָרן נאָכן אויספירן דעם באַפעל פון געביטס־קאָמיסאַר, אַז אַלע יידן פון די אַרומיקע דערפער מוזן זיך אַריבערקלייבן קיין ליבעוונע. דעמאָלט זענען צוגעקומען אין ליבעוונער געטאָ די יידן פון רימאַטש, בערזשעץ, אָלעוונע, קרעמנע, פּאָדגאָראָדנע, ווישניעווע, מאָשעווע, כוואָראָסטאָוו און אַנדערע דערפער.

דער יודנראַט פלעגט שיקן די מענטשן צו פאַרשיידענע אַרבעטן, ווי שניידן תבואה ביי די גוֹיים אויף די פעלדער, פאַרריכטן די וועגן, אין ציגעלניע און אויך ביים גראָבן גריבער, נישט וויסנדיק, אַז מען גראָבט זיי פאַר זיך אַליין.

איינמאָל האָט מען אַרויסגעשיקט אַ גרופּע מענטשן צו דער אַרבעט אויף די וועגן. צווישן די אַרבעטער זענען אויך געווען יונגע מיידלעך פון 14 יאָר. דאָרט זענען געווען אומגעפער 50 אַזעלכע קינדער. דאָס איז געווען אַ טאָג פון אַ יאַריד. צווישן די קינדער זענען אויך געווען רייכערע, וואָס האָבן געקויפט ביי די פאַרבייפאָרנדיקע גוֹיים אַ שטיקל ברויט אָדער אַ שטיקל פוטער. אין דעם איז אָנגעפאָרן דער דייטשער קאָמיסאַר פון אַרבעטס־אַמט און האָט דאָס דערזען. ער האָט פאַרשריבן די נעמען פון די, וואָס האָבן געקויפט די פּראָדוקטן ביי די גוֹיים, געהייסן זיי צוזאַמען מיטן יודנראַט קומען אויפן הויף פון דעם געביטס־קאָמיסאַר. דאָס זענען געווען דריי קוזינעס, טעכטער פון יצחק מלמד, דוד מלמד, פּיניע מלמד, און איין מאַן, שמעון שטרייכער. ווען זיי זענען געקומען אויפן הויף פון דעם געביטס־קאָמיסאַר האָט מען אויף די פיר אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל. איינע פון די מיידלעך, דערציילט מען, איז פון שרעק אינגאַנצן ווייס געוואָרן. מען האָט די פיר דערשאָסן.

דאָס איז געווען פיר מאָנאַטן נאָך דעם, ווי די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט. די פיר דערשאָסענע האָט מען אַרויפגעלייגט אויף דעם וועגעלע פון יודנראַט און טראַטל פּאַמעראַנץ, וואָס האָט דאָס וועגעלע געפירט, האָט זיי אַלע געבראַכט אויפן יידישן בית־הקברות. קלמן קאַפּלזאָן האָט געזאָגט „קדיש“.

די באַציאונג פון יודנראַט צו די יידן איז אין אַלגעמיין נישט געווען קיין שלעכטע. די יעניקע, וואָס מען האָט פון זיי געפאָדערט געלט אָדער גאָלד, זענען געווען אויפגעברויזט אויף זיי. קלמן קאַפּלזאָן, דער פּרעזעס, איז געווען אַ האַרבער ייד, אָבער זיין מיסיע איז געווען אַ שווערע. די לאַגע פון די מיטגלידער אין יודנראַט איז אפשר געווען אַ ביסל בעסער. זיי האָבן געהאַט מער צו עסן.

דער שפּיטאָל האָט זיך געפונען אויסערן תחום פון געטאָ. ער איז אָנגעפירט געוואָרן דורך יידן. דער דאָקטאָר איז געווען אַמסטשיבאָווסקי. ער האָט געלעבט אין שטאָט, נישט אין געטאָ. אויך זיין שוואָגער, דער דענטיסט מאַרטין גלאַסמאַן, האָט געלעבט אין שטאָט. איין טאָג זענען זיי און זייערע משפחות אַנטלאָפן. דער גע־

ביטס־קאָמיסאַר האָט געסטראַשעט מיט שטראָפן. אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. מען האָט זיי געזוכט און נישט געקאָנט געפינען.

די אַנטלאָפענע האָבן אויסגענוצט פאַלשע אַרישע פּאַפּירן. געווען נאָך אַ פּאָר הונדערט ליבעוונער יידן, וואָס האָבן זיך געמאַכט אַרישע פּאַפּירן, אָבער נישט אַלעמען פון זיי איז געלונגען זיך צו ראַטעווען.

די יידן, וואָס זענען נישט געווען באַשעפטיקט, פלעגט מען שבת און זונטיק נעמען אויף אַרבעט אין קאַמפּיאַניס הויף ביים אויסקאַרטשעווען די פאַרדאַרטעביימער פון פרוכט־גאָרטן. אגב, די טאָכטער פון אַלטן קאַמפּיאַני האָט געאַרבעט ביים געביטס־קאָמיסאַר, מיט וועלכן זי האָט שפּעטער חתונה געהאַט. דער יודנראַט האָט צוגעטיילט די אַרבעטער ווי אויך די כלים צו דער אַרבעט. דאָס איז געווען זייער אַ שווערע אַרבעט. די דייטשן, וועלכע האָבן אויפגעפּאַסט אויף די אַרבעטער, האָבן שטאַרק געשלאָגן. אייניקע זענען געווען אַזוי צעקלאַפּט, אַז זיי האָבן געדאַרפט אַנקומען נאָך הילף אין שפּיטאָל.

איך האָב געאַרבעט ווייטער אין טאַרטאַק און אויך ביי שוואַרצער אַרבעט. ווען מיר האָבן געפילט, אַז עס דערנענטערט זיך אַן אַקציע, זענען מיר נישט אַרויס צו דער אַרבעט. מיר זענען געבליבן אין טאַרטאַק ביי חיים קרויט. דאָרט פלעגן מיר זיך באַהאַלטן אויפן בוידעם. איינמאָל, ווען די געסטאַפּאָ־לייט זענען געקומען אין טאַרטאַק און קיינעם נישט געפונען, נאָר דאָס יינגל בוזיק ראַט, וועלכער איז געווען דער פירער פון טאַרטאַק, האָבן זיי אים דערשאָסן אויף אַן אָרט.

די גרויל־אַקציעס, וואָס די דייטשן פלעגן דורכפירן, האָבן אַלץ מער איבערצייגט די יידן, אַז די נאַציס קלייבן זיך סוף־סוף אַלעמען צו פאַרניכטן. מען האָט אַלץ מער אָנגעהויבן צו מאַכן פּלענער וועגן אַנטלויפן. מען האָט זיך דערוווּסט, אַז מען גראָבט גרויסע גריבער ביי דער ציגעלניע. דאָס זענען געווען דריי גריבער, 50 מעטער לאַנג און 10 מעטער ברייט. קאָפּעלזאָן האָט איבערגעגעבן אין נאָמען פון די דייטשן, אַז דאָרט וועט מען איינמאָנטירן גרויסע מאַשינען פאַר דער ציגעלניע. אַזוי ווי די שטאָט האָט אָפּגעברענט, וועט מען זי צוריק אויפבויען און דעריבער דאַרף מען האָבן מער ציגל און מען דאַרף די ציגעלניע פאַרגרעסערן. איצט זענען שוין נישט געווען צופיל יידן צו גלויבן אין די דייטשע שקרים.

אין 1942 האָבן מיר געהערט, אַז אין די שאַצקער וועלדער זענען דאָ פּאַרטיזאַנער. אין אַ געוויסן טאָג האָבן זיי אויפגעריסן די בריקן צווישן שאַצק און לובאָמל. דאָס האָט צוגעגעבן מוט און האָפענונג די אַלע וואָס האָבן געפּלאַנט צו אַנטלויפן.

אין אָט דער צייט האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז די דייטשן קלייבן זיך אַרומצורינגלען דאָס געטאָ. די קלאַנגען זענען געקומען פון אוקראַאינישע פּאָליציסטן. קאָפּעלזאָן — וואָס האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַראָפּגעבראַכט פון דער ליקווידירטער ראָוונע זיין איידעם מאיר־יצחק ווייצפּרוכט און אים אַריינגעבראַכט אין יודנראַט — האָט ווידער אַלעמען פאַרזיכערט אין נאָמען פון געביטס־קאָמיסאַר, אַז עס דראָט נישט קיין שום סכנה. אָבער דאָס אַלץ איז געווען שקר וכזב.

צוויי טעג פאַר הושענא רבה, 1942, איז אָנגעקומען ליטווישע, אוקראַאינישע און דייטשע פּאָליציי. עס איז אויך אָנגעקומען געסטאַפּאָ. מען האָט אַרומגערינגלט דאָס געטאָ. אַ סך יידן האָבן געהאַט צוגעגרייט באַהעלטענישן. איך האָב אויך געהאַט אַ באַהעלטעניש: אַ גרוב פון אַ 20 מעטער לאַנג און אַ מעטער־אָנדערהאַלבן ברייט. די ערד, וואָס איך האָב אויסגעגראָבן, האָט מען נישט געקאָנט אַרויסטראָגן, עס זאָל נישט זיין קיין חשד, אַז דאָ גראָבט מען, האָב איך עס פאַרדעקט מיט האָלץ. דער אַריינגאַנג איז געווען פון דער זייט, מען האָט זיך נאָר געדאַרפט אַריינרוקן און פאַרמאַכן דאָס טירעלע.

ווען איך האָב דערפילט, אַז די צייט פון דער ליקווידאַציע דערנענטערט זיך, האָב איך געזאָגט צו מיין זון מאיר, אַז ער זאָל אַנטלויפן, וועט ער אפשר איבערלעבן. ער האָט גענומען די ביקס און צוזאַמען מיט נאָך 30 יינגלעך אַוועק אין וואַלד. צוזאַמען מיט אים זענען געווען לייבעלע רוסמאַן, יאָסל פוקס, אידל קאַץ און אַנדערע. די אוקראַאינער האָבן אויף זיי געשאָסן, אָבער עס איז זיי געלונגען צו קומען אין וואַלד.

איך מיט מיינע נאָענטע זענען אַריין אין סכראָן. דאָרט איז געווען פּלאַץ פאַר אַכט ביז צען מענטשן. אָבער ווען עס האָבן זיך דערוווּסט פון דעם מיינע שכנים, זענען זיי אויך אַריין אַהין. אַזוי זענען מיר געווען 20 מענטשן אין דער מעלינע. מיר זענען געווען דאָרט אַ טאָג און מיר האָבן געהערט, ווי מען גייט אַריין, מען זוכט און מען זאָגט, אַז דאָרט איז קיינער נישטאָ. נאָכן אָפּליגן דאָרטן צוויי טעג, דאָס איז געווען הושענא רבה ביינאַכט, האָט ישראל־לייב מעש, אַן עלטערער ייד, וועלכער איז געווען מיט אונדז, גענומען שרייען, אַז מ'זאָל אים לאָזן גיין אין שיל. מיר האָבן געזען, אַז עס וועט נישט העלפן, זיינע געדאַנקען זענען צעמישט געוואָרן, האָבן מיר אים אַרויסגעלאָזט. ער איז אַוועק אין שטוב, האָט געזאָגט תהילים און נאָכדעם זיך געלייגט שלאָפן. מיר האָבן געהערט זיין תהילים זאָגן און דערנאָך אַ פּאָר שאָסן פון אַ ביקס.

אויפן דריטן טאָג האָב איך געזאָגט צו מיין פרוי, אַז מען מוז אַרויס פון מעלינע. מיר האָבן נישט קיין וואַסער און קיין עסן, מיר וועלן דאָ אומקומען. מיר וועלן זיך פרווון ראַטעווען, ווער עס וויל קאָן גיין מיט מיר.

עס איז דאַן געווען אַ פינצטערע נאַכט. די פּאָליציסטן זענען געשטאַנען איינער פון צווייטן אויף אַ מרחק פון 20 מעטער. מיט מיר זענען אַרויס מיין פרוי, טאָכטער און נאָך זיבן מענטשן. די אַנדערע האָבן נישט געוואָלט מיטגיין. מיר זענען געווען ביי דער מיל, ווו מיר האָבן געדאַרפט איבערשניידן דעם וועג און אַריבערגיין צו די לאָנקעס. ווען דער פּאָליציאַנט האָט זיך אָפּגערוקט, זענען מיר אַריבערגעלאָפן. ער האָט אָבער געהערט, אַז מען לויפט, האָט ער אָנגעהויבן שיסן און געטראָפן מיין שוועגערין, וועלכע איז געפאַלן טויט.

מיר איז געבליבן איבערגיין נאָך איין גאַס. דאָרט האָב איך געדאַרפט דורכגיין אַ גויישע הייזקע. אַזוי ווי איך האָב געוואָלט אויפמאַכן דאָס טירל, האָט מיך געכאַפּט אַ פּאָליציאַנט. מיין פרוי מיט דער טאָכטער און נאָך אַ שוועגערין מיט צוויי קינדער זענען געשטאַנען פון דער אַנדערער זייט און געוואַרט. ווען מיין שוועגערין האָט דערזען, אַז מען פאַרהאַלט מיך, איז זי אַנטלאָפן. דער פּאָליציאַנט איז גראָד געווען מיינער אַ באַקאַנטער מיט וועלכן איך האָב צוזאַמען געאַרבעט אין וואַלד. איך האָב אים געבעטן, אַז ער זאָל מיך אָפּלאָזן. ער האָט ביי מיר געפאָדערט געלט. איך האָב אים אָפּגעגעבן אַלץ וואָס איך האָב געהאַט אין די קעשענעס. איך האָב אים געזאָגט, אַז אויך מיין פרוי מיט די קינדער זענען דאָ. ער האָט זיי געהייסן אַריבערגיין צו אונדז. ווען זיי זענען אַריבער, האָט ער אויך ביי מיין פרוי געפאָדערט געלט. זי האָט אים פאַר שרעק אַלץ אַוועקגעגעבן. ער האָט אונדז אָפּגעלאָזט און מיר זענען אַוועק מיט די פעלדער. דער צווייטער פּאָליציאַנט האָט דערהערט אַז מען גייט, האָט ער אָנגעהויבן שיסן, אויך מיין באַקאַנטער האָט געשאָסן אין דער לופט, אָבער עס איז אונדז געלונגען צו אַנטלויפן. די אַנדערע, הערנדיק די שיסעריי, האָבן געמיינט, אַז מען האָט אונדז געכאַפּט, זענען זיי אַנטלאָפן.

מיר זענען אָנגעקומען אין וואַלד, ווו איך האָב זייער גוט געקענט די וועגן, ווייל איך האָב געאַרבעט אין וואַלד. מיר זענען אָנגעקומען אין אַ דאָרף, 12 קילאָמעטער ווייט פון שטאָט, דאָרט האָבן מיר זיך אָנגעטרונקען מיט וואַסער און געגאַנגען ווייטער. מיר זענען אָנגעקומען אין אַ קליין וועלדל און זיך געלייגט אָפּרוען. דערווייל זענען אָנגעקומען פאַסטעכער. ווען זיי האָבן אונדז דערזען, זענען זיי אַנטלאָפן. דאָס איז געווען פאַר אונדז די גרעסטע געפאַר. די דייטשן האָבן אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז די יידן שניידן איבער די גויים די העלדזער, ווען זיי טרעפן זיי, דעריבער בעט מען די גויים אַרויסצוגעבן די יידן און מען וועט זיי דערפאַר גוט באַצאָלן.

מיר זענען גלייך אַנטלאָפן פון יענעם אָרט. שפּעטער זענען מיר אָנגעקומען נישט ווייט פון מיינעם אַ באַקאַנטן פויער, באַיאַר. ווען ער איז אַרויס אין דער פרי, האָט ער געזען נאָך די שפּורן פון די שטיוול, אַז דאָ איז עמעצער דאָ. ער האָט אַזוי לאַנג געזוכט, ביז ער האָט אונדז געפונען אין וואַלד. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט אונדז נישט אַרויסגעבן, אָבער אויך מיר זאָלן נישט דערציילן, אַז ער האָט אונדז געזען. ער האָט באַלד אַרויסגעשיקט זיין טאָכטער, וועלכע האָט אונדז געבראַכט זויערמילך מיט ברויט, מיר זאָלן שטילן דעם הונגער. מיר זענען דאָרט געבליבן צוויי טעג.

אין אַט דער צייט איז אַהער געקומען אויך מיין שוואָגער, הירש לייכטער. ער האָט אונדז דערציילט, אַז מען האָט אַנטדעקט זייער מעלינע און אַז זיין פרוי מיט די קינדער האָט מען געשאָסן און ער איז אַנטלאָפן. ער איז געווען פאַרצווייפלט און האָט זיך געוואָלט איבערגעבן צו די דייטשן. איך אָב אים קוים אָפּגעהאַלטן פון דעם.

דאָרטן זענען מיר געבליבן אַכט טעג, ביז פאַסטעכער האָבן זיך דערוווּסט פון אונדז און מיר האָבן ווידער געמוזט אַנטלויפן. אויפן וועג האָט אונדז אָנגעטראָפן אַ גוי, וואָס איז געווען באַקאַנט ווי דער גרעסטער גנב. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל בלייבן לעבן אים. ער האָט געהייסן טיכאָן מאַרטילעץ. כאָטש מיר האָבן מורא געהאַט, אַז ער זאָל אונדז נישט מסרן, האָבן מיר אָבער דאָך באַשלאָסן צו בלייבן. מיר האָבן אונדז אויסגעבויט אַ ביידל פון איינגעבויגענע צווייגן פון די ביימער. דאָרט זענען מיר פאַרבליבן אַ פיר וואָכן. ער פלעגט אונדז ברענגען קאַרטאָפל. נאָך די פיר וואָכן האָט ער געבראַכט צו אונדז נאָך יידן. זיי זענען מיט אונדז נישט לאַנג פאַרבליבן, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט. זיי זענען אַוועק טיפער אין וואַלד. אַ זונטיק האָבן זיי געמאַכט אַ פייער. פּאָליציי האָט זיי אַרומגערינגלט, איינעם געשאָסן און דעם אַנדערן גענומען לעבעדיק. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מען האָט געשאָסן מאַריאַ גערטמאַן מיט איר מיידל.

נאָכן אומגליק מיט די יידן אין וואַלד, איז שוין נישט געווען זיכער צו בלייבן דאָ. זענען מיר אַריבער אין אַן אַנדער אָרט, ווו מיר זענען אָפּגעווען אַ זעקס חדשים. אין נייעם אָרט איז צוגעקומען צו אונדז נאָך אַ שטאָטישער, אברהם לובאָכינער. דער גוי האָט אים

דערציילט, אַז עס זענען דאָ יידן אין וואַלד און ער האָט אים געבראַכט צו אונדז. אַזוי זענען מיר געווען 5 מאַן.

דאָס באַזאָרגן זיך עסן איז געווען פון די שווערסטע פּראָבלעמען. צוערשט פלעגן מיר בעטן ביי גויים, וועלכע איך האָב געקענט און האָב געוווּסט, אַז זיי וועלן אונדז נישט אויסגעבן, און דערנאָך פלעגן מיר אויך גנבענען ביי די גויים. מיר פלעגן גיין אין דאָרף, זיך אַריינגנבענען אין אַ שטאַל און נעמען וואָס מען האָט נאָר געקאָנט. איך האָב געהאַט חובות ביי גויים, פלעגן זיי מיר באַצאָלן מיט קאָרן. אין וואַלד האָט געוווינט אַן אָרעמע גויע. זי האָט אונדז דערלויבט צו בלייבן ביי איר אויפן בוידעם און זי האָט אונדז אָפּגעבאַקן ברויט פון דעם קאָרן, וואָס איך האָב באַקומען. מיר זענען דאָרט געבליבן פיר וואָכן. ווען עס איז געקומען פאַר פסח, האָט די גויע אונדז געזאָגט, אַז זי ווייסט, אַז אונדזער „פּאַסכאַ" דערנענטערט זיך, האָט זי אונדז באַזאָרגט מיט אַ ביסל האָניק און עטלעכע אייער, און מיר האָבן זיך ווידער געלאָזט אין וואַלד אַריין.

איינער פון מיינע באַקאַנטע גויים האָט מיר דערציילט, אַז אין וואַלד זענען דאָ פּאַרטיזאַנער און ער וועט אונדז מיט זיי פאַרבינדן. ער האָט געמאָלדן די פּאַרטיזאַנער וועגן אונדז. זיי זענען געקומען מיט אַ וועגעלע און אונדז גענומען צו זיך.

מיר זענען געפאָרן ביי אַ 6 מייל ביז זייער פּונקט. דאָרטן איז געווען אַ גרויסער אָטריאַד פּאַרטיזאַנער, וואָס איז באַשטאַנען פון דריי ראָטעס. זייער הויפּט-אויפגאַבע איז געווען סאַבאָטאַזש-אַקטן קעגן צוגן.

מיך מיט מיין פרוי און טאָכטער האָט מען צוגעטיילט צום דריטן זוואָד און די אַנדערע צוויי — צו אַן אַנדער זוואָד. מען האָט אונדז געפרעגט, צי מיר ווייסן זייטיקע וועגן צו דער באַן-ליניע. מיר האָבן געענטפערט, אַז מיר ווייסן און קענען גוט די וועגן, ווייל מיר זענען געבוירן אין דער געגנט. מען האָט אונדז געלאָזט זיך אויסרוען, מען האָט אונדז אָפּגעראַזירט און אַרומגעוואַשן.

אין זוואָד זענען געווען 12 ביקסן אויף 35 מאַן און איין פּולימיאָט. דער פירער האָט מיך געפרעגט, צי איך קען שיסן, האָב איך געזאָגט אַז יאָ, כאָטש איך האָב קיינמאָל קיין ביקס נישט געהאַלטן. ער האָט אָבער באַמערקט ווי אַזוי איך האַלט די ביקס און האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז איך קען נישט שיסן. דער קאָמאַנדיר פון זוואָד איז געווען אַ ווילער מענטש, האָט ער מיר געוויזן ווי מען שיסט. ווען איך האָב זיך שוין אויסגעלערנט די מלאכה פון שיסן, האָט מען מיר באַפוילן צו שטיין אויף דער שמירה. מיר פלעגן שטיין פיר שעה אויף דער וואַך. יעדע פיר שעה פלעגט מען אונדז בייטן. דער פּאַראָל איז געווען 13 — ווען איך זאָג 6 דאַרף דער צווייטער זאָגן 7 — צוזאַמען דרייצן.

מיין פרוי האָט מען צוגעטיילט צו דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג. דער דאָקטאָר פון דער אָפּטיילונג איז געווען אַ רוסישער ייד. ער האָט גענומען צו זיך מיין פרוי מיט דער טאָכטער אויפצופּאַסן אויף די פאַרוווּנדעטע.

אין דער אָפּעראַציע אויפצורייסן דעם עשאַלאָן צווישן ליבעווּנע און מאַצעוו האָט זיך אויך באַטייליקט מיין שוואָגער. דעם אויפרייס-מאַטעריאַל האָט מען אויפגעהאָנגען ביי אַ פערד אויפן בויך און דאָס פערד האָט געפירט איינער פון די מענטשן ביים צוים. מען איז צוגעקומען נישט ווייט פון דער באַן-ליניע און מען איז געבליבן וואַרטן אין וואַלד, ביז עס וועט ווערן נאַכט און עס וועט זיין מעגלעך אונטערצולייגן די מינע.

ווען עס איז געוואָרן פינצטער האָט זיך איינער פון דער גרופּע צוגעשאַרט צו דער ליניע און אונטערגעלייגט די מינע. מיר האָבן געדאַרפט וואַרטן אויף די רעזולטאַטן פון דעם אויפרייס. אויסער דעם איז געווען אַ באַפעל צו נעמען געפאַנגענע, בכדי מען זאָל קאָנען פון זיי קריגן אינפאָרמאַציעס ווי אויך צוריקברענגען פאַרוווּנדעטע פון אונדזער אָטריאַד. אין דער גרופּע איז געווען אַ געזונטער שגץ, איז ער צוגעקראָכן גאַנץ נאָענט צום פּאַטרול, אים פאַרמאַכט דאָס מויל און אים געבראַכט צו שלעפּן צו אונדז. מיר האָבן אים געבונדן און געבראַכט לעבעדיק אין וואַלד. דאָס איז געווען, ווי מען האָט עס גערופן אין וואַלד, אַ „צונג". מען האָט אים צוגעבונדן צו אַ בוים און אים געזאָגט, אַז אויב ער וועט דערציילן, וועט מען אים לאָזן לעבן און ער וועט בלייבן מיט אונדז אין וואַלד, ווען נישט, וועט מען אים שיסן.

אַ חודש שפּעטער האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל זיך צוריקצוציען צו דער באַזע, וואָס איז געווען ביי גאָראַדזקאָוואָלע. פאַרן צוריקציען זיך האָבן מיר נאָך דערליידיקט אַ חשבון מיט אַ גוי, וואָס האָט אויסגעגעבן געפאַנגענע און אויך יידן. אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען אַ ייד, טראַכטענבערג, האָט געבראַכט דעם גוי אין וואַלד. עס איז געווען אַ פּראָצעס און מען האָט אים פאַרמשפּט צום טויט און אויפן פּלאַץ אויסגעפירט דעם אורטייל.

וועלנדיק זיך באַזאָרגן מיט עסנוואַרג, האָט זיך פאַרפירט אַ קאַמף מיט די דייטשן, וואָס האָבן אונדז געכאַפּט ביי אַ מילכל מאַלנדיק די תבואה, דער באַפעל איז געווען אָפּטרעטן, בכדי פאַרמיידן קרבנות און מיר זענען אָפּגעטראָטן.

מיר זענען געגאַנגען פינף וויאָרסט איבער פעלדער, ביז מיר זענען געקומען אין אַ וואַלד, ווו מיר זענען געבליבן אַ גאַנצן טאָג. מען האָט אונדז דערציילט, אַז אין דעם וואַלד זענען דאָ נאָך פּאַרטיזאַנער. איך האָב געוווּסט, אַז אין יענעם אָטריאַד דאַרף זיין מיין זון. ווען מיר האָבן זיך מיט זיי געטראָפן, האָב איך גלייך גענומען זוכן מיין זון, אָבער איך האָב אים נישט געפונען. אַ באַקאַנטער, וואָס האָט אויך געקענט דעם זון, האָט מיר דערציילט, אַז אַן אוקראַינער האָט אים געשאָסן אין אַ קאַמף מיט זיי. אויך מיינער אַ שוואָגער, וועלכער איז געווען מיט זיי, איז געפאַלן אין קאַמף.

איך האָב די ביטערע בשורה איבערגעגעבן מיין פרוי. זי האָט געחלשט, נאָכן אָפּמינטערן האָט זי נישט אויפגעהערט וויינען. עס איז צו איר געקומען דער אַנפירער און איר געזאָגט, אַז דאָס זענען געווען העלדן, וואָס זענען געפאַלן אין קאַמף און אויב זי וועט נישט אויפהערן צו וויינען, וועט מען זי מיט מיר און דער טאָכטער אַרויסשיקן פון לאַגער. האָט מען פאַרביסן די ציין און זיך געשטיקט מיטן גרויסן ווייטיק.

אין דער צייט זענען צוגעקומען צו אונדז נאָך פּאַרטיזאַנער און אַנטלאָפענע פלעניקעס. צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען 5 יידן. צוויי פון זיי געדענק איך: מרדכי קאַרגער און לייבל קאַרגער.

מיר זענען נישט געשטאַנען אויף איין אָרט און ווידער געוואַנדערט איבער די וועלדער, ביז מיר זענען אַנגעקומען אין שטעטל קאַמיען־קאַשירסק. אין שטעטל איז קיינער נישט געווען. צום ערשטן מאָל, נאָך אַ לאַנגן וואַנדערן, האָבן מיר זיך באַזעצט אין די הייזער און געוווינט ווי מענטשן. מיר האָבן אַרומגעשטעלט אַ וואַך, ווייל נישט ווייט זענען געווען די דייטשן.

אין שטעטל האָט מען לאַנג נישט געקאָנט שטיין, ווייל עס איז געווען אַ געפאַר פון ווערן אַרומגערינגלט. איז מען ווידער אַוועק אין וואַלד אַריין. דערווייל האָט זיך דערנענטערט דער ווינטער און מיר האָבן געמוזט אַנגרייטן ווינטער־וווינונגען אין וואַלד, „זיעמליאַנקעס". מען האָט אויסגעגראָבן גריבער, איין מעטער טיף, דריי מעטער ברייט און דרייסיק מעטער לאַנג, זיי פאַרדעקט מיט ברעטער, וואָס מיר האָבן געמאַכט פון די ביימער אין וואַלד. מיר האָבן צוגעגרייט דריי זעמליאַנקעס, פאַר די דריי אָטריאַדן, וואָס זענען געווען מיט אונדז אין וואַלד.

קיין עסן האָט אונדז אין וואַלד נישט געפעלט, נאָר אין קליידונג איז געווען אַ מאַנגל. מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל צו גיין אין אַ דאָרף, ווו מיר האָבן געדאַרפט נעמען זאַכן און אויך 20 בהמות. אויך מיך האָט מען צוגעטיילט צו דער גרופּע, וואָס האָט געדאַרפט דורכפירן די אויפגאַבע. מיט מיר איז נאָך געווען טראַכטענבערג. מיר האָבן געדאַרפט אַריבערגיין דורך אַ קליין טייכל. די גוים האָבן געהאַט קליינע שיפלעך, אָבער זיי האָבן עס באַהאַלטן און מיר האָבן געמוזט דאָס טייכל דורכגיין צו פוס. עס איז שוין געווען קאַלט און די נאַסע זאַכן זענען אויף אונדז געפרוירן געוואָרן.

ווען מיר זענען אַנגעקומען אין דאָרף, האָט מען מיך געשיקט צום סאָלטיס צו פאָדערן פון אים די 20 בהמות פאַר די פּאַרטיזאַנער. ער האָט געענטפערט, אַז ער האָט נישט.

זוכנדיק ביי אַ צווייטן פויער האָבן מיר, איך מיט מרדכי טראַכטענבערג געפונען אַ גרוב מיט באַהאַלטענע זאַכן און צוויי פעלצן. מיר האָבן אַלץ רעקווירירט. די אַנדערע, וואָס האָבן געטרונקען, האָבן גאָרנישט געבראַכט. זיי זענען באַשטראָפט געוואָרן.

עס זענען געווען אַ סך פאַלן, ווען מען האָט אַוועקגעשיקט מענטשן אויף „זאַדאַניעס" און זיי זענען נישט צוריקגעקומען. פיל פון זיי זענען געווען יידן.

אין מיין ראָטע זענען געווען דריי יידן .אין דער פערטער ראָטע זענען געווען 12 אָדער 15 יידן. דאָרט איז געווען אַ פאַל, אַז די פּאַרטיזאַנער האָבן געשאָסן איינעם פון די יידן, זייענדיק אויף אַ זאַדאַניע. די יידן האָבן מורא געהאַט און פלעגן אויסמיידן צו גיין. אָבער עס איז אויך געווען פאַרקערט: יידן, וואָס פלעגן זיך רייסן צו גיין אין קאַמף. ביי אונדז איז געווען איינער, קאַרלגאַן, האָט ער געהאַט דעם טיטל „געראָי" (העלד), ער איז געווען אַן אַנפירער. זיין פאָטער מרדכי קאַרלגאַן לעבט אין ישראל.

מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל צו פאַרנעמען אַ קליין שטעטל לעבן קאָוועל, בכדי זיך צו פאַראייניקן מיט דער סאָוויעטישער אַרמיי, וואָס איז געגאַנגען פון דער אַנדערער זייט פון קאָוועל. צווישן די קעמפער איז אויך געווען מיין טאָכטער.

אָבער דער פּלאַן זיך צו פאַראייניקן מיט דער רויטער אַרמיי איז נישט געלונגען, ווייל די רוסן האָבן נישט איינגענומען קאָוועל און נישט געקאָנט אונדז קומען אַנטקעגן. מיר האָבן געמוזט צוריקטרעטן. ביים צוריקטרעטן האָבן די פּאַרטיזאַנער אָנגעטראָפן אַ גוט באַוואָפנטע גרופּע דייטשן, מיט וועלכער זיי זענען אַריין אין קאַמף. מיר האָבן געהאַט 74 פאַרוווּנדעטע, וועלכע מיר האָבן געבראַכט אין אונדזער באַזע אין וואַלד. נישט ווייט פון דעם וואַלד איז געווען אַ פלי־פּלאַץ, ווו עס זענען געקומען רוסישע עראָפּלאַנען און גענומען די שווער־פאַרוווּנדעטע אין שפּיטאָל.

נאָך בערך אַכט טעג האָבן מיר ווידער באַקומען אַ באַפעל צו גיין אַנטקעגן דער סאָוויעטישער אַרמיי,

וואָס האָט געהאַלטן ביים פאַרנעמען קאָוועל. עס איז צו אונדז אויך אָנגעקומען הילף, סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי פון אַנדערע געגנטן. די יונגע פּאַרטיזאַנער האָט מען אַריינגענומען אין דער אַרמיי און זיי זענען געוואָרן רעגולערע סאָלדאַטן. די עלטערע פּאַרטיזאַנער, פרויען און קינדער, זענען געבליבן אין דאָרף קאָכאַצקאַ־וואָלאַ. איך מיט מיין פרוי און טאָכטער זענען געבליבן אין דאָרף.

אין דעם דאָרף איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע. מיין פרוי איז געפאַלן אַ קרבן פון דער קראַנקהייט. נאָך 14 טעג קראַנק זיין איז זי געשטאָרבן. איך האָב זי געבראַכט צו קבר־ישראל אין אַ דערבייאיקן שטעטל סאַטשי.

מיין טאָכטער האָט זיך אָנגעשטעקט פון דער פרוי און איז אויך קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. נאָכן פאַרלירן מיין זון און פרוי, האָב איך מורא געהאַט צו פאַרלירן דאָס איינציקע, וואָס איז מיר פאַרבליבן — מיין טאָכטער. איך האָב פאַר איר באַקומען בעסער עסן, אַ ביסל פרישע מילך. איך האָב זי אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. זי איז אָבער געוואָרן אַלץ שוואַכער. איך האָב באַקומען אַ פור און זי אַוועקגעפירט קיין ראַפאַלאָווקע, ווו עס איז געווען אַן אַפּטייקער מיטן נאָמען באָס. ער האָט מיין טאָכטער אַריינגענומען אין אַ שטוב, געבראַכט מעדיקאַמענטן און ער האָט זי געראַטעוועט. ער געפינט זיך אין ישראל.

דערווייל האָט מען גענומען מאָביליזירן אַלע מענער ביז 50 יאָר אין דער רויטער אַרמיי. אויך איך האָב באַקומען אַ באַפעל זיך מעלדן אין דער אַרמיי. מיין טאָכטער איז נאָך געווען זייער שוואַך נאָך דער שווערער קראַנקהייט און איך האָב זי נישט געקאָנט איבערלאָזן אַליין. אויך דאָ האָט מיר באָס געהאָלפן און אַדאַנק אים בין איך געבליבן אין ראַפאַלאָווקע.

ווען קאָוועל איז באַפרייט געוואָרן, האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן דורך דאָרטן אַהיים. ווען איך און מיין טאָכטער זענען אָנגעקומען קיין ליבעוונע, האָבן מיר כמעט קיין איין הויז נישט געפונען גאַנץ. מיין ברודערס הויז איז געווען פון די גאַנץ געבליבענע הייזער, אָבער קיין מענטשן האָב איך דאָרט נישט געטראָפן. איך האָב געטראָפן משה ליפשיץ, זיין פרוי און זיינעם אַ ברודער. עס זענען געווען נאָך פיר יוגנטלעכע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין וואַלד. צוזאַמען זענען געווען ביי אַ 20 יידן.

משה ליפשיץ איז געווען אין שטעטל 2 וואָכן און האָט געאַרבעט ווי אַ בוכהאַלטער. ער האָט מיר געהאָלפן זיך איינאָרדענען אויף אַרבעט. אין רייאיספּאָלקאָם האָט מען געדאַרפט איינעם, וואָס זאָל קויפן און סאָרטירן פעל. איך האָב אָנגענומען די אַרבעט און געוואָרן אַ דירעקטאָר דאָרט. איך האָב צוגענומען צו מיר דריי גויים, וואָס האָבן געראַטעוועט יידן. איינער פון זיי איז געווען אַ גוי, וואָס האָט אויסבאַהאַלטן אידל ביאַגעס, וועלכער איז איצט אין ישראל. אויך דער גוי, וואָס האָט אויסבאַהאַלטן משה ליפשיץ מיט זיין פרוי הנה, האָב איך גענומען צו דער אַרבעט, ווען נישט וואָלט מען זיי אַרויסגעשיקט פון שטעטל. מיין אַרבעטס־גרופּע איז באַשטאַנען פון 10 מענטשן, דריי גויים און זיבן יידן. יעדן אָוונט, אַפילו 12 אין דער נאַכט, פלעגן פאַרקומען זיצונגען פון די אָנפירער. אַזוי ווי איך בין געווען אַ דירעקטאָר, האָב איך אָנטייל גענומען אין די זיצונגען. גויים, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן, האָט מען אַרויסגעשיקט קיין דאָנבאַס אויף אַרבעט. פון דאָרט זענען זיי שוין נישט צוריקגעקומען.

אַזוי האָט עס געדויערט אַ פיר מאָנאַטן, ביז עס איז אָנגעקומען איינער דעניסיוק פון גאָר־סאָוויעט. ער איז געווען זייער אַ שלעכטער מענטש. די פיר קינדער, וואָס זענען לעבן געבליבן, האָט ער גערופן צו זיך און זיי געזאָגט, אַז אין סאָוויעטישן לאַנד טאָר מען זיך נישט אַרומדרייען אָן אַרבעט און ער האָט זיי געוואָלט אַוועקשיקן קיין דאָנבאַס. איך בין אַוועק צו אים מיט מיין טאָכטער און אים געזאָגט: „נאָך ווייניק, וואָס די קינדער האָבן זיך אָנגעליטן אין אַזאַ שווערן קריג, איז אָנשטאָט זיי שיקן לערנען, שיקסטו זיי מיט אַלע רוצחים און פאַרעטער קיין דאָנבאַס אויף אַרבעט?"

דאָס האָט דעם גוי זייער פאַרדראָסן. ער האָט געזאָגט, אַז אויך מיין טאָכטער וועט ער שיקן קיין דאָנבאַס. אָבער די העכערע מאַכט האָט אינטערווענירט און זיין פּלאַן איז דורכגעפאַלן.

ביי אונדז אין הויז האָט געוווינט רחל לייכטער, וועמען דער אוקראַינישער אָנפירער פון אַרבעטס־אַמט האט געוואָלט אַרויסשיקן קיין דאָנבאַס. איך בין אַוועק צום אוקראַינער און אים געבעטן, ער זאָל דאָס מיידל נישט טשעפּען. דער אוקראַינער האָט מיך אָבער נישט געוואָלט הערן. בין איך אַוועק צום ערשטן סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי און אים דערציילט, אַז דער אוקראַינער איז געווען מיט מיר צוזאַמען אין פּיאַדאַראָווס פאַרטיזאַנער־אָטריאַד און ווען מען האָט אים געשיקט אויספירן אַן אויפגאַבע, איז ער אַנטלאָפן.

מען האָט פאַררופן דעם גוי אויף אַ זיצונג פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, אים געפרעגט, צי עס איז ריכטיק, אַז ער האָט דעזערטירט. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז נישט אַנטלאָפן, נאָר ער איז אַריבער אין אַן אַנדער אָטריאַד. זיינע רייד האָבן נישט איבערצייגט די

פאַרשער, מען האָט אים אַראָפּגענומען פון פּאָסטן און דאָס מיידל איז איבערגעבליבן.

אַזוי האָב איך דאָרט געאַרבעט ביי זעקס חדשים, ביז עס איז געקומען די צייט, וואָס מען האָט דערלויבט זיך צו שטעלן צו אַ קאָמיסיע, וואָס האָט געדאַרפט באַשטימען, ווער עס האָט רעכט צו פאָרן צוריק קיין פוילן.

נאָכן באַקומען די דערלויבעניש האָבן מיר זיך געזעגנט מיט די ליבעוונער יידן. מיר האָבן זיך דערוווסט, אַז אין אַ דערבייאיקן דאָרף זענען לעבן געבליבן צוויי יידישע מיידעלעך, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי די פויערים. די קינדער האָבן גאָרנישט געוווסט, אַז זיי זענען יידישע קינדער. מיר האָבן זיי גענומען צו שלאָפן ביי אונדז די נאַכט פאַרן אָפּפאָרן קיין פוילן. אָבער פאַרטאָג זענען די מיידעלעך אַנטלאָפן צוריק אין דאָרף.

מיר זענען אַריבער די סאָוויעטישע גרענעץ אין דער ריכטונג פון כעלם. אַ קורצע צייט האָבן מיר געוווינט אין כעלם, און זיך געלאָזט ווייטער אין וועג דורך לאָדזש, שטעטין, און מיר זענען אָנגעקומען קיין בערלין, און פון דאָרט אין דער אַמעריקאַנער זאָנע קיין צאַלסהיים. דאָרט האָבן מיר געוווינט דריי יאָר און מיר האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע.

צום סוף וויל איך נאָך צוגעבן אַ פּאָר שורות וועגן מיין אומגעקומענער משפּחה:

מיין ברודער אברהם איז אומגעקומען אין 1943, אין דער געגנט פון מאַציעוו. די דאַטע און אָרט, ווו מיין ברודער חיים איז אומגעקומען, איז נישט באַוווסט. מיין ברודער שמחה שיינוואַלד איז געהרגעט געוואָרן אין אַ דאָרף, ווינטער 1944, צוזאַמען מיט זיין פרוי און פיר קינדער. ווו מיין ברודער טראַטל שיינוואלד איז אומגעקומען, ווייס איך נישט.

מיין שוועסטער העניע לענטשיצקי (שיינוואַלד) איז אומגעקומען מיט איר משפּחה. דאָס זעלביקע מיין שוועסטער פריידקע ווישניץ (שיינוואַלד).

מיין זון מאיר איז געפאַלן אין קאַמף מיט די דייטשן אין יאָר 1943. ווען און ווו מיין זון שניאור איז אומגעקומען, ווייס איך נישט.



יצחק אורבוך (ראשון מימין) מלוה את גב׳ אליינור רוזוולט (במרכז) בעת ביקורה במחנה צלסהיים בשנת 1947

יצחק אורבוך (ערשטער רעכטס) באגלייט אלינור רוזוועלט (אין צענטער) בעת איר באזוך אין לאגער צאלסהיים



יצחק ארבוך ואשתו סוניה (מבית שינולד) בחברת שמואל מלמד ז״ל בשער הכניסה למחנה צלסהיים ב־1946

יצחק אורבוך מיט זיין פרוי סוניה און שמואל מלמד ז״ל ביים טויער פון אונררא־לאגער צאלסהיים

וולף שיינוואלד

בגיטו ועם הפרטיזנים

(מדברי עדות ב„יד ושם״)

עם פרוץ המלחמה בין גרמניה וברית המועצות ביום 22.6.41 הופצצה עיירתנו לובומל. תחילה חשבנו שזה עניין לימים מספר, שהרוסים חזקים דיים ונסיגתם הקרובה של הגרמנים היא ודאית. ברם, לאחר שחלפו ימים מספר ולא חל השינוי הצפוי, החלטנו להמלט. רכשתי צמד סוסים ועגלה, העמסתי את החפצים הנחוצים ביותר, וכך פנינו — אני, אשתי, בני ובתי — מזרחה בכיוון לרוסיה. כשהגענו לקיוב הסתבר שלא נוכל להמשיך הלאה, כי הגרמנים ניתקו כבר את הדרך. חזרנו, איפוא, עייפים ורצוצים ל־עיירתנו. מצאנו שרוב בתי היהודים עלו באש, ונשארו רק הבתים אשר ברחוב הרכבת (די גילדענע גאס) ורחוב בריסק (די קאסנישטשער גאס) וסביב כיכר השוק. האוכלו־סיה הנוצרית, אשר בקצווי העיר, לא נפגעה. אני ומשפחתי עברנו לגור בבית גיסי, נחום מעש.

הצרות לא איחרו לבוא, ומיד נפלו גם קורבנותינו ה־ראשונים. יום אחד הוציאו הגרמנים פקודה, כי על כל היהודים להתאסף בכיכר השוק; ואמנם רוב היהודים הת־יצבו בכיכר השוק כנדרש. לאחר שהנאספים סודרו בשורות, הודיעו הגרמנים כי בוצעה חבלה בקווי הטלפונים, וה־יהודים הם האשמים. הם מנו את העומדים בשורות מאחד עד עשרים, ואת הבא אחריו הוציאו מן השורה. כך הוצאו מן השורות שמואל וויינגארטן, חיים שוסטר ומאיר צייליג־גולד, הובאו אל הגבעה אשר ממול לכיכר השוק, וכאן, לעיני הנאספים, ירו בהם.

כחודש אחרי הכיבוש ציוו הגרמנים להקים ועד יהודי, אשר ישא באחריות כלפי השלטונות הגרמניים, ואת קלמן קופלזון קבעו ליו״ר הוועד. קופלזון כינס אליו את נכבדי העיירה, וביחד הקימו את היודנראט. היו כאלה, שלא רצו להיכלל ביודנראט, אך פחדו לסרב. כעבור זמן מה הוקמה המשטרה היהודית (10 אנשים), אשר בדרך כלל לא עשו רע לאחיהם היהודים.

באותו זמן החלו להטיל על היהודים קנסות והיטלים (קונטריבוציות) שונות, כגון: כסף, פרוות ורהיטים. היהו־דים פחדו להסתיר כספם ורכושם ומילאו את המכסות כ־נדרש.

כשבועיים אחרי הקמת היודנראט הגיעו לעיירה אנשי גיסטאפו וחטפו כ־30 יהודים ברחובות. הנחטפים הובלו אל מאחורי בית הקברות החדש, ושם נורו. בין היהודים הופצה שמועה כי הם לא נורו, אלא נשלחו לעבודה, ורק לאחר שאברהם שיינר הלך וחפר בלילה בקברות ההרוגים וזיהה את בגדיהם, נודעה האמת הנוראה.

פעולת השמדה נוספת התרחשה בספטמבר. אנשי ה־גיסטאפו חטפו לפי ראות עיניהם 300 יהודים, והפעם הובילו את הנחטפים ליערות סקיב, מקום בו שרדו חפירות הגנה עוד מימי מלחמת העולם הראשונה, ושם המיתו את כולם ביריה. לפני שירו בהם, ציוו עליהם הגרמנים לכתוב למשפחותיהם מכתבים, שבהם הודיעו כי מצבם טוב וכי הובאו למחנה עבודה. כשהגיעו המכתבים לעיירה ששו „האופטימיסטים״ וטענו שלחינם העלילו כי הגרמנים מובי־לים את היהודים להשמדה.

לאחר זמן קיבלו כל בעלי המקצוע „תעודות זהב״, (גאלדענע שיינען), ומשמעות הדבר היתה כי בעלי המק־צועות האלו יעבדו וישארו בחיים. הנותרים החלו, על כן, בהכנת מחבואים לעצמם, וגם אחי התקין מחבוא באורווה. חברי חיים לאקס הגיע כעבור זמן למחבוא שלנו והביא לנו „תעודות זהב״.

תחילה עבדתי בהעמסת בולי עץ על קרונות, ואחר כך העבירו אותי לעבודה במנסרה. לידי עבד בני ועוד יהודי בשם פוקס. המנסרה, שבה עבדנו, היתה בעבר בבעלותו של חיים קרויט, אך כעת מינו הגרמנים את שידלובסקי למנהלה.

מצב התזונה היה בכי רע. מנהל המחוז הקציב 100 גרם לחם לנפש ליום. אלו מן היהודים, שיצאו לעבודה, יכלו לקנות משהו אצל הגויים, אם ובמידה שהיה להם כסף, אך גם אצל בעלי היכולת לשעבר אזלו הכספים עם הזמן.

בבתים, אשר בהם הורשו היהודים לגור, שררה צפי־פות עד להחריד. המצב הורע עוד יותר אחרי שמושל המחוז הוציא צו, שכל יהודי העיירות והכפרים שבסביבה חייבים לעבור ללובומל. אז הגיעו לגיטו לובומל יהודי אופאלין (1000 נפש), ואגאדזשין (יאדענע), רימאטש, בערושעץ, אלעוונע, נודיזש, קרעמוע, שאצק, סקיב, פאדה־ראדנע, ווישניעווע, מאשעווע וכווארעסטאוו.

היודנראט היה שולח את האנשים לעבודות שונות, כגון קציר תבואות בשדותיהם של הגויים, תיקון כבישים, עבודה במשרפות לבנים — וגם לחפירת בורות, בלי שידעו כי להם עצמם הם מיועדים. פעם, כ־4 חדשים אחרי שהת־חיל שלטון הגרמנים, הוצאה לעבודה בכבישים קבוצה של חמישים בני נוער יהודים, וביניהם היו גם צעירות בנות 14. היות ובאותו יום היה יום „היריד" בעיירה, קנו אחדים מבני הנוער העשירים פת לחם וקצת חמאה אצל הגויים. במקרה עבר שם גרמני ממשרד העבודה ורשם את שמותיהם של אלה, אשר קנו את המצרכים, וכן ציווה עליהם להתייצב יחד עם היודנראט בחצרו של מושל המחוז. המתייצבים היו שלוש דודניות — בנותיהם של האחים יצחק דוד ופיניע מלמד — ויהודי בשם שמעון שטרייכער. בבירור, שהתקיים בחצרו של מושל המחוז, נידונו ארבעתם למוות, וארבעתם הומתו מיד ביריה. ארבעת המומתים הונחו על עגלת היודנראט והוסעו ע"י טראטל פאמעראנץ לבית ה־קברות היהודי. קלמן קופלזון אמר קדיש על יד הקבר.

יחסו של היודנראט אל היהודים היה בדרך כלל לא רע. אותם היהודים, אשר מהם דרשו כסף או זהב, רגזו ורטנו כמובן על היודנראט. נכון גם שקלמן קופלזון יהודי קפדן היה, ואולם הוא עמד בפני תפקיד קשה.

בית החולים נשאר מחוץ לתחום הגיטו, והוא נוהל על־ידי היהודים. בראש צוות העובדים עמד ד"ר אמשצי־בובסקי. הוא, גיסו וגיסתו, וגם רופא השיניים מארטין גלאסמאן, התגוררו בעיר, מחוץ לתחום הגיטו. יום אחד ברחו משפחותיהם ונעלמו. מושל המחוז איים בסאנקציות, אך עקבותיהם של הבורחים לא נתגלו. הנמלטים נעזרו בבריחתם בניירות אריים מזוייפים. כמה מאות מיהודי לובומל רכשו לעצמם ניירות אריים מזוייפים, אך רק מע־טים הצליחו להציל את חייהם בעזרת הניירות הללו.

אותם היהודים, שלא היתה להם תעסוקה קבועה, היו נשלחים מדי שבת ויום א' לעבודה לאחוזת קאמפיוני, שם הועסקו בעקירת עצים שיבשו בגני הפרי. טובקה, בתו של בעל האחוזה, עבדה אצל מושל המחוז ואף נישאה לו כעבור זמן. היודנראט היה מספק כוח עבודה לאחוזה וגם את כלי העבודה הדרושים. העבודה שם היתה קשה, וה־גרמנים היו מתאכזרים אל העובדים. היו אף מקרים, שה־יהודים שעבדו שם הוכו עד כדי כך שנזקקו לטיפול רפואי בבית החולים.

אני המשכתי לעבוד במנסרה וגם בעבודות שחורות שונות. כל פעם שהרגשנו ב„אקציה" מתקרבת, לא היינו יוצאים לעבודה, אלא מסתגרים בעלית הגג של בית בעל המנסרה חיים קרויט. פעם הופיעו אנשי הגיסטאפו למנסרה, וכשלא מצאו אף יהודי מן העובדים, לקחו את הנער בוזיק ראט, ששימש כעוזר מנהל המנסרה, וירו בו במקום.

תכיפותן של אקציות ההשמדה, אשר ביצעו הגרמנים, שיכנעו יותר ויותר את הציבור היהודי, כי מטרתם של הגרמנים אחת היא — השמדה כללית של היהודים. רבים החלו נותנים את דעתם לדרכי הצלה ובריחה. נודע כי חופרים ליד משרפת הלבנים 3 בורות גדולים, 50 על 10 מטר כל אחד. קופלזון הודיע בשמם של הגרמנים, כי ה־בורות מיועדים להרחבת המפעל וכי בהם יורכבו מכונות גדולות, וכך יגדילו את ייצור הלבנים; ועוד הוסיפו, כי לאחר שהעיר ניזוקה בשריפה יש צורך לבנותה מחדש, ולשם כך צריך גם להרחיב את משרפת הלבנים. אולם כעת לא רבים היו היהודים אשר האמינו לסיפורים של ה־גרמנים.

בשנת 1942 הגיעו אלינו שמועות, שביערות שאצק נמצאים פרטיזנים וכי אף הצליחו לפוצץ את הגשרים בין לובומל לשאצק. שמועות אלו חיזקו את ליבם של אותם היהודים, אשר תיכננו לברוח מהגיטו.

באותו זמן נודע מפי שוטרים אוקראינים, כי הגרמנים מתכוונים להקיף ולסגור את הגיטו. קופלזון וחתנו מאיר יצחק ווייצפרִיכט — אשר הובא ללובומל מרובנה, אחרי שהגיטו חוסל שם, וצורף על ידי קופלזון ליודנראט ה־מקומי — הבטיחו בשמו של מושל המחוז הגרמני, כי לא צפויה כל סכנה לציבור היהודי. יומיים לפני הושענא רבא 1942 הוקף הגיטו על ידי כוחות משטרה גרמנית ושוטרים ליטאים ואוקראינים. גם הגיסטאפו הגיעה. רבים הכינו בעוד מועד מחבואים, וגם אני התקנתי לי מחבוא: חפרנו בור באורך של 20 מטר וברוחב של מטר וחצי. הכניסה אל המחבוא היתה מן הצד, בזחילה, ואת הכניסה ניתן היה לסגור מבפנים, בצורה שלא תוכר מבחוץ. כשהרגשתי בעוד מועד כי פעולת החיסול מתקרבת, אמרתי לבני מאיר ז"ל כי יברח ואולי יציל את עצמו. הוא נטל את רובהו, וביחד עם עוד 30 מבחורי העיירה, וביניהם לייבעלע רוטמאן, יוסל פוקס ואידל כץ, ברחו אל היער. האוקראינים ירו אליהם, אך הם הצליחו לחמוק.

אני וקרובי נכנסנו למחבוא, אשר מיועד היה לשמונה עד עשרה אנשים, ואולם משנודע לשכנים דבר המחבוא, נכנסו גם הם פנימה, וכך הגיע מספרנו ל־20. ישבנו שם

יום תמים ושמענו אנשים נכנסים הביתה, בודקים ומחפשים ומכריזים שאין אף אחד. אחרי יומיים לשהותנו במחבוא, בערב הושענא רבא, קם ישראל לייב מעש, יהודי זקן, ודרש בתוקף שירשו לו ללכת לבית הכנסת להתפלל. לאחר שלא הועילו דברי השכנוע, הוצאנוהו מן המחבוא. שמענוהו נכנס לדירה שמעלינו ואומר פרקי תהילים — ופתאום נשמעו כמה יריות רובה.

ביום השלישי לשהותנו במחבוא אמרתי לאשתי כי מן ההכרח לעזוב את המחבוא, מאחר שאזלו המיים והמזון. הודענו שננסה להציל את עצמנו בדרך אחרת, וכל מי שרוצה יבוא אתנו.

היה לילה אפל; משמרות השוטרים עמדו במרחק 20 מטר זה מזה; יצאנו — אני, אשתי בתי ועוד שבעה יהודים; יתרם העדיפו להישאר במחבוא. הגענו לטחנת הקמח, ושם היינו צריכים לחצות את הכביש ולעבור אל השדה. לאחר שהשוטר התרחק במקצת, התחלנו לחצות את הכביש בריצה. השוטר פתח ביריות ופגע בגיסתי, אשר נפלה ומתה במקום. נשאר לנו לחצות עוד רחוב אחד, ושם לעבור דרך ביתו של גוי אחד אל השדות, אולם כשניסיתי לפתוח את דלתו נתפסתי על ידי שוטר. אשתי, בתי וגיסתי השנייה עם שני ילדיה עמדו מהצד השני וחיכו, וכאשר גיסתי ראתה שעוצרים אותי ברחה מן המקום. נתברר, שהשוטר אשר תפס אותי היה ממיודעי, כי יחד עבדנו ביער. הפצרתי בו שיניח לי, והוא דרש כסף. מסרתי לו כל שהיה בתוך הכיסים, ואז אמרתי לו שגם אשתי וילדינו נמצאים כאן. השוטר הסכים שגם הם יבואו אלי, ולאחר שעברו דרש מאשתי כסף, היא, מתוך פחד, מסרה לו הכל. השוטר שיחרר אותנו, ואנחנו פנינו אל השדות. שוטר שני, אשר שמע את צעדינו, פתח ביריות לעברנו, וגם השוטר „שלנו" הצטרף, אך כיוון את יריותיו מעל לראשינו. כך הצלחנו לחמוק ולא נפגענו. שאר אנשי קבוצתנו, אשר שמעו את היריות, חשבו כי נתפסנו, ועל כן נמלטו מהמקום.

הגענו ליער, שבו עבדתי פעם והכרתי היטב את כל שביליו. עברנו ליד כפר, שהיה מרוחק כ־12 קילומטר מהעיר, שתינו שם מיים והמשכנו בדרכנו, עד שהגענו לחורש קטן ובו שכבנו לנוח. במקרה הגיעו למקום מספר רועים, וכשהשגיחו בנו פתחו במרוצה וברחו. סכנה גדולה נשקפה לנו מפגישה זו, היות והגרמנים הפיצו שמועות כי היהודים כורתים את ראשיהם של הנוצרים, וכל הנוצרים מתבקשים על כן למסור כל יהודי לשלטונות — ועל כך יבואו גם על שכרם. ברחנו מיד מהמקום, עד שהגענו לקרבת ביתו של אחד האיכרים ממכרי בשם בויאר. בבוקר, בקום האיכר משנתו, הבחין בעקבות המגפיים שלנו והלך אחריהם, עד שמצא אותנו ביער. הוא הבטיח לי שלא יסגיר אותנו, וגם ביקש מאתנו שלא נספר כי ראינו אותו. האיכר שלח אלינו אח"כ את בתו עם לחם ולבן, ואנו החלטנו להישאר בינתיים במקום. בזמן שהותנו שם הגיע אלינו גיסי, הירש לייכטר. הוא סיפר כי גילו את מחבואם, ואשתו וילדיו נורו למוות על ידי הגרמנים, ורק הוא הצליח להימלט. גיסי היה מיואש ורצה למסור את עצמו לידי הגרמנים, ורק בקושי הצלחנו להניא אותו מכך.

שמונה ימים נשארנו במקום הזה עד שהרועים השגיחו בנו ונאלצנו שוב להמלט. בדרך פגש אותנו גוי ששמו היה טיכאן מארטילעץ ושהיה ידוע ומפורסם כגנב. הוא הציע לי שנשאר אצלו, ולמרות החששות הכבדים שהיו לנו, הלכנו אליו. הקימונו סוכה מענפי עצים, ובה שהינו כ־4 שבועות. מארטילעץ היה מביא לנו תפוחי־אדמה. כחודש אחרי שהסתתרנו בסוכה, הביא אלינו הגוי עוד יהודים, אך אלה לא נשארו הרבה זמן אתנו, ומתוך פחד עזבו אותנו ונדדו הרחק לתוך היער. באחד הימים הדליקו מדורה, ומיד הקיפו אותם השוטרים, ירו באחד והרגוהו ושני תפסו חי. לאחר זמן נודע לי שבאותו מקום ירו במרים גטמן ובתה פייגה.

לאחר האסון, שקרה ליהודים ביער, נעשה מצבנו בלתי בטוח, ועל כן עברנו למקום אחר, אשר בו שהינו ששה חודשים. באותו מקום הצטרף אלינו יהודי בשם אברהם לובוכינר. הגוי סיפר לו, כי יש יהודים ביער, והוא אמנם הביא אותו אלינו, וכך מנתה כבר קבוצתנו 5 אנשים.

השגת המזון היתה אחת הבעיות הקשות ביותר של קיומנו. תחילה היינו מבקשים אוכל מאת הגויים, אשר הכרתי וידעתי כי לא יסגירו אותנו, אח"כ עברנו לגניבת מצרכי מזון: היינו פונים אל הכפר, מתגנבים לתוך אורווה ולוקחים מכל הבא ליד. מאת גויים, שהיו חייבים לי כסף, הייתי מקבל את התמורה בחיטים. ביער התגוררה גויה עניה, שהציעה כי נשאר אצלה בעליית הגג, והיא גם אפתה לנו לחם מהחיטים שקיבלנו. נשארנו אצלה חודש ימים. בהתקרב חג הפסח אמרה לנו הגוייה כי היא יודעת שזמן ה„פסחא" שלנו הגיע, ואכן היא הביאה לנו קצת דבש וכמה עופות.

אחד הגויים סיפר לי כי ביער נמצאים פרטיזנים, וגם הבטיח להפגיש אותנו אתם. ואכן, יום אחד באו אלינו בעגלה ולקחו אותנו אל הפרטיזנים. נסענו כששה מילין למחנה, ומצאנו שם אוטריאד פרטיזני גדול, מורכב משלוש רוטות (פלוגות). כל הכוח הזה היה מיועד בעיקרו לפעולות חבלה בפסי מסילת הברזל.

אותי, את אשתי ובתי צרפו ל„זוואד" השלישי, ואת השניים הנותרים ל„זוואד" אחר. שאלו אותנו אם ידועות לנו דרכים צדדיות, שבהן אפשר להגיע לפסי הרכבת, והיות והיינו ילידי המקום והשטחים היו מוכרים לנו היטב, השבנו בחיוב.

ב,,זוואד" שלנו, אשר מנה 35 איש, היו 12 רובים ומכונת יריה אחת. המפקד שאל אותי אם אני יודע לירות ברובה ועניתי בחיוב, אעפ"י שמעולם לא החזקתי רובה ביד. לאחר שנטלתי את הרובה לידי התברר לו מיד כי אין לי מושג בנשק, אך המפקד אדם טוב היה והוא הדריכני ולימדני את השימוש ברובה. במהרה ידעתי לירות והוצבתי לשמירה. כל ארבע שעות היו מחליפים את המשמרות.

אשתי ובתי צורפו למחלקה רפואית. רופא המחלקה היה יהודי רוסי, אשר שמח לקבל את אשתי ובתי לעזרה בטיפול בפצועים.

אחת מהפעולות הפרטיזניות שבוצעו אחרי הצטרפותנו ליחידה, היה פיצוץ הרכבת בין לובומל ומאצ׳יעוו, ובזה השתתף יחד אתי גם גיסי. הצלחנו אז לא רק לבצע את התפקיד אלא אף לשבות אחד מן הזקיפים. פעולה כזאת נקראה בשפתם של אנשי היער ,,הבאת לשון".

חודש לאחר מכן קיבלנו פקודה לסגת לבסיס שביערות גאראדזקאוואלע, ולפני שנסוגונו הספקנו לעשות חשבון עם גוי אחד, אשר מסר שבויים, שנמלטו מהשבי הגרמני, לידי השלטונות. קבוצת פרטיזנים, אשר ביניהם היה גם יהודי בשם טראכטענבערג, הביאה את הגוי אל היער; במקום נערך משפט, והוא נדון למיתה.

הלכנו כ־5 וויורסטאות דרך השדות עד שהגענו לבסיס החדש. ידעתי שבני נמצא בין הפרטיזנים שביער זה, אך כשנפגשנו אתם ושאלתי על בני, לא ידעו למסור לי עליו דבר. לבסוף נודע לי מפי מכר אחד שלי, שהכיר את בני, כי בני נהרג באחד הקרבות עם האוקראינים. כאשר נודעה הבשורה המרה, פרצה אשתי בבכי והתעלפה, וגם אחרי שהשיבו את רוחה לא פסקה מלבכות — עד שהגיע המפקד ואמר לה שבנינו נמנה עם הגבורים, אשר נפלו בקרב נגד האויב; ואעפ"י כן, אם היא לא תחדל מלבכות יהיו נאלצים להרחיק את משפחתנו מהמחנה. חרקנו שן והתאפקנו, ואת הכאב החנקנו בלבנו.

באותו זמן הצטרפו אלינו עוד פרטיזנים וכן שבויים שנמלטו מהשבי הגרמני, וביניהם היו גם 5 יהודים. שניים מהם זכורים לי: מרדכי קארגער ולייבל קארגער. לא שהינו זמן רב במקום אחד, אלא נדדנו ביערות, פעם הגענו לעיירה קאמיען־קושירסק, שהיתה ריקה מתושבים, ולראשונה, לאחר נדידות ממושכות, התיישבנו בבתים וניהלנו אורח־חיים כשל בני אדם. הצבנו, כמובן, משמרות מסביב לעיירה, כי במרחק לא רב נמצאו גרמנים ובאלאחובצים. מובן מאליו שלא יכולנו להישאר זמן רב בעיירה מחשש איגוף, ושוב חזרנו ליער. בינתיים התקרב החורף, והיה צורך להכין ביער מגורי חורף, שנקראו ,,זיעמליאנקעס" (שוחות). חפרנו בורות בעומק של מטר, רוחב שלושה מטרים ואורך 30 מטר, וכיסינו אותם בקורות עץ ועפר. בסך הכל בנינו שלוש ,,זיעמליאנקות" עבור שלושת ה,,אוטריאדים" ששהו אתנו ביער.

לא הורגש ביער מחסור במצרכי מזון. קשה היה לעומת זאת להשיג דברי הלבשה. פעם קיבלנו פקודה ללכת לכפר מסויים ולהחרים שם 20 בהמות וגם דברי הלבשה. לקבוצה, אשר הלכה לבצע את הפקודה, צירפו גם אותנו ואת טראכטענבערג. בדרך היה צורך לחצות נחל קטן, ומאחר שהגויים הסתירו את סירותיהם, נאלצנו לצלוח את הנהר ברגל, ובגלל הכפור קפאו עלינו הבגדים. כשהגענו למקום, שלחו אותי אל זקן הכפר לדרוש ממנו 20 בהמות עבור הפרטיזנים, אך הלה טען כי אין להם מה לתת. בינתיים מצאנו אני וטראכטענבערג בור, שבו היו מוסתרים שני שקים עם דברי הלבשה. ובתוכם גם שתי אדרות פרווה. החרמנו את כל זה. חברינו הפרטיזנים, שהיו ביאלורוסים ממוצאם, ישבו לשתות עם תושבי הכפר ושכחו את תפקידם, אך אני וטראכטענבערג הלכנו מבית לבית עד שהחרמנו את מספר הבהמות שהיינו צריכים לפי הפקודה להביא ליער. עם שובנו ליער נענשו אלה, אשר שתו לשכרה ולא הביאו ולא כלום.

בדרך כלל היו היהודים אחראיים יותר בעת ביצוע משימות. ב,,רוטה" שלי היו שלושה יהודים, וב,,רוטה" הרביעית היו 12 או אף 15 יהודים. אצלנו היה יהודי אחד בשם קארלגאן, בעל תואר ,,גיבור" (,,געראי") והוא היה מפקד. אביו מרדכי קארלגאן חי כעת בישראל.

קיבלנו פקודה לכבוש עיירה קטנה ליד קובל, במטרה להתאחד עם הצבא האדום אשר התקדם מעברה השני של העיר. בין הלוחמים, שהשתתפו בקרב, היתה גם בתי. העיירה אמנם נכבשה, אך התכנית להתאחד עם הצבא האדום לא התגשמה, משום שהצבא האדום לא הצליח לכבוש את קובל. נאלצנו לסגת. בדרך חזרה אל היער נתקלנו בכוח גרמני מזויין היטב, התלקח קרב, וכתוצאה מכך היו לנו 74 פצועים. לא הרחק מהבסיס ביער הותקן שדה נחיתה לאוירונים, ומשם הוצאו הפצועים קשה אל בתי החולים של הצבא.

כעבור שמונה ימים קיבלנו שוב הוראה להתקדם לעבר הצבא האדום, שעמד לכבוש את קובל. הגיעה אלינו גם עזרה — חיילים סדירים של הצבא האדום ופרטיזנים מסביבות אחרות. את הפרטיזנים הצעירים צירפו לשירות הסדירות של הצבא האדום, והם היו לחיילים לכל דבר. פרטיזנים מבוגרים יותר, נשים וילדים, נשארו בכפר קוקוצקה וואלה. גם אני ואשתי ובתי נשארנו בכפר.

בינתיים פרצה בכפר מגיפת הטיפוס, ואשתי היתה אחת מקרבנותיה. הבאתיה לקבורת ישראל בעיירה הקרובה סוטשו. גם בתי נדבקה וחלתה בטיפוס. אחרי הרבה ימי חרדה השגתי עגלה והעברתיה לראפאלובקה, שבה גר רוקח בשם באס. הוא לקח את בתי אליו לביתו, הביא

תרופות והציל את חייה. באותם הימים החלו לגייס לשורות הצבא האדום את כל הגברים עד גיל 50. גם אני קיבלתי צו התייצבות. גם במקרה זה עזר לי מר באס, ותודות לו נשארנו בראפאלובקה ויכולתי לטפל בבתי. מר באס נמצא כעת בישראל.

אחרי שקובל שוחררה, החלטתי לנסוע דרכה הביתה. כשהגענו אני ובתי ללובומל, לא מצאנו כמעט בית אחד שלם. נתברר שבינתיים הגיעו לעיר מספר יהודים, אשר הצליחו להסתתר ולהציל את נפשם; מצאתי את משה ליפשיץ עם אשתו, את אחיו, ועוד ארבעה צעירים. בסך הכל נמצאו בעיירה כ־20 יהודים. משה ליפשיץ שהה כבר כשבועיים בעיירה ועבד בתור מנהל חשבונות, והוא עזר לי להשיג עבודה ב„רייספאלקאם": ביקשו אדם, אשר יקנה וימיין עורות, ואני קיבלתי את התפקיד הזה, ונהייתי מנהל המחלקה. צירפתי אלי לעבודה 3 גויים, אשר ידוע היה כי הצילו יהודים, וביניהם את זה שהסתיר אצלו את אידל ביעגעס ואת זה אשר הסתיר אצלו את משה ליפשיץ ואשתו חנה. אידל והליפשיצים נמצאים בישראל.

כך נמשך המצב כארבעה חודשים, עד שהופיע אחד מ„גארסאוויעט" ושמו דעניסיוק. היה זה אדם רע במיוחד. את ארבעת הילדים היהודיים, שנשארו לפליטה, רצה לשלוח לדונבאס, כי במדינה הסובייטית לא ניתן להסתובב ללא עבודה. ניסיתי להשפיע עליו, אך ללא הועיל. רק תודות להתערבות מן החלונות הגבוהים נכשלה „תכניתו" של דעניסיוק.

בביתנו גרה בחורה בשם רחל לייכטער, אשר עמדה להיות מגורשת לעבודה בדונבאס, ביוזמת מנהלו האוק־ראיני של משרד העבודה המקומי. הלכתי אל האוקראיני ו־ביקשתיו שיניח לבחורה זאת, אך הוא מיאן לשמוע לדברי. פניתי על כן למזכיר הראשון של המפלגה וסיפרתי לו כי האוקראיני הזה היה יחד אתי באוטריאד פרטיזני של פיאדראאו, ופעם, כששלחו אותו לבצע משימה, ערק ולא חזר. קראו את האוקראיני לוועדת חקירה ושאלו אותו אם דברי נכונים, והוא טען כי לא ערק, אלא פשוט עבר ליחידה אחרת. דבריו לא שיכנעו את חברי ועדת החקירה, והם החליטו להעבירו ממקום עבודתו. בזכות זה נשארה רחל לייכטער בעיר ולא שולחה לדונבאס.

המשכתי בעבודה בלובומל חצי שנה, עד שהכריזו על הקמת ועדה ממיינת, אשר מתפקידה לקבוע מי רשאי לחזור לפולין. התייצבנו בפני הוועדה וקיבלנו את אישורה לצאת לפולין. ערב צאתי נודע לנו כי בכפר קרוב נמצאות כמה ילדות יהודיות, שהוסתרו בעבר אצל האיכרים, וה־ילדות אינן יודעות על מוצאן היהודי. בלילה האחרון, לפני שעברנו לפולין, לקחנו את הילדות אלינו, ואולם לפנות בוקר נמלטו הילדות חזרה לכפר. לאחר ששהינו תקופות קצרות בחלם, לודז' ושטעטין, עברנו לאזור ה־אמריקאי של גרמניה, משם יצאנו בשנת 1948 לארה"ב.



ניצולי לובומל באזכרה לחללי השואה, גרמניה, 1946
א גרופע לעבן־געבליבענע לובאָמלער יידן אויף אן אזכרה אין דייטשלאנד אין 1946

יוסף קאָרפוס־ווייצפרוכט

אלס פאליאק מיט די פארטיזאנער

דעם 29סטן יוני 1941, 4 אַזייגער פאַרטאָג, האָט מיך אויפגעוועקט מיין פרוי: „הער נאָר וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַס”. עס האָט זיך געהערט אַ שטאַרקער געוויש פון עראָפּלאַנען. עס האָט געדויערט נאָך אַ 20 מינוט און עס האָבן זיך דערהערט אויפרייסן פון סנאַריאַדן, וואָס זענען געפאַלן אין שטאָט.

איך בין גלייך אַוועק אין דער מיליטערישער אָפּטיילונג, ביי וועלכער איך האָב געאַרבעט ווי אַ מאַגאַזינער. ווען איך בין אָנגעקומען אויפן אָרט, האָט מיר דער לייטער פון שטאָב געזאָגט, אַז אַלץ וואָס איז פאַראַן אין די מאַגאַזינען זאָל איך אַרויסגעבן פאַר די רויטאַרמייער נאָר לויט זיינע אָנווייזונגען. ווען איך בין געגאַנגען צו די מאַגאַזינען, האָב איך שוין דאָרט געטראָפן 8—10 מיליטערישע פורמאַנקעס און די פאָרשטייער פון דער פּראָוויאַנטור, וואָס האָבן געהאַלטן באַפעלן פון מיין לייטער זיי אַרויסצוגעבן פאַרשידענע אַרטיקלען. איך האָב געפּרוּווט פאַרזיכטיק זיך דערוויסן וואָס עס הערט זיך ביי דער גרענעץ, איך האָב אָבער בלויז באַקומען אַן ענטפער, אַז דער קאָמיסאַר פון פאָלק האָט געזאָגט די זעלנער, אַז זיי דאַרפן זיך שלאָגן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט.

אַ גאַנצן טאָג זענען די דייטשע עראָפּלאַנען געפלויגן איבער דער שטאָט. קיינער האָט זיי נישט געשטערט, ווייל עס איז נישט געווען מיט וואָס. פון צייט צו צייט זענען געפאַלן סנאַריאַדן פון דער דייטשער אַרטילעריע, אָבער קיין געוויסע נייעס האָבן מיר נישט געהאַט.

אויף דער לודמירער גאַס, אין דעם הויז וווּ עס איז אַמאָל געווען די פּאָסט, איז געווען די מאָביליזאַציע־אָפּטיילונג. יונגע בחורים און מענער אין די מיטעלע יאָרן זענען געשטאַנען און האָבן געוואַרט אויפן באַפעל וווּהין מען זאָל גיין. די צאָל פון די וואַרטנדיקע איז געוואָרן אַלעמאָל קלענער. דאָס זענען אַוועק די יונגע אוקראַינער, וועלכע האָבן נישט געוואָלט גיין אויפן פראָנט און די, וועלכע האָבן געהאַט טענות צו דער רוסישער מאַכט.

די נאַכט פון זונטיק אויף מאָנטיק איז אַדורך בשלום. אויף צומאָרגנס איז שוין אין שטאָט נישט געווען קיין מאַכט, און מען האָט געקאָנט פילן אין דער לופטן דעם אָנקומענדיקן כאַאָס. יונגעלייט און בחורים, וועלכע זענען נישט געווען מטופל מיט משפחות האָבן זיך געלאָזט לויפן צו דער אַלטער רוסיש־פּוילישער גרענעץ.

דינסטיק האָט זיך די לאַגע פאַרערגערט, די מאַגאַזינען, אין וועלכע איך האָב געאַרבעט, האָבן שוין די פּויערים אַליין געעפנט און צעראַבירט. דאָס האָט באַוויזן, אַז אין שטאָט איז נישטאָ קיין בעל־הבית. מיר האָבן זיך צונויפגענומען, באַקאַנטע און פריינט, זיך צו באַראָטן, צי זאָלן מיר אַוועק אין דער ריכטונג פון דער אַלטער פּויליש־רוסישער גרענעץ. עס האָבן זיך געהערט מיינונגען, אַז מיר זאָלן דאָס נישט טאָן. ראשית, דראָט אונדז הונגער אויפן וועג. שנית, האָט מען שוין דערציילט, אַז אויף די וועגן שטייען אוקראַינער און הרגענען די, וועלכע ווילן גיין צו מזרח. מען האָט אויך איבערגעגעבן, אַז די דייטשן זענען שוין הינטער קאָוועל, כדי אָפּצושניידן דאָס רוסישע מיליטער. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן זיך נישט צו רירן פון אָרט.

דעם זעלביקן אָוונט האָט מען געהערט די שיסעריי פון מאַשין־געווער. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער שונא איז נאָענט. ווען איך בין צוגעקומען צו דער פּאָליציי־געביידע, איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן. קיינער איז דאָרט נישט געווען. טירן און פענצטער זענען געווען אָפן. אַלע זענען אַוועק און געלאָזט די איינוווינער אויף הפקר.

די דאָזיקע נאַכט זענען די דייטשן אַריין אין שטאָט, און מיטוואָך פרי זענען זיי שוין געגאַנגען פון שטוב צו שטוב מאַכן רעוויזיעס און פאָדערן פאַרשידענע זאַכן. אויפן צווייטן טאָג נאָך זייער אָנקומען איז אָרגאַניזירט

געוואָרן די מאַכט אין שטאָט, וואָס האָט זיך געפונען אין די הענט פון אַ דייטשן קאָמאַנדאַנט, אַ געסטאַפּאָ־מאַן. אָנהויב סעפּטעמבער איז אָנגעקומען אין שטאָט און גענומען אַמטירן אַ געהילפס־קאָמיסאַר מיטן נאָמען אוגדע, אויך פון דער געסטאַפּאָ.

די פּאָליציי איז באַשטאַנען פון לויטער אוקראַינער. עס איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ שטאָטראַט פון אוקראַינער אונטערן אויפזיכט פון דייטשן שטאָט־קאָמענדאַנט. די אַלע האָבן פאַר יעדער קלייניקייט געפאָדערט גאָלד ביי יידן, און זיי האָבן געוווסט, וואָס עס דערוואַרט די יידן אין לובאָמל, אָבער זיי האָבן געשוויגן, כדי אויסצופּרעסן ביי זיי דאָס גוטס, און נאָכדעם האָבן זיי מיט פרייד געקוקט און אָנטיילגענומען אין דעם גרויסן יידישן חורבן.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ יודנראַט. און עס זענען אויך באַשטימט געוואָרן 10—20 יידישע מיליציע־לייט, וועלכע האָבן געטראָגן אַ ספּעציעלן באַנד אויפן אַרבל.

די ערשטע פאַראָרדענונג איז געווען, אַז יעדער ייד דאַרף טראָגן אויפן אַרבל אַ מגן־דוד, אויפגענייט אויף ווייסן לייוונט. די יידן האָבן געדאַרפט אַרויסגיין יעדן טאָג אויף צוואַנגס־אַרבעטן אונטער דער דראָונג פון טויט־שטראָף. כלים געמאַכט פון קופּער און זילבער האָבן געדאַרפט אָפּגעגעבן ווערן אויף אַ באַשטימטן אָרט. יעדן טאָג פלעגן עטלעכע הונדערט יידן אַרויס צו דער אַרבעט אויף פאַרשידענע פּלעצער, ווי די באַנסטאַציע, אין טאַרטאַק א. אַ. וו. פון ערשטן טאָג אָן האָט מען אָנגעהויבן באַקומען שווערע קלעפּ פון די דייטשע און אוקראַינישע אויפזעערס.

דער מאַרק־פּלאַץ פון יידישע אַרבעטס־הענט איז געווען יעדן טאָג פון 6 אַזייגער אינדערפרי לעבן יודנראַט. דאָרט פלעגן זיך צונויפקומען אַלע יידן, וואָס זענען גערופן געוואָרן צו אַרבעט. נאָכדעם זענען געקומען די אוקראַינישע קונים מיט צעטלען און דער יידישער פּאָליציסט האָט אַוועקגעפירט די יידן צו דער אַרבעט. נאָכן אַרבעטס־טאָג האָט ער זיי צוריקגעפירט.

דעם יודנראַט האָט מען איבערגעגעבן איין בעקריי, כדי צו באַקן ברויט פאַר יידן. פאַר יעדן אַרבעטער איז געווען באַשטימט 200 גראַם ברויט און פאַר קינדער און נישט־אַרבעטנדיקע — 100 גראַם ברויט אַ טאָג. דאָס ברויט איז געווען זייער שלעכט, אָבער קיינער האָט נישט געקאָנט זיך אָפּזאָגן פון דעם און נעבן די געוועלבער, וווּ מען פלעגט טיילן דאָס ברויט, זענען געשטאַנען אין די רייען הונדערטער איינוווינער, מענער און פרויען, צו באַקומען די פּאָרציע ברויט.

צוזאַמען מיט אַלע באַפעלן איז אויך אַרויס אַ באַפעל, אַז די פּויערים דאַרפן פאַרקויפן אַלע שפּייז־מיטלען נאָר אין קאָאָפּעראַטיוו, און קיין יידן טאָר מען גאָרנישט פאַרקויפן. דאָס האָט גלייך אַרויסגערופן אַ באַונרואיקונג אין שטאָט. אַלע האָבן אָנגעהויבן זאָרגן, ווי זיך פאַרשאַפן שפּייז־רעזערוון. די פּויערים פלעגן ברענגען פּראָדוקטן, אָבער פלעגן זיי בלויז אויסטוישן אויף שוכוואַרג, מלבושים און אַנדערע זאַכן. די פּרייזן זענען געשטיגן פון טאָג צו טאָג, און די, וואָס האָבן נישט געהאַט אויף וואָס צו טוישן, האָבן גאָרנישט געקאָנט באַקומען ביים פּויער. זיי האָבן זיך געמוזט דערנערן נאָר פון דער נישטיקער פּאָרציע ברויט.

דינסטיק, דעם 1טן יולי איז אַרויס אַ באַפעל פון שטאָט־קאָמענדאַנט, אַז מאָרגן זאָלן אַלע מענער קומען אויפן פּלאַץ אין מיטן שטאָט און יעדערער זאָל האָבן מיט זיך אַן עמער מיט אַ באַרשט צו פאַרקערן די גאַסן. עס זענען געקומען פיל מענטשן. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זיך באַוויזן דער שטאָט־קאָמענדאַנט אין דער באַגלייטונג פון זשאַנדאַרמעריע און פּאָליציי. מען האָט אַרויסגענומען פון די פאַרזאַמלטע 5 יונגעלייט. דאָס זענען געווען: 1) מאיר צייליגנאָלד, 2) שמואל ווייַנגאַרטען, 3) משה זילבערמאַן, 4) יעקב געליבטער, 5) שמואל שוסטער. דער קאָמענדאַנט האָט דערקלערט, אַז נעכטן האָט מען אויפן וועג לובאָמל — באַרקי איבערגעריסן די טעלעפאָן־פאַרבינדונג, עס איז זיכער, אַז דעם סאַבאָטאַזש־אַקט האָבן דורכגעפירט יידן, דעריבער באַקומען די 5 יידן טויט־שטראָף. גלייך האָט מען אַוועקגעפירט די פינף יונגעלייט צום באַרג, וועלכער איז געווען נאָענט צו דעם אָרט ווו אַלע יידישע מענער זענען געווען פאַרזאַמלט, און עטלעכע מינוט שפּעטער האָט מען געהערט די זאַלפּן פון ביקסן. מען האָט געשיקט יידן צונעמען די געהרגעטע און זיי ברענגען צו קבר־ישראל.

אויף צומאָרגנס האָט מען גענומען 50 יונגעלייט אויך מיך צווישן זיי, אויף אַרבעט ביים פאַרריכטן דעם וועג, אַרויספאָרנדיק פון שטאָט קיין מאַציעוו. דער וועג לעבן די מאַרמאַראָווקעס איז געווען זייער זאַמדיק און די דייטשישע מאַשינען האָבן נישט געקאָנט דורכפאָרן. 25 יידן האָבן געפירט מיט וועגעלעך אַלטע ציגל פון געביידעס און 25 יידן האָבן איינגעקלאַפּט די ציגל אין זאַמד. 11 אַזייגער האָט מען אויסגערופן, אַז מען גיט אונדז 15 מינוט צייט צום עסן און מען האָט אונדז אַרויסגעגעבן שוואַרצע ניט־עכטע קאַווע. מיר האָבן נישט באַוויזן צו עסן, איז אָנגעקומען אַ דייטש פון דער ס״ס און האָט געגעבן אַ געשריי, פאַרוואָס „די פאַרפלוכטע יידן פרעסן". חיים־וואָלף אַליעסקערס זון איז צוגעגאַנגען צום ס״ס־מאַן און אים דערקלערט, אַז מיר אַרבעטן פון 7 אַזייגער פרי און איצט האָט דער דייטש, וואָס

פירט אָן מיט דער אַרבעט, געמאַכט אַן איבעררייס פון 15 מינוט. דער ס"ס־מאַן האָט דאַן אַרויסגענומען אַ גומענעם שטעקן און אַנגעהויבן אים שלאָגן אין קאָפּ, ביז יענער איז אַוועקגעפאַלן אין בלוט. דער דייטש האָט אויך שווער צעשלאָגן נאָך דריי יידן.

איין טאָג האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אין נאָמען פון עמעצן פון יודנראַט, אַז ווער עס וועט אַרבעטן אויף אַ סטאַבילן אַרבעטס־פּלאַץ, וועט באַקומען אַ באַשייניקונג פון אַרבעטס־אַמט און דאַן וועט אים קיינער קיין שלעכטס נישט קאָנען טון, אָבער די, וועלכע וועלן נישט אַרבעטן, אָדער פאַר וועלכע עס וועט זיך נישט געפינען קיין סטאַבילע אַרבעט, וועלן געשיקט ווערן אין לאַגער אויף אַרבעט.

די דאָזיקע „בשורה" האָט אַרויסגערופן אַ בהלה צווישן די יידן. ווער עס האָט געהאַט באַקאַנטע פּויערים אָדער אוקראַינישע אַנגעשטעלטע, האָט געפּרווט מיט פאַרשידענע געשאַנקען ווי לעדער, שטאָפן, אַנטיקן און גאָלד איינאָרדענען זיך אויף אַ סטאַבילן אַרבעטס־פּלאַץ.

איך מיט אַ גרופּע באַקאַנטע האָבן זיך איינגעאָרדנט ביים סאָרטירן און לאָדן די איבערגעבליבענע מאַטעריאַלן פון די רוסן אויפן וואָקזאַל.

נאָך דעם ווי מיר האָבן אַזוי אָפּגעאַרבעט עטלעכע וואָכן, איז דעם 22סטן יולי 1941 געקומען דער אויפזעער אויף דער אַרבעט, אונדזערער אַ שכן, און האָט אונדז געהייסן זיך באַהאַלטן ווו עס איז נאָר מעגלעך. ער האָט אונדז דערציילט, אַז עס זענען אַריינגעקומען אין שטאָט פיל לאַסט־אויטאָס מיט דייטשן פון געסטאַפּאָ, וועלכע גייען אַרום פון שטוב צו שטוב, פאַרנעמען די יונגעלייט און פירן זיי אַוועק אין דער זייט צום בוג. זיי זאָגן, אַז זיי נעמען זיי אויף אַרבעט אויף דער באַנליניע אין כעלם. דעם טאָג האָט מען פאַרכאַפּט מער פון 300 יידן, בלויז מענער.

דער אמת איז, ווי מען האָט זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז די אַלע פאַרכאַפּטע איינוווינער זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אויף דער צווייטער זייט פון יידישן בית־עולם, ווו עס זענען געווען צוגעגרייטע גרויסע גריבער איבער וועלכע עס זענען געווען אַנגעשטעלט מאַשין־געווער. די געבראַכטע יידן מיט די לאַסט־אויטאָס האָט מען אויסגעשטעלט אויפן ראַנד פון די גריבער און דערשאָסן פון די מאַשין־געווערן, און זייערע קערפּערס זענען אַריינגעפאַלן אין די גריבער. פיל פון די אומגעבראַכטע האָבן נאָך געלעבט אַריינפאַלנדיק אין גרוב און זענען פאַרשיט געוואָרן לעבעדיקערהייט.

ווי מען האָט שפּעטער דערציילט, האָט די ערד אויף דעם פּלאַץ אַ לאַנגע צייט נישט גערוט און מען האָט געקאָנט באַמערקן ווי די ערד הויבט זיך און לאָזט זיך אַראָפּ.

אַ טייל פון די אומגעבראַכטע האָבן אין זייערע לעצטע מינוטן אויסגעשריען — שמע ישראל! דייטשע באַנדיטן! איר וועט נאָך טייער באַצאָלן פאַר די אומשולדיקע יידישע קרבנות.

די וועלכע זענען פאַרבליבן האָבן ווייטער געזוכט ווי זיך איינצואָרדענען אויף אַרבעט, ווי צו באַקומען שפּייז, כדי צו דערנערן די משפחה. גלייכצייטיק האָבן אַלע אָנגעהויבן מאַכן באַהעלטענישן. עס האָבן זיך שוין געפונען גוטע בעלי־מלאכות, וועלכע האָבן פאַרגעלייגט פאַרשידענע פּלענער פון באַהעלטענישן. זיי זענען באַשטאַנען פון אויסגראָבונגען אונטער דעם פּאָל מיט אַן עפענונג, וואָס מען האָט נישט געקענט דערקענען, אָדער פון טאָפּלטע ווענט אין אַ געוויסן פּלאַץ פון הויז, אויפן בוידעם, אין קעלער א.אַ.וו. ווען מען פּלעגט דערהערן אַ קלאַפּ אין טיר, פלעגן די מענער זיך באַהאַלטן און די פרויען פלעגן עפענען די טיר. די דייטשן פלעגן זוכן אין שטוב, און ווען זיי האָבן קיינעם נישט געפונען, פלעגן די פרויען אָפּט באַקומען געשלאָגן מיט גומענע שטעקנס. ביז דאַן האָט מען נאָך נישט געכאַפּט קיין פרויען.

פונקט צום מאָנאַט האָט דער יודנראַט באַקומען אַ באַפעל, אַז אין משך פון צוויי טעג זאָל מען צושטעלן 50 שניט וואָל־שטאָף אויף אָנצוגן. די וואָל מוז זיין אַ העלע און פון הויכער קוואַליטעט. אויסער דעם האָט מען געדאַרפט אָפּגעבן 300 גאָלדשטיקלעך צו 5 רובל. צו דעם צוועק איז גערופן געוואָרן אַ ספּעציעלע באַראַטונג פון יודנראַט און מען האָט באַשלאָסן אַרויסצורופן אין יודנראַט אַלע יידן, וועלכע מען האָט געהאַלטן פאַר פאַרמעגלעכע און בעטן, אַז יעדער זאָל פרייוויליק זיך באַשטייערן מיט די גאָלדשטיקלעך. די געוועזענע שניט־סוחרים האָט מען גערופן זיי זאָלן געבן די שטאָף.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע סקאַנדאַלן. די אַרויסגערופענע האָבן געטענהט, אַז זיי פאַרמאָגן נישט קיין גאָלד אָדער שטאָפן, דאָך האָבן אַ טייל פאַרמעגלעכע יידן פרייוויליק געבראַכט גאָלד אין יודנראַט, אָבער פיל ווייניקער וויפל מען האָט געפאָדערט, אַזוי אַז די ערשטע 24 שעה האָבן קיין גוטע רעזולטאַטן נישט געגעבן. די נישט־פאַרמעגלעכע, וואָס זענען געשטאַנען אַרום בנין פון יודנראַט, האָבן געשריגן, אַז צוליב די גבירים וועלן אַלע אומקומען און האָבן געפאָדערט פון יודנראַט אָנצונעמען שטרענגערע מיטלען, כדי צו שאַפן די געפאָדערטע זאַכן, אָדער געבן זיי די דערלויבעניש צו גיין אין די הייזער פון די רייכע און מאַכן רעוויזיעס.

סוף־סוף איז געלונגען נישט צו דערלאָזן צו קיינע סקאַנדאַלן און רעוויזיעס, און עס זענען געשאַפן גע־וואָרן אַלע געפאָדערטע זאַכן. צוויי מענטשן פון יודנ־ראַט, דער פּרעזעס און דער לייטער פון דער שפּייז־אָפּטיילונג, האָבן אַוועקגעטראָגן די זאַכן. אַלע האָבן געוואַרט לעבן הויז פון יודנראַט, כדי צו הערן, וואָס עס האָט געזאָגט דער שטאַט־קאָמענדאַנט און ווי ער האָט אויפגענומען די פאַרשטייערס פון יודנראַט. נאָך דריי שעה זענען זיי צוריקגעקומען און האָבן דערציילט, אַז דער קאָמענדאַנט איז געווען זייער צופרידן, אַז ער האָט אַפילו געשמייכלט און האָט געזאָגט אַז אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג, זאָלן די יידן אַרבעטן און קיינעם וועט קיין שלעכטס נישט געשען.

די ערשטע טעג איז געווען רואיק, מען האָט א ביסל אָפּגעאָטעמט. אָבער דאָס האָט לאַנג נישט אָנגע־האַלטן. וואָס בעסער עס איז געגאַנגען די דייטשן אויף די פראָנטן, אַלץ ערגער איז געוואָרן די יידן. מען האָט אָנגעהויבן פילן דעם הונגער און פיל משפחות זענען געקומען צום יודנראַט און געבעטן שפּייז, ווייל זייערע פאַמיליעס ליידן הונגער. דער יודנראַט האָט געשאַפן א פאָנד פאַר אָרעמע משפחות בעיקר צו העלפן מיט ברויט.

דעם 22־טן אויגוסט 1941 האָבן די דייטשן גע־כאַפּט אַ 500 מענער און פרויען, צווישן זיי מיין פרוי, און אַלע פאַרשפּאַרט אין קאַמפּיאַנעס שאַפּעס. מאיר לאַנדאַנס מיידעלע אַנטשע, וועמען עס איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן אין פּאַוועל קורנאָס סאַד, וואָס האָט גע־גרענעצט מיט זייער הויז, איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די דייטשן דורך פּאַוועלס איידעם סי־דאָרוק דער מויערער.

פון דער גאַנצער גרופּע 500 אַרעסטירטע זענען לעבן געבליבן נאָר 11 פרויען, צווישן זיי אויך מיין פרוי. אַלע אַנדערע פאַרשפּאַרטע אין די שאַפּעס זענען צומאַרגנס דערשאָסן געוואָרן 6 קילאָמעטער פון לובאָמל אין קליינעם וועלדל אָראַדנע.

די שטימונג אין שטאָט איז געווען אַ שרעקלעכע. די געוויינען און די געשרייען זענען נישט צו באַ־שרייבן. אויסער אַלעמען האָבן זיך אין דער פרי פיל מענטשן נישט געשטעלט צו דער אַרבעט ביים יודנ־ראַט. אַ טייל איז געכאַפּט געוואָרן און אַ טייל האָט זיך באַהאַלטן און האָבן מורא געהאַט אַרויסצוגיין. דער יודנראַט האָט מורא באַקומען פאַר אַ נייער גזירה צו־ליבן נישט שיקן קיין אַרבעטער אויף די אַרבעטס־פּלע־צער האָט מען אָנגעהויבן געבן געלט די פאַרשטייער, וועלכע זענען געקומען נעמען די אַרבעטער און מען האָט זיי צוגעזאָגט, אַז אויפן צווייטן טאָג וועט מען אויספילן די אַרבעט פאַר דעם פאַרלאָזטן טאָג, אָבער דאָס איז נישט געלונגען. אויף מאָרגן איז דער אַרבעטס־קאָמיסאַר געווען אויפן פלאַץ פון טאַרטאַק און האָט געזען, אַז עס פעלן פיל אַרבעטער. ער האָט געשיקט רופן דעם פּרעזעס פון יודנראַט. מען האָט אים שטאַרק צע־שלאָגן און געגעבן אַ באַפעל אויפן צווייטן טאָג צו שיקן טאָפּלט אַרבעטער און צושטעלן 500 רובל אין גאָלד ביז מאָרגן 3 אַזייגער ביי טאָג.

די יידן זענען געווען אין גרויס שרעק, איינער האָט אַגיטירט דעם צווייטן, אַז מען מוז אַרויסגיין צו דער אַרבעט, ווייל אַנדערש וועט זיין גאָר שלעכט. דאָס גאָלד איז אויך געשאַפן געוואָרן. אין דער פרי זענען שוין געווען אויסגעשטעלט אין די רייען בערך 400 מענער און פרויען, וועלכע זענען צעשיקט געוואָרן אויף פאַרשידענע אַרבעטס־פּלעצער.

אין דער זעלבער צייט, ווען דאָס בלוט פון די דערמאָרדעטע אין אָראַדנער וואַלד האָט נאָך נישט גע־רוט, האָבן שוין פויערים פון דעם נאָענטסטן דאָרף באַרקי אָנגעהויבן זוכן ביי די מתים ווערטפולע זאַכן און די אוקראַינישע פּאָליציי און באַאַמטע האָבן געשי־כורט אויף דעם חשבון.

אין דרויסן האָט אָנגעהויבן הערשן דער האַרבסט. עס האָט גערעגנט און די גאַסן זענען געווען בלאָטיק. אויף דער נשמה איז געווען טרויעריק. די, וואָס האָבן געהאַט אַ ביסל רעזערוון פון שפּייז־אַרטיקלען האָבן שוין אויך אָנגעהויבן צו ליידן נויט. די צאָל אַרבעטס־פעיקע יידן איז געוואָרן פיל קלענער.

אין יאַנואַר 1942 איז ווידער פאָרגעקומען אַ „כאַ־פּריי" אויף יידן, אָבער דאָס מאָל איז מען אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק. 500 יידן, וואָס מען האָט געכאַפּט, זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין קינאָ־זאַל „ראַדיאָ". אַ וואָך צייט האָט מען זיי דאָרט געהאַלטן און דערנאָך אַלעמען באַפרייט.

סוף יאַנואַר 1942 איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויפן יודנראַט אַ פרישע קאָנטריבוציע: 100 מענער־פּעלצן, 50 פרויען־פּעלצן, 2 קאַראַקול־ און פאָקע־מאַנטלען, 500 רובל אין גאָלד. אין דער קאַסע פון יודנראַט איז געווען גענוג געלט צו קאָנען קויפן טייערע מאַנטלען און גאָלד. די שוועריקייט איז געווען ביים באַקומען פּעלצן. דאָס איז געווען אַן אַרטיקל, וואָס דער פויער האָט אַלץ אַוועקגעגעבן דערפאַר און די סוחרים האָבן געשריען, אַז זיי האָבן דאָס נישט.

אין שטעטל זענען געווען פויערים, וועלכע פלעגן אויסאַרבעטן פּעלצן, און דער יודנראַט האָט זיך פאַר־בונדן מיט זיי. מען איז געווען גרייט זיי צו צאָלן די העכסטע פרייזן, אָבער 50 פּעלצן איז דאָך געווען אַ

גרויסע צאַל. מען האָט געמוזט זיך ווענדן צו די שטאָט־סוחרים און מען האָט געמוזט שיקן די יידישע פּאָליציי צו מאַכן רעוויזיעס אין יידישע הייזער. און צו דער גרעסטער איבערראַשונג האָט מען געפונען ביי איין יידן גאַנצע 170 פעלצן. דער ייד, ביי וועלכן מען האָט דאָס געפונען, האָט אָנגעהויבן שטאַרק בעטן, אַז מען זאָל נישט דערציילן און האָט אַוועקגעגעבן די 50 נויטיקע פעלצן, אַזוי אַז די גאַנצע קאָנטריבוציע איז אין פאַרלויף פון 5 טעג אָפּגעצאָלט געוואָרן. ביים אָפּגעבן די קאָנטריבוציע, האָט דער פּרעזעס פון יודנראַט זיך געווענדט מיט אַ בקשה צום קאָמיסאַר צו געבן אַ ביסל באַהייצונג פאַר משפחות, וואָס זיצן אין דער קעלט. דער קאָמיסאַר האָט די בקשה דערפילט.

אָנהויב מאַי 1942 האָט דער יודנראַט באַקומען אַ באַפעל צוצושטעלן 300 יידן אויף צו טרייבן פערד. די שווערסטע זאַך איז געווען צוצוגרייטן די רשימה פון די 300 מענטשן, ווייל ס'איז געווען כמעט זיכער, אַז זיי וועלן זיך שוין נישט צוריקקערן אַהיים.

די רשימה פון די 300 יידן איז דאָך צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן און צווישן זיי האָב איך זיך אויך געפונען. פאָרפילנדיק די געפאַר, וואָס דערוואַרט אונדז, האָב איך אַ טאָג פאַר דעם טערמין, ד. ה. דעם 5טן מאַי, אַראָפּגענומען די געלע לאַטע און בין אַרויס פון שטאָט אין דער ריכטונג פון דאָרף אָראַדנע, צו אַ באַקאַנטן פויער יעפים יאַשטשוק, וועלכער האָט אַמאָל געאַרבעט ביי מיין פאָטער ז״ל, מיטן געדאַנק זיך אויסצובאַהאַלטן ביי אים ביז די פאַרטיע, וואָס דאַרף פירן די פערד וועט אַוועקגיין פון שטאָט.

איך האָב גענעכטיקט ביים פויער צוויי נעכט, דעם 7־טן מאַי האָב איך זיך געלאָזט גיין אין שטאָט אַריין, אויפן וועג האָט מיך געטראָפן מיין פרוי, וועלכע איז מיר געגאַנגען אַנטקעגן, אַז עס איז שוין רואיק און איך מעג זיך אומקערן. דעם 8־טן יאַנואַר האָב איך זיך אומגעקערט צו מיין אַלטן אַרבעטס־פּלאַץ.

אַכט טעג פאַר פּסח, קומענדיק צום מאַגאַזין ווו איך האָב געאַרבעט, האָב איך אים געפונען אויפגעריסן און ווי איך האָב פעסטגעשטעלט האָט מען פון דאָרט אַרויסגעגנבעט האָניק און וואַקס. ווען דער בעל־הבית איז געקומען האָב איך אים דערציילט וועגן דעם. ער האָט געמאָלדן וועגן דעם דער פּאָליציי און צו מיטאָג האָט מען מיך פאַרהאַלטן און אָפּגעפירט אין אַרעסט אַלס באַשולדיקטן אין דער גנבה.

דאָס זיצן פאַרשפּאַרט אין אַרעסט־קאַמער, ווו די ווענט זענען געווען אויסגעשמירט מיט יידיש בלוט, ווי אויך דער גאַנצער בלבול, אַז איך האָב באַגנבעט דעם מאַגאַזין, האָט אויף מיר געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק. די איינציקע טרייסט מיינע איז געווען דאָס, וואָס דער שטאָט־קאָמענדאַנט איז געווען אַ גוטער באַקאַנטער אונדזערער און איך האָב געהאָפט, אַז מען וועט קאָנען מיט אים אונטערהאַנדלען וועגן מיין באַפרייאונג.

אויף צומאָרגנס ביי דער אויספאָרשונג ביים קאָמענדאַנט האָב איך אים געבעטן ער זאָל דערלויבן מיין פרוי זי זאָל מיר ברענגען עסן, און דערביי געגעבן אָנצוהערן, אַז מיין פרוי „וועט שוין אַלץ דערלידיקן״. נאָך דער אויספאָרשונג, צוריקקומענדיק אין אַרעסט־קאַמער, האָב איך געזען פון פענצטער ווי מיין פרוי און מיין עלטערער ברודער שפּאַצירן נישט ווייט פון דער טורמע. אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט מען מיר איבערגעגעבן עסן פון שטוב און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די פאַמיליע האַנדלט אונטער מיטן קאָמענדאַנט וועגן מיין באַפרייאונג. און באמת, נאָך פּסח בין איך באַפרייט געוואָרן.

צוריק אומקערן זיך אויף מיין אַרבעטס־פּלאַץ האָב איך מורא געהאַט, ווי אויך אַרבעטן אין שטאָט מטעם דעם יודנראַט האָב איך נישט געוואָלט, האָב איך אָנגעהויבן זוכן אַ פּלאַץ צו אַרבעטן אויסער דער שטאָט. אין דעם האָט מיר געהאָלפן מיינער אַ גוטער באַקאַנטער משה גערשענבערג ז״ל (אברהם רייזיס זון). מיט זיין הילף בין איך אָנגעקומען אַרבעטן אין וואַלד קאָקורובישט, נישט ווייט פון דעם דאָרף פּאָלאַפּ, ווו ער מיט נאָך 21 יידן האָבן געאַרבעט. 12 האָבן געאַרבעט ביים לאָדן לאַנג און קורץ האָלץ, 3 האָבן געאַרבעט אַלס וואַלד־בראַקירער און 7 האָבן געשניטן וואַלד און צוגעגרייט ברען־האָלץ.

איך געדענק די פאָלגנדע נעמען פון די וואַלד־אַרבעטער: בראַקירער — גרשון גרינשפּאַן, מענדל מעשקיס, משה גורבראַטש. פּראָסטע אַרבעטער — משה גערשענבערג ז״ל, דוד מעשקיס ז״ל, מאָטיק האַנדלסמאַן ז״ל, יעקב גינזבורג ז״ל, אליהו גאָלדבורסטען ז״ל, נטע ביאַלער ז״ל, יעקב ווערבלאַ ז״ל, זיין זון ווערבלאַ — 14 יאָר אַלט, מענדל צימערבוים ז״ל, זלמן מולפעלד ז״ל, יהושע גרימאַטליכט ז״ל, און איך יוסף קאַרפּוס.

איך און משה גערשענבערג ז״ל האָבן זיך באַפריינדעט מיטן לעסניטשע נאָוואָקאָווסקי און פון אים האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז אין די וועלדער ווו מיר געפינען זיך האָט מען געזען סאָוויעטישע דעסאַנטן, אַראָפּגעוואָרפענע פון סאָוויעטישע עראָפּלאַנען.

מיר האָבן די דאָזיקע אינפאָרמאַציע איבערגעגעבן די איבעריקע יידן פון אונדזער גרופּע. מיר האָבן דאַן באַשלאָסן צו זוכן אַ קאָנטאַקט מיט די דעסאַנטן. צו דעם צוועק פלעגן צוויי פון אונדז אַרויסגיין יעדן אינדערפרי אין וואַלד, כדי אויסצושפּירן די לאַגע. כדי דער

אויפזעער זאָל נישט וויסן, אַז צוויי מענטשן גייען אַוועק יעדן טאָג, האָבן די איבערגעבליבענע געמוזט מאַכן זייער נאַרמע און דאָס איז געווען זייער שווער.

קיין קאָנטאַקט מיט די רוסישע דעסאַנטן איז אונדז נישט געלונגען אָנצובינדן, דאַקעגן האָבן מיר אויפגעבויט אין וואַלד אַ באַהעלטעניש פאַר זיך אין פאַל ווען געסטאַפּאָ־לייט וועלן באַזוכן. מען האָט אויך באַשטימט אַ פּלאַץ אין וואַלד פאַר אַ טרעף־פּונקט.

די אויפגאַבע פון שאַפן געווער האבן גענומען אויף זיך: מרדכי האַנדעלסמאַן און יעקב גינזבורג. אין פאַרלויף פון צוויי וואָכן האָבן זיי איינגעשאַפט 1 ביקס און 2 רעוואָלווערן.

סוף מאַי, געווען איז דאָס אַ מאָנטיק, האָט מען אונדז דערלאַנגט 12 פּלאַטפאַרמעס צו לאַדעווען. דעם טאָג איז געווען אַ גרויסער רעגן. עס איז געווען שווער צו לאַדעווען, ווייל די קלעצער האָבן זיך אַרויסגעגליטשט פון די שטריק, ווייזט אויס, אַז דער אויפזעער האָט באַמערקט, אַז מיטן טאָג האָבן מיר ערשט געהאַט פאַרלאַדן בלויז 5 וואַגאָנען, האָט ער געגעבן צו וויסן קיין לובאָמל. 3 אַזייגער זענען אָנגעקומען 4 דייטשן מיט 2 הינט און געפרעגט, ווער עס איז דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער אַרבעט. מען האָט אָנגעוויזן אויף יעקב ווערבלאָ ז״ל. זיי האָבן אים אָנגעהויבן שלאָגן, אים און זיין זון, און ווען זיי זענען אַוועקגעפאַלן, האָבן זיי אָנגעשיקט אויף זיי די הינט, וואָס האָבן צעריסן זייערע קליידער און צעביסן אַ פוס פון יעקבס זון. נאָכדעם האָבן זיי אָנגעהויבן שלאָגן אליהו גאָלדבורטן און מאָטל האַנדעלסמאַן ז״ל. זיי האָבן געגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע וואַגאָנען מוזן ווערן פאַרלאָדן, אַנדערש וועלן זיי אַלעמען שיסן. מיר זענען אַלע אַרויס צום לאָדן די קלעצער. מיט אונדזערע לעצטע כוחות האָבן מיר געענדיקט די אַרבעט 2 אַזייגער ביינאַכט. דער נס איז געווען, וואָס עס איז געווען אַ ליכטיקע נאַכט.

עס איז שוין געווען חודש יולי. די אַרבעט אין וואַלד איז געוואָרן אַלעמאָל שווערער. מיר זענען פיזיש געוואָרן שוואַכער און די נאָרמע האָבן מיר געמוזט אויספילן. מיר זענען געפאַלן אויף אַ המצאה: נישט שפּאַלטן אַלע שטיקער האָלץ, און בערך 50 פּראָצענט האָט מען אַריינגעלייגט קיילעכדיקע שטיקער. כדי דער אויפזעער ווישניעוויצקי זאָל שווייגן, האָט מען פון צייט צו צייט אים געמוזט קויפן אַ מתנה.

דעם 15־טן יולי איז שוין די באַהעלטעניש געווען געענדיקט. עס איז דאָרט געווען פּלאַץ פאַר 25—30 מענטשן. די ביקס איז געווען באַהאַלטן דאָרט און די 2 רעוואָלווערן האָבן מיר געהאַלטן ביינאַכט אין צימער און בייטאָג ביי דער אַרבעט.

סוף יולי האָט שוין נאָוואַקאָווסקי איבערגעגעבן משה גערשענבערגן, אַז עס זענען פאַראַן פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער 30—40 קילאָמעטער פון קאַמיען־קאָשירסק, אין דער געגנט פון גרויסע־גלושע און לובאָשעוו. איך און משה האָבן באַשלאָסן זיך צו פאַרשאַפן אַ מאַפּע און זיך לאָזן אין וועג צו די פּאַרטיזאַנער. אויף שבת בין איך מיט משהן אַוועק אין שטאָט און דאָרט האָבן מיר ביי שמואל־לייב הובערמאַן געפונען אַ מאַפּע פון יענער געגנט. דער איידעם פון שמואל־לייב הובערמאַן, חיים קלעוואַרטאָווסקי, ווי אויך זיין זון אייזיק הובערמאַן און דרוקעריי־אַרבעטער מעלניק האָבן אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע געאַרבעט אין דער דרוקעריי. בשעתן קוקן אויף דער מאַפּע, זאָגט אונדז קלעוואַרטאָווסקי: „אויב איר ווילט, קאָן איך אייך מאַכן פּאַספּאָרטן אויף וועלכן נאָמען איר וועט וועלן״. ער האָט געפאָדערט דערפאַר אַ געוויסן לוין. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן דעם פאָרשלאָג אָנגענומען. די זעלבע וואָך האָבן מיר זיך פאָטאָגראַפירט און מיר האָבן אַוועקגעגעבן די בילדער אויף 4 פּאַספּאָרטן פאַר אונדז מיט אונדזערע פרויען. מיר האָבן באַשלאָסן נישט אויסצופילן דערווייל די פּאַספּאָרטן נישט מיט קיין נאָמען און נישט מיט אַ גלויבן אָדער נאַציאָנאַליטעט.

נאָך דעם ווי מיר האָבן געהאַט די פּאַספּאָרטן, האָבן אונדז נאָך געפעלט דערלויבענישן אַרויסצופאָרן פון שטאָט און אַן אָנווייזונג וווהין מיר פאָרן ווי אויך באַשטעטיקונגען, אַז מיר האָבן געאַרבעט און מען האָט אונדז באַפרייט פון דער אַרבעט.

אַלס דאָלמעטשער ביים געביטס־קאָמיסאַר האָט געאַרבעט בנימין אייזנבערג, וועלכער האָט פאַר דעם קריג געוווינט אין דאַנציג. צו בנימין אייזנבערג האָב איך געהאַט דעם גרעסטן צוטרוי, האָב איך אים איינמאָל דערציילט דעם גאַנצן ענין און געבעטן אים מיר העלפן אין די אויבנדערמאָנטע באַשייניקונגען. ער האָט מיר גלייך געזאָגט, אַז דערלויבענישן אַרויסצופאָרן קאָן ער מיר באַזאָרגן, אָבער צו אַרבעטס־שיינען האָט ער נישט קיין צוטריט. זיי געפינען זיך אין דער קאָמפּעטענץ פון אַן אוקראַאינער בולאָווקאָ. ער האָט מיך אויך געבעטן, אַז איך זאָל אים דערציילן מיין פּלאַן. איך האָב אים פאָרגעשטעלט אונדזער פּלאַן, ווי אויך דערציילט וועגן די פּאַספּאָרטן, וואָס איך האָב שוין געמאַכט. ער האָט מיך דאַן געבעטן, אַז איך זאָל אים באַזאָרגן מיט צוויי פּאַספּאָרטן, פאַר אים און פאַר פייגע גינזבורג, די טאָכטער פון בערל גינזבורג, וועלכע האָט געזאָלט ווערן זיין כלה.

נאָך עטלעכע טעג האָט מיר בנימין געבראַכט די אַרויספאָר־באַשייניקונגען פון געביטס־קאָמיסאַר. איך האָב געשאַפן פאַר אים די פּאַספּאָרטן.

עס איז שוין געווען אָנהויב סעפּטעמבער. איך מיט משהן האָבן ווייטער געאַרבעט אין וואַלד און געמאַכט פּלענער וועגן אונדזער ריזיקאַלישער נסיעה.

משה האָט אָנגעהויבן זוכן אַ פּויער, וועלכער זאָל מסכים זיין אונדז צו פירן און צו וועמען מיר זאָלן האָבן צוטרוי. אויף שבת זענען מיר ווידער אַוועק קיין ליבעוונע. דאָ איז די לאַגע געווען זייער אַ שווערע. די פאָדערונגען פון די דייטשן האָט מען שוין נישט געקאָנט אויספילן, נישט מיט זאַכן און געלט און נישט מיט אַרבעט. אַ סך משפּחות האָבן געהונגערט ממש. זיי האָבן שוין נישט געהאַט וואָס אַוועקצוגעבן די פּויערים. אָבער בעיקר איז די שטימונג געווען אַ שרעקלעכע, ווייל מען האָט געזאָגט, אַז עס איז געבליבן צו לעבן נאָר איין מאָנאַט. אַלע האָבן אַוועקגעגעבן זאַכן, אַפילו מעבל, באַקאַנטע פּויערים. ביי מיר אין דער היים איז די שטימונג געווען אַ פאַרצווייפלטע. אַ באַקאַנטער אוקראַינער האָט געזאָגט מיין שוויגער, אַז פאַר יידן זענען געבליבן בלויז אַ פּאָר טעג צום לעבן.


ווען איך בין געווען אין דער היים איז געקומען משה און דערציילט, אַז ער האָט אָפּגעשמועסט מיט אַ פּויער, וועלכער איז מסכים געווען צו פאָרן. דאָס איז געווען אַ פּויער מיטן נאָמען פאנאס פון דאָרף פערוואָס. איך האָב געזאָגט משהן, אַז איך קען דעם פּויער פאַר אַ גרויסן באַנדיט, ער האָט מיר אָבער געענטפערט, אַז קיין לייטישע פּויערים זענען נישט מסכים צו פאָרן.

אויסער דעם זענען מיר 4 מענטשן און מיר האָבן נישט קיין מורא פאַר אים. מיר האָבן אָפּגערעדט צו פאָרן דעם 30־טן סעפּטעמבער 1942.

ווען דער פּויער איז געקומען אונדז נעמען, האָט מיין פרוי, וואָס איז געווען אין זיבעטן מאָנאַט, זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן. דער פּויער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז נישט אַלע פיר זאָלן פאָרן, נאָר בלויז משה מיט זיין פרוי, און אַז משה וועט זען, אַז דאָרט אויפן אָרט קאָן מען בלייבן, וועט ער אונדז געבן צו וויסן. איך בין איינגעגאַנגען אויף דעם און אָפּגערעדט מיט משהן, אַז ער וועט אָנשרייבן אויפן הויזן־גאַרטל פון פאנאסן אַ פּאָר ווערטער.

מיר האָבן זיך געזעגנט מיט משהן און זענען אַוועק אין יודנראַט וועגן דער פאַרלענגערונג פון די שיינען. מיר האָבן געוואַרט עטלעכע שעה און דער פאָרשטייער פון יודנראַט איז נישט צוריקגעקומען פון געביטס־קאָמיסאַר. 4.30 איז צוריקגעקומען דער פאָרשטייער פון יודנראַט און געזאָגט, אַז מען האָט נישט פאַרלענגערט די באַשייניקונגען. ער האָט אויך באַשטעטיקט אַ ידיעה, אַז עס זענען אָנגעקומען געסטאַפּאָ און פּאָליציי פון אַנדערע שטעט. עס איז געוואָרן קלאָר, אַז עס קומט דער סוף.

אויפן וועג אַהיים זענען מיר אָפּגעטרעטן ביי אונדזער פריינט שמחה קראַמער (דער זייגערמאַכער). ער האָט אונדז דערציילט, אַז מיט אַ פּאָר שעה צוריק האָבן די דייטשן ביי אים אָפּגענומען אַלע זייגערלעך, וואָס


Rayonsverwaltung
in LUBOML.

Vorläufiger
AUSWEIS

Name: Karpus
Vorname: Wanda
Wohnort: Luboml
Strasse: Brestka 92
Geboren am: 1920 31/V
In: Luboml
Beruf: Näherin

Lichtbild

eigenhänd. Unterschrift

Religion: Pole Röm. Kat.

Luboml, den 24 November 1941

(Siegel)

№ 2091

Dienststelle

Unterschrift

העתק־צילום של תעודת זיהוי על שם קרפוס ונדה בה השתמשה רבקה שליווא בזמן הכיבוש הנאצי
א פאטאסטאט פון דער אינדיפידענטן־קארטע אויפן נאמען קארפוס וואנדא מיט וועלכן עס האט איבערגעלעבט
די קריג רבקה שליווא

זיי האָבן אים געגעבן צו פאַרריכטן, אַפילו די, וואָס ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרריכטן. אַ ביסל שפּעטער האָבן מיר באַגעגנט דעם שניידער יוסף מלמד (יאָסל קער־פּעלס). אויך ער האָט אונדז איבערגעגעבן, אַז די דייטשן האָבן אָפּגענומען פון אים אַלץ, וואָס זיי האָבן אים געגעבן צו נייען, אַפילו די מלבושים, וואָס זענען נישט געווען פאַרטיק, נאָר צוגעשניטן. און נישט נאָר די דייטשן, נאָר אויך די אוקראַינער האָבן דאָס געטאָן. דאָס אַלץ איז געווען אַ סימן אויף אַ נייער אַקציע.

דער זייגער איז געוואָרן 5 מיט מינוטן. מיר זענען אַריין אין שטוב און אָנגעהויבן אויף גיך מאַכן פאַר יעדן אַ קליין פּעקעלע — וועש און ברויט, און באַשלאָסן אַוועקצוגיין צו אַ באַקאַנטן פּויער, וועלכער האָט גע־וווינט 4 קילאָמעטער פון שטאָט, אויפן וועג קיין מאַשיווע.

מיר האָבן פאַרשלאָסן די שטוב און זענען אַרויס אויף די לאַנקעס הינטער יוסף אַמעריקאַנערס הויז. דאָרטן זענען מיר געלעגן ביז 12 אַזייגער ביינאַכט. פּלוצלינג האָב איך באַמערקט, אַז דער אַלטער קריסט אַבראַמאָוויטש גייט אַרויס פון זיין הויז געבן די פערד עסן. האָב איך זיך צוגעשאַרט צו זיין שטאַל און אים גע־זאָגט ווער איך בין און אים געבעטן, אַז ער זאָל אונדז העלפן אויסקוקן דעם וועג, כדי איבערצוגיין דעם שאָסיי. זיין זון ניקאָליי האָט אונדז צוויי ביינאַכט אַריבערגעפירט נישט נאָר דעם שאָסיי, נאָר אַפילו די באַן־ליניע. דאָ האָבן מיר זיך שוין געפונען ביי 2—3 קילאָמעטער פון דעם אָרט וווּהין מיר האָבן געוואָלט קומען. נאָך אַ לענ־גערער בלאָנדזשעניש אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט זענען מיר קוים פאַרטאָג אָנגעקומען צום באַ־קאַנטן פויער.

ווי נאָר מיר האָבן זיך באַוויזן האָט דער הונט אָנ־געהויבן בילן. דער פּויער איוואַן איז אַרויסגעקומען און געהייסן זיך פאַרהאַלטן שטיל, ווייל ער וויל נישט, אַז זיין זון זאָל וויסן, אַז מיר זענען דאָ. אויסער דעם איז דער זון פון זיין שכן אַ פּאָליציסט. ער האָט אונדז אָפּ־געגעבן אַן אָרט אין שייער.

דער פּויער פלעגט אונדז ברענגען די נייעס פון שטאָט, אַז מען האָט אַלע יידן אויסגעהרגעט און יעדן טאָג שיסט מען די, וועלכע מען געפינט אין די באַהעל־טענישן. מיטן אויסזוכן יידן און איבערגעבן זיי צו די דייטשן האָבן זיך פאַרנומען אוקראַינער, ווייל פאַר יעדן יידן האָבן די דייטשן געצאָלט מיט צוקער און זאַלץ.

צווישן די אַרויסגעגעבענע יידן האָט זיך געפונען אויך חיים קרויט, דער בעל־הבית פון טאַרטאַק. דער פּויער האָט אונדז איבערגעגעבן, אַז חיים קרויט האָט זיך באַהאַלטן אין די גריבער פון דער ווישניעוווער צי־געלניע, אָבער דער אייגנטימער פון דער ציגעלניע טע־רעבוכאַ, האָט חיימען אַרויסגענומען פון גרוב, אים גע־בונדן די הענט און אַוועקגעפירט אין שטאָט צו די דייטשן.

עס איז אַזוי אַדורך די ערשטע וואָך. מיין פרוי האָט זיך אָנגעהויבן קלאָגן, אַז זי האָט ווייטיקן און קאָן נישט ליגן די גאַנצע צייט. מיר האָבן זיך צוריק אומגעקערט צום אַלטן פּלאַן צו פאָרן ווי קריסטן, אָבער מיר האָבן נישט געוווּסט, וואָס איז געשען מיט משה גערשענבערג און צי מעג מען פאָרן אַהין. איך האָב אַלץ דערציילט אונדזער פויער און אים געבעטן אַריבערצו־גיין אין דאָרף פּערוואָס, אָפּזוכן דעם פויער פּאַנאַס און פרעגן וועגן משהן. איוואַן איז אַוועק צו אים און צוריק־געקומען מיט דער ביטערער בשורה, אַז פּאַנאַס ווייסט פון גאָרנישט און קיין שום משהן האָט ער נישט גע־פירט. איך האָב געהאַלטן, אַז פּאַנאַס האָט דערהרגעט משהן. דאָך האָבן מיר באַשלאָסן צו פאָרן אַהין ווי קריסטן.

נאָך לאַנגע בעטענישן און פאַר גוט באַצאָלט האָט איוואַן מסכים געווען אונדז צו פירן אין דער ריכטונג פון גלושע. דעם 15־טן אָקטאָבער, 2.30 ביינאַכט, זענען מיר אַראָפּגעגאַנגען פון בוידעם, זיך געבראַכט אין אָר־דענונג, אויסגעפּילט די דאָקומענטן, און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. דער פויער האָט גוט געקענט די וועגן און פאַרטאָג זענען מיר אָנגעקומען צום זשאַנדאַרמעריע־פּאָסטן אין מאַציעוו. דער דייטש, וועלכער איז געשטאַ־נען אויף דער וואַך האָט אונדז געהייסן זיך אָפּשטעלן. ער האָט דורכגעקוקט די דאָקומענטן און געהייסן ווייטער פאָרן.

5 קילאָמעטער נאָך מאַציעוו איז דער וועג געוואָרן זאַמדיק און שווער פאַר די פערדלעך צו שלעפּן די משא, און זיי האָבן ווייטער נישט געוואָלט זיך רירן פון אָרט. נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה האָבן מיר זיך געזעגנט מיטן פויער, אים געדאַנקט פאַר דער טובה ביז איצט און אַליין זיך דערשלעפּט אויף דורכפאָרנדיקע פור־לעך ביזן דאָרף בוטשען (ביצין).

נישט ווייט פון דאָרף האָבן מיר באַגעגנט אַן אָר־טיקן פויער און איך האָב געפּרוּווט אים דינגען, בכדי ער זאָל אונדז פירן ווייטער אין דער ריכטונג פון גלושאַ. ער איז מסכים געווען און אונדז געבעטן דערווייל אַריינ־גיין צו אים אין הויז און וואַרטן ביז ער וועט צוריקקו־מען. נאָך אַ לענגערער צייט וואַרטן האָב איך באַשלאָסן פּרוּוון צו באַקומען אַ טראַנספּאָרט־מיטל פון דאָרפס־קאָמיטעט פאַר באַלוינונג. דער פאָרזיצער האָט מיר צוגעזאָגט דאָס צו דערלייזיקן, און איך בין דערווייל צוריקגעגאַנגען אין פויערס הויז. פּלוצלינג זענען אָנגע־קומען 4 פּאָליציי־לייט אוקראַינער און פאַרלאַנגט דאָ־קומענטן. דער עלטסטער האָט דאָן גענומען אַלע דאָ־

קומענטן און האָט געזאָגט: „וואָסער פּאַליאַק ביסטו, דו ביסט דאָך אַ ייד, מיט וועלכן איך האָב געאַרבעט צוזאַמען פאַרן קריג". איך האָב מיך געמאַכט נישט הערנדיק, אָבער ער פרעגט מיך ווייטער „דו געדענקסט מיך נישט?" און האָט מיר אָנגעהויבן דערמאָנען אונ־דזער צוזאַמענאַרבעט. איך האָב געזען, אַז ווייטער לײ־קענען קומט נישט אין פראַגע, האָב איך באַשלאָסן זיך מודה צו זיין און גלייכצייטיק האָב איך אים געזאָגט: „ניקאַליי, דו געדענקסט דאָך ווי גוט מיר האָבן געלעבט, און אויב עס איז מיר געלונגען זיך אַרויסצוראַטעווען פון געטאָ, באַדאַרפסטו זיין דער, וועלכער וועט אונדז אומברענגען?" ער האָט מיר אויף דעם געענטפערט, אַז ער האָט געטאָן אַ פעלער, וואָס ער האָט דאָס געזאָגט פאַר זיינע חברים. איצט קאָן ער מיר גאָרנישט העלפן, ווייל זיי קאָנען דערציילן די דייטשן.

ער האָט אונדז געהייסן גיין מיט אים און מיט די איבעריקע פּאָליציי־לייט. מיר זענען אַזוי אָפּגעגאַנגען אַ צוויי קילאָמעטער פון דאָרף, און ווען מיר זענען אָנ־געקומען צו די קוסטעס, האָט ניקאַליי אונדז געהייסן אַהין אַריינגיין. מיין פרוי האָט פאַרשטאַנען, אַז מען גייט אונדז שיסן און זי האָט אָנגעהויבן שרייען „שמע ישראל". מיין האַרץ איז געווען פאַרשטיינערט, איך האָב קיין איין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

ניקאַליי האָט מיר באַפוילן עפענען די פעקלעך. ער האָט פאַרטיילט אַלע זאַכן צווישן זיך מיט זיינע חברים. ער האָט מיר געהייסן אים אָוועקגעבן דעם זייגער און דאָס האָב איך געטאָן. ער האָט געזען צוויי פינגערלעך אויף מיין האַנט און זיי געהייסן אים אָוועקגעבן. אויך דאָס געלט האָב איך אים אָפּגעגעבן אויף זיין באַפעל. צום גליק, האָבן זיי זיך מיט דעם באַגנוגנט. זיי האָבן אונדז איבערגעלאָזן 10 מעטער ווייסן לייוונט און טויזנט רובל.

ווען מיר זענען אַרויס פון די קאַראַטשעס איז דורכגע־פאָרן אַ פויער, און ניקאַליי האָט געזאָגט דעם פויער ער זאָל אונדז נעמען מיט זיך און צופירן אין דעם דאָרף ווילעמטשע. ווו ער פאָרט, דאָרט האָבן מיר געפונען אַ פויער, וועלכער האָט מסכים געווען אונדז צו פירן ביזן דאָרף בוזאַקי. דערפאַר האָבן מיר אים באַצאָלט מיט אַ קליידל. אין בוזאַקי האָב איך ווייטער געזיכט טראַנספּאָרט, אָבער מען האָט מיר דערקלערט, אַז וועגן טראַנספּאָרט דאַרף מען זיך ווענדן צום סאָלטיס. איך האָב מיר פאַרגע־שטעלט פאַר אים אַלס דער באַשטימטער לעסניטשע אין גרויס גלושע און האָב אים געבעטן מיר פאַרשאַפן אַ פור ביז גלושע. אָבער דער סאָלטיס האָט געענטפערט, אַז דערצו דאַרף ער האָבן אַ דערלויבעניש פון דער זשאַנדאַר־מעריע, וועלכע געפינט זיך 5 קילאָמעטער פון דאָרף. ער האט אבער פארגעלייגט צו ווארטן ביז עס וועלן דורכפארן פויערים קיין קאמין־קאשירסק, וועט ער זיי הייסן אונדז מיטנעמען ביז גלושע.

עס האָט אנגעהויבן פינצטער ווערן און קיין פויערן זענען נישט דורכגעפארן, האבן מיר גענומען גיין צופוס, קיין קליין גלושע. אויפן וועג זענען מיר אריין אין הויז פון א פויער א „שטונדיסט" און ער האט אונז געגעבן צו עסן. ווען איך האב אים דערציילט אז מיר גייען קיין גלושע האט ער אונז אפגערעט פון דעם, ווייל דארט קומען צו די פארטיזאנער און הרגענען די לעסניטשעס און ספּעציעל פאליאקן. ער האָט מיר פארגעלייגט אנצונעמען א פאסטן פון א גאיאווע 3 קילאמעטער פון זיין וווינונג, ווייל דער פריערדיקער גאיאווי וויל פארלאזן. דער גאיאווי האט מיך געשיקט צום וועלדער־קאמיסאר אין קאמין־קאשירסק און ער האָט מיר געגעבן א בריוו צו זיין שוואגער מילאש דארט, ער זאל מיט מיר אריינגיין צום קאמיסאר.

ווען איך בין געקומען צום שוואגער פון גאיאווע אין קאמין־קאשירסק איז געווען זונטיק אין דערפרי און ער איז שוין געווען אנגעטאן צו גיין אין קלויסטער. ער האט מיר געזאגט איך זאל מיטגיין מיט אים אין קלויסטער, און דארט וועט ער מיר באקאנען מיטן קאמיסאר אופקע. איך מיט מיין פרוי האבן נישט געוווּסט ווי זיך צו פירן אין קלויסטער אבער מיר האבן קיין ברירה נישט געהאט. מיר זענען אריין אין קלויסטער, זיך אראפגעלאזט אויף די קני ווי אלע אנדערע, מיר האבן געקוקט אויף די באוועגונ־גען פון די פאליאקן און געטאן דאס זעלבע וואס זיי.

ביים ארויסגיין פון קלויסטער האט מילאש מיר באקאנט מיטן קאמיסאר. ער האט צוגעזאגט אונז אויפצונעמען 3 אזייגער ביי זיך אין וווינונג. אין דעם געשפרעך האב איך אים דערציילט, אז מיר זענען פאליאקן, אז מיר האבן געארבעט צוואנגס־ארבעט ביי די דייטשן ביים פאראייניקן דעם סוויטעזש מיטן בוג, אבער אזוי ווי די ארבעט איז געווען צו שווער, זענען מיר אנטלאפן. אז איך בין פון פאך א וואלד־בראקער און בעט אים ער זאל מיר העלפן. ער האט מיר געהייסן קומען צו אים אין ביורא מארגן פרי, און ער וועט מיר געבן א נאמינאציע אלס לעסניטשי אין גרויס־גלושע (פונקט דער פלאץ וווהין איך האב מיך געקליבן צו פארן פריער).

אין ביורא פון וואלד קאמיסאר האב איך געדארפט אויספילן אן אנקעטע פון 37 פראגעס, און דאן האב איך באקומען די נאמינאציע אלס לעסניטשע אין גרויס גלושע. מען האט מיר געגעבן אפיציעלן טראנספארט ביזן פלאץ און דער אבער־לעסניטשע האט געפונען פאר אונז א גרויס מעבלירט צימער ביי אן אלמנה אין שטעטל. דעם 21־טן אקטאבער האָב איך אנגעהויבן איבערצונעמען די ארבעט — אבער אזוי ווי איך האב נישט געהאט קיין

אנונג אין דער ארבעט, פלעג איך נעמען די פאפירן אויף ביינאכט אהיים און זיך דארט גריבלין אין זיי. איך האב זיך אויך באמיט צו דערווייטערן פון די פאליאקן אין שטעטל, אבער זיי האָבן זיך דווקא באמיט צו דערנענטערן צו מיר. די סיבה איז געווען וואס דאס אויסשרייבן האלץ איז געווען אפהענגיק פון מיר, און דער ווינטער האט זיך דערנענטערט.

קיין ראדיא און קיין צייטונג איז נישט געווען, דאך האָט מען געהערט, אז די יידן אין שטאט און שטעטלעך ווערן אויסגעראטן. די פויערים פלעגן כאפן די יידן וועלכע האבן זיך אויסבאהאלטן און זיי איבערגעבן דער פאליציי, כדי צו באקומען א באלוינונג אין פארם פון נאפט און זאלץ.

דעם 7־טן נאוועמבער האב איך באקומען א צירקולאר אז אין צוזאמענהאנג מיט דער פאדערונג פון רייכס־קאמיסאר דארפן אלע לעסניטשעס צושטעלן אין פארלויף פון 7 טעג פאלגענדע דאקומענטן : א) באשטעטיקונג פון לעצטן ארבעטס־פלאץ ; ב) באשטעטיקונג פון בילדונג אלס לעסניטשע. אויפצומארגנס האב איך געמאלדן מיין שעף, אז אין אזא קורצן טערמין קאן איך נישט באוויזן צושטעלן די דאקומענטן, וועלכע געפינען זיך ביי מיינע עלטערן, און איך האב אים געבעטן פארלענגערן דעם טערמין ביז 2 מאנאטן, אדער ער זאל מיר באפרייען פון דער ארבעט. זיין ענטפער איז געווען אז דאס איז אוממעגליך, אבער ער לעגט פאר מיר זאלן גיין צו דער זשאנדארמערי און פון דארט רעדן מיטן קאמיסאר אופקע, וועלכער האט מיר באשטימט אויפן פאסטן. מיר האבן אזוי געטאן, אבער אויך אופקעס ענטפער איז געווען נעגאטיוו.

איך האב קוים באוויזן ענדיקן דאם געשפרעך און מיין בעל־הביתטע איז געקומען און מיר איבערגעגעבן אז מיין פרוי האט באקומען געבורט־ווייען. איך בין גלייך אוועק אהיים און געבערנגט א אקושערקע און אויף צומארגנס אינדערפרי איז געבוירן געווארן דאס קינד. דער דאקטאר האט געהייסן מיין פרוי ליגן 20 טעג צו בעט.

דעם 10־טן נאוועמבער אין דערפרי האב איך איבערגעגעבן די פאפירן פון ביורא, אזוי האב איך באקומען א באשטעטיקונג, אז איך האב געארבעט אלס לעסניטשע און האב זיך באפרייט פון מיין גוטן ווילן. איך האב זיך געזעגנט מיט מיינע מיטארבעטער און בין אוועק אהיים. דא האבן מיר אנגעהויבן באטראכטן אונזער שלעכטע לאגע. ערשטנס, אין שטעטל וועט מען זיך באלד אנהויבן גריבלען, פארוואס איך האב פארלאזט די ארבייט, צווייטנס מיר קאנען זיך נישט רירן פון ארט צוליב מיין פרויס לאגע ; דריטנס, מיר האָבן נישט וווהין און צו וועמען צו פארן. דעם טאג איז געקומען צו אונז באזוכן מאיעווסקי, דער דירעקטאר פון דער מלעטשארניע, און געברענגט א פעקל פרישע פוטער לכבוד דעם ניי־געבוירענעם קינד.

ער האט געזען אז מיר זענען אומעטיק און ווען איך האב אים דערציילט וואס איז געשען האט ער מיר פאגעלייגט ארבעט ביי אים. איך האב זיך לפנים אביסל געקרימט, ווייל דאס איז דאך נישט מייך פאך, אבער לבסוף האב איך מסכים געווען, און ער איז אוועק פון אונז צופרידן.

דעם 11־טן אין דערפרי האב איך שוין אנגעהויבן ארבעטן אויפן נייעם ארבעטס־פלאץ. איך האב באדארפט באזוכן דעם ראיאן, וועלכער איז געווען א גרויסער, און איך פלעג יעדן טאג פארן אין אן אנדער דארף.

איינמאל בין איך צוריקגעגאנגען צופיס פון דארף גורקי. ווי ס׳האט געוווינט מאיעווסקי מיט זיין פאמיליע. ווען איך בין צוגעקומען צום טייך האב איך פלוצלינג דערהערט א געשריי : בלייבן שטיין ! איך האב דערזען א פארטיזאן אויף א פערד. אויף זיין פראגע ווער איך בין און וואס איך טו דא, האב איך אלעס דערציילט. ער האט זיך פארשריבן מיין אדרעס און צוגעזאגט צו באזוכן אונז ביינאכט. שפעטער האט זיך ארויסגעוויזן אז דאס איז געווען דער קאמאנדיר פון די פארטיזאנער אין דער געגענט.

מיט די פּאַרטיזאַנער

במשך פון מאָנאַט נאָוועמבער האָבן אונדז באַזוכט ביי נאַכט עטלעכע מאָל די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן ביי מיר באַקומען פאַרשידענע אינפאָרמאַציעס. מיר האָבן איבערגעלעבט זייער ביטערע טעג, ווייל מיר האָבן צוגעזען, ווי די פּאָליציי ברענגט אָפּט יידן פון די באַהעלטענישן, הייסט זיי גראָבן גריבער און שיסט זיי אָנטקעגן אונדזער פענצטער.

דעם 14־טן דעצעמבער 5 אַזייגער פרי זענען די פּאַרטיזאַנער באַפאַלן דעם פּאָליציי־פּונקט, דערהרגעט די פּאָליציסטן און פאַרברענט די געביידע. גלייכצייטיק האָבן זיי צעבראָכן אַלע מאַשינען פון דער מילכפאַבריק און אַרויסגעפירט פון קעלער די פּוטער, וואָס מען האָט געדאַרפט ליפערן די דייטשן. 6.30 פרי איז שוין די אַקציע געווען פאַרענדיקט. 7 אַזייגער בין איך אַרויס פון שטוב צו דער אַרבעט. אין דער זעלבער צייט איז אָנגעקומען דער בוכהאַלטער יורעק פיעטשיקאָווסקי און מיר זענעןביידע אַריינגעגאַנגען אין דער געביידע און געזען דעם גרויסן חורבן. אַרויסגייענדיק פון קעלער, האָט זיך יורעק פאַרפּלאָנטערט אין אַ גרויסן פּאַפּיר, וואָס ער האָט אויפגעהויבן. דאָס איז געווען די מאַפּע פון פּאַרטיזאַנישע פּונקטן. איך האָב צוגענומען די מאַפּע און זי גוט באַהאַלטן.

דעם 18־טן דעצעמבער זענען ביי נאַכט געקומען צוויי פּאַרטיזאַנער. בעתן שמועס האָב איך זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן שיקן צו מיר זייער קאָמאַנדיר, ווייל איך האָב

מיט אים עפּעס צו רעדן. צוויי נעכט שפּעטער איז געקומען זייער קאָמאַנדיר. ווען איך האָב אים איבערגעגעבן די מאַפּע, האָט ער אַ ציטער געטאָן און מיר פיל מאָל געדאַנקט. ער האָט דערציילט, אַז דער קאָמיסאַר באָריס ניקאָלאַיעוויטש האָט פאַרלוירן די מאַפּע בעת דער אַקציע. געזעגענענדיק זיך מיט מיר, האָט ער מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט אָרגאַניזירן פאַר מיר אַ צוזאַמענטרעף מיטן הויפּט־קאָמאַנדיר.

דעם 22־טן, אין אַ דאָרפישער שטוב ביים טייך פּריפּעט, האָב איך זיך געטראָפן מיטן הויפּט־קאָמאַנדיר איוואַן גריגאָריעוויטש שוביטידזע, אַ זייער הויכער, געזונט־געבויטער גרוזין, אָנגעטאָן אין אַ מיליטערישן מונדיר פון אַ דייטשן אָפיציר. ער האָט זיך אינטערעסירט וועגן מיין פאַרגאַנגענהייט. איך האָב אים דערקלערט די אָפּגעשטימטע ווערסיע, אַז איך בין אַן אַנטלאָפענער פון אַרבעטס־לאַגער, וואָס האָט די אויפגאַבע צו פאַראייניקן די אַזיערע סמיטיאַני מיטן טייך בוג, אַז איך בין אַ פּאָליאַק, פון פאַך אַ וואַלד־בראַקער.

איך האָב פון אים באַקומען אויפגאַבעס. צווישן זיי אויך צו באַזוכן עטלעכע מאָל אין שטאָט קאַמיען־קאַשירסק, כדי צו באַקומען געוויסע מאַטעריאַלן, ווייל די פּאַרטיזאַנישע בריגאַדע האָט זיך געגרייט אָנצופאַלן אויף דעם גוטבאַזיץ פון קאַמיען־קאַשירסקער געביטס־קאָמיסאַר, 5 קילאָמעטער פון שטאָט קאַמיען־קאַשירסק אין דאָרף אולבלע.

ביי מיין שמועס מיטן קאָמאַנדיר האָב איך אויך געשטעלט די פראַגע וועגן אַריבערגיין מיט מיין פאַמיליע אין פּאַרטיזאַנער־לאַגער. זיין ענטפער איז געווען, אַז איך בין שוין אין דער רשימה פון פּאַרטיזאַנער, אָבער עס איז פיל וויכטיקער אויסצופירן מיינע אויפגאַבעס נישט זייענדיק אין וואַלד.

אָנהייב יאַנואַר 1943 בין איך אַרויסגעפאָרן אויפן פּונקט אין ניעוויר. אויף מיר האָט דאָרט געוואָרט דער הויפּט־קאָמאַנדיר און מיר זענען צוזאַמען אַוועקגעפאָרן אין עטלעכע פּוילישע דערפער שמועסן מיט די פּויערים וועגן אָרגאַניזירן זיי אין די פּאַרטיזאַנער. פאָרנדיק אויפן פּליפּלאַץ קיין סוואַרין, האָבן מיר באַגעגנט אין וואַלד אַ יידישן יונגנמאַן. דאָס איז געווען אַ יונגער יידישער דאָקטאָר פון גלושע, ליפּע אָווינאָוויצקי ז״ל, וועלכער האָט זיך באַגריסט מיט אונדז. דער קאָמאַנדיר האָט מיר דערציילט, אַז די הויפּט־פירערשאַפט האָט אים נישט געוואָלט אַריינגעמען אין די פּאַרטיזאַנער.

אין סוואַרין זענען מיר אָנגעקומען ווען עס האָט שוין אָנגעהויבן פינצטער ווערן. דאָן האָט זיך געפונען אין סוואַרין אַ גרויסע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג פון סערגעי איוואַנאָוויטש סיקאָרסקי, דער קאָמאַנדיר פון בריסקער פאַראייניקונג. ביי אַ גלעזל סאַמאַגאָן האָבן מיר אַרומגערעדט דעם ענין פון אָרגאַניזירן די אַרומיקע באַפעלקערונג אין קעמ־פערס קעגן די דייטשן. גאַנץ פרי זענען מיר אַוועק צוריק אויף דעם פּונקט אין ניעוויר.

דאָרט איז געווען דער קאָמענדאַנט — אַן אוקראַאינער, וואַנקאַ כורדאַ. ער האָט אונדז פיין אויפגענומען מיט כיבוד. ער האָט באַקומען אַ באַפעל פון קאָמאַנדיר, אַז ער זאָל מיר העלפן, אויב איך וועל זיך ווענדן צו אים. אַזעלכע באַפעלן פון קאָמאַנדיר האָבן באַקומען אויך אַנדערע פּונקטן אין דער געגנט. מיין קאָמאַנדיר איז אַוועקגעפאָרן אין לאַגער און איך בין אַוועקגעפאָרן אין מיין שטוב אין גלושע. מיין פרוי האָט מיר דערציילט, אַז בעת איך בין געווען אונטערוועגס, פלעגן קומען פּאָליאַקן פרעגן אויף מיר, צווישן זיי אויך איינער אַ קאָנאַפּאַצקי. עטלעכע טעג נאָך מיין קומען אין שטוב האָט זיך פאַרטרויט פאַר מיר דער פּאָליאַק מאַקאָוויעץ, אַז אין דער פּוילישער קאָלאָניע קונדזשעליכאַ האָט זיך באַוויזן אַ פּוילישער דעסאַנטניק (פּאַראַשוטיסט) מיטן ביינאָמען קאָרטשאַק און ער וואָלט זייער געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיך מיט אים טרעפן. צוליב זיכערקייטס־טעמים האָב איך ניט מסכים געווען דערצו. עטלעכע טעג שפּעטער, ווען קאָרטשאַק האָט זיך געטראָפן מיט פּאַרטיזאַנער אויף דער קאָלאָניע, האָט קאָנאַפּאַצקי געבראַכט דייטשן, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט די שטוב, געהרגעט דעם פּאַרטיזאַנער וואַסילי מאַליעווסקי און מיין געוועזענעם מיטאַרבעטער יאַן פּיטקו און פאַרברענט צוויי הייזער וווּ די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען. קאָרטשאַקן איז געלונגען צו אַנטלויפן. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָב איך געמוזט דרינגלעך אַוועקפאָרן קיין ניעוויר און אַוועקשיקן צום קאָמאַנדיר אַ ראַפּאָרט און דאָרט וואַרטן אויף אַן ענטפער.

אויפן פּונקט אין ניעוויר האָב איך געזען אין לעצטן צימער זיצן אַ יונגן שיינעם בחור, אַ שניידער, סירוזשאַ (שלמה) סאָקאָל און אַ יונגע שיינע שניידערין (נאַטאַשאַ), הינדע, ביידע פון קאַמיען־קאַשירסק. איך האָב זיך צערעדט מיט זיי וועגן פאַרשידענע זאַכן. סירוזשאַ האָט מיך געבעטן איבערצוגעבן אַ גרוס זיינע עלטערן מיט זיין ברודער אהרן סאָקאָל, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט בויאַרבעט ביי אַ פּויער אין דאָרף זאַרוגוזשנע. איך האָב אים אויך באַזאָרגט מיט אַ דערלויבעניש צו באַזוכן זיינע עלטערן אויף איין טאָג. סירוזשאַ (שלמה) סאָקאָל איז געפאַלן ביים אויפרייסן מינעס. די עלטערן זיינע מיטן ברודער געפינען זיך אין אַמעריקע. נאַטאַשע (הינדע) געפינט זיך איצט אויך אין אַמעריקע.

אין קרימנאַ, אויפן וועג צווישן קאַמיען־קאַשירסק און לוביעשעוו, האָבן די דייטשן אָרגאַניזירט אַ שוצפּונקט, וואָס איז באַשטאַנען פון 37 מיליטעריש־געשולטע פּאָליאַקן. דער בנין איז געשטאַנען ביים הויפּטוועג און ווער עס האָט באַדאַרפט פון קאַמיען קיין לוביעשעוו האָט געמוזט דורכפאָרן דעם דאָזיקן פּאָליציי־פּונקט. זיי

האָבן באַקומען פון די דייטשן לייכט געווער און האָבן
דערקלערט, אַז דאָס איז אַ שוצפונקט פאַר די פוילישע
פאַמיליעס קעגן די אוקראַינישע באַנדעס. אין דער פוי־
לישער קאָלאָניע דובראַווע האָב איך געהאַט אַ פאַר־
טרויונגס־מאַן וועגן פוילישע פראַגן, ה. גאַיעווסקי, דורך
וועלכן איך בין געקומען אין קאָנטאַקט מיט דעם שוצ־
פונקט אין קרימנאַ. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט גאַ־
יעווסקין זיך איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן אַ באַגעגעניש
צווישן מיר און דעם קאָמענדאַנט פון פונקט וואַרכוצקי,
אַ געוועזענער אָפיציר פון דער פוילישער אַרמיי.

די ערשטע באַגעגעניש איז באַשטימט געוואָרן אין
דער פוילישער קאָלאָניע קאָשעוויצע, ביים פּאַליאַק
צוועקלינסקי, דעם 2־טן דעצעמבער 1943. וואַרכוצקי
איז געוואָרנט געוואָרן, אַז ער דאַרף קומען אַליין און
קיינער טאָר דערפון נישט וויסן. וואַרכוצקי איז געקומען
מיט זיין שטאַבסלייטער דאַמבראָווסקי. ער האָט זיך פאַר־
ענטפערט, אַז פאַרן אַליין וואָלט אַרויסגערופן אַ פאַר־
דאַכט אויפן פונקט, ווייל ער פאַרט נישט קיין מאָל אָן
אַ באַגלייטער. איך האָב זיי באַקענט מיט דער ערנסט־
קייט פון דער לאַגע, ווי אויך מיט דעם פוילישן מאַטע־
ריאַל, וואָס מיר האָבן באַקומען פון מאָסקווע. איך האָב
זיי געפרעגט, צי עס קאָן קומען אין באַטראַכט, אַז דער
גאַנצער פונקט זאָל אַריבער צו די פּאַרטיזאַנער. דער
ענטפער איז געווען, אַז זיי דאַרפן זיך באַקלערן און
רעדן וועגן דעם מיט די פּאָליציסטן פון פונקט.

צוליב די פאַרשטאַרקטע קלאַנגען וועגן גרויסע
אוקראַינישע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס 70—80 קילאָמעטער
פון דאַנען, האָב איך אַריבערגעפירט מיין משפּחה אין
דער קאָלאָניע באַרשינאַ, לעבן גאַרקי־מוקושין, וואָס איז
געווען אַ פּאַרטיזאַנישע זאָנע. דאָס איז געווען אין חודש
מערץ 1943. סוף חודש מערץ האָבן די פּאַליאַקן אין
דאַמבראָווע באַקומען אַ ידיעה, אַז די אוקראַינישע פּאַר־
טיזאַנער דערנענטערן זיך צו זייערע דערפער. גאַיעווסקי
איז געקומען צו מיר צו לויפן פרעגן אַן עצה וואָס צו
טאָן. און האָט פאַרגעלייגט צו בעטן אונדזער קאָמאַנ־
דיר שיקן כוחות צו פירן אַ קאַמף מיט די אוקראַינער.
איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איצט איז די צייט צו ליקווי־
דירן דעם פונקט און נעמען די סאָלדאַטן צו די פּאַר־
טיזאַנער. נאָך אַ שמועס צווישן מיר, גאַיעווסקין און דעם
אַרויסגערופענעם קאָמאַנדיר פון פוילישן שוצפונקט, בין
איך מיט דעם אָטריאַד אָרדזשאָניקידזע, אונטער דער
קאָמאַנדע פון איוואַן גריגאָריעוויטש שוביטידזע, אַרויס־
געפאָרן קיין קרימנאָ און דורכגעפירט די ליקווידאַציע
פון דעם שוצפונקט. מיר האָבן גענומען 34 זעלנער מיט
37 ביקסן. 3 פון די זעלנער האָבן נישט געוואָלט פאָרן
מיט אונדז. פון די 70 פוילישע משפּחות זענען מיט
אונדז געפאָרן 55 און די רעשט זענען געבליבן אויפן
פּלאַץ. דאָס זענען געווען משפּחות פון עלטערע מענטשן,
וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין קינדער.

דעם 6־טן אַפּריל זענען מיר אָנגעקומען קיין נעוויר
איך האָב אָפּגענומען די אַכט־צימערדיקע געביידע פון דער
שול און דאָרט איינגעאָרדנט דעם שטאַב, ווי אויך 34
זעלנער מיט אַ קיך.

פאַרנדיק אין דאָרף האָב איך געזען אַ קליין יידיש
יינגל, יעקב שוסטער, שטאַרק באַוואַקסן, אָנגעטאָן אין
לייכטע קליידער. איך האָב אים צוגערופן און געפרעגט
ווער ער איז און וואָס ער טוט דאָ. ער האָט מיר דער־
קלערט, אַז ער האָט זיך געראַטעוועט פון קאַמיען־קאַ־
שירסקער געטאָ און ער געפינט זיך דאָ מיט זיין מומען
בתיה. איך האָב אים געפרעגט צי ער וויל גיין צו אונדז
אין די פּאַרטיזאַנער אַפּהיטן מיינע פערד, האָט ער באַלד
מסכים געווען. שוסטער האָט אַראָפּגעבראַכט אַ דערוואַק־
סענעם יידן, יוסף סטעפּאַק. ער איז געוואָרן דער קצב
פון אָטריאַד. יעקב שוסטערס מומע געפינט זיך איצט
אין מושב עין־ורד און ער גופא ערגעץ אין ישראל.

יוסף סטעפּאַק האָט געבראַכט צו מיר צוויי יידישע
יונגעלייט: אברהם בער פון קאַמיען־קאַשירסק און דער־
סעוויטש, אַן אַדוואָקאַט פון לאָדזש. און היות איך האָב
זיך דערוווּסט פון זיי, אַז זיי זענען געוועזענע אָפיצירן
פון דער פוילישער אַרמיי, האָב איך זיי גלייך אַריינגע־
נומען אין די פּאַרטיזאַנער און אָוועקגעגעבן די צוויי
רעזערוו־ביקסן פון שטאַב. וועגן דעם האָט זיך דער־
וווּסט דער קאָמאַנדיר וואַרכוצקי. מיט זייער אַ בייז
פּנים האָט ער מיך געפרעגט, הלמאי איך האָב אָוועק־
געגעבן די צוויי ביקסן די יידן. האָב איך אים דער־
קלערט, אַז ביי מיר אַז נישטאָ קיין שום אונטערשיד
צווישן יידן און פּאַליאַקן. ווער עס וויל גיין קעמפן קעגן
דייטש, דעם נעמען מיר אַריין מיט אָפענע אַרעמס, בפרט
ווען די צוויי יידן זענען געוועזענע אָפיצירן פון דער
פוילישער אַרמיי, קומט זיי געוויס דאָס געווער. ער איז
אָוועק פון מיר נישט אין גאַנצן צופרידן, אָבער איך
האָב אים באַרויקט און צוגעגעבן, אַז איך בין נישט
קיין קלענערער פוילישער פּאַטריאָט ווי ער.

מען האָט אָנגעהויבן ווערבירן נאָך זעלנער און
במשך פון איין מאָנאַט האָט אונדזער צאָל דערגרייכט
ביז 73 באַוואָפנטע סאָלדאַטן. די בריגאַדע אויפן נאָמען
„מאַלאַטאָוו" איז צעטיילט געוואָרן אויף צוויי. פון איר
האָט זיך אויסגעטיילט די פּינסקער בריגאַדע, וואָס צו איר
האָבן געהערט די אָטריאַדן: „אָרדזשאָניקידזע", „סטאַלינאָ",
„נעמיטאָוואָ", „טשאַפּאַיעוואָ" און אונדזער אָטריאַד אויפן
נאָמען „קאָשטשושקאָ".

איך האָב באַקומען אַ באַפעל אַרויסצופאָרן אין די פאַסלוווסקי וועלדער און נישט ווייט פון דאָרף סעמינאַוויטשע אַפזוכן אַ פאַסיקן פלאַץ און אָנהייבן בויען זעמליאַנקעס פאַר 200 מענטשן.

ביים פאָרן אויסצוקלייבן דעם פלאַץ פאָרן לאַגער, האָב איך אין אַ שטוב אין דאָרף קוליעגאַ געטראָפן אַ יידן פון ראַטנע, דוד גרבוב מיט צוויי פרויען און אַ קינד. די משפחה איז געווען אין גרויסער נויט און מיר האָבן זיי שטאַרק געהאָלפן. דוד איז אין מערץ 1944 אויפגעריסן געוואָרן פון אַ מינע. די פרויען מיטן קינד, וועלכעס איז שוין איצט אויך אַ מוטער, געפינען זיך אין אַרגענטינע.

דעם 20־טן יולי זענען די זעמליאַנקעס געווען פאַרטיק. אונדזער אָטריאַד האָט שוין דעמאָלט געציילט 115 מענטשן.

בערן און דערעסעוויטשן האָב איך געשיקט צום בריגאַדע־קאָמאַנדיר מיט אַ בריוו וועגן באַקומען וואָפן פאַר עטלעכע זעלנער. צו מאָרגנס האָבן זיי געדאַרפט זיך אומקערן און מען הערט נישט און מען זעט נישט. עס זענען שוין אַריבער 8—10 שעה מער ווי נאָרמאַל און זיי זענען נישטאָ. איך בין געווען שטאַרק צעטראָגן פון דעם און איך בין אַרויסגעפאָרן זיי זוכן. קומענדיק אויף דער זאַסטאַווע פון אָטריאַד „סובאַראַוואַ" אין מיעטלאַ, דערציילט מיר דער קאָמאַנדיר וואַסקע זאַרזשיצקי, אַז נעכטן האָבן זיי אין דעם נאָענטן קליינעם וועלדל געהערט אַ שיסעריי: דאָס האָבן די צוויי געשיקטע געפּרווט דאָס געווער, ווייל זיי האָבן זיך שוין גאַנץ לאַנג נישט באַנוצט מיט קיין וואָפן. דערפאַר האָט מען ביי זיי צוגענומען דאָס געווער און זיי אַרעסטירט און איצט וואַרטן זיי אויפן משפט.

איך האָב אָנגעהויבן בעטן וואַסקען, אַז ער זאָל זיי אַרויסלאָזן, אָבער ער האָט נישט געלאָזט צו זיך רעדן, ווייל דערפון האָט שוין געוווסט זיין קאָמאַנדיר, דער באַוווסטער רוצח סאַשקע קאַזיצקין. איך האָב געזען, אַז די לאַגע איז ערנסט און מיר קאָנען פאַרלירן צוויי יידישע נפשות, בין איך אַוועקגעפאָרן אין שטאַב צו איוואַן גריגאָריעוויטש און אים געבעטן צו באַפרייען די צוויי אַרעסטירטע יידן. דער בריגאַדע־קאָמאַנדיר איז תיכף מיט מיר אַוועקגעפאָרן אין שטאַב פון די סובאַראָווצעס און מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל צו באַפרייען די צוויי זעלנער און צוריקקריגן די צוויי ביקסן. איך האָב זיי ביידע פאַרנומען מיט זיך אויף דער זאַסטאַווע און אָנגעהויבן צוגרייטן דעם גאַנצן אָטריאַד צום אַריבערפאָרן אין דעם ניי־אָרגאַניזירטן לאַגער אין די פאַסלוווסקע וועלדער. אויפן וועג ביי דער פאַרטיזאַנער־זאַסטאַווע אין וויעטלע האָבן געוואַרט דער בריגאַדיר שוביטידזע, דער קאָמיסאַר פּרוטוועסניאַ און דער שטאַבלייטער דאַראַש.

איך מיט נאָך 5 פאַרטיזאַנער זענען געפאָרן פאָרויס. בייב דאָרף מאָקושין, ביים גרויסן צלם, איז געשטאַנען אַ יידישע פרוי מיט אַ שוואַרצן גרויסן בערעט אויפן קאָפּ און האָט געטראָגן אויף זיך אַ מעדיקאַמענטן־רוקזאַק פון רויטן קרייץ. באַקענענדיק זיך מיט אונדז האָט זי געזאָגט, אַז מען רופט זי פאַניע סאַלאָמאָן. אַזוי ווי זי האָט געהערט, אַז מיר פאָרן אַריבער אין דעם נייעם לאַגער, וויל זי זיין ביי אונדז ווי אַ קראַנקן־שוועסטער, וואָס דאָס איז איר פּראָפעסיע. נאָך דער הסכמה פון מיין קאָמאַנדיר האָט מען זי מיטגענומען אין לאַגער, ווו זי האָט געאַרבעט ווי אַ קראַנקן־שוועסטער די גאַנצע צייט ביז מען האָט פאַרלאָזט דעם לאַגער. פאַני סאַלאָמאָן־לאַץ געפינט זיך איצט אין **ישראל.**

דוד מלמד

מיט דער רויטער ארמיי

אין יאָר 1939 זענען די דייטשן אַריין קיין ליבעוונע, און נאָך עטלעכע טעג האָבן זיי זי פאַרלאָזט. די שטאָט איז דאַן געבליבן שוצלאָז. די שרעק ביי די יידן איז געווען גרויס. פון צייט צו צייט האָבן זיך געוויזן אוקראַינער פון דער אומגעגנט מיט זעק אין די הענט צו ראַבעווען יידישע הייזער און געשעפטן. יידן און קריסטן האָבן דאַן געשאַפן אַ באַוואָפנטע מיליץ, וואָס האָט באַוויזן צו פאַרטרייבן פון שטאָט די נישט געוווּנ־טשענע באַזוכער. דאָס איז געווען אין די עשרת ימי תשובה.

אויך רעשטלעך פון דער פוילישער אַרמיי, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דער אַרומיקער געגנט פאַר דער דייטשער אַרמיי, זענען אויפן וועג צום בוג אין דער ריכטונג פון כעלם אַריין קיין ליבעוונע, און אָנגע־הויבן שיסן שרייענדיק: יידן־קאָמוניסטן.

גאַנצע צוויי טעג האָבן זיי געבושעוועט אין שטעטל. פון זייערע קוילן זענען געפאַלן צוויי קרבנות, אויף דער כעלמער גאַס האָבן זיי דערשאָסן ר׳ יידל רייכערס, און אויף דער מאַציעווער גאַס ר׳ דוד פאַלאַפּער, דער לעצ־טער ביים פרווון פאַרמאַכן די לאַדנס פון זיין הויז.

אין דער זעלבער נאַכט, ווען זיי זענען אַוועק אין דער ריכטונג צום בוג, איז אַריין די רויטע אַרמיי צו אונדז אין שטעטל.

דאָס איז געווען ערב־יום־כיפור ביינאַכט.

אויף צומאָרגנס זענען די מענטשן אַרויס אין גאַס. דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן צו נאָרמאַליזירן, אָבער זאָגן, אַז אַלע יידן זענען געווען אַזוי צופרידן מיט די נייע מושלים, קאָן מען נישט.

ביי אונדז אין שטוב, למשל, איז געווען די פרייד אַ גרויסע. מיר האָבן געהאָפט, אַז אונדזער ברודער לייבל וועט זיך קומען זען מיט אונדז. אָבער די פרייד איז באַלד פאַרשוווּנדן. מיר האָבן באַקומען ידיעות, אַז אונדזער ברודער איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די סאָוויעטן.

אין דער רויטער אַרמיי

אַזוי איז אַריבער אַ געוויסע צייט, ביז מען האָט מיך גענומען אין דער רויטער אַרמיי. געווען איז דאָס אין יאָר 1940. איך האָב געדינט אויפן וויטן מזרח.

דעם 22־טן יוני 1941 האָט דער ראַדיאָ איבערגע־געבן, אַז דאָס דייטשע מיליטער איז אַריבער די סאָ־וויעטישע גרענעצן. די קאָמיסאַרן און פּאָליטרוקעס האָבן געהאַלטן פאַר אונדז פייערדיקע רעדעס וועגן באַשיצן דאָס פאָטערלאַנד. די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו די טויערן פון לענינגראַד, און אונדזער דיוויזיע, וואָס האָט געהאַט אַן אויסגעצייכנטן נאָמען, איז אין פעברואַר 1942 אַוועקגעשיקט געוואָרן צום לענינגראַדער פראָנט.

איך האָב דאָרט אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן און בין פאַרווונדעט געוואָרן. מען האָט מיך איבערגעשיקט אין אַ שפּיטאָל אין דער געגנט פון סווערדלאָווסק (אור־ראַל). דאָרט בין איך געלעגן 4 חדשים און נאָך דעם האָט מען מיך אויסגעשריבן פון שפּיטאָל מיט אַ דאָקו־מענט אַז איך בין נישט קאַמפּס־פעיק איין יאָר צייט.

מען האָט מיך אַוועקגעשיקט מיט נאָך פאַרווונדעטע סאָלדאַטן אין אַן אַרבעטס־לאַגער. אויב איך האָב נאָך דאַן געלעבט אין אַ טעות ווו איך בין, זע איך היינט, אַז דער גרויסער וואָלד מיט די שמוציקע באַראַקן האָט געקאָנט נאָר דינען ווי אַ פאַרשיקונגס־לאַגער. זיי אַליין האָבן אָנגערופן דעם פּלאַץ „ראַבאָטשי באַטאַליאָן״.

צוריק אויפן פראָנט

ווען איך בין געזונט געוואָרן און זיך אָפּגערוט אַ קורצע צייט, האָט מען מיך פון דאָרט אַריבערגעפירט אין אַן אַנדער אָרט. אין „וואָיענקאָמאַט״ האָט מען אונדז אָנגעטאָן אין מיליטערישע קליידער. איך בין צוגעטיילט

געוואָרן צו אַן אַרטילעריע־איינהייט און מיר האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרשידענע איבונגען.

נאָך זעקס וואָכן זענען מיר אַוועק צום פראָנט. דאָס איז געווען פעברואַר 1944. מיר האָבן געהערט צום ערשטן ווייסרוסישן פראָנט, אין דער געגנט פון לוצק — קאָוועל. אונדזער דיוויזיע האָט פאַרנומען אַ שוצליניע אין דער פאַרשטאָט פון קאָוועל.

דעם 25־טן מערץ האָבן מיר דורכגעפירט אַ שטאַר־קע אָפענסיווע אויף דער שטאָט, בשעת וועלכער איך בין פאַרוווּנדעט געוואָרן אין פוס.

מען האָט מיר געגעבן אי ערשטע הילף און אָפּ־געפירט אין דיוויזיע־שפּיטאָל. מען האָט מיך אונטער־זוכט און איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך בין ערנסט פאַרווּנדעט. אין עטלעכע טעג אַרום איז צו מיר צוגעקומען דער כירורג און מיר געזאָגט, אַז אויב איך וויל בלייבן לעבן, מוז מען מיר אַמפּוטירן דעם פוס.

נאָך דער אַמפּוטאַציע האָט מען מיך איבערגעפירט אין ווייטן הינטערלאַנד, אין דער געגנט פון קאַווקאַז. דאָרט בין איך געווען אין שפּיטאָל ביז די מלחמה האָט זיך געענדיקט. דעם 15־טן אַפּריל 1945 האָב איך פאַר־לאָזן דעם שפּיטאָל. דער קאָמיסאַר פון שפּיטאָל האָט מיך דאָן באַשענקט מיט צוויי מעדאַלן, איינעם פאַר דעם זיג איבער דייטשלאַנד און דעם צווייטן פאַר דרייסט קעמפן.

נאָכן קריג אין ליבעוונע

אין צווישנצייט האָב איך געהייראַט און איך מיט מיין פרוי האָבן באַשלאָסן צו פאָרן אין מיין געבורטס־שטעטל ליבעוונע.

דער ערשטער ייִד, וועלכן איך האָב געטראָפן אָנ־קומענדיק פון דער באַן ביי חיים רייזמאַנס הויז איז געווען משה ראַקאָוועצער. ער האָט מיך דערקענט, מיר האָבן זיך צערעדט. טרערן זענען געשטאַנען אין זיינע אויגן, ווען ער האָט מיר דערציילט וועגן זיינע איבערלעבענישן אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע.

געזעגענענדיק זיך מיט אים האָב איך זיך צעוויינט אויף דעם גרויסן חורבן פון מיין היים־שטעטל און זיינע איינוווינער.

איך האָב זיך געלאָזט ווייטער גיין. קיין גאַסן האָב איך נישט דערקענט. נישט ווייט פון געלמאַנס שטוב האָב איך דערזען דעם סקעלעט פון בית הכנסת: אַ גרויסער ווייסטער פּלאַץ, אין מיטן פיר חרובדיקע ווענט מיט די גרויסע אותיות: מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל.

נישט ווייט פון קלמן פאַוועלעס שטוב איז צו מיר צוגעקומען אַ יונגער בחור. ער האָט מיך גלייך דער־קענט און מיין נאָמען. איך האָב אים נישט דערקענט. און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַ זון פון אברהם סויבעל און זיין נאָמען איז נתן. די דירה פון זיין פאָ־טער געפינט זיך אויף דער זעלבער גאַס, זאָגט ער מיר, און אויב איך וויל, קאָן ער מיך נעמען צו זיך.

איך בין געווען ביי אים און דאָרט געפונען אַ היים. אויפן צווייטן טאָג האָב איך געטראָפן נאָך ליבעוונער, וועלכע האָבן זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן אין דער געגנט ביי קריסטן.

די ערשטע צייט איז מיר געווען שווער זיך צו גע־פינען דאָרט ווו מען האָט פאַרגאָסן אונדזער בלוט. גויים, וועלכע האָבן מיך באַגעגנט און געקענט מיין פאָ־טער, פלעגן מיך פרעגן: „טאַ יאַק טי אַסטאַווסיאַ זשיוו?״ זיי האָבן זיך געוווּנדערט ווי אַזוי אַ ייִד איז געבליבן לעבן.

איך האָב געפּרוּווט בלייבן אין ליבעוונע און שאַפן אַ ניי לעבן מיט די רעשטלעך, וואָס זענען פאַרבליבן. אָבער ס'איז געווען זייער שווער צו לעבן אויף דער ערד, ווו אַלץ האָט געאָטעמט מיטן פרישן טויט פון אונדזערע טייערסטע און ליבסטע. האָבן מיר פאַרלאָזן די אַמאָל טייערע ליבעוונע און עולה געווען קיין ישראל.

מענדל זילבערמאַן

אויף אַ געפערלעכער מיסיע

אין 1941, ווען די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די רוסן מיט די נאַציס, האָב איך געלעבט מיט מיין פרוי אין קאָוולע. גלייך אויף דעם דריטן טאָג פון קריג זענען מיר אַנטלאָפן קיין קיִעוו. דאָרטן האָט מען מיך אין צען טעג אַרום מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי.

מיר איז אויסגעקומען צו קעמפן אויף פאַרשידענע ערטער ווי קיִעוו, ראָסטאָוו און סטאַלינגראַד. שפּעטער, ווען מיר האָבן שוין אָנגעהויבן זיגן איבער די דייטשן, בין איך מיט מיינע אַרמייטיילן אַריין קיין קאָוולע, מאַציעוו און ענדלעך קיין ליבעוונע. אויף דער קאָשניסטשער גאַס האָב איך דערזען אַ באַקאַנטן אוקראַינער מיטן נאָמען פעדאָס. ווען ער האָט מיך דערזען, איז ער געוואָרן אַזוי ווייס און דערשראָקן, אַז ער האָט פאַרלוירן אויף אַ מינוט דאָס לשון. ער האָט מסתמא געהאַט אויף זיין געוויסן נישט איין יידן.

די ערשטע האָב איך באַגעגנט יודל סאַנדעלבוימס שוועסטער. אין זייער שטוב האָב איך געטראָפן יודלס צוויי קינדערלעך, אַ מיידעלע פון 8—10 יאָר און אַ יינגעלע פון אַ יאָר 6—7. דאָס מיידעלע האָט נישט געקענט גיין אַליין, נאָר זיך געדאַרפט צוהאַלטן ביי די ווענט, און דאָס יינגעלע האָט נישט געקענט רעדן נאָרמאַל, נאָר זייער שטיל, פונקט ווי ער וואָלט געווען הייזעריק. אויף מיין פראַגע, פאַרוואָס ער רעדט אַזוי, האָט יודל מיר געזאָגט, אַז ער איז געווען באַהאַלטן אין אַ גרוב, ווו מען האָט נישט געטאָרט רעדן הויך, האָט ער זיך שוין אַזוי צוגעוווינט און ער קען שוין איצט אַנדערש נישט רעדן.

איך האָב דאָרטן אויך געטראָפן משה העלפאַנד (משה ראַקעווועצער), יעקב רייז און נאָך עטלעכע ליבעוונער.

פון אונדזער שטוב איז קיין זכר נישט געווען, ווייל, ווי יודל האָט מיר דערציילט, האָט אַ געוויסער אוקראַינער זי צענומען און אַריבערגעפירט אין דאָרף באָרעס און זי דאָרט אויפגעשטעלט. איך האָב געוואָלט גיין אין דאָרף מיט נאָך עטלעכע זעלנער און אונטערצינדן דאָס הויז, אָבער יודל האָט מיך דערפון אָפּגעהאַלטן מיט דער טענה, אַז שפּעטער וועט נאָך דער גוי אין אים זיך נוקם זיין.

פון ליבעוונע זענען מיר אַריין קיין כעלם און שפּעטער צוגעקומען ביז פּראַגע, די פאָרשטאָט פון וואַרשע. אונדזער אָפּטיילונג האָט פאַרנומען פּאָזיציעס ביי דעם שטעטל קאַרטשעוו, לעבן אָטוואָצק, און די דייטשן האָבן זיך דעמאָלט געפונען אויף דער אַנדערער זייט ווייסל.



מענדל זילבערמאַן
אלס פוילישער זעלנער

אַ געוויסן פרימאָרגן האָט מען מיך אַרויסגערופן אין שטאָב פון פּאָלק. דאָרטן האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז איך און נאָך עטלעכע זעלנער ווערן באַשטימט אויף אַן אויפגאַבע, צו ברענגען פון דער אַנדערער זייט ווייסל אַ לעבעדיקן דייטש, ווייל מיר האָבן זיך גענויטיקט אין פאַרשידענע אינפאָרמאַציעס וועגן דער דייטשער ארמיי אַרום וואַרשע. מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט מען געשיקט אַ גרופּע פוילישע זעלנער אויף אַן ענלעכער אויפגאַבע, האָבן זיי, זיך איבערגעגעבן צו די דייטשן.

אין אונדזער גרופּע זענען אויסער מיר געווען מיין

קאַפיטאַן און נאָך צוויי זעלנער. מען האָט אונדז אויף גיך אויסגעלערנט געוויסע סיגנאַל־צייכנס. אַ פויער, וואָס האָט יאָרן־לאַנג דאָרטן געלעבט, האָט אונדז געדאַרפט אַריבערפירן אויפן אַנדערן ברעג.

מיר זענען געקומען צום באַשטימטן אָרט, ווו דער פאַליאַק האָט שוין געוואַרט אויף אונדז. מיר זענען געווען אָנגעטאָן אין דאָרפישע מלבושים און יעדער פון אונדז האָט געהאַט איין מאַשינביקס (די זעלביקע, מיט וועלכער איך בין פאָטאָגראַפירט) מיט צוויי דיסקעס (פאַטראָנטאַשן). אין יעדער דיסק זענען אַריין 12 קוילן מיט 4 האַנט־גראַנטן און אַ ראַקעט־רעוואָלווער.


די ערשטע העלפט פון אונדזער אויפגאַבע איז דורך בשלום. אין צען מינוט זענען מיר שוין געווען אויף דער אַנדערער זייט ווייסל. דאָ האָבן מיר זיך צעשפרייט און מיר זענען צוגעקומען צו אַ הויכן ברעג. מיר האָבן גענומען זיך אַרויפשאַרן צום שפיץ, קריכנדיק אויפן בויך.

צוקומענדיק צום שפיץ פון דעם ערד־אָנשיט, האָבן מיר באַמערקט אַ זעמליאַנקע, וואָס איז געווען גאָר נאָענט צו אונדז. מיר האָבן געהערט ווי אינעווייניק רעדן דייטשן. דער באַפעל איז געווען, אַז אין דער זעמליאַנקע זאָלן מיר אַריין נאָר דאָ, ווען מיר וועלן זיין זיכער, אַז עס געפינט זיך דאָרט נישט מער ווי איין דייטש.

זענען מיר געלעגן אַזוי אַ גוטע שעה. פלוצעם האָט זיך געעפנט די טיר פון דער זעמליאַנקע און אַ מאַן איז אַרויס דורך איר. די טיר האָט זיך צוריק פאַרמאַכט. דער מאַן איז געגאַנגען גלייך אין מיין ריכטונג. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער פלייצע צו מיר. מיט דער פלאַכער זייט פון מיין אויטאָמאַט האָב איך אים דערלאַנגט איבערן קאָפ. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ ווילדן געשריי און געפאַלן. מאָמענטאַל איז צו דער קאַפיטאַן מיט נאָך אַ זעלנער און גלייך אים גענומען שלעפן צום שיפל. איך מיט דעם צווייטן זעלנער זענען געבליבן אַ ווײַלע אויפן פלאַץ. אין דעם מאָמענט האָט זיך געעפנט די טיר פון דער זעמליאַנקע און נאָך צוויי געשטאַלטן האָבן זיך באַוויזן, זיי האָבן זיכער דערהערט זיין געשריי. ווען זיי האָבן זיך אַ ביסל דערנענטערט, האָבן מיר געעפנט אויף זיי אַ שטאַרק פייער און זיי דערשאָסן.

מיר זענען גלייך אַראָפגעלאָפן צום שיפל, אָבער אין דעם מאָמענט האָבן די דייטשן אַרויסגעשאָסן אַ ווייסע ראַקעטע און דאָ איז שטאַרק ליכטיק געוואָרן, און איך האָב אַרויסגעשאָסן אַ רויטע ראַקעטע. דאָס איז געווען אַ סיגנאַל פאַר אונדזער אַרטילעריע צו באַשיסן די דייטשע פאָזיציעס. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע שיסעריי פון בײדע זייטן. אין דער צייט האָבן מיר באַוויזן זיך אַריינצוכאַפן אין שיפל. די קוילן זענען געפלויגן איבער אונדזערע קעפ, אָבער קיינער פון אונדז איז נישט געטראָפן געוואָרן.

אונדזער געפערלעכע מיסיע איז הצלחהדיק דורכגעפירט געוואָרן. פון געפאַנגענעם דייטש האָט מען אַרויסגעקריגן וויכטיקע אינפאָרמאַציעס. איך מיט די איבעריקע דריי זענען באַדאַנקט געוואָרן דורכן שטאַב פון אונדזער אַרמיי־אָפטייל.




נ. תכלת (בלומן)

חיים רוזנבליט ז״ל

פרטיזן וחייל במלחמת השחרור

חיים רוזנבליט נפל במלחמת השחרור בגוש צמח עמק־הירדן, ט׳ אייר תש״ח. הוא נטמן בבית הקברות הצבאי בדגניה שעל שפת הכנרת, ועל המצבה חרותים שמו ומספרו האישי בצה״ל — 173320.

חיים בן אברהם ופסיה נולד ב־1918 בכפר מאשווה שליד לובומל. אביו היה יהודי חרד וירא שמים וחינך את בנו חיים על ברכי התורה. חיים למד גם בבית ספר עממי כללי ואח״כ הרחיב השכלתו בלמידה עצמית. בשנת 1935 הצטרף לקיבוץ הכשרה והתעתד לעלות ארצה, אך הגורל התאכזר לו ולא הספיק לעלות עד שפרצה מלחמת העולם ב־1939. הוא ראה במו עיניו את הזוועות האיומות, שעוללו הגרמנים ליהודי לובומל, ויומנו מתקופה זאת היא תעודה אותנטית על חיי יהודי לובומל והכפרים בימי הכיבוש הנאצי ועד חיסולם בבורות של משרפת הלבנים. חיים השיג נשק ממכר פולני וברח ליער, אך בהוודע לו על ריכוז יהודי לובומל בגיטו הסתנן העירה במטרה להוציא את משפחתו. את אמו זכה להציל מהגיטו, וזמן רב היו ביחד ביערות שבסביבת לובומל, עד שאמו נרצחה. חיים הצטרף אז לפרטיזנים השתתף בפעולות נקם, ולבסוף הגיע לצבא האדום ונלחם עד בוא הנצחון. אחרי המלחמה הגיע לגרמניה, הצטרף לקבוצת הפרטיזנים ״נגב״, ולאחר תלאות ונדודים הגיע ארצה בשנת 1946 באניה ״תל־חי״. יחד עם חברי קבוצתו הצטרף לקבוצת כנרת, ושם חי עד שנפל במלחמת השחרור.



חיים רוזנבליט ז״ל בקיבוץ כנרת

שרידים מאפר - לשם ושארית

די שארית הפליטה - און דער צוריקקער צום לעבן

עֲלוּ הַמְרֻצָּחִים, עֲלוּ הַנִּרְדָּפִים!
עֲלוּ מִן הַקְּבָרוֹת וּמִן הַמַּרְתְּפִים,
עֲלוּ פּוֹרְצֵי גְבוּלוֹת! עֲלוּ פּוֹרְצֵי חוֹמָה!
כִּי חַי הָעָם, כִּי לֹא נִשְׁמַד מֵעַל הָאֲדָמָה!
כִּי חַי הָעָם, עוֹלֶה מֵעֲפָרוֹ –
וְהוּא צוֹעֵד לְקוֹל תְּרוּעַת הַשּׁוֹפָרוֹת.
כִּי הוּא חָזָק מִמְּשַׂנְאָיו וּמִמּוֹתוֹ,
כִּי הוּא נִצָּב כְּבֶן־חוֹרִין עַל אַדְמָתוֹ.

חיים גורי

שמחה גיטעליס

אין אלע פייערן

ווי אין יעדן יידישן שטעטל, איז אויך ליבעוונע נישט באַשטאַנען פון לויטער גבירים. די צאָל אָרעמע־לייט איז געווען נישט קיין קליינע. אָבער ליבעוונער יידן האָבן ביחידות אָדער בציבור, דורך אָרגאַניזאַציעס, געהאָלפן אַלעמען אין נויט.

פרייטיק פלעגט מען אַרומפאָרן מיט אַ פורל צו־נויפנעמען חלות פאַר נויטבאַדערפטיקע יידן אויף שבת.

פאַר פרעמדע אָרעמעלייט פלעגט זאָרגן די חברה „הכנסת אורחים". דער גבאי פון דער חברה איז געווען מיין מחותן לייביש מלמד. ביי אים איז געווען אַ פנקס, וואָס ער האָט געירשנט פון זיין פאָטער אליהו (ליס־נאָקיעס) מלמד. אין פנקס זענען געווען פאַרשריבן אַלע מיטגלידער. דער פנקס איז אַלט געווען ביי 100 יאָר.

די יוגנט האָט געוואָלט מיט אַלע כוחות זיך אַרויס־רייסן פון אַרומיקן לעבן, אָבער וווהין? ישראל און אַנ־דערע לענדער זענען געווען כמעט פאַרשלאָסן פאַר זיי. ווען עס איז אויסגעבראָכן דער קריג מיט דייטשלאַנד איז דער גורל פון כמעט אַלעמען פון אונדז געווען פאַר־חתמעט.

איך בין געווען צווישן די מאָביליזירטע אין דער פוילישער אַרמיי, בין גיך אַריינגעפאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט און דערצו נאָך פאַרוווּנדעט אויף איין אויג. פיר וואָכן בין איך געלעגן אין לאָדזש אין שפּי־טאָל. עפּעס דורך אַ נס האָט מען מיך אַרויסגעלאָזט פון שפּיטאָל. נאָך לאַנגע מאַטערנישן איז מיר געלונגען צו קומען אַהיים.

מיין אויג איז בעסער געוואָרן און איך האָב געקענט קריגן אַרבעט ביי די רוסן.

אונטער דער סאָוויעטישער הערשאַפט איז אויך גע־ווען גענוג ביטער. אַלע זענען געווען אָן מוט, נידער־געשלאָגן. טייל מענטשן האָט מען פאַרשיקט קיין סיביר. אָבער דאָס איז געווען אַ גן־עדן קעגן די רציחות פון די דייטשן אין די געביטן, וועלכע זיי האָבן אָקופּירט.



טומש גרשומוק — מחסידי אומות העולם

טומאַש גערשומוק מיט זיין פרוי, פון דאָרף קאַשאַרי, וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן אויפן בוידעם פון זייער הויז די ליבעוונער יידן, חנה מלמד־גיטעליס, אסתר מלמד־פישער, מאַטל פישער, און פרוי בראַנשטיין און נאָך 2 קינדער פון קאָוולע, העכער צוויי יאָר, (1942—1945) ביז דער באַפרייאונג

נאָכן אויסברוך פון דייטש־סאָוויעטישן קריג האָב איך דורך פאַרשידענע גלגולים דערגרייכט קיין כאַרקאָוו, ווו מיין ברודער שמשון האָט געלעבט שוין פון 1918. אויך דאָרטן האָט מען לאַנג נישט געקאָנט זיין, ווייל די דייטשן זענען געווען שוין נאָענט פון דער שטאָט. בין איך מיט מיין ברודער און זיין פאַמיליע אַוועק אין מיטל־אַזיע, קיין פרונזע. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט מען מיין ברודער שמשון מאָביליזירט און ער איז געפאַלן נעבן מאָסקווע אין שלאַכט.

אין 1945 האָט משה ליפשיץ מיר געשריבן פון ליבעוונע, אַז מיין כלה חנה מלמד מיט איר שוועסטער אסתר און מאָטל פישער זענען געבליבן לעבן. מיט גרויסע אומבאַשרייבלעכע צרות האָב איך זיך דורכגעשלאָגן קיין ליבעוונע.

זיי האָבן מיר דאָן איבערגעגעבן אַלע פּרטים פון דעם גרויליקן אומקום פון מיין משפחה און פון שטעטל און ווי אַזוי זיי זענען געבליבן לעבן. זיי זענען 24 חדשים געלעגן באַהאַלטן ביי אַ פּויער אין קאָשאַר אויפן בוידעם פון דער שטאָל. אונטן זענען געווען פערד און חזירים. זיי האָבן געליטן הונגער. דער פּויער, טימאַש גערשימיוק, פלעגט זיי אַרויפברענגען דריי מאָל אין וואָך עפּעס עסן, בכדי צו דערהאַלטן זיי ביים לעבן. אַ סך מאָל זענען זיי אַלע געווען אין געפאַר און אויך דער טימאַש מיט זיין פאַמיליע. מיט פיל ניסים האָבן זיי זיך געראַטעוועט. ווען זיי זענען אַראָפּ פון דער סטריכע (בוידעמל) האָבן זיי זיך פּשוט געלערנט גיין.

נאָכן אַפּזיין עטלעכע טעג אין שטעטל זענען מיר אַפּגעפאָרן קיין כעלם.

ווער האָט ביי אַזאַ לאַגע געקאָנט אַפילו טראַכטן וועגן פאַרבלייבן אויף דער דאָזיקער ערד, וואָס אַמאָל איז זי אונדז אַזוי טייער געווען און איצט איז זי פאַרשאַלטן דורך אונדז אויף אייביק?

שמואל און קריינדל כ״ץ

דער קאַמף פאַר אַ קינד

מיין שוועסטער פריידע, די טאָכטער פון לייזער כץ, דעם אייגנטימער פון ליבעוונער האָטעל „וויקטאָריאַ״, האָט נאָך איר חתונה זיך באַזעצט אין בענדין. עטלעכע חדשים נאָכן וועלט־קריג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיין שוועסטער מיט איר עלטערן זון און איר מאַן זענען אומגעקומען דורך די נאַצישע רוצחים. אָבער איר קליין מיידעלע שולה דאַרף זיך געפינען ערגעץ ביי אַ קריסט, וועמען מען האָט עס געגעבן אויסצובאַהאַלטן.

קיין אַדרעס פון קריסט האָב איך נישט געהאַט און אַפילו זיין נאָמען נישט געוווּסט. בין איך אַרומגעפאָרן איבער דער בענדינער געגנט, געזוכט און גענישטערט, אָבער גאָרנישט נישט געקענט דערגיין. נאָך חדשים אַרומזוכן האָב איך זיך איינמאָל דורך אַ ריינעם צופאַל דערוווּסט דעם אָרט, ווו מיין שוועסטערס מיידעלע געפינט זיך.

איך האָב גענומען מיט זיך מיין ייִנגערע שוועסטער קריינדל און מיר זענען אַוועקגעפאָרן צו יענעם אָרט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אויסבאַהאַלטערס זענען געווען דייטשן. ווען מיר האָבן דערזען דאָס מיידעלע, איז פון איין זייט אונדזער שמחה געווען ביזן הימל, אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט געשניטן דאָס האַרץ, זעענדיק, ווי דאָס קינד האָט אויסגעזען — אַ צעריסן קליידל, באָרוועס, און אין האַנט אַ שטיקל טרוקן ברויט.

מיר האָבן דעם קינד געבראַכט זיסוואַרג און איר דערציילט ווער מיר זענען. דעם קריסט און זיין פרוי האָבן מיר אויפגעוויזן, אַז מיר זענען דעם קינדס פעטער און מומע. מיר האָבן זיי אויך געוויזן פאָטאָגראַפיעס פון מיידעלע, איך האָב זיי געזאָגט, אַז וויפל זיי ווילן — וועל איך זיי געבן, אויב זיי וועלן אונדז אָפּגעבן דאָס קינד, אַ חוץ דעם, וואָס די שוועסטער האָט זיי איבערגעלאָזט בריליאַנטן מיט פוטערס. זייער ענטפער איז געווען, אַז זיי וועלן אָפּגעבן דאָס קינד נאָר דער מוטער, אויב נישט, וועלן זיי לאָזן דאָס קינד פאַר זיך.

איך האָב באַשלאָסן אָנצונעמען אַלע מיטלען אַרויסצונעמען דאָס קינד פון די גויים. דאָס האַרץ איז געווען אַזוי אויך געבנוג אָנגעווייטיקט. נישט געבנוג, וואָס מיין עלטסטע שוועסטער מיט איר ליבן מאַן און קינד זענען אומגעקומען, זאָל דאָס איינציקע נשמהלע פון 5 יאָר, וואָס איז געבליבן נאָך זיי, נאָך בלייבן ביי גויים ?

געווען צייטן, וואָס איך בין געווען יעדן טאָג אין יענעם דאָרף, געזוכט פאַרשידענע וועגן ווי אַרויסצוקריגן דאָס קינד, אָבער זיי האָבן דאָס קינד געשמדט און מיר געמאָלדן, אַז אויב איך וועל ווידער קומען צו זיי, וועלן זיי מיך דערהרגענען.

איך האָב געזען, אַז מיט גוטן וועל איך דאָס קינד נישט אַרויסקריגן, האָב איך באַשלאָסן איבערצוגעבן די גאַנצע זאַך צום געריכט. קיין געלט אויף פּראָצעסירן זיך האָב איך נישט געהאַט, אָבער איך האָב געקראָגן אַן אַדוואָקאַט, וואָס האָט זיך אָנגענומען דאָס דורכצופירן אָן געלט.

אויפן משפט זענען געווען זייער פיל מענטשן. די קריסטן, וואָס האָבן דאָס קינד אויסבאַהאַלטן האָבן דייטלעך געזאָגט, אַז זיי וועלן דאָס קינד נישט צוריקגעבן, היות די עלטערן פון דעם קינד זענען נישטאָ, און דאָס קינד איז שוין אַליין קריסטלעך. ס׳איז שווער צו גלויבן, אָבער איך האָב דעם משפט פאַרשפּילט. איך האָב אָנגעגעבן אַן אַפּעלאַציע — און ווידער פאַרשפּילט.

מיר האָבן שוין פשוט נישט געהאַט קיין האָפענונג דאָס קינד צו האָבן, אָבער צופעליק האָבן מיר זיך דערוווּסט פון אַ באַקאַנטן, אַז דער הויפּט־פּראָקוראָר פון וואַרשעווער געריכט איז אַ ייִד. מיר האָבן געקראָגן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צו אים און זענען אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע. ער האָט זיך אָנגענומען אויסצופאָרשן דעם ענין. צוזאַמען מיט אונדז איז ער געפאָרן קיין קאַטאָוויץ, ווו די ערשטע משפטים אונדזערע זענען פאַרגע־

קומען, און ער האָט דאָרטן דורכקאָנטראָלירט אַלע נויטיקע פּאַפּירן.

אַדאַנק אים איז באַשטימט געוואָרן אַ נייער פּראָצעס. דאָס מאָל זענען צווישן די ריכטער געווען אויך צוויי פון וואַרשע. דער פּראָקוראָר איז געווען פון וואַרשע, וואָס קיינער האָט נישט געוווּסט אַז ער איז אַ ייד.

אויפן נייעם פּראָצעס האָט דאָס מיידעלע געוויינט און געשריען, אַז די קריסטן, וואָס האָבן זי אויסבאַהאַלטן, זענען אירע עלטערן און זי וויל צו קיינעם נישט גיין. די קריסטלעכע אויסבאַהאַלטערס האָבן ווידער איבערגעחזרט זייער מיינונג, אַז זיי וועלן דאָס מיידעלע נישט אָפּגעבן, אויב די מאַמע וועט זיך נישט אָפּגעפינען.

דער פּראָקוראָר האָט געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע. ער האָט געטענהט, אַז נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דאָס מיידעלע איז געשמדט, איז זי נאָך אַלץ דאָס זעלביקע יידישע מיידעלע. אַוודאי 95 פּראָצענט יידן זענען אומגעקומען פון די מערדערס. אין אַזאַ אויסערגעוויינלעכן פאַל פון פעלקער־מאָרד מעג אַ ברודער און אַ שוועסטער אויך פּרעטענדירן צו האָבן דאָס רעכט צו האַדעווען אַ קינד פון זייער אומגעבראַכטער מאַמען. דאָס איז זייער בלוט און פלייש, דערפאַר דאַרף דאָס מיידעלע איבערגעגעבן ווערן צו איר מאַמעס ברודער.

דאָס געריכט האָט דאָס מאָל געאורטיילט, אַז דאָס קינד זאָל אויף דריי חדשים אַריינגעגעבן ווערן אין אַ יתומים־הויז, דערנאָך זאָל עס איבערגעגעבן ווערן אונטער מיין אפּוטרופּסות.

אַפילו מיטן דאָזיקן אורטייל האָבן מיר נאָך געהאַט אויסצושטיין נישט ווייניק צרות. ערשטנס, האָט דאָס מיידעלע נישט אויפגעהערט צו וויינען, אַז זי וויל גיין צוריק צו אירע „עלטערן". צווייטנס, האָבן די קריסטן מיר געדראָט מיטן טויט, אויב איך וועל זיי נישט צוריקגעבן די „געראַטעוועטע נשמה". כדי אויסצומיידן סכנות, האָבן מיר דאָס מיידעלע געבראַכט צו אונדזער צווייטער אָפּגעראַטעוועטער שוועסטער חיה, וואָס האָט נאָכן חורבן געלעבט מיט איר מאַן אין נידערשלעזיע, וואָס איז געווען אַ ווייטער מהלך־וועג פון אונדז. פון דאָרטן איז דאָס מיידעלע שפּעטער אָפּגעפאָרן, צוזאַמען מיט חיהס פאַמיליע, קיין ישראל, ווו זי געפינט זיך ביז איצט.

ישראל לייכטער

דער אקטיוויסט נחמן ווייסמאן

נחטשע ווייסמאַן איז געווען אַן אַקטיוויסט לויט זיין נאַטור. און ווען ער האָט עפּעס געטאָן, איז עס געווען מיטן גאַנצן האַרצן און מיט פולן ברען — אַזוי אין זיינע פּריוואַטע ענינים און אַזוי אין זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

נחום האָט זיך נישט אויסגעצייכנט אויפן גייסטיקן געביט, אָבער פּראַקטיש האָט ער אויפגעטאָן אַ סך, פריער אין זיין שטעטל און דערנאָך אויף אַ ברייטערן מאַסשטאַב.

אין ליבעוונע איז געווען אַ הכשרה־קיבוץ פון „החלוץ", איז נחום דאָרטן געווען זייער אַקטיוו און האָט שטאַרק געהאָלפן אין אויסהאַלטן, וואָס איז נישט געווען אַזוי לייכט אין די באַדינגונגען פון אַ קליין שטעטל. די הכשרהניקעס אין ליבעוונע האָבן געצויגן אַ גרויסן טייל פון זייער אויפהאַלט פון האַקן און זעגן האָלץ. נחום האָט שטאַרק געהאָלפן זיי קריגן די דאָזיקע אַרבעט און אַליין אויך אָפט אונטערשטעלן אַ פּלייצע. ווען עס האָט זיך געטראָפן, אַז מען האָט אַמאָל געקראָגן אַרבעט אויף צעזעגן אַ פּאָר הונדערט מעטער האָלץ און די חלוצים אַליין האָבן נישט געקאָנט באַוויזן צו מאַכן די גאַנצע אַרבעט, פלעגט נחום אָרגאַניזירן יוגנטלעכע סימפּאַטיקער פון שטעטל אויף אַרויסצוהעלפן אין האַקן און זעגן.

נחומס גאַנצע ענערגיע צו העלפן יידן האָט זיך צעשפּילט נאָכן גרויסן חורבן. נחומען האָט זיך איינגעגעבן דורכצומאַכן די צייט פון דער גרויסער יידישער קאַטאַסטראָפע אין סאָוויעט־רוסלאַנד, ווו ער האָט זיך אויך געגעבן אַן עצה. באַלד נאָכן קריג האָט ער זיך אומגעקערט קיין פּוילן, ווו ער איז גיך געוואָרן אַקטיוו אין דער „בריחה" — פון איבערפירן יידן אומלעגאַל די גרענעץ, כדי ווייטער קאָנען פאָרזעצן דעם וועג צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל. נחומען האָט מען אָפּגעשיקט צו איינעם פון די וויכטיקסטע פונקטן פון דער „בריחה" ביי דער פּויליש־טשעכישער גרענעץ. דאָרטן איז ער געווען איינער פון די אָנפירנדיקע חברים, מטעם „איחוד" — אַלגעמיינע ציוניסטן, וואָס זענען געווען



נחמן ווייסמאן ז"ל
אלס זעלנער אין דער ישראל־ארמיי

פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אויפהאַלטן דעם דאָזיקן פּונקט און פאַר איבערפירן בשלום די געבראַכטע יידן דורך דער גרענעץ.

בייטאָג איז נחום געווען באַשעפטיקט מיט האַלטן אָרדענונג אין גרויסן הויז, ווו די שארית הפליטה פלעגט צייטווייליק איינקוואַרטירט ווערן, און ביינאַכט איז ער געווען פאַרנומען מיט נאָך חברים מיט ברענגען און אַרויספירן די לאַסט־אויטאָס מיט יידן, וואָס האָבן געשוואַרצט די גרענעץ. איך ווייס אַליין נישט, פון וואַנען

האָבן זיך גענומען צו אים אַזויפיל כוחות די דאָזיקע שווערע און אָנגעשטרענגטע אַרבעט צו טאָן.

נאָכדעם ווי דער בריחה־פּונקט האָט געמוזט געשלאָסן ווערן, ווייל ס'איז שוין געווען אוממעגלעך אויסצובאַהאַלטן די אומלעגאַלע טעטיקייט דאָרטן, איז נחום אַריבער קיין וואַרשע, ווו ער האָט געאַרבעט ביים דזשאָינט. ער איז געווען אין דער אָפּטיילונג פון פאַרטיילן שפּייז און קליידער, וואָס איז דעמאָלט געווען זייער וויכטיק סיי פאַר דער שארית הפליטה אין פּוילן, סיי פאַר די יעניקע יידישע רעפּאַטריאַנטן, וואָס האָבן דעמאָלט געשטראָמט פון סאָוויעט־רוסלאַנד. דערצו האָט מען נאָך געדאַרפט זאָגן די אָרעמע יידן אַ גוט וואָרט און געבן זיי האָפענונג, אַז זייער לאַגע וועט נישט אייביק פאַרבלייבן אַזאַ — און נחומטשע האָט די דאָזיקע מצווה מקיים געווען מיטן גאַנצן האַרצן. ביים „דזשאָינט" האָט ער אָפּגעאַרבעט אַ צוויי יאָר צייט.

אָבער די שווערסטע און וויכטיקסטע אַרבעט, וואָס נחום ווייסמאַן האָט דורכגעפירט נאָכן חורבן, איז געווען דאָס העלפן אַרויסראַטעווען יידישע קינדער פון די הענט פון קריסטן, ביי וועמען זיי זענען געווען אויסבאַהאַלטן אין דער צייט פון גרויסן אומגליק — טייל קריסטן האָבן פרייוויליק געבראַכט צוריק די אויסבאַהאַלטענע יידישע קינדער, אָבער אַ טייל האָבן עקשנותדיק געוואָלט אַריבערפירן די יידישע קינדער אין קריסטלעכן גלויבן.

נחום ווייסמאַן איז געווען איינער פון אַ קליינער גרופּע יידן, וואָס פלעגן אַרומפאָרן איבער פּוילישע שטעט און דערפער אַרומזוכן די פריער־באַהאַלטענע יידישע קינדער. ווי נאָר זיי פלעגן דערהערן וועגן אַזאַ אָרט, פלעגן זיי זיך גלייך לאָזן אַהין. דאָס איז נישט נאָר געווען שווער, נאָר אויך פאַרבונדן מיט פּשוטער לעבנסגעפאַר.

אַמאָל פלעגט זיך איינגעבן אַרויסצוקריגן אַ יידיש קינד פאַר געלט און אַמאָל האָט מען אויך געמוזט אָנווענדן צוואַנגס־מיטלען קעגן די פּויערים, וואָס האָבן אַ יידיש קינד נישט געוואָלט אַרויסגעבן מיט גוטן.

דערביי האָבן זיך אָפּט אָפּגעשפּילט שרעקלעכע סצענעס. געווען אַ פאַל מיט אַ יינגל פון אַ יאָר פופצן, וואָס נחום האָט אים געפונען ביי אַ קריסט און געבראַכט קיין וואַרשע. פון יינגל האָט מען זיך דערוווּסט, אַז זיין מאַמע האָט איבערגעגעבן אַ קריסט זיינס אַ קליין שוועסטערל. מען איז געקומען אויף די שפּורן פון יענעם קריסט, האָט מען אים געגעבן אַ פיינע סומע געלט און צוגענומען פון אים דאָס מיידעלע, דעמאָלט אַלט אַ צען יאָר. אָבער דאָס מיידעלע האָט געמאַכט עטלעכע פּרוּוון צו אַנטלויפן, און ווען מען האָט זי פאַרהאַלטן, האָט זי געשריען: „וואָס ווילט איר פון מיר, זשידעס?"

געווען אַ פאַל, וועגן וועלכן נחום ווייסמאַן האָט מיר דערציילט אַז מען האָט געמוזט אָנווענדן כוח, כדי אַרויסצונעמען אַ יידיש קינד פון אַ פּוילישער פאַמיליע. אַזוי ווי דער פּויער האָט מיט גוטן נישט געוואָלט אָפּגעבן דאָס יידישע קינד, איז נחום און נאָך עטלעכע חברה מיט אים צוגעפאָרן ביינאַכט צום פּויערס הויז, פאַרשטעלט פאַר פּוילישע פּאָליציאַנטן. זיי האָבן מיט וואָפן אין די הענט געהייסן אַלע מיטגלידער פון דער פאַמיליע זיך אויסצולייגן אויף דער פּאָדלאָגע מיטן פּנים אַראָפּ. דער תירוץ איז געווען, אַז זיי זענען געקומען זוכן געווער. זיי האָבן געוואָרנט דעם פּויער, אַז אויב מען וועט שרייען, וועלן זיי פאַרברענען זיין הויז מיט דער פאַמיליע צוזאַמען. אַזוי האָט מען אויף גיך אַרויסגענומען דאָס יידישע קינד און עס אַוועקגעפירט אין אַן אויטאָ. אין אַ האַלב יאָר אַרום, ווען דאָס געראַטעוועטע קינד איז שוין געווען אין ישראל, האָט מען דעם פּויער צוגעשיקט אַ פיינע סומע געלט פאַרן אויסבאַהאַלטן דאָס יידישע קינד.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער אַראַביש־יידישער קריג אין 1948 און אַלע אַראַבישע מלוכות האָבן זיך געוואָרפן אויף דער אַקאָרשט־פּראָקלאַמירטער מדינת ישראל, כדי זי אומצוברענגען, האָט נחום ווייסמאַן פאַרלאָזן פּוילן און אַוועק קיין ישראל, ווו ער איז אַריינגעטראָטן אין דער יידישער אַרמיי און זיך באַטייליקט אין אַ ריי שלאַכטן קעגן שונא.

נחום איז שוין פאַרבליבן אין מדינת ישראל, האָט ביסלעכווייז אויפגעבויט אַן אייגענע פאַמיליע־נעסט, אָבער די שרעקלעכע איבערלעבענישן אין געטאָ, סאָוויעט־רוסלאַנד, אין וואַלד און וואַנדער האָבן געלאָזן געפערלעכע שפּורן אויף זיין געזונט. ער האָט נישט זוכה געווען צו לאַנג צו פרייען זיך מיט דער יידישער מלוכה און מיט זיין פרוי און קינדער, און אין 1963 איז ער אויסגעגאַנגען.

ישראל שיכט

מן הכפר אל הכפר

נולדתי בכפר שטין ליד לובומל במרחק של ששה קילומטרים מן העיר. עד גיל שבע גרתי בכפר וסבי לימד אותי ואת אחי ז"ל. לעתים קרובות הייתי בורח מן הבית ועוזר לחברי האוקראינים לרעות את הבקר באחו.

כשאבי נוכח לדעת שאיני לומד, והוא חשש שזה יהיה גם גורל שאר הילדים, החליט לעבור לעיר. בלובומל למדתי עם ילדים צעירים ממני בשנה שנתיים. מגיל בר־מצוה למדתי בישיבה עד גיל שמונה עשרה ואז נסעתי להכשרה ב„הפועל המזרחי".

בינתים פרצה המלחמה העולמית. חזרתי הביתה וגויסתי לצבא הרוסי, זמן קצר לפני פרוץ המלחמה בין רוסיה וגרמניה. נודע לי אח"כ כי עם כיבוש לובומל על ידי הגרמנים, אספו גברים יהודים ואמרו להם כי לוקחים אותם לעבודה. אבי נלקח ביניהם, ואחי, שהיה אז בן שבע־עשרה, החליט ללכת לעזור לאבא. הגרמנים הובילו את כולם לבית הקברות ושם חיסלו אותם ביריות. בבית נשארו אמא, שלוש אחיות ואח אחד.

כאשר חיסלו את הגיטו, הצליחו אחותי בת ה־14 ואחי בן ה־11 להמלט מן הגיטו. ביתנו היה מחוץ לגיטו ובתקופת הגיטו נכנסה לגור שם משפחה פולנית ושמה לפוטינסקי.

אחרי המלחמה, כשבאתי לעיירה, ביקרתי אצל המשפחה ההולנדית שגרה בביתנו, והם סיפרו לי שנתנו לאחי ואחותי לאכול, אך מפחד השלטונות הגרמניים לא יכלו לתת להם מחסה. הם שמו איפוא פעמיהם ליערות וגורלם היה כגורל רוב בני העיירה — מצאו אותם קפואים ביער.

העיירה היתה הרוסה לגמרי, רק הבתים בפרברי העיר עמדו על תילם. כל המרכז היה הרוס. לא יכולתי להתהלך על חורבות אלו, ולא הבנתי לנפשם של כל אלה שנשארו בחיים בעיירה, איך הם יכולים להשאר על אדמה זו שרוותה מדם יקיריהם. הבנתי שאין לי עתיד פה וכחבר הכשרה לשעבר, התחלתי בדרך הארוכה לארץ ישראל.

דרכי לארץ ישראל לא היתה קלה ביותר. כשאר שארית הפליטה עברה הדרך במחנות הפליטים בגרמניה, ומשם הגעתי באניית מעפילים ארצה.

היום אני חקלאי, ויש לי משק במושב עובדים. בן הכפר חזר לכפר, אך הפעם כעובד אדמה ממש, ובמדינת ישראל.

קינים והגה והי

(מכתבים מגיא־ההריגה)

„ספר לו, מסור לו" — — —

(מזוועות לובומיל)

לועד המאוחד לעזרת יהודי פולין, ירושלים, נמסר מכתב שנתקבל מלובומל שבפולין:

„...יהודה, הנף־היחידי שנשארת לי. כתוב אל אחי יעקב וספר לו על הטרגדיה הנוראה שלנו! האסון שלנו! ספר לו שנשארתי יחידי מכל המשפחה הגדולה. שקברי הורי אינם נמצאים יחד. שהאחים והאחיות שלנו מפוזרים על שדות ווהלין הגדולים. שהקברים שלהם פתוחים ושותתים עוד עד היום דם חם. יהודה, כתוב. כתוב אליו, שאח בכן הטהור, בנימין בן השמש, קברו ערום יחד עם אמו הקדושה עליה! אמור לו שאחותו צפורה נקברה למרגלותיה של אמה. נוצרים טובים רחמו עליהן, את אביו יחד עם האח משה זושמידו עיד בשנת 1941 יחד עם הצבא שלכם קורנפלד. יהודה, כתוב לו על האבל הגדול שלנו, מסור לו על ה„יזכור" הקדוש שלנו. ידע גם הוא את הכאב הגרוא שלנו, מפני שעליו לדרוש נקמה! כתוב לו שאני נוסע לדונבאס (רוסיה) ללמוד מכונאות ואחרי כן ברצתי לתראות אתו, אתה, עם אחי היחיד שנשאר בחיים. יהודה! אתה הנף האב. הנף המריך שלי, אתה בא מהחזית, מהמקום שנקמת את דמנו השותת, והתנקמת במשמיד עמנו. כתוב אליו שפצת באת הראשון על בית הקברות בלובומיל, שאחרי כן מצאתי אותך בבית החולים יחד עם חיילים פצועים מהצבא האדום...

„אמור שהנני מחכה למכתבו. תספר לו על שלוש שנות חייך בחזית, שעזבת יחד עם הצבא הגדול את עירנו בשנת 1941 ובאת הראשון לשחרר אותה בשנת 1944. אמור לו שבעוד ששה ימים הנך יוצא למקום ששם הלב דופק יותר חזק מתותחים. שם תשלם בעד אשתך, ילדיך, בעד אחותך היפה ברכה, בעד סבא, סבתא, בעד אמי היקרה, בעד החברים והחברות והמכירים, בעד נהרות הדם של עמנו שנשפכו. תמסור שם לקרובים שהאחות שלהם אינה בחיים, שהורי יוסף אינם חיים וגם הוריו ואחיותיו של שליבוק נהרגו בידי אותם הרוצחים. אמור להם שילדים, יחידי סגולה, היו נחבאים עמוק בבורות במשך שנתיים, ושמ־8000 איש לא נשארו יותר משנים־עשר (12), שהגלנו הוא עולמי... מסור לו שאנחנו היחידים מסתובבים בחוצות העיר. אנחנו האומללים, ומחכים למלה חיה ממנו. שימסור. דרישת שלום לכל החברים וילחץ את ידי כל המכרים בירושלים".

בלובומיל נשארו בחיים: משה ליפשיץ, אחיו הקטן, בני של סובול, אברהם קליין, בני של יעקב רייז, ועוד אחד — בלתי שפויים בדעתם.

מכתב זה נכתב בשנת 1945 בידי אברהם גטמן אל יהודה קריין בלובומל, והוא מבקש מיהודה שיכתוב אל אחיו יעקב (הטמן) בארץ־ישראל.

התפרסם בזמנו בעתון „דבר".

אריה אורון (שטרן)

ההורים לא זכו

מאז זכרוני מגיע — ידעתי יהודים, קהילה יהודית, עיר שרובה ככולה יהודים. בילדותי, הקהילה והעיר היו בשבילי מושג אחד. הכל היה יהודי; החצר, בית־הספר, המסחר והמלאכה. והנה בהדרגה מתגלה הפער המדהים בין ההווה והעתיד. בהווה — עיניך רואות — הכל שלך, בעתיד — שום דבר לא שלך! בגיל צעיר אתה מתחיל לחוש את זה, במרוצת הזמן נאמרים לך הדברים במרומז, ולבסוף הרי זה לפניך כעובדה שאין עליה עוררין — העובדה שאנחנו נוער ללא עתיד. לכאורה, אתה ובני עמך הנכם „שליטים" בעיר, בחברה ובכלכלה שלה, אולם כל המקורות סתומים, והקץ הוא כבר בתחום הראייה ממש, בטווח של דור.

באין עתיד בארץ הולדתך — החיים מתרקמים ומתרכזים בתקוה שמחוץ למקום. לגבינו, הנוער הציוני, שני הדברים ירדו כרוכים, שלילת הגלות והכמיהה לציון. אנו, בני הנוער, חיינו בוודאות כפולה, האחת כי בארץ ובמקום בו נולדנו אין לנו עתיד, והשניה כי בחלק אחר של העולם, בארץ־ישראל, נמצאת תקוותנו לחיים.

זו היתה החוויה המכרעת בחיי הנעורים שלנו, מבחינת השלילה והחיוב כאחת. הנך חי ופועל במדינה, שאינך מזדהה אתה כלל, לא למענך נוצרה, והיא מצרה את צעדיך ובאופק נראית לך מדינה אחרת, שאליה נשואות עיניך ובה קשורים מיטב חלומותיך לגבי העתיד. על רקע זה יובן השוני הקטבי הזה בין התופעה של הסתגפות ה„רקרוטים", כדי להשיג שחרור מן הצבא הפולני, ובין התנדבות של בחור „משתמט" כזה, בבואו ארצה לפעולה מסוכנת בשירות ה„הגנה".

לא היתה „מלחמת אבות ובנים" על התכלית הסופית. היה מאבק פנימי של ההורים על צאת הילדים למרחבי העולם, על העיתוי, על המקצוע, על המשך הלימודים, על הפרידה מהילדים, ועל סכוייהם הם, של ההורים עצמם, להתאחד עם הילדים במקום החדש.

מתוך גישה זו חיו שני הדורות, האבות והבנים, את התפתחות הדברים בארץ ישראל, והיא היתה במרכז החיים הרוחניים בקהילה; בית־ספר „תרבות", תנועות הנוער והחלוץ לכל גוניהן, לימוד עברית וספרים עבריים, פעילות בקרן היסוד וקק"ל, השקל הציוני ומערכת הבחירות לקונגרס הציוני (שהסעירה אותנו יותר מאשר הבחירות לסיים הפולני...), ילדים ונערים, בחורים ובוגרים כולם היו מעורבים במערכת פעילות זאת.

חוויה אחרת מימי היותי ילד ונער קשורה בחתך הדורות, של סבים, הורים ובני נוער. הסבים וההורים שמרו בקנאות על גחלת הדת, ואצל בני הנוער ניכרה כבר מחאה אנטי־דתית, ואף אפיקורוסות. אך המשותף לשני הצדדים היה שהם נפגשו... בבית הכנסת. הזקנים באו להתפלל, ואילו בין הצעירים היו כבר כאלה שבאו להפגין את „אפיקורוסותם" בשיחות חופשיות בין כתלי בית הכנסת ובהתקהלויות ש־לידו. באותם הימים שהייתי עוד בן־בית ב„טריסקר שטיבל" התרשמתי מאמונתם הפנימית העמוקה של הזקנים. מאידך, שמתי אזני כאפרכסת לשמוע דברי מינות „על השם ועל משיחו" מפיו של אליעזר פינקלשטיין, שהיה הוא עצמו מצאצאיו של הרב ר' לייבה ז"ל.

לעתים מזומנות היו פורצות אצלנו ב„טריסקר שטיבל" מריבות בין הזקנים השמרנים לבין ה„חוצפנים" הצעירים ולא אזכור על מה ולמה, אך בהגיע ערב יום הכיפורים, לא חסר איש בבית־התפילה, כי מי יצער משפחתו וייעדר. ובאשר הסבא של נתן בלומין, השוחט ר' חיים ז"ל בעל הדרת הפנים, הכריז ערב תפילת „כל נדרי" כי „אנו מתירין להתפלל עם עבריינים", עברה בי חלחלה גם מתוך יראת כבוד ודרך ארץ, וגם מתוך הרגשה, כי הדברים מיועדים לאליעזר פינקלשטיין ודומיו.

אלפי היהודים שבעיר, מאות רבות של בחורים ובחורות, פאר הנוער, שחיו את חיי ארץ ישראל בהיותם בעיירה, נכספו למולדתם, לא זכו להגיע וניספו בארץ הגזירה, על אדמת פולין הארורה.

אלה מאתנו — והרינו מתי־מספר — שזכינו להגיע בעוד מועד לארץ ולבנות בה את בתינו, המר לנו הגורל,

שלא יכולנו לגמול להורינו ולמלא את משאת נפשם הכפו־לה: לחיות במדינת היהודים ולבלות את שארית ימיהם יחד עמנו.

זכרונות בית אבא ואמא מלווים אותנו, על כן, בהכרה ובתת ההכרה, בכל אשר נלך. אני עצמי הרגשתי זאת במ־יוחד בעת אירועים שהיה בהם ברק חיצוני רב; באותם רגעים ממש העיב עלי ענן הזכרונות, ולבי דאב שאבא ואמא לא זכו, ולא זכיתי אני, כי נהיה יחד באותו מעמד.

לפני הקמת המדינה הקדשתי שנים באיטליה להצלת שארית הפליטה, ועם הקמת המדינה נתמניתי קונסול רא־שון של ישראל ברומא. ערכתי ביקור רשמי במחנה פליטים בדרום איטליה. גנרל איטלקי, מפקד המחוז ורעייתו היו המלווים שלי ושל רעייתי, ושיירת אופנועים שימשה כ־משמר כבוד. יהודי המחנה קישטו את השערים בכתובות עבריות, ובכניסה קיבלונו לפי המסורת היהודית לגבי שלי־טים זרים בלחם ומלח על מגש של כסף. בתוך ההתרגשות שאפפה אותי עלו בזכרוני אבא ואמא, שלא היו אתי ב־שיירה, שלא היו לפחות בקהל... שלא היו כלל בחיים.

עברו למעלה מתריסר שנים, והנה אני מגיש כתב אמנה כשגריר לנשיא ונצואלה בעיר קאראקאס. הפעם היה זה מסע „מלכותי" ברחובות, מסקר של משמר כבוד צבאי בחצר הארמון, נגינת „התקוה" על ידי תזמורת צבאית, ומסירת כתב האמנה לידי הנשיא באולם המפואר שבארמון. ובדרך חזרה, ליד הפנתיאון, המתינו לי רעייתי עבריה ושני ילדינו, צופיה ונחמיה, והפעם אני סוקר משמר כבוד של ילדי ביה"ס היהודי, ומניח כמקובל זר פרחים על קברו של הגיבור הלאומי של ונצואלה, בוליבאר. והנה, בתוך ארמון הנשיא ובתוך המוני הציבור היהודי, כשהייתי נפעם מהתרגשות מכל המעמד, הרגשתי בכל זאת בודד... בזכרי שההורים אינם אתי ואינם יכולים לראות ולא לשמוע ולא לדעת דבר מכל זה.

שמואל פוקס

מפעולות ארגון יוצאי לובומל והסביבה בישראל

מלחמת העולם השניה ניתקה את הקשר שהיה קיים בין תושבי הארץ ובין משפחותיהם בלובומל. בימי השלטון הרוסי עוד נתקבלו ידיעות מזמן לזמן, אך עם הכיבוש הנאצי הפכה הדאגה לפחד וחשש לגורלם ולחייהם של יקירינו. הידיעות בעתונות לא עוררו תקוות רבות ומה שידענו על אכזריותם של הנאצים כלפי בני עמנו — עורר חרדה בלבבות. בכליון עינים ציפינו שיבוא מישהו מהעיירה ואולי יביא את הבשורה שאכן לא הכל אמת כפי שמדווחים העתונים.

ראשון בא מעבר לים אליעזר וואלק, שהגיע עם „צבא אנדרס" — זו היחידה הפולנית, שהתארגנה ברוסיה ל־מלחמה בנאצים. הוא פנה לבית הכנסת הגדול בתל־אביב ושאל את המתפללים אם מכירים את שמואל פוקס, ואמנם מצא שם מישהו שהכירני והביא אותו אל ביתי ברחוב וולפסון. שמחנו לבואו, והתיחסנו אליו כמו אל בן־בית, לצערנו, הוא לא ידע הרבה על הנעשה בלובומל, כי בזמן שעזב את לובומל בדרכו לרוסיה כולם היו עוד בחיים.

ברשימת „ילדי טהראן", שהגיעו ארצה, מצאתי נער לובומלאי כבן 15 בשם ישעיהו גולדנזון. הזמנתי אותו לביתי, אבל גם הוא לא ידע לספר הרבה על גורל בני משפחותינו. הוא היה אצלנו קרוב לשנתיים עד שהיגר אל דודו לארה"ב.

השלישי שהגיע ארצה היה אברהם גטמן (הטמן), ו־ממנו נודע לנו הרבה על השמדת משפחותינו ועל זוועות



קבלת פנים לאורחים — בני העיר מארה"ב בשנת 1960

הנאצים. גם הוא היה אצלנו בבית עד שאחיו יעקב הטמן שוחרר ממחנה־המעצר בקניה, שלשם הוגלה על ידי ה־אנגלים בקשר לפעולות אצ״ל ולח״י.

בינתיים התחילו להגיע מכתבים מניצולים אחרים שנשארו בחיים, מי במחנה ומי ביער, והרגשנו שיש להתארגן על מנת שנוכל להושיט להם יד אחים. התאספנו כמה בני עיר, וביניהם יחזקאל קורנפלד, שלמה וויצפרוכט, צבי פוקס ז״ל, דבורה גיטקליק ובתיה זילברברג־כהן. ויסדנו ועד עזרה, תכניתנו היתה לאסוף כספים לשם משלוח חבילות לניצולים וכן לדאוג לקבלת הבאים ולעזור להם ולעודדם. ואמנם, הצלחנו לאסוף קצת כסף, שלחנו כמה חבילות לחו״ל, וליחידים שהגיעו עזרנו במיטב אפשרו־יותינו הדלות, התאספנו בבית הכנסת שבו התפללתי וגם בביתו של צבי פוקס המנוח, פנינו אז גם לבני העיר ב־אמריקה שיעזרו, אבל אז עדיין לא נענינו.

פעולות ועד העזרה נמשכו עד שחזר לתל־אביב נתן בלומן (תכלת). הזמנתי אותו להשתתף בפעולות ועד העזרה והוא נענה ברצון, ובדרך זו העברתי לידיו את פעולת הועד והוא התחיל לשקוד על ארגונו מחדש.

מפעולות הועד

עם הצטרפותו של נתן בלומן לועד העזרה קיבלה הפעולה תנופה חדשה. מעתה היו הוא ורעיתו מלכה מסורים לענין יוצאי לובומל בכל נפשם, זמנם ומרצם, וביתם ברחוב העליה 31 נהיה כתובת לכל שארית הפליטה, בראשית צעדיהם בארץ ישראל; דרך בית זה ימשכו החוטים מהמולדת הישנה, מהעיירה, למולדת החדשה; פה ייפגשו על כוס תה ועוגיות הוותיקים עם אלה שמקרוב באו; בבית זה ישמעו בדומיה את סיפורי הזוועה על גורל בני העיר, והשומעים לא יתבישו להזיל דמעותיהם לזכר יקיריהם שניספו; בבית זה ייפגשו לראשונה בני העיר מארה״ב עם ידידיהם בארץ ועם שארית הפליטה, בבית זה ישבו מעתה הנבחרים לועד הארגון של יוצאי לובומל ויעסקו בארגון העזרה לעולים החדשים ובטיפול בכל הבעיות של בני העיר, כגון הלוואות, ערבויות, פניה למוסדות וכו׳.

ראשונה מפעולות הארגון היתה הקמת קופת גמ״ח. עם העליה של שארית הפליטה בשנים 1949—1950, ב־תקופת הצנע הידועה הגיעו בני עיר רבים, אשר הלוואה של 50 או 100 לירות, ללא ריבית ולזמן בלתי מוגבל היתה בשבילם עזרה גדולה באותם ימים. במקרים מסויי־מים ניתן הכסף לא כהלוואה, אלא כסיוע ממש.

קופת גמ״ח קמה בתרומות בני העיר: נטע אייגר, בהיותו ב־1949 בארץ, הבטיח לשלוח אחרי שובו לארה״ב סכום כסף, ואכן קיים את הבטחתו; 400 ל״י הגיעו מ־ארגנטינה. השאר נאסף מתרומות בני העיר בארץ. בעת מפגש־האזכרה הגדול הראשון, שנערך ב־1948, התרימו חברות הועד בכניסה את כל הבאים, ומאז הפכו למסורת הן אסיפות־האזכרה השנתיות והן ההתרמה לקופת גמ״ח. מדי שנה בשנה, בתקופה הקרובה להושענא־רבה־שמיני עצרת, יום השמדת היהודים בלובומל, מתקיימת אזכרה לחללי השואה, וכן מעלים זכר הנפטרים בארץ ומקיימים פגישת רעים ואסיפה כללית של בני העיר.

פגישות רבות בין תיירים ובני העיר לבין תושבי ה־ארץ נערכו על ידי הועד באולם גדול עם כיבוד קל, והיתה זאת הזדמנות לפגישה המונית בין בני העיר, שמזה שנים לא ראו איש את רעהו. הרבה פגישות מצומצמות יותר נערכו בבית משפחת בלומן־תכלת. כל זה נתן אפשרות להדק את הקשר בין בני העיר בארץ ובתפוצות.

ועד הארגון קיים קשר עם „יד ושם" ובמרתף השואה הוקם לוח לזכר קהילת לובומל שהושמדה.



לוח הזכרון לזכר קהילת לובומל ב„מרתף השואה" בירושלים
די מצבה פון לובאָמלער קהילה
אין „קעלער פון פארניכטונג" אין ירושלים



אַ אנדענק־קארטל צו דער זיבעטער יארצייט
צו דער פארניכטונג פון לובאָמלער קהילה

עם התחלת ההתרמה להקמת „היכל ווהלין" נרתם נתן בלומן־תכלת למשימה והצליח לגייס אלפי ל"י שנרשמו כהתרמת ועד ארגון יוצאי לובומל. עם הקמת ההיכל נערכה בו אזכרה ראשונה לבני העיר ב־1969, ומאז נערכות האזכרות בהיכל יהדות ווהלין. היכל ווהלין העמיד לרשות ארגון יוצא לובומל חדר לאזכרות וכינוסים בשותפות עם העיירה מציאיוב.

כיום מונה ארגון יוצאי לובומל בארץ 210 חברים.

אין לנו ידיעות מדוייקות על החברים בועד הארגון לפי שנות כהונתם. לכן נמנה כאן את חברי הועד שפעלו וטרחו ומסרו מזמנם ומרצם למען בני העיר, לפי סדר א"ב של שם המשפחה:

בלומן־תכלת נתן — יו"ר	ליפשיץ משה, גזבר
גיטקליק דבורה,	פוקס שמואל,
הטמן יעקב,	פיינטוך אפרים,
ויצפרוכט שלמה,	פוקס צבי ז"ל
זהר חנה,	פרשט צפורה,
כהן בתיה,	קורנפלד יחזקאל

ועדת הביקורת:

אכטמן חנה, בר־גיורא מנחם, פוקס שמואל

ארגון יוצאי לובומל והסביבה בישראל

איינלאדונג

איר ווערט דערמיט איינגעלאדן אויף דעם באנקעט

18 יאר מדינת ישראל

ביי געדעקטע טישן

מיטן אנטייל לאנדסלייט געסט פון אמעריקע און ארגענטינע

בלושטין יוכבד

גבשנגורן אביגדור ורעיתו חנה לבית פרידמן

הלפרין יהודית לבית צורף

קנדלשטין מנדל

שמס לובה לבית וישניץ

דער באנקעט וועט פארקומען דאנערשטיק דעם 21.4.66 7 א זייגער אוונט, אין זאל „קראשניק" תל־אביב, רח' יונה הנביא 4

אוטובוסן נו. 4, 17, 31

מיט אכטונג

דער קאמיטעט

הזמנה

הנך מוזמן(ת) בזה למסיבת

ח"י לעצמאות ישראל

ע"י שולחנות ערוכים

בהשתתפות אורחים בני עירנו מארה"ב וארגנטינה

אייגר נתן ורעיתו דורותי

ברגמן צירל לבית גינזבורג ובעלה פנחס

הולץ אברהם ורעיתו לאה

פפר חנה לבית גינזבורג ובעלה נחמן

שיינוולד וולוול ורעיתו חוה

שמס קלרה

המסיבה תתקיים ביום חמישי א' אייר תשכ"ו (21.4.1966) בשעה 7 בערב באולם „קרשניק" רח' יונה הנביא 4, תל־אביב ע"י קולנוע „ירון"

אוטובוסים 4, 17, 31

בכבוד רב

הועד

זעליק פייגין

ליבעוונער אין ארגענטינע

אַנהויב אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, נאָך דער כוואַליע פּאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד, געיאָגט און געפּלאָגט פון הונגער, נויט און רעכטלאָזיקייט — האָט זיך אָנגעהויבן די יידישע מאַסן־עמיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע קיין אַמעריקע און אַ קלײנער טייל אין אַנדערע לענדער. דער שר־האומה האָט זיך באַמיט, אַז אַ גרויסער טייל פונעם מזרח־ אייראָפּעאישן יידנטום זאָל זיך ראַטעווען און ס'זאָלן זיך פאַרמירן פיל ישובים אין די אַמעריקאַנער לענדער, ווו יידן האָבן באַקומען רעכט און שוץ ווי פרייע בירגער.

אַרגענטינע איז דענסטמאָל נישט געלעגן אויף די ברייטע שליאַכן פון יידישער אײנוואַנדערונג. צום תחום־המושב זענען נישט דערגאַנגען קיין ידיעות פון „ווייטן און הייסן אַרגענטינע". ערשט אָנהויב נײַנציקער יאָרן האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיטערע יידישע אימיגראַציע קיין אַרגענטינע, אַדאַנק דער ייק"א, געגרינדעט דורך באַראָן מאָריס הירש, וואָס האָט געקויפט גרויסע ערד־שטחים פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע. אויך פריער זענען שוין געווען יידן אין אַרגענטינע, אָבער זייער צאָל איז געווען זייער קליין.

צוגלייך מיט אַ טייל יידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דער פּראָווינץ און באַאַרבעט די אַרגענטינער פעלדער, האָבן אַ צווייטע טייל יידישע אימיגראַנטן זיך באַזעצט אין בוענאָס־איירעס און זיך באַשעפטיקט מיט סטאָלערײַ, שניידערײַ, וועבערײַ, ווי אויך מיט פּעדלערײַ און „קוענטע" (סחורות אויף אויסצאָלן).

די ליבעוונער האָבן אָנגעהויבן קומען קיין אַרגענטינע ערשט אין מיטן פון די צוואַנציקער יאָרן. געציילטע ליבעוונער זענען שוין געווען פון פריער, אָבער אין גרעסערע צאָלן האָבן זיי אָנגעהויבן קומען סוף צוואַנציקער און אָנהויב דרייסיקער יאָרן.

ענג איז געווען אין קליינעם שטעטל. די יוגנט האָט זיך אַרומגעדרייט פּוסט און פּאַס, מען האָט געטרוימט פון מרחקים און געזוכט אַן אויסוועג פון דאָזיקן פאַרצווייפלטן מדבר. קיין אַמעריקע האָט מען, צוליב די קוואָטע־פאַראָרדענונגען, נישט אַרײַנגעלאָזט און פאָרן קיין ארץ־ישראל איז אויך געווען זייער שווער צוליב דער קליינער צאָל עליה־סערטיפיקאַטן. אָט דאָס אַלץ האָט געטריבן קיין אַרגענטינע. געקומען זענען נישט בלויז יוגנטלעכע, נאָר אויך מיטליעריקע מענטשן מיט גאַנצע פאַמיליעס, זוכנדיק אַן אויסוועג פון דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע.

אין די צוואַנציקער יאָרן איז געווען זייער לייכט צו פאָרן קיין אַרגענטינע. ס'איז גענוג געווען, אַז מען האָט זיך רעגיסטרירט אין אויסלענדישן פּאַספּאָרט ווי אַן ערד־אַרבעטער אָדער לוין־אַרבעטער, און מען האָט באַלד געקראָגן די אַרגענטינער אַרײַנפאָר־וויזע. שפּעטער צו, אָנהויב דרייסיקער יאָרן, האָט מען שוין געמוזט האָבן אַרויספאָדערונגס־פּאַפּירן, בכדי צו קענען אימיגרירן קיין אַרגענטינע.

אַזוי האָט זיך ביסלעכווייז געצויגן דער אימיגראַציע־שטראָם ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די באַציאונגען צווישן די ליבעוונער אין אַרגענטינע איז געווען אַ לויזע. מען האָט זיך זעלטן געטראָפן. יעדער איז געווען פאַרנומען מיט זיינע פּראָבלעמען. ווען נישט ווען האָט אַ לאַנדסמאַן פאַרבעטן אַ ליבעוונער אויף אַ שמחה. קיין אָרגאַניזירטער ציבור, ווי אין אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפטן, איז נישט געווען. די סיבה דערקלערט זיך דערמיט, וואָס קיין סך יידישע פאַמיליעס פון ליבעוונע גופא זענען נישט געווען. דער רוב אימיגראַנטן פון ליבעוונע האָבן געשטאַמט פון די אַרומיקע דערפער און שטעטלעך, ווי אַפּאַלין, לובאַכין, נידיזש, רימאַטש און אַנדערע.

דאַ דאַרף פאַרצייכנט ווערן אַן אויסנאַם־פאַל פון אַ לאַנדסמאַן, וואָס אין די גרינגע יאָרן פלעגט ער נישט זיין פאַרנומען נאָר מיט זיך אַליין, נאָר אויך געהאָלפן אַ סך נאָר וואָס געקומענע לאַנדסלייט מיט מאַטעריעלער און ברידערלעכער הילף. דאָס איז אונדזער לאַנדסמאַן אהרן פרוסמאַן ז"ל (ברוך־הערש און חיה דער פישערקעס זון). אַליין געקומען סוף 1927, האָט ער שוין אין אַ יאָר־צוויי אַרום געהאָלפן אַ סך ניי־געקומענע ליבעוונער זיך איינצואָרדענען.

זאָל דאַ אויך דערמאָנט ווערן אַ צווייטער לאַנדסמאַן, פון די „ותיקים", מאיר־חיים שאָסטאַק. ער אַליין שטאַמט פון אַפּאַלין, אָבער ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ ליבעוונער מיידל. ער איז געווען פון די הויפּט־פּיאָנערן און גרינדער פונעם „פאַראיין פון דער נאַטור", אַ נוח לבריות און איז זייער באַליבט ביי אַלעמען. ער איז דער אומאָפיציעלער אַמבאַסאַדאָר פון די אַפּאַלינער.

ערשט אין 1945 האָט זיך אָנגעהויבן די טעטיקייט פון די ליבעוונער ווי אַ לאַנדסמאַנשאַפט. אין יוני פון זעלביקן יאָר זענען זיך צונויפגעקומען אַ גרופּע לאַנדסלייט אין הויז פון דעם זקן בני־העיר, ר' נחום צימערבוים ע"ה, מיטן צוועק צו גרינדן אַ ליבעוונער פאַראיין.

דער בלוטיקער קריג האָט זיך דאַן נאָר־וואָס פאַרענדיקט. מיר האָבן נאָך נישט געוווּסט, צי ס'איז עמעצער לעבן געבליבן אין אונדזער אַלטער היים. דאַן האָבן מיר געהאָפט, אַז וויפל דער שונא זאָל נישט האָבן פאַרטיליקט, זענען דאָך געבליבן אייניקע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט און ס'איז נויטיק וואָס גיכער צו אָרגאַניזירן דאָס שיקן הילף.

עס האָט זיך באַלד קאָנסטיטואירט אַ צייטווייליקער קאָמיטעט אויף אָנצופירן מיט דער ווייטערדיקער אַרבעט. דער ערשטער צונויפטרעף איז פאָרגעקומען אין אויגוסט 1945. ס'האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם. אויפן דאָזיקן פאַמיליאַרן צוזאַמענקום איז אויסגעווײלט געוואָרן די פאַרוואַלטונג פון דער לאַנדסמאַנשאַפט. אַלס



קבוצה מבני העיר והסביבה ומשפחותיהם בארגנטינה במסיבה לכבוד מדינת ישראל

א גרופּע ליבעוונער און אומגעגנט מיט זייערע פאַמיליעס אויף אַ פייערונג לכבוד מדינת ישראל

פאַרזיצער איז אויסגעקליבן געוואָרן נחום צימערבוים; וויצע־פאַרזיצער — יוחנן באַרגרוים; סעקרעטאַר — זעליק פייגין, און אַנדערע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער, ווי אויך אַ רעווידיר־קאָמיסיע.

אויף דער ערשטער זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג איז, נאָך אַ לענגערער דעבאַטע, באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער פאַראיין זאָל זיך רופן „לאַנדסלייט־פאַראיין פון ליבעונע, אָפּאָלין און אומגעגנט". דער נאָמען אָפּאָלין איז צוגעגעבן געוואָרן צוליב דער גרויסער צאָל אָפּאָלינער, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין ליבעוונער פאַראיין.

דעם 7־טן אָקטאָבער פון זעלביקן יאָר האָבן מיר דורכגעפירט דעם ערשטן יזכור־אָוונט נאָך אונדזערע קדושים. אויפן זעלבן אָוונט האָבן מיר פּראָקלאַמירט וועגן דעם הילפס־קאַמפּיין פאַרן יאָר 1946. און גלייך אויפן פלאַץ האָבן זיך די לאַנדסלייט באַשטייערט אויף אַ סומע פון 3.000 פּעזעס. במשך פון יאָר האָבן מיר צונויפגעזאַמלט 5.000 פּעזעס (פיר פּעזעס איז גערעכנט אַ דאָלאַר).

אין ערשטן יאָר פון זיין טעטיקייט האָט אונדזער פאַראיין דורכגעפירט עטלעכע פאַמיליען־צוזאַמענקונפטן און אַ קינאָ־אונטערנעמונג, וואָס האָבן נישקשהדיק פאַרגרעסערט אונדזער הילפס־קאַסע. עס פלעגט אויך געזאַמלט ווערן געלט פאַר די פּליטים אויף יעדער שמחה פון אונדזערס אַ לאַנדסמאַן. מיר האָבן אויך נישט געקאַרגט קיין געלט און מי צו שטעלן זיך אין קאָנטאַקט מיט די בני־עיר פון ישראל, פון ניו־יאָרק און אַנדערע ערטער, בכדי עפּעס זיך דערוויסן פון אונדזער שאַרית־הפליטה. ביסלעכוויז, צוערשט פון איינצלנע און דערנאָך פון צענדליקער, האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען בריוו פון לעבן־געבליבענע ליבעוונער.

די ערשטע גרויסע ליסטע פון 170 גוראַטעוועטע האָט אונדז צוגעשיקט פון ארץ־ישראל נתן סאָבעל, צוזאַמען מיט אַ גרויסן „איכה"־בריוו פון 30 געדיכט־געשריבענע זייטן, ווו ער האָט איבערגעגעבן אַלע איינצלהייטן פון די גרוילטאָטן און שחיטות פון די נאַציישע, אוקראַינישע און פּוילישע מערדערס איבער די טייערסטע אין אונדזער היימשטאָט. מיר האָבן אָבער נאָך אַלץ נישט געהאַט די אַדרעסן פון די געראַטעוועטע און ממילא נישט געקאָנט שיקן קיין דירעקטע הילף. אין אויגוסט 1946 האָבן מיר אַוועקגעשיקט 125 ענגלישע פונט צום ליבעוונער לאַנדסלייט־פאַראיין אין ישראל, כדי זיי זאָלן דירעקט העלפן אונדזערע פּליטים, וואָס קומען אַהין.

אין דער זעלביקער צייט האָבן מיר אויך נישט פאַרנאַכלעסיקט די לאָקאַלע הילף פאַר אייניקע אָרעמע לאַנדסלייט. מיר האָבן אויך געהאָלפן מיט געלט מאַכן אַרויספאָדערונגס־פּאַפּירן פאַר זייערע קרובים מעבר לים. אין 1947 זענען מיר שוין געשטאַנען אין שריפטלעכן קאָנטאַקט מיט העכער 40 ליבעוונער פּליטים, וואָס האָבן זיך געפונען אין פּוילן, איטאַליע, ארץ־ישראל, דייטשלאַנד, און מיר האָבן זיי אַרויסגעשיקט פּעקלעך און געלט־מתנות.

ביים פאַראיין האָט זיך מיט דער צייט געשאַפן אַ דאַמען־קאָמיסיע פון די פרויען מינאַ סטיער, רחל שילדערגעמיין, סאָפיע גערשנצווייג, דאָראַ באַטער און אַנדערע, וואָס האָבן צוגעהאָלפן צום דערפאָלג פון אונדזערע צוזאַמענקונפטן און אָנטייל גענומען אין דער הילפס־אַרבעט.

תחילת האָבן מיר זיך אָנגעשלאָסן אין דער פעדעראַציע פון לאַנדסמאַנשאַפטן, וועלכע מיר האָבן שפּעטער פאַרלאָזן, צוליב חילוקי־דעות אין נאַציאָנאַלע ענינים.

נאָכן פּראָקלאַמירן די גרינדונג פון מדינת ישראל דורך די יונייטעד נייישאָנס אין נאָוועמבער 1947 האָבן מיר געפייערט דעם גרויסן יום־טוב אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג, אין וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען 300 לאַנדסלייט.

די וויטערדיקע נאָטיץ אין בוענאָס־איירעסער טאָגצייטונג „די פּרעסע" גיט אַ פאַרשטעלונג פון דער פייערלעכער שטימונג, וואָס האָט באַהערשט די חברים פונעם ליבעוונער פאַראיין, ווי אויך זיין פּראַקטישע הילפס־טעטיקייט:

„דעם 14־טן דעצעמבער 1947 איז ביי אַ פול־געפאַקטן זאַל פאַרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג לכבוד דעם צווייטן געבוירן־טאָג פון אונדזער פאַראיין. דער פּרעזידענט ג. צימערבוים דערעפנט דעם אַקט און רעדט וועגן יום־טוב, וואָס איז אויסגעפאַלן אין די גרויסע היסטאָרישע טעג פון דער גרינדונג פונעם יידנשטאַט. עס ווערט ספּאָנטאַן געזונגען די „התקוה" און פּאַרטיזאַנער־ליד. דער סעקרעטאַר זעליק פייגין דערמאָנט, אַז אַלע, וואָס האָבן זוכה געווען צו זיין ווייט פון היטלערס לאַפּעס און האָבן נאָך דערלעבט די גרינדונג פון אַ יידישער מלוכה, ליגט אויף זיי אַ טאָפּלטער חוב בייצוטראָגן מיט ענערגישע כוחות צו דער פאַרווירקלעכונג פון דער יידישער מלוכה.

דער פּרעזידענט לייענט נאָכדעם אָן אויספירלעכן באַריכט פון די צוויי יאָרן פאַראיין און הילפס־אַרבעט. עס ווערט אָנגעוויזן, אַז פאַר דער צייט האָט מען אַרויסגעשיקט צו די פּליטים 54 פּעקלעך און געלט־זענדונגען אויף אַ באַטרעף פון זעקס טויזנט פּעזעס, און העכער פופצן הונדערט פּעזעס פאַר היגע אָרעמע לאַנדסלייט. עס זענען אויך געגעבן געוואָרן טויזנט פּעזעס פאַרן זיבן־מיליאָן־קאַמפּיין, 100 פּעזעס פאַרן יידישן שפּיטאָל, 100 פּעזעס פאַר דער פּרץ־אַקציע פון ביכער, 100 פּעזעס פאַרן יתומים־הויז אין פּאַריז; 200 פּעזעס

פאַרן קאָמיטעט פון קרעמאנא און נאָך פיל קלענערע באַשטייערונגען פאַר אַנדערע נויטבאַדערפטיקע אינסטיטוציעס. דער באַריכט איז שטאַרק אַפּלאַדירט געוואָרן".

אַזוי האָט זיך געצויגן די אַרבעט שיינע עטלעכע יאָר. די פאַרוואַלטונג איז די גאַנצע צייט געבליבן כמעט די זעלביקע, מיטן אויסנאָם פון קאַסירער־אַמט. דאָס צווייטע יאָר פון פאַראיין ביז די לעצטע יאָרן איז געווען קאַסירער דער אַפּאָלינער בערנאַרד גערשנצווייג. עטלעכע יאָר איז פאַרזיצער פון פאַראיין געווען יוחנן באַרגרום ע"ה. ווען דער שרייבער פון די שורות איז געווען פאַרזיצער איז לעאַן פורמאַן געווען דער סעקרעטאַר.

אַזוי האָט זיך געצויגן די אַרבעט פון פאַראיין אַ שיינע עטלעכע יאָר אונטער דער אָנפירונג פון דער אַלטער פאַרוואַלטונג.

אין די לעצטע יאָרן איז די טעטיקייט אָפּגעשוואַכט געוואָרן צוליב פיל סיבות. די לאַגע פון די זיך געראַטעוועטע לאַנדסלייט האָט זיך נאָרמאַליזירט. יעדער איינער פון זיי האָט זיך איינגעאָרדנט אין זיין נייעם היימלאַנד, ישראל, אַרגענטינע, אַמעריקע, און זיי האָבן מער נישט געדאַרפט אונדזער הילף. מיר אַליין, אַקטיוויסטן, זענען עלטער געוואָרן, און עס האָט זיך געדוכט, אַז מיר האָבן אונדזער אויפגאַבע שוין דערפילט.

אַ נייע ווענדונג אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פון ליבעוונער פאַראיין איז פאַרגעקומען מיטן גרינדן די הלוואות־קאַסע אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות.

דער נייער קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוו איז יורידיש אָנערקענט געוואָרן דורך דער אַרגענטינער רעגירונג אונטערן נאָמען „לאַ ליבעראַל".

די אויפגאַבע פון קאָאָפּעראַטיוו איז געווען צו דערמעגלעכן הלוואות די מיטגלידער, בכדי זיי זאָלן קאָנען אויפשטעלן אַ פרנסה פאַר זיך, אָדער פאַרגרעסערן זייער געשעפט און אַמאָל אויך זיך העלפן אין אַ שווערער פינאַנסיעלער לאַגע.

אַלע טעטיקע לאַנדסלייט אין דער לייטונג פון קאָאָפּעראַטיוו האָבן געאַרבעט וואָלונטער און האָבן אָפּגעגעבן זייער צייט און ענערגיע פאַר דעם צוועק.

עס איז כדאי צו אונטערשטרייכן די איבערגעגעבנקייט פון פרעזידענט פון קאָאָפּעראַטיוו יוחנן באַרגרום און בוכהאַלטער דוד שער, וועלכע האָבן אויפגעשטעלט דעם קאָאָפּעראַטיוו אויף אַ געזונטן יסוד און אָפּגעהיט זיינע אינטערעסן.

היינט פירט אָן מיט דער טעטיקייט פון קאָאָפּעראַטיוו יוסף שיכט און גלייך ווי די פאַריקע אָנפירער זאָרגט ער נאָכפאָלגן די טראַדיציע, דער קאָאָפּעראַטיוו זאָל דערמעגלעכן ווער עס נייטיקט זיך און ספּעציעל אַ לאַנדסמאַן.

אין די היסטאָרישע טעג פון יוני 1967 האָט דער קאָאָפּעראַטיוו זיך באַטייליקט מיט אַ גרעסערער סומע געלט פאַר מדינת ישראל.

וועלוול רויזמאַן

די אנטשטייאונג און טעטיקייט פון דער ליבעוונער סאָסייטע אין ניו־יאָרק

די ליבעוונער אונטערשטיצונג וואָלינער „סאָסייטע (פאַרבאַנד) אין ניו־יאָרק איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1906.

די דאַטע איז אָנגעגעבן אין דעם רעגולאַמין, וואָס איז שפּעטער דערשינען, ווען בעני שיינגאַרטען האָט איבער־גענומען די פירערשאַפט פון דער סאָסייטע. די דאָזיקע דאַטע דערשיינט אויך אויף אַן אונטערגעשריבענעם קאָנ־טראַקט מצד די סאָסייטע פון איין זייט און די „יונאַיטעד־היברו סעמעטערי" (בית־עולם) ריטשמאַנד סטעטען איי־לאַנד פון דער אַנדערער זייט.

דאָס איז, אגב, דער איינציקער דאָקומענט וואָס איז פאַרבליבן פון יענער צייט. לויט ווי יענער דאָקומענט זאָגט, זאָל די סאָסייטע דאַן האָבן געקויפט אַ שטיקל לאַנד פאַר אַ בית־עולם פון די „יונאַיטעד היברו סעמעטערי" ריטש־מאַנד סטעטען איילאַנד, פאַר דעם פּלאַץ האָבן זיי באַצאָלט 1000 (טויזנט) דאָלאַר און האָבן דאָס אויסגעצאָלט צו 100 (הונדערט) דאָלאַר יעדן מאָנאַט. אויפן קאָנטראַקט איז אונ־טערגעשריבן דער דעמאָלטיקער פּרעזידענט פון דער סאָ־סייטע: ט. שניידמיל און דער סעקרעטאַר יונה ביאַליש.

די סאָסייטע האָט זיך דעמאָלט גערופן — „ליבעוונער וואָלינער אונטערשטיצונגס־פאַראיין". וויפל מיטגלידער זע־נען דעמאָלט געווען איז נישט באַוווּסט, ווייל קיין שום פּראָטאָקאָלן פון יענער צייט זענען נישטאָ און אַלע מיט־גלידער פון יענער צייט זענען שוין אויפן עולם האמת.

אַ שטיקל צייט שפּעטער האָבן זיך אַ טייל לאַנדסלייט אָפּגעטיילט באַזונדער. דאָס זענען געווען די מער רעליגיעזע אָרטאָדאָקסן וועלכע האָבן געשאַפן אַ באַזונדערע אָפּטיילונג און זיך אַ נאָמען געגעבן: די „שומרי שבת" — זיי עקזיס־טירן ביזן היינטיקן טאָג און האָבן זייער אייגענע שול.

אַ צווייטע גרופּע האָט זיך אָפּגעריסן און געמאַכט שבת פאַר זיך. זיי רופן זיך: „ליבעוונער יאַנג־מען", אַן אָפּטיי־לונג פון „אַרבעטער רינג". זיי האָבן זייער לאָקאַל און זע־נען טעטיק ביזן היינטיקן טאָג.

אין יאָר 1911 איז פּיוול ווערביש געווען פּרעזידענט און יעקב לישנער סעקרעטאַר.

פון די איינצלנע עלטערע לאַנדסלייט, וואָס געדענקען נאָך עפּעס פון יענער צייט זענען פאַרבליבן עטוואָס זכרו־נות פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ס'איז אַ פאַקט, אַז אין די יאָרן פון קריג, 1914—1918, האָט די סאָסייטע פונק־ציאָנירט. פון יענער צייט איז כדאי צו דערמאָנען אַ וויכ־טיקן אַקט פון דער סאָסייטע טעטיקייט:

נאָכדעם ווי די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט און איי־דער די לאַגע אין אייראָפּע האָט זיך סטאַביליזירט, האָבן געוווילדעוועט אין אוקראַינע אָרגאַניזירטע באַנדעס און פאַגראָמירט יידישע ישובים. אין וואָלין זענען געווען טע־טיק די „באַלאַכאָוועצעס". זיי פלעגן באַפאַלן דערפער און שטעטלעך ווו יידן האָבן געוווינט, אומברחמנותדיק אויס־געשאָכטן אַלע יידן און צעראַבעוועט זייער האָב און גוטס. געווען אַ סך וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט און האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין ליבעוונע. אָבער אויך ליבעוונע איז גע־ווען באַדראָט.

אין יאָר 1919 איז אייבי (אברהם) קאהן געפאָרן קיין ליבעוונע אויף אַ לוסט־רייזע; די סאָסייטע האָט דעמאָלט מיט אים מיטגעשיקט 1.200 דאָלאַר (טויזנט צוויי הונדערט) צו העלפן די געליטענע פון די פאַרגאָמען וועלכע האָבן זיך זייער גענויטיקט אין הילף. אין ליבעוונע גופא האָט זיך דעמאָלט געהאַט געשאַפן אַ קאָמיטעט מיט הרב ר' אסיאַלקע בראש. אין דעם קאָמיטעט זענען אויך געווען מיטגלידער די רבנים: ר' לייבוש לאַנדאַן און ר' לייבל מלמד. דער קאָמיטעט איז אַ דאַנק דער פּראָטעקציע פונעם קשיאַנדז געקומען אין קאָנטאַקט מיט דעם פירער פון די „באַלאַכאָוו־צעס" און אים באַצאָלט 400 (פיר הונדערט) אַמעריקאַנער דאָלאַרן אויסלייז־געלט (דאָס איז געווען אין יענער צייט

אַ גרויסע סומע געלט) כדי זיי זאָלן אויסמיידן ליבעוונע. אַזוי איז ליבעווונע טאַקע אויסגעמיטן געוואָרן פון אַ פּאָג־ראָם אַ דאַנק די געלטער וואָס די ליבעוונער סאָסייטע האָט געשיקט.

אין יאָר 1918 איז יאָסע בוביש אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט און יעקב לערנער סעקרעטאַר.

די סאָסייטע פלעגט אויך אַלע יאָרן שיקן מעות־חיטים געלטער קיין ליבעווונע, פלעגט שטיצן די ליבעוונער תלמוד־תורה און אויך ניט פאַרגעסן סתם אָרעמעלייט וועלכע האָבן זיך געניטיקט אין הילף.

אין די 30־ער יאָרן האָט בעני שיינגאַרטען איבער־גענומען די פּירערשאַפט אַלס פּרעזידענט, לייבוש פעריצ־זאָן, וויצע־פּרעזידענט און קלמן קרעמער סעקרעטאַר.

זיי האָבן געשאַפן אַ רעגולאַמין וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין פאָרם פון אַ ביכעלע. דעמאָלט האָט די סאָ־סייטע באַקומען דעם נאָמען: „ליבעוונער וואָלינער אונ־טערשטיצונג סאָסייטי". דער רעגולאַמין איז באַשטאַנען פון 13 פּונקטן און פיל פּאַראַגראַפן.

די פּראָצעדור איז געווען זייער אַ שטרענגע. יעדער מיטגליד האָט געמוזט אָפּגעבן אַ שבועה ביים אַריינטרעטן אַלס מיטגליד, און איז אויך געווען מחויב אָננעמען אויף זיך די פליכטן וואָס דער רעגולאַמין האָט געפּאָדערט.

עס זענען דעמאָלט געווען 185 מיטגלידער און אַלע האָבן זיך גערופן: שוועסטער און ברידער. עלטערן האָבן געבראַכט זייערע קינדער און די קינדער זייערע קינדער.

אין יענער צייט האָט די סאָסייטע אַרומגענומען — כמעט — אַלע אַקטיוויסטן אין עפנטלעכן לעבן פון די לאַנדסלייט.

מיטינגען זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן צוויי מאָל יעדן מאָנאַט און פיר מאָל אַ יאָר זענען פאָרגעקומען גענעראַל־מיטינגען. אויף אַלע גענעראַל־מיטינגען זענען געזאַמלט געוואָרן פאַנדן פאַרן קינדער־קאַמפּיין און אַזוי פירט זיך ביזן היינטיקן טאָג. די, וועלכע האָבן באַלאַנגט צו דער סאָסייטע האָבן גענאָסן פון אַלע רעכט „בענעפיטס", וואָס די סאָסייטע האָט באַזיצט, ווי:

1) רעכט אויף אַ קבר אויפן בית־עולם (איבער 120 יאָר) און אַלע הוצאות מיט וועלכע די קבורה איז פאַר־בונדן.

2) די פאַמיליע פונעם פאַרשטאָרבענעם האָט גע־קריגן אַן איינמאָליקע סומע געלט. (איין דאָלאַר פון יעדן מיטגליד).

די סאָסייטע האָט געהאַט פאַרשידענע „קאָמיסיעס": אַ קראַנקן־קאָמיסיע, אַ פינאַנץ־קאָמיסיע און אַ חברה קדישא. אויב חלילה עמעצער איז קראַנק געוואָרן — איז ער באַהאַנדלט געוואָרן דורך דעם סאָסייטע־דאָקטאָר.

אַ ליי־קאַסע האָט פונקציאָנירט און איז געשטאַנען גרייט אַלע מאָל אָנטקעגן צו קומען יעדן נויט־באַדערפטיקן מיטגליד. די סאָסייטע־פאַנדן פלעגן אויך שטיצן די אָרו־מיקע לאַנדסלייט פון ניו־יאָרק — אַזעלכע וועלכע האָבן נישט געקאָנט באַצאָלן קיין דירה־געלט און אויך אַזעלכע וועלכע זענען נישט געווען אימשטאַנד חתונה צו מאַכן אַ קינד.

די סאָסייטע איז דעמאָלט געווען לאָקירט — 96 קלינ־טאָן סטריט. דאָס איז געווען אַ שול ווו מען האָט גע־דאַוונט יעדן שבת און האָט אויך גדינט אַלס לאָקאַל ווו די מיטינגען זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן.

אין 1935 האָט מען אויסגעוויילט אַ נייע פאַרוואַל־טונג און בעני שיינגאַרטען איז ווידער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט, ישראל פרידמאַן, וויצע־פּרעזי־דענט און קלמן קרעמער — סעקרעטאַר.

מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין יאָר 1939 איז דער קאָנטאַקט צווישן דער סאָסייטע מיט ליבעווונע איבערגעריסן געוואָרן. מיט די פיל פאַרניכטעטע יידישע קהילות אין אייראָפּע, איז אויך חרוב געוואָרן אונדזער שטעטעלע ליבעווונע.

אונדזערע עלטערן, שוועסטער און ברידער זענען אויסגהרגעט געוואָרן און אַלץ וואָס איז געווען יידיש איז אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל.

די איינצלנע — על פּי נס געראַטעוועטע און לעבן־געבליבענע נאָך דעם חורבן — זענען געווען אין די „די־פּי"־לאַגערן און זענען סוף כל סוף עולה געווען קיין ישראל.

אין יאָר 1948, ווען די יידישע מדינה איז געבוירן געוואָרן, האָט די יונגע „ישראל" קיין סך נישט געקאָנט געבן די נייע אימיגראַנטן וועלכע האָבן געמוזט אָנהויבן אַ ניי לעבן מיט „ליידיקע הענט".

אין יאָר 1948, נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל, האָט די סאָסייטע אויף אַ ספּעציעלן מיטינג אויס־געוויילט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע מיטן צוועק צו שאַפן פאַנדן און שיקן הילף און פּעקלעך קיין ישראל פאַר די ניי־אָנגעקומענע עולים־לאַנדסלייט. אין דער קאָמיסיע זע־נען אויסגעוויילט געוואָרן: נח צימערבערג, משה קריש־טאַל, נייטען אייגער און הערשל גערשענגאָרן.

אין יאָר 1956 האָט די סאָסייטע אָפּגעדונגען אַ שו־לעכל פון די טשעכאַנאָווער סאָסייטע אויף 74 נאָרפאָלק סט. נ. י. אַלע שבת פלעגט מען דאָרטן דאַווענען און האָט אויך גדינט אַלס אַ זאַל ווו מען פלעגט אָפּהאַלטן די מיטינגען.

אין יאָר 1961 האָט די סאָסייטע מיטגעשיקט מיט נייטען אייגער 800 (אַכט הונדערט) דאָלאַר פאַר דער ישראלדיקער ליי־קאַסע. שפּעטער נאָך אַ מאָל די זעלביקע סומע מיט ראובן שניידער ע"ה און ווידער מיט וועלוול

שיינוואַלד ע"ה פאַר דעם זעלביקן צוועק. אויך אין 1967 האָט די סאָסייטע מיטגעשיקט מיט נייטען אייגער און אביגדור גערשענהארען 1.000 דאָלאַר פאַר דער ישראלדיקער ליי־קאַסע.

אין יאָר 1962 איז בעני שיינגאַרטען געשטאָרבן. די סאָסייטע האָט פאַרלוירן אַ טיכטיקן מענטש. בעני שיינגאַרטען האָט געדינט דער סאָסייטע געטריי און איבערגעגעבן, ווי מ'זאָגט: „מיט לייב און לעבן" גאַנצע 30 (דרייסיק) יאָר. פרעזידענט איז דעמאָלט געוואָרן ישראל פרידמאַן. דאַראַגוסקער — וויצע־פּרעזידענט.

נאָך די וואַלן אין יאָר 1964 איז ישראל פרידמאַן ווידער אַ מאָל אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט, נייטען אייגער און שאפּירא — וויצע־פּרעזידענטן, אביגדור גערשענהאָרן — קאַסירער. אין 1965 זענען פאָרגעקומען נייע וואַלן און נייטען אייגער ווערט אויסגעוויילט אַלס פּרעזידענט, אפרים לערנער וויצע־פּרעזידענט, אביגדור גערשענהאָרן — קאַסירער.

אין זעלבן יאָר האָט די סאָסייטע געקויפט אַ שטיקל לאַנד אין בית־אל סעמעטערי (בית־עולם) אין סידנער פּאַרק, ניו־דזשאַרדזשי; דאָס איז אונדזער נייער בית־עולם, ווייל דער אַלטער בית־עולם אין סטעטען איילאַנד איז כמעט ווי אָנגעפילט. דער פּלאַץ האָט געקאָסט 20.000 (צוואַנציק טויזנט) דאָלאַר.

שפּעטער מיט אַ יאָר, ד. ה. אין 1966, האָט די סאָסייטע זיך איבערגעצויגן פון נארפאלק סטריט אין דעם פּאַרומורטס בילדינג אויף 175 איסט בראָדוויי. דאָס אַרויסציִען זיך פון נארפאלק איז געווען אַ נויטווענדיקייט. די עלטערע יידן וואָס האָבן דאָרטן געוווינט זענען ביסלעכווייז אויסגעשטאָרבן, די יינגערע האָבן זיך אַרויסגעצויגן אין בעסערע געגנטן.

דאָס שולעכל איז געבליבן שטיין פּוסט, די ספרי־תורה האָט מען נישט גענוצט.

ניין ספרי־תורה זענען געווען, צוויי פון די ניין האָט מען איבערגעשיקט קיין ישראל מיט הרב ר' אליהו פרידמאַן, וועלכער איז איצט אַ תושב ירושלים. די איבערגעבליבענע זיבן האָבן געשאַפן אַ פּראָבלעם. די סאָסייטע האָט גערופן אַ ספּעציעלן מיטינג און אונדזער פּרעזידענט נייטען אייגער האָט זיי אָפּגעקויפט פאַר 2100 (צוויי טויזנט מיט הונדערט) דאָלאַר, און שפּעטער זיי איבערגעשיקט קיין ישראל.

אָנפאַנגס 1969 זענען פאָרגעקומען וואַלן און ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייע פאַרוואַלטונג:

נייטען אייגער — פּרעזידענט
ישראל פרידמאַן — וויצע־פּרעזידענט
אביגדור גערשענהאָרן — קאַסירער
וועלוול רויזמאַן — רעקאָרדינג סעקרעטאַר
שעכטער — סעקרעטאַר

און דאָס איז די פאַרוואַלטונג ביזן היינטיקן טאָג. די צאָל מיטגלידער זענען אַן ערך 200.

ביים צוגרייטן צום דרוק דאָס אַרטיקל פון וועלוול רויזמאַן וועגן „די טעטיקייט פון ליבעוונער סאָסייטע אין אַמעריקע" איז אָנגעקומען פון ניו־יאָרק די טרויעריקע ידיעה וועגן זיין פּלוצימדיקן טויט.



וועלוול רויזמאַן ז"ל איז געווען איבערגעגעבן מיטן גאַנצן האַרץ דעם געדאַנק און פאַרווירקלעכונג פון אַרויסגעבן דעם יזכור־בוך פאַר אונדזערע קדושים, און איז געווען טעטיק אין דער רעדאַקציע־קאָלעגיום אין אַמעריקע.

זיינע אַרטיקלען אין יזכור־בוך זענען אַ וויכטיקער ביישטייער אין אויפשטעלן די מצבה פאַר אונדזער פאַרניכטעט געוואָרענער היים — לובאָמל.

צוזאַמען מיט זיין ברודער, משפחה און פריינד אין לאַנד און אין אויסלאַנד טרויערן מיר פאַר זיין פריצייטיקן טויט.

יהיה זכרו ברוך, תנצב"ה.

י. גרמי (גרימטליכט)

„וי להאי שופרא דבלי בארעה"
(בר' רבה, ה')

יקירנו יעקב הטמן ז"ל

קוים לדמותו הנאורה

יעקב נולד בשנת 1916 להוריו ר' שמואל צבי ומרים ז"ל בעיר לובומל. בביתם — בית של חסידים ואנשים אמידים — היו עוד חמשה ילדים — ארבעה אחים ואחות. (בשנות השואה הושמדה כל המשפחה, פרט לשריד אחד, הנמצא בארה"ב).

יעקב מתחיל ללמוד לימודי קודש ב„חדר" וממשיך לאחר מכן בבית המדרש בהדרכתם של גדולי התורה בעיר, הרב פנחס אוסלקה ור' דוד ויצפרוכט, ובישיבה. באותה עת הוא לומד לימודי חול בביה"ס „תרבות" ואחרי כן אצל מורים פרטיים.

בשנת 1931 נבחן יעקב בבחינות כניסה לישיבת „חכמי לובלין" ובו בזמן גם בבחינות כניסה לכתה ו' של הגמנסיה „מטעם הקהילה היהודית בחלם", בהנהלתו של ד"ר מיכאל הנדל. לאחר התלבטויות נופלת ההכרעה, ויעקב ממשיך את לימודיו בגמנסיה ולא בישיבה. לאחר מכן הוא עובר לגמנסיה של קלרה ארליך בקובל בה הוא מסיים את לימודיו בהצטיינות.

לאחר קבלת תעודת הבגרות נשאר עוד יעקב שנתיים בעיר והוא מתמנה למפקד בית"ר במקום.

בשנת 1936 עולה יעקב ארצה, מתחיל את לימודיו בפקולטה למדעי הרוח באוניברסיטה בירושלים ומסיימם בהצלחה בשנת 1940.

בתקופת לימודיו בירושלים הוא מתמנה למפקד בית"ר בעיר ומשנת 1939 משמש בתפקיד של חבר הועד החרדי של התאחדות הסטודנטים, מנהל את קופת המילווה וה־עזרה הדדית של התאחדות הסטודנטים בירושלים וכן משמש בתפקיד יו"ר הסתדרות הסטודנטים הרביזיו־ניסטים „יבנה" ו„יודפת". יעקב משתתף בעריכת כתב העת „משואות" ומפרסם בו מאמרים רבים, לוקח חלק



פעיל במחתרת של אצ"ל בימים ההם, כמפקד גונדת ה־סטודנטים, מפקד פלוגת הנוער ומזכיר המטה בירושלים.

בשנת 1942, ערב קרב אל־עלמיין והחשש לפלישת הגרמנים, מתמנה יעקב למפקד יחידת הריגול האנטי־נאצית של אצ"ל ומארגן את הרשת בירושלים.

ביולי 1944, בתחילת המרד של אצ"ל נגד הבריטים, נעצר יעקב ונשלח למחנה לטרון ואח"כ מוגלה ביחד עם ראשוני הגולים לאריתריאה, סודן וקניה, ומוחזק שם במעצר יותר מ־4 שנים — עד אוגוסט 1948. בתקופת המעצר הוא עורך עתון יומי בשם ,,גלות קניה", מייסד ועורך יחד עם חבריו למעצר כתב עת לעניני ספרות ומחשבה מדינית, ,,בדד", ואת ספר ,,המעצר והגלות".

בשובו ארצה מגלות קניה מתמנה יעקב לעורך ה־שבועון ,,חרות", ועם הופעתו כעתון יומי הוא משמש בתפקיד עורך פנים־ושבת ולאחר מכן כעורך לילה ראשי.

ב־1951 בא יעקב בברית הנישואין עם בחירת לבו אביבה שנהב־שינבין תבד"ל (מוסמכת האוניברסיטה ה־עברית בביוכימיה) וב־1952 נולדת בתם מרים.

בשנת 1949/50 משמש יעקב מורה להיסטוריה ול־עברית בגמנסיה הריאלית בראשון לציון ובשנים 1952/54 — בגמנסיה הרצליה בת"א. בד בבד עם מלאכת ההוראה ממשיך יעקב כעורך לילה ראשי בעתון ,,חרות".

באותו פרק זמן ניגש יעקב לבחינת הגמר במקצועו הראשי ,,היסטוריה של עם ישראל" ומקבל את התואר ,,מוסמך למדעי הרוח".

בתחילת 1956 זוכה יעקב במיכרז — לתפקיד מנהל של הוצאת הספרים ,,דביר" ומפסיק את עבודתו כעורך לילה של ,,חרות". באותה השנה נולד הבן שמואל, אח למרים.

בסוף 1957 חוזר יעקב לעתונאות — והפעם, כעורך לילה ראשי של העתון היומי ,,הבוקר", בו הוא ממשיך עד ינואר 1965.

מאוקטובר 1959 מתחיל יעקב בשעות היום הפנויות בעבודה נוספת במחלקת החינוך של עירית ת"א—יפו, בתורת עוזר פדגוגי לחינוך תיכון.

במרוצת הזמן מתמנה יעקב לתפקיד של מ"מ מנהל המחלקה לחינוך תיכון ומשנת 1969 — לתפקיד מנהל המחלקה לחינוך על־יסודי באגף החינוך של עירית ת"א—יפו. יעקב מפרסם מאמרים רבים בעתונות היומית ובכתבי עת שונים, עורך את כתב־העת ,,חינוך ותרבות" מטעם העיריה, ובד־בבד מכין את עבודת הדוקטוראט שלו ב־היסטוריה על הנושא: השל"ה הקדוש — אישיותו, פעלו והשפעתו. בשלוש השנים האחרונות, מאז שהוחלט על הוצאת ספר יזכור לזכרם של קדושי העיר לובומל, מתמסר יעקב בכל להט נפשו לעבודת קודש זו. מקבל על עצמו את התפקיד של עורך משנה לעריכת החלק בעברית, קובע את מסגרת הספר על מדוריו השונים, עומד בקשר הדוק עם העורך הראשי מר ב. כגן יבל"ח המתגורר בניו־יורק ועם חברי המערכת מבני העיר בארץ ובארה"ב.

בחודש מאי של שנת 1973 יצא יעקב יחד עם קבוצת אנשי חינוך לסיור השתלמות במוסדות חינוך בלונדון ולא חלפו אלא ימים מעטים והנה מגיעה כחתף הידיעה המרה והמדהימה על מותו: יעקב נספה בתאונת דרכים בלונדון אור ליום שלישי, י"ג באייר תשל"ג, 15.5.73. מזועזעים והלומים מכאב ויגון מלווים בני המשפחה וקהל רב של ידידיו ומוקיריו את יעקב ביום שישי, ט"ז באייר תשל"ג, 18.5.73 בדרכו האחרונה לבית הקברות בנחלת יצחק למנוחת עולמים.

איכה נתיתמה המשפחה ואנו — ידידיו ומוקיריו הרבים מבני עירו — בצורה כה מחרידה! מי פילל שכה ימר לנו הגורל ובספר זכרון זה שהשקיע בו כל כך הרבה ממרצו לזכר קדושי העיר נצטרך לבכות את מותו בלא עת?

כמה נעמת לנו, יעקב היקר! הלוא נתמזגו בך באורח פלא ובשלמות כה רבה תכונות נעלות של יהודי זקוף קומה ושוחר חרות לעמו; בעוז רוח ותושיה דבקת במטרה עד כדי מסירות נפש והקרבה עצמית; היית בכל דרכיך איש המעשה וההגשמה; נחלצת לכל משימה בלהט ובדב־קות בלתי רגילים; פרשת חייך דמתה לרקמה ססגונית, שזורה ושלובה מעשים נועזים בד בבד עם לימוד תורה ותרבות אנוש מלאת חן; ענוותן ואציל רוח היית. איך נגזרת מארץ החיים?!

חבל, חבל על דאבדין ולא משתכחין! תנצב"ה.

הבעת תודה

אנו רואים חובה להודות לכל החברים מבני העיר והסביבה בארץ ובחו"ל, שתרמו את חלקם, כל אחד לפי יכולתו, להוצאת הספר לאור.

יבוא על הברכה העורך הראשי מר ב. כהן, איש ניו־יורק, שנוסף לעריכה המקצועית המעולה של החומר באידיש, תרם לנו מפרי חקירתו ובקיאותו הרבה את הפרק המקורי והמקיף על תולדות קהילת יהודי לובומל — „די געשיכטע פון יידן אין לובאָמל", ועוד.

כבוד והוקרה לזכרו של חברנו המנוח יעקב הטמן ז"ל, שערך את החומר בעברית, קבע את מסגרת הספר למדוריו השונים, עודד והפעיל רבים מתוכנו לתת את ידם להצלחת הפעולה.

ועדת המערכת

אלה שמות קדושי לובומל והסביבה
שניספו בשואה

אויבנטאל אסתר און זון חנן
אויבנטאל ברוך, פרוי בתיה
אויבנטאל ראשקע און קינדער
אויבנטאל ישראל
הרב אוסלקה פנחס, פרוי פרידה
קינדער: מלך, יחיאל, גיטל
און רבקה
אוקושקא יוסף, פרוי פערל
(פון דער היים קאַפּלזאָן)
און קינדער
איטשע שמש (פון טריסקער שטיבל)
איידלמאן דוד, פרוי יוכבד
(פון דער היים פישמאן)
קינדער: משה, זלטקע, זלמן
און גאָלדע
איידלבערג בעריש, פרוי חנה
טאָכטער: מנוחה
איידלשטיין משה, פרוי פרידה
טאָכטער: בריינדל
אייזנבערג מענדל, פרוי שרה
זון: בנימין
אייזנמאן חיים (דער קוימענקערער),
אייכנהאָרן אברהם־לייביש,
פרוי ליבע און קינדער
אייכנבוים לייביש, פרוי און קינדער
איינבינדער משה, פרוי סימא
טאָכטער: חיסקע
אכטאלבערג זעליג, פרוי חיה
(פון פאָדגראָדנע)
אכטשטיין ליפּצי
פרוי און קינדער
אכטשטיין משה, פרוי בילצה
זון און טאָכטער
אכטשטיין יוסף, פרוי און קינדער
אלפאנט חיה

אלפאנט שלמה, פרוי חייה שיינדל
און קינדער
אלצטער שמואל אברהם, פרוי רייזל
און זון מרדכי
אלצטער יהונתן, פרוי בעלא
קינדער: חנה און אהרן
אלצטער משה, פרוי זלאטע
און קינדער
אלצטער יצחק, פרוי און קינדער
אלצטער פייגע־רחל, מאן
און קינדער
אלטער ברוך, פרוי און טעכטער
אלטער מאָטל (פון דאָרסק),
פרוי און קינדער
הײנהאָרן יצחק, פרוי און קינדער
ארמארניק פייוול, און פרוי
קינדער: ראָזא, ישראל, יעקב,
גיטל, ישראל, לייבל, יונה און שרה
אנגלענדער לייבל, פרוי רבקה
און קינדער
אסתרזאָן חיה
קינדער: הערשל און פייגע
אָפּאָלינער רפאל, פרוי שרה
אפשטיין רבקה
קינדער: לייבל, דבורה און חוה
אקסלראָד שעפטל, פרוי חייקה
אקסלראָד אהרן, פרוי חיה
טאָכטער: העניע
אָקסמאן משה, פרוי שרה
(פון דער היים גיטקליג)
קינדער: מוניש און שמואל
אָקערמאן מאניע, פרוי און קינדער
ארליך שרה
ארליך אברהם־יצחק, פרוי
און קינדער

ארליך לייבל און פרוי
ארליך שרה און טאָכטער
ארליך יעקב, פרוי פייגע
ארליך גרשון־הינך, פרוי מאטעל
זון: העשיל און שוועסטער
ארליך הערשל, פרוי אסתר־רייזל
קינדער: פראדל, פעסל און גאָלדע
אשר דער בלעכער, פרוי
און קינדער
באבאד משה, פרוי און קינדער
באום צינה (פון דער היים קרויט)
בראן חיים און זון שלמה
בראן ישראל און פאמיליע
בראן שמואל, פרוי חנה
בראן שלמה און פרוי
קינדער: הערשל און טובה
בראן מאנעס און פאמיליע
בראן אסתר און פאמיליע
בארנבוים הערשל און פאמיליע
בארנבוים חיים־מרדכי און פאמיליע
בארשטאט שמואל, פרויביילע
און קינדער
בארג ליבער, פרוי און קינדער
בארג יוסף, פרוי און קינדער
בארג אברהם־יצחק, פרוי
און קינדער
בוכלייזער פיניע, פרוי און קינדער
בוקאָווסקי לייב־הערש,
פרוי פריידיה (פון דער היים כץ)
און זון
באָקסער משה, פרוי ברכה
באָקסער שמואל, פרוי מאשא
קינדער: מאָטל און שרה
באָרנשטיין יוסף, פרוי און קינדער
ביאלאָגלאָווסקי אלי (קעפקע)
ביאלאָגלאָווסקי איזל
ביבער מאיר־חיים, פרוי און קינדער
ביבער יעקב־שלום, פרוי חוה
און קינדער
ביילינסאָן משה, פרוי
און קינדער
בלומען אהרן, פרוי שיינדל

בלומען יצחק־לייב, פרוי ביילע
קינדער: מרדכי, פסיה, מרים,
פייגע און חיה
בלומען יעקב, פרוי ציפורה
קינדער: יצחק, מרים־לאה,
חיים־צבי און גרשון
בלומענצווייג לייבוש, פרוי שרה
קינדער: רחל, איטע און דבורה
בלושטיין אליהו
קינדער: שייבע, ישעיהו, וועלוול,
משה, בתיה, רוזה, רחל און געניע
בלושטיין אהרון און פרוי
קינדער: פראדל, יעקב און חיה
בלושטיין מרדכי און פרוי
קינדער: גיטל, ראָזע, נתן, חנה,
עלקע, משה, מלכה און מנחם
בלושטיין יחיאל, פרוי חוה
און קינדער
בלעכער משה, פרוי רבקה
און קינדער
בלעכער הערשל, פרוי און קינדער
באלער יצחק, פרוי און קינדער
בארג שמואל, פרוי שיינדל
טאָכטער: יהודית
בארג נטע, פרוי טובה
קינדער: דבורה און יוסף
בערגער יוסף, פרוי און זון לייבל
בערגער ישראל און פרוי
בערגער שמואל און פרוי
בערגערבעסט נטע, פרוי און קינדער
בערגערבעסט ישראל, פרוי
און קינדער
בערגערבעסט חיים
בערגערבעסט אייזיק
קינדער: מאָטל, מרגלית, נטע
און צירל
בארגרום מעשיל, פרוי מאניע
זון: שורה
בארגרום חיים, פרוי ראָסיע
קינדער: פרידה, יואל און מלכה
בארגרום הערשל, פרוי איטע־לאה
קינדער: רבקה־לאה און יחיאל

באַרגרום שמואל, פרוי באַבטשע
און צוויי קינדער
באַרגרום גולציע
(פון דער היים קולטון)
און צוויי קינדער
ביאַלער נוטע, פרוי ברײַנע
טאָכטער: אסתר
ביאַלער יעקב
ביאַלער אברהם
ביאַלער יואל, פרוי שרה
ביאַלער ליבע
ביאַלער מעכל, פרוי און קינדער
ביאַלער קלמן, פרוי אסתר
און קינדער
בראַנדמאַן אהרן־יונה, פרוי
און קינדער
בראָנשטיין פישל, פרוי און קינדער
בראָנפעלד רייצע
בראָנפעלד שמואל
בראָנפעלד יעקב
בריוו ישראל, פרוי רבקה
און קינדער
ברייער מאיר, פרוי עטל
קינדער: צירל, רחל, חיה, פסיה
און רבקה
בריקמאַן יעקב, פרוי,
און קינדער
קינדער: אהרון, עזריאל און יצחק
בריקמאַן טעוול, פרוי און קינדער
גאירוואַלד דוד
קינדער: דאָבע, שמואל, בן־ציון,
גיטל און ירחמיאל
גאָלדהאַקער אברהם, פרוי עטל
קינדער: חיה, מאיר־חיים, צבי
און משה
גאָלדבורטן שמחה, פרוי
און קינדער
גאָלדבורטן שיינדל
זין: משה און פייוול
גאָלדבורטן אלי און פרוי
גאָלדהאַבער דוד, פרוי רחל
און קינדער

גאָלדהאַבער רבקה (קלינגלעכיס)
גאָלדהאַבער מיכאל, פרוי
און קינדער
גאָלדבערג יעקב, פרוי סאָסיל
גאָלדבערג נטע
קינדער: טובה, ישראל, מרדכי,
שרה, דוד און מלכה
גאָלדבערג שמעון, פרוי און קינדער
גאָלדבערג חיים־וואָלף, פרוי רנה
און קינדער
גאָלדבערג מרים און קינדער
גאָלדבערג יעקב, פרוי און קינדער
גאָלדבערג ציפע
(פון דער היים גערשענגאָרן)
גאָלדבערג פייגע, זון הערשל
גאָלדענזון לייזער, פרוי און קינדער
גאָלדפון יחיאל, פרוי
און קינדער
גאָלדמאַן דוד (אורקעס)
פרוי און קינדער
גאַרטנשוואַרץ משה־מאיר,
פרוי חוה
גאַרטנשוואַרץ יעקב, פרוי פייגע
און קינדער
גאָרטנשטיין משה־נוטל, פרוי
און קינדער
גאַרטנשטיין שמעון, פרוי ליובא
און קינדער
גאַרטנשטיין פיני, פרוי און קינדער
גאַרטנשטיין יענטע, טאָכטער חסיה
גאַרטנשטיין הערשל
גאַרטנשטיין יואל, פרוי חיה
(פון דער היים וואַקס)
גוטער אברהם, פרוי און קינדער
גוטער ישעיהו, פרוי און קינדער
גולדפון יצחק, פרוי פייגע
גונטשער אהרן, פרוי און קינדער
גונטשער אליהו, פרוי און קינדער
גורבאַטש משה, פרוי און קינדער
גורעביטש זלמן, פרוי ריבה
און קינדער
גיוואַנט פייוועלע, פרוי און קינדער

גיוואנט אברהם, פרוי און קינדער
גיישיס ראובן, פרוי סימא
און קינדער
גיטעליס זלטה־רחל
גיטעליס ישעיהו, פרוי גאָלדע
און קינדער
גיטעליס כאמקע און מאן
גיטעליס יוסף, פרוי און קינדער
גיטקליג שמואל, פרוי פעסיל
קינדער: אברהם, שמעון, סאָסל
און מרדכי
גיטקליג לאה
גיטקליק לייבל, פרוי און קינדער
גיטקליג שמואל און פרוי
גיטקליג יואל, פרוי פיה
(פון דער היים שוחט)
גיטקליג יהושע, פרוי טובה
קינדער: יואל, מונאש און אסתר
געלבורד הערשל
זין: אפרים און שעיה
געלבורד יונה, פרוי פערל
און קינדער
געלבורד עטקע (פון דער היים רייף)
גינזבורג יוסף, פרוי רחל
גינזבורג פייגע און קינדער
גינזבורג בערל, פרוי טובה
קינדער: פייגע און שמואל
גינזבורג אברהם, פרוי עלקע
(פון דער היים אייזנבערג)
טאָכטער: אילנור
גינזבורג פאליק, פרוי מלכה
קינדער: יואל, אסתר און בלומע
גינזבורג קלמן, פרוי און קינדער
גינזבורג יעקב, פרוי און קינדער
גלאָז אבא און פרוי
זין: בינעם און יעקב
געליבטער יצחק־דוד, פרוי דאָבע
געליבטער יעקב, פרוי עטל
און קינדער
גלייזער וואָווי, פרוי און קינדער
גלייזער אשר, פרוי און קינדער
גלייזער הינדע

גלייזער ליפצה, פרוי און קינדער
געלמאן משה
זין: בנימין און אייזיק
געלמאן שמואל־אברהם, פרוי חלצה
און זין
געלער חיה
געלער יאנקל, פרוי און קינדער
געלער מאָטל, פרוי און קינדער
געלער חיה (פון שאצק)
גראָסמאן הינדע
(פון דער היים בלושטיין)
און איר מאן
גרעבעלקיס יואל
קינדער: דבורה, פרץ און מלכה
גרובער לייביש, פרוי און קינדער
גרימאטליכט יצחק־מאיר,
פרוי רבקה
גרימאטליכט מרדכי
גרימאטליכט גדליה, פרוי שרה
זין: גרשון
גרימאטליכט אבא, פרוי גיטל
און קינדער
גרימאטליכט שרה (פרוי פון ליפע)
קינדער: גדליה, יצחק
און דבורה
גרימטליכט בעלא און קינדער
גרימאטליכט אליהו, פרוי רבקה
גרימאטליכט שמעון, פרוי חנה
זין: פנחס
גרימאטליכט אברהם, פרוי רחל
טעכטער: מינדל, רבקה און פייגע
גרימאטליכט מינדל־חיה
גרימאטליכט יהושע, פרוי
און קינדער
גרימאטליכט פיניע, פרוי
און קינדער
גרינוואקס יאנקל
קינדער: חנה, מענדל, חיה שרה
גרינוואקס אברהם, פאָטער
און שוועסטער
גרינשפאן גרשון, פרוי רבקה
און קינדער

גראנאטשטיין פנחס, פרוי חיה,
טעכטער: אסתר און אידא
גערשטנבליט שלמה און פרוי
גערשנבערג אברהם און פרוי
גערשנבערג שמואל און פרוי
טאָכטער: מאשא
גערשנבערג אהרן, פרוי
און קינדער
גערשנבערג משה
גערשגנאָרן אלי און פרוי
קינדער: פייגע און קלמן
גערשטיין נטע, פרוי חיה
גערשטיין שמואל־לייב, פרוי
און קינדער
גערשטנברויט לייבל, פרוי רויזע
קינדער: רבקה־ביילע, חנה, יחיאל,
פיניע און נאָך דריי קינדער
דאראגוסקער פייוול־דוד
קינדער: יענטע, לאה און חיים
דאראגוסקער לייביש
קינדער: חיה, יאנקל, זכריה,
פייוול, סימא, לאה און שייע
דאָרנבוים יוסף, פרוי מאיה
קינדער: שלום, מרדכי און מאשא
דאָרנבוים יוסף און פרוי
דאָבראָוואָדקא דוד, פרוי
און קינדער
דובעלמאן ישראל, פרוי
און צוויי קינדער
דובעצקי בנימין, פרוי טובה
דובעצקי נחום, פרוי העניע
טאָכטער: טובה
דובעצקי איצל, פרוי חסיע
זון: נחום
דובעצקי יצחק, פרוי חנה
קינדער: משה און מאטל
דובעצקי יהודית
קינדער: פראדיל און יעקב
דובעצקי אביש, פרוי הסיה
זין: נחום און משה
דוניץ משה־אידל
דוניץ יצחק
דוניץ אליהו, פרוי פייגע
טעכטער: ביילע־רבקה, טעמע
און גאָלדע
דימעדשטיין אברהם, פרוי
און קינדער
דענדעכיס יעקב, פרוי פריידע
קינדער: פישל, ראָזא און בנימין
דאניעוויץ וואָלף, פרוי בריינדיל
קינדער: נחום און רבקה
דאנציקער שמעון, פרוי און קינדער
האנדלסמאן נתן און פרוי
האנדלסמאן יצחק, פרוי און קינדער
האנדלסמאן מרדכי, פרוי לאה
האָניג ישראל־יוסף, פרוי פייגע
קינדער: חיים, יעקב, חיסקע
און מאיא
האָניג איציק, פרוי און קינדער
האָניג פישל, פרוי מאשע
און קינדער
האָניג מאיר, פרוי און קינדער
האסטיק בעריש, פרוי בלומע
קינדער: חיים־לייב, יעקב, נחום
מרים, לייבוש און בערל
האסטיק מרדכי, פרוי און קינדער
האפעלדמאן זשעניא
אדוו. העלפמאן, פרוי לוסיע
(פון דער היים האפעלדמאן)
האק בנימין, פרוי און קינדער
האק בן־ציון, פרוי און קינדער
האק חיים־יוסף, פרוי און קינדער
האק איצי, פרוי און קינדער
האס סאני און פרוי
הובערמאן שמואל־לייב, פרוי גיטל
קינדער: אייזיק, ריילה
און שוועסטער
הובערמאן ישעיהו, פרוי
און טאָכטער פעסל
האָרנשטיין דינה
טעכטער: חנה און רחל
הוז יעקב און פרוי
הוז משה
הוז שלמה, פרוי טעמע און קינדער

האַרנשטיין פנחס, פרוי פייגע
קינדער: טעלצע און יצחק
הייביש לאה (פון דובענקאָ)
היילבירט יונה, פרויביילע
און קינדער
היילבירט יצחק, פרוי ביילע
טאָכטער: חנה
היילבירט שלמה, פרוי און קינדער
הירשנהאָרן ברוך, פרוי פרומע
און קינדער
העטמאן שמואל־צבי, פרוי מרים
קינדער: פייגע, משה, חיים־זאב
און אריה־לייב
געטמאן חנה מיט אכט קינדער
(פון נודיזש)
הערש טראַטש (דער באגרעבער)
וואלק יעקב, פרוי שרה
טאָכטער: מלכה
וואלבושיס אלי, פרוי ריקל
טעכטער: סאָסי און יענטע
וואָלבושיס שעפא, פרוי מאיא
טעכטער: רייזל און יענטע
וואָלבושיס אברהם־יצחק,
פרוי מרים
קינדער: משה און דאָבע
וואָלבושיס משה, פרוי און קינדער
וואלבושיס בן־ציון, פרוי חוה
טעכטער: לאה, פרידה, עלקע
און אסתר
וואלבושיס אליהו
קינדער: ראובן, לאה, לייבע,
משה און פערל
וואקס אסתר
(פון דער היים פרעכטער)
ווידרא מיכאל, פרוי און קינדער
ווידרא זלמן, פרוי און קינדער
ווידרא נחום און פרוי
ווידרא מוניש, פרוי און קינדער
ווידרא אליהו, פרוי און קינדער
וויינשלבוים אהרן, פרוי אסתר
וויינשלבוים אלתר, פרוי און קינדער
וויינשלבוים זכריה, פרוי און קינדער

וויינשלבוים זלאטע און קינדער
וויינשלבוים גיטל און קינדער
וויינשלבוים יעקב, פרוי און קינדער
וויינריב מאָטל, פרוי און קינדער
וויינגארטן שמואל, פרוי עלקע
קינדער: משה און שיינדל
וויסבערג שלום, פרוי ביילע
טאָכטער: חנה
וויצפרוכט דוד, פרוי נחמה
וויצפרוכט מאיר־יצחק, פרוי חיה
קינדער: יעקב און רחל
ווינער דוד, פרוי און קינדער
ווישניץ חיים־העשיל, פרוי פריידה
קינדער: יצחק און מרים
ווערבער שמערל, פרוי העניע
קינדער: גרוינעם און מאכלע
ווערבער יונה, פרוי און קינדער
וויינשטיין משה, פרוי יהודית
וויינשטיין שמואל, פרוי מאשא
טאָכטער: חיניע
וויינשטיין יעקב, פרוי און קינדער
וויינשטיין זלמן, פרוי און קינדער
וויינשטיין אשר, פרוי און קינדער
וויינשטיין אברהם, פרוי און קינדער
וואלדגייער ישראל, פרוי חנה
קינדער: גיטל, יאָסל, לייבוש משה
וויין פישל
ווייסמאן מרדכי, פרוי און קינדער
ווייסמאן הערש, פרוי און קינדער
ווייסמאן ליפצע, פרוי און קינדער
ווייסמאן משה, פרוי און קינדער
ווייצמאן יצחק, פרוי חיה־שרה
קינדער: לייבע, טובה און דבורה
ווייצמאן יצחק, פרוי אסתר
(פון בערזשעץ)
קינדער: בן־ציון, שמואל, סימא
און שיינדל
וועקסלער לייבע, פרוי מרים
קינדער: אברהם, פישל, רחל
און פרידה
וועקסלער ישעיהו, פרוי יענטע
טעכטער: ראָזא, טעמע און חנה

וועקסלער שרה
ווערבלא יעקב פרוי ליפשע
(פון דער היים בראָנשטיין)
און קינדער
וורשניטער הינאָך, פרוי יענטע
טעכטער: ריבצה, פאָלא, לאה
און זייערע פאמיליעס
ווייקוס שמואל, פרוי און קינדער
(פון דער היים מארין)
זאגעלבוים אברהם, פרוי און קינדער
זאגעלבוים לייבל, פרוי און קינדער
זאץ יוסף, פרוי איטע
זין: אשר־לייב, יעקב, ישראל,
אפרים און שמעון
זומערפעלד אסתר־בילה
טעכטער: חיה, ברכה, שרה, רייזל
און איידל
זילבער שיינדל, מאן און קינדער
זיגלמאן סימא
זיגלמאן יוסף, פרוי שיינדל
און קינדער
זיגלבוים רייזל
זייד בריינדל, טאָכטער: זשעניא
זייד יעקב, פרוי און קינדער
זייד דוד, פרוי און קינדער
זיידל יעקב, פרוי אסתר
זילבערבלעך גדליה, פרוי הענצי
קינדער: פייוול, ראָזא
און נאָך צוויי קינדער
זילבערבלעך שעיה־דוד, פרוי שרה
קינדער: בראָניע, חנה, איר מאן
און קינד
זילבערמאן מלכה
טעכטער: שרה און העניע
זילבערמאן חיים־רפאל, פרוי שיינדל
קינדער: רחל, צבי און פסח
זילבערמאן משה, פרוי חנה
זין: מיכאל, יעקב
זילבערמאן דוד
קינדער: לאה, מיכאל, חנה
און רבקה
זילבערשטיין חיים, פרוי און קינדער

זילבערבערג יאנקל־הערשל,
פרוי און קינדער
זילבערבערג מוניש, פרוי און קינדער
זילבערבערג שמואל, פרוי
און קינדער
זילבערבערג יוסף, פרוי און קינדער
זייגערמייסטער בריינדל
(פון דער היים שטערנבוים)
זעלצער חנה, טאָכטער: סאָסיל
זעלצער יוסי, פרוי און קינדער
זייפער חיים־ברוך, פרוי און קינדער
חינענזאָן געציל, פרוי און קינדער
חינענזאָן יצחק, פרוי און קינדער
חינענזאָן יעקב, פרוי
און קינדער
חסיד חיים, פרוי און קינדער
חסיד משה און פרוי
קינדער: הערשל און גיטל
חוויעטקאָווסקי העניע
(פון דער היים קרויט)
טוזמאן ראובן, פרוי שרה
און קינדער
טחור מאיר, פרוי שרה
קינדער: חנה, רבקה, אברהם
און לאה
טייטלבוים הינדע
טייטלבוים יונה און פרוי
טייטלבוים מאיר, פרוי און קינדער
טייטלבוים יעקב, פרוי און קינדער
טייטלבוים יצחק, פרוי און קינדער
טייטלבוים מאיר־לייב, פרוי אסתר
קינדער:ביילע־גיטל, דבורה,
פרומע, יעקב, אביש און פרץ
טענענבוים אשר, פרוי און קינדער
טערנער נח, פרוי חנה און קינדער
טערנער מאָטל און פרוי
טערנער ישראל, פרוי און קינדער
טערנער יצחק און פרוי
טערנער נחום, פרוי און קינדער
טערנער בערל, פרוי און קינדער
טערנעד גדליהו, פרוי און קינדער
טערנער פייגע און מוטער

הרב טווערסקי ברוך, פרוי
און קינדער
טעסט ליפצה, פרוי און קינדער
טעסט ברוך, פרוי און קינדער
טעסט משה, פרוי פייגע
(פון דער היים שוסטער)
און קינדער
יארינקסבוים עמנואל, פרוי שרה
קינדער: פנחס און גאָלדע
יונה שמש (פון דער גרויסער שול)
פרוי ציפּע, זין דוד און שלמה
יוכט יצחק, פרוי און קינדער
יוכט אורי און פרוי
יוכט אברהם, פרוי און קינדער
יונג ברכה, זון: יצחק
יונג פייגע
כהן בן־ציון
קינדער: שרה, משה און שלמה
כ״ץ אליעזר, פרוי פרומע זון: יצחק
כ״ץ אברהם, פרוי טובה
קינדער: יעקב, מוניש, לאה
און פישל
כ״ץ משה, פרוי און קינדער
כ״ץ משה, זון פישל
כ״ץ בערל, פרוי קיילע
ראש ישיבה הרב כצמן נח, פרוי
און קינדער
לאנגער שמעון און פרוי
לאנגער זאב, קינדער: שיינדל, חנה,
חיים און אהרן
לאנדגייער אברהם, פרוי און קינדער
לאנדגייער יעקב, פרוי און קינדער
לאנדגייער מאיר, פרוי פייגה
און קינדער
לאנדגייער אשר און פרוי
לאנדגייער משה, פרוי סאָסל
און קינדער
לאַנדאָן גאָלדע־רבקה (הרבנית)
הרב לאַנדאָן אלתר בן־ציון,
פרוי שרה און קינדער
לאַנדאָן דוד, פרוי רחל
און קינדער

לאַנדאָן מאיר, פרוי פייגע
קינדער: הענצע און יצחק־ברוך
לאַנדאָן מעכל, פרוי פערל
און קינדער
לאנצמאן אברהם־יצחק,
פרוי זלאטע־רחל
קינדער: זיסל, פעסיל, מאָטל
און שיע
לאנצמאן רבקה־לאה
קינדער: אהרן, ניסן, אסתר, חנה
און משה
לאנצמאן אפרים
לאקס שמואל־זעליג
לאקס אברהם, פרוי זעלדע
זין: משה און שאול
לאקס יצחק, פרוי פייגע
און קינדער
לאקס חיים, פרוי בינע
און קינדער
לובוכינער לייבל, פרוי אסתר־ביילע
קינדער: משה, אהרן און פאני
לובוכינער אליעזר און פרוי
לובוכינער בינעם, פרוי און קינדער
לובוכינער אהרן, פרוי און קינדער
לוי צביה און קינדער
לוי ראובן, קינדער: פערל, שמואל,
יעקב, און פנחס
לוי חיסע און קינדער
לוקסענבורג מאָטל
קינדער: חוה, יענטע אסתר,
טעוול און סאָניע
לוקסענבורג יצחק, פרוי און קינדער
לייכטער לייבל
קינדער: שייבע, יהושע אברהם,
נחמה, קלמן און נפתלי
ליכטמאכער אהרן־לייביש, פרוי
און קינדער
ליכטמאכער אברהם, פרוי מלכה
טעכטער: הדסה, שרה, חייקע,
פערל און רחל
ליכטמאכער מאָטל, פרוי
און קינדער

ליכטנשטיין אברהם, פרוי חיה־שרה
און קינדער
ליכטנשטיין ישראל, פרויביילע
און קינדער
ליכטער יחזקאל, פרוי פסיה
זון לייבל
לינדנבוים מאַטל, פרוי און קינדער
לינדבוים ישראל, פרוי און קינדער
ליסטהויז לאה
(פון דער היים קרויט)
ליס יהושע, פרוי רחל און קינדער
ליפשיץ וועלוול, פרוי עטל
ליפשיץ הערשל־בנימין,
פרוי פייגע־בלומע
טעכטער: שרה רויזע און ביילע
ליפשיץ שמערל, פרוי שרה
טאָכטער טשארנע
ליפשיץ מענדל און פרוי
ליפשיץ לייזער, פרוי און קינדער
ליפשיץ שמחה, פרוי רבקה
און קינדער
ליפשיץ הרשלה, פרוי חנה
און טעכטער
ליפשיץ ישעיהו, פרוי און קינדער
לעמפערט משה, פרוי און קינדער
לעדער נח, פרוי און קינדער
לעדער ישראל, פרוי פעסיע
און קינדער
לעדערמאן טובה
לענצינסקי יצחק, פרוי און קינדער
לענצינסקי אליהו, פרוי העניע
קינדער: רחל, פרידה, מאשא,
מרים, טשארנע, מאַטל און פייגע
לענצינסקי אברהם, פרוי
און קינדער
לענצינסקי שמואל, פרוי און קינדער
לערנער יצחק, פרוי
קינדער: סימע און יעקב
לערנער פרומע
זין: אהרן, דוד און טאכטער
לערנער לייביש, פרוי רחל
זון: שמואל און טאָכטער

לערנער יעקב
קינדער: הינדע, ראָזא, אליהו,
פייע, סערל, חיה־מירל, בלומע
און שיינע
לעשטשעווסקי מאָטל, פרוי חיה
(פון דער היים האָרנשטיין)
מארגולין נחום
זין: משה, נוסי און יעקב
מורן דוד, פרוי רחל־גיטל
טעכטער: שיינדל און חייקה
מורן בערל, פרוי רחל און קינדער
מורפעלד זלמן, פרוי און קינדער
מוניק נח, פרוי און קינדער
מוניק גולציע און זון בנימין
מיידערדרוט יצחק, פרוי
און קינדער
מיידערדרוט בענצי, פרוי
און קינדער
מייזלס דוד, פרוי און קינדער
מייזלס יונה, פרוי חנה
מייזלס לייבל, פרוי און קינדער
מייזלס דוד און פרוי
קינדער: דבורה און צדוק
מעל שרה
מעל משה, פרוי און קינדער
מעל הענעך, פרוי און קינדער
מעל מרדכי, פרוי און קינדער
מעל מענדל, פרוי חיה און קינד
מעלער הירש
מעלער מלכה און מאן
מעלער פייוול און פרוי
קינדער: צבי, טובה, משה
מעלער קלמן, פרוי מאכלע
מילשטיין סענדער, פרוי
און קינדער
מילשטיין מאָטל און קינדער
מילשטיין דוד, פרוי און קינדער
מילשטיין חיים, פרוי און קינדער
מילשטיין אלי, פרוי און קינדער
הרב ר׳ לייבל מלמד (דער דיין),
פרוי פרומע און טעכטער
מלמד שמאי, פרוי און קינדער

מלמד משה, פרוי חנה־ליבע
און טעכטער
מלמד משה, פרוי בתיה
קינדער: שרה, חיה־צירל, ברוך
און אריה
מלמד לייבוש, פרוי עלקע
מלמד ישראל, פרוי צביה
קינדער: צבי, חנה און רחל
מלמד אשר, פרוי און קינדער
מלמד יוסף, פרוי און קינדער
מלמד ראובן, פרוי און קינדער
מלמד יעקב, פרוי און קינדער
מלמד אליעזר, פרוי און קינדער
מלמד אברהם (זון פון אליעזר)
פרוי און קינדער
מלמד משה, פרוי און קינדער
מלמד הערשל, פרוי פייגע
מלמד בנימין און פרוי
מלמד דוד, פרוי און קינדער
מלמד יצחק, פרוי און קינדער
מלמד חיים־וואָלף, פרוי און קינדער
מלמד הערשל, פרוי און קינדער
מלמד אברהם, פרוי און קינדער
מלמד פיניע (טשאָדעס), פרוי
און קינדער
מלמד מאיר (טשאָדעס), פרוי
און קינדער
מלמד פייגע (פון נודיזש)
מעלנציער מתתיהו, פרוי דינה
און קינדער
מעלניק בערל
מעלניק ברוך
מעלניק איצל
מעלצער דינה
(פון דער היים פרעגאל)
מאן און קינדער
מענדעלסאָן אלקנא (קוניע)
מענדלסאָן חיים, פרוי און קינדער
מענאקער יהושע
זין: אברהם־שעיה, מאָטל
און ישראל
מענאקער מאָטל, פרוי און קינדער

מעקלער ישראל, פרוי חנה
זין: חיים, לייבוש און שמואל
מעקלער דוד, פרוי און קינדער
מעקלער משה, פרוי און קינדער
מעקלער ראנטשע און מאן
מעקלער שמואל, פרוי מאיא
זין: מאָטל, הערשל און יוסף
מעקלער לייבוש, פרוי און קינדער
מעש שעיה און שרה
מעש הינדע
מעש שאול
מעש לייב
מעש מלכה
מעש ברוך
מעש משה
מעש אלתר
מעש מרדכי
מעש שלמה
מעש הערשל
מעש דוד
מעש סרול
מעש בענצי
מעש אברהם, פרוי רחל
קינדער: יצחק, יוכבד און סימא
מעש דוד, פרוי סוסי
(פון דער היים פישער)
און טאָכטער
מעשקיס מענדל, פרוי און קינדער
מעשקיס דוד, פרוי און קינדער
מעשקיס שמואל, פרוי און קינדער
מעשקיס אשר, פרוי און קינדער
משרת איצי, פרוי און קינדער
משרת חוה
משרת יוסף, פרוי און קינדער
משרת יעקב, פרוי און קינדער
משרת דן
נוימאן משה־מעכל, פרוי
און קינדער
נוימאן אברהם, פרוי בלומע
נוימארק פסח, פרוי לובא
ניעיזוועסני אהרן־יוסי, פרוי
און קינדער

ניעאיזוועסני נח, פרוי און קינדער
ניסענבוים יאשא, פרוי טשארנע
(פון דער הײם ליפשיץ)
טאָכטער חנה
נתנזאָן יעקב, פרוי בתיה
נתנזאָן יאָסל
נתנזאָן יואל
נתנזאָן ליבע
נתנזאָן מאָטל, פרוי מערי
און קינדער
נתנזאָן מאיר, פרוי און קינדער
נתנזאָן גאָלדע
סאמין מאָטל
קינדער: מלכה און גרשון
סאמין גאָלדע און צוויי קינדער
סאמין בנימין, פרוי און קינדער
סאָלאָווײטשיק גיטל
סאָלאָווײטשיק שמואל, פרוי מינדל
(פון דער הײם העלפאנד)
סאָלאָווײטשיק בצלאל
זין: משה, געצל, ברוך און שמשון
סאמעט שלמה, פרוי ליבע
סאמעט יוסף, פרוי און קינדער
סאמעט יצחק, פרוי גיטל
(פון דער הײם דובעצקי)
סאמעט שמעון, פרוי שרה
(פון דער הײם כ״ץ)
סאנינזאָן לײבל, פרוי און קינדער
סאנדלבוים יוסף, פרוי שרה
סאנדלבוים הערצקא, פרוי פערל
(פון דער הײם ליכטנבערג)
סאנדלבוים שמואל, פרוי
און קינדער
סאנדלבוים פרומע
סאנדלבוים מאיר פרוי צײטל
סאנדלשטײן אברהם, פרוי
און קינדער
סאנדלשטײן מאיר, פרוי פײגע
זין: מאָטל, אשר און משה
סאנינזאָן ברוך, פרוי און קינדער
סאנינזאָן יצחק
קינדער: רנה, דוד און סרול

סאנינזאָן לײב, פרוי און קינדער
ספארד משה, פרוי פײגע
זין: דוד און אהרן
ספארד בערקאָ, פרוי און קינדער
ספארד יעקב, פרוי טובה
קינדער: פעסיע, דוד און יוסף
סאָקאָל גרשון, פרוי דבורה
און קינדער
סאָקאָלאָווסקי חיים, פרוי
און קינדער
סויבל שלמה־חיים, פרוי בײלע
זין: משל און יאָסל
סויבל אברהם, פרוי בתיה
און קינדער
סויבל גרשון, פרוי דבורה
און קינדער
סוקאטשער מעכל, פרוי
און קינדער
סוקאטשער מאיר, פרוי און קינדער
סטומפל איצי, פרוי פערל
קינדער: פײגע, מרים, רײזל
און יהודה
סטומפל יוסף, פרוי און קינדער
סטענזשיריצער יהודה און פרוי
סטענזשיריצער פישל, פרוי
און קינדער
סטענזשיריצער לײביש, פרוי
און קינדער
סטענזשעריצער בעריש, פרוי
און קינדער
סטענזשעריצער פעסל און מאן
סטענזשעריצער סימא און פאמיליע
סטאָליאר יהושע, פרוי און קינדער
סטאָליאר טראטל און פאמיליע
סעגאל מרדכי, פרוי און קינדער
סערצוק יצחק־שלמה און פרוי
זין: דוד און אברהם
סערצוק הערשל און פרוי
סערצוק יאָסל, פרוי און קינדער
סערצוק חיים, פרוי און קינדער
ספאסוב אשר, פרוי און קינדער
ספאסוב יעקב, פרוי און קינדער

פאוורַאָזניק משה און פרוי
פאוורַאָזניק יהושע, פרוי
און קינדער
פאוורַאָזניק חנטשע־רייזל
פּאַלטורק גיטל
פּאַלטורק יוכבד
פּאַלטורק סימא
פאַלק משה־ראובן, פרוי זעלדע
קינדער: שמואל, חנה, הינדע,
פנחס, חיה, לאה און הילדא
פּאַלקאָוויטש חיים־הערש, פרוי שרה
און קינדער
פאלוך מאָטל, פרוי און קינדער
פאלוך לייביש, פרוי און קינדער
פאלוך בצלאל
פּאַמעראַנץ משה־בנימין,
פרוי יענטע־ביילע
פּאַמערנץ מאיר־חיים, פרוי רחל
פּאַמערנאנץ חיה
פּאַמעראנץ תנחום
פּאַמעראנץ משה
פּאַמערנאנץ טשארנע
פּאַמעראנץ גיטל
פּאַמעראנץ עטיע
פּאַמעראנץ זיינוויל
פּאַמעראנץ ישראל־ברוך
פּאַמעראנץ מאשקע
פּאַמעראנץ ישראל־מרדכי,
פרוי פרומע
פּאַמעראנץ שיינדל־טעמע
פּאַמעראנץ טראַטל, פרוי כאסיע
פּאַמעראנץ אברהם־יאנקל
זין: ברוך־יוסף, שמואל־וועלוול
און פישל
פויגל חיה־קיילע
פוקס נטע, פרוי דבורה
טאָכטער שפרה
פוקס משה און פרוי
קינדער: יוסף, איטע, שמואל
און לייבל
פוקס פנחס, פרוי נעכע
און קינדער

פוקס זיינוויל, פרוי שפרה
פוקס שמואל, פרוי מלכה
און קינדער
פורשיפער יוסף, פרוי רבקה
און דריי קינדער
פייגעליס מאיר, פרוי און קינדער
פייגעליס משה, פרוי און קינדער
פייגעליס בענצי, פרוי און קינדער
פייגעליס אשר, פרוי מלכה
פייגנבוים בנימין
פידל יצחק, פרוי און קינדער
פידלמאן יעקב, פרוי פריידקע,
קינדער: דבורה און בובי
פילמאן מלכה און קינדער
פילמאן שמואל־אברהם, פרוי טובה
(פון דער היים גיזנבורג)
זין: יעקב און משה
פינקלשטיין אליעזר, פרוי רייצע
קינדער: דוד און רבקה
פינקלשטיין אהרון, פרוי עטל
(פון דער היים קלוג) און קינד
פישמאן בעטי
פישמאן לוסי
פיינער משה, פרוי דבורה
זין: יידל, בוזי און ליפע
פייפערמאן רויזע, טאָכטער פריידקע
פייפערמאן אברהם, פרוי
און קינדער
פייפערמאן שמואל, פרוי
און קינדער
פיטשינקעס איציק
פיטשינקעס שמואל, פרוי
און קינדער
פיטשינקעס משה
פיטשינקעס נטע, פרוי און קינדער
פישער חוה־לאה
פישער שמחה און פרוי
פישער אברהם, פרוי און קינדער
פישער אוטשי און פאמיליע
פליישער זלמן, פרוי און קינדער
פלאנצבוים פייגע, מוטער
און שוועסטער

פלעכטמאן יצחק, פרוי שיינדל
און קינדער
פעטרושקא שיקע, פרוי און קינדער
פעד דוד, פרוי חנה־גיטל
פעלדמאוס מנחם, פרוי חיה
(פון דער היים רייף)
זין: אברהם, צבי־זכריהו,
ישראל און ברוך
פעלץ חיה, קינדער: ביילע, ראָזע,
עוזר, חנה און פייגע
פעלער יעקב, פרוי דאָבריש
זון חיים
